STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05761

YESHIVE-LAYT

Olitsky L

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ל. אָליצקי

ישיבה־לייט

פֿאַרלאַג
י.ל. פּרץ
ישראל
1968

L. OLITZKI YESHIVE-LAIT

I. L. Peretz Publishing House
31 Allenby St., Tel-Aviv
Printed in Israel, 1968

©

כל הזכויות שמורות

נדפס בישראל תשכ"ח

דפוס „אורלי", תל־אביב

„בית הנשיא נוצר כדי לסמל ולגלם
את איחוד האומה.״ — דאָס הויז
פון דעם נשיא איז געשאַפן געוואָרן
צו סימבאָליזירן און געשטאַלטן דאָס
אייניקייט פונעם פאָלק.

זלמן שזר

לכבוד נשיא המדינה
שניאור זלמן שזר שליט״א

מיין דאַנקשאַפט פון טיפן האַרצן פאַר דערמעגלעכן מיר
דאָס איינוואָרצלען זיך אין לאַנד און האָבן די זכיה
דאָס דאָזיקע בוך זאָל דערשיינען
אין צוואַנציקסטן יאָר פון מדינת ישראל
צו מיין ווערן אַ בן־שבעים

פאַראיינס זאָלן באַדאַנקט און געבענטשט זיין די זייער חשובע שרייבער
ד. זכאי, דב סדן און ג. קרסל
פאַר צולייגן אַ טרייע האַנט צום דערשיינען פון דעם ווערק

ד ע ר א ו י ט אָ ר

דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן מיט דער הילף
פון יוסף ליפשיץ, יאָהאַנעסבורג

פאָרוואָרט

אין מיין יובליי־בוך „פאָלקסטימלעכע באַלאַדן", וואָס איז דערשינען מיט צען יאָר צוריק אין פוילן, וואַרשע, האָב איך אין דעם פאָרוואָרט געשריבן:

„דאָס דאָזיקע בוך — צו מיין אַלט ווערן זעכציק יאָר, ווען דער מענטש דערפילט, אַז ער לאָזט זיך אויף זיין לעבנסוועג שוין באַרג־אַראָפּ — ווידמע איך, אין פאָטערלעכער ליבשאַפט און באַזאָרגטקייט, דיר — שלמהלע מיינער.

ווען דו וועסט עלטער ווערן, מיין זון שלמה נחמן, זאָל דיר אָט די באַשיי־דענע מתנה מיינע זיין גלייכצייטיק מיין צוואה:

זיי געטריי אונדזער פאָלק, דעם פּילגעפּרוווטן און פּילגעליטענעם און דאָך שעפערישן און עקשנותדיק דויערהאַפטיקן; —

האָדעווע אויס אין דיין געמיט אַ טיפע ליבשאַפט צו זיינע שאַפונגען אויף אַלע געביטן פון מענטשלעכער שעפערישקייט, אין וועלכן לאַנד סע זאָל נישט לעבן און שאַפן; —

ווי אַ זון פון דעם „עם הספר", זאָל דיר טייער זיין, זאָלסטו ליבן און אַכטן זיין ליטעראַטור, וואָס איז אַלט און יונג און ברייט ווי דער ים, אין אונ־דזערעביידע שפּראַכן, העברעיִש און ייִדיש, וואָס זענען אַ צווילינג און האָבן שותפותדיק בלוט; —

זאָלסט הייליקן דעם יאָרצייט־טאָג פון דעם 19טן אַפּריל, דעם יאָרצייט נאָך די ייִדישע קעמפער, די גיבורים אין גייסט, וועלכע האָבן אין דעם וואַרשע־ווער געטאָ געראַטעוועט דעם כבוד פון אונדזער פאָלק אין די אויגן פון אַלע פעלקער; דעם יאָרצייט נאָך די הייליקע פאַרשניטענע זעקס מיליאָן ייִדן, וואָס זענען אומגעבראַכט געוואָרן דורכן שונא פון דעם מין מענטש נאָר דערפאַר וואָס זיי זענען מענטשן־ייִדן; —

אין דעם בלוט פון די דאָזיקע קדושים האָט זיך אויך אויסגעמישט דאָס בלוט און אַש פון דיינע פעטערס, זייערע פרויען און קינדער: מיין ברודער שמחה, אַ יונגערמאַן אַ פשוטער, אַ תמים, די ערלעכקייט אַליין, און מיין ברודער ברוך,

אַ דיכטער, אין סאַמע בלי פון זיין לעבן און שאַפן, וואָס האָט זיין צייטיקסט און שענסט געזאַנג נישט באַוויזן אויסצוזינגען. זאָל זייער הייליק געדעכעניש, ווייל דו ווערסט לעבן, וואָך זיין אין דיין זכרון, ווי אַ נר־תמיד, און גיב עס איבער די ווייטערע דורות פון אונדזער שטאַם ; —

דו ביסט, שלמה נחמן, אַ ייִד, — זיי זשע אַ גוטער ייִד, ווייל נאָר זייענדיק אַ גוטער ייִד קאָן אַ ייִד אַ גוטער מענטש זיין".

דאָס זעלבע חזר איך איבער אויך היינט מיט קליינע ענדערונגען :

איך שטרייך אויס דאָס וואָרט „באַזאָרגטקייט": אין דער פוילישער פרעמד איז מיין זאָרג געווען, טאָמער וועט מיין זון זיך אָפּפרעמדן פונעם ייִדישן שטאַם ; היינט אַז מיר לעבן אין אונדזער ייִדישער היים, אַז דער זון דינט אין אונדזער רומפולן צה"ל און האָט זיך באַטייליקט אין דער נסים־ונפלאותדיקער זעקסטאָגיקער נצחון־מלחמה, איז שוין פון דער זאָרג קיין זכר נישטאָ. אויך — דאָס איצטיקע בוך צו מיין אַלט ווערן זיבעציק יאָר, הייליק איך, ווי אַ געוועזענער ישיבה־בחור, די סלאָבאָדקער ישיבה־לייט די קדושים, וועלכע דער נאַצי־מערדער האָט אויסגעמאָרדעט, הי"ד. און דערפאַר עפן איך דאָס בוך מיט דעם קומענדיקן ליד.

גבעתיים. אַפּריל, 1968.

דער סלאָבאָדקער שוסטער ז״ל

רב איטשע משה אַלע יאָרן
געבויגן אויפֿן בענקל איז געזעסן,
געמייסטערט פֿאָרן, פֿאָרן, פֿאָרן...
ווי זיצן גלייך וואָלט ער פֿאַרגעסן.

ווען ס'הענגט דער פּחד פֿאַר די דייטשן —
אַ דראָענדיקער פֿליגל שוואַרצער,
די זונשטראַלן — צעוויגטע בייטשן
אין שטיקעניש פֿון געטאָ־קאַרצער, —

האָט ווער דאָס אויסגעגלייכט זיין רוקן,
צו טראָגן שטאָלץ דעם קאָפּ, דערהויבן
און גיין אין קלויז פֿאַר גאָט זיך בוקן,
די אויגן — עמער פֿולע גלויבן? — —

...מיר חלומט זיך: סלאָבאָדקער דעכער,
און איבער זיי אַן פּחד גייט ער...
וואָס נעמט עס דאָרטן העכער, העכער
צום הימל גרייכן? — יעקבֿס לייטער!...

פֿון צווישן דער מלאָכים־שורה,
וואָס צו דעם הימל שוועבן־שטייגן,
שיינט־אויף רב איטשע משהס צורה,
פֿאַרגאַפֿט אין תּפֿילהדיקן שווייגן...

גבעתיים, יוני 1966

ערשטער טייל

1

נאָך אַ גאַנצער נאַכט פאָרן פון זיין היים אין וואָלין, מיטן צוג, קומט אָן דער קרינקער ישיבה־בחור, וועלוול מאַציעווער, אַן אויסגעמאַטערטער און צעמישטער, קיין סלאָבאָדקע — די קאָוונער פאָרשטאָט, וועלכע איז באַרימט מיט אירע צוויי גרויסע ישיבות.

זיין ערשטער גאַנג איז אין דער מוסר־ישיבה „כנסת ישראל״, אויפן נאָמען פון רב ישראל סאַלאַנטער, אין וועלכער ס׳לערנט שוין עטלעכע יאָר זיין בן־עיר און חבר פון די קינדער־יאָרן, שמעיה דעם רבס. ס׳איז אַ וודאי אַ גרויסער שאָד, וואָס שמעיה איז צוליב עפּעס־וואָס נישט געקומען אַהער צוזאַמען מיט אים; אומזיסט אַ וואָך צייט געוואַרט אויף אים. אָן שמעיהן איז ער דאָ ווי אַ בלינדער אָן אַ שטעקן.

דערזען דעם גרויסן הילצערנעם, אויף אַ ציגלנעם פונדאַמענט, פּיל־און הויכפענצטערדיקן ישיבה־בנין, וואָס דורך זיינע ווענט און פאַרמאַכטע פענצטער, כאָטש ס׳איז שוין פרילינג, טראָגט זיך אַ קול־תורה פון הונדערטער קעלן און די פאַרשיידנסטע ניגונים, פריילעכע און אומעטיקע, פאַרבענקטע און האָפערדיקע, — גייט אויף אין זיין געמיט אַ פריידיקער שטאָלץ, וואָס אָט באַלד, יעדן פאַלס היינט נאָך, וועט אויך זיין שטים זיך זינגענדיק צוזאַמענגיסן מיט אָט דעם גרויסן כאָר... אַ הימלשער כאָר אויף דער ערד.

אַרויפגעקומען אויפן קליינעם, אָבער ריינעם, מיט שאָסיישטיינער ברוקירטן ישיבה־הויף, פרעגט ער זיך ביי אַ פאַרבייגייענדיקן, פאַרטראַכט־צעחושטן ישיבה־בחור (...צי איז דאָס גאָר אַ ישיבה־בחור? פיין געקליידט, זויבער, מיט אַ שטרויענעם הוט אויפן קאָפּ! אַ מוסרניק?):

— צו וועמען דאַרף מען זיך ווענדן מכוח אָנקומען אין דער ישיבה?

— אַ?... — טוט יענער אַ בלאָנדזשע מיטן בליק פון די מחשבות אַרויס און אַ שעפּטשע מיט יראת־הכבוד, אָנווייזנדיק מיטן זעלבן בליק, ווי מיט אַ צאַרטן, לייכטנדיק טייטל, — אָט גייט גראָד אַהער דער „אַלטער״. ווענדט זיך צו זיי.

וועלוול טוט אײליק אַ שטעק אַרײַן די האַנט אין בחעם־קעשענע און ציט אַרויס דעם המלצה־בריװ, וואָס ער האָט באַקומען פון דער קרינקער ישיבה פאַר זײַנע עלטערן. אַזאַ בריװ — פונעם קרינקער רב און ראָש־ישיבה, דעם באַרימטן חריפותדיקן גאון רב זלמן סענדער — וועט פאַר אים גלײַך עפענען די טויערן. פאַרהאַלטן מיט דער אויסגעשטרעקטער האַנט דעם „אַלטן" אין גאַנג און באַקומען פון אים אַ קיל בינטל פינגערשפיצן מיט אַן אַדורכנעמענדיקן, פאַרשנדיקן בליק, דערלאַנגט ער אים דעם בריװ אָן אַ וואָרט. דעם „אַלטנס" בליק זינקט אַראָפּ, ווי אונטער דער וואָג פון זײַנע שווערע ברעמען, אויף דעם בריװ, רוקט זיך פּאַמעלעך־באַדאַכט איבער זײַנע שורות, און וועלוול נוצט אויס דאָס מעגלעכקײט אים צו באַטראַכטן גיך־גיך:

אַ דיקלעכע, יאָדערדיקע געשטאַלט. דורך רויטלעך־ווײַסלעכער האָרי־קײט און פּײַן פּאַרקעמטער, אויסגעקײַלעכיקטער באָרד שײַנט אַרויס אַ צו שטאַרק רויט פּנים מיט לעבעדיקע עולם־הזהדיקע אויגן... זיי דערמאָנען גיכער אין די אויגן פון מעכל קצב אין דער היים, אײדער אין אַ צדיקס, וואָס פירט הונדערטער, טויזנטער בחורים אויפן דרך־המוסר פון רב ישׂראל סאַלאַנטער... דאָס איז דאָך דער „אַלטער", וועגן וועלכן שמעיה דעם רבס האָט אים דערציילט... ווי ער האָט עס אים, דער „אַלטער", בײַם שלום געבן מיט אָט די אויגן אַ בדקע געטאָן!

דער „אַלטער", דאַכט זיך, דערלייענט אים אַפילו נישט, דעם בריװ, און קערט אים אום צוריק אַזוי גלײַכגילטיק און נאַכלאָזיק, ווי גראָד שוין נישט קיין ווערטפולע זאַך.

סטײַטש ?! — איז וועלוול שטום און פול מיט שטוינונג, און מיט אַ מאָל כאַפּט ער זיך: רב זלמן סענדער איז דאָך אַ מתנגד פון די מוסרניקעס, אַ באַוווּסטע זאַך, ווייסט דאָך דער „אַלטער" אויך דערפון...

— פון וואַנען זענט איר? — עסט אים דער „אַלטער" ווידער מיטן גלאַנציק־שאַרפן בליק.

— פון מאַציעווּ, פונעם אײגענעם שטעטל, וואָס...

— המם... — שלאָגט ער אים איבער מיטן ברום, און וועלוול שפּירט, אַז זײַן בליק בויערט אים אין אינגעווייד אַרײַן, בויערט, און ס׳געדויערט ביז ער קומט אַרויס מיט ווערטער. — אײַער רבס זון האָט זיך דאָך נישט אומגעקערט צו אונדז... מסתּם טויג דאָך דאָ נישט... מסתּם האַלט דער

מאַציעווער רב אויך נישט פון די מוסרניקעס... גייט בעסער מיט אייער בריוו אין „כנסת בית יצחק".

אין וועלוועלן טונקלט זיך דער רעיון. וואָס קאָן ער ענטפערן אויף נישט־שכלדיקע רייד? אַז שמעיה דעם רבס איז נישט צוריק געקומען, איז וואָס איז ער דאָ שולדיק? ער לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ און מורמלט, ווי פון אַן אינעווייניקסטן בין־השמשות, אויך עפּעס נישט־שכלדיקס, און ווען ער הייבט אים אויף, דעם קאָפּ, דערזעט ער — ער רעדט דאָך שוין אין דער הוילער לופט אַריין: דער „אַלטער", לאַזנדיק אים שטיין, ווי אַ גולם, מיטן בריוו אין האַנט, איז שוין אַוועקגעגאַנגען!

דרייט ער זיך אויס, וועלוול, און לאָזט זיך אַרויסגיין פונעם הייפל מיט אַ שוואַכקייט אין די פיס און קרענקונג אין געמיט: שטימט דאָס מיטן דרך־המוסר? אָדער... המם, אפשר האָט דער „אַלטער" איבערגעלייענט אין מיר, וואָס איך האָב געטראַכט, בעת איך האָב אים באַטראַכט? אָדער... וואָס איך בין בכלל? אַ?... און אפשר גאָר פשוט: ס'איז אים נישט געפעלן מיין פוילישע לאַנג אַנטועכץ, דאָס היטעלע? ער דאַרף שטרויענע היט... שמעיה דעם רבס האָט אויך וועגן דעם עפּעס דערציילט. ישיבה־בחורים דאַרפן זיך קליידן וועלטלעך, — פאָדערט דער „אַלטער".

2

רב ברוך בערל, ראָש־ישיבה פון „כנסת בית יצחק" אויפן נאָמען פון רב יצחק אלחנן, האָט זיך נאָר וואָס אויפגעכאַפּט פון אַ לייכטן און קורצן דרימל אויף אַ האַרטער סאָפע אין עסצימער. ס'פּלאָנטערן זיך אים מחשבות אין קאָפּ און געפילן אין האַרצן:

...ס'אַ גרויסע פרייד — דער מספר פון די תלמידים איז שוין, ברוך־השם, פול. גאַנצע צוויי הונדערט, אָן עין־הרע... מילא, דעם „אַלטנס" ישיבה מיט די שטרויענע „קעפּ" וועלן מיר קיין מאָל נישט אָניאָגן, נישטאָ ביי אונדז אַזוי פיל הכנסות. המם, און אונדזער ישיבה־בנין איז דאָך אויך צו קליין... סיידן דער נס פון דער עזרה אין בית־המקדש — „עומדים צפופים ומשתחוים רוחים"* — זאָל געשען. המם... איז ווו האָב איך דאָס איבער־

* מע שטייט צוזאַמענגעדריקט, און מע בוקט זיך רחבותדיק.

ריסן אין דער סוגיא פון „חרדל״ * ? אַ ?... מיין מחשבה האָט זיך קיין איין טראָפּעלע טיפער נישט אַראָפּגעלאָזט אין די וואַסערן פון דעם ענין... „אין מים אלא תורה ** ... אײדער דעמלט, מיט יאָרן צוריק, אין וואָלאָזשין. המם... כ׳בין אַ שלעכטער פישער אינעם ים־התלמוד... אַנדערש — מיין רבי, רב חיים, זאָל געזונט און שטאַרק זיין...

פאַרטיפט אין די רעיונות, גייט ער צו צו דער קאָמאָדע, שטעלט אַרויף אויף איר די עלנבויגנס, לייגט אַריין אין די האַנטפלאַכן דעם זיך קנייטשנ־דיקן שטערן, און כאַפּט אָן, און וועבט ווייטער דעם געדאַנקען־פאָדעם, וואָס האָט זיך אים איבערגעריסן בעתן איינדרימלען.

אין דרויסן האָט די זון זיך אַ רוק געטאָן שוין הימל־אַראָפּ, און איר שיין טוט דורכן פענצטער אַ פלייץ באַלכסון אויף דער קאָמאָדע, אַ פאַרגיס זיין אַרויפגערוקטן וויכן, צעקנייטשטן, פאַרגעלבטן קאַפּעליאַש און אַ קיצל מיט בלענד אַ ווינקל פון זיינס אַן אויג. ער דערשפּירט: זיין מוח גיסט זיך אָן מיט ליכט... „ויהי אור״ *** ! אויב נישט אַ נייער תורה־חידוש גייט אויף אין זיין נפש ? ער פאַרזשמורעט די אַרויסגעבולטע אויגן און — פלאַי־פלאים !... זיי זעען זיך אַליין אַוועקשווימען פון אים, ווי שיפעלעך, אין אַ וויטן טייך פון ליכט...

ער לאָזט אַראָפּ די אויגנלעדלעך און איז פלייסיק־פרום מתפלל אין האַרצן :

„טאַטע אין הימל ! דערלייכט מיינע אויגן אין דער סוגיא פון „חרדל״, כ׳זאָל טיפער אַריינדרינגען אין אירע טיפענישן און אַרויספישן דעם חידוש, וואָס... איז אין תוך גאָר קיין חידוש נישט, נאָר דער פשוטער, דער אמתער זין פון דעם ענין... המם... יאָ, איז ווי וואָלט מיין רבי, רב חיים, זאָל מאריך ימים ושנים זיין, באַלויכטן, אמתער געזאָגט, אַדורכגעלויכטן דעם ענין לויטן דרך־הבנה ? איי־איי !... צו וואָס טויג עס מיר זיין אַ ראש־ישיבה ? וואָלט דען נישט כאַרעווער געווען פאַר מיר, כ׳זאָל נאָך אַלץ זיצן הינטערן

---

* מושטאַרדע.

** מים — וואַסער מיינט : תורה.

*** און עס איז געוואָרן ליכט.

רבינס טיש, און זיין תורה — „כי תורה אור״ * — זאָל זיך מיר אַריינגיסן אין מיין שוואַכן שאַרבן, ווי די זונשיין אַצינדער?... איי, איי־איי...

אַ לייכטער, שרעקעוודיקער סקריפּ פון דער טיר טוט אַ צי דעם פאַדעם פון זיין מחשבה, ער עפנט די אויגן און ווענדט אַהין דאָס פּנים:

...נאָך אַ נייער. אַ פאַרשפּעטיקטער, נעבעך. נאָך גאָר אַ יונג בחורל... פון אַ יאָר פופצן־זעכצן... אַ שאָד! אָבער... מע וועט אים מוזן אָפּזאָגן.

— שלום עליכם! — שטרעקט ער אויס צו אים די האַנט. — פון וואַנען זענט איר? וואָס זענט איר געבליבן שטיין אויף דער שוועל? — גיט ער אים צו מוט מיט דער וואַרעמקייט פון זיין קול און מיט דער צוגעלאָזנקייט, וואָס זוניקט אַראָפּ פון זיין פּנים.

מאַכט וועלוול אַ פּאָר טריט, דערלאַנגט אים די רעכטע האַנט אויף שלום, שטרעקט אויס צו אים מיט דער לינקער רב זלמן סענדערס בריוו, שוין גאָרנישט מיט אַזאַ זיכערקייט, ווי אין דער פרי צום „אַלטן״, און ענטפערט שטיל:

— פון מאַציעוו.

דעם ראָש־ישיבהס אַרויסגעבולטע אויגן הענגען איבערן בריוו, ווי לאָמפּן, אָנגעפילטע מיט אַ מין לויטערן געלבלעכן נאַפט, און העלן־אויף אַלע ווייל פונעם געדאַנק: אַ גוטער תלמיד. אַ בעל־כשרונות...

נאָך אַ פאַרטיפט איבערלייענען דעם בריוו, באַטראַכט ער דעם מוכ״ז ** מיט אויגן — מחשבות, קערט אים אום צוריק, ווי אַ טייערן חפץ, און מורמלט צו זיך אַליין:

— דאַרף מען שמועסן אין תורה.

...איך גיי אויפן פאַרהער... אויפן פייער, — נעמט קלאַפּן וועלוולס האַרץ, און ער דערפילט אַ וואַרעמען שוויס אונטערן פוילישן היטעלע, ווי ס׳וואָלט זיין חודש תמוז. כ׳האָב דאָך אין קריניק אַזוי ווייניק געלערנט.

אָבער זיין שרעק איז אַן אומזיסטע. דער ראָש־ישיבה פּרוווט אים גאָרנישט. ער איז אַ פּנים ממשיך אויפן קול איבערגעריסענע חידושי־תורהדיקע מחשבות אין דער סוגיא „חרדל״.

וועלוול, וואָס האָט די סוגיא קיין מאָל נישט געלערנט, דערפילט זיך,

---

* ווייל תורה איז ליכט.

** איבערגעבער פונעם בריוו.

און טראַכט אַזוי: „ווי אַ יון אין סוכה“. ער נעמט אָבער נישט אַוועק דעם נייגעריקן בליק פונעם ראָש־ישיבהס זיך באַוועגנדיקע, ווי ממש טועם־זייענדיקע, ליפּן. גלייך ער וואָלט, דער ראָש־ישיבה, זיין געדאַנק, בעתן אַרויסזאָגן אים, געגומען אויפן גומען. ווען ער וואָלט געקענט וואָלט ער זיך שאָקלט צו מיטן קאָפּ צו זיינע רייד, רוקט אַרויף דאָס היטעלע און קניטשט ווילנוויז דעם שטערן, ווי מכלומרשט באַמיט זיך צו באַנעמען זיי ביז אין זייער סאָמער טיף... ער ווערט פאַרשעמט־רויט ביים געדאַנק: איך קוק אין זיין פנים, ווי אַ האָן אין בני־אדם.

אָבער פאַר דעם פרום־ערלעכן, תמימותדיקן רב ברוך בערלען איז גענוג זיין כלומרשט איינהאָרכן זיך מיט קאָפּ. וואָרן, חוץ דעם, צי איז דען ווייניק דער בריוו פון אַזאַ גאון, ווי דער קרינקער ראָש־ישיבה?! רב זלמן סענדערס חריפותדיקער גאַנג אין דער תורה איז טאַקע נישט דער דרך־הבנה פונעם רבין, רב חיים, אָבער „אלו ואלו דברי אלוהים חיים“ *... דער רבי האַלט פון אים שטאַרק, פונעם חריפותדיקן גאון.

און מיט אַ מאָל רייסט ער זיך איבער, דער ראָש־ישיבה, ווי עפּעס וואָלט אים אַ שטאָך געטאָן:

— ווען זענט איר, מאַציעוּוער, געקומען צו פאָרן?

— היינט אין דער פרי.

— און ווען פון דער היים אַרויסגעפאָרן?

— נעכטן ביי טאָג... געפאָרן אַ גאַנצע נאַכט...

— אוי־זוי! — טוט זיך דער ראָש־ישיבה אַ כאַפּ מיט תרעומות אויף זיך אַליין, — דאַרפט איר זיך דאָך אויסרוען פון טלטול־הדרך. המם... נאָר איר זענט געקומען צו שפּעט. שוין נישטאָ קיין פּלאַץ ביי אונדז. איר וועט מוזן גיין אין דער צווייטער ישיבה. דאָרט איז אין אַלץ אַ רחבות... ביי אונדז — אפשר דעם קומענדיקן זמן.

וועלוולס פנים קאָרטשעט אויס אַ מאַסקע פון ליידן און געבעט:

— איך... רבי... בין שוין דאָרט געווען...

רב ברוך בערלס „ביינקעס“־אויגן לייענען אַראָפּ פון דער מאַסקע דעם בחורלס שברון־לב און נעבעכדיקייט. וואַקלט ער זיך, רב ברוך־בערל, נישט

* סיי די, סיי יענע זענען רייד פונעם לעבעדיקן גאָט.

אַראָפּלאָזנדיק פון אים די אויגן, זיך לייכטנדיקע אין דער רחמימדיקער גוטסקייט פון זיין פּנים. לסוף איז גובר דאָס האָרץ:

— נו, מילא, בלייבט שוין. — און ווי זיך צו פאַרענטפערן פאַר עמעצן, — איר זענט דאָך אַ גוטער...

דער מאַציעווער קוקט אים אָן צעמישט, ווי נישט באַנעמענדיק, ווי מיט אומגלויבן אין בליק, וויל ער אים מאַכן גלייבן, דער ראש־ישיבה:

— איר וועט באַקומען „חלוקה" * דריי רובל אַ חודש. המם... גייט זשע ערשט לשלום. רוט זיך אויס. און מאָרגן אין דער פרי קומט אין ישיבה לערנען.

וועלוול דערפילט: אַ שווערער שטיין איז אים אַראָפּגענומען געוואָרן פון געמיט, און גייט אַרויס מיט דער לייכטקייט פון פליִען. וואָס וואָלט געווען, ווען, חלילה, ער ווערט אויך אין „כנסת בית יצחק" נישט אָנגענומען?! און פון דעסטוועגן גייט נישט אויף אין אים קיין פרייד, ווייל ער טראַכט אין זיך, אַ פאַרשעמטער פאַר זיך אַליין:

...רב זלמן סענדער האָט דאָך מיט מיר מער ווי איין מאָל נישט גערעדט, און דאָס אויך — נישט אין דברי־תורה. דעם בריוו האָט ער געשריבן, פאַרלאָזנדיק זיך, אַ פּנים, אויף די רייד פונעם משגיח. און אויך מיט אים, מיטן „געלן", האָב איך מער ווי איין מאָל אין לערנען נישט געשמועסט. ער ווידער האָט זיך אַ וודאי גֶעשטיצט דערויף, וואָס ער פלעגט מיך זעען, בעתן דאַווענען אין ראש־ישיבהס מנין, תמיד מעיין זיין אין ספרים... המם... מחמת לאַנגווייל. אַז מען דאַוונט נישט, מוז מען דאָך טאָן עפּעס אַנדערש. און דאָס איבעריקע — בלויז לפנים... ווען דער ראש־ישיבה וואָלט מיך דאָ געוועז אויף אַן אמת פאַרהערן, וואָלט ער זיכער אַ טראַכט געטאָן, אַז עמעצער האָט געפּעלשעוועט רב זלמן סענדערס חתימה און דעם ישיבה־זיגל, אָדער — אַ מלאך האָט מיך אַ צווייט מאָל אַ שנעל געטאָן אין נאָז, און די גאַנצע תורה איז מיר פון קאָפּ אַרויסגעפלויגן. סיי ווי...

אין אָט דעם צושטאַנד פון אומצופרידנקייט מיט זיך און פאַרשעמטקייט פאַר אַ לערער וועלט גייט ער אין גאַס און, אָנבאַגעגנט אַ דורכגייער, טוט ער אַ פרעג אויף דער ישיבה "כנסת בית יצחק".

---

* שטיצע.

— אַט דאָ טאַקע. — ווייזט מען אים מיט אַ פינגער.

ער קומט אַרויף אויף אַ ליידיק שטיקל פּלאַץ מיט אַ לייכטן שפּראַץ פון גראָז. דערזעט אַ רגע באַלכסון אַ שאַרפן גלאַנץ פון פליסיקן זילבער און שטויסט זיך אָן: די ווילי'ע, וואָס איבער איר הילצערנער בריק איז ער היינט אין דער פרי געפאָרן. אָבער בלויז עטלעכע טריט, און דער גלאַנץ איז אויסגעלאָשן: ס'פאַרשטעלט אים דער נידעריקער, מאַסיווער מויער — די ישיבה, וואָס הויערט דאָ אַקעגן, ווי אַ ריזיקער האָרב. עס דערמאָנט אים אין די אַלטע קלייטן אין מאַציעוו, וואָס זייערע אַנטבלויזטע ציגל קרישלען זיך פון אַלטקייט מיט פאַרביקן שטויב. זי זעט אויס, די ישיבה, ווי אַ שטיינערנער ציון איבער אַ קבר פון אַ ריז... דאָ וועט ער לערנען. דער חשק זאָל זיך נאָר אין אים וועקן. הלוואַי...

ער קומט אַריין אין אַ טונקעלן און קילן „פּרוזדור" *, אין וועלכן מע אָטעמט איין טוכלע פייכטקייט און איז באַלויכטן בלויז מיט דער דרויסנשיין דורך דער אָפּגעלענטער טיר. מיט אַ פּאָר שטיגעלעך גייט ער אַראָפּ אין דער ישיבה, ווי דער מויער וואָלט געוועז אַ ביסל איינגעזונקען. אין דער טונקלקייט דאָ וויקן זיך שורות בענק מיט שטענדערס, איבער וועלכע סע שאָקלען זיך, באַוועגן זיך, שטאַרן לערנענדיקע בחורים. זייער כאָריק קול-תורה איז ערשט אַ שטילס, געדעמפּטס, בין־השמשותדיקס. ווי דער עולם וואָלט שוין זיין מיד פונעם גאַנצן טאָג הייליקער עבודה, און ס'דריקט אויף זייערע געמיטער דער שווערער געוועלבטער סופיט. קיינער קוקט זיך נישט אום אויף אים. ער בלייבט שטיין אין אַ ווינקל צווישן דער טיר און אַן אויוון. ער באַטראַכט די פענצטער מיט אַ פאַרשנדיקן בליק פון אַ גאַסט, און ס'בליצט אויף אין אים אַ געדאַנק: עפּעס פעלט אין זיי. וואָס?... קראַטעס. זיי זענען איינגעפּאַסט העכער ווי אין געוויינטלעכע הייזער, ווי כּדי דער דרויסן זאָל אַהער נישט אַריינקוקן און, חלילה, שטערן אין לערנען, און די תלמידים ווידער זאָלן נישט האָבן דעם יצר־הרע אַרויסצוקוקן אין דרויסן. דורך די־אָ פענצטער, וואָס באַווייזן די היפּשע דיקהייט פון די ווענט, פליסט אַריין אַ קאַרגע שיין. איצט הענגט איבערן פענצטער, קעגנאיבער דעם טונקעלן אָרון־קודש אויף מזרח־זייט, אַ גאָלדיק־ראָזע, אומעטיקע שיין, ווי די זון וואָלט שוין דאָרט אין דרויסן אַראָפּגעלאָזט זיך צום אונ־

* פּאָרהויז.

טערגיין און אונטערטוקן זיך אין די וואַסערן פון דער ווילִיע און דעם ניעמאַן, ווו זיי גיסן זיך צוזאַמען.

3

דער מאַציִעוּוער שאָקלט זיך מיט אַ ניגון איבערן שטענדער, לערנט און לערנט נישט, פירט אַ קאַמף מיט זיך אַליין. ער דערמאָנט זיך: ווען כ׳בין געווען אַ יינגעלע פון אַ יאָר זעקס, פלעגט זיך מיר פונקט אַזוי אויך נישט גלוסטן דאַווענען. ריכטיקער — כ׳האָב נישט געקאָנט. ס׳איז מיר געווען אַ פּיין. כ׳פלעג אָפּנאַרן זיידע־באָבע, טאַטע־מאַמע און אַלע אין שטוב — כלומרשט דאַוון איך יאָ... פונקט ווי היינט מיטן לערנען.

ווי אַ מאָל אין די חדרים אַלע יאָרן, אין בית־מדרש, און ווי דערנאָך אין דער קרינקער ישיבה, מאַכט אים, ווען ער וויל, דאָס לערנען געגעצן אי־בערן שטענדער. ער וויל און קאָן נישט. דער קאָפּ הייסט, דאָס ווערט זיך באַווייזן מאַנט, אָבער דאָס האַרץ דערלאָזט נישט, ממש ביז חולשת־הלב.

זייענדיק אויף פסח אין דער היים, האָט ער געטראַכט, אַז סלאָבאָדקער ישיבה וועט זיין אַ סגולה דערצו, ווען אין אים דעם חשק אָנצוזאָגן שמעיה דעם רבס. איז אָט איז ער שוין אין סלאָבאָדקע, און געבליבן איז עס ביים אַלטן. אפשר ווען ער וואָלט געלערנט אין „כנסת ישראל״ צוזאַמען מיט שמעיהן ?... שמעיה איז שוין ענדלעך דאָ און לערנט דאָרטן. ס׳איז אים חושד צו זיין, שמעיהן, אַז ער לערנט נאָך וויניקער פון אים, אַנישט: פאַר וואָס קומט ער צו אים אַזוי זעלטן ? און פאַר וואָס באַהאַלט ער אויס פאַר אים זיין קוואַרטיר ? צי איז ער טאַקע נישט צוליב דעם נישט געפאָרן מיט אים צוזאַמען ?...

דער מאַציִעוּוער שאָקלט זיך איבערן שטענדער, אָפּט — מיט פאַר־מאַכטע אויגן, ווי ער וואָלט לערנען פון אויסנווייניק. זיין לערנען־ניגון צעגיסט זיך אַרום מיט עפּעס אַן אומעט, מיט עפּעס אַ לעכצעניש און אינע־ווייניקסט קלאָגן זיך. אַרום זיין געהער וויגט זיך געדיכט און שווער דער געטומל און גערויש פון אַ צווייהונדערטקעפּיק געזאַנג־און־יאָמער, וואָס פילט אָן דעם טונקעלן און געדיכטן חלל פון דער ישיבה. דאָס געזאַנג איז ווי אַ בונטקאָליריקער טעפּעך פון קלאַנגען, אין וועלכן ס׳וועבט זיך אַריין אויך זיין גמרא־ניגון. דער טעפּעך וויגט זיך און פאַרוויגט אים. ער ראַנגלט

זיך מיט דער פוילער שלעפעריקייט, וואָס צערינט מיט זיין בלוט איבער אַלע אברים. ס'איז אים טונקל פאַר די אויגן, אַפילו ווען ער האַלט זיי אָפן איבער די שוואַרצע שורות, וואָס צעשווימען זיך אין בלוי און גאָלד... ער דער־שטיקט אין זיך אַ געגעץ.

פאַר די אויגן פון זיין שמאַכטענדיק געמיט טוט פון מאָל צו מאָל אַ בלענד דער רוים פון יענער זייט וועגט־און־דאַך מיט זיין ליכטיק־בלויען, מיט זונשיין דורכגעלויכטענעם הימל איבער זיך און מיט זיין באָדן אונטער זיך, — אַ באָדן אַ גרין־באַגראָזטער און ביי די ראַנדן אַ בלאַס־באַזאַמדיק־טער, אַ צעטיילטער דורך דער צעגלאַנצט־צעשפּילטער, שפּיגלדיקער ווילִיע, וואָס קייקלט זיך אויפן בויך צום נאָענטן ניעמאַן. ס'ציט אַהינצו, אויף דער פרישער, קילבלעכער, דורכגעזוניקטער לופט, ווי אַ פאַנגנעץ פון זיידענע שפּאַגאַטן. אָבער — ער דרימלט...

פּלוצעם טוט אַן ערגעצדיקער רעווע פון אַ דאַמפער אַ רייס קריעה דאָ אינעם קאַליריק־צעקלונגענעם טעפּעך און לאָזט איבער הינטער אַן ערגעצדיקן נישט־געזעענעם האָריזאָנט אַ בענקעניש און נאָגעניש. דער דרויסן טוט אַ פּעסטערן צי צו זיך, און דער יצר־הרע אַ האַסטיקערן שטופּ־אונטער. מיט פוילער פאַמעלעכדיקייט, צוליב פאַרשלאָפנקייט און לעצטן ראַנגלען זיך, לאָזט ער איבער די אָפענע גמרא אויפן שטענדער, שפּירט נאָך דעם משגיח, ווי ער דרייט זיך אַוועק הינטערן באַלעמער צו דער צוויטער זייט, און שלייכט זיך בגנבה אַרויס. פאַר די באַנק־שכנים זאָל עס הייסן: ער גייט אַרויס אַ רגע אויף „קטנים"*; אַזוי אויך — פאַרן אייגע־נעם יצר־טוב, וואָס צאַפּלט אויס אין אים זיין לעצטן צאַפּל, און אַזוי אויך — פאַרן צעקראַכענעם משגיח, אויב ער וועט זיך אַרומקוקן מיט די זשמורענדיקע־פינטלדיקע אויגן, אַז דעם מאַציעווערס שטענדער וואַרט אַ נאַקעטער, און די אָפענע גמרא קוקט אויס מיט די הונדערטער אותיות־אויגן: ווו איז ער, דער לערנער מיינער?

דער מאַציעווער לאָזט זיך אַראָפּ צום ברעג פון דער ווילִיע, נישט ווייט פון דער ישיבה. זיין אויפגעשטראַלטער בליק ווענדט זיך, ווי אַ לולב אין בית־מדרש אין דער האַנט פון אַ פרומען מתפלל בעת די ניענועים, צו אַלע זייטן פון דער וועלט און בלייבט שטיין. אָט צופן ציגן די גרעזלעך

---

* קליינע באַדערפעניש.

אויף די שיפּועים פּוגעם טייכס הויכן ברעג, וואַרפן אָפּ באַבקעס און מאַכן העסלעך דאָס גרינס; אָט ציִען פליטן איבערן וואַסער, געפירטע פון עט־לעכע וואַשעווניקעס, ציִען מיט גלאַטקייט און גנבהשער שטילקייט פון ערגעץ אַן עק־וועלט צו ערגעץ אין אַן עק־וועלט אַריין; אָט שטייט דאָרט, קעגנאיבער ביים צווייטן ברעג, אַ דאַמפער און פּופּוכעט אַרויס פון זיך שוואַרצע און גרויע קנוילן רויך... באַלד וועט ער זיך צערעווען, ווי אַ שור־הבר, צו די ווייטע האָריזאָנטן... איבערשרייען דאָס קול־תורה פון די הונ־דערטער לערנערס אין בידע ישיבות... וועט אַ שנייד טאָן די וואַסערן מיט האַסטיקן גערודער און לאָזן הינטער זיך: אונטן — אַ ווייסשוימיקן שנור, און אויבן — אַ זיך קנוילנדיקן רויך, וואָס ווערט שיטערער, גרויער, פאַמע־לעכדיקער און פאַרקלערטער, און לעשט זיך אויס אין דער העלער לופט, ווי אַ מחשבה...

ווי לאַנג האָט עס געדויערט — פון זיין פאַרשטעלונג, ביז ס'איז אַזוי ווירקלעך געשען? אַ? אפשר גאַרנישט, און אפשר גאָר לאַנג... ער קוקט נאָך דעם דאַמפער, ווי ער פאָרט אַרויס פון אונטער דער הילצערנער בריק איבער דער ווילִיע... און מיט אַ מאָל טוט זיך אַ שטעל אַוועק פאַר זיין ווייט־פאַרקוקטן בליק זיין איבערגעלאָזטער שטענדער, און ס'טוט אים אַ קלאַפּ דאָס האַרץ: דער משגיח האָט זיך שוין אַוודאי געכאַפּט: „ער איז שוין ווידער, ווי אין וואַסער אַריין, דער מאַציעווער!"... און שטייט אפשר צו צו זיינעם אַ באַנק־שכן: „ווי לאַנג איז שוין, אַז דער מאַציעווער איז אַרויסגעגאַנגען?..."

אַן אומרויִקער, אָבער אָפּגעפרישטער לאָזט ער זיך איילן צוריק צו דער ישיבה. נעמט לערנען מיט אַ באַנייטן חשק פון אַ בעל־תשובה, ביז... ביז ס'ווערט אים אין גיכן ווידער לאַנגווייליק דאָס לערנען, און ער פאַר־בינדט אַ מחשבה צו גאָר אַ פריִערדיקער מחשבה:

...אָבער דעמלט, ווען כ'בין נאָך אַ יִינגעלע געווען, האָב איך געגלייבט אין גאָט, בין תמימותדיק־פרום געווען. איין מאָל — — און פאַר זיינע געשלאָסענע אויגן גייט אויף אַ בילד:

...אין שטוב — אַ שבתדיקער, זוניקער פרימאָרגן; אין דרויסן — אַ שבתדיקע ליידיקייט מיט שבתדיקע הימל און זון איבער איר. די לופט גופא — אַדורכגעוועבט מיט זילבערנע און גילדערנע פעדעם פון שבתדי־קער שיין, איז אַ שבתדיקע. מע שפירט דאָס שבתדיקע מיט אַלע חושים,

מיט דער גאַנצער נשמה. סע שמעקט מיט שבתדיקע געבעקסן און געקעכטסן, כאַטש דער באַקאַויוון מיטן טשאָלנט אין אים איז נאָך אַ פאַרקלעפּטער. אַלע זענען, די מאַנצבל — אין בית־מדרש, די ווייבער — אין דער ווייבער־שול. אויך דאָס דינסטמיידל, ראָסיע מאיר מלמדס, איז נישטאָ. האָט זיך מסתם אַרויסגעכאַפּט צו זיך אַהיים. ער, וועלוועלע, איז אייניקער אַליין מיט... מיטן שבת און מיט... גאָט!... מיט גאָט, וועלכער איז שטענדיק, אַפילו אין דער וואָכן, שבתדיק, און ער, וועלוועלע, — דאַוונט נישט צון אים! ווי!... ער וויל מיטן גאַנצן הערצעלע תפילה טאָן צום „באַשעפער פון דער וועלט", ווי די באָבע רופט אים, נאָר ער קאָן נישט... ווי נאָר ער דאַוונט אָפּ אַ האַלב בלעטל אין סידור, צעגיסט זיך אים אַ שלעפעריקע פוילקייט, ווי אַ וואַרעמע זיסע פליסיקייט, איבער אַלע אברים, אין די ביינער... אַזאַ עבירה!... ער נעמט וואַנדערן פון איין לידיקן צימער אין אַנדערן, און געפינט זיך קיין אָרט נישט... פּלוצעם — ער בלייבט שטיין אין מיטן דער גרויסער שטוב, הייבט אויף די אויגן און די הענט צו דער סטעליע — צום בלויען הימל, הייסט עס, אין דרויסן... הויך־הויך און טיף־טיף דאָרט זיצט גאָט — אַ בלענדיק געשטאַלט פון רויט־און־בלויען פייער, אין וועלכן מען קען נישט קוקן, אויף זיין כסא־הכבוד פון לויטערן ווייסן פייער... און ער נעמט מורמלען מיט געבעט פון פולן הערצל, דערפילנדיק אַ וואַרעמען זיסן באַלזאַם טריפן אויף זיין געמיט:

„רבונו־של־עולם, באַשעפער פון דער וועלט... מאַך דו, סע זאָל זיך מיר גלוסטן דאַוונען צו דיר... איך זאָל קאָנען... דו ווייסט דאָך דעם אמת, אַז איך וויל, נאָר סע גלוסט זיך מיר נישט... איך קאָן נישט... דער יצר־הרע גיסט אַריין אַזאַ מין שלאָפגעטראַנק אין מיין שאַרבן... ווי מ'האָט איינגע־שלעפערט די מומע דינה פאַר דער אָפּעראַציע, זי זאָל האָבן אַ קינד..." — —

דאָס בילד פאַרשווינדט פונעם מאַציעווערס בליק אונטער די אַראָפּגע־לאָזטע וויִעס, נאָר ער טראַכט ווייטער:

...מיט דער־אַ אויפריכטיקער, האַרציק־פרומער, קינדעריש־תמימות־דיקער תפילה בין איך טאַקע יענעם שבת אָפּגעקומען דעם שחרית און דעם מוסף, ווייל באַלד איז צוריק געקומען ראָסיע און גענומען זיך פאַרשפּילן מיט מיר אין חמור־אייזל... איז וואָס איז דער חידוש, וואָס גאָט האָט מיין תפילה נישט באַוויליקט?... און אויף מאָרגן האָב איך ווידער נישט גע־דאַוונט, נישט דעמלט און נישט אַלע יאָרן דערנאָכדעם. היינט — בין איך

שוין נישט, נישט נאָר נישט פרום, נאָר גלייב שוין אַפילו נישט אין גאָטס עקזיסטענץ... ווען אַזעלכעס וועגן מיר וואָלט, חלילה, איינגעפאַלן דעם ראָש־ישיבה!... ווײ־ווײ! כ'נאַר דאָך אים... מילא, גאָט איז נישטאָ, וועמען צו נאַרן, אָבער ער, דער ראָש־ישיבה, איז דאָך דאָ! ער האָט דאָך מיך אַזוי ליב! איך אים האָב אויך ליב באַקומען. ווי איז עס פאַרגעקומען ביי אים אין חדר?...

און אַ נייע סצענע גייט אויף פאַר זיין אינעווייניקסטן בליק:

„וואָס ווער איר, מאַציעווער, זאָגן? — שטעלט אָן דער ראָש־ישיבה אויף אים זיינע „ביינקעס"־אויגן, אַ נאָך נישט אויסגעניכטערטער פון זיינע תורה־מחשבות.

— כ'בין געקומען, רבי, בעטן. המם...

„רעדט, מאַציעוועד, העכער אַ ביסל. שעמט זיך נישט..."

— כ'וויל בעטן... זאָל דער רבי הייסן געבן מיר אַ רובל אויפן חשבון פון מיין „חלוקה"־געלט. באַצייטנס.

„באַצייטנס? וואָס דאַרפט איר עס אַזוי נייטיק באַצייטנס?"

— המם, אַלע תלמידים גייען אין שליאַפּעס. איך איינער — אינעם פוילישן היטעלע. שעם איך זיך, רבי. וויל איך זיך קויפן אַ שליאַפּע.

„שטותים, מאַציעוועד, — קוקט ער אויף אים מיט די בולטע אויגן, ווי אָנגעגאָסענע מיט געלייטערטן צימוקים־וויין, און זיין פּנים איז גוט־האַרציק, און דאָס קול ווייך, ווי געווייקט אין וואַרעמער זיסער מילך, מאַמיש, — איר לערנט דאָך נישט אין דער מוסר־ישיבה, וווּ מען טראָגט שטרויענע שליאַפּעס. סאַראַ חילוק מיט וואָס אַ ייִד דעקט צו דעם קאָפּ?"

נאָר ער, דער תלמיד, קוקט ווייטער דעם רבין אין די אויגן אַריין מיט שטומען פאַרלאַנג, ווי דעמלט, ווען ער האָט געוואָלט אָנקומען אין ישיבה אַריין.

„נו, גוט — טוט דער ראָש־ישיבה אַ מאַך נישט־גערן, — איכל איך געבן אַ בריוועלע צום מנהל אין שטוב, מע זאָל אייך אויסצאָלן אַ רובל פאָרויס. נאָר... פאָלגט מיין עצה, מאַציעוועד, גיט עס נישט אויס אויף קיין נאַרישער שליאַפּע. דער עיקר איז דאָך, — ער צעשמייכלט זיך מיט אַ נחת־רוחדיק בלישטשל אין בליק, — בדרך־הבנה... דער עיקר איז דאָך, וואָס סע טוט זיך אונטערן הימל. איר זעט אויס, מאַציעוועד, שלעכט אויפן פּנים,

בלאָסלעך. איר וואָלט בעסער בעטן אייער באַלעבאָסטע פון דער קוואַרטיר, זי זאָל אייך פאַר דעם געלט קויפן אַ שטיקל עוף יעדן טאָג און אָפּקאָכן אַ געשמאַק ביסעלע יויך, סע זאָל אייך קרעפטיקן. איר זאָלט כוח האָבן צו מידן זיך אין דער הייליקער תורה... „תורה מתשת *"..." — —

דער מאַציעוועטער נעמט שטאַרקער שטאַרקער זיך שאָקלען איבערן שטענדער, העכערט דעם ניגון, וויל זיך אַליין פאַרגוואַלטיקן צוליבן רבין, אָבער טראַכט פאָרט נישט דאָס וואָס ער לערנט:

... נו, און אַז כ'בין אין אַ וואָך אַרום געקומען צו אים מיט אַ נייעם חידוש אין דער גמרא און מיט דער נייער שליאַפּע אויפן קאָפּ... מיין נייע שליאַפּע האָט זיך ווי געריצט מיט זיין אַלטן צעקנייטשטן קאַפּעליאָש... האָט ער זי גלייך ווי גאָרנישט באַמערקט, די שליאַפּע. בלויז געפרייט זיך מיט מיין חידוש. האָט ער זי טאַקע נישט באַמערקט?... און איך — נאַר אים! און איך נאַר דאָך אָפּ דעם זיידן מיט דער באָבען און די טאַטע־מאַמע. זייערע געשעפטן זענען לעצטנס אַוועק שלעכט, און פון דעסטוועגן שפּאָרן זיי פאָרט פון זיך און שיקן מיר דאָס געלט יעדן חודש, פּינקטלעך, ווי לויט אַ גוטן זייגער, איך זאָל נישט דאַרפן זיצן ביי אַ פרעמדן טיש אַפילו אום שבת. און גלאָט — וואָס וועט זיין דער תכלית, אויב נישט לערנען? המם... שאַ־נאַר! אמת, ווערן אַ רב, ווי זיידע־באָבע און טאַטע־מאַמע ווינטשן זיך עס און קוקן אויס, קען איך נישט, טאָר נישט: אַן אַפּיקורס — אַ רב?! אָבער אַן אַפּיקורס אַ ראש־ישיבה — פאַר וואָס קען נישט זיין? ער פּסקנט דאָך נישט קיין שאַלות. אַ ראש־ישיבה איז עלהיי אַ פּראָפעסאָר אין אַן אוניווערסיטעט... כע־כע... כ'וועל הייננט שוין נישט בעטן גאָט, ער זאָל מאַכן, סע זאָל זיך מיר גלוסטן לערנען. אָבער — וואָס וועט זיין? כ'בין דאָך נישט תופס דעם ראש־ישיבהס שיעורים. כ'טראַכט זיך בשעת־מעשה וועגן... „עורבא פרח" ** — אַ מיידל־מלאך מיט פליגל. אַז כ'קום שוין נישט צו אים אַ לענגערע צייט נאָך די שיעורים שמועסן וועגן זיי, ווי ס'טוען עס אַנדערע, פאַרשטייט ער דאָך. צי איז ער נישט לעצטנס טאַקע ווי אָפּגעקילט געוואָרן צו מיר? אַ? וואָס זשע וועט דאַ זיין? מע מוז זיך בעל־כרחו אַ נעם טאָן צום לערנען און אָניאָגן.

---

* דאָס לערנען מאַטערט אויס.

** אַ פויגל איז פאַרבייגעפלויגן.

ער טוט אַ לייג אַריין דעם שטערן אין די האַנטפלאַכן, רייבט אים, רייבט אים און טוט זיך אַ שאָקל מיט אָפּגעפרישטן ווילן און ענערגיע:

— איי־איי, איי־איי־איי־...

און זיך לערנען איצט איז גלייכצייטיק אַ תּפילה צו גאָט, אין וועלכן ער גלייבט נישט, ער זאָל אין אים אַריינטאָן התמדה צום לערנען, ווי ער האָט עס געטאָן, ווען ער האָט נאָך תמימותדיק געגלייבט.

4

דער מאַציעזוער מיטן אײשישאָקער, כאָטש מיטקוואַרטיראַנטן שוין לאַנגע חדשים, ייִנגלעך פון די זעלבע יאָרן און אפשר אויך כשרונות, ווערן נישט פון דעסטוועגן קיין חברים.

ערשטנס, ווען זעען זיי זיך דען? גלייך אין דער פרי אײלט דער איי־שישאָקער אַוועק מיטן תּפילין־זעקל אין דער ישיבה צום דאַוונען. אָפּגע־דאַוונט, קומט ער אײלנדיק צוריק און אײלט זיך אַראָפּצושלינגען דעם מאָגערן פרישטיק, כדי ווידער צו לויפן אין דער ישיבה לערנען; דאָס נעמלעכע איז מיטן מיטיק און דעם אָונטברויט. יאָ, דער אײשישאָקער אײלט זיך תמיד. ער איז דער אײנציקער מתמיד אין דער ישיבה. צייט איז אים טייערער פון גאָלד, וואָס ער האָט זיך בליאַסק נאָך קיין מאָל אין זיין אָרעם לעבן נישט געזען. ווייל חוץ פאַר זיך מוז ער נאָך לערנען מיט אַ תּלמיד אַ שעה אָנדערטהאַלבן פאַר געצאָלטס. ווען נישט אָט־דער פאַר־דינסט, וואָלט ער דאָך געמוזט עסן „טעג" — זיין טאַטע, דער דרדקי־מלמד, פאַרמאָגט נישט צו שיקן אים אַפילו קיין פּרוטה. חוצן שכר־לימוד, וואָס ער באַקומט פון דעם־אַ תּלמיד, אַ זון פון אַ רייכן דאָרפסיִדן, האָט ער פון דעם לערנען מיט אים גאָרנישט, כאָטש סע שטייט: „ויותר מתלמידי" *. ווייל — פון שניצן אַ דעמבענעם שטעקן ווערט דאָס שאַרפסטע מעסער נישט שאַרפער, פאַרקערט. פרייטיק צו נאַכטס ווידער און שבת, ווען אַפילו ער, דער מתמיד, לערנט אַ ביסל ווייניקער, וויזט ער זיך בכלל נישט אויף דער קוואַרטיר; די שבתדיקע סעודות עסט ער ביי אַ פרעמדן טיש, די אויגן

---

* און מער (האָב איך געלערנט) פון מיינע תּלמידים.

פאַרשטאַכן אין טעלער־שיסל כדי נישט צו זעען די פרעמדע דורכשטעכנ־דיקע בליקן — דאָס איינציקע אָרט וווּ ער עסט אָפּ צו דער זעט, ווי באַ־וואָרענענדיק דעם מאָגן מיט שפּייז אויף דער גאַנצער קומענדיקער וואָך.

צווייטנס, האָלט ער נישט, דער איישישאָקער, פון זיין מיטקוואַרטי־ראַנט, דעם מאַציעווער, ווייל ער האָלט אים פאַר אַ בעל־גאווהניק. מיט וואָס גרייסט ער זיך עס קעגן אים? דערמיט וואָס אים שיקט מען פון דער היים חודש־געלט, און ער דאַרף נישט האָבן קיין האָלץ מיט אַ תלמיד, אַ דעמבענעם קאָפּ? דערמיט, וואָס ער לייגט אַריין די גאַנצע וואָך אין קענדיעך מער און געשמאַקערע אַכילה? מילא. צי אפשר נעמט ער זיך איבער דער־מיט, וואָס ער לויפט אָפּט צום ראָש־ישיבה, כדי זיך פאַר אים אויסצופיי־נען? ער, דער איישישאָקער, האָט פיינט חניפה תכלית־שנאה. אַ חונף איז אַ חוטא ומחטיא* — ווייל דער געחנפעטער זינדיקט אויך, זאָל זיין בשוגג. חוץ דעם, ווייזט זיך אים אויס: אויב דער מאַציעוועו איז בכלל נישט געכאַפּט אין דער מעשה, אין יידישקייט הייסט עס? פאַר וואָס האָט ער זיך געמאַכט אַ נייעם מנהג, נישט צו דאַוונען אין דער ישיבה, נאָר אין אַ וועלכער קלויז? המם, צייטנווייז קערט ער זיך דאָן אום פון דאָרט, ווי ער וואָלט אָפּגעפּאָרן דאָס דאַוונען מיטן קוריער.

דער איישישאָקער דעם מאַציעוועו איז, אין תוך אַריין, נישט נאָר נישט קיין חבר, נאָר ערגער נאָך: אַ שטילער שונא אין האַרצן. דער אָנהייב פון אָט דעם געפיל שטעקט נאָך אין דער ערשטער וואָך פונעם מאַציעוועס אַריינציען זיך אַהער אויף קוואַרטיר. דער מאַציעוועו דערציילט אים, באַ־רימענדיק זיך, — יעדן פאַלס, אַזוי דאַכט זיך אים, דעם איישישאָקער — אַז דער ראָש־ישיבה האָט אים צוגעזאָגט דריי רובל אַ חודש „חלוקה". טוט עס אים אַ ברי אויפן ראָש־ישיבה: „הער נאָר אַ מעשה? ס'איז דאָך גע־וואַלט־און־געשריגן! איך, וואָס לערן שוין דאָ פיר זמנים, בין געוואָרן דער מתמיד פון דער ישיבה, זאָל קריגן מיט ווייניקער אַ האַלבן קאַרב פון אַ „גאָוועבראַניעץ", וועלכער האָט נאָך נישט באַוויזן אַפילו רעכט פאַנאַנדער־צושאָקלען זיין שטענדער? מיט וואָס בין איך שפּלער? און מיט וואָס ער חשובער? אפשר ווייל זיין טאַטע איז אַ... אַ איך ווייס נישט וואָס, און מיינער — אַ פּראָסטער מלמד? אַ ייד אַ קבצן? וווּ איז דער „הזהרו בבני

* זינדיקט אַן מאַכט זינדיקן.

העניים, שמהן תצא תורה*? אויב דער ראש־ישיבה איז עס דער, וועלכער באַשטימט די מאָס פון דער „חלוקה“, און נישט דער מנהל, איז ווו איז זיין יושר? ווו איז די צדקות זיינע?“. ער שפּירט ווי דער צאָרן דערגרייכט אים אַזש צו דער נאָז, און זי פּאַכעט מיט די פליגעלעך. דעם מיטקוואַרטי־ראַנט זאָגט ער גאָרנישט, אָבער רגע־כמימרא ווערט ביי אים ווידערשפּע־ניק אָפּגעמאַכט: „מער וועט מיין פוס נישט אַריבערטרעטן דעם ראש־ישיבהס שוועל!“. און זיין אויסגעריכערטער צאָרן גייט איבער אין אַ געפיל פון שנאה, אין וועלכן ער דערוועגט זיך נישט אַליין קלאָר צו מאַכן. אָבער מער ווי אין נישט גיין צום ראש־ישיבה איבערפרעגן עפּעס אין לערנען, האָט נישט זיין שנאה אין וואָס זיך אָנצוהאַלטן. חוץ דעם איז דאָך דער ראש־ישיבה הויך־הויך און וויט־וויט. וואַרפט זי זיך איבער די שנאה צום מיט־קוואַרטיראַנט, מיט וועלכן ער איז, צום ווייניקסטן, די מיינסטע צייט אונטער איין דאַך — אין דער ישיבה אויף דער וואָך און אויף דער קוואַרטיר אין שלאָף: „פאַר וואָס נעמט ער מיט אַ האַלבן קאַרב „חלוקה“ מער פון מיר?“. אמת, אַז סיי דער געפיל און סיי דער געדאַנק זענען פאַר אים אַליין נאָך געגוג מטושטש, און ער וואָלט זיך אָפּן פאַר זיך איגענעם געוויסן דערין נישט מודה געווען, כאָטש זיך באַשלוס נישט צו גיין צום ראש־ישיבה היט ער אָפּ, ווי אַ נדר.

דעם מאַציעווער ווידער דאַכט זיך אויס קאַפּויער: דער איישישאָקער, מיטן פאַרריסענעם קאַרטאָפליע־נעזל און ברייטצעשטעלטע, קיילעכיקע, קעלבערנע אויגן, שטעלט זיך גרויס קעגן אים. ווען ער זאָל נישט רעדן מיט אים זעלטן אַ מאָל, שפּאַרט ער אים רק איבער. זיין גיאָניע און די ברייטע מאַטשיקע לעפצן ווערן ווי דורכגעפּיכט מיט טערפּקע זאַפט פון שפּאַט, דאָס פּנים צעלייגט זיך ברייט פון אַ שמייכל און די אויגאַנעס גלאַנצן מיט זיכערקייט און גאווה: „משטיינס געזאָגט, וואָס איר פאַרשטייט שוין דאָרטן!“. מיט וואָס גרייסט ער זיך עס אַזוי? מיט זיין התמדה? דאָס איז דאָך נישט קיין כשרון. דווקא אַ פאַרשטאָפּטער קאָפּ קאָן האָבן התמדה. אַ בהמה קויעט שטרוי, און האַלט אין איין מעלה־גרהן. צי אפשר גרייסט ער זיך אויך מיט זיינע כשרונות? נו, דאָס וועט מען נאָך זען. פון וועמען טאָקע האַלט מער דער ראש־ישיבה? ער גייט נישט, דער איישישאָקער, צום

---

* זייט געהיט מיט קינדער פון אָרעמעלייט, ווייל פון זיי וועט אַרויסקומען תורה.

ראש־ישיבה, ווייל ער האָט נעבעך נישט מיט וואָס זיך צו באַווייזן. צי אפשר נעמט ער זיך איבער מיטן פעטן שבת־קוגל, וואָס ער עסט ביים פרעמדן טיש אָן אַ גראָשן געלט? אויב אָרעמקייט איז נישט קיין שאַנד, איז אָבער אויך נישטאָ מיט וואָס זיך דערמיט איבערצונעמען. זיינע לעפצן זע־נען אַרויסגעשטאַרצט און מאַטשיק, — צי איז עס ווייל ער פאַסמאַקעוועט זיך אַזוי מיט דער תורה, אָדער מיט דער אַכילה אום שבת? און פרום איז ער, ווי אַ ישוביניק צו נעילה...

יאָ, זיי דולדן זיך נישט קעגנזייטיק, דער איישישאָקער און דער מאַ־ציעווער. אָבער צו קיין קריגערייען צווישן זיי קומט עס נישט. אין ישיבה זיצן זיי ווייט איינער פון צווייטן, אין קעגנאיבערדיקע זייטן. צוזאַמען זענען זיי נאָר ביי נאַכט, ווען זיי שלאָפן. דער מאַציעווער הערט אַפילו נישט, ווען דער איישישאָקער קומט אַריין, טוט זיך אויס, לייענענדיק קריאת־שמע, און לייגט זיך. אָפּט שפירט ער אויך נישט, ווען דער איישישאָקער שטייט אויף, וואַשט זיך און גייט אַוועק דאַווענען. ווען יענער דאַוונט שוין דאָרט אין דער ישיבה, ליגט ער נאָך אינעם אויסגעוואַרעמטן בעט, די קאָלדרע איבער די אויגן, דאָס טאָגליכט זאָל נישט בייסן די ברעמען, און חלומט אָפּט אַזעלכע חלומות, וואָס פאַר דער טאָגשיין, וואָלט ער זיי נישט געקענט דער־ציילן, ווייל זיי דערמאָנען אין זייער דינסטמיידלס, ראָסיעס, שפּילערייען מיט אים, ווען ער איז נאָך געווען אַ קליין יינגל, וואָס זענען אים שפּעטער קאַפּויר געקומען, ווען ער האָט געלערנט אין חדר אין „פּרק": „מרבה שפחות מרבה זימה" *...

ערשט חלומט זיך דעם מאַציעווער:

...זיין שאַרבן איז זיך אים צעוואַקסן, האָט זיך אים צעצויגן, צעצויגן און ליגט געוועלבט איבער דער ווילִיָע, פונעם הויכן סלאָבאָדקער ברעג ביז צום פלאַכן קאָוונער ברעג — אַ ווייסע ביינערנע בריק. איבער דער בריק — איבער זיין שאַרבן הייסט עס — גייען, גייען מענטשן. די בריק איז דורכגעלויכטן פון דער זון און דורכזעעוודיק. זעען זיינע אויגן דורך איר גייענדיקע שוואַרצע פלעקן — שטיוולזוילן, שוואַרצע פלעקן — שטיוולזוילן. און מיט אַ מאָל טוט אַ שטיוול־אָפּצאָס, אַ באַצוויעקעטער, פעסט אַ טראָט. אַזש ס'הילכט אויף...

---

* ווער ס'מערט דינסטן, מערט אויסגעלאַסנקייט.

— אַך, ווי דער קאָפּ טוט ווי! — זיפצט ער אָפּ און עפנט די אויגן.

באַלד כאַפּט ער זיך, פון וואַנען דער חלום האָט זיך דערנומען — די ווירקלעכקייט האָט אים באַשאַפן: דאָס שטיבל איז אַזוי טיף איינגעזונקען אין דער ערד; די פענצטערשוועל ליגט דאָך כמעט אויף איין פלאַך מיטן באָדן אין דרויסן; דורך די שויבן זעט מען בלויז די פיס פון די פאַרביי־גייער — הויזן, אָדער קליידלעך און שיך, — איז אין שלאָף דער שאַרבן טאַקע ווי אַ בריק. מע גייט אויף אים, מע גייט...

ער טוט אַ ווענד די אויגן צום פענצטער און דערזעט זיי: אַ פּאָר אָפּגעשאָסענע הויזנקליאַשן מיט אַ פּאָר צערעפּעטע שיך. אַ נס, דאָס געסל איז אַן אָפּגעלייגטס, און נישט קיין סך מענטשן גייען דאָ פאַרביי אין דער איצטיקער צייט. אַנישט, וואָלט עס אים פאַר די אויגן געשווינדלט. ס'איז שוין נישט פרי. אָט קומט טאַקע אַריין דער איישישאָקער מיטן תפילין־זעקל, אַ שוין אָפּגעדאַוונטער, און נעמט אויף שנעל עסן זיין מאָגערן פרישטיק.

— איר פאַרשאַפט זיך, מאַציעוווער, אין בעט — עולם־הבא, צי עולם־הזה?... צי ס'קומט צו אייך אַ „מגיד”, צי אַ „מגידעכע” ?... — וואַרפט ער אים צו, קייענדיק, ווי פאַנפעוואַטע, פון אונטער דעם פאַרריסענעם קאַרטאָפליע־נעזל, מיט טראָציקן שפּאַט און טוט אַ צוק מיט די לעפצן, ווי ער וואָלט אים טועם זיין, דעם שפּאַט, צי ער איז גענוג חריפותדיק.

וויל אויך דער מאַציעוווער אים אָפּדינען מיט טראָציקער חריפות, און ס'טוט זיך אים אַ גליטש אַראָפּ פון ניכטערנעם מויל:

— אַ ייִד, וואָס איז מיט עולם־הבא נישט זיכער... ווייל...

ער טוט זיך אַ פאַרהאַק ביי אַ דערשראָקן געדאַנקעלע, ווי אַ מויזעקעלע: „ער גלייבט נישט דערין”... און פירט שוין נישט אויס, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן.

— המם. ווייל... — פאַרנעמט דער מאַציעוווער דעם איישישאָקערס אַ ברום, וואָס קאָן אויסגעטייטשט ווערן ווי אַן אומזיסטיק זוכן, נאָך עפּעס אַריינצוזאָגן, אָבער אויך ווי אַ קלוג אויסגערעכנט אַראָפּשלונגען דאָס נישט דערזאָגן: „איך לייען אייערע געדאַנקען...”

אַ דענערווירטער טוט זיך דער מאַציעוווער שנעל אָן, וואַשט הענט און פּנים, נעמט דאָס תפילין־זעקל אונטערן אָרעם און לאָזט זיך גיין. מאַ, ווען ער וועט צוריק קומען פונעם „דאַוונען”, וועט שוין דער „וצדקתך” נישט זיין — פּטור פון אים!

אָבער אין פּאָדערשטן חדר בלייבט ער שטיין ביים באַלעבאָס שוסטער־וואַרשטאַט. דעם באַלעבאָס קאָפּ אין דער געלבלעכער יאַרמלקע איז ווי איינגעפּאַסט אין דער פּענצטער־ראַם. רב יאַני, דער אַלטער, אַ מאָגערער און קנאַכיקער, אָבער שטאַלטנער אין דער פיגור (אין וועמען דערמאָנט ער ? אַ ?), זיצט ווי אַרויסגעוואַקסן פון זיך נידעריקן דרייפיסלדיקן שוס־טער־בענקעלע. ער איז שוין אויך, ווי דער „וצדקתך״, אַן אָפּגעדאַוונטער, אָבער נאָך פאַרן פרישטיק. „פאַר יעדן עסן, — האָט ער געהערט אַ מאָל אים זאָגן, דעם שווייגער, — דאַרף דער מענטש אַ ביסל אָפּאַרבעטן, כדי ער זאָל נישט זיין קיין „דאַרמאַיעדניק״. ער איז טאַקע זעלטן מפסיק אין מיטן דער אַרבעט עפּעס צו שמועסן; ווי ער וואָלט תמיד האַלטן אין מיטן דאַ־ווענען. „צווישן דאַוונען און אַרבעטן, — האָט ער אַן אַנדער מאָל געהערט אים זאָגן, — דאַרף מען אַפילו קיין להבדיל נישט זאָגן: דאַוונען איז עבודה, און אַרבעטן איז עבודה...״.

שטייט ער, דער מאַציעווער, כלומרשט ער קוקט אַרויס דורכן פענצ־טער אין דרויסן, און באַטראַכט אים:

...אַ טרוקן, דין־געקנייטשט, געלבלעך־ברוין פּנים, אַ מאָגערס און קנאַכיקס, וואָס לאָזט זיך אויס מיט אַ גרייז־גראָ, שיטער בערדל. אַזאַן איידל פּנים, ווי פון אַ תלמיד־חכם (...אין וועמען דערמאָנט ער עס פאָרט ? אַ ?); אַ פּאָר אַלטע שפּאַקולן רייטן אים אויף דער ביינערדיקער גלייכער נאָז, און ס׳איז נישט צו וויסן, צי מאַכן זיי ליכטיקער זיין ראיה, אָדער, פאַרקערט, פאַרטונקלען זי, — וואָרן פון מאָל צו מאָל טוט ער אַ בייג אַראָפּ דעם באַ־יאַרמלקטן קאָפּ און וואַרפט אַריבער די אויגן פון הינטער די גלעזער, כדי בעסער צו זען, אַ פּנים. די געלבלעכע יאַרמלקע איז פון הינטן אַרומגע־קרענצלט מיט גראָ־זילבערנע לעקעלעך. ער פאַרעט זיך ביי אַ פּאָר כאָדאַ־קס פון גראָבן, נישט־געפּאַרבטן לעדער פון טונקלען וואַקסקאַליר... וואָס איז אין וואָס געראָטן: זיין הויטקאָליר אינעם לעדער, אָדער דאָס לעדער אין זיין הויטקאָליר ? (ער דערמאָנט אין... אין וועמען ? אַ ?).

דער מאַציעווער גייט אַרויס, קיין וואָרט נישט צו זאָגן דעם... אַלטן מתמיד אין עבודת־השוסטעריי, ווי דער אידישיאָקער אין לערנען. אָבער זיין געשטאַלט, דעם אַלטנס — רב יאַניס... וואָרן כאָטש אַ שוסטער, שיקט זיך נישט אים צו רופן אָן אַ „רב״ — גייט פאַר אים אין דרויסן פאָרויס, געווענדט מיטן פּנים צו אים (...אַהאַ! — טוט עס אין אים אַ שיין אויף —

ער איז ענלעך צון אַ בילד פונעם שרייבער פון דער „קליאַטשע", מענדעלע מוכר־ספרים !). און זיינע גדאַנקען, דעם מאַציעווערס, פלאַטערן אַרום זיין באַלעבאָס :

...דער טריבער אומעט, וואָס נעפּלט אויף זיך פּנים, זעט שוין אויך אויס פאַרעלטערט. נישט בלויז די יאָרן האָבן אים געעלטערט — אויך די צרות ; און אַזוי אויך זיין אַלטע, די באַלעבאָסטע. זיי רעדן קיין מאָל נישט וועגן זיך. צי האָבן זיי ערגעץ, אָדער געהאַט אַ מאָל קינדער ? אין זאַך ווייסט מען יאָ : אַ טאָכטער איז זיי נאָך מיידלוויז געשטאָרבן. איר בילד הענגט עס אין זייער קוואַרטיר... ווו דען זאָל עס הענגען ? אינעם וואַר־שטאָט־צימער מיטן לעדער, מיטן שוסטערפּאַפּ, ווו דער אַלטער איז שווער די ריינקייט צו דערהאַלטן ? צי אין די אָנפּענצטערדיקע דלת־אמות, וואָס זענען אָפּגעצוימט געוואָרן פון זייער קוואַרטיר פאַר דעם אַלטן פאַר־פאַלקס איינציק בעט אין דער פּינצטערניש ? דעם בילדס לעבעדיק, ליכ־טיק פּנים וועט דאָך די פינצטערניש נישט באַלייכטן. פאַרקערט...

„ס'איז דען ווייניק, — האָט די אַלטע, וואָס שלייכט אַרום איבער דער שטוב, ווי אַ טויב אַ „זי", וואָס האָט איר „ער" פאַרלוירן, — איין מאָל, ווען דער אַלטער איז אין שטוב נישט געווען, אָפּגעזיפצט, — וואָס דאָס קינד אַליין ליגט שוין אַזוי פיל יאָרן אין פינצטערן קבר...".

...דעמלט ווען זיי, די קוואַרטיראַנטן, גייען אַוועק אין ישיבה, קאָן זיין אַז די אַלטע גייען אַ מאָל אַריין אַהין אין חדר אַ קוק טאָן אויף זייער יונג געשטאָרבן מיידל. מחמת נויט האָבן זיי פאַרדונגען נישט נאָר דאָס חדרל, נאָר אויך דאָס טויטע קינד, וואָס פרעמדע אויגן קענען דערויף קוקן און טראַכטן וועגן דעם וועד ווייסט וואָס פאַר אַ מחשבות... קאָן זיי דען איינפאַלן, די אַלטע, וואָס ער, וועלוול, מחשבהט אַ מאָל וועגן איר אַ שבת בין־השמשות, ווען דער אַלטער ביים טיש דאָרט ברומלט אונטער זיין „אתקינו סעודתא". ער, וועלוול, ליגט אויף דער סאָפּקע, און זייערע אויגן, דעם מיידלס און זיינע, פאַרוועבן זיך צוזאַמען, ווי זי וואָלט באמת געלעבט... און דער איישישאָקער פאַרקוקט זיך נישט אַ מאָל אויף איר „מיט התמדה", ווען ער בלייבט אַליין אין צימער ? ס'האַלט אים אָפּ דערפון זיין פרומקייט ? ער האָט אים פון דעסטוועגן געגעבן אָנצוהערן וועגן אַ „מגידעכע"...

און דעם מאַציעווערס פאַנטאַזיע הייבט אָן צו מאָלן אין זיינע געהירן לעבעדיקע סצענעס מיט סיטואַציעס, וואָס רופן אַרויס פערמענטירונג און

זיסע גערירטקייט אין זיך צעשפּילט בלוט. זיינע פּיס שלייכן איצט ווי אין אַ פּלאָנטער פון מחשבות, פאַנטאַזיעס און שפּירונגען אין דעם געפּלאָנטער פון די שמאָלינקע סלאָבאָדקער געסעלעך, וווּ צווייִ אָנבאַגעגנטע מענטשן מיידן זיך קוים אויס, צודריקנדיק זיך מיט די פּלייצעס צו די ווענט.

אַזוי גייט ער מיטן תפילנזעקל אונטערן אָרעם, ביז וואַנען ער שטויסט זיך טאַקע אָן אין אַן אַנטקעגנגעקומענער ווירקלעכער פרוי, און זיי מיידן זיך קוים אויס.

...אַ? ווי האַלט ער אין דער וועלט? ער האָט פאַרלוירן דעם חוש פאַר צייט: דרייט ער זיך דאָ אַרום איבער די געסעלעך שוין לאַנג? צי גאָר ווייניק? ער זאָל נאָר נישט טרעפן נאָך דעם אײשישאָקער אין שטוב. וואָס עפּעס פּלוצעם? אַז תמיד אַנטלויפט ער אין ישיבה אַריין, ווי אַ רוח — אַ מלמד, וואָלט אים אַהין געטראָגן. פון דעסטוועגן...

זיינע איבערגעריסענע פאַנטאַזיעס באַהעפטן זיך שוין נישט צוריק, און דאָס אַרומדרייען זיך „יאַלעווע" דערעסט, ווערט איבלדיק. מאַ, ער מעג שוין גיין. און דער הונגער מאָנט שוין אויך אונטערן האַרצלעפּעלע דעם פרישטיק. אַ פרישע פּלעצל מיט מאָן, מיט פאַרברויינטער ציבעלע...

ער גייט שוין מיט שנעלע טריט צוריק. אַריינגעקומען — זע נאָר — דער אײשישאָקער איז דאָך נאָך טאַקע דאָ! דער רוח האָט נאָך דעם מלמד נישט אַוועקגעטראָגן, צון אַלדי שוואַרצע יאָר! צי איז ער געבליבן קוקן אויפן מיידל, דער צבועק? צי זאָל ער האָבן אומיסטן וואַרטן אויף אים, צו זעען ווי לאַנג סע דויערט זיין דאַווענען?

דער אײשישאָקער נעמט אַרויס פון וועסטל־קעשענע זיין אַלטן ציבעלע־זייגער מיטן פאַרגעלטן ציפערבלאַט, וואָס איז ענלעך צו זיין פּנים, טוט אַ שאַרפן בליק אויף די וויזערס, דערנאָך אַזוי באַדויערנדיק — אים אין פּנים. אונטער דער הויט פון זיין פאַרריסן קאַרטאָפּליע־נעזל טוט מחשבות־דיק אַ שפּיל אַ שפּאָט־שפּיזעלע, און דאָס נעזל אַליין ברומט פאַנפעוואַטע:

— המם, מען דאַרף איילן אין ישיבה אַריין. איך קאָן זיך צו אייך, מאַ־ציעווער, נישט גלייכן: איר דאַוונט שנעל... קענט איר אויך דאָס לערנען קונה זיין שנעל. איך מוז נעבעך אויף די בײדע זאַכן האָרעווען.

...איז ער, הייסט עס, אַ חושד בכ...*? — קוקט דער מאַציעווער אויפן

* חושד בכשרים — פאַרדעכטיקט אָרנטלעכע מענטשן.

טירל פון זייער חדר'ל, וואָס האָט זיך פאַרמאַכט הינטער דעם אײשישאָקערס בייזער פּלייצע, — אָ, מען דאַרף זיך פאַר אים היטן, פאַר דעם... קוואַרטיר־משגיח.

5

פורים איז אַ פריילעכער יום־טוב אין אַלע ישיבות. אונטער דער מאַסקע פון — זיך אָנגעשיכורט „עד דלא ידע...* ״ מעג זיך דער ישיבה־בחור דערלויבן דאָס וואָס ער טאָר נישט אַ גאַנץ יאָר: אַריינזאָגן אַן עלטערן פון זיך, דעם משגיח, דעם מנהל און אַפילו דעם ראָש־ישיבה בכבודו־ובעצמו. זיין אַריינזאָג, אויב ער איז נאָך דערצו מיט חריפות, ווערט אויפגענומען מיט הנאההדיקן און מוחלדיקן שמייכל. מען וועט עס אים, חלילה, צום שלעכטן נישט געדענקען. דער אַריינזאָגער האָט דאָס מחיהדיקע געפיל פון באַפרייט זיין פון דער געצוימטקייט, וואָס האַלט אים דאָס גאַנצע יאָר געשמידט דעם גוף און דאָס געמיט.

די גאָרע פרייד טוט אַ שלאָג אַרויס פון די ישיבה־בחורישע געמיטער, ווען דער „פורים־רב״ צעלאָזט זיך מיט זיין נאָכגעמאַכטער דרשה אויף דער מגילה, אַרויסברענגענדיק עם־הארצישע אויסטייטשונגען מיט אַזאַ פּלפּולדיקער חריפות, וואָס אין זיין שפּיגלדיקן גלאַנץ דערזעט מען ווי לצנות און שפּאַט קושן זיך מיט ערנסט און ישוב־הדעת פונעם ניכטערסטן מענטשן.

שוין אום ערב־פורים איז די שטימונג אין ישיבה אַ הייטערע. דער אײשישאָקער איז אַפילו אויף דער קוואַרטיר אויפגעלייגטער און גרייט צו פאַרפירן אַ שמועס מיט זיין מיטקוואַרטיראַנט, דעם מאַציעווער. זאָגט אים איבער אַפילו שטיקלעך פונעם פּאַראַיאָרעדיקן „פורים־רבס״ דרשה — דער לאָמזשער לץ; אַ שאָד וואָס ער איז הייניטיקס יאָר נישטאָ. אָבער דער מאַציעווער האַלט זיך ווייטער קעגן אים שטיף און אומצוטרווילעך: ס'רו־דערט אים שוין אין מאָגן, דעם אײשישאָקער, די פורימדיקע געשמאַקע סעודה ביי דעם פרעמדן טיש; ער קאָן נאָך אַריינכאַפּן אַן איבעריקן טרונק

* „עד דלא ידע בין אָרור המן לברוך מרדכי״ — ביז נישט קאָנען אונטערשיידן צווישן „פאַרשאָלטן זאָל זיין המן און געבענטשט זאָל זיין מרדכי״.

אויך און וועט אים, אונטערן אויסרייד פון „עד דלא ידע...“ גיבן אַ זאָג אַרייַן פּאַר אַן עולם ישיבה־לייט אַ קאַפּוליער אַנצוהערעניש וועגן זיין דאַווענען, ס׳הייסט וועגן זיין נישט־דאַווענען...

וואָס קען אים, דעם מאַציעווער, געבן דער פּורימדיקער יום־טוב חוץ בענקעניש צום פּורים אין דער היים? ער וועט זיך מאַרגן צווישן די ישיבה־לייט מיט גאַרנישט קאָנען באַוויַיזן. ווען ער געפינט זיך אין אַ ציבור, באַפאַלט אים די אימתא־דציבורא, אַז דאָס ערשטע וואָרט בלייבט אים שטעקן אין דער קעל, און ער נעמט איין שטומעניש. איז נישט ביכולת צו באַטייליקן זיך אינעם שמועס מיט אַ חידושדיק וואָרט, אַ וויץ, אָדער גלייכ־ווערטל. נעמט אַפילו אויף שוואַך וואָס אַנדערע זאָגן... ער איז געגליכן צון אַ שנעק: ווען קיינער איז נישטאָ אַרום, שטעקט ער אַרויס, אין אַנהייב שרעקעוודיק און וואָס וויַיטער אַלץ דרייסטער, זיינע פילהערנערלעך; דער־שפּירט ער אָבער עמעצן אין דער נאָענט, טוט ער צוריק אַ קריך אַריין אין זיין מושלע און ליגט ווי פאַרחלשט... אַליין זיך פאַרגלייכט צון אַ שנעק, — טוט ער אַ טראַכט מיט פאַרדרוס.

פּורים. פונעם לערנען איז ער היינט, ווי אַלע, פּטור. אפשר נאָר דער איישישאָקער וועט פּאַרט אַריינכאַפּן אַ פּאָר שעה, ווי אַ „מלחמת רשות*“. צום ראָש־ישיבה וועט ער דאַך, וועלוול, ווי אַלע מאָל יום־טוב, נישט גיין. צעקריכט אים דער ערשטער האַלבער טאָג אויפן איבלדיקן עסן, וואָס ס׳גרייט אים צו די אַלטע שוסטערקע, און אויף ליגן אויפן נישט־פאַרבעטן געלייגער אין שיכורע דמיונות, גאַפנדיק אויפן בילד פון די באַלעבאַטימס שיך געשטאָרבן מיידל... ווי הייסט זי? חוה? וואָס דער שלאָנג, אַ נאַקע־טער, האָט זי, אַ נאַקעטע, ווי ער, געוואָלט פאַרפירן... און זי שטייט אויף — צי חוה פון גן־עדן, צי חוה פונעם בילד — אין זיין דמיון תחית־מתים. זי געגענט צו אים. ער וויל זי אַרומנעמען. קערט זי זיך אום צוריק און בלייבט ווידער הענגען אויף דער וואַנט אַן גוף און אַן נשמה... און ס׳חזרט זיך איבער דאָס זעלבע — שוין צום וויפלטן מאָל? נאָר אַרומנעמען זי גיט זיך אים נישט איין...

ערשט אַ שעה נאָכן עלנטן, אומאַפּעטיטלעכן מיטיק קאָן ער שוין מער נישט איבערטראָגן די איינזאַמקייט, און לאָזט זיך מיט בלאָנדזשענדיקע

* פריי־וויליקע מלחמה.

טריט צום ראש־ישיבה; אפשר וועט ער יאָ, אפשר נישט, אַריינגיין, — ער וועט שוין זעען דאָרטן.

צוגעקומען, הערט ער: ס'איז דאָרט דאָ אַן עולם. גייט ער אַריין. דער ראָש־ישיבה זיצט אין דער ראָש־ישיבהטעס העלפט שטוב הינטערן טיש אויבן אָן. אַרום אים — נישט די רביצן מיט די טעכטער, נאָר דער זון און ישיבה־בחורים. מע זיצט אין ענגשאַפט איינער לעבן אַנדערן. און איבער די זיצנדיקע — שטייענדיקע. די זיצנדיקע — דער פּאָר פון דער ישיבה: די עלטסטע בחורים, באַבערדיקטע און אָנבערדיקע, גדולי־תורה, בעלי־הבנה, וואָס וואַרטן אויף שידוכים און כסא־רבנותן; צווישן זיי: דער פּיל־ווישקער עילוי מיטן שטענדיקן תמעוואַטן, פאַרשלאָפענעם שמייכעלע אויפן פנים, דער פּיליפּאָווער בקי מיטן קיילעכדיקן פנים און צוגעקיילעכטן בערדל, וואָס מע שמועסט, ער זאָל ווערן דעם ראש־ישיבהס ערשטער איידעם... און פאַר וואָס נישט דער פּילווישקער עילוי? ווייל, זאָגט מען, דער תם אין אים איז גרעסער פונעם עילוי, און אויפן דרך־הבנה וועט ער קיין מאָל נישט אַרויפגיין.

מע האַלט אין מיטן דער סעודה און אין מיטן שמועסן אין תורה. פּנימער זענען אויפגעלויכטן פון פורים־פריידי, אויגן גלאַנצן, צינדן זיך און פינקלען — אפשר אויך פון אויסגעטרונקענער משקה, ווייל סע שטייען היפּש ליידיקע בירפלעשער אויפן טיש. דאָס גאַנצע ישיבה־בחורישע צע־שטראַלטקייט איז געווענדן צום פּנים פונעם ראש־ישיבה, ווי עס וואָלט זיין בלויז אַן אָפּשיין פון אים. זיין פּנים אונטערן אַרויפגערוקטן קאַפּעליאַש איז פרום־צעיאַכמעט פון פורימדיקער פרייד און נשמה־יתרהדיקייט... „ווי ער וואָלט געזעסן, — טוט דער מאַציעווער אַ טראַכט פורים־דרשהדיק — אין גן־עדן־באָד אויף דער אייבערשטער באַנק, נאָך דעם ווי דער מלאך „באַדיאל" האָט אים צו זיין געטלעכער הנאה און נחת־רוח מיט אַ באָד־בעזעמל פון די געטלעכע סנה־ריטלעך אָפּגעשמיסן... המם... אָט ווען כ'וואָלט ערשט געהאַט די חוצפה פון אַ „פורים־רב" און עס אַ זאָג געטאָן, אַז אַלע זאָלן הערן...".

און ווייל ער האָט נישט די חוצפה, דערפילט ער זיך גאָר־גאָר שפל. קיינער קוקט זיך אויף אים נישט אום, ווי ער וואָלט זיין אַן אינו־נראה אָן אַ מופת. מילא, די ישיבה־בחורים — זיי קאָנען אים ווייניק, דעם ערשט־יאָריקן. אָבער — דער ראש־ישיבה!? צי זעט ער אים טאַקע נישט באמת?

צי ער מאַכט זיך אים נישט זעענדיק? ווייל ער האָט, אפשר, תרעומות אויף אים, הלמאי ער איז אַזוי שפּעט געקומען? אויב אַזוי, איז ער טאַקע גערעכט.

ער רוקט זיך נעענטער צון אים, שטעלט זיך ממש קעגן זיינע אויגן, — ס׳העלפט נישט. איז אפשר, פערד איינער, פאַרקערעווען דעם דישל און אַוועקגיין, אויב ער איז דאָ איבעריק? נאָר אויף זיין קוואַרטיר איז ער דען נישט איבעריק? דאָס טויטע מיידל דאַרף אים נייטיק האָבן?... אין דעם מאָמענט טוט אים דורך דער אָפענער טיר אין קיך אַריין אַ שווינדל פאַר די אויגן אַ ראָזע בלומענפאַרב — די צעהיצטע בעקלעך פונעם ראש־ישיבהס מיזינקע, שרהקע, און... ס׳פאַרהאַלט אים דעם ראָש־ישיבהס ווייך און גוט קול:

— תלמידים מיינע! גדולי־תורה! קינדער מיינע אַלע!

זיין שטים איז אָנגעזעטיקט מיט אַ טאַטעשער גוטסקייט און דערהויבענער נשמה־פריידר:

— כ׳וועל אייך פאַרזאָגן עפּעס אויף אַן אומבאַקענט לשון, אַ לשון — אַ רעטעניש, און לאָמיר זען, ווער ס׳וועט דער ערשטער געבן פאַר דעם רעטעניש דעם פּתרון — וואָסער פאָלקס לשון איז עס. יענער וועט באַקומען דערפאַר אַ המן־טאַש מיט פינף שפּיצן...

אַרום טיש שטעלט זיך איין און האַלט אַן אַ צעשמייכלטע און צעשטראַלטע שטילקייט, אַזש ס׳דערהערט זיך פון קיך אַ תרעומותדיק צישעניש פון געפּרעגלטס אויף אַ פאַטעלניע... דער ראש־ישיבה טוט אַ פאַרמאַך די אויגן, אַ פאַרקנייטש דעם ווינקלדיקן שטערן, ווי זיך צו דערמאָנען אַ לאַנג־פאַרגעסענעם ניגון, נעמט זיך פרום־דבקותדיק וויגן און זאָגט שנעל־שנעל:

— אַדאַן אַליאַם אַשער מאַליאַך, בעטערעם קאַל יעציר ניוורא. לעעט נאַאַסאַ בעכעפצאַ קאַל, אַזאַי מעליעך שעמאַ ניקראַ... — — —

אַלעמענס צעעפנטע אויגן זענען צוגעקלעפּט צו זיינע זיך שנעל באַוועגנדיקע ליפּן, און אַלעמענס אויערן זענען אָנגעשפּיצט אויף דעם לשון־רעטעניש, די אומבאַקאַנט־באַקאַנטע קלאַנגען, וועלכע שלינגען אייליק איינער דעם אַנדערן... ווען ער וואָלט עס כאָטש געזאָגט פּאַמעלעך... ווי דער רבי וואָלט געשלונגען הייסע לאַקשן...

אויסגעלאָזט, טוט דער ראש־ישיבה אַ צעעפן די אויגן מיט אַ גלאַנץ

פון אַ ייִנגלשן שטיפערישן נצחון אין זיי, וואָס ס'איז זיך, דאַכט זיך, קיין מאָל נישט צו ריכטן אויף אים. איז דער ראש־ישיבה געווען אַ מאָל אַ ייִנגל? צי ס'איז דער נס־פּורים גרמא?

— נו, חכמים ונבונים, הלומדים ושונים, הסותרים ובונים*, ווער זשע איז פּותר דאָס רעטעניש — בערל, צי גרונם? — לאַכט זיין פּנים באַרימעריש, און זיינע אַרויסגעשטאַרצטע צעגלאַנצטע אויגן ווילן זיי אַלעמען אין זיך אַריינשפּיגלען.

די אויגן פון די בייזיצערס בלאַנדזשען אַרום איבערן טישטעך, איבער נישט אָויעקגערוימט געפּעס און לײדיקע פלעשער, שטיקלעך חלה און ברעקלעך, איבער פּנימער פון חברים, און בלייבן הענגען ווי פאַרגאַפטע אויפן ראש־ישיבהס פרעגנדיק, נצחונדיק־שמייכלענדיק פּנים: וואָס פאַר אַ לשון איז עס טאָקע? דאַכט זיך, עפּעס אַ קענטלעכס, ווי עס שוין גע־הערט אַ מאָל? אָבער — ווען? וווּ? טייל ווערטער — אפילו ווי מע וואָלט זיי שוין האָבן אַ מאָל, אַ מאָל אין חדר געלערנט... המם?...

— פראַנצייזיש! — כאַפּט זיך אַרויס אויף טראַף פונעם רעזשיצערס מויל, וואָס בלייבט אָפן, און ס'דאַכט זיך אַז פון פאַרשעמטקייט האָט זיך צונטעררויט אָנגעצונדן זיין רויט בערדל מיט די וואָנצעס; און די קליינע אויף זיין פּנים ווערן אַזוי געדיכט, ווי אַט זענען זיי אין געל־ברוינער בלאָם — אַ פּורים־מאַסקע.

דער ראש־ישיבה צעלאַכט זיך הנאהדיק־גוטמוטיק:

— משמעות, אַז דעם רעזשיצערס טאַטע האָט געוווינט אַ מאָל אין פראַנצנלאַנד... און אפשר איז עס גאָר יוניש? אַ? אוי, איר פּורים־גוים מיינע.

קיינער דערוועגט זיך שוין נישט מער צו טרעפן און אויסשטעלן זיך, ווי דער רעזשיצער, צום נאַר, וועלכער האָט שוין ענדלעך פאַרמאַכט דאָס מויל, ווען אַ קעגנאיבערדיקער שכן האָט אים דערין אַריינגעטראָפן אַ חלה־קיילכל. אַלע, די שטייענדיקע און אַפילו די זיצנדיקע, זענען אין שטומען אַפּוואַרטן. המם...

— כאַטש זיי, חלילה, אַ חושד בכשרים, כשרע קינדער, אַז איר

* חכמים און פאַרשטענדיקע, וואָס לערנען און חזרן, וואָס צעוואַרפן און בויען (אין לערנען).

דאַוונט שוין נישט, חלילה, פון לאַנג פון פאַרנט, — וויצלט זיך ווייטער דער ראש־ישיבה.

דער וויץ טוט דעם מאַציעווער אַ שטאָך אין די גען הירן: ס'פאַלט אים גאַרנישט איין, דעם צדיק־תמים, אַז בנוגע מיר האָט ער געטראָפן אין פינטל אַריין. און דער ראש־ישיבה ציט ווייטער, נאָר שוין מיט ערנסט אין קול:

— חכמים ונבונים, איר זאָגט די־אַ געטלעכע תפילה יעדן פרימאָרגן! אָט הערט... און ער טוט זיך אַ צעזינג מיט פלוצעמדיקער התלהבות וואָרט־אויס, וואָרט־איין:

— אַדון עולם אַשר מלך...

אַלע פנימער אַרום טוען זיך אַ צעלייכט און צעשטראַל צו אַ פריידיק אויפלאַכן (היינט מעג מען לאַכן פאַרן רבין אין די אויגן), אָבער דאָס לאַכן ווערט, נאָך איידער ס'ווערט געבוירן, פאַרברענט אינעם רבינס התלהבות... זיין פנים מיט די געשלאָסענע אויגן שיינט, ווי די אויפגייענדיקע זון, ווען מע קאָן נאָך קוקן אין איר פרצוף...

און אַז ער לאָזט אויס, דער רבי, זיין התלהבותדיק לויבגעזאַנג צום אַדון־עולם, טוט ער מיט אַ פלוצעמדיקן אויפפלאַם אַ שפרונג אויף פון זיין שטול און אַ לאָז זיך צום ווינקל צימער און אַ דריי זיך אין אַ טאַנץ. טישן און בענקלעך ווערן אַוועקגערוקט צו מאַכן מער פלאַץ. באַלד ווערט ער אַרומגערינגלט פון דעם עולם תלמידים. ער זינגט און טאַנצט דבקותדיק, און זיינע הענט, אַרויפגעהויבענע, אַרויסאַנטפלעקטע פון די קאַפאָטע־ און העמד־אַרבל, שוועבן און קרייזן אין דער לופטן, ווי פייגל אונטער אַ שרפה־הימל. זיין פלאַקער צינדט אָן אויך די תלמידים, זיי כאַפן אונטער זיין ניגון, ס'טראָגט זיי אונטער, און זיי פאַטשן צו מיט די הענט צום טאַקט. צווישן זיי — דער מאַציעווער... אין זיין זכרון גייט אויף אַ שמחת־תורה אין זייער שכנותדיקן שטעטל, טריסק, ווהין דער טאַטע האָט אים איין מאָל מיטגענומען צום טריסקער רבין, רב יעקב לייבעניו. אין זיין דמיון הערט אויף די סצענע ווי דער רבי טאַנצט מיטן קליינינקן תורהלע אין דער האַנט־פלאַך, טוליענדיק עס צו דער ברוסט הינטערן טלית מיט דער גאָלדענער עטרה, ווי אַ מאַמע איר עופעלע... ווי ליב ער האָט עס!... אַרום אים — אַ גרויסע געדיכטע ראָד חסידים, אין עטלעכע רעדער־שורות, צעיאַכמערטע, אויגנגלאָצנדיקע, זינגענדיק־שרייענדיקע און מיט די הענט פאַטשנדיקע... אַ וואַרעמקייט אַ מחיהדיקע, אַ זיסע פון היימישקייט, פון ליבשאַפט טוט זיך

מיט אַ מאָל אַ צעפּליס, ווי זאַלב־שטראַלן איבער דעם מאַציעוועס באַ־לײַדיקטן און עלנטן געמיט, און —

ער ווייסט אַליין נישט ווען און ווי אַזוי איז דאָס געשען, פּונקט ווי ס׳פאַרשטייען עס נישט די צענטליקער בליקן, וואָס קוקן אים נאָך פאַר־בליפט, אַנדערע אַפילו מיט כּעס:

...אין מיטן דער צעזונגענער און מיט די הענט פליעסקענדיקער ראָד טאַנצט שוין נישט דער ראָש־ישיבה אַליין — אים טאַנצט אַקעגן דער מאַ־ציעוער... און דער ראָש־ישיבה טאַנצט אים אַקעגן... זיי טאַנצן־אָפּ אויף צוריק איינער פונעם צווייטן און טאַנצן זיך צוריק צוזאַמען... דעם ראָש־ישיבהס פּנים מיט די פאַרמאַכטע אויגן (דער קאַפּעליאַש איז אים אַראָפּגע־פאַלן, און ער איז בלויז אין דער יאַרמלקע) איז פול מיט נשמהדיקער ליבשאַפט צו זיין מיטטענצער... צי זעט ער מיט וועמען ער טאַנצט?... צי דאַכט זיך אים נישט, אַז ער טאַנצט מיט דער שכינה?... אין דעם ראָש־ישיבהס געזאַנג גייען אויף פריידיקע טענער־אויפבליצן... זאָל עס זיין דער גורם טאַקע נישט מער ווי דעם מאַציעוועס מיטטאַנצן?... יאָ, דער מאַ־ציעוער שפּירט עס באַשיימפּערלעך, און די תּלמידים זעען עס שוין אויך באַשיימפּערלעך: יאָ, דעם רבינס התלהבות וואַקסט אָן טאַקע צוליבן מאַ־ציעוערס נישט ווייניקער התלהבותדיק טאַנצן... דער ראָש־ישיבה מאַכט אַלע מאָל רוישיקערע און אויסטערלישערע טאַנצקרייזן און קרייזעלעך, און דער מאַציעווער שטייט נישט אָפּ... אך! פריִער האָבן זיי אים גאָר קיינער נישט באַמערקט — איצט זענען זיי אים מקנא. אָבער דער מאַציע־ווער אַליין, אין זיין טאַנץ־התלהבות, זעט איצט נישט קיינעם אויסער דעם רבין.. און... זיין מיזינקע — שולמיתן פון שיר־השירים...

ס׳איז אַ טאַנץ נישט קיין אויסגעלערנטער, נישט קיין פאַרויסבאַטראַכ־טער, — ער ווערט געשאַפן פון צוויי מענטשן, וואָס זענען אַרויס פון די כּלים, אַט דאָ אויפן אָרט, פון שעפערישער התלהבות. ווער פון זיי בײדע, דער רבי און דער תּלמיד, טאַנצט, און ווער טאַנצט־מיט? אין מאַציעווערס דולן זינען גייט אויף אַ פּלפּולדיקער געדאַנק: טאַנצן טאַנץ איך און דער רבי טאַנצט־מיט, ווייל... אין דעם טאַנץ איז דאָך נישטאָ קיין הבנה, דעם רבינס דרך אין לערנען, נאָר פּלפּול, מיין דרך אין לערנען...

טאַנצט ער אַלץ דרייסטער, דער מאַציעווער, מיט מער צוגעלאָזנקייט, היימישקייט צום ראָש־ישיבה, מיט ליבשאַפט, ווי ער וואָלט זיין זיינס אַ

קינד. און דאָס האַרץ טוט זיך אים אַ שמעלץ, ווען ער דערפילט צווישן אַ צוטאַנץ און צוריקטאַנץ: דער רבי, דער טאַטע, טוט אים אַ האַלדז אַרום און אַ דריק צו צום האַרצן. און ס'איז אַזוי שווער דאָס צעשיידן זיך. ווי די נשמה דאַרף זיך שיידן מיטן גוף...

אין מאַציעווערס געהירן טוט אַ בליץ אויף אַ געדאַנק, און ער דער־פילט אים מיט זיך גאַנץ פריידיק אויפגעברויזט, צעצוויטעט געמיט:

„דער רבי איז איצט... אינעם טאַנץ... און איך מיט אים... אין זיבעטן הימל!..." — —

6

אויפן צווייטן טאָג אין אָוונט, נאָך מעריב, ווען שוין בלויז אַ יאָרצייט־ליכט אויפן עמוד און צוויי ליכטלעך איבער שטענדערס באַלייכטן דעם אין טונקלקייט און שאָטנס פאַרזונקענעם ישיבה־חלל, נעמט דעם איישישאָקער אַדורך אַן אומרויִקייט: אין ווייטן ווינקל, וווּ שטענדיק איז אין דער צייט פינצטער און שטיל געווען, בלינצלט אַ ליכטל, און ס'הערט זיך פון דאָרט אַ ברומען פון לערנען. און כאָטש קיין קול מיט ווערטער דערגרייכט נישט אַהער, דאַכט זיך פאָרט, אַז דאָס מוז דאָרט זיין דער... אַ? דער... וואָס קריגט אַ גרעסערע „חלוקה" פון אים.

ער רייסט איבער דאָס לערנען און „מאַכט זיך אויער ווי אַן אפרכסת"*:

יאָ, ס'איז דער מאַציעווער! וואָס אַ שטייגער איז מיט אים געשען? עפּעס איז ער נעכטן געקומען אויף דער קוואַרטיר אַ בגילופנדיקער. וואָס? ער קלייבט זיך צו ווערן אַ מתמיד? צו קאָנקורירן מיט אים? גאַנץ גוט! „קנאת סופרים תרבה חכמה" — די קנאה פון תלמידי־חכמים מערט חכמה... נאָר, צי איז ער טאַקע אַרויף אויפן דרך־הישר פונעם שכל־הישר? פאַר וואָס איז ער פון דעסטוועגן נישט געגאַנגען אין דער פרי אין ישיבה אַריין דאַווענען? וועט ער ווערן אויך אויס בעל־גאווהניק? צי... אפשר? אפכא־מסתברא — נאָך אַ גרעסערער! מאַ. מע וועט זען ווי לאַנג זיין התמדה וועט אָנהאַלטן שוין היינט, דעם ערשטן אָוונט זיינעם. סיי ווי, ער, דער

---

* באַמיט זיך, גוט צו האָרכן.

אײשישאָקער, װעט זיך נישט רירן פונעם אָרט, כל־זמן זיך ליכטל דאָרט, דעם מאַציעװערס, װעט זיך נישט אויסלעשן צוזאַמען מיט זײַן ברומעניש.

אַ שפּאַטיש שמייכעלע טוט אַ פלאַטער איבער זײַנע ברייטע ליפּן, וואָס טוען זיך אַ באַװעג, װי טועם צו זײַן דעם טעם פון זײַן אייגן שמייכעלע. מיט אַ מאָל טוט זיך דעם מאַציעװערס ברומען אַ לאָז אויס. װי ס׳װאָלטן דערגרייכט צון אים דעם אײשישאָקערס מחשבות, און יענעמס שפּאַטיש שמייכעלע װאָלט זיך אַרײַנגעשטאָכן אין זײַן געמיט. טוט זיך דער אײשישאָקער װי אַ דערשרעק פאַר דער גאָר׳ער שטילקייט אין חלל פון דער ישיבה און נעמט װידער לערנען אויף אַ קול. טוט זיך אויך דער מאַציעװער װי אַ דערשרעק פאַר דעם פּלוצעם אויפגעטויכטן קול און נעמט אויך לערנען אויף אַ קול שוין. און די צװיי קול־תורות, אין גייסטיקער קאָנקורענץ פון קנאת־סופרים, גיסן זיך צוזאַמען אונטערן שװערן, נידעריקן סופיט גראָד װי אין מתיקותדיקער ליבשאַפט... — —

נייך, דעם מאַציעװערס התמדה לעשט זיך נישט אויס — װי ס׳װאָרט עס אָפּ דער אײשישאָקער — נישט מאָרגן און נישט איבערמאָרגן. ער אַלײן, דער מאַציעװער, װוּנדערט זיך צײַטנװײַז אויף זיך אַלײן: פון װאַנען פּלוצעם? װאָס האָט אויף אים אַזוי פּועל געװען? צי האָט דער פלאַמענדיקער טאַנץ מיטן ראש־ישיבה אום פּורים אָנגעצונדן אין אים די התמדה צו דער תורה? מע זאָגט, אַז אַפילו די ליטװינער גלייבן אין אים, אין רב ברוך בערלען, אַז ער איז אַ בעל־מופת... צי איז דאָס פּשוט, װײַל ער קלייבט זיך פאָרן אויף פּסח אַהיים? ס׳איז דאָך אַ בזיון פאַר זיך אַלײן אַהיים צו קומען מיט אַ ליידיקער און געלעכערטער טאָרבע... װעט ער אויך היינטיקס יאָר גיין צום רבן, צו שמעיהס טאַטן, שמועסן אין לערנען, כדי ער זאָל אים שפּעטער אויסלויבן פאַרן זיידן אין בית־מדרש? אויב אויך שמעיה װעט אַהיים קומען אויף פּסח, װעט ער זיכער נישט גיין צו זיי אין שטוב — ס׳איז דאָך דאָ אים נישט אָנגעשטאַנען, שמעיהן, אַפילו בלויז זײַן אַדרעס אים צו זאָגן!

און דאָ רייסט אַ דערמאָנונג אַװעק זײַנע מחשבות פונעם לערנען:

...פאַר אַ יאָרן. צװיי טעג פאַר פּסח. נאָר װאָס אַהיים געקומען פון דער קרינקער ישיבה. ער גייט אַרײַן צום רבן. דער רב דאַװנט אין טלית־און־תפילין. שטרעקט אויס צו אים די האַנט פון הינטערן פאַרגעלטן טלית אַרויס:

— המם... שלום עליכם. נאַ־אַ? — ס׳דאַרף הייסן: האָסט עפּעס געשמאַק אַ לערן געטאָן דאָרטן?

דערלאַנגט ער אים, ווי אַן ענטפער, רב זלמן סענדערס בריוו. נעמט ער, דער רב, לייענט אים מיט די אויגן, שאָקלט צו מיטן של־ראש, הייבט אויף די צעעפּנטע אויגן אויף זיין, וועלוולס, פּנים, ווי ער וואָלט אויף דעם נאָך אַ מאָל איבערגעלייענט דעם בריוו. דעם רבס פּנים צעשווימט אין אַ שמייכל, און אין זיינע אויגן פינקלט באַוווּנדערונג און נחת. ער דערלאַנגט אים צוריק דעם בריוו:

— שפּיר... נאה ויאה... על בני מסלאָבאָדקע נאמר... — ס׳הייסט, פאַרטייטשט ער זיך, וועלוול: ווויל... גוט און פיין... אויף מיך זון אין סלאָבאָדקע געזאָגט געוואָרן, אויף שמעיהן...

און ער דרייט זיך אָוועק, דער רב, טיפער אַריבערציִענדיק דעם טלית איבערן פּנים, ממשיך צו זיין דאָס דאַוונען. ער, וועלוול, אַריינגערוקט דעם בריוו צוריק אין בוזעמקעשענע, בלייבט איבערוואַרטן דעם רבס דאַוונען: אפשר וועט ער אים דערנאָך אַ פרעג טאָן עפּעס אין לערנען, — כאָטש ער שרעקט זיך דערפאַר... דער רב שפּאַנט אַרום דאַוונענדיק איבערן חדר, ווי ער וואָלט זיך אויסבאַהאַלטן פאַר אים אין זיין טלית און אין דער אָפענער ספרים־שאַפע, ביי וועלכער ער בלייבט פון צייט צו צייט שטיין: צוליבן גאַסט קאָן ער נישט האָבן די פולע כוונה צום דאַוונען; ער וואָלט גאָר צופרידן געווען ווען דער גאַסט גייט אַוועק... אפשר טאַקע, זיך אויפהייבן און אַוועקגיין און פּטור פון אַ פאַרהערעכץ? די ספרים שטייען צום רב מיט די רוקנס, ווי אויסגעדרייט צו אים ברוגז, הלמאי ער דאַוונט גאָר און לערנט נישט. לערנען און דאַוונען, — וואָס איז כאַרעווער? דאַכט זיך, ס׳איז דאָ וועגן דעם אַ מאמר אין דער גמרא, אַז לערנען איז כאַרעווער, — וענען דאָך די ספרים טאַקע גערעכט... ס׳איז אים לאַנגווייליק פון די מחשבות, אָבער ער וואַרט. ער וועט נישט אַוועקגיין. דער רב וועט עס קאָנען אויסטייטשן: ער האָט געוואָלט אָפּקומען מיטן בריוו אַליין. המם, ער וואָלט טאַקע געוואָלט. אָבער — ער זיצט, ווי די באָבע, ווען זי מאַכט אַ קנויל פון אַ פּאַסמע פאָדעם: ס׳וועט דאָך אַ מאָל אַ סוף נעמען צום רבס דאַוונען. אפשר וועט דער רב אַליין יוצא זיין מיטן בריוו אָן אַ פאַרהערעכץ.

און אָט לייגט שוין דער רב אָפּ די תפילין, נעמט פאַרוויקלען די רצועות. אָט וועט ער אים באַלד, חלילה, אַ פרעג טאָן: „איז וואָסער מסכתא

האָט מען דאָרט היינטיקן זמן געלערנט אין דער ישיבה ?״. המם, ווער ווייסט ?... און ער פילט זיך געפירט צו דער עקידה, ווי יצחק, און דאַרף גאָר נישט פרעגן : „ואיה השה לעולה * ?״... צי וועט זיך אויך ביי אים באַווייזן אין דער לעצטער מינוט אַ מלאך ?... און זע ! טאַקע ! — ס׳עפנט זיך מיט אימפּעט די טיר, און ס׳קומט אַריין מיט אַ פריידיק, צעשויבערט פּנים שלמהלע „דער מטורף״, דער וואָס פאַרקויפט אין זיין קרעמל פאַרב פאַר די קלויסטערדעכער, מיט צעשטשירעטע ציין און רויטע יאַסלעס און מיט אַ :

— גוט מאָרגן, רב ! כ׳בין געקומען צום רב מיטן ראַנע־מאָרגן פרעגן אַ שאלה. אַ היימישער גוי, דער קלויסטער־גבאי פון טאַראַוויטש, האָט גע־קויפט ביי מיר אין קלייט פאַרב פאַר זייער טומאה. באַצאָלט און אַוועק־געגאַנגען. אָבער איך האָב נאָך ביי זיין אָפּציילן מיר די מזומנים געזען — אַ גאַנצן קאַרב צאָלט ער מיר איבער ! אַ גוייִשקער קאָפּ ! המם, מיין דאגה ? איך בין משה־מחויב צו לערנען אַן עשיו ציילן ? המם, נאָר טאָמער קוקט ער זיך שפּעטער אַרום, און דערזעט זיין בראָך און קומט צוריק מאָנען, — איז ווי דער דין, רב ? מעג איך אים דעם קאָפּ פאַרדרייען, ווי מען דרייט מיטן האָן צו די כפּרות ? אַ ? וואָס זאָגט דערויף, רב, אונדזער שולחן־ערוך ? מיין פלוניתטע, די צדיקת שרייט : „שלמה, גיב אָפּ ! זאָלסט אים דאָס געלט אָקעגן טראָגן !״. זאָג איך : „כאַפּ נישט ! איך וועל הערן וואָס דער רב זאָגט, נישט, להבדיל, וואָס דו, „שלא עשני״ *, זאָגסט״. בין איך נישט גערעכט, רב ? זי פּסקנט לויט איר „צאינה וראינה״, און איך וויל הערן וואָס אונ־דזער שולחן־ערוך זאָגט.

דער רב האָט שוין דערוויל צוזאַמענגעלייגט דעם טלית און שטופּט אים אַריין אין טלית־זאַק. אויף זיין ערנסט, אָנגעברוגזט פּנים, מיטן זיך קנייטשנדיקן שטערן אונטער דער יאַרמלקע, מיט דער האָריקייט וואָס איז ווי האָרטער, האַרבער געוואָרן, מיט אויגן וואָס קוקן עקשנותדיק אין זיך אַריין, — איז באַשיימפּערלעך צו זען, אַז דער שאלה־פרעגער מיט דער שאלה צוזאַמען זענען אים שטאַרק דערווידער. ס׳איז אים נישט ניחא צו געבן אַ תשובה, און ער גיט זי טאַקע נישט גלייך אויפן אָרט.

„...וואָס איז דאָ אַזוי פיל צו טראַכטן ? — וווּנדערט ער זיך, דער קרינ־

---

* און ווו איז דאָס לאָם פאַר אַ בראַנדאָפּפער ?

** וואָס ער האָט מיך נישט באַשאַפן. געמיינט : אַ פרוי.

קער ישיבה־בחור, אין זיין תמימות, — אַ מענטש האָט אַ טעות געהאַט, איז פאַר וואָס זאָל ער היזק האָבן ?! נאָר אַז דער רב טראַכט שוין יאָ אַזוי לאַנג, איז טאַקע טשעקאַווע, וואָס ׳עט ער פּסקענען ? אפשר וועט ער זיך גאָר אַ צעשריי טאָן אויף שלמהקע „דעם מטורף״ : „דו, אַזעלכער און...״

און אָט טוט אים דער רב אַ שלאָג איבער דעם געדאַנק :

— המם, על־פּי־דין איז דאָס רובל דיינס. המם, „טעות גוי מותר״ *. ס׳איז דיינס, און ביסט נישט מחויב עס אים אומצוקערן... קכע־קכע־קכע !... קכאַ־קכאַ־קכאַ !

ער פאַרגייט זיך פלוצעם, דער רב, אין אַ הוסט אויף קולי־קולות, ווי זיין שטייגער איז, ווען ער ווערט אויפגערעגט. מיט אַ וויטיקלעכן און הייזעריקלעכן נאָכקרעכץ, אַרויפּציִענדיק בלעזלדיקע פליאַגמע פון זיינע צעלעכצטע לונגען. ווי מען וואָלט אים אָט די לונגען פון אינעווייניק אַרויס געריסן. זיין פּנים איז פאַרלאָפן מיט רויטס, געמיניעט מיט בייזער פינצטערקייט, ווי ער וואָלט זיך איצט בייזערן אויף שלמהקען, פאַר וואָס ער האָט אים דערפירט צו אַזאַ מעמד. און שלמהקע „דער מטורף״ שטייט שוין איצט קעגן אים מיט אַ פאַרמאַכט מויל, זיך לעשנדיקע אויגן און בלאַסלעכע באַקן איבער דער שוואַרצער באָרד : צי האָט דער רב נאָך עפּעס אים צו זאָגן ?... אָבער ער וועט דאָך אים נישט זאָגן אַ „גוטן טאָג״ אין מיטן הוסטעניש אַריין. ער זאָל נאָר נישט טאָן, דער רב, אַ פאַל איין, רחמנא־לצלן.

— נאָר הער מיך אויס, שלמהקע ! — טוט דער רב אַ זאָג, נאָך אַן אויסגעצויגענעם קרעכץ, מיט האַרבער באַפעלערישקייט. — אויב דער ערל וועט קומען צו דיר אָפּנעמען דאָס רובל, המם, און דו וועסט עס פאַרלייקענען, און ער וועט זאָגן : „לאָמיר גיין צו אייער ראַבין... ווי ער וועט פּסקענען״, און איר וועט בײדע קומען צו מיר אויף אַ דין־תורה, — זאָלסטו וויסן זיך — דו הערסט ? אַז איכל דיר געבן אַ שבועה...

שלמהקעס פּנים הייבט זיך אָן צעגיסן אין אַ שמייכל צו זיינער אַ מחשבה. אָבער דאָ צעשרייט זיך אויף אים דער רב, ווי ער זאָל פאַרשטיין דעם מיין פון זיין שמייכל, אָדער טראַכטן, אַז שלמהקע איז קאַפּאַבל, חלילה, ווידערצושפּעניקן זיין פּסק :

---

* פון אַ גויס אַ טעות מעג מען געניסן.

— יאָ, איכל דיר געבן אַ שבועה, און די שבועה, זיי וויסן — דו הערסט, שלמהקע? — וועט זיך אָן אמתע שבועה. אָן פּאַרטלען. זאָל דיר נישט דאַכטן בעת־מעשה, אַז איך טו עס נאָר לפּנים. איך טו עס לויטן שולחן־ערוך, נישט לויטן „צאינה־וראינה", מפּני דרכי־שלום... זאָלסט נישט מיינען, אַז דו וועסט קענען מאַכן עפּעס פֿאַלשע דריידלעך אין דער שבועה — זאָגן דאָס און מיינען יענץ. ווען מען שטייט פֿאַרן בעזן־צדק, שלמהקע, דריידלט מען נישט מיט דער צונג. איכל נישט דערלאָזן אַ ייִדן שווערן פֿאַלש! זאָלסטו אים אָפּגעבן דאָס רובל, דיין רובל, נאָך איידער איר טרעט איבער מיין שוועל.

ער, דער קרינקער ישיבה־בחור, קוקט — דאָ אויפן רב מיטן פֿייערדיקן פּנים און צעפּלאָמטע אויגן, וואָס אָט־אָט נעמט ער ווידער שיסן מיטן הוסטעניש, דאָ — אויפן צעטראָגענעם, בלאָספּנימדיקן שלמהקען, וואָס פֿינטלט מיט די מטורפֿע אויגן קעגן רבס פּנים, ווי קעגן דער זון. אים, וועלוולען, שטייען פֿאַר די אויגן די צווייטע עמודים פֿון שער־בלעטער פֿון ספֿרים — ספֿרים מיט בלויע, אָדער גרויגעלבלעכע האַריקע דפֿין, און ספֿרים מיט ווייסע גלאַטע בלעטער — וווּ סע שטייט בפֿירוש געדרוקט: „וזאת לדעת" — און דאָס זאָל מען וויסן, אַז אומעטום וווּ ס׳ווערט דער־מאָנט דאָס וואָרט „גוי", אָדער „נכרי" מיינט מען עס די „עכום", די אַמאָ־ליקע געצנדינער, וואָס האָבן נישט געגליבט אין דעם איינאונאיינציקן לעבעדיקן גאָט, אָבער נישט די מענטשן פֿון די פֿעלקער צווישן וועלכע מיר וווינען און אין זייער שאָטן געפֿינען מיר שוץ", — ווי אַזוי זשע האָט דער רב געקענט היינט פּסקענען „טעות גוי מותר"? ס׳איז דאָך גזילה! גזילה! גזילה! המם, ס׳איז נישט „טעות גוי", — נאָר — „טעות רב"! און אַז אַפֿילו אַ געצנדינער איז וואָס? וואָס איז אַ געצנדינער? אַ בלינדער, און אַז אַ בלינ־דער גליטשט זיך אויס, דאַרף מען אים נישט אויפֿהייבן?

איבערצופֿרעגן איז ער פֿון דעסטוועגן נישט דרייסט. מער וואָלט אים נישט געפֿעלט. דערווייל פֿאַרהערט ער אין די מחשבות וואָס זיי רעדן ווייטער.

— כ׳וועל מקיים זיין ווי דער רב פּסקנט, — לאָזט זיך שלמהקע צום אַרויסגיין, — אַ גוטן טאָג, רב... אפשר וועט דער אייבערשטער העלפֿן, און ער וועט גאָרנישט קומען, דער ערל.

— מהיכא־תיתא, זאָל ער דיר העלפֿן.

— זאָל ער פריִער אַ פּוס צעברעכן...

„ווער ? — טוט ער, וועלוול, אַ טראַכט און צעלאַכט זיך נישט שיר, — דער אייבערשטער ?...".

— אַז דאָס רובל איז על־פּי שולחן־ערוך מיינס. — לאָזט אויס שלמהקע און בלייבט שטיין פאַר דער שוועל. ער טוט זיך אַ קראַץ הינטערן היטל אין דער פּאַטיליצע, ווי זיך מישב מיט זיך אַליין, צי זאָל ער זאָגן דעם רב וואָס סע גלוסט זיך אים זאָגן ? און ער זאָגט. — דער רב ווייסט, וואָס ער האָט מיר געזאָגט, דער ערל, פאַר זיין אָוועקגיין ? „כ'וואָלט ביי דיר, כאַזאַיען, געבעטן, — זאָגט ער מיטן טרייפענעם מויל, — זאָלסט מיר געבן אַ „האָס־טינעץ"*, מאַצאַ פאַר די קינדער, נאָר כ'האָ' מורא...". מיינט אפשר דער רב, ער האָט מורא, טאָמער 'על' איך אים אָפּזאָגן ? ניין. „כ'האָ' מורא. — זאָגט ער, — נאָך מיין זיידע האָט אונדז, די אייניקלעך, דערציילט, אַז די ווייסע יידישע מאַצאַ ווערט פאַרמישט מיט קריסטלעך בלוט". ווייסט דער רב, וואָס שלמהקע „דער מטורף" האָט אים אַריינגעלאַמורט, דעם גראָבן קאָפּ ? — און שלמהקעס פּנים שיינט ווידער אויף, זיגעריש־צעלאַכט, אַנט־פּלעקנדיק די יאָסלעס איבער די ציין. — יידן פאַרמישן טאַקע זייער מאַצאַ מיט בלוט... פון די אייגענע בלוטיקע טרערן. אָבער עשיוס ברויט איז אַ גאַנץ יאָר פאַרמישט מיט יידיש בלוט. נאָך פון קעשעניעווער פּאָגראָם און פון נאָך פריִער. נאָר וואָס האָט ער פאַרשטאַנען פון מיינע רייד, דער פּויערי־שער קאָפּ, אַז אַפילו רעכט ציילן קען ער נישט... דער רב, זע איך, הערט מיך נישט... איז אַ גוטן טאָג, רב. און אַ כשרן פּסח ביי אַלע יידן.

ער פאַרמאַכט די טיר הינטער זיך. הייבט אויך ער זיך אויף, דער קרינקער ישיבה־בחור, און שלייכט אַרויס אומבאַמערקט : „דער רב איז איצט אויפגערעגט און האַרב — איז אַוודאי גלייכער ערשט פון אים נישט פאַרהערט צו ווערן...". אָבער טיפער אונטער זיין שאַרבן ציִען זיך אַנדערע מחשבות : זענען, הייסט עס, די „וזאת לדעת"ן אויף די צווייטע עמודים פון די שער־בלעטער אין די ספרים נישט מער ווי „צביעות מפני דרכי שלום"... אַז מע דאַרף, נאַרט אָפּ אויך די רעליגיע ? און אַז אַ געצנדינער, איז וואָס ? המם, און פאַר וואָס האָט גאָט באַפוילן משה רבנון אומברענגען די פעלקער פון לאַנד כנען ? זיי האָבן דאָך אַליין זייערע קעפּ נישט אונטערגעטראָגן, ווי

---

* אַ מתנה.

דער טאָראָוויטשער קלויסטער־גבאי זיין רובל, סע זאָל זיין „טעות גוי״! און וואָס איז שולדיק דעם „מטורפ״ס גוי, אויב ער גלייבט זיך זיידן, אַז ייִדן טוען אַריין בלוט אין דער מצה? וואָס איז ער שולדיק, אַז ער האָט אַ פאַר־שטאָפּטן קאָפּ און מאַכט אַ טעות אין ציילן? און צוריק גערעדט — וואָס איז היינט שולדיק שלמהקע, אויב ער האָט אַ היתר פונעם רב אויף גזילה? המם, גליך ווי די ייִדן אין כנען האָבן געהאַט אַ היתר פון גאָט אַליין אויף רציחה? המם... איז וואָס ווידער שולדיק היינט דער רב? — —

אין אַט דעם מאָמענט טוט זיך אין מאַציוועוס אויפגערעגטן דמיון אַ טויש איבער די סצענע:

...מיט אַ וואָך צוריק, ביים ראש־ישיבה אין חדר. ער, וועלוול, פרעגט אים עפּעס אין לערנען. פלוצעם שלייכט אַריין אַ דזשאַד, אַ ליטווין, מיט אַ הוילן קאָפּ, דאָס היטל אין דער האַנט... ניין, ער בעט נישט קיין נדבה. אַ ברכה בעט ער ביי דעם „צדיק״, און זיין פּנים איז צער און בקשה... דער ראש־ישיבה באַקומט אַ פול פּנים מיט רחמנות אויפן אַלטן גוי, און זיינע אויגן קוקן אַרויסגעשטאַרצט־צעמישט. זיין בלאַנדזשענדיקער בליק טרעפט אָן אויף זיין תלמידס אויגן, און מע זעט בפירוש, אַז ער ווערט פאַרשעמט... ער מורמלט דעם גוי עפּעס אַ ברכה און טוט אים אַ וויז מיט דער האַנט, ער זאָל שוין גיין. דער ליטווין טוט מיט אַ געצנדינעריש־פאַרדבקהט פּנים אַ כאַפּ אָן דעם רבינס האַנט און פאַלט צו צון איר מיט די וואָנצעס. דער ראש־ישיבה טוט מיט פלאַטערניש אַ כאַפּ די האַנט צוריק, ווי אָפּגעבריט, זיין קאָפּ טוט זיך נערוועז דריבנע אַ צעשאָקל אויף ניין, ווי אָפּגעשאָקלט זיך פון עבודה־זרה... דער ליטווין, אַ געבויגענער זקן, ווי אַ פוילנדיקער פּניאָק, שלייכט אַרויס מיט וואַקלדיקע טריט און צעשאָקלטן, אַנטבלויזטן קאָפּ. און דער רבי טוט ערשט נאָך אַ מאָל אַ קוק אויף אים, זיין תלמיד, מיט אַ שעמעוודיקן, שולדיקן שמייכל. — —

פרעגט ער זיך איצט, וועלוול: וואָלט דער ראש־ישיבה אויך געפּסקנט: „טעות גוי מותר״? המם, ביי פרומע ייִדן איז דאָך אויך אַ ייִד וואָס לערנט נישט, וואָס דאַוונט נישט — אַ גוי, — שיקט זיך עס אַז אויך ביי אים איז „טעות גוי מותר״?

זיין אויער כאַפּט אויף דעם אירישישאָקערס קול־תורה, און ער ווערט בייז אויף זיך אַליין: איי, מע טאָר זיך נישט פאַרדמיונען! מע דאַרף לערנען!

ער שטעלט איבער די מחשבות אויף דער אָפענער גמרא פאַר זיך, װעלכע װאָרט און מאָנט, און הייבט אָן מיט זיין ניגון:

— און סומכוס זאָגט... איי־איי... המם... אַז מע לערנט נישט, איז מען אַ גוי, און אויב אַ גוי, איז דאָך: „טעות גוי מותר"... אוי־ווי, איך לערן דאָך נישט צו דער זאַך...

7

שבת ביי טאָג. דער הונגער, נאָך דער באַלעבאָסטעס מאָגערער סעודה, טוט שטאַרק אַ נאָג דעם מאַציעווער אונטערן האַרצלעפּעלע. רייסט ער ביי־גוואַלט איבער אין מיטן זיין התמדהדיק לערנען און לויפט „אַהיים" צו דערכאַפּן דאָס האַרץ מיט עפּעס.

זיצט ער איצט אויף זיין קוואַרטיר, מיטן רוקן צום טויטן מידל אויף דער װאַנט, מיטן ערנסטן פּנים צום פענצטער, װאָס לאָזט אים זעען בלויז אַ ראַנד פאַרשמוציקטן װעג פון דער גאַס, און קנייפּט אַרויס שטיקלעך פון אַ האַלבער, שבתדיקער, טונקעלער חלה. ער טונקט זיי אין אַ גלאָז קוואַס... ווי שיך ער איז דער גרינער קוואַס מיט די פּאַטשינקע לעבעדיקע גאַז־בלעזלעך אין אים! מים־חיים... ער דערכאַפּט טאַקע דאָס האַרץ, דערקוויקט דאָס געמיט, אָבער — זעטיקט נישט דעם מאָגן. דער מאָגן פילט זיך אַלץ ליידיק און מאָנט נאָך, נאָך. דער איישישאָקער קען זיך פאַרגינען היינט צו לערנען מיט נאָך מער התמדה: ער האָט דאָך אַ פולן בויך מיט פּעטן טשאָלנט פונעם פרעמדן טיש.

און אַזוי־אַ, אַ נישט געזעטיקטער און אין מחשבות, איילט ער זיך נישט צו לויפן צוריק אין דער ישיבה, ווי ער האָט עס געטראַכט, ווען ער איז פון דאָרט שנעל אַהער געגאַנגען. ער פאַרגינט זיך צו פאַרציִען אַ ביסל דאָס קייען און דאָס טראַכטעניש:

...חוץ מיטן שבתדיקן זעטיקן עסן, האָט ער שוין היינט נישט, דער איישישאָקער, מיט װאָס זיך צו גרייסן קעגן אים. ער, װעלוול, איז שוין אַזאַ מתמיד ווי ער! און װאָס שייך כשרונות — נו, װעט מען נאָך זעען! אַ גרעס־סערע „חלוקה" קריגט דערווייל ער, נישט דער איישישאָקער! נישט מער, צי װעט ער, װעלוול, אין די געציילטע װאָכן ביזן אַהיימפאָרן אויף פּסח באַוויזן אָנצוזאָגן דאָס אַלץ װאָס ער האָט פאַרפעלט אין די צוויי מסכתאס

ביידע זמנים? אוי־אוי — ניין. "יום תעזבני" — אויב דו וועסט מיך, זאָגט די תורה, איין טאָג פאַרלאָזן, "יומים אעזבך" — וועל איך דיך צוויי טעג פאַרלאָזן. איז עס אַ קלאָרער חשבון — ער האָט אָנגעוווירן טאָפּל וויפל ער האָט פאַרפעלט! פאַרשפּילט גאַנצע חדשים אין בטלה, ווי... אַ קאַרטיאָזשניק חנוכה אין קאָרטן. ער יאָגט זיך, יאָגט זיך אָפּצוגעווינען דאָס פאַרשפּילטע. יאָגט זיך שוין נישט דערפאַר אַפילו עפּעס מחדש צו זיין... זיינע "חידושי־תורה" משטיינס געזאָגט! אַ שאָד, אַ שאָד די צייט! האָט ער שוין נישט מיט וואָס צו קומען צום ראש־ישיבה. דאָס איז מסתם אויך די סיבה פאַר וואָס דער איישישאָקער גייט נישט צום ראש־ישיבה — נישט ער האָט צייט דערויף, נישט ער האָט מיט וואָס... וואָס טראַכט טאַקע דער ראש־ישיבה וועגן אים, וועלוולען? אַז ער איז קאַליע געוואָרן, דער מאַציעווער? און ער האָט נאָך מיט אים געטאַנצט אום פּורים, ווי ער וואָלט זיין אַ... ניין! דער משגיח גיט דאָך אים אוודאי איבער, אַז אַ נייער מתמיד איז, געלויבט דער אייבערשטער, צוגעקומען אין דער ישיבה: דער מאַציעווער...

ווערט אים פון דעם געדאַנק הייטערער אויפן געמיט, און ס'טוט אים אַ ריזל דורך אין מוח אַ "חידוש", וואָס מאַכט אים נאָך הייטערער: דער זעלבער פּסוק פון דעם מדרש קאָן דאָך געזאָגט ווערן אויך פאַרקערט — "אויב דו וועסט זיך יאָגן נאָך מיר, — זאָגט די תורה — איין טאָג, וועל איך דיר אויף צוויי טעג אַנטקעגן לויפן"! — ער וועט יאָ באַוויזן.

ער שאַרט גיך־גיך צוזאַמען די ברעקלעך פון דער צעשטיקלטער חלה אויפן אויסגעריבענעם טישטעך, טוט זיי מיט דער צונויפגעהויבענער דלאָ־ניע אַ וואָרף אַריין אין מויל, אַ פאַרטרונק מיטן לעצטן ביסל גרינעם קוואָס, וואָס בלעזלט שוין אַפילו נישט, ביז אַ טראָפּן און אַ לאָז זיך גיין שנעל צוריק אין דער ישיבה. זאָל זיך דער איישישאָקער נישט פּאַטשן אין זיין שבתדיקן אָנגעשטאָפּטן בייכל: "שישו בני מעי" — פרייט זיך געדערעם מיינע. אָבער אין דעם מאָמענט קלאַפּט אָן אַ פינגער־קנעכעלע אין צוגעמאַכטן טירל. טשעקאַווע: ווער קאָן דאָס פּלוצעם זיין? צו אים? צום איישישאָקער? ער טוט אַ וויש אויס מיט דער צונג דאָס רעשט עסן צווישן די יאַסלעס און די ליפּן:

— ביטע.

— גוט שבת דעם מאַציעווער מתמיד פון דער ישיבה "כנסת בית יצחק"!

— קומט אַריין שמעיה דעם רבס מיט זיין רחמנותדיקן שמייכעלע אויפן זייער ערנסטן, אָפּגעברוינטן, געראַזירטן פּנים.

— אַ גוט יאָר דעם מאַציעווער עילוי פון דער ישיבה „כנסת ישראל"!

— ענטפערט אים וועלוול אין זיין נוסח און גאָר אויפגעלייגט, ווי מע באַ־געגנט אַן אָנגעלייגטן, שוין לאַנג נישט געזעענעם גאַסט. — וואָס טיטוליר־סטו מיך עפּעס פּלוצעם: מתמיד?

— זעסט דאָך, — פּאַר שמעיהן איז קיין סוד נישטאָ! — טוט זיך שמעיה גלייך אַ באַרים, נאָר וועלוולען איז איינצייטיק ניחא און נישט־ניחא וועגן דעם צו רעדן, לענקט ער אָפּ קווענקלענדיק דעם שמועס:

— אַזאַ אומגעריכטער גאַסט! זעץ זיך, שמעיה.

זעצט ער זיך שוויגנדיק, און זיין רחמנות־שמייכעלע ווערט אַנזעעוו־דיקער, נאָר סודיקער. ער איז צופרידן שוין פון דעם גופא וואָס ער האָט וועלוולען איבערראַשט, געמאַכט אים אַ סיורפּריז. און זאָל טאַקע וועלוול אַרויסברענגען זיין גאָרע פאַרוווּנדערונג.

וועלוול שטויסט זיך עס אָן און טוט אים צוליב, כדי צו פאַרשאַפן אים נחת:

— ביסט דאָך מיר ערשט, שמעיה, אויב נישט ווי פונעם הימל אַראָפּגע־פאַלן, איז ווי פון אונטער דער ערד אַרויסגעוואַקסן! ווי אין פּסוק שטייט: „אמת מארץ תצמח" — אמת שפּראָצט פון אונטער דער ערד אַרויס...

נאָר קוים עס אַרויסגעזאָגט, איז ער גרייט דעם שפּיץ צונג זיך אָפּצו־בייסן: שמעיה קאָן עס נאָך אויסטייטשן ווי אַ שטאָך אויף זיין שטייגער ליגן צו זאָגן... כאַפּט ער זיך צו רעדן ווייטער נאָך ערנסטער און האַרציקער:

— ווי גוט דו ביסט געקומען, שמעיה! סאַמע צו דער צייט, ווי אַ „דבר בעתו"*. איידער מירן זיך אַרומקוקן, וועט אונדז דער פּסח אַ שנעל טאָן אין דער נאָז. אין דער היים באַקט מען שוין מצות. איז לאָמיר זיך אָפּריידן: נישט צוזאַמען געקומען צו פאָרן, וועלן מיר כאָטש צוזאַמען אַהיים פאָרן. וועט זיין פריילעכער. „טב למיתב טן דו מלמיתב אַרמלו**" — ס'איז בע־סער זאַלבעצווייט, איידער אַליין.

— אם כן, ביסטו זיך מודה, וועלוול, אַז דו ביסט אַ ייִדענע... כע־כע־

---

* אַ וואָרט אין דער צייט.

** ס'איז בעסער צו זיצן זאַלבעצווייט, איידער צו זיצן אַן אַלמנה.

כע... — צעציקלט זיך שמעיה, אָבער נישט אַזאַ שמועס, וואָס שמעקט מיט קוועטשן די באַנק, איז אים צום האַרצן. ער באַגערט נאָך שטאַרקער איבער־צוראַשן וועלוולען. לעשט ער אויס דאָס געלעכטערל און נעמט רעדן ערנסט און שטיל, מיטן רחמנות־שמייכעלע אויפן פנים, סע זאָל זיין גאָר־גאָר סודיק:

— המם... איך פאָר בכלל נישט אַהיים היינטיקס יאָר. ס'איז מיר אַ שטאַרקער, שטאַרקער שאָד זיך צו שיידן מיט אַ געוויסן עמעצן אויף גאַנצע צוויי וואָכן. המם... שיר זיך נישט אַרויסגעכאַפּט!

ער טוט ממש אַ פאַרבייס די אונטערשטע דיקלעכע ליפּ:

— המם... יאָ. נאָר דו וועסט דאָך אויך נישט פאָרן.

— וואָס הייסט? פאָר וואָס?! — איז וועלוול שוין אויף אַן אמת גע־פלעפּט, פאַר וועלכן שמעיה דערפילט צון אים ממש אַ ליבשאַפט.

— המם... הער, וועלוול. דערפאַר... מענטשן, וואָס קאָנען זיך אויף די היגע טייכן און רעדן ווי פון אַ לוח אַרויס, די איבערשיפער און וואַשעווני־קעס, זאָגן: האַ־יאָר וועט די קרע פון דער ווילִיע און דעם ניעמאַן אַוועק רב פסחן סאַמע פאַר דער נאָז, נאָכן פאַרברענען דעם חמץ. די הילצערנע בריק איבער דער ווילִיע וועט, ווי אַלע יאָר, זיך פאַרטראָגן צון אַל די רוחות, און מע וועט נישט קענען אַריבערפאָרן קיין קאָוונע אַזש ביז נאָך פסח. די בריקעס זייערע זענען אין גאַנצן צעריגעוועט געוואָרן איבערן ווינטער, האָבן געפּלאַצט פון די שטאַרקע פרעסט. און אויפשטעלן צוריק די בריק געדויערט שטענדיק ביז שבועות. אַלע פאַטראַנעס, זאָגן זיי, וועלן במחילה מוזן עסן מרור און האַלקעס אין סלאַבאָדקע. אפשר אויף שבועות וועלן מיר קענען פאָרן, אויב דער געוויסער עמעצער, המם... וועט עס מיר דערלויבן.

די גאַנצע צייט פון זיין רעדן גייט נישט דאָס רחמנות־שמייכעלע אַראָפּ פון זיין פנים, און זיין בליק עקבערט אין וועלוולען, צי ער גלייבט.

וועלוולען לויפט אַפילו פאַרביי אַ מחשבה: פאַר אַ יאָרן גלייך נאָך פסח בין איך דאָך געקומען צו פאָרן דווקא מיט דער בריק? אָבער די מעג־לעכקייט נישט צו קענען אַהיים פאָרן אויף פסח מאַכט אים מבולבל:

— וואָס הייסט? וואָס רעדסטו, שמעיה? וואָס זשע וועל איך טאָן?!

— וואָס אַלע ישיבה־בחורים. — זאָגט שמעיה אומעטיק־באַדויערנדיק און לעבט איבער פאַרבאָרגענע שאַפונגספרייד, זעענדיק ווי זיין קרבן ליגט

שוין אַ געבונדענער און צאַפּלט זיך: וועלוול נעמט אָן זיינע רייד פּאַר זהב טהור, לויטער אמת. אויב אַזוי איז ער גרייט שוין אים צו העלפן. — המם... סיידן... המם... ווייסט? איך — כ'דאַרף נאָר וועלן — וואָלט איך י'אַ געקענט פאָרן. המם. און א־פ־ש־ר אויך דיך מיטנעמען.

ער ווערט אַנטשוויגן מיט אַ שטאָלץ שמייכעלע אויף די וואָנצעס, צו פאַרשטאַרקן וועלוולס נייגער און טאַקע צוצוטראַכטן דערוויל ווי צו מאַכן עס שענער, איבערראַשנדיקער.

— ווי אַזוי? — איז וועלוול, ווי אַ היפּנאָטיזירטער, גלויביק און אומ־געדולדיק, און זיינע אויגן בעטן, וואַרטן דעם ענטפער.

— ווי אַזוי? המם. ווי אַזוי, פרעגסטו? גאָר פשוט. הער!

זיך פנים, פון אַן איבערגעוואַקסענעם בחור, באַקומט אַ קינדיש־אומ־שולדיק־שעמעוודיק מינעלע, און טיף אין זיינע טונקלברוינע אויגן, פאַר־קוקטע און צעשיינטע אויפן שיינעם פנים פונעם מיידל אין דער ראַם אויף דער וואַנט, גליַען־שפּילן פינקעלעך פון באַגער און שעפערישקייט:

— הער, וועלוול, נאָר, — טוט ער אַ לייג די שפּיצן פינגער אויף די ליפּן, ווי זיי אַ קוש צו טאָן, — פּתח שין! המם. לאָמיר מאַכן אַ שפּאַציר צו די פאָרטן. וועל איך דיר שוין אַלץ אויפן וועג דערציילן. און פאַר איין וועגס וועל איך דיר וויזן ווו איך גליטש זיך אויף דער געפרוירענער פּאַסע דאָרטן אַפילו אַן „קאָנקעס“*. אַן אַנדערער, נישט איך, קען פאָרן גליטשן זיך דאָרט באַקומען אַ גליטש מיט דער מחילה גליך אין תפיסה אַריין... נו, מיר גייען?

— כ'ווייס? — קווענקלט זיך וועלוול אין זיין שוין אַ ביסל אָפּגעקילטן גלויבן. — די גמרא וואַרט דאָך דאָרט אויף מיר אין דער ישיבה.

— קיין סכנות נישט. אויף אַ מתמיד די גאַנצע וואָך מעג זי אום שבת צו שלש־סעודות אונטערוואַרטן אַ ביסל... ווילסטו נישט, הייסט, פאָרן אויף פּסח אַהיים?

— נו, גוט. — מאַכט זיך וועלוול האַרץ, פילנדיק אַז ער טוט שלעכט, וואָס ער לאָזט זיך פירן פון שמעיהן, ווי „יצחק צו דער עקידה“. — נאָר נישט אויף לאַנג. אין דרויסן איז אַזוי קאַלט.

— האָסט אָודאי, וועלוול, היינט אַ מאָגערן און קאַלטן טשאָלנט געגעסן.

— איז שמעיה גאָר גוט אויפגעלייגט. — נו, קום.

---

* גליטשאַצונס.

ער פירט אים גדלותדיק דורך אַ לאַבירינט פון שמאָלינקע געסלעך און קווּעלט אָן פון זיך:

— אַליין וואָלסטו זיך דאָ אַרויסגעדרייט? אַ? און איך וועל דיר דאָ טרעפן אין מיטן דער נאַכט מיט אַרומגעבונדענע אויגן! אַז סע מאַכט זיך אַ מאָל — —

אַרויפגעקומען ענדלעך אויפן שליאַך, וואָס פירט צו די פאַרטן, און פאַר די אויגן שפּילט קעגן דער קאַלטער זון דער ווייסער שניי אויף די פעל־דער, ווי טישטעכער אויסגעשפּרייטע לכבוד שבת, דערמאָנט אים ענדלעך וועלוול אין דעם וואָס ער האָט שוין פאַרגעסן:

— איז וואָס איז, שמעיה, מכוח פאַרן אַהיים, וואָס דו האָסט פריער געזאָגט:

— אַ? — דערמאָנט ער זיך שווערלעך, — וועגן דעם פאָרן? — און מיט אַ מאָל אויפגעלעבט, — יאָ! איז הער. ס׳איז אַ גאַנצע מעשה. המם... כ׳האָב זיך באַקאָנט מיט איינער אַ גויִשער פריילין. ס׳זאָל נאָר צום „אַלטן״ נישט אָנקומען. מער וואָלט מיר נישט געפעלט.

וועלוול וויל אים אַ פרעג טאָן, וועמען ער מיינט: דעם „אַלטן״ פון זיין ישיבה, אָדער דעם אַלטן טאַטן, דעם רבי, נאָר ס׳כאַפּט זיך אים אַרויס אַן אַנדער פראַגע:

— אַ פריילין? אַ ליטווישע שיקסע הייסט עס?

— ניין, גראָד אַן אמת רוסישע. מיט אַ צלמל הינטער דער בלוזקע. המם. כ׳האָב זי איין מאָל... דאָס איז געווען אום זומער. אום חודש אלול, ווי אויף צו להכעיס. אין קאַזונע, אין דער הויפּט־אַלייע. האָב איך זי פאַר־טשעפּעט מיט... אַנו, פּרוּוו טרעפן מיט וואָס? כ׳האָב געטאָן אַ פאָר אַרויף אויף איר מיטן פעדאַל פונעם וועליסאָפּעד... יאָ, כ׳פאָר מיט אַ וועליסאָפּעד, וואָס איך דינג אויף אַ שעה צייט. כ׳האָב קיין ברירה נישט געהאַט, געמוזט אויסמיידן אַ רייטער, וואָס האָט זיך אָנגעטראָגן אויף מיר גאַלאָפּ... דער טייוול ווייסט אים, פון וואַנען ער האָט זיך גאָר דערנומען אויף דער אַלייע! טו איך אויף איר אַ פאָר אַרויף און — צי־י־י־ס־ס־ס! אַ ריס דאָס קלייד פון סאַמע פאַרנט... און גיי ווייס אַז ס׳זענען פאַראַן מיידלעך וואָס טראָגן גאָרנישט אונטערן קליידל... זי בלייבט שטיין אין מיטן דער אַלייע, ווי חוה אין גן־עדן, נאַקעט־שבנאַקעט. זי ווייסט נישט וואָס פריִער מיט די הענט צו פאַרשטעלן, פאַרשטייסט? צי אויבן, צי אונטן. שלעכט! וואָס

זשע, מיינסטו, טוט מיין שמעיה? אַ כאַפּ זי — אַזאַ דאַר און לייכט מיידל, ווי אַ פעדערל! — אַ פאַרוויקל אינעם צעריסענעם קלידל, ווי אַ מגילה, אַ זעץ אַרויף פאַר זיך אויף דער רעם פונעם וועליסאַפּעד און — קאַטיי! זי ווייזט מיר מיטן פינגער וווהין צו פאָרן. און דערוויל אויפן וועג שליסט מען באַקאַנטשאַפט. איך ווייס שוין אַז איך פיר זי, נישט מער און נישט ווייניקער — צו דער פעסטונג! המם... וואָס ביי איר אין דער היים האָט זיך עס אָפּגעטאָן! פרעג שוין גאָרנישט! און ווער, פרעג, איז איר טאַטע? (קיין מאַמע האָט זי נישט, זי איז אַ יתומה). המם. טראַכט אַפילו נישט — וועסט נישט טרעפן! דער קאָמענדאַנט פון דער פעסטונג! און פון די פאַרטן, צו וועלכן מיר גייען ערשט. אַ ברודער פונעם קאָוונער גובערנאַטאָר.

— אַ מעשה פון טויזנט און איין נאַכט! — באַוווּנדערט וועלוול אין גאַנצן ערנסט, מיט וואַרעמקייט פון גלויבן און דורשטן צו הערן נאָך. ער איז פאַרהיפּנאָטיזירט פון דעם ממש ווילדער מעשה. איז אַזוי פאַרטאָן, אַז ער שפּירט נישט ווי דער פּראָסט דרינגט דורך זיין אָנטאָן און די שיך און פאַרשטייפט די פינגער פון די פיס.

— המם, — קוועלט שמעיה און קאַכט ווייטער זיין הייס געקעכץ אויפן פּראָסט. — קום איך, ערשט נעכטן טאַקע, צו דער פריילין צו גאַסט, און ס׳ווערט אַ רייד: ווי אַזוי וועל איך אַהיים פאָרן אויף „פּאַסכע״ אין פאַל, ווי סע זאָגן וואַשעוויניקעס (מיין באַלעבאַס איז אויך אַ וואַשעוויניק), אַז האַ־יאָר וועט די קרע אָנהייבן צו גיין סאַמע דעם טאָג ערב־„פּאַסכע״? זאָגט זי: „שמעיה, כ׳וועל דיך סיי ווי נישט לאָזן פאָרן״. המם... נאָר וועגן דעם לאָ־מיר איצט נישט רעדן. פּתח־שין! פאַרשטייסט?... און דאָ טוט אַ קום אַריין אין זיין גאַנצער אוניפאָרעם איר טאַטע, דער קאָמענדאַנט, כאַפּט־אויף אַ פּאָר ווערטער פון אונדזער שושקעניש און טוט אַ זאָג... אַ? וואָס פרעג־סטו, וועלוול, כ׳קען דען רוסיש? די קשיה איז קיין קשיה נישט! איך רעד מיט זיי ביידע דייטש. המם... יאָ, טוט ער אַ זאָג צו מיר: „אויב איר, הער בריל, קלייבט זיך צו פאָרן״ (זי, טאַטיאַנאַ, דוצט מיר שוין, און ער רעדט מיט מיר פער הער און איר, פאַרשטייסט?) „אויב איר קלייבט זיך צו פאָרן אויף אייער נאַציאָנאַלן פייערטאָגע אַהיים, וועל איך קענען אייך אָפּפירן צו דער באַן״... אַנו, טרעף אַדרבה, וועלוול, מיט וואָס?... און איך האָב גלייך געטראָפן!

וועלוול איז שוין איצט אויסגעניכטערט אַ ביסל. האָט אָבער פאַרט

הנאה פון הערן ווי די „מעשה פון רבה בר בר חנא״ * ווערט ביי שמעיהן געבוירן. מאַכט ער זיך תמעוואַטע און קנייטשט דעם שטערן:

— טאַקע. מיט וואָס אָפּפירן, שמעיה, אַז די בריק איז נישטאָ? המם. נייך, איכל נישט טרעפן. הער אויף ציִען דעם קליי פון די עצמות, ווי... דער פראָסט, און זאָג שוין.

שמעיהס פּנים שטראַלט. מיט אַן אַרויפגעהויבענער האַנט און אויפגעשטעלטן ווייזפינגער טוט ער אַ מאַך אַ האַלבן קרייז קעגן דעם בלויען פּראַסטיקן הימל, ווי ער וואָלט צייכענען אויף אים אַ רעגנבויגן אין סאַמע מיטן זומער נאָך אַ רעגן. וועלוול ווידער פאַררייסט דעם בליק, ווי איבערצולייענען דאָרט גאָטס שבועה, נישט צו ברענגען מער קיין מבול אויף דער וועלט, און לאָזט אים צוריק אַראָפּ אויף שמעיהס צעהיצט־באַגייסטערט פּנים מיט די גליִענדיקע אויגן, — פון אַזאַ פּנים אַרויס קאָן רעדן דאָס מויל, דאַכט זיך, נאָר אמת.

— נייך, — טוט וועלוול אַ זאָג אַנטשלאָסן און מיט נייגער, — כ׳שטויס זיך נישט אָן, שמעיה, כאַטש הרגע מיך אָוועק!

— מיט... מיט אַ לופטבאַלאָן! — טוט שמעיה אַ לאָז אַרויס די ווערטער מיט אַ קליין פּאַרע־לופטבאַלאָנדעלע פון מויל, באַגלייט זיין סיורפּריז מיט אַ זאַפטיק געלעכטערל, און זיין פּנים איז גליקלעך שטאָלץ צעקוועלט, ווייל ער אַליין גלייבט ערשט אין דעם וואָס ער זאָגט.

— מיט אַ לופטבאַלאָן?! — איז וועלוול דערשטוינט־מבולבל, ווי פון אַ ווונדער, וואָס מע זעט מיט די אייגענע אויגן.

— וואָס זשע, — איז שמעיה געחנפעט און רעדט שטאָלץ, ווי אַ מענטש וואָס רימט זיך מיט זיין אייגן פאַרמעגן, — ס׳פעלן דאָרט לופטבאַלאָנען אין פּעסטונג?! איך דאַרף נאָר מסכים זיין — פלי איך. ווייסט, וועלוול? שרעקן שרעק איך זיך נישט, אַפילו קיין האָרעלע נישט. המם... ער וואָלט מיך אַפילו ביז מאַציעוו אָפּגעפירט. מיין פריילין זאָל אים נאָר אַ בעט טאָן (אַז קיין ווייב האָט ער נישט — איז זי פאַר אים אַלץ!), און אַפילו דיך אויך. המם... נאָר דיין באַגאַזש נישט. וועלוול! דו וואָלסט זיך נישט געשראָקן צו פליִען? איז קום לאָמיר טאַקע פליִען צוזאַמען. המם, אפשר וועט נאָך די פריילין וועלן אונדז באַגלייטן... דו שטעלסט זיך פאַר וואָס ביי אונדז אין מאַ־

---

* אַ באַרימטער בעל־גוזמאות אין תלמוד.

ציעוו וואָלט זיך עס אָפּגעטאָן, ווען מיר טוען זיך דאָרט אַ לאָז אַראָפּ אין מיטן העלן טאָג ?! שדים !...

— שמעיה, — כאַפּט זיך וועלוול און רעדט פון דעסטוועגן זייער־זייער אײדל, נישט צו באַליידיקן, חלילה, דעם „צוקונפטיקן אײדעם פונעם קאָמענדאַנט פון דער קאָוונער פעסטונג" — האָסט דאָך גלייך אין אָנהייב מיר געענטפערט, אַז דו וועסט נישט אַהיים פאָרן ?

אַ רגע דאַכט זיך אויס אַז שמעיה פילט זיך אין קלעם — זיין פּנים האָט דעם אויסדרוק פון אַ קינד, וואָס פילט זיך שולדיק און וואַרט מע זאָל דעם אַראָפּציִען די הייזלעך. אַ פּנים פון אַ קינד מיט... אַ געראַזירטער באָרד און אונטערגעשוירענע וואָנסעס. אָבער שמעיה לאָזט אים לאַנג נישט טראַכטן:

— המם... אויך די קשיה איז קיין קשיה נישט. איך מיין — אויב מיין פריילין וואָלט מיר דערלויבן... ס׳הייסט... פאָרן, האָט זי געזאָגט, וואָלט זי מיר שוין דערלויבט, אָבער... דאָ עקאָ — די צרה איז... כ׳קאָן ביי איר בשום־אופן נישט פועלן, איך זאָל אַ שטיקל צייט אויפהערן זיך צו ראַזירן, פאַרלאָזן זיך אַ בערדל, ווי אין מאַציעוו ; איך קען דאָך נישט קומען צום טאַטן אָן אַ באָרד ! אים קאָן איך דאָך נישט ענטפערן, ווי דעם „אַלטן", אַז כ׳מאַך עס מיט אַ ראַזיר־פּראָשעק פון דייטשלאַנד. ווייסט ? רב שמשון רפאל הירש, דער „בעל־החורב", ראַזירט זיך דאָך אויך מיט אַ פּראָשעק — אַ רב און אָן אַ באָרד ! אָבער פאַר מיין טאַטן איז דאָס קיין תירוץ נישט. סיידן כ׳וואָלט אים דערוויזן, אַז משה רבנו אין דער מדבר האָט זיך געגאָלט מיט אַזאַ פּראָשעק, כדי זאַמד זאָל זיך נישט פאַרהאַלטן אין דער באָרד. אָבער דעמלט איז דאָך נאָך נישט נאָר דער פּראָשעק, נאָר דייטשלאַנד גופא נישט געווען אויף דער וועלט !... וואָס ? ווען אונדזער פּליִען ? ניין, איך וועל נישט פּליִען. המם... נאָר אפשר ביסטו גרייט צו פּליִען אַפילו אָן מיר ? וואָלט איך געפּרוּווט אויספועלן ביי איר. — וואָלסטו געבראַכט מיין טאַטן אַ לעבעדיקן גרוס פון מיר. אָן מיר, וואָלט ער אפשר, דער קאָמענדאַנט, אַריבערגעפירט דיך באַגאַזש אויך. כ׳ווייס ? נו ? גיב אַ פעסטן טראַכט און באַשליס.

איצט איז שוין פון וועלוולען אָפּגעטאָן דער גאַנצער היפּנאָז, ווייל ס׳האָט אים דורכויס דורכגענומען דער פראָסט. ער שעמט זיך ערשט פאַר שמעיהן, וואָס ער, שמעיה הייסט עס, בראַקט אַזעלכע אומגעלומפּערטע ליגנס און שעמט זיך גאָרנישט ! וועלוולס פּנים איז בלויז פון פראָסט און

פאַרדויטלט פון שעמעוודיקייט. ער פאַרקוקט זיך, זייער ערנסט כלומרשט, אין דער ראַזער שקיעה איבער אַ פאַרשנייטער שטרעקע, וואָס גיסט זיך צו־זאַמען מיטן הימלראַנד, און טוט אַ זאָג, ווי צו זיך אַליין:

— נו, מען דאַרף זיך אומקערן. עפּעס איז מיר אַזוי קאַלט געוואָרן. — און ער באַשטעטיקט עס מיט אַ דריבנעם ציטער.

שמעיהן ווערט מיט אַ מאָל קלאָר, ווי ער וואָלט זיך אויסגעניכטערט פון אַ שיכרות, אַז זיין צוהערער איז שוין פון קעלט אָפּגעקילט געוואָרן אויך צו זיינע רייד. דרייט ער זיך גלייך אויס און נעמט שפּאַנען שנעל צוריק אין שטעטל, ווי ער וואָלט אַנטלאָפן פאַר וועלוולען, אָדער פאַר זיך אַליין, און רעדט אויף אַהינטער צו וועלוולען, וועלכער שטייט אָפּ:

— איך האָב אויך שוין טאַקע נישט קיין צייט. הממ... איך צוגעזאָגט צו זיין היינט אין אָוונט ביי איר. מירן גיין אין אַפּערע. ווייסט, וואָס ס'הייסט אַזוינס אַן אָפּערע? נו, איך וועל עס דיר שוין אַן אַנדערש מאָל זאָגן. זי וואַרט שוין אַ וודאי. שטייט דאָרט אין דרויסן אויפן פראָסט מיט איר הונט. אַ הונט — אַ וואָלף! און וואַרט. הממם...

אָבער ער זעט איצט באַשיימפּערלעך, אַז גאַרנישט קען זיך שוין איצ־טער נישט קלעפּן צו וועלוולען. האַקט ער אָפּ און שפּאַנט ווי אַ ברוגזער, ביז זיי קומען אַריין,ביידע שווייגנדיקע, אין שטעטל אַריין. ער בלייבט שטיין מיט אַן ערנסט פּנים און זאָגט פרום־אומשולדיק, אָבער אַליין שוין נישט גלייבנדיק:

— איז ווי דו ווילסט, וועלוול. אויב וועסט באַקומען חשק צו פליִען — אַליין, אָן מיר, פאַרשטייט זיך — כאַפּ זיך אַריין צו מיר. איכל טאָן פאַר דיר אַלץ וואָס נאָר כ'וועל קענען. אַדיע! (דאָס וואָרט דאַרף באַשטעטיקן, אַז ער רעדט מיט דער פריילין דייטש...).

און איידער וועלוול באַוויזט אויסצוטייטשן זיך זיין אייגענעם שמייכל מיט די ווערטער: „האָסט דאָך נאָך מיר נישט געזאָגט ווו דו וווינסט!" — איז ער שוין, שמעיה, פאַרשלונגען אין אַ פינצטערלעך, שמאָל געסעלע אינעם געסלעך־לאַבירינט. —

זיך דערשלעפּט אויף זיין קוואַרטיר, אַ צעהיצטער פונעם שנעלן נאָכ־איילן שמעיהן און מיט אַן אינעווייניקסטן דריבנעם שוידער פון קעלט, טוט זיך דער מאַציעווער אַ לייג אַנידער שטאַרק אויסגעשעפּט אויף זיין סאָפּקע, אויפצווינגענדיק זיך איינצושלאָפן.

אין צימערל איז שוין כמעט פינצטער. די לעבעדיקע אויגן פונעם טויטן מיידל אויף דער וואַנט קוקן אויף אים, ווי דורך אַ שוואַרצן וואַל... נאָר אײדער זייערע בליקן, אירע און זיינע, וועלן זיך פאַרשפּינען אין אַ שטומען שמועס, דערטראַכט ער נאָך עפּעס וועגן שמעיהן:

..ער איז טאַקע אַן עילוי, שמעיה — אַן עילוי אויף צו שאַפן מעשׂי־בראשית פון ליגונים. ער איז אפשר אַן אור־אור־אייניקל פון רבה בר בר חנאַן. ווען ער וואָלט שרייבן לידער, ווי איך... ווו האָב איך עס ערגעץ געלייענט: „מיטב השיר כזבו" — דאָס בעסטע פון אַ ליד איז דער כזב וואָס דערין?... ליגן, פאַנטאַזיע איז דער יאָדער פון פּאָעזיע. שמעיהס אַ ליד וואָלט געווען הוילע יאָדער... אָט הענגט דאָך טאַקע אויף דער וואַנט... המם... שמעיהס פריילין... אַ רוסישע באַרישניע, וואָס שפּילט אַ ליבע מיט אַ מוסר־ניק, און זיי רעדן אויף דייטש... שמעיה דער עילוי און דער אײשישאָקער מתמיד דער גראָבער קאָפּ... המם...

און דער מאַציעווער פּרישגעבאַקענער מתמיד דרימלט איין אויף דער פּולער וואָך מיט דער שוואַכקייט פון אַ מענטשן וואָס פאַרגייט אין אַ קראַנקהייט.

8

דעם מאַציעייער דאַכט זיך: זיין קראַנקהייט דויערט אַזוי לאַנג, ממש ווי דער יידישער גלות. נאָר דאָס ערגסטע איז וואָס ער איז אין דער פרעמד.

ווי אַנדערש דאָס פלעגט זיין אין דער היים. ביסט קראַנק געוואָרן, האָסטו באַלד דערזען: ביסט אין שטוב דאָס אייבערשטע פונעם שטייסל! דער נאַפּל פון דער וועלט! אין גרויסער זאָרג רופט מען גלייך דעם דאָקטאָר און מע קוקט אים אין די אויגן אַריין, ווי אין די שטיינער פונעם כהן גדולס אורים־ותומים: וואָס וועט ער זאָגן? די דינסט לויפט באַלד אין איילעניש מיטן רעצעפּט אין אַפּטייק אַריין. אַלץ דרייט זיך אַרום דיר. אַלע באַמיִען זיך דיר אַקעגן צו קומען. מע היט דיך אָפּ צוזאַמען מיטן קלאַפּנדיקן זייגער אויף דער וואַנט, וועלכער גייט, און זיינע וויזערס ווייזן די צייט נאָר פון דיינעטוועגן, דו זאָלסט איינעמען צו דער מינוט די רפואות. די באָבע, וויסטו, פאַרעט זיך היינט אין קיך, אין זינען האָבנדיק

דער עיקר דיך. אַלע ווייל קומט זי אַריין מיט עפּעס, דיר דאָס האַרץ צו דערכאַפּן: „דאָס האַרץ איז דיר אַ וודאי „פאַרכלאַנעט"; זאָלסט זיך דער־האַלטן ביי די כוחות און וואָס גיכער ,גענעזן' ווערן". און אַז דו ביסט עפּעס טועם, בפרט אַז דו נעמסט איין אַ לעפּעלע רפואה, ווינטשעוועט זי דיר צו מיט אַ גוט און פרום פּנים: "צום געזונט!". עטלעכע מאָל אין טאָג קומט די מאַמע צו לויפן פון קראָם און פאַר נאַכט — פריִער איידער תמיד: ס'הייסט — ווערוול, אָדער דאָס קינד (ווען די קראַנקהייט איז אַן ערנסטע) איז דאָך קראַנק! אַפילו דער טאַטע, אַפילו די עלטערע ברידער פרעגן זיך נאָך וואָס דו מאַכסט, — מע וועט דאָך דאַרפן ענטפערן, אין בית־מדרש, צו מאָל אויך אין גאַס, אויף דער פראַגע: „וואָס מאַכט עפּעס אייער חולה?".

אין דער היים וואָלט שוין איצט די באָבע „אַרומגעפּאַדעט" אַרום דיר, ווי אַ קוואָקע אַרום איר קראַנק הינדעלע, און אונטערגעטראָגן אַ גאָלדן יאַיכעלע פון עוף. דו זאָלסט וואָס גיכער „קומען צו די קרעפטן", ווייל גאָטס תורה וואַרט דאָך אויף דיר, ווי אַן עגונה אויף איר מאַן. „תורה מתשת", — דערמאָנט ער זיך וואָס דער ראש־ישיבה האָט אים געזאָגט כמעט מיט אַ יאָר צוריק, — איר זאָלט בעסער בעטן אייער באַלעבאָסטע, זי זאָל אייך אָפּקאָכן אַ געשמאַק ביסעלע יויך". ווי ער וואָלט זיך עס טאַקע ערשט מחיה געווען מיט דער באָבעס אַ ביסעלע גאָלדענע, שמעקעדיקע יויך פון עוף! זאָל כאָטש זיין — דער באַלעבאָסטעס. אָבער אַז ער האָט נישט קיין געלט דערויף! מ'האָט שוין אַזוי לאַנג די „חלוקה" נישט אויסגעטיילט, אַפילו אויף קיין דאָקטאָר האָט ער נישט!

ער וועט שוין מוזן זיך פּאָפּראַווען פסח אין דער היים: קאַלטע, שמעקע־דיקע האַרטע אייער; אָפּגעפּרישטע, פייכטגעמאַכטע מצה מיט שמאַלץ — זילבערנע גענדזענע, אָדער היינערשע גאָלדענע; וואַרעם רינדערן פליש מיט מאַרכביין, אָדער קאַלט עוף; געפּרעגלטע מצה, אָדער מצה־קוגל; לאַטקעס פון רויע, אָדער געקאָכטע קאַרטאָפליעס, — ווי דאָס אַלץ איז געשמאַק! ער זאָל נאָר געזונט ווערן און קאָנען אַהיים פאָרן. אַך, ווי מע וועט עס אים קעכלען, דעם גאַסט! „זעט נאָר סאַראַ בלייך און מאָגער פּנים ער האָט עס מיטגעבראַכט פון דער ישיבה, נעבעך". שמעיהס פאַלשע, ליגנערישע נביאות זאָל נאָר נישט מקויים ווערן.

ער ווערט ערשט, ווערוול, אין כעס אויף אים הינטער די אויגן: היינט, ווי אויף צו להכעיס, טראָגט עס אים נישט אָן אַהער, מע זאָל כאָטש רעדן

װעגן מאַציעװ, װעגן דער הײם. זומער אױף דער פרײלין האָט עס אים אָנ־געטראָגן! אַלע האָבן אין אים פאַרגעסן, אינעם קראַנקן. כאָטש װער זענען דען די אַלע? װעמען האָט ער דען דאָ אױסער שמעיהן, װעלכן ער װאָלט געקאָנט האָבן, אױסער דעם מײדל קעגנאיבער אױף דער װאַנט, װאָס לאָזט פון אים קײן אױג נישט אַראָפּ... אָבער אַראָפּלאָזן זיך צון אים פון דער װאַנט — דאָס נישט... ער מײנט עס מיטן אַלע דעם ראש־ישיבה. ער זאָל עס כאָטש שיקן עמעצן זיך נאָכפרעגן װאָס ער מאַכט; נאָר אפשר װײסט ער גאָרנישט אַז ער ליגט. בלױז דער אײשישאָקער, װען ער קומט פון ישיבה און טרעפט אים אַ נישט־אױסגעדרײטן מיטן פּנים צו דער װאַנט, כאָטש מיט פאַרמאַכטע אױגן, — טוט ער אים אַ פרעג מיטפילנדיק כלומרשט און מיט געמאַכטער פרײלעכקײט, װי ייִדן טוען עס בײ אַ קראַנקן, כדי אים צו דערמוטיקן:

— נו, װי פילט מען זיך, מאַציעװער מתמיד? (...דאָס איז אַ שטאָך, אָדער לשם־מצוה אַ טובה אַ קראַנקן?). דער משגיח האָט זיך געפרעגט איף אײך. (...מוחל אים! אַזש אַהערצו קוקט ער אַריבער מיט זײנע פאַר־מרוזשעטע, פינטלענדיקע אױגן!).

אַ מאָל מאַכט ער זיך שלאָפנדיק און דרײט זיך אױס, אין שלאָף כלומרשט, צו דער װאַנט, און אַ מאָל קומט ער אָפּ מיט אַ „המם...“ (...זענט איר נישט אין האַרצן גאָר צופרידן, אײשישאָקער, װאָס מ׳האָט מיך, אײער קאָנקורענט אין התמדה, אַנידערגעלײגט?).

— נישט געזאָרגט, — טרײסט אים דער מיטקװאַרטיראַנט, — ס׳איז אײך בסכּהכּל, לאָמיר האָפן, נישט מער װי אַ נאַרישע אינפלוענציע. אַן אונטערגאַנג אַזאַ אין שטעטל לכבוד פּסח. איר זענט נישט קײן „חד בדרא“ * אין דער ישיבה. נאָך אַ טאָג — איר װעט זעען, און איר הײבט זיך אױף פון געלעגער.

אַז מען איז אין דער פרעמד, האָט מען קײן ברירה נישט, איז פאַר־פאַלן. מוז מען אָננעמען דעם אײשישאָקער פאַר אַ דאָקטאָר און אַ טרײס־טער, כאָטש אַ מכּה װײסט ער. װעט מען מוזן געזונט װערן פון זיך אַלײן. און אפשר איז עס טאַקע באמת נישט מער װי אַן אינפלוענציע, װי סע זאָגט דער פרישגעבאַקענער „דאָקטאָר“.

---

* אײנער אין אַ דור; דאָ געמײנט: דער אײנציקער.

און טאָקע — שוין פּרייטיק גייט ער אין דער ישיבה. אַן אָפּגעשוואַכ־טער אין די כּוחות, אָבער — דאַכט זיך — מיט נישט קיין אָפּגעשוואַכטן חשק ממשיך צו זיין זיין התמדהדיק לערנען... נישט אָפּשטיין פונעם איישי־שאָקער, וואָס קיין קראַנקהייט נעמט אים נישט, ווייל... ער איז אַ קעסט־קינד ביי פרעמדע טישן. ער טראַכט אַפילו נישט אַהיים צו פאָרן אויף פּסח. ביי זיין טאַטנס מלמדישן טיש וועט ער זיך דאָך אָפּצערן... נו, מע דאַרף נאָך אַ לערן טאָן מיט אַפּעטיט! אָבער — זיך געזעצט צום שטענדער און געעפנט די גמרא אויפן אָרט ווו ער איז שטיין געבליבן פאַריקן שבת, דער־שפּירט ער: די קראַנקהייט האָט איבערגעלאָזט אַ פוילקייט אין זיינע ביי־נער, ממש זי אַנצוטאַפּן. אין האַרצן נאַגט די בענקשאַפט אַהיים און דער אָנקומענדיקער פרילינג. ער וואָלט זיך גערן אַרויסגעכאַפּט צום ברעג פון דער ווילִיע, אים שטאַרקער אָפּצופילן, דעם פרילינג, אויף דער זון וואָס וואַרעמט שוין מיט מילדערער שיין. אָבער די לופט איז נאָך פראָסטיק, און די ערד נאָך פאַרגליווערט אונטערן שניי, וואָס ערשט נאָך האַלבן טאָג כאַפּט ער אַ לייכטן שמעלץ. ווי לאַנג וועט ער דען קאָנען שטיין ביים ברעג דאָרט אָנעם פאַלטן? ער קאָן זיך נאָך פאַרקילן אַ צווייט מאָל. בלייבט ער זיצן, לערנט כּלומרשט, און דאָס מויל ווערט אים אויפגעריסן פון אַ לאַנגן גענעץ — אַ „תקיעה גדולה", און ער דערפילט, און ס'ווערט אים קלאָר: אוי־ווי! צוזאַמען מיט דער אויסגעוועפּטער אינפלוענציע האָט זיך אין אים אויסגעוועפּט אויך זיין „באַגער אין דער תורה", לויט דער באָבעס לשון. המם. ער פּרוּווט נאָך צווינגען זיך צו לערנען, אָבער זיין ניגון איז אַ יאָ־מערלעכער:

— אָמר רב יצחק נפחא, האָט געזאָגט רב יצחק נפחא (...אוי־אוי־אוי, ווי שלעכט דאָס איז... אויאוי־אוי, ווי שלעכט דאָס איז... אַז מע קאָן לערנען, און מע וויל נישט... אַז מע וויל לערנען, און מע קען נישט), האָט געזאָגט רב יצחק נפחא...

ווי קאָן ער גאָר איצט האָבן חשק צום לערנען, אַז ער ציילט שוין די טעג צום אַהיים פאָרן. ס'איז ביי אים איבערגעקערט: ער ציילט „ספירה" פאַר פּסח. אַז ער שפּירט שוין מיטן גאַנצן געמיט דאָס אָנקומען פונעם פרילינג אַפילו דאָ, אין דער ישיבה. דאָס לערנען־געזאַנג פון די בחורים איז ווי דורכגעזאַפּט מיט בענקעניש. אַלץ בענקען. ווען ער גייט דורך דאָס שטיקל וועג פון דער קוואַרטיר אַהערצו, פילט ער בחוש ווי די ערד, אויף

װעלכער ער טרעט, כאָטש אַ באַדעקטע נאָך מיט שניי, ציט זיך צום װאָרעמען הימל, צו דער זון. װי דער גאַנצער װעלט־חלל, כאָטש ער אָטעמט נאָך מיט פראָסט, ציט זיך צום פאַרהױלענעם פרילינג. װי ער, װעלװל צו דער היים: צו דער מאַמען און דער באָבען, װעלכע װעלן דעם גאַנצן פסח ציטערן איבער אים און האַלטן אין אײן קעכלען אים; צום עלטערן ברודער, יצחקן, מיט װעלכן ער האָט זיך אַזױ ליב; צום שװעסטערל, רײזעלען, װאָס... אַז זי װעט אױסװאַקסן, װעט זי ענלעך זײן צום מײדל אױף דער װאַנט פון דער קװאַרטיר. ער דערמאָנט זיך: זע נאָר — אין לעצטן קאַרטל פון דער היים האָט מען אים, דאַכט זיך, נישט געשריבן קײן גרוס פון איר? אפשר איז זי, חלילה, קראַנק? אָדער... אפשר נאָך ערגער? ס'אָל נאָר מיט איר נישט געשען, װאָס מיטן מײדל אױף דער װאַנט. — —

צי מחמת זײן אָפּגעשװאַכטקײט, צי מחמת זײן בענקשאַפט דעם גאַנצן טאָג, — בײ נאַכט איז דעם מאַציעװערס שלאָף אַ שװערער און אומרויִקער. סע װעקט אים אָפּט אַ ליאַדע שאָרך: אַ קרעכץ פון די אַלטע לײט, דעם באַ־לעבאָס און דער באַלעבאָסטע, דורכן דינעם דיקטענעם װענטל, פונעם צװײטן צימערל... אפשר האָבן זײ זיך דערמאָנט אין זײער געשטאָרבן מײדל, װאָס איר פאָרטרעט אױף דער װאַנט דאָ קעגן אים איז פאַרזונקען אין דער נאַכט־פינצטערניש, װי איר װײס געבײן אין שװאַרצן קבר; דעם אײשישאָ־קערס אַ מורמל פון שלאָף מיט אַ גמרא־ניגון... דאָס הײסט אַ מתמיד, אױך אין שלאָף לערנט ער! אפשר לערנט מיט אים אַ „מגיד". שאַ נאָר, דאַכט זיך, ער ברומט גאָר: „מאַ־ציע־װער"; די טריט פון אַ זעלטענעם פאַרבײ־גײער פאַזע דעם פענצטער... אפשר אַ גנב!?

ער טוט זיך אַ כאַפּ אױף מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ... אפשר האָט ער גאָר געהאָרכט טאַקע דאָס קלאַפּן פונעם אײגענעם האַרצן? אין דער היים װאָלט עס די מאַמע דערשפּירט אַפילו דורכן שלאָף און װאָלט, אַ באָרװעסע און דערבאַרעמדיקע, צוגעקומען צו אים, זיך אײנגעקוקט און שטילערהײט אױסגעגלײכט די קאָלדרע איבער אים... און ער דרימלט װידער אײן מיט אַ מטושטשער מחשבה: אפשר אַ גנב?... צוצוגנבענען דאָס טױטע מײדל פון דער װאַנט אַראָפּ. אָדער... דעם אײשישאָקערס התמדה?

אָבער דאָס מאָל כאַפּט ער זיך אױף שױן נישט פון קײן ליאַדע שאָרך. ער איז זיכער אַז זײן שלאָפנדיק געהער איז אױפגעריסן געװאָרן װי פון אַן אױפרײס; װי אַ שטורעמװינט װאָלט מיט אַ מאָל באַפאַלן אַן אַלטן דעמ־

בענעם, איינגעשלאָפֿענעם וואַלד. ער האָרכט זיך איין צו דער שטילקייט פֿונעם דרויסן, דער קאָפּ אויסגעדרייט צום פֿענצטער, דורך וועלכן ער זעט אויך ביי טאָג בלויז דורכגייענדיקע פּיס. נאָר ער הערט נישט גאָרנישט. ווי דער צעשטורעמטער וואַלד וואָלט מיט אַ מאָל דורך אַ כּישוף פֿאַרשטיינערט געוואָרן און — אַזוי ווייטער זיך איינהאָרכנדיק, ווערט אויך ער פֿונעם שלאָף ווי פֿאַרשטיינערט. אָבער... אין די אָדערן פֿונעם שטיין ריזלט וואַסער: „ווען משה רבנו וואָלט איבער אים אַ קלאַפּ געטאָן מיט זיין שטעקן, וואָלט פֿון אים אַ פֿלייץ געטאָן" — —

...עמעצער בייגט זיך איבער דער מצבה פֿון די באַלעבאַטימס מיידל אויף אַ נאָמענלאָזן בית־עולם. ניין, דאָס בייגט זיך עס דער עמעצער גאָר איבער אים אַליין, וועלוולען. אַ טונקעלע האַנט שטרעקט זיך אויס צו דער וואַנט און נעמט אַראָפּ פֿון טשוואַק זיין תּפֿילין־זעקל. זע! — די האַנט איז גאָר... אַ פֿוס פֿון אַ קעלבל. ס'איז דער עגל־הזהב... ס'האָט אַ באַקאַנטן פּרצוף. ווו האָט ער אים אַ מאָל געזען? ווען ער איז געגאַנגען מיט די ייִדן אין דער מדבר? אַך, ס'איז דאָך ענלעך צום פּנים פֿונעם איישישאָקער מתמיד. דער עגל־הזהב נעמט אַרויס פֿון תּפֿילין־זעקל די תּפֿילין און — זע! — ער טוט אָן דעם של־ראש אויפֿן קאָפּ און דעם של־יד אויפֿן פֿאָדער־שטן לינקן פֿוס. ער פֿאַרמאַכט די קעלבערנע אויגן און דאַוונט מיט קעל־בערנע התפּעלות און כּוונה. פֿאַרדבֿקהט. זע! — ס'איז גאָר דאָס בערעלע, וועגן וועלכן די באָבע האָט אים נישט איין מאָל דערציילט קינדוויז, ווי ס'האָט געלייגט תּפֿילין אונטערן טיש. סאַראַ שיינע מעשה! אוי, זע נאָר! — בלויז דאָס רעכטע אויג איז דעם פֿאַרמאַכט, דאָס וואָס איז געוואַנדן פֿרום־פֿאַרגלאָצט צום הימל, צום רבונו־של־עולם; דאָס לינקע אָבער, כאָטש פֿאַרמרוזשעט, ווי ביים משגיח — איז אָפֿן. סע קוקט צו אים, דאָס בערעלע, ממזריש, מיט צאָרן, און רעדט שטום מיט אויגן־פּינטלעניש: „און דו וועסט שוין טאַקע די תּפֿילין נישט לייגן? גוי! פּושע־ישׂראל! איך בין עס מחויב פֿאַר דיר צו טאָן? אָט וועל איך נאָר אָפּלייגן די תּפֿילין, וועל איך נעמען דיך פֿאַסעווען מיט די רצועות! דער צאָרן אין בערעלעס אויג ווערט אַלץ בראַנדיקער און בראַנדיקער, אַזש סע בריט די ווייעס, צינדט זיי אָן און — ער טוט זיי אַ רייס פֿאַנאַנדער.

ס'איז שוין טאָג. אין דרויסן איז דער הימל אַ וודאי בלוי, און סע שמעלצט זיך אין אים אַ גאָלדיק־שטראַלנדיקע זון. דאָ איז פֿונעם איישי־

שאָקער קיין אָטעם שוין נישטאָ. ער זיצט דאָרט אין דער טונקלעניש פון דער ישיבה און פאַרכלינעט זיך מיטן לערנען. דעם אמתן מתמיד נעמט נישט קיין קרענק. פון שטוב הערט זיך אַ געריידּ צווישן דעם אַלטן מיט דער אַלטער, ווי אַ וואָרקען פון טויבן. ער הערט נישט קלאָר זייערע זקנישע, אָנצייניקע רייד, באַנעמט אָבער דאָך פון אויפגעכאַפּטע ווערטער, אַז עפּעס איז אין שטעטל געשען. נאָר וואָס גייען אים אָן די נייסן אין שטעטל? ס'איז נישט זיין שטעטל, ס'איז נישט זיין מאַציעווּ, ס'איז נישט זיין נייס!

ער טוט זיך אָן, וואַשט און ווישט זיך אָפּ, און ס'טוט זיך אים אַ דערמאָן דער משונהדיקער חלום, ווי דאָס קעלבל מיטן איישישאָקערס פּנים, אָדער דער באָבעס בערעלע האָט געלייגט תפילין. ער טוט אַ שמייכל: ווער דען זאָל לייגן תפילין?... ער טוט אַ קוק אויף זיין תפילין־זעקל אויף דער וואַנט, און זיין שמייכל טוט זיך גלייך אַ לעש אויס, ווי דאָס פלעמל פון אַ שוועבעלע אין ווינט: ס'דאַכט זיך אים, אַז ס'איז געריררט פון אָרט. גייט אויף אין אים אַ חשד, אַ חשד, אַ חשד וואָס האָט נאָך קיין וואָרט־אויסדרוק נישט באַקומען. ער נעמט אַראָפּ דאָס תפילין־זעקל, וואָס ער האָט עס שוין חדשים נישט אויפגעבונדן, באַטראַכט עס פאַרשנדיק, בינדט עס אויף און נעמט אַרויס אַ תפיל.

— אויף־ף־ף! — טוט ער דערשראָקן אַ זיפץ. דערשראָקן פאַרן חילול־הקודש. — גאָט אין הימל!

די תפיל איז וואַכקע־ווייכלעך אונטער די פינגער, ווי איבערגעצויגן מיט אַ דיקער הויט פון גרינעם מאָכענעם פליוש — שימל. ס'איז אַרייך אין זיי די פייכטקייט פון די פוילע ווענט. ער טוט זיך אַ קוק אַרום דערשראָקן־פאַרשנדיק. גלייך אומגעזעענע אויגן וואָלטן דאָ געלאָקערט אַרום אים. ווי דער מלאך־המות מיט טויזנט אויגן אויף אַ שכיב־מרע... ווען עמעץ וואָלט עפענען זיך תפילין־זעקל, נישט ביי אים אין חלום, נאָר אויף דער וואָר, — גאָט אין הימל, וואָס דאָ וואָלט זיך עס אָפּגעטאָן! אַ ישיבה־בחור וואָס לייגט נישט קיין תפילין! ס'וואָלט אויפגעקאָכט גאַנץ סלאָבאָדקע און קאָוונע! דורך שמעיהן וואָלט עס אָנגעקומען קיין מאַציעווּ, אַהיים!... ניין, קיינער איז דאָ נישטאָ, קיינער זעט עס נישט. נאָר זי, דאָס מיידל אויף דער וואַנט.

דאָס האַרץ קלאַפּט אים אין געהער, ווי ס'וואָלט ליגן נישט אין דער ברוסט, נאָר אין קאָפּ. ער אָטעמט שנעל און הייס. ווי ער וואָלט געהאַט אַנטלאָפן פון אַ נאָכיאָגער, אַ רייטער אויף אַ פערד. פון הינטער דער הויט

שלאָגן אים אַרויס אַנגסטן איבערן גאַנצן גוף. ער טוט אַ כאַפּ דאָס האַנטעך, מיט וועלכן ער האָט נאָר־וואָס אָפּגעווישט דאָס פּנים, און נעמט מיט דענערווירטע הענט און צוקנדיקע פינגער אַרומרייניקן די תפילין פונעם שימל. ער ווישט זיך לייכט אַראָפּ, דער שימל פון די שיידלעך, בלייבט אָבער איינגעגעסן אין די קאַרבן פון די „בתים" און אין די פעלדלעך און ראַצן פון די רצועות. דאָס דערפירן די תפילין ביז גאָרער ריינקייט נעמט צו אַ סך צייט.

נו, היינט וועט דאָס האָבן געוועז זיין דאַווענען. ער טוט פון דעסטוועגן אַ טו אויס דעם לינקן אַרבל פון דער מאַרינאַרקע, אַ פאַרקאַשער דעם העמדאַרבל, אַריינצוגיין אין שטוב מיט אַ תפיל אין האַנט: זאָלן די אַלטע זען, אַז ער דאַוונט, ווי זיי וואָלטן אַ מאָל דאַרפן זיין עדות דערויף.

9

— גוט מאָרגן אייך! — קומט ער אַריין צו די אַלטע. — ס'איז היינט ביי נאַכט געשען עפּעס אין שטעטל?

דער אַלטער פאַרעט זיך שוין ביים וואַרשטאַט, טוט שוין זיין עבודה, און וועט אין מיטן נישט מפסיק זיין, די אַלטע אָבער נעמט קייען ווערטער מיט די יאַסלעס:

— איין קליניקייט! מיר האָבן ביי נאַכט אין בעט געמיינט: מע שיסט פון די פאַרטן. אַ מלחמה, חלילה. גיי פאַרשטיי, אַז סע קומט גאָר פון דער פאַרקערטער זייט, פון דער ווילי̃ע. מיט אַזאַ הילך האָט נאָך די קרע אויף דער ווילי̃ע קיין מאָל נישט געריירט. פון דעם דונער האָט מען געקענט גער־רירט ווערן פון זינען...

— די קרע איז אַוועק?! — טוט זיך מיט אַ מאָל אַ טויש זיין שטימונג פון דערשלאָגנקייט אויף פרייד. ער לאָזט איבער די אַלטע אין מיטן די רייד, גייט אַריין צו זיך אין צימערל און לאָזט אויס שוין צו זיך אַליין. — איז, שמעיה, דייך ביז נביאות נישט מקויים געוואָרן! בלייב זיך דו דאַ־הי אויף פּסח און פּראַווע דעם סדר ביים קאָמענדאַנט פון די פאַרטן מיט זיין פריילין טאַטיאַנע דער בת־מלכה. איך וועל פאָרן אַהיים. פאָרן... און נישט פליִען אויפן קאָמענדאַנטס בעזעם!

אָפּגעזאָגט, כאַפּט ער זיך, אַז — שמעיה איז דאָך דאַ נישטאָ, און ער

רעדט, ווי אַ משוגענער, צו די ווענט, און זיין פּנים ווערט רויט פֿאַר בושה פֿאַר די זעלבע ווענט. ער כאַפּט שנעל אָפּ דעם פּרישטיק מיט גרויס אַפּעטיט, ווייל דאָס ברויט איז באַשמאַלצן מיט זיין פּלוצלינגדיקער פרייד, און לאָזט זיך שנעל אַרויסגיין. די תפילין בלייבן נישט פֿאַרוויקלטע אויפֿן טיש — זאָלן זיי זיך לופטערן און אויסטריקענען.

אַרויפֿגעקומען אויף דער ברייטער גאַס, בלייבט ער שטיין און קוקט זיך אַרום, באַטראַכטנדיק די היזער — זייערע ווענט, טירן־פֿענצטער און דעכער אַפֿילו. מען זעט זעלטן אַ פֿאַרבייגייענדיקן. אייגנטלעך איז קיין שום ענדערונג נישט צו באַמערקן. אָבער זיין געמיט שפּירט, אַז כאָטש ס׳איז היינט אַ געוויינטלעכער מיטוואָך, באַלד אַ וואָך זינט ער האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿון קראַנקן בעט, איז די אַטמאָספֿער פֿאָרט נישט ווי תמיד; נישט קיין וואָכעדיקע, קיין גלייכגילטיקע, נאָר אַן אַטעם־פֿאַרכאַפּטע פֿון אַ נייס, וואָס איז שוין געשען, און אַן אָפּוואַרטנדיקע, אַ געשפּאַנטע צו עפּעס, וואָס דאַרף ערשט געשען. דאָ איז אַזוי שטיל און רויִק, ווייל דאָרט, ביים טייך, איז שוין אַ וודאי גאָרנישט רויִק. דאָרט קומען אָן פֿון מרחקים באַפּרייטע, צעשטראַלטע און מיט גאָלד־און־זילבער־פֿליטערלעך צעשפּילט־צעגלאַנצטע וואַסערן מיט די „מים אַדירים״ * פֿון „אָז ישיר״, וואָס טראָגן נאָך אַ וודאי לעצטע שטיקער קרע. פֿרילינג! דער פּסח, וועלכער נעמט אַראָפּ פֿונעם ישיבה־בחורס קאָרק דעם יאָך פֿונעם גאַנצן ווינטער לערנען און שענקט אים כאָטש איין וואָך „חרות״ **!

אַזוי אין אויפֿגערוימטע מחשבות און אויפֿגערודערטער בענקשאַפֿט, קומט ער צו און גייט אַריין אין ישיבה. ער נעמט אַרויס די גמרא פֿון שטענדער, עפֿנט זי אויף זיין שיפֿוע פֿאַר אַן עדות, דער משגיח זאָל זען. לערנען היינט, ווייסט ער, וועט ער שוין נישט.

נאָר זע־נאָר! — ווי שיטערלעך ס׳איז דאָ היינט. די ישיבה איז דאָך אפֿשר אויף אַ העלפֿט ליידיק. דער עולם איז זיכער ביים טייך, זעען ווי די קרע גייט. זע־נאָר! — דער משגיח אַליין איז דאָך נישטאָ. נישט אַנדערש, אַז אַ בער אין וואַלד איז געפּגרט. איז אויך ער געגאַנגען אַ קוק טאָן אויפֿן טייך,

---

* מעכטיקע וואַסערן.

** פֿרייהייט.

איך גאָטס ווונדער? אָדער צונויפזאַמלען די צאָן־קדשים און פירן זיי אין... דער מדבר צו פיטערן זיי צופיסנס פון באַרג סיני? מעג ער, וועלוול, דאָך אַ וודאי גיין אַהין, און טאַקע אינעם פּאַלטן — וועט ער דאָרט קענען שטיין לענגער אַ ביסל. ס'באַגלייט אים דער קול־תורה פונעם איישישאָקער... מילא, זאָל ער שוין לערנען פאַר אים אויך.

צוגעקומען און זיך דורכגעשטופּט דורך אַ „מענטשן־פּלויט", בלייבט ער שטיין אַ געפּלעפטער: דער טייך שטייט! דאָס איז — צעבראָכן, צעלאָמעט איך טויזנטער בלאָקן, שטיקער און שטיקלעך, אָבער סע שטייט. שטיקער ווענט פון אייז, פון די פאַרשיידנסטע גרייסן און פאָרמעס, שטייען צוזאַמענ־געדריקטע, צוזאַמענגעקלעמטע, איינע לעבן דער אַנדערער, איינע איבער דער אַנדערער, איינע אונטער דער אַנדערער און — נישט פון אָרט זיך צו רירן! ווי אין פּסוק שטייט: „נצבו כמו נד נוזלים" — אַזוי ווי אַ סטויג זענען די שטראָמען געשטאַנען.

דאָס אויפגעריסענע, אויפגעשטורעמטע און אויפגעטורעמטע אייז שטייט דיבאָם. ווי טויזנטער ווילדע פערד וואָלטן אין מיטן זייער שטורמישן גאַלאָפּ שטיין געבליבן פּאַראַייזט, ווי לוטס ווייב — פאַרזאַלצט...

דעם מאַציעווערס אויגן גאַפן אויף דעם בייזווונדער. און אין זיין געמיט גייט אויף אַ צווייט בילד ערגעץ־ווייט אין צייט און אָרט:

...ער זיצט צווישן די חדר־ייִנגלעך אַרום טיש ביי אליה מלמד. ווינ־טער. אָוונט. די שויבן זענען באַצויגן מיט בלומען און בלעטער פון פראָסט־שניי. אויפן טיש זיפּצט, ווי מיט אַ געבייזערל, דער אַכטער נאַפטלאָמפּ. פאַרן רבין און די קינדער ליגן אָפן די חומשים. דער רבי לערנט מיט אַ וואָרע־מען ניגון אויף אַ קול, און די קינדער שרייען אים נאָך אין כאָר: „וברוח — און פונעם הויך, אַפּך — פון דיינע נאָזלעכער, נערמו — האָבן זיך געהויפנט, מים — די וואַסערן, נצבו — זיי זענען געשטאַנען, כמו נד — אַזוי ווי אַ סטויג, נוזלים — די שטראָמען. קפאו — זיי האָבן געגליווערט, תהומות — די אָפּגרונטן, בלב ים — אין האַרצן פונעם ים...".

נאָר דאָרטן, — טראַכט זיך, — איז צווישן די „סטויגן" געבליבן צוועלף דורכגענג פאַר די צוועלף שבטים, צו אַנטלויפן דורך זיי פאַר די נאָכיאָגנדיקע מצרים, און דאָ — דער גאַנצער טייך איין משונהדיקע גרעב־ליע פון אייזשטיקער. אַריבערגיין זי קען מען נישט — ווענט, משונהדיקע

טרעפּ, אַרויפן און אַראָפּן, בערגלעך און גריבלעך. און וואָלט עמעצער גע־פּרווט, — טאָמער גיט זיך פּלוצעם דער אויסגעצויגענער אייז־חורבן אַ ריר?

ביסלעכווייז הייבט אָן דאָס געהער אויפצונעמען אַ פאַרבאָרגן־דער־שטיקט ריזלען, זשורטשען און שושקען פון וואַסער ערגעץ אונטערן און צווישן דעם ווילד־צעשויבערטן אייזאָנשיט; און גלייכצייטיק — דעם גערויש, געפּילדער און געליאַרעם פון די מענטשן לענגאויס דעם ברעג, און פון אים אַרויס — ווערטער. און אָט הערט זיך שוין אַ שמועס דערלעבן, הינטער די פּלייצעס:

— זי האָט זיך האַ־יאַר אונטערגעאיילט, אונדזער ווילי̇ע. אַ לאָז געטאָן זיך, ווען דער ניעמאַן דאַרט שלאָפט נאָך רו̇יק.

— האָט ער איר טאַקע פאַרשפּאַרט דעם וועג, דער חוצפּהניצע. — כאַפּט אונטער אַ צווייטער.

— דרך־ארץ, חוצפּהניצע! — טייטשט אויס אַ דריטער, — אַ מאַנצ־פאַרשוין דאַרף מען לאָזן גיין אַפרי̇ער.

— „והוא ימשול בך״*... — מישט זיך דאַ אַריין, מסתם, אַ ישיבה־בחור. אָבער אויסדרייען אַהין דעם קאָפּ צו זעען ווער סע רעדט, וועט ער נישט, וועלוול. און אַ צווייטער העלפט שוין אונטער דעם מיט אַ גאַנצער שטיק תורה פון אַ „פּורים־רב״:

— דער ניעמאַן איז אַן איש־נאַמן און אויך אַ תלמיד־חכם... די ווילי̇ע — זי וויל יע, אָבער ער, דער מאַן, זאָגט: ני̇ע — ניין, ער וויל נישט... ער ווייסט, אַז „מנוח עם־הארץ היה, שהלך אחרי אשתו״ — מנוח איז געווען אַן עם־הארץ, ווייל ער איז געגאַנגען הינטערן ווייב. — צעלאַכט זיך היי־זעריקלעך דער בחור, צופרידן פון זיין פּורימדיקער דרשה.

— אונדזער ווילי̇ע איז, אַ פּנים, פון די היינטוועלטיקע נקבות, — דער־קענט דער מאַציעוועור די שטים פון זיין שטענדער־שכן, דעם מאַגערן, ביי־סיקן בחור מיטן גאָרגלקנאָפּ, בערעלע דווינסקער, וואָס לערנט אַ סך, און לייענט אויך אַ סך, ווי מע זאָגט, נאָר ווען ער לערנט נישט און לייענט נישט, רעדט ער גיבול־פּה מיט הנאה און מיט אַ שמייכעלע אין די בלויע

* און ער וועט געוועלטיקן איבער דיר.

פינקלדיקע אויגן ווי פייער פון ספירט. — זי איז אַ „תובעת־בפה"* און האָט ליב „שלא כדרכה"**.

אין דעם מאָמענט דערפילט דער מאַציעוּוער: עמעץ טוט אים אַ צי פאַרן אַרבל. אויסגעדרייט דעם קאָפּ, דערזעט ער דעם משגיחס זשמורענ־דיקע פינטלדיקע, בלויע ליאַלקע־אויגן.

— מאַציעוּוער, — מאַכט ער מיט די ליפּן, ווי נאָכשפּעטנדיק דאָס פינטלען מיט די אויגן, — איר אויך דאָ? דער מתמיד?! אייער קאָנקורענט, דער איישישאָקער, איז דאָ נישטאָ. אַ פּנים, אַז כדי צו זיין אַ מתמיד דאַרף מען אויך זיין פרום...

דער מאַציעוּוער טוט זיך, כלומרשט מחמת איילעניש, אַ דריי אויס צו אים מיטן רוקן, שטופּט זיך אַדורך דעם מענטשנפלויט און לאָזט זיך גיין צערודערט צו דער ישיבה: איז דאָך שמעיהס בייז נביאות עפּעס ווי יאָ מקוים געוואָרן... ער וועט נישט קאָנען אַהיים פאָרן.

פאַר דער טיר פונעם ישיבה־פּאַליש דערהערט ער: אַ טראַסק! אַ הילך פון געפּלאַצעריי! אַ געוויש, ווי בערג גלאָזברוך וואָלטן געטאָן אַ שאָט אַריין זיך אין אַ לויפנדיקן, צעברויזטן וואַסערשטראָם. און דאָס אַלץ טוט זיך אַ מיש אויס מיט אַ יובלדיקן הורא־געשריי פון אַ מאַסע מענטשן־שטימען, איין מאָל, צוויי מאָל, אַ דריט מאָל. טוט זיך אַ צעברויז אין אים אַ ווייסע פרייד: „אין דער רגע האָט דער ניעמאַן געריסן! די קרע פון דער ווילִיע איז אַוועק, — כ'וועל פאָרן אַהיים!". ער דערזעט זיך אַליין אין גע־מיט: אויפן קאָוולער־מאַציעוּוער וועג — אַ בוים, אָפּגעשאָטן מיט פרילינג־דיקן ווייסן צוויט. און כהרף־עין בליצן אויף אין זיין קאָפּ צוויי שורות אויף ייִדיש, פאַרברידערטע מיט אַ גראַם:

„סע האָט מיין יוגנט זיך צעבליט —
איך בין אַ בוים אין ווייסן צוויט!"

...ס'איז אַן אָנהייב פון אַ ליד. און וואָס ווייטער? אָבער פריִער דאַרף מען דאָך די־אָ צוויי שורות איבערמאַכן אויף לשון־קודש, — טוט ער אַ טראַכט מיט אַן אַדורכנעמענדיקער אויפרעגונג און, אָנשטאָט אַריינצוגיין אין דער ישיבה, דרייט ער זיך אויס מיט אַ געגראַמטן געדאַנק:

---

* מאָנט מיטן מויל.

** אויף אַן אומנאַרמאַלן אופן.

„מע דאַרף גיין אויף דער קוואַרטיר
און פּרוּוון אָנשרייבן אַ שיר...״ — —

אַרייַנגעקומען מיט אַ שעה שפּעטער אַ פאַרשוילדיקטער אין דער ישיבה: דער משגיח זאָל אים נאָר נישט דערזעען איצטער, — טוט אים טאַקע ביי די ערשטע עטלעכע טריט דער משגיח אַ צי פאַרן אַרבל און פירט אים נאָך זיך. זיי בלייבן שטיין אין ווינקל צווישן דער טיר און דעם אויוון. באַלד וועט ער אים נעמען פירהאַלטן פאַר וואָס ער האָט אַזוי פאַר־שפּעטיקט... ביטול־תורה. דער משגיח קוקט אויף די נאָענטע בענק, ווי ער וואָלט זיך היטן פאַר עמעצן, וואָס קאָן צולייגן אַן אויער. ער קוקט אים נישט, דעם מאַציעווער, גלייך אין די אויגן אַריין. פאַרזשמורעט די אויגן, פינטלט מיט זיי, באַוועגט מיט די וואָנצעס, מחמת די ליפּן צוקן הינטער זיי פון אויפרעגונג. ס'איז אים קענטיק שווער אַרויסצוברענגען פון מויל דאָס וואָס ער גרייט זיך צו זאָגן. זיין פּנים איז רויטלעך, ווי עפּעס פאַר־שעמט. „שוין איין מאָל הכנות!״ — טוט דער מאַציעווער אַ טראַכט און ס'ווערט אים ווי אומהיימלעך. ביז דער משגיח הייבט אָן מיט אַ שטילער, שטאַמלענדיקער שטים, ווי ער וואָלט אים פאַרטרויען עפּעס אַ טרייפן סוד:

— המם... מאַציעווער... מאַציעווער... סע גייט אַרום אַ שמועה וועגן איך, אַז... אַז איר זאָלט האָבן... המם... אַז איר לייגט נישט קיין תפילין, רחמנא־לצלן!... קיין תפילין!... אַ ?!

דער מאַציעווער דערפילט מיט אַ מאָל אַ שוואַכקייט אין די קני,עס און אַ טונקלקייט אין דער ראיה — ער שטייט פאַר אַ פינצטערן תהום און אָט־אָט טוט ער זיך אין אים אַ קער אַרונטער מיטן קאָפּ אַראָפּ... „ראַטעווען זיך!״ — טוט עס אין אים יאָמערלעך אַ געשריי. און פּלוצעם קוועלט אָן פון זיינע טיפענישן אַ פאַרבאַרגענער כוח, וואָס גייט אויף אין אים ווי אַ פלאַם. פון זיין טרוקענעם האַלדז טוט אַ פלאַקער אַרויס אַ געשעפּטש, ווי אַ חוצפּה־דיק געשריי, ווי גלייך — סע מעגן אַלע הערן:

— איר... איר... איר וואַגט צו זאָגן אויף אַ בן־תורה, אַז ער איז אַ „קרקפת דלא מנח תפילין״*?! — און ווי אין דער דאַזיקער פראַגע וואָלט שוין געלעגן דער קלאָרסטער ענטפער, טוט ער זיך אַ רייס אַוועק מיט צאָרן

* אַ קאָפּ וואָס לייגט נישט קיין תפילין.

און פֿאַראַכטונג, אַ גיי צו זיין שטענדער, אָן עפֿן די גמרא און נעמט לערנען אויף אַ קול מיטן גאַנצן ברען.

אין דעם מאָמענט — ווי אויסטערליש דאָס זאָל נישט זיין — גלייבט דער מאַציעווער אַליין אויפֿריכטיק, אַז — מ׳האָט אויף אים אַ בלבול אויסגעטראַכט. ווי קען מען אים גאָר אין אַזעלכן חושד זיין?! און דער משגיח שטייט פֿון וויטן אַ געפּלעפּטער: מע זעט דאָך באַשיימפּערלעך אַז ס׳איז נישט אמת... ווייל ווי געשיקט זיך עס טאָקע?!... דער איישישאָקער האָט זיכער געהאַט עפּעס אַ וויסט אויסדאַכטעניש, רחמנא־לצלן... אָט לערנט ער, דער מאַציעווער, מיט התלהבות, גלייך ווי גאָרנישט, און דער ראָש־ישיבה האַלט פֿון אים זייער שטאַרק. המם... גיין צום ראָש־ישיבה דערציילן אויפֿן אישישאָקער? גלייכער נישט. ביי מיר איז ער דער בעסטער — אַ מתמיד! זאָל אים דער זכות ביישטיין...

און ער נעמט זיך ווידער, ווי זיין שטייגער איז, קרייזן הקפֿות אַרום דעם באַלעמער, אַ שולדיקער און צעטרודערטער: דער מאַציעווער זאָל נאָר נישט גיין צום ראָש־ישיבה פֿאַרקלאָגן זיך אויף אים.

10

געקומען אַהיים אויף פּסח, באַגעגנט וועלוולען גלייך, אַנשטאָט דער דערוואַרטער פֿרייד, אומדערוואַרטער טרויער. גראָד טרעפֿט ער די מאַמע אין שטוב. ווי נאָר זי דערזעט אים, טוט זי זיך אַ לאָז צו צון אים צעמישט, מיט אויסגעשטרעקטע הענט, ווי פֿליגל, מיט אַ פּנים, אויף וועלכן ס׳טוישן זיך און מישן זיך צוזאַמען פֿרייד און טרויער. זי טוט אַ פֿאַרמאַך די אויגן, האַלדזט אים אַרום, דריקט שטאַרק צום האַרצן און קושט אויף ביידע באַקן מיט דער זשעדנעקייט פֿון אַ דורשטיקן. פֿאַר אַ יאָרן, ווען ער איז צוריק געקומען פֿון דער קרינקער ישיבה, איז עס גאָר אין גאַנצן נישט אַזוי פֿאַרגעקומען. ס׳איז נישט דער שטייגער אין זייער שטוב, די באָבע, אָדער די מאַמע זאָלן קושן אַ קינד, וואָס איז שוין אַרויס פֿון די קינדערישע מייטקעלעך און אַריין אין יינגלשע הייזלעך: טאָקע אַ קינד, און אַן אייגנס, אָבער פֿאָרט — אַ מאַנצבל. פֿרעגט ער זיך, וועלוול, שטוינענדיק, בעת ער קושט, ווי געצוווּנגען, די מאַמע צוריק: וואָס איז געשען? און ווי די מאַמע וואָלט מיטן האַרץ אויפֿגעכאַפּט זיין מחשבה־פֿראַגע, קומט איר תשובה — זי

גיסט זיך אויס אין אַ יאָמער, אַ גאַס נאָך אַ גאַס, און ער דערפילט איר ספּאַזמאַטישן געצאַפּל אויף זיין לייב:

— וועלוועלע... מיין טייער קינד... ווי גוט... וואָס דו ביסט געקומען... שוין עטלעכע חדשים... ווי... ווי אונדזער יצחק... איז פון אונדז אַוועקגעגאַנ־גען... שוין אויף נישט צוריק צו קומען...

זי טוט אים נאָך איין שטאַרקן דריק־צו צו זיך, ווי זי וואָלט זיך שרעקן, אַז אָט נעמט ער און טוט אַ גיי נאָך דעם אַוועקגעגאַנגענעם ברודער. זי טוט אים אַ לאָז אָפּ, אַן עפן די אויגן און אַ קוק אויף אים, זיך צו קוויקן מיט זיין פּנים. ער שטייט אַ סעקונדע, דערפילט אַ שרעקלעכע פוסטקייט אַרום זיך, און טוט זיך אַ לאָז אין צוויטן צימער. דאָ פלעגט יצחק לערנען און שלאָפן, און איצט איז ער נישטאָ. ער טוט זיך אַ זעץ אַנידער אויף אַ שטול, אַ לייג די הענט אויפן טיש, וווּ ס׳פלעגט ליגן אָפן יצחקס ספר, דעם קאָפּ — אויף זיי, און צעהעשעט זיך הייס און צעבראָכן. דורך זיין דמיון נעמען ציִען מחשבות, באַגלייט מיט בילדער:

...נישטאָ מיין ליבער ברודער יצחק. נישטאָ. ער ליגט הינטערן שטעטל, אויפן בית־הקברות. איינגעהילט אין ווייסע תכריכים אין שוואַרצן קבר. שערבלעך אויף די אויגן. כ׳וועל אים שוין קיין מאָל נישט זען. ער איז נישטאָ און וועט שוין נישט זיין. וואָס הייסט — ער איז נישטאָ? אָט שטייט דאָך זיין געשטאַלט לעבעדיק פאַר מיינע פאַרמאַכטע אויגן? זיין פּנים שווינדלט דורך דער נעץ פון מיינע וואַרעמע טרערן. איך ווייס, פאַר וואָס ער איז נישטאָ. איז ער דאָך טאַקע שוין נישטאָ! דאָס וואָס ליגט אין קבר, איז אויך נישט ער. עלהיי נעגל, וואָס מע שניידט אָפּ פון לעבעדיקע פינ־גער. המם, און איך — גולם! — האָב זיך דאַרט נישט געכאַפּט, אַז אין די בריוו פון דער היים דערמאָנט מען נישט זיין נאָמען אַזאַ לאַנגע צייט! ווּ איז געווען דער קאָפּ מיינער? אין מיינע חידושי־תורה? אין די לשון־קודש־לידער, וואָס איך שרייב אַ מאָל? ניין, גיכער אויף דער וואַנט קעגנאיבער מיין בעט. אויפן בילד פונעם טויטן מיידל. אירע אויגן פלעגן רעדן. המם, האָבן זיי מיר נישט צו מאָל אָפּגעגעבן אַ גרוס פון יענער וועלט, פון יצחקן טאַקע? נאָר איך האָב זייער לשון נישט פאַרשטאַנען. אַ בילד פון אַ טויטן קען רעדן מיט לעבעדיקע אויגן, אָבער אַ לעבעדיקער קען דאָס אויגן־לשון נישט פאַרשטיין. און פון יצחקן איז אַפילו קיין פאָטאָגראַפיע נישט געבליבן. נישטאָ אין שטעטל קיין פאָטאָגראַף, און צו פאָטאָגראַפירן זיך דאַרף מען

פאַרן קיין קאָולע. המם, און איך האָב זיך דאָרט גאָר געכאַפּט אַ מאָל, אַז מע דערמאָנט נישט אין די בריוו פון דער היים רייזעלען. גראָד וועגן איר לעבן איז מיר דורכגעלאָפן אַ שרעקלעכע מחשבה! דאָס האַרץ האָט נביאות געזאָגט און נישט געוווּסט וואָס. איז אָט רייזעלע לעבט. זי באַוויזט זיך נישט — פאַרשטייט, אַז איך זיץ דאָ און וויין. זי זעט שוין אָודאַי אויס ווי אַ האַלב מיידל. די מאַמע קושט איר אָודאַי אַ סך. טראַכט, אַז זי קושט יצחקן. אַזוי האָט זי אפשר אויך געטראַכט, ווען זי האָט געקושט מיך. און מיט רייזעלען זאָל איך זיך צעקושן? זי קען זיך נאָך צעוויינען. מהם, נייך, צום רב וועל איך היינטיקס יאָר נישט גיין. כ'וועל אויך נישט גיין זיך טרעפן מיט אהרון פערל לאהס; ער איז שוין אויך אָודאַי געקומען פון דער מאַלטשער ישיבה. קיינער און גאָרנישט גייט מיר ערשט נישט אָן.. המם, איך וואָלט דאַרפן אָנשרייבן אַ קלאָגליד אויף יצחקס טויט... „איכה*...“ — —

דער סדר וועֶרט, ווי אַלע יאָר, געפּראַוועט צוזאַמען מיטן זיידן און געפירט פון אים. דער טיש איז באַגאָסן מיט דעם זעלבן שטאַרקן ליכט פונעם הענגעדיקן בליצלאָמפּ און די ברענענדיקע ליכט, דער באָבעס און דער מאַמעס; ס'איז די זעלבע ווייס־בלאַנקע העסעבעט און דער זעלבער געגרייטער ווייס־פּעכלדיקער טיש מיט די זילבערנע בעכערס און באַגילדעטע כוסות, מיטן זילבערנעם באַשטעק, וואָס דאָס אַלץ שימערט קעגן דעם ליכט; ס'זענען די זעלבע גראַפינקעס רויטער און ווייסער וויין, וואָס שפּיגלען אין זיך דאָס זילבער; ס'איז דער זעלבער הויכער, שטאַלטנער אליהו הנביאס כוס, וואָס וואַרט, אַ פולער מיטן אויג, אויפן חשובן גאַסט; אַלע זענען אין זייער יום־טובדיקער קליידונג, — די זעלבע פייערלעכקייט ווי אַלע יאָר. אָבער — זי איז פאַרבאָרגן־דורכגעזאַפּט מיט טרויער און דורכגעשאָטנט מיט טונקלקייט. אַלעמענס אויגן ציִען זיך, אויסבאַהאַלטנדיק דעם בליק, צום ליידיקן אָרט לעבן זיידן, וווּ סע זיצט נישט, ווי אַלע יאָר, יצחק. דעם זיידנס און דעם טאַטנס פּנימער זענען ערנסטער, און זייערע ווייסע קיטלען דערמאָנען... אין יצחקס תכריכים. דער באָבעס פּנים — ווי ס'וואָלט געטראָגן אַ תשעה־באָב־מאַסקע. דער מאַמעס אויגן זענען רויט נאָך אָפּגעווישטע אויסבאַהאַלטענע טרערן. ס'דאַכט זיך, אַז די ליכט־פלעמלעך פון דער באָבעס זילבערנעם שבתניק און דער מאַמעס זילבערנע לייכטער

---

* קינות.

פינטלען, ווי אויגן, וואָס גרייטן זיך אַראָפּצוטריפן טרערן, ווייל ס׳פעלט צווישן זיי יצחקס ליכט. אויך עלקע, דאָס דאַרע דינסטמיידל, וואָס דינט שוין דאָ העכער צען יאָר און שטייט ערשט אויף דער שוועל, אָנגעשפּאַרט אויפן בײַשטידל פון דער טיר, אין דערוואַרטונג אויף דער אַלטער באַ־לעבאָסטעס באַפעל, זעט אויס ווי אַן אומעטיקער שאָטן; איר פּנים איז גרינער ווי תמיד, און די אויגן — אויסגעלאָשענער. זי איז טאַקע אויסגעצוואָגן און פאַרקעמט, דאָס אָנטועכץ — זויבער, אָבער איר ווייסער שירץ דערמאָנט אין דעם זעלבן, וואָס די ווייסע קיטלען פון די באַלעבאַטים.

רייזעלע פרעגט דעם זיידן די פיר קשיות, און אַלע (...חוץ יצחקן) ענט־פערן. וועלוול ברומט־מיט מיט אַלע די הגדה, אַ פאַרטראַכטער נישט וועגן דעם וואָס ער זאָגט. סע ליגט אים אַ פרעס פון שטומען ווייטיק אויפן געמיט. און פון אַלע מחשבות מאַכט ער אַן אויספיר: ס׳וואָלט שוין געווען זיין גלייכער, ווען ער וואָלט געווען פאַרבליבן אויף פסח אין סלאָבאָדקע, — דאָ איז אַזאַ נאָגנדיקער טרויער! און ווי אַ קעגנזאַץ צו דעם טרויער טוט זיך אים פּלוצעם אַ שטעל לעבעדיק אין דמיון די פריילעכע סעודה אום פּורים ביים ראש־ישיבה, און דער דמיון פאַרוואַנדלט זי גליך אין אַ סדר ביים ראש־ישיבה, אָט טאַקע ערשט היינט זיצן אַרום דעם ראש־ישיבה די ראש־ישיבהטע מיט די קינדער: די עלטסטע טאָכטער, רחל, דער קראַנ־קער בן־יחיד, שמואל משה, דאָס מיטלסטע מיידל, נעכע, און די מיזינקע, שרהקע, די מיט די צעהיצטע בעקלעך, וועלכע ער האָט דעמלט, פּורים, דערזען שטיין אין קיך. המם, אין דער היים איז דעמלט געווען פרישער טרויער, און ער — האָט געטאַנצט! געטאַנצט מיטן ראש־ישיבה און אַפילו אויף קיין איין רגע נישט פאַרגעסן, אַז זיין מיזינקע שטייט דאָ דאַלעבן און קוקט זיך צו. און אפשר האָט זי אויך צוגעפּליעסקעט מיט די הענט, ווי די ישיבה־לייט? און ערשט... ווי ער זיצט זיך אַזוי ביים ראש־ישיבהס סדר, זיצט זי קעגן אים פּנים־אל־פּנים, ווי רייזעלע, און פרעגט די פיר קשיות. דעם טאַטן? אפשר גאָר אים? המם, נאָר דאָס איז דאָך נישט מער ווי אַ פאַנטאַזיע, — ווערט ער אַ רגע ניכטערער: ווי קומט ער צום ראש־ישיבהס סדר, אַפילו ווען ער וואָלט פאַרבליבן אין סלאָבאָדקע?! דאָס טויטע מיידל וואָלט ער געהאַט אַקעגן זיך אין צימער. ער וואָלט איר געקוקט אין די לעבעדיקע, רעדנדיקע אויגן און געטראַכט: דאָס פרעגט זי אים די פיר קשיות, המם, און אפשר נאָך אַ פינפטע קשיה: „פאַר וואָס

איז זי אַזוי יונג פֿון דער וועלט געגאַנגען, ווי זיין ברודער יצחק, און אײַ־בערגעלאָזט די אַלטע טאַטע־מאַמע, ווי יתומים?". און אפשר וואָלט גאָר איינגעפֿאַלן דעם אַלטן פֿאַרפֿאַלק צו פֿאַרבעטן אים צו זייער סדר? וואָלט ער זייער הזמנה אָנגענומען? אפשר. ווען זייער טויטע טאָכטער וואָלט אונטערגעהאַלטן זייער בקשה מיט אירע לעבעדיקע אויגן: „גייט, גייט, ס'איז אַ רחמנות אויף מיינע אַלטע, זיי זענען, נעבעך, אַזוי עלנט. און דערפֿאַר ברענג איך אייך אַ גרוס פֿון יענער וועלט פֿון אייער טויטן ברודער יצחק".

נישט מער — דאָס לעצטע וואָלט ער זיך נישט אָנגעשטויסן. ערשט איצט, אַז ער וויסט שוין דעם אומגליק, וועט ער זי פֿאַרשטיין. המם, ניין! מער צום טויטן מיידל טאָר ער זיך נישט אומקערן: זי וועט אים כסדר אָפּגעבן גרוסן פֿון יצחקן. זי קען אים נאָך, אין חלום, פֿאַרבעטן אויף יענער וועלט זיך צו זען מיט יצחק. ער וועט קיין אייך נאַכט אָן פּחדים נישט האָבן. יאָ, צום נייעם זמן וועט ער אומבאַדינגט זוכן זיך אַ נייע קוואַרטיר. המם, חוץ דעם, מוז ער דאָך איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל פּטור ווערן פֿונעם איישישאָ־קער מרגל, זיין „קוואַרטיר־משגיח". דאָס האָט ער דאָך אוודאי אים גע־מסרט פֿאַרן משגיח, אַז ער לייגט נישט קיין תּפֿילין. המם, וואָס אָן אמת, ער פֿאַרגינט אים נישט אַפֿילו דאָס טויטע מיידל, דעם איישישאָקער מסור... —

ווי דער פּסח ציט זיך עס היינטיקס יאָר אַזוי לאַנג! ער זעט אים אויס ווי אַן אויסגעפּוצטער אָבל, וואָס שלייכט זיך פֿאַמעלעך און אַלץ אין אַ קריזס. די גוטע פּסחדיקע מאכלים גייען אים נישט איין, ווייל ס'דאַכט זיך אים, אַז יצחק קוקט אים אין מויל אַריין: איך בין געשטאָרבן, און דו פֿרעסט. און ער קען זיך נישט באַפֿרייען פֿונעם געוויסנפּיין, פֿאַר וואָס ער האָט אין סלאָבאָדקע ווי גאָר אין גאַנצן פֿאַרגעסן אין יצחקן. האָט ער דאָך געוווּסט, אַז יצחק איז כסדר קראַנק אויף די לונגען. און דאָ שטייט ער אים, יצחק, כסדר פֿאַר די אויגן. ווו ער ווענדט זיך און ווו ער קערט זיך. ווי אַן אומ־אָנטאָפּעוודיקער גייסט. ער איז דאָ און — איז נישטאָ. ער כאַפּט זיך אַ מאָל, אַז ער רעדט צו אים, ווערט ווי פֿאַרשעמט און רייסט איבער. צי האָט יצחק אין אים יאָ זיך דערמאָנט אין זיינע לעצטע מינוטן? טאָמער וואָלט ער אים, יצחקן, אַ ווייל פֿאַרגעסן, דערמאָנט אים די איבערמאָסיקע צוגעלאָזנקייט צון אים פֿון אַלע שטוביקע. כלומרשט, ווייל ער איז דאָך אַ גאַסט! און אין גיכן וועט ער דאָך ווידער אַוועקפֿאָרן. אָבער ער פֿאַרשטייט גוט און פֿילט עס, אַז דאָס איז צוליב דעם, וואָס יצחק, דאָס שיינדל פֿון שטוב, וואָס האָט

שוין געדאַרפט אין גיכן געפירט ווערן אונטער דער חופּה, און מיט דער צייט ווערן אַ מורה־הוראה ביי ייִדן, האָט זיך געפּעלט. אַלע דערוואַרטע פריידן און נחת־רוחן האָבן זיך אויסגעלאָשן. ווי אויף זייער זון וואָלט אַרויפגעקראָכן אַ שווערע כמאַרע, וועלכע וועט זיך שוין קיין מאָל פון אָרט נישט אַוועקרירן. לייגט מען איצט די האָפענונגען אויף אים — דעם בעל־כשרון, דעם ליטווישן ישיבה־בחור, וואָס וועט דאָך זיכער אויסוואַקסן אַ גדול־בישראל. גאָט זאָל אים נאָר שענקען די יאָרן. ער זאָל, חלילה, נישט קראַנק ווערן אויף די לונגען: ער קומט דאָך, נעבעך, אָפּ אין דער פרעמד. פילט ער אָפּ דאָס „אַרומפּאַדען" אַרום אים, ווי מע וואָלט אים מכבד זיין מיט אונטערשטעלן אַ פּלייצע אונטער אַ מיטה מיט אַ בר־מינן אין גאַנג צום בית־עלמין. צייטנוייז האָט ער דאָס געפיל, ווי יצחק וואָלט געווען אין אים, און דאָס דרייט מען זיך אַלץ אַרום יצחקן גאָר, נישט אַרום אים. נישט אים מיינט מען. ווי ער גאָר וואָלט זיין דער געשטאָרבענער... אַך, זאָל שוין דער יום־טוב אַריבער וואָס גיכער!

וועלוול לאָזט זיך בשום אופן נישט איינבעטן פון דער מאַמען — כאָטש סע טוט אים דערביי ווי דאָס האַרץ, און ס'מוסרט אים דאָס געוויסן — ער זאָל אויך דאָס מאָל פאַרבלייבן נאָך אַ וואָך אין דער היים, ווי פאַר אַ יאָרן, וואַרטנדיק אויף שמעיה דעם רבס, צו פאָרן מיט אים צוזאַמען. ניין, — איז ער עקשנותדיק אַפילו קעגן זיידנס ווילן. — מע וועט זיך אויף אים בייזערן אין דער ישיבה. צוליבן פאַרשפּעטיקן פאַר אַ יאָרן איז ער טאַקע שיר נישט פאַרבליבן אויסן פון ביידע ישיבות. אַ נס איז אים דעמלט גע־שען. אָבער דער נס פון קריעת־ים־סוף איז דאָך געשען נאָר איין מאָל. און נאָר אין משה רבנוס צייטן.

אויפן דריטן טאָג נאָך יום־טוב געזעגנט זיך וועלוול מיט אַלע שטוביקע, נישט קוקנדיק קיינעם גלייך אין די אויגן אַריין. ער זעט ווי די מאַמע באַ־הערשט זיך, נישט אויסצוברעכן מיט אַ געוויין. אפשר צוליב דעם צעקושט זי זיך נישט מיט אים. נאָר רייזעלע טוט אים געכאַפּט אַ קוש און אַנטלויפט. הינטער זיינע אויגן וועט זי מסתם וויינען מיט דער מאַמען צוזאַמען.

צווייטער טייל

11

געקומען קיין סלאָבאָדקע, פּירט דער מאַציעווער אויס זיין באַשלוס, וואָס ער האָט אָנגענומען אין דער היים, זיצנדיק אויף דער העסעבעט — זיך אַריינצוציִען אין אַ נייער קוואַרטיר. דאָס רובֿל הוספה, וואָס דער זיידע האָט אים צוגעזאָגט ביים געזעגענען זיך, צו באַקומען יעדן חודש (...זיכער אין זכות פון יצחקן, וועמען ער דאַרף פאַרטרעטן), גיט אים דאָס מעגלעכקייט זיך אַריינצוציִען אין אַ לייטישער קוואַרטיר. ער דינגט זיך אַ צימער אין אַ שטוב אויף דער הויפּטגאַס, וואָס אירע הילצערנע טראָטוואַרן פירן גלייך צו דער בריק אויף דער ווילִיע קיין קאָוונע. די שטוב, אַ הילצערנע אויף אַ געמויערטן פונדאַמענט, קוקט מיט אירע צווייפראַנטיקע פענצטער אין גאַס אַריין, און מיט צוויי אַזשורירטע קרעמע פאַרהאַנגען לאָזט זי נישט דער גאַס אַריינקוקן אין זיך. וועמען וואָלט עס גאָר איינגעפאַלן אַז דאָ וווינט אַ שוסטער!

אָבער ווי נאָר מע טרעט אַריבער די שוועל פונעם טונקעלן פאָדער־הייזל אין קיך אַריין, דערשפירט מען גלייך מיט די קיך־ריחות אויך דעם גערוך פון לעדער. ער קומט, דער גערוך, פונעם שוסטער־וואַרשטאַט ביים פענצטער, וואָס גייט אַרויס אויפן גאָרטן. דאָ זיצט זייער ערנסט אויף זיין שוסטער־בענקעלע דער באַלעבאָס, פסח דראַטווין.

פסח דראַטווין איז אַ שוסטער אַ מייסטער, וואָס פּערטיקט־אויס ,מיט אַן ערנסט פּנים און שטרענגע נאָז־און־וואָנצעס, אויסשליסלעך מאָדערנע שיך אויף פּריוואַטע באַשטעלונגען. אַ מאָל — אויך פאָר אַ פירמענע שיכ־געשעפט אין קאָוונע, ווי ער אַליין „כאַפּט זיך אַרויס" אַ מאָל, כלומרשט נישט באַרימענדיק זיך, ווייל... ווער אין סלאָבאָדקע ווייסט עס נישט?! בעת דער אַרבעט טראָגט ער, נישט קיין לעדערנעם שוסטער־פאַרטעך, נאָר אַ לייוונטענעם, וועלכער ווערט אָפט געוואַשן און געהאַלטן ריין. זיין

ווײס בערדל, שוואַרץ נאָך בײ די באַקן און סע שפּראָצט אַרויס, איז פֿײן אַרומגעשוירן, שפּיציק צוגעפּוצט און בילדעט צוזאַמען מיט די אונטערגע־שוירענע וואָנצעס אַ געדיכטן קאַמען. פּרײטיק פֿאַר נאַכט, אַן אַרומגעזײפֿ־טער און זויבערער, אינעם ווײס־גלאַנציקן אויבערהעמד מיט אַ זײדענער שוואַרצער בינדע, אינעם סורדוט מיט לאַנגע זײדענע קלאַפּעס, וואָס פֿון זײנע אַרבל ווײסלען זיך אַרויס מאַנזשעטן מיט שימערירנדיקע ספּינקעס, ווען ער לאָזט זיך אין דער באַלמעלאָכישער קלויז דאַוונען, — זעט ער אויס גיכער ווי מאיר, דער מאַציעווער פֿעלדשער, ווען ער לאָזט זיך אַ פֿאַרפּוצטער און באַשמעקטער מיט אַ וויזיט צו אַ קראַנקן, און זײן היגטעלע, ראָזעטקע, אין אַ מענטעלע מיט אַ רויטער ליאַמעווקע, שפּרינגט פֿרײלעך אַרום זײנע געמאָסטענע טריט אין הינטישער דערוואַרטונג, אַז מע וועט דעם דאַרט, בײם חולה, מכבד זײן מיט אַ ציגעלע צוקער.

לויט זײן אויסזען, דראַטווינס, איז שווער אָפּצושאַצן וויפֿל ער איז אַלט, ווײל זײנע באַקן־בערגעלעך איבערן בערדל זענען יום־טובדיק ראָז־לעך, ווי זײ וואָלטן אָפּגעשײנט די רויטקייט פֿון זײן ווײבס תמיד גליִענדיקע בעקלעך אונטער דער היץ פֿון אירע בליאַסקענדיקע אויגן מיטן שאַרפֿן בליק פֿון אַ צעפּעדערטער קוואָקע אין קרײז פֿון אירע גרינגעלע עופֿעלעך־פּוכעלעך. און נאָך שווערער איז אָפּצושאַצן אירע יאָרן, זײן ווײבס, שפּרה דער שוסטערקעס, וועלכער ס׳וואָלט זיך גיכער געפּאַסט צו זײן כאָטש אַן אַקושערקע: אַ דיקלעכע, פּוכלינקע און תמיד רירעווודיקע און פֿאַרטונענע אין דער קיך און אויך, אַ פּנים, אין די ענינים פֿונעם מאַנס וואַרשטאַט און פֿון זײערע דרײ כּלה־מײדלעך: אסתר, יאָכוועד און צלאַווע. דער מאַן מיט די טעכטער זענען נכנע איר דעה; דער קאָפּ אין שטוב איז זי — די מאַמע.

אַזאַן אײנדרוק באַקומט דער מאַציעווער, ווען ער פֿאַרגלײכט זיך מיט דער באַלעבאָסטע, שפּרה די שוסטערקע, וועגן די באַדינגונגען פֿאַר דער קוואַרטיר מיט באַדינונג.

די באַלעבאַטים פֿאַרטוישן זעלטן אַ וואָרט מיט זײער נײעם קוואַרטי־ראַנט. צי מחמת פֿאַרנומענקײט, צי ווײל ער, דער קוואַרטיראַנט, איז בטבע אַ שווײַגער און מער ווי אַ קורצן ענטפֿער אויף אַ געשטעלטער פֿראַגע באַ־קומט מען נישט פֿון אים. אַ שווײַגער איז אויך זײן מיטקוואַרטיראַנט, וואָס האָט זיך אַרײנגעקליבן נאָך אים, דער ווילקאָמירער. ווי אַ גוטער שדכן וואָלט זײ צונויפֿגעפּאָרט.

אַ שווייגער, — טראַכט וועגן אים דער מאַציעווער, — אָבער... נישט קיין נאָכשפּירער, קיין משגיח אויף עמעצנס כּשרות, ווי דער איישישאָקער מתמיד. ער זעט אויס צו זיין אַ קרענקלעכער, דער ווילקאָמירער, לויט זיין פּנים־בלאַסקייט און דעם שטילן אומעט אין די אויגן. אַ זויבערער, ווי די זויבערקייט וואָלט זיך גענומען פון זיין בלאַסקייט, אָדער פאַרקערט. אַ זויבערקייט פון אַ געלעגער אין אַ שפּיטאָל. זיין האַלטונג — אַן איידעלע און מאַנירלעכע, שוין גאָרנישט קיין ישיבה־בחורישע. זעט אויס צו שטאַמען פון אַ נגידיש־אינטעליגענטיש הויז. און פון דעסטוועגן — קיין חברשאַפט צווישן זיי, די צוויי אין זיך פאַרשלאָסענע, שאַפט זיך פאָרט נישט. נישט מער, צו קיין שנאה, ווי פאַר אַ יאָרן צווישן אים מיטן איישישאָקער, קומט עס אויך נישט. זיי זענען ערנסט און שווייגנדיק צווישן זיך. פרעמדלעך, ווי... פלייסיק און מילכיק געפעס, ווען די טרעפן זיך אויף איין באַנק אין אַ פרומער קיך. אַפילו ווען ס׳קומט זיי אויס צו עסן צוזאַמען דעם מיטיק אין ענגשאַפט ביי זייער טישל, צווישן די שמאָלע צעראַטענע סאַפקעס, אויף וועלכע זיי שלאָפן, פאַרזועבט זיך נישט קיין שמועס צווישן זיי. יעדער קוקט אין זיין שיסל וואָס שטייט פאַר אים, אָדער אין פענצטער, וואָס גייט אַרויס צום גאָרטן. בלויז זעלטן פאַרטוישט מען זיך מיט אַ באַמערקונג, וועגן דעם מיטיק טאַקע:

— ווידער אַ האָר אין דער יויך. — טוט דער מאַציעווער תּרעומותדיק אַ ברום אין שיסל אַריין.

— ביי מיר האָט עס נאָר וואָס שוין צום צווייטן מאָל געטראָפן. — שטעלט אָן דער ווילקאָמירער אויף אים זיינע בלוילעך־קילע אויגן, פאַרצויגענע מיט אַ נעפּעלע אומעט, בעת איבער דער בלאַסקייט פון זיין מאַטעווער הויט פלאַטערט שוואַך אַ רמז פון אַ שמייכעלע. — מיר האָבן אַ גוטע באַלעבאָסטע... זי גיט אונדז תּמיד מיט אַ האָר מערער. סע קומט איר אַ דאַנק.

— סע קומט איר אַ טאָפּעלער דאַנק: אויך דערפאַר, וואָס דאָס זענען ווייכע, ווייבערישע האָר, און נישט קיין חזירישע... — צעלאַכט זיך דער מאַציעווער אויף אַ קול מיט אַן איבערגעכאַפּטער מאָס, ווי זיין שטייגער איז, און האָט בדעה נעמען דערציילן דעם מיטעסער אַ „שיינע מעשה". אָבער זיין געלעכטער ווערט ווי איינגעזאַפּט אין דער ווייכער וואַטע פונעם ווילקאָמירערס שטילשווייגעניש; ווי ס׳וואָלט אים באַנק געטאָן אויף זיין אַרויסגע־

כאַפּטן ווערטל. לאָזט שוין דער מאַציעווער איבער די „שיינע מעשה" ביי זיך. ערשט ווען ער הייבט זיך אויף פונעם טיש, דער ווילקאָמירער, און טוט אַ וויש אָפּ פון דער מאַרינאַרקע אויסגעדאַכטע ברעקלעך, לאָזט ער אויס שטיל אין דער וועלט אַריין:

— כ'האָב נישט בדעה לאַנג צו געניסן פון דער באַלעבאָסטעס אַ האָר מערער... גיי פאַרנעם זיך מיט מבינות, צי ס'איז דער באַלעבאָסטעס אַ האָר, אָדער גאָר דעם באַלעבאָס אַ חזיר־האָר. כאָטש מע זאָגט: גוט איז פון אַ חזיר אַ האָר — אָבער נישט אין אַ כשרער יויך.

מיט די מיידלעך קומט זיי אַוודאי נישט אויס, די ישיבה־בחורים, צו פירן שמועסן. יאַכוועד און צלאָווע זענען דעם גאַנצן טאָג נישטאָ אין שטוב — אַרבעטן אין שטאָט, אין קאָוונע; יאַכוועד, די מיטלסטע — ווי אַן אָנגע־שטעלטע אין אַ שיכגעשעפט; צלאָווע, די מיזינקע — ווי אַ זעלבשטענדיקע היטנפוצערין אין שותפות מיט נאָך אַ מיידל אַ געהילפין; בלויז אסתר, די עלטסטע, איז אין שטוב, העלפט צו דער מוטער אין דער ווירטשאַפט און... וואַרט, אַ פּנים, אויף איר באַשערטן מיט גרויסער פאַרבאַרגענער קלעמע־ניש, ווייל גראָד די ייִנגסטע און אויך די שענסטע, צלאָווע, גייט שוין מיט אַ בחור, וועלכער קומט מיט איר אין שטוב אַריין, וואָס דאָס הייסט, אַז ער איז שוין כמעט איר חתן.

„...לאה" — טראַכט אַ מאָל דער מאַציעווער וועגן אסתרן און זוכט אין אירע אויגן דעם „ועיני לאה רכות" — לאהס אויגן זענען קאַליע געווען פון וויינען. ער דערמאָנט זיך ווי ער האָט אויף איר אין חדר רחמנות געהאַט און אין האַרצן געבעטן פאַר איר צו גאָט, זי זאָל געפינען חן אין יעקבס אויגן, און ער זאָל זי ליב באַקומען. אָבער — וואָס־וואָס — אויגן האָט זי, אסתר, גראָד שפּילנדיקע, וואָס באַהנען דאָס גאַנצע פּנים אירס.

אַזאַ נאָענטקייט מיט דריי לעבעדיקע מיידלעך, אָנשטאָט דער אייך טויטער אויף דער פריערדיקער קוואַרטיר, וואָס אַלע זענען זיי שוין אין זיינע אויגן, גיט דעם מאַציעווער נישט קיין רו. סיי אין דער ישיבה איבערן שטענדער, ווען ער ראַנגלט זיך מיט זיין פּוילקייט צום לערנען; סיי ווען ער שטייט, אָדער זיצט אַ פאַרחלומטער אויפן ברעג פון דער ווילִיע און באָדט זיך אין זיינע פאַנטאַזיעס; און אַוודאי שוין אין שטוב, ווען ער איז אַליין, אַן אויסגעצויגענער אויף זיין שמאָלער צעראַטענער סאָפקע, און קוקט מיט תמעוואַטע אויגן אין נידעריקן סופיט, — אויף זיין גלאַטיקער,

גליטשיקער סאָפקע, פון וועלכער ער גליטשט זיך אַראָפּ נאַכט־נעכטלעך צוזאַמען מיטן בעטגעוואַנט, אַנקומענדיק אין חלום אויפן וואָקזאַל אין מאַציעוו. איין מאָל האָט ער אַפילו אַ געשריי געטאָן, אַראָפּפאַלנדיק:

— טפּררר!...

— ווו האָט איר זיך אָפּגעשטעלט, מאַציעווער? — האָט אים דער ווילקאָמירער, אַן אויפגעוועקטער פון זיין געשריי, אַ פרעג געטאָן פאַרשלאָפן־ברוגזלעך.

— אין מאַציעוו.

12

דער מאַציעווער דערמאָנט זיך זייער אָפּט זיין ערשטן פרייטיק־צו־נאַכטס דאָ, ווען דער ווילקאָמירער האָט נאָך מיט אים נישט מיטגעוווינט: פאַרן באַלעבאָס קידוש־מאַכן קומט אַריין די באַלעבאָסטע צו אים אין צימער, אין אַ ווייסן האַלבן פאַרטעך, מיט צעפּלאָמטע בעקלעך, ווי שמחת־תורהדיקע עפּל אויף פאָנען, און טוט אַ זאָג מיט שפּילנדיקן גלאַנץ אין די אויגן:

— איר זענט ביי מיר דער ערשטער קוואַרטיראַנט וואָס גייט נישט אוב שבת עסן צון אַ באַלעבאָס. איך פאַרשטיי. מסתם זענט איר פון גאָר אַ לייטישער היים. איז אפשר וועט איר אַריינגיין צו אונדזער טיש? ביי אונדז עסט איר דאָך אייער אייגנס. און ס'וועט אייך זיין היימלעכער, ווי זיצן דאָ אַליין.

— אַ דאַנק, ניין. — שאָקלט ער זשעניִרט מיטן קאָפּ אַהין און אַהער און טראַכט אויף גיך: פאַרט הייסט עס זיצן ביי אַ פרעמדן טיש. ווי וואָלט עס אויסגעזען ביים זיידן אין די אויגן, ווען ער זעט אים אַזוי דאָרט ביים טיש: אויבן אָן — פסח דראַטווין, דער שוסטער מיטן פּנים פון מאיר רופא, אַרומגערינגלט מיט דער שוסטערקע און די דריי מיידן?... דריי פּאָר מיידל־אויגן וועלן הענגען ווי בליצלאָמפּן אויף זיין פרעמד פּנים, וואָס גלאַנצט פון שוויס.

— איז וואָס? — פרעגט זי אים איבער, מיינענדיק אַז ער טראַכט נאָך אפשר יאָ אַריינצוגיין.

— ניין. איך דאַנק אייך, באַלעבאָסטע.

— נו, גוט. וועל איך איך אַריינדערלאַנגען. — גייט זי אַרויס, אויב נישט מיט אַ פֿאַרשוויגענעם פֿאַרדראָס: איר מאַן איז טאַקע אַ שוסטער, אָבער נישט קיין ליאַדע פֿאַרטאַטש; ביי אים באַשטעלט מען אַרבעט פֿון פּירמעס!

ער הערט דורך די ווענט דעם באַלעבאָס קידוש־מאַכן אויף אַ קול מיטן געהעריקן ניגון. די ווענט זאַפּן אָבער איין די קלאָרקייט פֿון די ווערטער, און ס'איז נישט אָפּצושאַצן דעם באַלעבאָס עברי: „צי האַקט ער נישט קיין פּלעקלעך אין אַ האַרטער פּאַדעשווע"... אויף זיין אייבערשטער, קוים־באַפּוכטער ליפּ, וועלוולס, טוט אַ פּלאַטער אַ שמייכעלע, ווי אַן אַנגעפּלויגן נאַכטפּלאַטערל, צי צו זיין אָקאָרשטיקן געדאַנק, צי צון אַ דערמאָנונג פֿון דער היים:

איין מאָל, אום פֿרייטיק צו נאַכטס, גייען עטלעכע בית־מדרש־יִינגלעך פֿון דאַוועניען פֿאַרביי כתריאל גויס שטיבל. זעט: ער האָט שוין דאָרט אויף גיך אָפּגעפּטרט דעם „שלום עליכם" פֿאַר די מלאכים, און דעם „אשת חיל" פֿאַר זיין דריט ווייב, און מאַכט שוין קידוש אויף אַ קול. זיי בלייבן שטיין און האָרכן זיך איין, — ער זעצט עס אַן עברי! האַקט אַ דעמבענע פּאַלינע האָלץ מיט אַ טעמפּער האַק, יעדער גריז, ווי דער ביק וואָס ער האָט הייג־מיקע וואָך געבראַכט צו זיין מיוחסדיקער קו, מיט די הערנער ווי אַ קרוין, צוליב וועלכן מען רופֿט זי אין שטעטל „כתריאל גויס קייסערינע". פֿינף טעפּ מילך אַ טאָג גיט זי!... ווען ער טוט אַ לאָז אויס דעם קידוש, כתריאל, קלאַפּט איינער פֿון די יִינגלעך אָן צו אים אין אַ שייבל: — „רב כתריאל, אַז מע קאָן נישט מאַכן קיין קידוש אויסנווייניק, מישט מען אויף אַ סידור און מע מאַכט פֿון אינעווייניק". דערהערט זיך פֿון שטיבל אַ גוטמוטיק אָפּזיפּצן מיט אַ ווייכן ענטפֿער: „טייער ייִדן קינד דאָרטן, פֿון אינעווייניק גייט עס ביי מיר נאָך ערגער...".

איז ער ערשט, דער מאַציעווער, גלייכצייטיק סיי אין דער היים, סיי דאָ. ער זעט אין דמיון אָט דעם שוסטערס באַלויכטענעם, פּעכלדיקן שבתדיקן טיש פֿון הינטער די ווענט, און אָט דעם שבתדיקן טיש דאָרט אין דער היים, — און אַ נאָגנדיקע בענקשאַפֿט און טונקעלער אומעט, ווי די טונקלקייט דאָ אין צימער, באַלויכטן מיטן העננגדיקן אַכטער נאַפֿטלאָמפּ, גייען אויף מיט אַן ערב שטום געוויין אין זיין געמיט.

די באַלעבאָסטע טראָגט אַריין, מיט די זעלבע הפסקות ווי ביים איגענעם

טיש, איך געריכט נאָכן צווייטן, אַזוי אַז נישט זיצנדיק דאָרט מיט דעם שוסטער־געזינד צוזאַמען, האָט ער פּאָרט דאָס געפיל, אַז ער איז צווישן זיי, עסט ביי אַ פרעמדן טיש, — איז ווי קאָן אים שוין דאָס עסן געשמאַק זיין? ווי קאָן עס אים איינגיין?

אויסגעלאָזט די סעודה מיט אַ פלומען־צימעס, דאָס איינציקע געריכט וואָס ער עסט מיט אַפּעטיט צוליב דער זויערלעכקייט פון די פלומען, וואָס דערכאַפּט דאָס האַרץ, גייט ער אַרויס אין דרויסן. ער וועט דאָ אויס־לופטערן זיין איינזאַמקייט אינעם טונקעלן, לבנה־באַשיינטן אָוונט, וואָס האָט די גאַנצע צייט פון זיין סעודה אַריינגעקוקט צון אים פון גאָרטן דורכן פענצטער, אָבער איז נישט אַריינגעקומען צוליבן טונקעלן הענגלאָמפּ פון דער סטעליע. ביי דער אָפענער קאַליטקע בלייבט ער שטיין אָפּהענטיק. וווהין האָט ער דען צו גיין? אין ישיבה אַריין? דאָרט איז אַוודאי קיינער נישטאָ, אַפילו נישט דער אישישאָקער מתמיד... זינגט נאָך מסתּם זמירות ביים פרעמדן טיש. צו שמעיה, דעם רבס? ער ווייסט דאָך נישט ביז היינט נאָך ווו זיין קוואַרטיר איז; אפשר איז ער... ביי זיין גוייִשער פרינצעסין, טאַטיאַנע? בלייבט אים איבער בלויז — צו קוקן, ווי קינדווייז, אויף יהושוע בן נונס פּנים אין דער לבנה. נאָר האַלטן לאַנג דעם בליק פאַרריסן צו דער הייך איז אויך נישט לייכט.

קוקט ער לענגאויס דער גאַס, ווו ס'גייט נאָך נישט פאַרביי קיין לעבע־דיקער נפש, און דער שטויביקער וועג ליגט אַן אויסגעבלייכטער אין דער לבנה־שיין, ווי אַ גרויער לייוונט. פון די שטיבער־שורות קוקן די פענצטער מיט די שבתדיקע ליכטפלעמלעך. און דאָ שלאָגט אַ העלע שיין פון זיינע באַלעבאַטימס צוויי פראָנטפענצטער. זיי זענען אָפן און לאָזן איצט דורך אַ העל געזאַנג... ניין, דאָס זינגט נישט דער באַלעבאָס מיט די טעכטער קיין זמירות נאָכן שבתדיקן טיש, ס'זינגען די מיידלעך אַליין. עפּעס אַ רוסיש ליד גאָר. אַ רוסיש ליד נאָכן שבתדיקן פלומענצימעס... מע וואָלט דאַרפן צו זיי אַריינשיקן אַ שבת־גוי, ער זאָל זיי צוהעלפן. און די מענטשן ווערן נאָך פרעמדער, דאָס נאָגעניש אויפן געמיט נאָך שטאַרקער. אפשר פאָרט צוגיין אין ישיבה, זיך צעשאָקלען איבערן שטענדער און לערנענדיק אויס־גיסן אין אַ וויינענדיקן ניגון די גאָרע בענקשאַפט און דאָס געפיל פון עלנטקייט?

אָבער, נישט באַוויזן נאָך צו מאַכן דעם ערשטן טראָט, דערפילט ער

עמעצן אונטערקומען הינטער זיך. ווי דער עמעצער וואָלט זיך צון אים מיט קאָנצנטריט דערנענטערט. אויסגעדרייט דעם קאָפּ — שטייט לעבן אים יאָכוועד. אַ ביסעלע צעמישט־איבערראַשט, טוט ער זיך אַ כאַפּ אַרויס, כאַטש מיט איר נאָך נישט באַקענט:

„גוט־שבת".

— גוט שבת. — ענטפערט זי אים ווייך־מילד, מיט אַ פּנים הוילע שמייכל, און הייבט אָן רעדן, גליך זיי וואָלטן זיין שוין אַלטע באַקאַנטע.

זי דערציילט וועגן די ישיבה־בחורים, וואָס זענען ביי זיי פּאָר אַ יאָרן איינגעשטאַנען. ער הערט זי און... הערט זי נישט. ער טראַכט דעם מאמר חז"ל: „עשרה קבין שיחה ירדו לעולם, תשעה נטלו נשים" — צען מאָס רייד האָבן אַראָפּגענידערט אויף דער וועלט, ניין האָבן צוגענומען די ווייבער; „ואחד כל העולם כולו" — און איינע די גאַנצע וועלט... נו, און פון דער איינער האָבן די ווייבער גאָר נישט געגאָסן?... און ער איז גלייכצייטיק פאַרטאָן אין באַטראַכטן זי:

אַ שיין מיידל. כאָטש איר וווקס — נידעריקער ווי מיטלמעסיק. געראָטן אין איר מאַמען. די בעקלעך זשאַריען. די אויגן, וואָס גיסן זיך איבער פון ברוין אין שוואַרץ, פינקלען. אירע טונקל־שאַטענע האָר שימערן קעגן דער לבנה־שיין, געטיילט אין מיטן מיט אַ שרונט, ווי אַ זילבערנער פאָדעם, און לאָזן זיך אַראָפּ אויף איר רוקן מיט צוויי לאַנג־לאַנגע צעפּ, אַזש ביז די „חמוקי ירכיך" *. אַזוי האָט אַוודאי אויסגעזען אויך איר מאַמע מיידלווייז. און אַז זי וועט קומען אין דער מאַמעס יאָרן, וועט זי אויסזעען ווי איר מאַמע? סאַ שאָד וואָס מענטשן עלטערן זיך. המם... ס'איז גוט וואָס זי האָט אים פאַרטשעפּעט, נישט ער זי. נייך... טאַקע ער האָט דער ערשטער פאַרטשעפּעט מיטן „גוט שבת".

ער ווערט שטאָלץ אויף זיך: כאָטש אַ ישיבה־בחור — פון דעסטוועגן... און אפשר נאָך מער: זי איז ספּעציעל אַרויסגעקומען, כדי מיט אים דעם שמועס צו פאַרפירן.

ער וויל איר, אויב אַזוי, געפעלן. וואַרט אָפּ אַ הפסקה אינעם גאָס פון אירע רייד, ווען ער וועט באַקומען דאָס מעגלעכקייט אַ פּאָר ווערטער אַריינצושטעלן — עפּעס אַזעלכע קלוגע, פון וועלכע זי זאָל זען, אַז ער איז

---

* רונדע דיכן.

נישט קיין „פּאַטראָן", ווי מען רופט דאָ די ישיבה־בחורים לגנאי. אומגע־ריכט רייסט איבער דעם גאַס דאָס דערנענטערן זיך מיטן וועג, אין מיטן גאַס, פון עפּעס אַ סאַפּענדיק־ניוכענדיק באַשעפעניש. ס'טוט אַ גרילץ אין די אויערן אַ תרועותדיק שאַרף כריוקעלע. דאָס באַשעפעניש לאָזט זיך טאַקע צו זיי — גלייך ס'וואָלט דעם פאַרשמעקט יאַכוועדס שאַרפער פּערפום — אַ חזיר. ער, וועלוול, דערפילט מיטן גאַנצן געמיט די שאַרפקייט פונעם קאָנטראַסט: פון איין זייט — אַ שיין מיידל, וואָס שמעקט מיט שבתדיקער פרישקייט און זיסלעכן פּערפום, אַ מיידל מיט אַ שיין עפּלדיק פּנימל און וונדערלעכע, כישופדיקע צעפּ; און פון דער צווייטער זייט — אַ דבר־אַחר, פון וועלכן ס'ציט אַ פאַראַווירטער גערוך. המם, ס'איז אַ חילול... היופי. און ער טוט אַ שטעק אַרויס דעם שפּיץ פון אַ שוך, פאַבענדיק מיט גרויס פּאַריבל און עקל צום שווייניִשן שנוק:

— אַטשו אַטשו, חזירלע!

— וואָס טוט איר? — טוט זיך יאַכוועד אַ פּיק־אויס פאַר אים מיט איר גאַרער גרויסשטעטישער אינטעליגענטישקייט, אַפילו ווי מיט ערנסטן פאַרדרוס אינעם טאָן. — אַ חזיר איז נישט קיין מענטש?!

ער ווערט פאַרבליפט. זיין פאַכענדיקער, דראַענדיקער פוס טוט אים מיט אַ מאָל אַ פאַל אַראָפּ. ווי אַזוי זאָל ער זיך פאַר איר פאַרענטפערן? ווער האָט זיך עס געקאָנט ריכטן. אַז זי איז אַזש אַזאַ... צער־בעלי־חיימניצע? „אַ חזיר איז דען נישט קיין מענטש?!", חזרט ער איבער אין געדאַנק און — ער דערשטיקט אין זיך קוים אַ געלעכטער, וואָס וואָלט אויפגעריסן די שטילקייט און דעם הימל מיט דער לבנה צוזאַמען. אַפילו דער דבר־אַחר אַליין, זעט אויס, ווערט געפּענטעט פון דאַזיקן אויסטערלישן קאָמפּלימענט פון אַ גרויסשטעטישער מאַראַלישער פרייליך, וואָס אירע צעפּ קאָנקורירן מיט דער שיינקייט פון זיינע שטשעטשינעס אויפן רוקן — ער גייט פריי־וויליק אַוועק, דרייענדיק מיטן ווידעלע, מיט אַ קוויטשיק שלשלתל, און לאָזט זיי ווידער אַליין.

— איר זענט גערעכט, — פאַלט אים איין אַ „חידוש" און ער קאָן זיך נישט אָפּהאַלטן פון אַ גלאַנץ צו טאָן מיט אים פאַר איר, — און דאָס זעלבע פאַרקערט: איז אַ מענטש נישט קיין חזיר?!

מיט אַ מאָל טוט זיך יאַכוועד אַ קער אַוועק און אַ גיי צוריק אין שטוב

אַריק. צי האָט זי זיך אַזוי באַליידיקט פֿאַר איר חזיר, צי פֿאַר זיין מענטשן? צי האָט זי אים כאָטש געזאָגט „אַ גוטן?" ער, אַ געפּלעפּטער, האָט עס יעדנ־פֿאַלס נישט געהערט. נאָר אַז ער באַרויִקט זיך און זעצט זיך צו אַ ביסל אויף דער באַנק דאָ ביים גאָרטנפּלויט, פֿאַלט אים איין אַ צווייטער „חידוש": יאָכוועד — יוכבד — יהי כבוד הדבר־אַחר עליך, — זאָל רוען אויף דיר דעם דבר־אַחרס פּראַכט... און ער שמייכלט אַרויף צו יהושוע בן נונס אומע־טיק לבנה־פּנים און אַראָפּ צו זיך אין עלנטן האַרץ אַריק, און ס'איז אים זייער, זייער אומעטיק. הייבט ער זיך אויף און גייט צוריק צו זיך אין צימער אַריין, לייגן זיך שלאָפֿן און... זעען קעגן זיך אויף דער וואַנט — לויטן גע־דעכעניש — דאָס טויטע מיידל פֿון זיין פּאַראַיאָריקער קוואַרטיר...

13

די עטלעכע יאָר זיין אין דער פֿרעמד — פֿאַר אַ יאָרן אין קריניק צ' יאָר, און דאָ, אין סלאָבאָדקע, שוין דאָס צווייטע יאָר — האָבן נישט געענדערט דעם מאַציעווערס לאַגע. אַן אָפּגעזונדערטער, ווי ער איז עס געווען פֿון תמיד אָן, נאָך פֿון קינדוויז אין דער היים, אין חדר, און שפּעטער, צו צוועלף יאָר שוין, אין בית־מדרש, און האָט קיין מאָל קיין חבר נישט געהאַט, כאָטש נאַטירלעך, זייער שטאַרק עס געגאַרט, — איז ער פֿאַרבליבן ביז היינט.

וואָס איז די סיבה דערפֿון? אין זיינע קינדעריאָרן — ווייל זייערע שכנים, כמעט פֿון דער גאַנצער גאַס, ווו זיי האָבן געוווינט, זענען געווען באַלמעלאָכעס, „פֿון נידעריקן גראַד", און זייער אָנגעבלאָזענער, באַלע־באַטיש־נגידישער שטוב איז נישט אָנגעשטאַנען, זייערס אַ קינד, און דערצו נאָך מיט אַזאַ „אייזערן" קעפּל, זאָל זיך חברן מיט דער „באַסע־קאָמאַנדע", מיט די „פֿאַרשטאָפּטע קעפּ". איז ער געווען אַ שטענדיקער שטובזיצער און פֿלעגט בלויז דורכן פֿענצטער אַרויסקוקן מיט קנאה און גלוסטעניש צו די קינדער און יינגלעך, וואָס שפּילן זיך און שטיפֿן אַרום חברותוויז אין דרויסן. שפּעטער אין די חדרים, וווּ ס'האָבן שוין געלערנט אויך באַלע־באַטישע קינדער — צוליב זיין יונגקייט און קליינוויקסיקייט און... זיינע כשרונות; אַלע תּלמידים, מיט וועלכע זייער שטוב איז שוין אָנגעשטאַנען ער זאָל זיך מיט זיי חברן, זענען געווען עלטער און וויקסיקער פֿון אים,

און ס׳האָט זיי בכלל נישט געפּאַסט צו לערנען מיט אים אין איין חדר, בפרט זיך נאָך צו חברן מיט אים! האָט ער זיך געפילט אומזיסט באַעוולהט און באַליידיקט, איז אַריינגעקראָכן, ווי אַן אָנגעטרעטענער שלימאַק אין זיין מושל, אינעם פאַנצער פון זיין יִחוס און גוטקעפלדיקייט, און אין זיין געמיט האָט זיך אויסגעקאָוועט אַ פאַרביסענע שטאָלצקייט, וואָס האָט אים נאָך מער אָפּגעזונדערט פון די חדר־יִנגלעך. ס׳האָט געזאָלט הייסן: אים גאָר פּאַסט נישט מיט זיי זיך צו חברן! ער וועט זיי אַלע איבעריאָגן! און אַזוי איז דאָס געוועזן שוין אויך שפּעטער אין בית־המדרש, כאָטש איבער־געיאָגט האָט ער זיי דערווייל נישט. אַן אויבנאויפיקע חברשאַפט האָט זיך ביי אים פאַרבונדן מיט שמעיה דעם רבס, איז שמעיה אַוועקגעפאָרן קיין סלאָבאָדקע; אַן אָנהאַלטעוודיקע חברשאַפט האָט זיך אויך פאַרבונדן צווישן אים און אהרון פּערל לאהס, פון אַ שטוב וואָס האָט זיך געוויקט ממש אין גאָלדענעם יחוס, איז ער אַוועקגעפאָרן אין דער ישיבה, וועלוול. און כאָטש איצט איז ער דאָך צוזאַמען מיט שמעיה דעם רבס אין סלאָבאָדקע, וויל, ווייזט אויס, שמעיה נישט אָנהאַלטן די חברשאַפט. און חוץ דעם, לערנען זיי דאָך אין באַזונדערע ישיבות.

און ווער איז דערין שולדיק היינט, דאָ אין דער ישיבה? צי זיין אייגענע איינגעשלאָסנקייט אין זיך, ווי אַ געבליבענע צווייטע טבע פון די פריִערדיקע יאָרן, פון וועלכע ער קאָן זיך נישט באַפרייען? צי, פאַרקערט, אַנדערע דערווייטערן זיך פון אים, ווייל זיי פילן אין אים אַ בעל־גאַווהניק, ווי דאָס איז געווען דער פאַל מיטן אײשישאָקער מתמיד? סיי ווי — אים אין זיין איינזאַמקייט, דאַכט זיך, אַז אַנדערע זענען שולדיק, ער ווערט כסדר באַעוולהט. און אָט דאָס דאָזיקע געפיל זינגט ער אויס פאַרדריסלעך־ווייניקעריש ביים שטענדער, שאָקלענדיק זיך איבער דער גמרא מיט אַ ניגון, וואָס נאָגט זיין אייגן האַרץ און דאָס האַרץ פון אַ צופעליקן צוהערער. „וויפל עצבות, וויפל עצבות. די תורה דערקוויקט נישט די נשמה פון דעם בחור...״ — טראַכט, קוקנדיק אויף אים און פינטלענדיק מיט די אויגן, דער משגיח. פון וואַנען זשע דאָך די זעלטענע פריידיקע טעג, וואָס גייען אויף, ווי מאָגערע צווייט אויף אַן איינדאַרנדיקן, שווינדזיכטיקן בוים? זיי קומען אויף, ווייל אין זיין געפיל פון געצוווּנגענער עלנטקייט וועבן זיך אַריין פון צייט צו צייט זיינע פאַנטאַזיעס וועגן קומענדיקע יאָרן, ווען די אַלע וואָס מיידן אויס מיט אים זיך צו חברן היינט, וועלן עס באַדויערן: זע

נאַר! זיי זענען גאָרנישט געווען קיין מבינים אויף אים, וואָס ער איז, דער מאַציעוועד!

צווישן אים מיטן ווילקאָמירער וואָלט זיך אפשר יאָ מיט דער צייט געווען פאַרבונדן אַ חברשאַפט, איז עפּעס גאָר פּלוצעם געקומען אויף יענעם „אַן אויסכאַפּעניש", לויט דעם מאַציעוועדס אויסדרוק אין געדאַנק. אויך אַ שווייגער, האָט ער, דער ווילקאָמירער, קיינעם גאָרנישט געזאָגט. נאָר איין מאָל, ווען דער מאַציעוועד קומט פון דער ישיבה אויף מיטיק, באַגעגנט אים די באַלעבאָסטע נאָך אויף דער שוועל מיט צעגליטע בעקלעך, צי פונעם פלאַם אויף דער פּליטע, צי פון דעם נייס וואָס זי ליגט אים אַרויס:

— הערט נאָר אַ מעשה! מיט אַ צוויי שעה צוריק קומט דער ווילקאָמירער צו לויפן, פּאַקט צוזאַמען זיינע זאַכן, רעכנט זיך אָפּ מיט מיר, באַצאָלט ביז איין פּרוטה און געזעגנט זיך. צי ווייסט איר נישט, מאַציעוועד, וואָס איז אים דאָ אַזוי ביי אונדז נישט געפעלן געוואָרן?! ער וועט קריגן אין פּראָגט אַ שענערע, אַ בעסערע דירה? צי אפשר אַ באַלעבאָסטע וואָס קאָכט בעסער און געשמאַקער? צי אפשר לייטישערע קינדער אין שטוב? אַנדערע מיידלעך, ווו סע שטייען איין ישיבה־בחורים... נו, מילא, לאָמיר בעסער נישט רעדן.

„דאָס איז צוליב איר גוטסקייט, פאַר איר געבן ,מיט אַ האָר מערער'",
— טוט דער מאַציעוועד אַ טראַכט מיט אַ פאַרבאָרגענעם אַריינשמייכל אין זיך און זאָגט:

— גלייבט מיר, באַלעבאָסטע, איך ווייס אויך גאָרנישט. מיט מיר האָט ער זיך אַפילו נישט געזעגנט. מיך הונגערט באַלעבאָסטע...

דער ווילקאָמירער האָט זיך מער נישט געוויזן אויך אין דער ישיבה. צי האָט ער זיך דערשפּירט קראַנק און איז אַהיים געפאָרן? עפּעס האָבן זיך אים אָפּט געמאַכט געשווירלעך אונטער די פּאַכוועס, פלעג גיין צון אַ דאָקטער און האַלטן אין איין לייגן זיך קאָמפּרעסלעך... צי האָט ער זיך גאָר אין מיטן זמן אַריבערגעפּעקלט אין דער ישיבה „כנסת ישראל", וועלכע ער פלעגט אָפּט לויבן? — טראַכט דער מאַציעוועד, בעתן עסן אַליין ד'עם מיטיק. אויב שמעיה וועט ווען־עס־איז טאָן אַ פאַל אַריין, ווי פון בוידעם אַראָפּ, זאָל איך נאָר נישט פאַרגעסן אים אַ פרעג צו טאָן וועגן דעם. נאָר צי וועט ער בכלל נאָך אַ מאָל קומען, שמעיה? שאַ!... כאַ־כאַ־כאַ...

אפשר גאָר האָט ער זיך געשמדט, דער מוסרניק, און חתונה געהאַט מיט טאַטיאַנען? צי קאָן ער נישט אַ מאָל קומען, שמעיה, אַ פאַרשמאַיעטער מיט אַזאַ־אַ פּזמון?...

די ערשטע וואָך, ווען ער, וועלוול, איז נאָך פּסח צוריק געקומען, האָט ער זיך, שמעיה, נישט טרעפנדיק אים אויף דער אַלטער קוואַרטיר, באַוויזן, אין דער ישיבה „כנסת בית יצחק", אָפּצונעמען „אַ לעבעדיקן גרוס" פון דער היים. אָבער אויסגעפרעגט אים וועגן דעם היים האָט ער זייער וויניק, בלויז פון יוצא וועגן. זיי זענען אַרויסגעגאַנגען אויף אַ שפּאַציר. צוגעקומען צום ברעג ניעמאַן און זיך אַנידערגעזעצט אויפן גראָז, איז ער באַלד אַריבער צו דערציילן וועגן זיך. האָט אָנגעשאָטן אַ באַרג גוזמאות וועגן זיין באַרימטקייט אין „כנסת ישראל", וועגן זיין שפּאַרן זיך אין לערנען מיט די גרעסטע ישיבה־בחורים און אפילו מיטן ראָש־ישיבה, רב משה מרדכי, דעם „תכלת מרדכי". ער האָט אים סוף־כל־סוף, דער „תכלת מרדכי", בעתן שיעור, אַ זאָג געטאָן פאַר דער גאַנצער ישיבה: „מאַציעווער, נצחתני, איר האָט מיך, מאַציעווער עילוי, מנצח געווען!". המם... איז וועט ער זיך שרעקן דאָרט פאַרן „אַלטן", ווען מ'האָט צוגעטראָגן, אַז ער, שמעיה, לערנט נישט דעם „מסילת ישרים"?! און איין מאָל האָט ער אים טאַקע געטאָן אַן ענטפער אָפּ, דעם „אַלטן", בזה הלשון: „וואָס הייסט איך לערן נישט דעם „מסילת ישרים"? די גמרא זאָגט דאָך,רבי... לא שנא — אַז מע לערנט נישט, חייא מנין — ווי קאָן מען גאָר לעבן?...", — האָט ער זיך שטיל צעלאַכט. דער „אַלטער": „נו, וואָס קאָן איך שוין מיט אייך מאַכן, מאַציעווער? אָבער נעמט זיך עס אין זינען, אַז לערנען דעם „מסילת ישרים", איז נישט נאָר אַ יושר, נאָר טאַקע אַ דין". כע־כע־כע... ער שרעקט די גענדז, דער „אַלטער", מיט אַ „דין" ריטל „נו, האָט ער, וועלוול, אים שיר נישט אַ פרעג געטאָן: און מכוח דעם קאָמענדאַנטס פריילין דער־ציילסטו גאָרנישט, שמעיה? ‚עורבא פּרח' — דאָס טייבעלע איז אַוועקגע־פלויגן?" און שמעיה, ווי ער וואָלט עס דערשפּירט, האָט קיין שהיות נישט געמאַכט און ווי ער איז אומגעריכט געקומען, אַזוי האָט ער זיך, אַ צעפלוי־גענער, פלוצלינג אָפּגעטראָגן. ווי אַ רוח — „עורבא פרח" — די וואָראָנע איז אַוועקגעפלויגן! נישטאָ שוין איר עק, אויף וואָס זאָלך צו שיטן.

און פון דעמלט אָן קוקט מען אים נישט אָן. מע וואָלט געקאָנט מיינען: ער לערנט יומם־ולילה, איז זיך מפלפל מיטן „תכלת מרדכי" אין לערנען

און שמועסט מיטן „אַלטן" אין מוסר. אָבער דער מאַציעוועך שטויסט זיך אָן דעם אמת, און עטוואָס איז שוין אַפילו צופעליק צו אים דערגאַנגען: אָדער ער גייט אַרום, שמעיה, גאַנצע טעג בטל און ברייעט זיינע מעשׂיות פאַר וועמען נאָר סע לאָזט זיך, אָדער ער פאַרט אַרום לאַנגע שעהען אויפן וועליסאָפּעד און באָדט זיך ביז טיף אין אָוונט אין די ביידלעך ביים ניעמאַן. און אפשר האָט ער צו טאָן... ניין, נישט מיטן קאָמענדאַנטס פריילין, וואָס האָט אַ הונט אַ וואָלף, וועלכער האָט פאַר אים, פאַר שמעיהן, מורא, נאָר מיטן וואַשאָווניקס טאָכטער, ווו ער איז אויף קוואַרטיר; דערפאַר דאַרף ער נישט האָבן וועלוול זאָל האָבן זיין אַדרעס... יאָ, עפּעס אַ גרידקעלע אמת איז פאַראַן אין חלומות, אַזוי אויך אין שמעיהס ליגונים... פאַר וואָס אָבער קומט ער נישט צון אים, צו וועלוולען? צי שטייט אים נישט אָן, דעם עילוי — לויט זיינע אייגענע רייד — זיך צו חברן מיט אים, דעם געוויינלעכן בעל־כשרונות און אויסגעזעצטן מתמיד?

נאָר אָט פאַלט שמעיה ווידער אַ מאָל אַריין צון אים שוין אויף דער קוואַרטיר. וועלוול טוט אים גלייך אַ פרעגע, ווי בלויז נאָר דערויף דאַרף ער אים האָבן:

— שמעיה, איז נישט אַ מאָל אַריין צו דיר אין ישיבה אַ ווילקאָמירער בחור אין מיטן זמן? מיין געוועזענער מיטקוואַרטיראַנט דאָ?

— אַ ווילקאָמירער? — פרעגט שמעיה איבער, און אויף זיין טונקל פּנים, וואָס פאַרגייט מיט ראָזקייט, און פונעם פינקל אין דער טיף פון זיינע טונקלברוינע אויגן איז צו לייענען, אַז ער שאַפט שוין אַ גוזמא אויף איבער־צוראַשן. — אַ ווילקאָמירער אין מיטן זמן? המם... וואַרט נאָר, וואַרט. ווילקאָמירער לערנען ביי אונדז אין ישיבה, המם... אַ? אַזוי פיל ווי... אַ קיי־מעלאָן — דרייצן.

„...ליגן נומער איינס". — ציילט וועלוול במחשבה מיט פאַרדרוס.

— צען לערנען שוין פון לאַנג, — איז שמעיה ממשיך, — פון פאַר־שיידענע יאָרן, און פון היינטיקס יאָר, המם... דריי.

„...ליגן נומער צוויי". — ציילט וועלוול ווייטער אין געדאַנק שוין בייז.

— און צוויי פון די דריי זענען טאַקע אָנגעקומען אין מיטן זמן. גראָד ביידע אין איין טאָג. דערפאַר רופט מען זיי — דער ווילקאָמירער צווילינג. און אפשר זענען זיי טאַקע אַן אמתער צווילינג — ברידער?

„...ליגן נומער דריי מיט אַ וואָרצייכן!" — גרימט שוין אין וועלוולען צאָרן, און ער טוט זיך אַ כאַפּ:

— אוי, איך מוז שוין אַוועקגיין: אונדזער ראָש־ישיבה האָט היינט אַ שיעור אין דער ישיבה. אפשר ביסטו אַ בעלן גיין מיט מיר אים הערן?...

— כ׳וואָלט געגאַנגען, — גאָרנט־אָן שמעיה אַ ליגן אויף וועלוולס ליגן, — נאָר גראָד וועט דער „אַלטער" האָבן היינט אַ שמועס מיט עטלעכע אויסדערוויילטע, און איך בין צווישן זיי. איז אָט בין איך שוין נישטאָ. אַדיע!

וועלוולס בליק בלייבט שטיין אויף דער טיר, וואָס האָט זיך פאַרמאַכט הינטער אים, ווי ער וואָלט אויף איר געלייענט: „עבירה גוררת עבירה" — אַן עבירה ביי איינעם שלעפּט מיט אַן עבירה ביי אַ צווייטן; לעם אַ פּאַר־ריסטן טאָפּ ריסט מען זיך אײַן — לעם אַ ליגנער ווערט מען אַ שקרן. נייך, שמעיה איז פאַר מיר נישט קיין חבר. נאָר ווו נעמט מען אַ צווייטן?...

אין מיטן זומער נעמט זיך אים אויסדאַכטן, וועלוולען, אַז ער ווערט חבר מיט אַ ניי־אָנגעקומענעם, מיטן סקווירער, וועלכער רעדט נאָך נישט קיין ליטוויש, און זיין לשון איז נעענטער צו זיין וואָלינער. אַ בלאָנדער בחור מיט העלבלויע אויגן, מיט דריבנע, רויטלעך־היציקע פרישטשיקלעך אויפן ראָזלעכן פּנים; אַ דאַרלעכער און קנאָכיקער; זיין אָנבליק — אַ שקאָ־צוואַטער, און לויטן כאַראַקטער, דאַכט זיך — אַ הייסגעבאָדענער. המם... נאָר צי גרייסט ער זיך נישט קעגן אים דערמיט וואָס ער האָט געלערנט רוסיש ביי אַ לערער און לייענט ביכער, נישט נאָר לשון־קודשדיקע נאָר אַפילו רוסישע? אין לערנען איז ער, ווייזט אויס, שוואַכלעך, איז וואָס זשע דאָס איבערנעמען זיך? מאָ, זיך אָנבעטן ביי אים אין חברשאַפט וועט ער נישט. וועט דער סקווירער מאַכן אַ טריט נעענטער, וועט ער עס אויך טאָן. אָבער צוויי טריט פאַר איינעם — דאָס נישט!

שפּעטער מיינט ער מיט צופרידנקייט, אַז אָט ווערט ער חבר מיטן דרישקעפּאַליער. אַ קליין, דריבנע בחורל, אַ זשוואַווע אַזאַ, מיט אויגן, וואָס טוען פון מאָל צו מאָל, כאַטש קליינע אַזעלכע, אַ שאַרפן פינקל מיט כיטרע־קייט... ווי זיי וואָלטן עפּעס אויסבאַהאַלטן, און גלייכצייטיק חוצפּהדיקע אַזעלכע: מיר באַהאַלטן טאַקע עפּעס אויס, נו איז וואָס? טו מיר עפּעס!... חוצפּהדיק זעט אויך אויס זיין גרין יעגער־קאַפּעליושל, וואָס סע פעלט דעם

בלויז אַ פּאָווע־פעדערל, און אונטער זיין רענדל רויזלען זיך זיינע באַ־קלייענטע, מיידלשע בעקלעך אָן אַ סימן באָרד. אַ טשעקאָווע ישיבה־בחורל לויטן אויסזען און שמט פאַר אַ בעל־כּשרון. מיטן דרישקעפּאַליער פילט ער זיך באַזונדערס היימיש, ווייל זיי זענען דאָך ביידע וואָלינער, כאָטש דער דרישקעפּאַליער רעדט שוין ווי אַ ליטוואַק מבטן־ומלידה. חוץ דעם איז דער דרישקעפּאַליער רב זיינער, דעם מאַציעווערס, אַ נאָענטער קרוב, — דאָס רופט אַרויס ביי אים עפּעס אַ געפיל פון קרובהשאַפט אויך מיטן דרישקעפּאַליער. צוליב אים, דעם דרישקעפּאַליער, נעמט ער זיך אַפילו האַלטן ווייטער פונעם סקווירער. אין קיין צוויי חברים נייטיקט ער זיך נישט. „קנה לך חבר"* שטייט — איין חבר קלעקט.

אָבער וואָס ווייזט זיך אין גיכן אַרויס? דער דרישקעפּאַליער האָט זיך גאָר געהיט פאַר אים מיט עפּעס, מורא געהאַט אים צו פאַרטרויען, — איז ווי קאָן שוין דאָ זיין אַ רייד פון אמתער חברשאַפט?!... כאָטש, צוריק גערעדט, האָט ער זיך דען פאַרן דרישקעפּאַליער יאָ אין גאַנצן אַנטפּלעקט? האָט ער דען נישט פאַרהוילן פאַר אים זיין אַפּיקורסות? האָט ער אים דען דערציילט וועגן זיין פאַרשרייבן אייגענע חידושי־תורה אויף צוצוגרייטן פון זיי אַ ספר? אַז ער גרייט זיך צו ווערן אַ גדול־בישראל? המם... און וועגן זיין שרייבן לשון־קודשדיקע שירים? אַז ער גרייט זיך ווערן אַ משורר?

ער כאַפּט זיך נישט, דער מאַציעווער, אַז וואָס ביי זיך באַטראַכט ער נישט פאַר קיין עוולה, ווייל ער דערזעט עס גאָרנישט, באַטראַכט ער עס ביי אַ צווייטן יאָ. אַן אייגענע עוולה שרומפּט זיך איין און באַהאַלט זיך, ווי אַ ווערעמל, אין אַ פּעלדל פון דער נשמה; אַ צווייטנס עוולה צעוואַקסט זיך פאַר די אויגן, ווי אַ ווילד געוויקס, אין אַלע זייטן אַריין, לייגט זיך אַוועק אויף דער דלאָניע, און זייגע דערנער שטעכן דיר אין די שוואַרצאַפּלען. פאַר אַן אייגענער עוולה קומט, יעדנפאַלס, שטענדיק צו לויפן אַ פאַרענט־פערונג, ווי גאָטס רפואה פאַר דער מכה; פאַר אַ פרעמדער עוולה פאַרשפּע־טיקט זיך תמיד די פאַרענטפערונג, ווי משיחס אייזעלע, — גיי וואַרט דערויף!

---

* קויף זיך אַ חבר.

אַז דער דרישקעפּאָליער פֿאַרטרויט זיך אים נישט, דערוויסט ער זיך איין מאָל דורך אַ צופֿאַל: ער גייט מיט בלאָנדזשענדיקע מחשבות און בלאָנדזשענדיקע טריט צום ראָש־ישיבֿה — היינט וועט ער אים זאָגן זיין נייעם הידוש לויטן דרך־ההבנה שוין. אָבער דאָס האַרץ שרעקט זיך אים פֿון דעסטוועגן, ער איז נאָך נישט אין גאַנצן זיכער, צי האָט ער באמת אַריינגעדרונגען אין תוך פֿון דער זאַך: און טאָמער נישט?... ער דערשפּירט אַ וואַרעמקייט אין די באַקן פֿון אַנגעלאָפֿענעם בלוט מחמת בושה און אַ שוואַכקייט אין די קניִעס. ער דערמוטיקט זיך אָבער מיט עקשנות און גייט, ווייל דער חשק צו באַווייזן זיך פֿאַרן ראָש־ישיבֿה ווי ער איז שוין אַרויף אויף זיין וועג איז שטאַרקער פֿון די ספֿקות. ער מוז דאָך אויסקויפֿן זיין ווערן אויס מתמיד. מאַכט ער זיך האַרץ.

...ס׳וועט שוין זיין גוט! — גייען זיינע ספֿקות איבער אין גאַוודיקער זיכערקייט, וועלכע האַלט אַן ביז — ער קומט אַרויף אויף די שטיגעלעך פֿונעם ראָש־ישיבֿהס הילצערנעם גאַניק. ער עפֿנט פֿאַרקלערט־פּאַמעלעך די האַלב־געגלעזטע טיר און טרעט אַריבער די שוועל אין שמאָלן, לאַנגן און טונקעלן קאָרידאָר אַריין, וואָס טיילט די דירה אויף צוויי העלפֿטן: לינקס — די חדרים, ווו ס׳געפֿינען זיך די ראָש־ישיבֿהטע מיט די קינדער, דריי מיידלעך און דער קרענקלעכער בן־יחיד, ווו זיי עסן און שלאָפֿן; דאָ לערנען זיך די מיידלעך בגנבֿה רוסיש און לייענען ביכער מיט אַן אָנגעשפּאַנט געהער: צי קומט נישט אָן, חלילה, דער טאַטע? און אַז מע דערהאָרכט זיינע טריט פֿאַרשווינדן די ביכער גלייך אין גרויסער בהלה אין אָדער אונטער די בעטן, און די אויפֿגערויטלטע פּנימער מיט די צעמישט־געוואָרענע אויגן ציִען אָן אַ געמלאָכהטן ערנסט: מיר ווייסן נישט, טאַטע פֿון קיין שום שלעכטס צו זאָגן; דאָ שטייט אויך זינגערס אַן אַלטעניימאַשין, אויף וועלכער די עלטסטע טאָכטער, די געלערנטע רחל, וואָס וועט חתונה האָבן פֿאַרן פּיליפּאָווער בקי, נייט עפּעס פֿאַר דער שטוב פֿון צייט צו צייט. פֿון מלאָכה האַלט דער טאַטע נישט ווייניקער ווי זי; דאָ לערנט אויך דער זון, שמואל משה, און אײַלט זיך אַנידערלייגן אויף דער סאָפֿקע, ווען ער דערפֿילט דעם אָנקום פֿון דער פֿאָליגע; אין דער זייט איז אויך די קיך. רעכטס — דאָס חדר ווו סע שטייען דעם ראָש־ישיבֿהס ספֿרים אויף פּאָליצעס ביי די ווענט, אַ נאַקעטער פּירקאָנטיקער טיש אַן שטולן און אַ הילצערנע סאָפֿקע, באַצויגן

מיט געבלימלטן סיץ; דאָ שפּאַנט אָפּט אַרום דער ראָש־ישיבה הין און צוריק, שמועסנדיק אין לערנען מיט זיך אַליין, אָדער מיט אַריינגעקומענע תלמידים; און לעבן דעם אַ צווייט חדר מיט אַ תמיד־צוגעמאַכטער טיר, ווו סע שטייט אַ קיילעכיקער פּאָליטורטער טיש געדעקט מיט אַ סערוועט, מיט פיר שטולן אַרום, און ביי צוויי ווענט צוויי הילצערנע נידעריקע בעטן איינס קעגן אַנדערן, ווי צעקריגטע און זיך פאַנאַנדערגעגאַנגענע: מיר קערן זיך נישט אָן... דאָ זיצט דער ראָש־ישיבהביים טיש איבער אַ גמרא און לערנט פאַר זיך אַליין. ווען פאַר אַ צניעותדיק ישיבה־יינגל עפנט זיך צופעליק אַהין די טיר, און ער דערזעט די צוויי וויט־צעשטעלטע בעטן, וואָס מאַכן אים זיך אָנצושטויסן, אַז דאָ איז אויך דעם ראָש־ישיבהס מיט דער ראָש־ישיבהטעס שלאָפצימער, בליצט אויף אַ רויטלעכע פאַרשעמטקייט אויף זיינע בלאַסע באַקן, די אויגן טוען אַ פאַל אַראָפּ אויף דער פאָדלאָגע אין אַ שטויביקן שפּאַלט צווישן צוויי ברעטער, און אין קאָפּ טראַכט זיך וואָס עס טראַכט זיך. די אַריינגאַנג־טיר צו אָט די צוויי חדרים געפינט זיך ביים סאַמע סוף פונעם קאָרידאָר, ווו ס'איז שוין כמעט פינצטער, קעגנאיבער דער קיכטיר.

ווי נאָר דער מאַציעווער שטעלט דעם צווייטן־דריטן טראָט, טוט אים פון דאָרט אַ פלעט איבער די אויערן דעם ראָש־ישיבהס שרייענדיק־צע־בייזערט קול. ווי סע וואָלט דאָרט געדונערט און געבליצט. דאָס האַרץ טוט אין אים אַ זעץ, און זיינע שיך־פּאָדעשוועס אַ קלעפּ זיך צו צום דיל. ער וואָלט זיך עס גאָר קיין מאָל נישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז דער ראָש־ישיבה, וואָס האָט אַזוי ליב זיינע תלמידים, דער אוהב־ישראל און צדיק, וואָס — איין מאָל האָט ער עס דאָך אַליין מיט די אייגענע אויגן צוגעזען — אַפילו ליטווינער פויערים קומען צון אים מיט בקשות און כאַפּן זיך קושן זיך האַנט, זאָל מסוגל זיין אַזוי אויסצוגיסן אויף עמעצן זיין צאָרן. ס'דאַכט זיך, אַז די קולות זיינע ברעכן זיך אַרויס מיט פלאַמען דורך סטעליע־און־דאַך צום הימל אַרויף...

דער מאַציעווער טוט זיך אַ וואַקל אויף גיין צוריק, ווי פאַרשעמט פון דערזעען מענטשלעכע נאַקעטקייט... נישט אומזיסט שטייט ערגעץ אין דער גמרא, אַז אַ רבי מיט אַ תלמיד טאָרן נישט זיין צוזאַמען אין באָד. אָבער די נייגעריקייט האַלט אים צוגעקלאַמערט צום אָרט און צעעפנט ברייטער זיינע אויערן אויפצוכאַפּן ווערטער. ניין, קיין ווערטער קאָן ער נישט אונטערשיידן.

גראָד די הייך און די פּלאַמיקייט פון די קולות מאַכן זיי מטושטש פאַרן גע־הער. טוט אים אַ מחשבה אַ צי פאַר אַן אויער: אפשר צוגיין אַהין צו דער טיר? אָבער די טיר איז צוגעמאַכט. איז וואָס? טאַקע ווייל אַזוי, וועט ער נישט שטערן און שטיין און זיך אונטערהאָרכן. „פע! מע טאָר נישט!" — שרייט אין אים דער יצר־טוב מיט דער שטים פונעם ראָש־ישיבה. און ס'איז טאַקע אַ בזיון פאַר זיך אַליין אויך — פאַר דעם קומענדיקן גדול־בתורה, אַ בעל־מחבר פון אַ תורה־ספר און אַ העברעיִשן משורר... רוקט ער זיך צו צו אַ וואַנט און פאַרשאָטנט זיך אין איר שאָטן. סע זאָל נאָר קיינער נישט אָנקומען פון דרויסן, אָדער וואָס נאָך ערגער, פון דער ראָש־ישיבהטעס העלפט שטוב. פון דער צווייטער זייט איז אים דער יצר־הרע אין זיין ווייכן הארץ מפתה, ווי אַן אויסגעלאַסענער בחור אַ בתולה: „גיי צו הינטער דער טיר, גיי צו... ס'איז כדאַי...".

שטייט ער אַזוי אין וואַקלעניש, צווישן דעם יצר־טוב און דעם יצר־הרע, און זינדיקט סיי ווי מיט אונטערהאָרכן, נאָר וויטער אַ ביסל. צווישן דעם ראָש־ישיבהס קולות מאַכן זיך אויך הפסקות: אַ פּנים, ס'רעדט איצט יענער, וואָס אויף זיין קאָפּ האָבן זיך געשאָטן די קולות־וברקימדיקע ווער־טער. מע הערט נישט גאָרנישט. ווער זאָל עס זיין דאָרטן? ווי לאַנג ציט זיך עס שוין דאָרט דער... מתן־תורה? און יענער שטייט, און דער באַרג סיני איז איבער זיין קאָפּ — אָט לאָזט ער זיך אויף אים אַראָפּ! נאָר — אָט!

דער מאַציעוווער טוט אַ צאַפּל אויף: די טיר דאָרט האָט זיך אַן עפן געטאָן, און ס'טוט פון איר חלל אַ פלי אַרויס, ווי אַ נישט־דערקוילעט הענדל, אַ קלייך, זשוואַווע בחורל.

דער מאַציעווער איז געפּלעפט און באַוויזט שוין נישט זיך צוריק־צוציִען. דאָס בחורל איז אין אַ צעשפּיליעט מאַנטעלע, אין אַ קאַפּעליושל אַרויפגעשאַרצט איבערן שטערן. אין דער טונקלקייט, צו וועלכער די ראיה האָט שוין געהאָט זיך צוגעוווינט, טוט אַ לייכט דעם דרישקעפּאַליערס מאָגער פּנימל; זיינע מיידלשע, מיט קלייען באַשאָטענע, בעקלעך פלאַמען, ווי ביי אַ חדר־ייִנגל, אַראָפּגייענדיק פון דער באַנק אַ געשמיסענער מיט נאָך נישט פאַרשפּיליעטע היזלעך... ער בלייבט שטיין, דער געשמיסענער, ווי... טאַקע די הייזלעך צו פאַרשפּיליען, און קומט נענטער. זיינע אויגן גליִען ווילד־בייז, ווי ביי אַ קוואָקע, ווען זי דערשפּירט דעם שאָטן פון אַ שוליקס פליגל. מיט זייער שיין דערטאַפּט ער פלוצעם דעם מאַציעווער אין שאָטן.

זיי ווערן צעמישט, זיינע אויגן, און בלאַנדזשענדיק; און פון זיינע ליפּן, ווי פּאַרטרוקנטע אַרבעסשויטן, צאַפּלען אַראָפּ ווערטער דורך הייסער אָטעמשטים, ווי פאַרגליווערטע טרערן:

— איר שטייט שוין דאָ לאַנג, מאַציעווער? המם...

— המם... — איז דער מאַציעווער צעמישט נישט ווייניקער פון אים, און ס׳קלעמט אים פון רחמנות דאָס האַרץ. — נייך. טאַקע אותו־רגע בין איך אַריינגעקומען. קעגן וואָס פרעגט איר עס?...

— המם?... — פרעגן אים דעם דרישקעפּאַליערס אויגן, צי ער זאָגט אמת, און קיין לשון האָט ער נאָך אַלץ נישט.

— וואָס אי׳ דען? — פרעגט אים דער מאַציעווער צוריק און איז נאָך מוסיף מעשה־תם, — ביים ראָש־ישיבה איז קיינער נישטאָ? איך...

— נייך. איך איל זיך אין ישיבה אַריין. — כאַפּט דער דרישקעפּאַליער ענדלעך אָפּ דעם אָטעם מיט פאַרלייכטערונג און לויפט אים פאַרביי אין דרויסן אַרויס.

דער מאַציעווער וואַרט אָפּ אַ פּאָר מינוט, ביז דער דרישקעפּאַליער וועט זיך דאָרט דערווייטערן, און לאָזט זיך אויך גיין צוריק אין ישיבה אַריין: כ׳וועל שוין בעסער מיט מיין חידוש על־דרך־ההבנה קומען צום ראָש־ישיבה אין אַ פּאַסיקערער צייט... ווען דער באַרג סיני וועט נישט שטיין אין דונערן און בליצן. און זיין גערדאַנק ווענדט זיך צוריק צום דרישקעפּאַליער און מאַכט אַזאַן אויספיר: וואָלט ער זיין אַן אמתער חבר, וואָלט ער זיך אַזוי נישט פאַרשעמט פאַר אים; אדרבה, וואָלט אים גלייך מיטגערופן און דערציילט אַלץ, אַלץ, פאַר וועלכע זינד האָט עס אים דער ראָש־ישיבה אַזוי אויסגעבעזעמט, ווי אין באָד אויף דער ערשטער באַנק; פאַר אַן אמתן חבר האָט מען נישט קיין סודות. איז נישט.

15

דער מאַציעווער לערנט ממש מיט פיינלעכן אומחשק. נישט איבער־רייסנדיק דאָס לערנען אויפן קול, פאַרטראַכט ער זיך אָפּט אין אַזעלכע געדאַנקען, וואָס האָבן קיין שום שייכות נישט צו דעם וואָס ער לערנט. די ווערטער וואָס קומען פון זיין מויל זענען נישט מער ווי אַ מאַסקע, זיינע מחשבות פליסן דערביי מיט זייער אייגענעם שטראָמוועג. שעהען גאַנצע

באַדט זיך זיין גֿעמיט אין פֿאַרביקע, מתיקותדיקע פֿאַנטאַזיעס. אָבער — מע מוז דאָך לערנען! קומט פֿאַר אין אים, ווי ביי דער מוטער רבקהן אין בויך, אַ „ויתרוצצו״* און ער פֿייניקט זיך, ביז דאָס פֿאַרטראַכטעניש באַקומט ווידער די אויבערהאַנט.

ערשט איז ער פֿאַרטראַכט וועגן דעם ישיבהשן אַרום: דער ראָש־ישיבה קומט אין ישיבה אַריין בלויז צום דאַווענען און שבת ביי טאָג צו זאָגן דעם שיעור. שמועסן אין לערנען גייען די תלמידים צו אים. דער דרך־ארץ פֿאַר אים איז זייער גרויס, און די ליבשאַפֿט, ווייזט אויס, נישט קלענער. חוץ אַ בערעלע דווינסקער, וואָס האָט אויך קיין דרך־ארץ נישט פֿאַר אים, דער אײשישאָקער און לעצטנס דער סקווירער, וועלכע זענען יוצא־מן־הכּלל. און אָט איז דער משגיח. אַ מיטליעריקער ייִד מיט פֿאַרזשמורעטע טונקלבלויע אויגן, ווי פֿאַרצעלייענע, אונטערן שמאָלן רענדל פֿון זיין האַרטן קאַפּעליאָש; ס׳פֿינטלען כּסדר איבער זיי די לאַנגע אַראָפּגעלאָזטע ברעמען. די לאַנגע אַרבל פֿון זיין שוואַרצער דרייפֿערטלדיקער קאַפּאָטע הענגען אים תּמיד אַראָפּ גלאַט, אָן אַ מינדסטן פֿאַלד, ווי ער וואָלט זיי געהיט זיי זאָלן אַזוי פֿאַרבלייבן און לאָזן פֿון זיך אַרויסקוקן קוים די פֿינגער־שפּיצן; באַקומט זיך אַז ער האָט זייער לאַנגע הענט. ער איז כּמעט שטענדיק אין ישיבה, ווי ער וואָלט דאָ אויך געשלאָפֿן. דרייט זיך אַרום אָן אויפֿהער, אָט ווי איצטער, ווי תּמיד, הקפֿות אַרום באַלעמער, בלייבט שטיין אַ ווייל ביי אַ חלל צווישן צוויי בענק און קוקט אויף דער שורה שטענדערס מיט די אָפֿענע גמרות, פֿינטלענדיק מיט די ברעמען, ווי געוווּנקען צו די קעפּ פֿון די לערנערס: „לערן, לערן, בחור, כ׳לאָז פֿון דיר קיין ברעם נישט אַראָפּ״. „הנה לא ינום ולא יישן**״. אָבער ס׳דאַכט זיך, זיינע אויגן זעען גאָרנישט; מע וואָלט געמעגט זיי אַרויסשטעלן אַ פֿייג. מע האָט פֿאַר אים אַ ביסל מורא און קנאַפּ דרך־ארץ. ווייל אַליין קאָן ער דאָך גאָרנישט טאָן, בלויז פֿאַרמסרן פֿאַרן ראָש־ישיבה, אָדער דעם מנהל, און קיין וואַזשנע תּלמיד־חכם איז ער נישט, משמעות. און נאָך ווייניקער האָט מען אים ליב. אָבער ס׳איז דאָ נאָך אַ דריטער, פֿאַר וועלכן מ׳האָט שוין דווקא שטאַרק מורא, ווייל ער קאָן אַראָפּרייסן און אויך מוסיף זיין צו דער „חלוקה״; און

---

* זיי האָבן זיך געשטויסן; אַ שטויסעניש.

** ס׳דרימלט נישט און שלאָפֿט נישט.

מע האָט אים פֿײַנט, ווײַל מע האַלט זיך באַוואוּסט פֿון אים און ווײַל ער איז מײנסטן טײל דער פּראָקוראָר אָראָפּצורײַסן, — דער מנהל, רב גבֿריאל.

דעם מנהל קוקט מען כמעט נישט אָן צווישן די ווענט פֿון דער ישיבֿה. ער איז גאַנצע חדשים נישטאָ אין דער היים, פֿאָרט אַרום זאַמלען געלט פֿאַר דער ישיבֿה, וואָס איז אין די פֿינאַנסן שטענדיק הינטערשטעליק. יעדן סוף חודש קומען די ישיבֿה־בחורים צון אים אין שטוב מקבל צו זײַן די „חלוקה", וועלכע מע טײלט אויס אין קיך; בלויז די עלטסטע בחורים באַקומען די „חלוקה" דורכן משגיח. אָבער אָפֿט קומט אויס צו גײן אַהין נישט אײן מאָל און נישט צווײ מאָל, צו וואַרטן אויף איר גאַנצע וואָכן: דער מנהל האָט קײן געלט נישט געשיקט. קומט דעמלט אויס טײל בחורים זיך צו פֿאַרחובֿען אויף זײערע קוואַרטירן און אָפֿט מאָל אויך אונטערצוהונגערן. דעמלט שפּאַצירן ישיבֿה־לײַט פֿאַרלעכצוויז לענגויס דעם געסל ווו דער מנהל וווינט, קלײַבן זיך רעדלעכצוויז אַרום זײַן שטוב, און ס'ווערן גערעדט וועגן אים און זײַן שטוב נישט קײן גוטע, בײזע רײד: צי שיקט ער אויך נישט קײן געלט צו זיך אַהײם? נישקשה, פֿאַר אים די סמעטענע פֿון דער „חלוקה" איז דאָ, פֿאַר זײ די זויערמילך פֿעלט אויס! זײַן שטוב, דעם מנהלס, איז לויטן באַנעם פֿון אַ סך בחורים, וואָס קומען דאָך פֿון אָרעמע הײמען, אַ רײַך־אויסגעפּוצטע: אין פּאָדערשטן צימער — פּליושן מעבל, און די פֿענצטער — מיט גאַרדינען; משמעות, כּדי זײ, די ישיבֿה־שלעפּערס זאָלן קאָנען וואָס ווײניקער אַהין אַרײַנקוקן. יאָ, אויף זײַן בת־יחידה, דער מויד דער יפהפיה, דער יונגער, פּלײשיקער „חתיכה הראויה להתכבד"*, ווי זי הײסט בײַ בערעלע דווינסקער, איז גאָרנישט קענטיק זי זאָל, חלילה, לאָזן אַ מאָל איבערהלשן דאָס הערצעלע. דיק און פֿעט, און דאָס פּנים — אויסגעקײַלעכיקט און ראָז, די ברוינשוואַרצע אויגן פֿאַרצויגן מיט אַ זיסן גלאַנץ, ווי אײַנגעמאַכטס וואָס בעט זיך — אַזוי האָט טאַקע געזאָגט דער זעלבער בערעלע דווינסקער, בעת זײַנע קינבאַקן האָבן זיך באַוועגט, ווי ער וואָלט צעקײַען זײַנע ווערטער, און דער גאָרגלקנאָפּ איז בײַ אים געלאָפֿן אַרויף און אַראָפּ — וואָס בעט זיך: מאַכט אויף מיר אַ „שהחיינו" און זײַט מיך טועם.

גײט אויף אין מאַציעוּוערס זכּרון אַ דערמאָנונג: זײַן ערשט יאָר לערנען אין סלאָבאָדקע; ער גײט צום מנהל דאָס ערשטע מאָל מיט אַ בריוועלע פֿור־

---

* אַ לײַטישע פּאַרציע מכבד צו זײַן.

נעם ראָש־ישיבה, מע זאָל אים, דעם מוכ״ז, געבן אַ רובל פאַרויס „על־חשבון החלוקה״; פאַר דעם רובל דאַרף ער עס קויפן די ערשטע שליאַפּע; ער איז נישט דרייסט אַריינצוגיין, שעמט זיך — „בעטלען״! בלייבט ער זיצן אויף דער באַנק פונעם הינטערשטן גאַניקל, וואָס פירט אין אַ פּאַדערהייזל און פון דאָרט אין דער קיך; ער איז צו שנעל געגאַנגען, ער סאָפּעט, ער וועט זיך אַ ביסל אָפּסאָפּען, וועט ער אַריינגיין. דערווייל נעמט אויף זיין אויער וואָס ס׳גייט דאָרט פאַר אין שטוב: אַ פּנים, מע טרינקט טיי, מע שמועסט און מע לאַכט. דעם מנהלס שיינע מויד קומט אַרויס פון קיך, אַן אויסגעפּוצטע, אין טונקעלן פּאַדערהייזל. זי איז באַמערקט נישט. האַלט אין האַנט אַ טייטעצל מיט אַ זילבערן לעפעלע. קענטיק, געקומען עפּעס דאָ נעמען. זעצט זיך אַראָפּ צו אַ שאַפקע, שליסט אויף דאָס טירל און שעפּט אַרויס מיטן לעפעלע פון אַ גלעזערנעם סלאָי קאָנפיטור. איילט זיך נישט און טוט צוויי מלאכות פאַר אַ מאָל: אַ לעפעלע אין טעצל אַריין, און אַ לע־פעלע אין מויל אַריין, שטעלט זיך אויף, לעקט אַרום די דיקע ליפּן, ווי ס׳וואָלט פון זיי סלינע געראַנען... זי איז מעלה־גרה. „וווּ ביסטו דאָרט פאַרפאַלן געוואָרן, ראָזע?״ — טוט זי אַ ווייבעריש קול אַ רוף פון שטוב — די מאַמע מסתּם; „שוין, שוין״, און זי לאָזט זיך שווערלעך גיין צוריק... נישט אומזיסט האָט זי אַזעלכע נישט־קלוגע אויגן, כאָטש שיינע. נאַשערישע אויגן פון... אַ זייגעדיקער קאַלב... און, המם, אַ פולע בלוזקע מיט אייטער... שוין דווקא פון אַ קו...

ער דערמאָנט זיך אַפילו, דער מאַציעווער, ווי ס׳איז אים דעמלט הייס געוואָרן אין פּנים, פאַרשעמט פאַר זיך אַליין פון זיין לעצטן געדאַנק.

ווען דער מנהל קומט צו פאָרן און בלייבט הי אויף אַ שטיקל צייט, ווערט די „חלוקה״ צעטיילט צום טערמין. אין ישיבה, חוץ צום דאַוונען, קומט ער זעלטן. אַריינגעקומען, מאַכט ער עטלעכע טריט, ווי אָפּגעציילט „חלוקה״־געלט, און בלייבט שטיין פעסט אויפן אָרט. זיין הייסער, שאַרפער בליק שניידט זיך, ווי אַ גלעזער־דימענט, פאַמעלעך־באַדענקט פון באַנק צו באַנק, ווי שאַצנדיק, צי פאַרדינען זיי זיך, די בחורים, אויף די כוחות וואָס ער לייגט אַוועק פאַר זיי אין זיין נע־ונד צו זאַמלען געלט פון זייערט וועגן. אָך, וויפל כוחות ער צעפּטרט עס צוליב דעם שטיקל פּרנסה, צוליב דער בת־יחידה! צי פאַרשטייט עס כאָטש איינער פון זיי אָפּצושאַצן גע־העריק?...

און פלוצעם דערפילט ער, דער מאַציעוועך: עפּעס איז דאָ, בעת ער איז אַזוי פאַרזונקען אין זיין טראַכטעניש, געשען. טוט ער אַ הייב אויף די אויגן און — „אַ שאַד וואָס ער האָט נישט געטראַכט פון משיחן! ער איז דאָך טאַקע דאָ, דער מנהל!״... אַ יאָדערדיקער און געפּאַקטער, פּילט ער אויס מיט זיין לייב די קליידונג, נישט לאָזנדיק דערויף קיין פאַלד. זיין קאַפּעליאַש איז אַ האַרטער, ווי פון שוואַרצן שטיין געהאַקט. די בעקלעך שטאַרצן אַרויס פון דער שוואַרצער האָר־באַרעמונג פול און ראַזלעך; זיין בת־יחידהס פּנים, נאָר באַרעמט מיט באָרד פון שוואַרץ פייער. אָבער זיינע אויגן זענען אין גאַנצן אַנדערש, אין גאַנצן להפך צו אירע: נישט קיין קעלבערנע — קלוגע, שאַרפע, כיטרע, דורכנעמענדיק־פאַרשנדיקע. און שוין אַוודאי נישט ווי דעם משגיחס, דעם למכס, אויגן. אַ בויך! אַזוי ווער אויסזעען דער בויך פון זיין שיינער מויד אין ניינטן חודש נאָך איר חתונה... ער האַלט אים אונטער, דעם בויך, מיט בײדע האַנטפלאַכן, ווי אים צו פאַר־היטן ער זאָל אים נישט מחמת שווערקייט „מפיל״ זיין... דער בויך מסרט אים: קוקט מיך אָן מיט הבנה, וועט איר פאַרשטיין, וווהין סע ווערן פאַר־זונקען די „חלוקה״־געלטער...

און אָט לאָזט זיך צון אים מיט די שלייכנדיקע טריטעלעך זייער מסור, דער משגיח דער למך. זיינע אַרבל זענען איצטער, דאַכט זיך, נאָך אַראָפּ־געלאָזטער און לענגער, אַפילו די פינגערשפּיצן קוקן נישט אַרויס. ער בלייבט שטיין ווי אַ ביסל הינטער דעם מנהל און שעפּטשעט אים אין אויער אַריין, דער קאָפּ הכנעהדיק געבויגן, און זיינע ברעמען פינטלען, פינטלען („ווי פליגן, קראַנקע אויף שלשול...״ — זאָגט בערעלע דווינסקער). דער מנהל, ווי ער וואָלט זיך מיאוסן פון אים, קוקט אַלץ נאָר גלייך פאַר זיך, נישט ווענדנדיק דאָס פּנים צון אים אַפילו אויף אַ רגעלע. ווי דער למך וואָלט זיין שפּיץ אויער אויך נישט ווערט זיין. ווי ער וואָלט אים נישט גע־הערט און נישט געזען.

דערווייל ווערט דאָס קול־תורה אין דער ישיבה הייסער, פאַרביקער, זאַפּטיקער. אַלע זענען פאַרקאַכט אינעם לערנען. המם... כלומרשט האָט גאָר קיינער נישט באַמערקט ווי דער מנהל איז אַריינגעקומען, כלומרשט זעט קיינער נישט אַז ער איז דאָ, אָבער דעם מנהלס כיטרע־שאַרפער בליק כאַפּט שוין גראָד יאָ אויף (אָ, נישט אים וועט מען אָפּנאַרן! ער אַליין האָט אויך אַ מאָל געהאַט אַ מנהל איבער זיך): דאָ איינער, דאָרט אַ צווייטער

גנבעט אַרויס אַ בליק פון דער גמרא, באַטראַכט אים, דעם מנהל, אַן אויגנ־בליק, נישט אי־בעררייסנדיק דאָס לערנען אויף אַ קול, און דער בליק, אַנגע־שלאָגן זיך אויפֿן מנהלס, אַנטלויפט צוריק, ווי אַן אָפּגעבריטער, און באַ־האַלט זיך צווישן די שורות שוואַרצע אותיות, ווי הינטער אַ פּלויט.

אָפּגעשטאַנען אַזוי אַ פינף מינוט, וואָס זעען אויס דעם מאַציעווער, גליך ווי אַ סך אַנדערע, זייער לאַנג, דרייט זיך דער מנהל שווער אויס מיטן פּנים צו דער טיר און, אונטערהאַלטנדיק כסדר דאָס פעסלדיקע בייכל מיט די האַנטפלאַכן, פאַרלאָזט ער די ישיבה. די היץ פונעם לערנען לאָזט גליך נאָך, און סע פאַלט זיי נישט איין, די ישיבה־בחורים, אַז אין פאַליש איז דער מנהל ווידער געבליבן שטיין און האָרכט זיך איין מיט שמייכלענדיקע וואָנצעס: אַ, אים וועט מען נישט גענאַרן!

16

דער דרישקעפּאַליער ווייזט זיך נישט אין דער ישיבה, נישט דעם טאָג און נישט אַ צווייטן. דער מאַציעווער טראָגט זיך אַרום מיט דער געשעע־ניש, וואָס ער איז געווען „אַ בלינדער און טויבער עדות דערפון", ווי מיט אַ רעטעניש, אויף וועלכן מע זוכט אין מאַטערניש אַ פּתרון. ביז ער קאָן שוין פאַר נאַכט נישט אויסהאַלטן און פאַרטרויט דעם סוד דעם סקווירער, וואָס נאָכן דרישקעפּאַליער איז ער אים דער היימישסטער. דער סקווירער צעלאַכט זיך מיט אַ בייז געלעכטערל: ער ווייסט שוין די „שיינע מעשה". נאָך אייערנעכטן איז דער דרישקעפּאַליער געקומען צו אים, ווי אַ רייכע־רנדיקע האַלאָוועשקע. און אַלץ אויסדערציילט:

עמעצער, אַ „פּאַטראָן" אַ מרגל אַוודאי, האָט אים, דעם דרישקעפּאַ־ליער, צוגעשטעלט אַ בענקעלע פאַרן משגיח, און דער משגיח פאַרן ראָש־ישיבה, אַז יעדן אָוונט גייט ער קיין קאָוונע אין אברהם מאַפּוס ביבליאָטעק און לייענט דאָרט, רחמנא־לצלן, בלעטער און ביכער. אַזאַ מאַוימדיקע מעשה! דער ראָש־ישיבה האָט דאָך געגעט, זאָגט מען, זיין ערשטע פלוניתטע דערפאַר וואָס ער האָט זי געכאַפּט... מע קאָן מיינען — זינדיקן מיט אַ שגץ! חס וחלילה — לייענען די „הצפירה". נו, האָט אים דער ראָש־ישיבה „אויפ־גערופן צו דער תורה". דער דרישקעפּאַליער האָט געמיינט: אויף אַ שטיקל

פאַרהער אין לערנען. אפשר האָט דער משגיח צוגעטראָגן, אַז ער איז נישט פון די גרויסע מתמידים, איי־איי־איי. און דאָ האָט אים גאָר דער ראָש־ישיבה אַנידערגעלייגט, מחילה, אויף דער אייבערשטער באַנק און אָפּגע־שמיסן מיט אַ צעפּאַרעט בעזעמל, ווי אַן אמתער בעדער. „באַדיונג!" האָט ער צון אים געשריגן. דאָס מאָל האָט ער זיין תלמיד אַרונטערגעקוקט נישט אונטערן שאַרבן, נאָר אונטער די תחתונים...

דער מאַציעווער האָרכט דעם סקווירערס „ניבול־פה", וואָס שטייט נישט אָפּ פון בערעלע דווינסקערס, און גלייבט נישט די אייגענע אויערן. ער האָט אַ שפּירונג: ס'בייסט אים די הויט פון דער נשמה. אַזוי־אַ שפּאָטיש און ניבול־פּהדיק רעדן וועגן דעם ראָש־ישיבה און אונטערלאָכן כסדר? און ווו? אין ישיבה גופא, איבער דער אָפענער גמרא! ער וואָלט געדאַרפן אים איבעררייסן אין מיטן די רייד, דעם סקווירער „שגץ". אָבער דאָס מויל עפנט זיך אים נישט דאָס צו טאָן. ווייל... אין תוך איז ער דאָך גע־רעכט, דער רשע קעגן דעם צדיק: וואָס פאַר אַזאַן עוולה האָט עס דער דרישקעפּאַליער אָפּגעטאָן, אַז ס'איז אים געקומען אַזוי צו שמייסן... ווי מיט אייזערנע ריטער אין גיהנום?! ס'איז דאָך פשוט אַ צער־בעלי־חיים. טוט ער בלויז אַ זאָג:

— קומט בעסער אַרויס אין דרויסן.

ביים ברעג פון דער ווילנע טוט פון מיטן דעם סקווירערס ווייטערע נאַקעטע, חוצפּהדיקע און שפּאָטיש־לאַכנדיקע רייד אַ פּלעמל אַרויס צאַרן:

— ער וואָלט געדאַרפט אָנטרעפן אויף מיר מיט זיין מוסר־דאָסעניש, דער...

— רעדט נישט אַזוי. — שלאָגט אים איבער דער מאַציעווער מיט געבעט, אין שרעק, טאָמער ברענגט ער אַרויס שוין גאָר אַ לעסטערנדיק וואָרט אויפן ראָש־ישיבה.

שלינגט עס טאָקע דער סקווירער אַראָפּ און פאַרענדיקט, פאַרוואָרפנ־דיק אַ ווענטקעלע:

— איך אַליין גיי אויך אָפּט אין מאַפּוס ביבליאָטעק. מיך שרעקן נישט אָפּ גאָטס סטראַפּטשעס. המם... אפשר וואָלט איר אויך, מאַציעווער, אַ בעלן זיין אַ מאָל?

— אי...יך? —שטאַמלט דער מאַציעוועד. — המם... פאַר וואָס האָט עס מיר דער דרישקעפּאַליער קיין מאָל נישט פאַרגעלייגט? אויך מיר אַ חבר! און וווּ איז ער ערגעץ, דער דרישקעפּאַליער? ווען באַווייזט ער זיך צוריק אין דער ישיבה?

— ער ׳עט שוין מער אין ישיבה נישט קומען. די קאָוונער משכילים וועלן אים שוין העלפן זיך שטעלן אויף די אייגענע פיס, ווערן אַ לייט... נו, איז וואָס? זענט איר אַ בעלן גיין מיט מיר אין דער ביבליאָטעק?

— איך ווייס? — קווענקלט זיך דער מאַציעווער און ווייסט שוין אַז דער יצר־הרע האָט אים אַריינגעכאַפּט אין דער נעץ. — ווי באַלד סע קומען אַהין מרגלים... נאָר איין מאָל דאַרף מען פון דעסטוועגן גיין... אַ קוק טאָן.

— קומט זשע טאַקע היינט, טאַקע שוין! — היצט זיך דער סקווירער און שמידט דאָס אייזן כּל־זמן ס׳איז הייס. — אַ מענטש טאָר נישט זיין קיין פּחדן. און אפשר טרעפן מיר דאָרט דעם דרישקעפּאַליער.

גייען זיי און קומען אַהין. נאָר דער דרישקעפּאַליער איז גראָד נישטאָ. דער סקווירער זעצט זיך גלייך הינטער אַ טיש און נעמט לייענען. דער מאַציעווער זוכט אָפּ מיט די אויגן אַ טיש פאַררוקט אין אַ ווינקל און זעצט זיך דאָרט. נאָר אָנשטאָט אָנהייבן לייענען, פאַרקוקט ער זיך אויפן בילד פון אברהם מאַפּו אויף דער קעגנאיבערדיקער וואַנט, און פאַר זיינע אויגן שווימען פאַרביי בילדער פון אַברהם מאַפּוס „אהבת ציון״, וואָס ער האָט אַ מאָל געלייענט אין דער היים אויף יידיש; ס׳האָט זיך פאַרוואַלגערט צווישן דער מאַמעס ביכער, וואָס זי האָט מסתם געלייענט אין די מיידלשע יאָרן. ער זעט גאָר אויס אויפן בילד, מאַפּו, ווי איינער פון די מאַציעווער דרדקי־מלמדים. צי ווי טרייטל־מיטן־טייטל, צי ווי יאָסיע הערש מיט די גלעקעלעך? ס׳איז ממש פאַרדריסלעך... ווי דאָ דערהערט ער אַ לייכטן סקריפּ פון דער טיר. זייטלענדיק אַהין אַ בליק און אויסבאַהאַלטנדיק דאָס פּנים פאַר „אַן עין־הרע״, דערזעט ער אַריינשלייכן (ער וואָלט געשווירן: ס׳איז אַ חלום אויף דער וואָר. אָדער אַ... פאַטאַ־מאָרגאַנאַ!) — דעם איישי־שאָקער מתמיד! ס׳טוט אים גלייך אַ בליץ אין מוח: „ער! ער איז עס דער מרגל!״ דאָס האַרץ נעמט אים קלאַפּן, אים נאָכקוקנדיק, ווי ער זעצט זיך סאַמע אויבן אָן, הינטערן בילד פון אברהם מאַפּו, און פאַרשטעלט זיך דאָס פּנים מיט אַ זשורנאַל... וואָס מיינט ער זיך, אַז ער זיצט אונטערן בילד פון

זיך טאַטן דעם מלמד?... און פון דאַנען איז ער אַ „מציץ מן החרכים"* פונקט קעגנאיבער דער טיר צו יעדן איינעם וואָס קומט נאָר אַריין.

הייבט ער זיך גלייך אויף, דער מאַציעווער, שלייכט צו שרעקעוודיק־בגנבה צום סקווירער און רוימט אים איין, שטייענדיק מיטן רוקן צום איי־שישאָקער, אין ראַזלעכן זוים פון אויער:

— סקווירער. אין פראָנט דאָרט אונטערן בילד זיצט אונדזער מתמיד. פאַרשטעלט זיך מיטן זשורנאַל. ער איז דאָס אויף געוויס דער מרגל. זאָל איך זיך אָפּטראָגן?

דער סקווירער טוט אַהין אַ בליק, בלייבט רויק, נאָר אין פּנים אַריין טוט אים אַ שלאָג אַ רויטלעכע היץ, און די אויגן באַקומען אַ גלאַנץ. ער רעדט שטיל אַריין אין זיין בוך:

— גייט אַרויס און בלייבט דאָרט וואַרטן אויף מיר אין שאָטן פון אַ וואַנט, וועט איר עפּעס זעען און הערן.

דער מאַציעווער גייט אַרויס, און ס'קומט אים נישט אויס לאַנג צו וואַרטן. דער סקווירער איז אַן אומר־ועושה. ס'קומט אַרויס דער איישישאָ־קער באַגלייט פונעם סקווירער. דער איישישאָקער — ווי ער וואָלט נידע־ריקער געוואָרן, דער סקווירער — גראָד ווי ער וואָלט העכער געוואָרן. עטלעכע סעקונדעס גייען זיי זייט־ביי־זייט ווי שטומע. דער מאַציעווער גייט זיי נאָך אָפּגערוקט פון הינטן. צוגעקומען צון אַ ראָג פון אַ שמאָל און ווייניק באַלויכטן געסעלע, טוט דער סקווירער מיט דער זייט אַ שטויס דעם איישישאָקער, און זיי פאַרקערעווען אַהינצו. ס'איז שטיל אַרום. מע זעט נישט קיין דורכגייער. דאָ הייבט דער סקווירער אָן רעדן מיט אַ ביסל אַ גע־העכערט קול, מסתם, כדי דער מאַציעווער זאָל הערן:

— אָבי איך האָב געמיינט, איישישאָקער מתמיד, אַז איר מתמידעוועט נאָר אין דער ישיבה. צום סוף מתמידעוועט איר אויך אין מאָפּוס ביבליאָ־טעק. זייער שיין. סע געפעלט מיר דווקא. נאָר האָט איר גאָר קיין מורא נישט טאָמער וועט עס עמעצער אָפּטראָגן ווו מע דאַרף?

— כע־כע־כע... — נעמט דער איישישאָקער ספק־אונטערלאַכן, ספק־אונטערקרעקען, — ווער 'עט אָפּטראָגן? די וואָס קומען אַהער אַליין? איר? דער מאַציעווער? דער דרישקעפּאַליער?

* בליקט דורך די גראַטקעס.

— חלילה! נישט קיין איינער פון אונדז. נאָר טאַקע דער אײשישאָקער מתמיד בכבודו־ובעצמו... צום ראָש־ישיבה...

— איך? צום ראָש־ישיבה?! — מאַכט זיך דער אײשישאָקער גע־פלעפט, — אַז איך טרעט גאָר קיין מאָל נישט איבער די שוועל פונעם ראָש־ישיבהס שטוב.

— דער מאַציעווער, זעט איר, גייט שוין דווקא זייער אָפט צום ראָש־ישיבה, — אפשר ער?

— דער מאַציעווער? המם... ער? — זוכט דער אײשישאָקער עפעס אין געדאַנק, שוין אין גאַנצן אַ מבולבלער. — דער ראָש־ישיבה זאָל אים שיקן?... זאָל איך זאָגן, אַז דער משגיח? ער איז דען אַ מסור, איך מיין, דער מאַציעווער? איך ווייס, ער דאַוונט נישט, אָבער.

— אָבער... אַ מתמיד, ווי איר, איז ער טאַקע אַ שטיקל צייט געווען, האָב איך געהערט, אָבער קיין מסור, ווי איר, איז ער בשום־אופן נישט, כאָטש איר ווייסט אַז ער דאַוונט נישט... און צו וואָס דאַרפט איר שותפים? מיטן דרישקעפּאַליער האָט איר זיך דען אַליין קיין עצה נישט געגעבן?

דער אײשישאָקער שטייט אַן איינגעשרומפּענער, אַ געפּלעפּטער. זיינע קיילעכיקע אויגן בלאָנדזשען אין דער אונטיקער טונקלקייט פון געסל און פאַרזשמורען זיך, אַנטרעפנדיק אויף אַ באַלויכטן פענצטער. די דיקלעכע ליפּן צוקן. מיט אַ מאָל, ווי אַנגענומען אַ באַשלוס, טוט ער זיך אַ לאָז צו אַנטלויפן. אָבער דער סקווירער באַוויזט אים נאָך פּעסט אַ כאַפּ־אָן צו טאָן פאַר אַן אַרבל:

— יוסף הצדיק, אַנטלויפט נישט. המם... איר האָט איינגענומען שטור־מעניש. שטומעניש „כהודאה דמיא" *. איז הערט זשע מיט קאָפּ, אײשישאָקער מסור! זאָל עס איך זיין דאָס לעצטע מאָל! אויב איר וועט נאָך איין מאָל איבערטרעטן די שוועל פון דער ביבליאָטעק, וועט איך אַ שטעקן אונטער־האַקן די רגלים אויפן אָרט פון וואַנען זיי וואַקסן אַרויס; אויב איר וועט כאָטש נאָך איין מאָל האָבן אַ לאַנגע צונג, וועט איך אַ שטעקן קירצער מאַכן אויף אַ קאָפּ! צו אייער התמדה וועט איך אויספּעלן, אָדער דער קאָפּ, אָדער, צום ווייניקסטן, דער הינטן. געדענקט זשע, זאָג איך אייך אָן נאָך אַ מאָל,

---

* איז גלייך ווי זיך מודה געווען.

זייט מקיים דעם פסוק: „לא יחרץ כלב לשונו"*. און דערוויל — „פטור בלא כלום אי אפשר"** — נאָט אייך אַן אַדערויף פאַרן דרישקעפּאָליער...

און אין דער שטילקייט פונעם אָפּגעלעגענעם געסל הילכט אָפּ אַ פּאַטש. דער סקווירער טוט זיך אַ דריי אויס אויף צוריק, יאָגט אַן דעם מאַציעווער, וועלכער גייט שנעל, לויפט כמעט אין דער פאַרקערטער ריכטונג. און סאָ־פּעט אים הייס אַריין אין אויער:

— נו, האָט איר שוין געהערט און געזען. פון היינט אָן, אויב איר וועט וועלן קומען אין דער ביבליאָטעק, האָט איר שוין נישט וואָס מורא צו האָבן — ער וועט שוין פאַרזאָרגן אין צענטן!

17

בעת דעם סקווירערס פּאַטש טוט, ווי אַ פּלעמל, אַ ברי דעם אישישאַ־קערס באַק, טוען זיך זיינע אויגן, ווי פון אַ זונבלענד, אַ פאַרמאַך. אַ פינצ־טערניש טוט זיך אים אַ גאָס אַריין אין שאַרבן, ווי אַ געדיכטער שוואַרצער טינט, און צעפליסט זיך איבערן גאַנצן גוף. זיין רעכטע האַנט טוט זיך פון זיך אַליין אַ הייב צו פאַרשטעלן די צווייטע באַק פון אַן ענלעכן ברי. נאָר אַז דאָס קומט נישט, טראָגט זי זיך אַריבער אויף דער געשמיסענער באַק, און ער שפּעלטיקט־אויף די אויגן צו דערזען וווּ ער איז אויף דער וועלט... דער סקווירער איז שוין נישטאָ. צעעפנט ער זיי ברייט, די אויגן, און טוט אַ נישטער אַרום. אַן דאַרט, ביים ראָג געסל, דערווייטערן זיך שנעל צוויי אירע. זאָל עס זיין דער סקווירער? פון וואַנען האָט זיך גענומען דער צווייטער? סיי ווי, ער אָטעמט אָפּ טיף און טיפער. דער פּחד וועפּט זיך אויס פון אים. אָבער גלייכצייטיק נעמט אים דורך אַ געפּיל פון עלנט און רחמנות אויף זיך אַליין. די געפּאַטשטע באַק, איינגעטוליעט אין דער האַנטפלאַך, שמאַרצט. אַזאַ וויטיק און... פאַרשעמונג, כאָטש קיינער האָט עס נישט צוגעזען. און מיט אַ מאָל הייבט זיך אַן אין זיין קעל עפּעס צוזאַמענצוּוויקלען, פאַרגלי־ווערן און פאַרהאַרטעווען און נעמט אים דריקן אין האַלדז, ווי... אַ שטיינערן איי — דערשטיקט צו ווערן. ס'ווערט אים ווידער אַ מאָל פינצטער אונטערן

* וועט אַ הונט נישט שאַרפן זיין צונג.

** אָפּקומען מיט גאָרנישט קאָן מען נישט.

שאַרבן, און דער גוף טוט זיך אַ וואַקל אין שווינדלעניש אומצופאַלן. טוען זיך זיינע הענט אַ שטרעק פאַר זיך, כאַפּן אָן די שטאַכעטן פון אַ גערטל פאַר אַ צווישטאַקיק הויז און דערהאַלטן אים אויף די פיס. ערשט נעמט דאָס שטיינערן אייַ אין דער קעל לויזער ווערן, ס׳טוט זיך פאַרביי דעם אַ רייס אַרויס אַ שלוכץ און אַ העשען, און אַ טרערנפלוס פון די אויגן נעמט נעצן די באַקן. ס׳דאַכט זיך אים אַז שטאַרקער ווערט פאַרנעצט די גּעשמיסענע באַק — סע שמאַרצט אים די זאַלץ פון די טרערן.

ער שפּאַרט אָן דעם קאָפּ אויףביידע הענט, וויינט אויף אַ קול אינעם נאַכטיקן גערטל אַריין און הערט זיך אין אין דעם געוויין, ווי אין אַ פרעמ־דנס, אויף וועלכן ער האָט שטאַרק רחמנות. מיט אַ מאָל טוט זיך אין זיין געהער אַ מיש אַריין ווי עפּעס אַ גערויש פונעם הויז. טוט ער אַ קוק אַהין דורך די פאַרשטעלנדיקע קוסטעס און הויכע בלומען־שטענגלעך. די לאַדנס זענען פאַרמאַכט. נאָר אַ שיין פון אַ נישט פאַרלאַדנט פענצטער פון איי־בערשטן שטאָק צעשפּיזלט זיך פאַר זיינע אויגן דורך די טרערן. פון הינ־טערן הויז, דאַכט זיך, דערטראָגט זיך אַ ביל פון אַ הונט. זיין געוויין ווערט גליך דערשטיקט. די הענט לאָזן אָפּ די שטאַכעטן, און ער לאָזט זיך שנעל גיין פאַרויס. ס׳דאַכט זיך אים אַלץ אַז טריט יאָגן אים נאָך, און ס׳פאַלט אים נישט איין אַז דאָס זענען זיינע אייגענע.

אַריינגעדרייט זיך אין אַ צוויט געסל, אויך אַ טונקלס און שטילס, נעמט ער זיך ביסלעכוויז באַרויִקן און אויסרעכענען דעם מאַרשרוט וואָס ער דאַרף מאַכן אויף אַרויסצוקומען צו דער בריק פון דער ווילִיע. זיך אַריענטירט, נעמען זיך אין זיין קאָפּ זאַמלען קלאָרערע מחשבות. און די ערשטע בולטע מחשבה איז:

..נישט אַנדערש דאָס איז געווען אַן עונש! פאַר וואָס? פשוט בתכלית הפשטות — פאַר מיין ביטול־תורה. און אפשר פאַר... אפשר פאַר... ווי דער סקווירער האָט עס אָנגערופן — מסירה? המם, כ׳האָב עס דען געטאָן, חלילה, פאַר באַקומען שכר אויף דער וועלט? און פון מיין אייגענעם ווילן? כ׳האָב דאָך נאָר אויסגעפירט אַ שליחות מקיים צו זיין דעם „ובערת הרע מקרבך" *... — —

און דער אישישאָקער לעבט איצט איבער אין זיין פאַרשטעלונג אַ

---

* זאָלסט אויסרוימען דאָס בייז פון צווישן דיר.

שטיק פֿאַרגאַנגענהייט, ווי זי וואָלט פֿאַרגעקומען אָט ערשט: ער הייבט אָן חושד צו זיין זיין מיטקוואַרטיראַנט, דעם מאַציעוועד, אַז ער דאַוונט נישט. אין אָנהייב איז ער פֿול מיט תרעומות אויף זיך אַליין: וואָס הייסט חושד זיין אַ בן־תורה אין אַזאַ זאַך?! נאָר גיי טו עפּעס, אַז די זאַך וואַרפֿט זיך ממש אין די אויגן און פֿאָדערט: „דרשני"!*. נו, נעמט ער בעסער זיך צוקוקן, אים נאָכשפּירן, כדי צו זעען, אַז... ער האָט אַ טעות און איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל פּטור ווערן פֿון זיין אַ חושד בכשרים — אַ טעות־ייִד, אַז אַ ייִד דאַוונט נישט, חלילה, ווי אַ גוי... און אַז ער זעט שוין באַשיימפּער־לעך, ער האָט נישט קיין טעות, נעמט ער זיך אויפּס ביי פּייניקן: וואָס זשע דאַרף איך טאָן? „הוכח תוכיח את עמיתך"** זאָגן אים אַליין מיטן פֿולן מויל? ווי נעמט מען מוט דערצו? גיט ער אים בלויז פֿון צייט צו צייט אָנצוזוגעהערן, אָבער דאָס האָט נישט קיין פּעולה. ווייל... ער וועט זיך דער־שרעקן פֿאַר אים, פֿאַר אַ בשר־ודם, אַז פֿאַר גאָט אַליין האָט ער נישט קיין מורא! שווייגן? מאַכן זיך נישט זעענדיק און נישט ווויסנדיק? צי מעג מען עס על־פּי דין?

ביז ער מאַכט ביי זיך אָפּ: דערציילן דעם משגיח. דערציילן — נישט, חלילה, מסרן, ווי שיקט זיך דאָ מסירה? ס'איז דאָך אַ מצווה צו ראַטע־ווען אַ נפש־מישראל. אָבער אויך דערפֿון האַלט ער זיך נאָך אָפּ אַ שטיקל צייט מחמת ספֿקות: אפֿשר? אפֿשר דאַוונט ער שפּעטער, נאָכן פֿרישטיק עסן? דאָס איז דאָך נאָך נישט אַזאַ גרויסע עבֿירה. האָט דאָך דער טאַטע דערציילט, אַז ווען ביים קאַרלינער האָט דער חזן געדאַוונט נישט מיט אַלע כוחות, האָט אים דער קאַרלינער באַפֿוילן: אַ צווייט מאָל זאָלסטו מיר קומען דאַווענען אָן אָפּגעגעסענער, ווייל „כאכילתכם כן עבודתכם"*** — ווי מען עסט, אַזוי דאַוונט מען. ביז ער ווערט קראַנק, דער מאַציעוועד. און דווקא אין דער צייט, ווען ער האָט זיך אַ נעם געטאָן צום לערנען מיט אַזאַ התמדה... אפֿשר איז עס טאַקע אַן עונש פֿאַרן נישט דאַווענען? ווען ער וואָלט עס נאָר פֿאַרשטאַנען, דער קראַנקער, אפֿשר וואָלט ער תשובה

---

* טראַכט אַריין אין מיר.

** אויסריידן זאָלסטו אויסריידן דיין חבר.

*** ווי אייער עסן, אַזוי אייער תפֿילה טאָן.

געטאָן. איז ווער זשע זאָל עס אים געבן צו פאַרשטיין, אויב נישט דער משגיח? פאַלט אים איין, אייך מאָל אין אַ פרימאָרגן, ווען דער מאַציעוווער שלאָפט נאָך, אַראָפּצונעמען דעם מאַציעווערס תפילין־זעקל פון דער וואַנט און כאַפּן אַ קוק דעריין... צו וואָס? די תפילין וועלן זיך פאַרקלאָגן פאַר אים? אָבער עפּעס ווי עמעצנס אַ האַנט פירט אָן מיט זיינער. און ווי נאָר ער בינדט אויף דאָס תפילין־זעקל, טוט אים דערפון אַ שלאָג אַ טוכלע־זויערלעכער גערוך פון שימל... אַזש אָן אימה באַפאַלט אים! זאָל ער שוין לויפן דערמיט צום משגיח?... צי ווייל דער מאַציעווער טוט זיך אין דעם הרף־עין גראָד אַ וואָראָשע פון שלאָף אַרויס, אָדער... כדי דאָך נישט אין גאַנצן זיכער צו זיין, — טוט ער עס גלייך אַ פאַרבינד און הענגט עס אויף. איז עס דען מעגלעך, — נעמט ער אײנטענהן מיט זיך אַליין, — אַז... נישט נאָר ער דאַוונט נישט, נאָר לייגט אַפילו נישט די תפילין, רחמנא־לצלן?! ווי קאָן עס אַ ישיבה־יינגל? דער מוח אין שאַרבן דאַרף דאָך אים אָנהייבן איינצוטריקענען. העי, ס'איז נישט מעגלעך! אָבער דער שימל־גערוך פונעם תפילין־זעקל, וואָס איז אים, ווי אַ ביטערניש, אַריין אין די נאָזלעכער, איז דאָרט שטעקן געבליבן, האָט „קונה שביתה"* געוועזן און דערמאָנט כסדר און מאָנט: אַזאַ זאַך טאָרסטו נישט פאַרשווייגן! וועסט אויף דעם קיין פאַרענטפער נישט האָבן!... אָבער אפשר וועט אים די קראַנקהייט אַליין עפענען די אויגן. נאָר דער מאַציעווער ווערט, צום באַ־דויערן, אין גיכן געזונט און ער בלייבט, משמעות, ביי זיך אַלטן שטייגער. און סע מאַטערט, און סע פייניקט, ביז איין מאָל ביי נאַכט. ער זיצט אַליין אין דער ישיבה און לערנט ביי זיך איינציקן ליכטל. אַרום איז שטיל און טונקל, שאָטנס טאַנצן אַרום אים. און די ספקות וועגן אָט דער זאַך שלאָגן אים אַלע מאָל איבער די געדאַנקען. פּלוצעם דערפילט ער אַ לעבעדיקן שאָטן לעבן זיך. ער הייבט אויף צו אים דערשראָקן די אויגן — דער משגיח. זייערע אויגן באַגעגענען זיך. דעם משגיחס פינטלען צון אים אין דער שיין פונעם פינטלענדיקן ליכטפלעמל, ווי זיי וואָלטן צו אים עפּעס צוגעוווּנקען. דעמלט הייבט זיך מויל אָן צו שטאַמלען פון זיך אַליין:

— רב משגיח... סע ליגט מיר עפּעס אַ זאַך אויף דער נשמה... כ'בין מסופק, צי כ'מעג אַזאַ זאַך פאַרהוילן... כ'וויס אָבער אויך נישט צי איך

* זיך פעסט באַזעצט.

מעג עס פֿאַרן מויל אָפּערבערענגעגן... ווייל איך בין נאָר אַ בשר־ודם, און אַ בשר־ודם קאָן אַ טעות האָבן... המם.

— רעדט, רעדט, איישישאָקער. אַפֿילו אַז ס'איז אַ טעות איז אויך גלייכער אָראָפּצורעדן אים פֿון האַרצן. „ישיחנה" * שטייט געשריבן. וואָס איז דער מער?

— ס'אַ ווייסט געשעעניש, רב שמריה. איך... המם.

— עפּעס ביי אייך אין דער היים?

— ניין. אויף מיין קוואַרטיר. איך האָב אַ חשד, המם, אויף מיין מיט־קוואַרטיראַנט.

— אויפֿן מאַציעווער, הייסט עס. אַז וואָס? אַז ער בטלט צו פֿיל? דאָס האָב איך אַליין געזען. אָבער לעצטנס איז ער דאָך געווען אַ מתמיד. כמעט אַזוי ווי איר. ביז ער איז קראַנק געוואָרן.

— ניין, נישט וועגן זיין לערנען רעד איך. איך מיין וועגן זיין דאַווענען.

— וואָס זשע, ער דאַוונט צו גיך? איר זענט אים חושד אַז ער היפּערט איבער?

— המם, אַז. ער דאַוונט אין גאַנצן נישט!

— וואָס מיינט עס אין גאַנצן נישט? — צעפּינטלען זיך איבער זיין פּנים דעם משגיחס אויגן, ווי ס'וואָלט געווען נישט אין פֿראַגע, נייערט צענט־ליקער. — ער לייגט צו שנעל אָפּ די תפֿילין?

— מיר פֿאַלט איין, אַז ער לייגט זיי אַפֿילו נישט.

דעם משגיחס בעקלעך, צווישן דער שוואַרצער באָרד און די פּינט־לענדיקע אויגן, ווערן ווייס, און ער שרייט אויס:

— ס'רעדט איר? איישישאָקער!? איר ווייסט וואָס איר רעדט? אַזאַ חשד, אויב ס'איז בלויז אַ חשד, טאָר מען דאָך אַפֿילו פֿאַר די ליפּן נישט ברענגען! סיידן איר... איז רעדט זשע קלאָרע רייד.

— קלאָרע רייד? כ'האָב דאָך לכתחילה געזאָגט — איך בין נאָר אַ בשר־ודם. איך ווייס? אפשר אַז דער משגיח וועט אים זאָגן אַז מע מורמלט

---

* „דאגה בלב איש ישיחנה" — טייטשן די חז"ל: איז דאָ אַ זאָרג אין עמעצנס האַרצן, זאָל ער זיך אָראָפּרעדן פֿון האַרצן.

אויף אים אַזעלכעס... אויב דער חשד האָט אַ יסוד, וועט ער דאָך פאַרלירן דאָס לשון. המם.

— המם. — זאָגט אים נאָך דער משגיח, לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ צו דער פּאָדלאָגע, קוקט פאַרטראַכט אויפן שטויב, ווי ער וואָלט פון אים דער־וואַרט, די זאַך זאָל אים קלאָר ווערן. — מען וועט זעען. און איר, אײשישאָ־קער, איר הערט? מער קיינעם נישט קיין דיבור וחצי דיבור. מער פעלט נישט, עס זאָל נאָך אָנקומען צו די מוסרניקעס.

און אַזוי, מיטן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, דרייט ער זיך אויס אָוועקצוגיין:

— אַ גוטע נאַכט, אײשישאָקער מתמיד. לערנט, לערנט און האָט נישט אין זינען קיין אַנדערע זאַכן.

נאָך דעם שמועס ווערט אים לייכטער אויפן געמיט, ווי ער וואָלט אויסגעטאָן פון זיך אַ שווערן יאָך. ער הערט אויף נאָכקוקן דעם מאַציעווער: ס׳איז שוין דאָ ווער ס׳זאָל נאָכקוקן. משמעות, אַז דער משגיח האָט גערעדט מיט אים, מיטן מאַציעווער, ווייל ער האָט אָנגעהויבן גיין פון צייט צו צייט דאַוונען אַפילו אין ישיבה אַריין. — — —

אַזוי, אין די פאַרשטעלונגען און דערמאָנונגען, קומט דער אײשישאָקער צו צו דער בריק פון דער ווילִיע. פון טייך טוט אויף אים אַ צי אַ קילע פייכטקייט. ער דערפילט זי שטאַרקער אויף דער געפּאַטשטער באַק. ס׳ווערט אים מילדער אויפן האַרצן. ער טוט זי אַ גלעט, די באַק, און בלייבט אַ רגע שטיין. שפּאַרט זיך אָן אויפן פאַרענטש פון דער בריק און קוקט אַראָפּ אויפן שוואַרצן שטראָם פון טייך... נייך, נישט דער טייך גייט אַראָפּ, נאָר די בריק מיט אים צוזאַמען טראָגט זיך אַרויף, אַזש סע שווינדלט פאַר די אויגן. ער טוט אַ קוק העכער אויפן טייך און דערזעט וויגן זיך אויף אים אַ שמאָלן זייל ווידערשיין פונעם מולד, און אויף אַ צווייט אָרט — אַ שטערן, וואָס בלינצלט פון דער טיפעניש אַרויס. אָט דאָס בלינצלען רופט אַרויס אין זיין דמיון דעם משגיחס פינטלען מיט די אויגן, און ער דערמאָנט זיך און דערזעט:

...ביי נאַכט. דער משגיח רייסט אים איבער אין מיטן לערנען. זיין פנים — ווייך, דער טאָן אַ בקשהדיקער:

— אײשישאָקער מתמיד, איך וויל אייך מזכה זיין מיט אַ מצווה. איר זענט דאָך נישט נאָר אַ מתמיד אין לערנען, נאָר אויך אין פרומקייט. המם. דעמלט איז אייער חשד וועגן דעם מאַציעווער געווען אַן איבערגעאײלטער.

„תפשת מרובה"*... כ'האָב געשמועסט מיט אים. נאָר לערנען, זעט איר, האָט ער פון זינט זיין קראַנקהייט ווידער אויפגעהערט. ער לויפט כסדר צום ברעג פון דער ווילִיע. פרעגט, וואָס זעט ער דאָרט? אַ פנים אַז צו זעען ווי די סלאָבאָדקער ציגן וואַרפן אָפּ באָבקעס איז אויך אַן ענין. ער מיינט — ער געניטאַרט מיך. ער געניטאַרט זיך. איז מיר איינגעפאַלן: אפשר לייענט ער דאָרט ספרי־חוץ? אין קאָוונע שמועסט די וועלט, אַז ישיבה־בחורים קומען דאָרט אַריין אין מאַפּוס ביבליאָטעק... יאָ, מאַפּעס־שקאַפּעס... און לייענען דאָרט בלעטער און ביכער. מילא יענע פון „כנסת ישראל", די מוסרניקעס מיט די שטרויענע היט, דערקענט מען דאָך נישט. מיינט דאָך עס — אונדזערע. המם. איז מיר אַרויף אויף דער מחשבה, אויב דער מאַציע־ווער איז נישט איינער פון די גייערס אַהינצו. אין גאַנצן קיין חושד בכשרים זענט איר טאַקע דעמלט נישט געווען. איך קוק זיך צו פון אונטערן טלית צו זיין דאַוונען, ווען ער קומט אַ מאָל אַהער, איז עס „כאילו כפאו שד"**. אַן חשק, אַן הארץ. „מן השפה ולחוץ"*** — קוים וואָס ער מאַכט מיט די ליפּן. כ'האָב איין מאָל געפּרוּווט אַ שמועס טאָן וועגן דעם מיטן ראש־ישיבה, איז אָסור לדבר — ער האַלט פון אים אַן עולם־ומלואו. וואָלט איר געהאַט אַ מצווה ווען איר גייט אַהין, אין דער ביבליאָטעק, אין דער טומאה, ווי אַ מרגל לשם מצווה און כאַפּט אַ קוק: מי ומי — ווער זענען עס די גייערס... וואָס? דאָס לערנען איז אייך אַ שאָד? טאַקע אַ שאָד! אָבער מיר וויסן דאָך „עת לעשות לה'"****. איין מאָל, צוויי מאָל, נישט מער... נו, איז גייט זשע טאַקע מאָרגן אין אָוונט, און איכל דאָ וואַרטן אויף אייך.

גייט ער — לשם מצווה. נאָר (...ערשט איצט כאַפּט ער זיך דערויף) ערגעץ טיף אין אים, פאַרבאָרגן פאַרן אייגענעם וויסן, רייכערט זיך אַ נישט־כשר מחשבהלע: אַט ווען איך טרעף אים טאַקע דאָרט, און דורכן משגיח קומט עס אָן צום ראש־ישיבה, וואָלט ער זיך שוין מער נישט געבלאָזן, ווי אַן אינדיק. אָבער טרעפן טרעפט ער נישט אים, נאָר גאָר דעם דרישקע־פאָליער.

---

* כאַפּסטו צו פיל, האָסטו גאָרנישט געכאַפּט.

** ווי אַ שד וואָלט אים געצווונגען.

*** בלויז לפנים.

**** אין זין: ווען מען דאַרף ראַטעווען דאָס פרומקייט, מוז מען מען זיך אָפּזאָגן פונעם לערנען.

— נו, זעט איר, איז אייער גאַנג נישט געווען אַרויסגעוואָרפן! — דער־פרייט זיך דער משגיח (...מיט זיין מקיים זיין די מצווה? צי גאָר וויל ער וועט קאָנען זיך באַווייזן פאַרן ראָש־ישיבה און דעם מנהל, אַז זיינע אויגן זענען אָפן אויף די מעשים פון די תלמידים נישט נאָר אין דער ישיבה, נאָר, להבדיל אלף אַלפי הבדלות, אויך דאָרט אין דער טומאה פון מאָפּוס־שקאָפּעס ביבליאָטעק... פאַר וואָס איז מיר דאָס דעמלט נישט איינגעפאַלן?), — אָט האָט איר, איישישאָקער, געטאָן אַ שיינע מצווה. און יענער, דער דרישקעפּאָליער, וועט שוין פאַר דער עבירה באַקומען זיין פּסק. המם. נאָך מאָרגן אין דער פרי וועל איך שוין זיין וועגן דעם ביים ראָש־ישיבה.

— אָבער, המם, — נעמט ער שטאַמלען, — איך בעט אייך: דעם ראָש־ישיבה דערמאָנט נישט מיין נאָמען. כאָטש ס׳איז אַ מצווה, שעם איך זיך עפּעס דערמיט...

— שעמען זיך איז אַוודאי נישטאָ וואָס. נאָר אַז איר ווילט נישט, וועל איך עס נישט טאָן. המם, איכל גלאָט מיט אים אַ שמועס טאָן וועגן אייער התמדה אין לערנען.

און נעכטן קומט ער ווידער אַ מאָל צו מיט אַ צעשמייכלט פּנים·

— נו, איר זעט, איישישאָקער, אייער מצווה האָט שוין עושה־פּרי געווען. ער באַווייזט זיך שוין מער נישט אין דער ישיבה, דער דרישקעפּאָליער, נאָכן לייטישן פּסק, וואָס ער האָט געלייזט פונעם ראָש־ישיבה. אייער שייכות צום ענין האָב איך טאַקע פאַרן ראָש־ישיבה נישט דערמאָנט, ווי איר האָט עס פאַרלאַנגט. נאָר היינט אין דער פרי האָב איך געשמועסט מיטן ראָש־ישיבה וועגן אייער „והגית בו יומם ולילה״*. און ס׳איז ביי אונדז געבליבן במוסכם, אייך מוסיף צו זיין אַ האַלבן רובל צו דער „חלוקה״. (...האָט ער מיך, חלילה, דערמיט אונטערגעקויפט?). און כ׳האָב צון אייך נאָך אַ שטיקל בקשה: נאָך איין מאָל גייט אַהינצו מאָרגן און — לאָמיר האָפן צום אייבערשטן, אַז דאָס מאָל וועט איר שוין דאָרט קיינעם נישט טרעפן, וועלן מיר וויסן — אַ סוף!... ניין, ניין. נישט מער ווי דאָס איינע מאָל. איך זאָג עס אייך צו בהן־שלי.

נו, גייט ער היינט ווידער און פאַקט — דווקא צוויי! אָבער איינער פון די צוויי פאַקט גאָר אים... דער עונש איז אַוודאי נישט געווען פאַרן אויסגעבן

* און זאָלסט טראַכטן דערפון טאָג און נאַכט.

דעם דרישקעפּאַליער. פֿאַר דעם, פֿאַרקערט, וועט ער אַ מאָל האָבן שכר אויף יענער וועלט... די הוספה צו דער „חלוקה" זאָל נאָר נישט קאַליע מאַכן; דער עונש איז פֿאַרן „הפרו תורתך"*. נאָר שוין! דערמיט איז געענדיקט, אַפֿילו ווען דער משגיח זאָל פֿאַרגעסן זיין „בהן־שלי". המם. און וועגן דעם מאַציעווער מיטן סקווירער מיט דער גאַנצער מעשה היינט (ער דערשפּירט ווי די קילקייט פֿון טייך גלעט אים די הייסע באַק) — שאַ! קיין איין וואָרט נישט! דער סקווירער שגץ קאָן האַלטן וואָרט און... ס'זאָל, חלילה, קומען צום אמתן חילול־השם. דערמיט איז געענדיקט, און ווידער צום לערנען אָן שום הספקות!

ער טוט זיך אַ רייס אַוועק פֿונעם פֿאַרענטש און לאָזט זיך צו דער ישיבה מיט אַזאַ שנעלקייט, אַז די מחשבות אין קאָפּ צעפּליִען זיך אים, ווי אַ טשאַטע איבערגעשראָקענע טויבן.

אין דער טונקלקייט פֿון דער ישיבה, אַ קוים באַלויכטענע מיט צוויי יאָרצייטליכט אויפֿן עמוד, טוט אויף אים אַ פּלי אָן, ווי אַ פֿלעדערמויז, דער משגיח:

— נו, וואָס? איר האָט דאָרט עמעצן דערווישט?

דער אײשישאָקער שוויגט מיט צוזאַמענגעפּרעסטע ליפּן, צוטראַכטנ־דיק וואָס אים צו ענטפֿערן אַזוי, אַז עס זאָל נישט זיין קיין ליגן. דער משגיח לאָזט זיך שלייכן צום עמוד, און ער שלייכט אים שוויגנדיק נאָך:

— וואָס זשע שוויגט איר, אײשישאָקער? — בייגט ער צו אים נאָענט דאָס פּנים און דערזעט קעגן דער שיין זיין אויפֿגעלאָפֿענע באַק. — און וואָס איז אייך אַזוי רויט און ווי אויפֿגעלאָפֿן די רעכטע באַק? מאַכט זיך אייך נישט, חלילה, קיין געשווילעכץ?

— המם. אויפֿן וועג איז מיך באַפֿאַלן אַ שגץ, — פּלאַצט דער אײשי־שאָקער אַרויס אָן „אמת", — און דערלאַנגט אַ פּאַטש. ס'איז מיר אָן עונש פֿאַר מיין ביטול־תורה, רב שמריה, מער גיי איך נישט אַהין!

און ווי צו באַפֿעסטיקן זיין באַשלוס, נעמט ער אַרויס פֿון זיין שטענדער אַ ליכט, צינדט עס אָן ביי אַ יאָרצייטליכט און שמעלצט עס צו צום שטענ־דער, צו זעצן זיך לערנען.

— מאַ, — איז דער משגיח אַנטוישט, די אויגן פֿינטלען אומבאַהאָלפֿן,

---

* נישט לערנען.

און די אַרבל לאָזן זיך אים אַראָפּ נאָך לענגער, — איך האָב געמיינט, אישי־שאָקער, אַז מירן האָבן מער נחת פון אייך. האָט זיך גאָר אַריינגעמישט, מעשה־שטן, אַ שגץ... מנאַ, אַ גוטע נאַכט. נאָר פאָלגט מיך, גייט איצטער בעסער אויף דער קוואַרטיר און לייגט זיך צו אַ קאַלטן קאָמפּרעס, די באַק זאָל אייך מיטן איבערשטנס הילף אָפּגיין ביז אין דער פרי; מע זאָל אייך מאָרגן נישט טומלען דעם מוח מיט קיין פוסטע שאלות: ווו? ווען? איר פאַרשטייט? אַ גוטע נאַכט.

ווי נאָר דער משגיח פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר, טוען זיך פון הינטער די טירלעך פונעם צעעפנטן ספרים־אַלמער אַ שלייך אַפּער צוויי שאָטנס און לאָזן זיך אַרויס אין דרויסן. דער אישישאָקער דערהאָרכט דעם געראַוש, אָבער דער באַלעמער פאַרשטעלט אים צו זעען, וואָס דאָרט איז. וואָלט ער די שאָטנס דערזעען, וואָלט ער אין חלשות געפאַלן. ער דערהערט בלויז פון פאַליש אַ טאָפּל־געלעכטער און בלייבט געפּלעפּט: איין געלעכטער, אַ היימישער, דערמאָנט אים דעם מאַציעוועס... אַזאַן אָפּדאַכטעניש! אויס־טערליש! צי איז נישט דאָס אַלץ וואָס איז היינטיקן אָוונט מיט אים פאַר־געקומען אויך נישט מער ווי אַן אָפּדאַכטעניש? עפּעס אַ וויסטער חלום? כדי זיך איבערצוצייגן טאַפּט ער זיך די געפּאַטשטע באַק. ווען ער וואָלט זיך נישט געשראָקן פאַר דעם משונהדיקן געלעכטער אין פאַליש, וואָלט ער ערשט צוגעפאַלן צום אָרון־קודש און זיך אויפס ניי אויסגעוויינט אינעם פּרוכת אַריין פאַר דער שכינה, ווי פאַר אַ מאַמען... קיין מאַמען האָט ער דאָך נישט... ניך, לערנען איצט וועט ער שוין נישט קאָנען. מע דאַרף פאָלגן דעם משגיח און גיין אויף דער קוואַרטיר.

ער פאַרלעשט דאָס ליכטל און לאָזט זיך מיט אַ דערשטיקט געוויין צום אַרויסגיין.

18

„שוין אפשר אַ חודש צייט נישט געווען ביים ראָש־ישיבה — טוט עס פּלוצעם דעם מאַציעוועס אַ טאַרע אין רעיון, און אַ שרעק באַפאַלט זיין גע־מיט. — איכל אין זיינע אויגן דעם גאַנצן חן פאַרלירן".

ער לאָזט זיך אַרויסגיין פון דער ישיבה מיט נישט זיכערע טריט. נישט מחמת מורא פאַרן משגיח. זינט דער מעשה מיטן נישט לייגן קיין תפילין

האָט, דאַכט זיך, דער משגיח גאָר מורא פאַר אים. אויב ער וועט אים, ווען ער וועט קומען צוריק, אַ פרעג טאָן: „ווו האָט איר זיך עס אַזוי לאַנג פאַרזאַמט, מאַציעווער?" וועט דאָך דער אמת זיין דער בעסטער ענטפער: זאָל ער גיין צום ראָש־ישיבה איבערפרעגן. דעם מאַציעווערס טריט זענען נישט זיכער, ווייל — ער האָט דאָך פשוט נישט מיט וואָס צום ראָש־ישיבה צו קומען. ער וועט דאָך אים נישט אָנשטאָט חידושי־תורה פאָרזאָגן זיין ליד „אַן אַראָפּגעפאַלענער שטערן". נאָר מילא, ער וועט אים בלויז פרעגן עפּעס וואָס איז אים קשה אין דער סוגיה און דאָס מאָל יוצא זיין באין־ברירה מיט דעם וואָס דער ראָש־ישיבה וועט אים ענטפערן.

אַריינגעקומען, טרעפט ער דאָ עטלעכע יונגע ישיבה־בחורים. דער ראָש־ישיבה לייגט אויס פאַר זיי עפּעס אַ קשיא אין אַן ענין, וואָס ער, דער מאַציעווער, איז אים דורכגעגאַנגען אויבערפלעכלעך. אַלע זענען איינגעהאָרכט. האָרכט ער זיך אויך איין, אָבער באַנעמט נישט. אין קאָפּ איז אים אַ פּלאָנטער פון אומקלאָרע, בלאַסע מחשבות. מאַ, ער וועט האָרכן און שוויגן. דאָס מאָל אָפּקומען מיטן בלויזן אַריינקומען, און ס'וועט אים אַרויסקומען פונעם ראָש־ישיבה לכל־הפּחות שכר־הליכה. קיינער פון די תלמידים עפנט נישט דאָס מויל צו געפינען אַ תירוץ אויפן ראָש־ישיבהס קשיה, און דער ראָש־ישיבה גייט צו צום פענצטער, קוקט אַרויס אויפן הייפל און וואַרט. ווייל אין זיין גרויסער עניוות האַלט ער פונעם זאָג פון דער גמרא, אָדער, ווי ער זאָגט עס שטענדיק, פון דער הייליקער גמרא, אַז „ויותר מתלמידי" — מער האָב איך געלערנט פון מיינע תלמידים. נאָר אַז ער דערוואַרט זיך פאָרט נישט, טוט ער זיך אַ דריי אויס מיטן פּנים צו די תלמידים און, אַזוי ווי אויף צו להכעיס, אַ שטעל אָן די בולטע, ליכטיקע אויגן אויף אים, דעם מאַציעווער:

— און וואָס וועט זאָגן דערויף דער מאַציעווער?

דעם רבינס פּנים איז מלא־רחמים. און דער תלמיד — אַ כוואַליע היץ טוט אים אַ פלייץ פון האַרץ צו די באַקן און באַגיסט זיי מיט רויטס. זיין מוח טוט זיך אַ שטרענג אָן אַרויסצובאַקומען עפּעס פונעם טונקעלן מחשבה־געוועב אונטער זיין שאַרבן. און דער אָנשטרענג צייכנט זיך מיט קנייטשן אויפן שטערן. המם. ער הייבט אָן געצווונגען עפּעס צו שטאַמלען. נישט ווי ער אַליין וואָלט גערעדט, נאָר ווי עמעץ, אַ גילגול, וואָלט פון אים אַרויסגעשטאַמלט. און — זע נאָר, זע! — דער ראָש־ישבה טוט האַסטיק אַ שפּאַן צום

אים מיט אַ צעיובלטן פּנים, אַ כאַפּ אַרום, אַ דריק צו מיט הייסער ליבשאַפט צו זיין איינגעפאַלענער ברוסט, ווי דעמלט פּורים בעתן טאַנצן, און אַ זאָג צו די תלמידים:

— איר האָט געהערט, קינדערלעך? איר האָט געהערט וואָס ער האָט געזאָגט, אונדזער מאַציעוּוער?! איי! איי־איי!

און ער נעמט זיי דערקלערן מיט אייגענע ווערטער דאָס וואָס דער מאַציעוּוער האָט... גאָרנישט געמיינט צו זאָגן און באַנעמט אַפילו נישט וואָס דער ראָש־ישיבה זאָגט ערשט אין זיין נאָמען.

אין זיין גרויסער, הייליקער תמימות און דעם גלויבן אין זיין תלמיד, דעם מאַציעוּוער, וואָס איז אַזוי געלויבט געוואָרן אינעם בריוו פונעם גאון רב זלמן סענדער, איז ער זיכער, דער ראָש־ישיבה, אַז ער חזרט נעמלעך איבער דאָס וואָס דער מאַציעוּוער האָט שטאַמלענדיק געמיינט צו זאָגן... ער האָט עס בלויז נישט געקענט קלאָר אַרויסגעבראַכט. ס'פעלט אים נאָך דער כּוח־הסברה.

דער מאַציעוּוער דערשפּירט זיך ווי... אַ גנב — אַ גונב דעת הבריות. זיין געוויסן פּייניקט אים אַ זאָג צו טאָן פאַר אַלעמען אין די אויגן: „רבי, איך האָב דאָס נישט געמיינט. וואָס איך האָב געפּלאַפּלט ווייס איך אַליין נישט". נאָר אַ פּנים אַז דער יצר־הרע טוט אים מיט אַ קולעק אַ פאַרשטאָפּ דאָס ערלעכע מויל. די שטים פון זיין געוויסן בלייבט אים שטעקן אין קעל. דאָס פּנים ברענט אים אונטער די בליקן פון די תלמידים, און ס'היצן אים אַלע אברים. און ווי נאָר דער ראָש־ישיבה טוט אין באַנייטער פאַרטראַכטע־ניש אַ דריי אויס זיך צום פענצטער, ווי ער וואָלט אויפן הימל געזען „אותיות פּורחות"*, שלייכט ער זיך שטיל אַרויס... טאַקע ווי אַ גנב מיט דער גנבה אונטער דער פּאָלע, אין דרויסן.

אַ צעמישטער און אין געמיט נאָך אַלץ אַ פאַרשעמטער, ווי ער וואָלט געקריגן, נישט קיין לויב, נאָר אַ פּאַטש, גייט ער מיט פאַרקלעמטע טריט צוריק צו דער ישיבה. המם... אפשר איז ער אויף זיך אַליין קיין מבין נישט? פאַרשטייט ער אַליין נישט ווי טיף זיין געדאַנק גרייכט? דער ראָש־ישיבה, ווי אַ גרויסער פישער אינעם ים־התלמוד, האָט אַרויסגעפישט פון זיין תלמידס טיפענישן אַ גאָלדן פישעלע.

---

* פליענדיקע אותיות.

וועפּט זיך אויס פון אים די צעמישטקייט, די פאַרשעמטקייט אין זיין געמיט ווערט בלאַסער און בלאַסער, און מיט אַ מאָל ווערט ער אָנגעפילט מיט פריידיקער גדלות און גדלותדיקער פרייד: ער דאַרף נאָר אַ סך לערנען, כדי ער זאָל זיך אַליין דערזעען.

ער נעמט מיט שנעלערע טריט זיך דערנענטערן צו דער ישיבה, „ווי אַ הונט מיט אַ געגנבעטן פעטן ביין פון יאַטקע, זוכנדיק אַ טונקל ווינקל?...“. ניין, ניין, דאָס איז נישט ריכטיק. ער טרייבט לשון־הרע קעגן זיך אַליין! און אין געהויבענער שטימונג טרעט ער איבער די שוועל פון דער ישיבה.

מיט גערירטקייט און האַרציקן פלייס הייבט ער אָן לערנען, מיט פריי־דיקן ניגון און צעהעלטער מחשבה: ווען כ׳לערן אַזוי ווייניק, קומט עס אַרויס ביי מיר אַזוי גוט, וואָס זשע וועט שוין זיין ווען כ׳וועל זיך ווידער אַ נעם טאָן צום לערנען מיט ברען! כ׳וועל ווידער ווערן אַ מתמיד. דער איישישאָקער האָט נאָך דעם קאָן נישט אויסגענומען!

ווי מתיקותדיק דאָס געלערנטע מישט זיך צונויף, גיסט זיך צוזאַמען מיט זיינע פאַנטאַזיעס. ער כאַפּט זיך גאָרנישט אַז ער ניגונט שוין נישט דאָס געלערנטע, נאָר די פאַנטאַזיעס אַליין. דאָס מויל ברענגט טאַקע אַרויס מעכאַניש די ווערטער פון דער גמרא, אָבער זיינע געדאַנקען זענען אַנדערע. דער גמרא־ניגון ניגונט אויס זיינע גרויסהאַלטערישע פאַנטאַזיעס וועגן זיך.

אומגעריכט פאַרטשעפּעט זיך עפּעס אין דער מושליע פון זיין אויער. ווי אַ שפּיץ פליגעלע פון אַ פאַרביישוועבנדיק באַשעפעניש׳ל מיט ברומעניש. ער נעמט זיך איינהאָרכן. ס׳איז אַ שמועס פון צווי תלמידים אויף דער צווייטער באַנק הינטער אים. דער שאַולער, ער איז אויך פריִער געווען ביים ראָש־ישיבה, דערציילט זיין שטענדער־שכן, דעם דיסנער, וועגן דעם ענין וואָס איז דאָרט גערעדט געוואָרן, לייגט אויס פאַר אים דעם ראָש־ישיבהס קשיה און דעם תירוץ. אָבער... הער־נאָר, הער! צום שטוינען! זיין נאָמען, דעם מאַציעווערס, דערמאָנט ער אַפילו נישט... גלייך נישט ער וואָלט געזאָגט דעם תירוץ, נאָר דער ראָש־ישיבה אַליין.

שיר־שיר טוט ער זיך נישט אַ דריי אויס, דער מאַציעווער, צו יענעם מיט אַ כעסדיקן זאָג: „שאַולער, איר ווילט, אַ פּנים נישט זיין קיין „מביא גאולה לעולם“*. אָבער איצטער פאַרשטאָפּט אים, משמעות, דער יצר־טוב

* „האומר דבר בשם אומרו מביא גאולה לעולם“ — ווער ס׳זאָגט נאָך אַ זאַך אין נאָמען פון דעם וואָס האָט עס געזאָגט, ברענגט די גאולה אויף דער וועלט.

דאָס עזותדיקע מויל, אָדער סע סטייעט אים נישט קיין מוט. ער דערטראַכט בלויז פֿיינטלעך־צאָרנדיק: „אמת... נאָר פֿאַרט האָט דאָך דער ראָש־ישיבה געזאָגט דעם תירוץ אין מײַן נאָמען. ווי אַזוי איז מען דאָס אַזוי נישט־פֿאַר־גינעריש, אַזוי נישט ערלעך?!". ס׳פֿאַלט אים גאָרנישט איין, אַז דער שאָולער, ווי אַ זייטיקער צוהערער און צוקוקער, האָט גראָד באַנומען די זאַך ווי זי איז אין דער אמתן: דער מאַציעוווער האָט בעל־כורחו געפּלאָפּלט עפּעס אָן אַ זין, נאָר דער ראָש־ישיבה האָט צוליב עפּעס וואָס אַרײַנגע־טייטשט אין זײַן פּלאָפּלעריי זײַנע אייגענע מחשבות, — איז דאָך קיין חידוש נישט וואָס ס׳האָט זיך באַקומען אַ שיינער תירוץ; און, פֿאַרקערט, ס׳איז זייער אײדל פֿונעם שאָולער וואָס ער מאַכט וועגן דעם אַ שווײַג און דערמאָנט נישט זיך נאָמען, גלײַך ווי ער, דער מאַציעווער, וואָלט דאָרט גאָר נישט געווען. ער איז אויפֿגערעגט אויפֿן שאָולער און דערשפּירט צון אים אַ פֿײַנטשאַפֿט.

צוזאַמען מיט זײַן פֿײַנטלעכקייט צום שאָולער דערפֿילט ער אַ צושטראָם פֿון ליבשאַפֿט צום ראָש־ישיבה. ס׳פֿוישט אויף אין אים דער חשק נאָך מער נושא־חן צו זײַן אין זײַנע אויגן און דערוועקן ביי אים נאָך מער ליבשאַפֿט צו זיך. און ער טוט זיך ווידער אַ צעשאָקל איבער דער גמרא: „איי, איי־איי..."

זײַן ניגון איז איצט פֿריידיק און האַרציק. ער זינגט נישט די גמרא, נייערט זײַן ליבשאַפֿט. און ווײַל נישט די גמרא, גנבענען זיך ביסלעכווײַז ווידער אַרײַן זײַטיקע געדאַנקען אין זײַן מוח: „איך וועל נאָך ווערן", איי, איי־איי, „וואָס וועל איך ווערן? אַ גדול בתורה!", איי, איי־איי, „דעם ראָש־ישיבהס אָן אײדעם!", איי, איי־איי, „המם... און נאָך הונדערט און צוואַנציק — זיך ממלא־מקום. טיפֿער דאַרף מען זיך אַראָפּלאָזן אין די טיפֿענישן פֿון ים־התלמוד, המם, און מחדש זײַן לויטן ראָש־ישיבהס דרך אין לערנען, דעם דרך פֿון הבנה, וואָס מײַן רבי, דער ראָש־ישיבה, האָט איבערגענומען פֿון זײַן רבין, רב חיימקע בריסקער", איי, איי־איי, „וואָס הייסט עס הבנה? אַרײַנדרינגען אינעם פּשוטן און אין דער אייגענער צײַט טיפֿן און אמתן זין פֿון דער זאַך", איי־איי־איי, „פֿונעם דרך־הפּלפּול", פֿון אויפֿשטעלן אַ בבל־טורעם פֿון שפּינוועבסענע געדאַנקען, וואָס אַ ליאַדע בלאָז פֿונעם שכל־הישר צעררייסט, צעפּליקט און פֿאַרטראָגט אים (אָט אַזעלכע ווי מײַנע חידושי־תורה ביז הײַנט) האַלט ער נישט, מײַן רבי. מיט אַזעלכע חידושים דאַרף איך מער צון אים נישט קומען", איי־איי־איי, „אַז מײַן רבי זאָגט־נאָך אַ

תורה אין נאָמען פון זיין רבין, פילט מען אַרויס פון זיין שטים, דערזעט מען אויף זיין פּנים פאַרגעטערונג און ליבשאַפט, אַ געמיש פון אַהבה מיט יראה צוזאַמען", איי, איי־איי, „איך בין נישט קיין גלויבער, קאָן איך, פאַר־שטענדלעך, מיין רבין נישט פאַרגעטערן, אָבער ליב האָבן קאָן איך דאָך. האָב איך אים טאַקע זייער ליב" איי, איי־איי, „זיין עלטסטע טאָכטער, רחל, איז, שמועסט מען, אַ געלערנטע, מסתם אויך אַ נישט־גלויביקע, אָבער מיט וואָס פאַר אַ דרך־ארץ און ליבשאַפט זי האָט דעמלט גערעדט מיט מיר וועגן איר טאַטן", איי...

דאָ כאַפּט זיך דער מאַציעוועור, אַז דער געדאַנקלעכער פאָדעם פון דער סוגיה וואָס ער לערנט האָט זיך שוין אין גאַנצן איבערגעריסן. צוריק אים אַנבינדן איז איבער די כוחות. און ער דערפילט ווידער אַ ציִעניש אין דרויסן, נישט גובר צו זיין עס. מיט אים ביינאַנד שאָקלט זיך איבערן שטענדער אויך דער יצר־הרע. ער און דער יצר־הרע. און באַלד איז שוין שווער צו וויסן: ווער איז ווער? ער — דער יצר הרע, צי דער יצר־הרע — ער. און ווער רופט וועמען: „קום אַרויס צו דער ווילִיע. קום!" דאָרט, ביים ברעג פון דער ווילִיע, וועט ער שטיין און גאַפן אויף דער גרויסער, ליכטיקער וועלט. אויף אַלע אירע שיינקייטן און פּרווון אויסטראַכטן אַ ליד; דאָרט וועט ער זיך פאַרדמיונען, פאַרגעסן אַ ווייל אין די שיינקייטן פון דער נאַטור און זיך דערמאָנען אינעם טויטן־לעבעדיקן מיידל אויף דער וואַנט אין זיין ערשטער קוואַרטיר (...און דער איישישאָקער קאָן נאָך אַלץ קוקן אויף איר). און פון איר — אַ שפּרונג צו די דריי מיידלעך פון זיין נייער קוואַרטיר. און מיט אַ מאָל — ער דערזעט, ווי אין חלום, דעם ראָש־ישיבהס מיזינקע מיט די בלומיקע באַקן און ליכטיקע אויגן, שרהקען, שפּאַנען־שוועבן — נסים ונפלאות! — איבער דער אויבערפלאַך פון דער ווילִיע.עפּעס אַ מין „ורוח אלוהים מרחפת על־פּני המים" — און דער גייסט פון גאָט האָט געשוועבט אויפן גֿעזיכט פון די וואַסערן... ער האָט נאָך טאַקע מיט איר קיין וואָרט נישט אויסגערעדט. אָבער אירע שטראַלנדיקע אויגן רעדן צו אים. גראָד מיט איר עלטסטער שוועסטער, מיט רחלען, האָט ער שוין יאָ איין מאָל גערעדט; מיט דער וואָס מע שמועסט אַז מ'האָט זי אַ מאָל געזען ביי נאַכט פאַרן אויף אַ שיפל מיטן פילִיפּאָווער בקי! ער וועט ווערן איר מאַן. און מיט אַ מאָל טוט זיך אַ טויש דאָס בילד; דאָס פאָרט ער דאָך מיט איר יינגסט שוועסטערל, מיט שרהקען, אין דעם שיפל אויפן ניעמאַן.

און ווער פירט עס, דאָס שיפל? שמעיה, שמעיה דעם רבס. המם. שמעיה, דער ליגנער מיטן מויל, פירט אים, דעם ליגנער אין די מחשבות...

דער מאַציעווער טוט זיך אַ הייב פון אָרט, ווי ס'וואָלט אים אונטער־געטראָגן זיין אייגן באַליידיקן זיך. ער מוז גיין צום ברעג טייך.

19

נאָכן ווילקאָמירערס אומדערוואַרטן אַרויסקלייבן זיך, האָט די נייע קוואַרטיר באַקומען פאַרן מאַציעווער אַ גאַר גרויסע מעלה: אין דער צייט, אין מיטן זמן, איז שוין זעלטן סע זאָל זיך מאַכן אַ קוואַרטיראַנט; און ער האָט זיך טאַקע נישט געמאַכט; איז ער אַליין, קאָן ליי‏ענען פריי ביכער און טראַכטן און שרייבן זיינע לידער.

אוי, נישט לייכט קומען אים אָן די לידער: קודם דאַרף ער זוכן די טעמע — צי מעג מען דען וועגן אַלץ זינגען? מע קאָן שרייבן וועגן דער נאַטור, וועגן דעם פאָלק, וועגן ליבע, — דאַרף מען זיך צו דער נאַטור צוקוקן, וואָס ער טוט עס ביים ברעג פון דער ווילי‏ע און אין די אָוונטן, זיצנדיק דאָ אויף דער באַנק לעבן גאָרטן, אונטער דער חופּה פונעם אויס־געשטערנטן הימל; דאַרף מען זיך באַקענען מיט דער היסטאָריע פונעם יידישן פאָלק; דאַרף מען פאַרליבט זיין. און אַז ער האָט שוין די טעמע, וואָס ער פילט זי און טראַכט זי דאָך אויף פּראָסט יידיש, דאַרף ער ערשט זוכן פאַר איר דאָס אמתע לשון — לשון־קודש. דאָס גמרא־לשון, אויף וועלכן ער שרייבט זיינע חידושי־תורה, כאָטש אַ הייליק לשון איז עס, איז עס עפּעס נישט צוגעפּאַסט צו שירים. די שירים, וואָס ער באַגעגנט אין די ביכער, איז דאָס לשון פון תנ״ך, און תנ״ך האָט ער ווייניק געלערנט. איידער ער וועט זיך אויסלערנען דאָס לשון פון די העברעישע ביכער, וואָס ער ליי‏ענט, וועט נאָך לאַנג דויערן. המם, און פון דעסטוועגן האָט ער שוין עטלעכע שירים אָנגעשריבן. ער וועט. ער וועט.

קוים האָב איך דורשט און ווילן,
איך וועל מיין דורשט שוין שטילן...

נו, ווי קאָן מען דאָס מאַכן אויף לשון־קודש?... שווער, זייער שווער.

אָבער די גרעסטע מעלה דערפון וואָס ער איז אַליין אויף דער קוואַר־טיר איז, וואָס ער האָט נישט פאַר וועמען זיך צו היטן, צו מאַכן אַ צביעות־

דיקן אָנשטעל אַז ער איז גאַנץ מיט דער פרומער ייִדישקייט. ער גייט שוין אין גאַנצן נישט דאַווענען. זיין תּפֿילין־זעקל, וואָס הענגט אַזוי אויפֿן צוויעקל אין דער וואַנט וואָכן לאַנגע וואָכן אומבאַרירט, און ס׳קלייבט זיך אַ גרוי־לעכער שטויב אין די פֿאַלדן פֿון זיין צוזאַמענגעצויגן העלדזל, איז שטום. מאַנט נישט גאָרנישט ביי אים און פֿאַרקלאָגט אים נישט פֿאַר קיינעם. די וואַנט דאָ איז אַ טרוקענע, און די תּפֿילין וועלן נישט שימלען. ער פֿאַרגעסט גאָר דעריין. נאָר זעלטן, ווען זיין בליק פֿאַלט דערויף צופֿעליק, דערמאָנט עס אים בלויז אין דער היים, און די איינגעשלאָפֿענע בענקשאַפֿט טוט אַ צוויקל פֿאַרן הארצן, און דער געוויסן טוט זיך אַ וואָראָשע : און זיי שיקן אים געלט, עס זאָל פֿון אים אויסוואַקסן אַ רבֿ !... דערמאָנט עס אים אַ מאָל אויך דאָס פּייכטע וועגטל פֿון דער ערשטער קוואַרטיר מיטן בילד פֿונעם טויטן מיידל, וואָס ער האָט נישט געקאָנט לעבעדיק מאַכן, און וועלכע איז אים פֿאַרטוישט געוואָרן אויף גאַנצע דריי לעבעדיקע מיידלעך (...המם, אָבער ביי זיך אין צימער האָט ער נישט אַפֿילו קיין איינע פֿון די דריי).

...ער לייגט נישט די תּפֿילין. וואָלט צום ראָש־ישיבֿה דערטראָגן גע־וואָרן אַ שמץ פֿון אַזאַ חשד אויף וועלכן פֿון זיינע תּלמידים, וואָלט ער, דער צדיק־תּמים, ווי נאָך אַ מת, קריעה געריסן. שמועסן דאָך אַ מאָל די ישיבֿה־לייט צווישן זיך סודותדיק־שטיל, פֿון מויל צו אויער, אַז דאָס ערשטע ווייב האָט ער געגט, ווייל ער האָט זי אַ מאָל געכאַפּט לייענען די „הצפֿירה״, ווייל זי האָט אַ צווייט מאָל אָנגעטאָן אַ בלוזקע מיט קורצע אַרבל. „זאָל דער מזבח איין מאָל פֿאַרגיסן טרערן אויף זיין געבן איר דעם גט״, האָט ער גע־זאָגט, „איידער די הייליקע שכינה זאָל יום־יום וויינען אויף זיין זיצן אונטער איין דאַך מיט אַ חצופֿה״. ניין ! — דער ראָש־ישיבֿה וואָלט גאָר אַזאַ מסירה נישט אָנגענומען אויף קיינעמען. וואָרן... ווי קען גאָר אַ ייִדי־שער קאָפּ, וואָס שאָקלט זיך איבער דער הייליקער גמרא, אַריבערטראָגן אַזאַ גייסטיקן הונגער, ווו אַ גאַנצן וואָכעדיקן מעת־לעת קיין תּפֿילין, דעם כּתר־מלכות, אויף זיך נישט טראָגן ?! צי קאָן דען, להבדיל אלף אלפֿי הבדלות, אַ הונגעריקער מאָגן זיך אָפּזאָגן פֿון שפּייז, פֿון געטראַנק ? ווי קאָן גאָר אַ קאָפּ, זאָל זיין אַפֿילו פֿון אַ פּשוטן ייִדן, נישט קיין בן־תּורה, זיך האַלטן אויף די פּלייצעס, ווען ער פֿילט נישט אויף זיך אין משך פֿון אַ קיילעכיקן מעת־לעת דעם כּתר־תּפֿילין — דעם עול־מלכות־שמים ?! ניין, צוליבן ראָש־ישיבֿה האָט ער, דער מאַציעווער זיך נישט וואָס צו שרעקן.

אויף אים וואָלט ער עס אַוודאי נישט געגלייבט. ער איז פון דעסטוועגן נישט רויִק צוליב גאָר אַן אַנדער טעם: נישט איין מאָל פאַרטראַכט ער זיך, זיצנדיק איבער דער גמרא, וועגן דעם תכלית פון זיין לערנען, פריִער אין דער קרינקער ישיבה און היינט דאָ אין דער סלאָבאָדקער. זיידע־באָבע און טאַטע־מאַמע ווינטשן זיך און האָפן דערויף סע זאָל פון אים אויסוואַקסן אַ רב. אָבער — גאָט אין הימל! ווי קאָן ער דאָס, ווי מעג ער דאָס ווערן אַ רב, פסקענען שאַלות, ווען ער גלייבט דאָך אַפילו נישט אין גאָט?!

אַ ביסל זיך באַרויִקט האָט ער ערשט זינט ס׳האָט אין זיין רעיון אויפ־געשימערט די מחשבה: „כ׳וועל ווערן דעם ראָש־ישיבהס אידעם!". אַן אַפיקורס קאָן טאַקע נישט זיין קיין רב, אָבער אַ ראָש־ישיבה — פאַר וואָס נישט? אַ ראָש־ישיבה פסקנט נישט קיין שאַלות, איז נישט מחויב צו זיין פרום. לערנט בלויז די תלמידים. עלהיי אַ פּראָפעסאָר אין אַן אוניווערסי־טעט. המם... דער ראָש־ישיבה האָלט פון אים שטאַרק. האָט אים ליב. בפרט אַז ער וועט זיך צוריק אַ נעם טאָן צום לערנען און אַרויף אויף זיין, דעם ראָש־ישיבהס, דרך אין לערנען, דעם דרך־הבנה פון רב חיימקע בריסקער. וועט ער וועלן האָבן אים פאַר אַן אידעם. זיין מיזינקע, שרהקע...

ווען ער זיצט זיך ערשט אַזוי איבערן שטענדער און פייניקט זיך צו לערנען, שווינדלט שוין נישט מער פאַרביי זיינע אויגן, ווי אַ שאָטן, דאָס געשטאַלט פונעם משגיח מיט די פאַרזשמורעטע, פינטלענדיקע, אויסשפּי־רנדיקע אויגן. ערשט שווינדלט פאַר זיין שטענדער — שרהקע דעם ראָש־ישיבהס. אַ יונגע און פרישע, ווי (...אין וועלכן בוך האָט ער דאָס גע־לייענט?) — אַ רויטע רויז אין באַגינענדיקן טוי. ליכטיקע האָר און ליכטיקע אויגן; צי פון אירע העלע האָר פאַלט דער גלאַנץ אין אירע אויגן, צי, פאַרקערט, די אויגן שטראַלן אַרויף און מאַכן שימערן די האָר? אין גאַנצן אַ ווייסינקע און ראָזינקע מיט שפּילנדיקן רויטס אין די פּולע פּוכלע בעקלעך. מממ... ווען ער וואָלט קאָנען זי אויסמאָלן אָט אַזוי־אַ אין אַ ליד, און דאָס ליד טאַקע פאַר איר פאַרלייענען! אָבער... דער ראָש־ישיבה דאַרף נישט קיין שירים, פאַר אים איז שוין גענוג דער „שיר־השירים" — ער דאַרף חידושי־תורה. דאַרף מען דערווייל לערנען:

— איי, איי־איי...

דאָס מאָל איז גובר דער ראָש־ישיבה. אַ צווייט מאָל אָבער טוט עס אים אַ טראָג אונטער פון זיינע פאַנטאַזיעס, פאַרשטעלונגען און באַגערן. ער

שטייט אויף און לאָזט זיך צו דער טיר, זיך נישט אומקוקנדיק אַפילו צום משגיח. ער ווייסט נאָך אַליין נישט קלאָר וואָס ס׳האָט אים אונטערגעטראָגן: צי דער ווונטש צו גיין צום ראָש־ישיבה שמועסן מיט אים אין לערנען, לערנען זיך ביי אים ווערן אַ ראָש־ישיבה, צי אַ רמז האָפנונג: אפשר וועט ער, פאַרבייגייענדיק דאָרט דעם קאָרידאָר, צופעליק דערזען אין זיין טונקל־קייט אויפלייכטן שרהקען... ווען האָט ער זי צום ערשטן מאָל דערזען? אַך, דעמלט פורים אין קיך. המם, אפשר האָט ער דעמלט אַזוי התלהבותדיק געטאַנצט מיטן ראָש־ישיבה, ווייל ער האָט געוווּסט, אַז שרהקע קוקט זיך צו צו זייער טאַנץ? און אפשר וועט זיך איצט מאַכן דאָרט אַ הזדמנות צו פאַר־בייטן מיט איר אַ וואָרט! האָט ער דאָך שוין איין מאָל גערעדט מיט איר עלטסטער שוועסטער, מיט רחלען, אויף דער שוועל פונעם גאַניק, ווען דער ראָש־ישיבה איז גראָד געווען מיט אַ וויזיט ביים מרא־דאתרא, דעם ראָש־ישיבה פון „כנסת ישראל", דעם „תכלת מרדכי". המם, רחל איז שוין צו אַלט, שיר נישט קיין פאַרזעסענע, און נישט קיין שיינע. אַ מיאוסע אַפילו. ס׳אַ חידוש אַפילו — שרהקעס אַ שוועסטער! נאָר סיי ווי — מע שמועסט דאָך אַז זי וועט חתונה האָבן פאַרן פיליפאָווער בקי. ער, דער פיליפאָווער, וועט דערווייל ווערן אַ רב ערגעץ, וועט ער שוין שפּעטער נישט ווערן קיין ראָש־ישיבה. דאָס וואַרט אויף אים... אַפילו די מיטלסטע, נעכקע, איז שוין אויך נישט לויט די יאָרן פאַר אים; זי איז אויך נישט קיין שיינע. אָבער שרהקע... המם, ביים ראָש־ישיבה דריי מיידלעך, און ביי פסח דראַטווין דריי מיידלעך.

ער בלייבט שטיין אין טונקעלן קאָרידאָר, שטרענגט אָן דעם בליק אין דערוואַרטונג, ווי עמעץ וואַרט אָפּ דעם זונאויפגאַנג. נאָר די זון — שרהקע, באַווייזט זיך נישט. מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ לאָזט ער זיך צו דער טיר פונעם ראָש־ישיבהס העלפט שטוב.

20

דערווייל געשעט עס אַנדערש ווי ער טראַכט, דער מאַציעווער. אַ שאָטן פאַרלויפט אים דעם וועג צו שרהקען. נאָך איידער ס׳געשעט אים דער נס אַנצובינדן באַקאַנטשאַפט מיט שרהקען, פאַרטשעפּעט אים דעם באַלעבאָס עלטסטע מיידל, אסתר, די שטובזיצערין. זי טוט מיט אים אַ שפּיל, ווי אַ

געניטע קאַץ מיט אַ יונג אומגעניט מייזל. אָבער וואָס פאַר איר איז אין אָנהייב נישט מער זוי שפּיל, ווערט פאַר אים גלייך אַ קוואַל פון פּיין, אמת, געמישט מיט נישט ווייניק פאַרגעניגן. נו, יאָ, אויך ער איז נישט פאַרליבט אין איר. טראַכט אַפילו וועגן זייערע באַציִונגען מיט אַ געוויסער ניכטער־קייט: זי איז דאָך אַ סך עלטער פון מיר, אפשר אַזוי אַלט ווי רחל דעם ראָש־ישיבהס. איר אַליין, אסתרן, לייגט זיך אַוודאי נישט אויפן שכל אַז פון זייער ליבע זאָל אַרויסקומען אַ תכלית. וואָס פאַר אַ תכלית קאָן זי אין אים געפינען? וואָס קאָן איר געבן אַ מאַן אַ ישיבה־בחור? ער וועט זיך אויס־לערנען שוסטעריי ביי איר טאַטן? פשוט, ס׳האָבן זיך איר אויסגעלאָזט די שטאָטישע קאַוואַליערן, איז זי באין־ברירה דערווייל יוצא מיט אים. המם, דאָס איז אַפילו באַלײדיקנדיק, אָבער גראָד איז עס אַ מעלה פאַר אים: וואָרן וואָס הייסט? וואָלט ער דען געקאָנט חתונה האָבן מיט אַ שוסטערס אַ מיידל? וואָס וואָלט מען געזאָגט דערויף אין דער היים? געוואָלט! דע־רויף ברענגט מען זיך אויס אַזוי פיל געלט? דערויף האָט ער עס געדאַרפט פאַרן אַזש קיין סלאַבאַדקע? אין מאַציעוו פעלן דען שוסטערס וואָס האָבן אַלטע מיידן חתונה צו מאַכן? — — זי, אסתר, איז מיט אים בלויז יוצא, המם, פונקט ווי ער איז מיט איר יוצא, ביז שרהקען... זי איז שוין אַלט און אויך נישט אַזוי שיין. נו, איז ער יוצא מיט איר חנעוודיקייט.

שרהקע איז פאַרן מאַציעווער — די צוקונפט, אסתר — צייטווייליקע ווירקלעכקייט. פּירט זיך צווישן זיי, צווישן אים און אסתרן, אַ ליבעשפּיל. אָבער ליבעלידער, אויב ער וועט שאַפן, וועט ער שאַפן — פאַר שרהקען. און אַזוי איז ער אין געוויסן יוצא פאַר זיי ביידע: פאַר אסתרן — דעם גוף, פאַר שרהקען — די נשמה.

אין אָנהייב קומט פאַר זייער צוזאַמענטרעפן זיך, דעם מאַציעווערס מיט אסתרס, נישט ביי אים אין צימער און נישט ביי זיי אין זאַל. זיי היטן זיך ביידע פאַר די שטוביקע. שעמען זיך אונטער. נאָר פאַר נאַכט, ווען אין ישיבה דאַוונט מען מנחה, זעצט ער זיך אויפן בענקל ביים גאָרטנפּלויט, פאַררייסט דעם קאָפּ צום הימל, קוקט אויף די שטערן, מאַכט זיך באַגייס־טערן מיט דער שיינקייט פון דער נאַטור, טראַכט ווי צו מאַכן דערפון אַ ליד, און וואַרט מיט אַ צערודערט־צעצערטלט געמיט, אסתר זאָל שוין אַרויס־קומען. טייל מאָל קומט אים אויס לאַנג צו וואַרטן. און ווען זי קומט שוין אַפילו יאָ אַרויס, איז כלומרשט ווי נישט אים מיינט זי: אַט גלאַט אַזוי איז זי

אַרויסגעקומען זיצן אַ ביסל אויף דער באַנק — אין שטוב איז אַזוי דושנע... צי האָט זי נישט פון דעסטוועגן אין שטאָט עפּעס אַ קאַוואַליער?

ס׳טרעפט טאַקע אַ מאָל אַז זי קומט פון גאַס צו דער באַנק מיט אַ יונגן מאַן. אפשר איז עס דער איר חתן? איז ער אַוודאי בר־מצרא צו פאַר־ברענגען מיט איר דעם אָוונט, אויב ער קלערט מיט איר חתונה צו האָבן. ער, דער ישיבה־בחור, וואָס וועט חתונה האָבן מיט שרהקע דעם ראָש־ישיבהס, קאָן דאָך צו איר קיין פּרעטענזיעס נישט האָבן. און וויל נישט האָבן. אַדרבה. כאָטש... המם. זיצט ער נאָך אונטער אַ ביסל לפנים, זאָגט אַ גוטע נאַכט און לאָזט זיי איבער. מאַ, מע וועט זעען וואָס מאָרגן וועט זיין. אויב... וועט ער בכלל צו דער באַנק נישט אַרויסגיין.

אויף מאָרגן קומט ער טאַקע נישט, דער יונגער מאַן, און אסתר קומט דאָס מאָל אַרויס דווקא פריִער און זיצט מיט אים ביז שפּעט... זאָל זי האָבן מיט יענעם זיך צעאַמפּערט? מע זיצט און מע שווייגט. וועגן דעם וועט ער זי דאָך נישט איבערפרעגן. גיי ווייס וועגן וואָס זי טראַכט. און פון דעסט־וועגן גייט די צייט שנעל אַריבער אויף שווייגנדיקערהייט. ערשט ווען אירע ביידע שוועסטער זענען שוין דאָ צוריק, באַגלייטע פון קאַוואַליערן פון שטאָט, און טאַטע־מאַמע שלאָפן שוין דאָרט אַוודאי, טוט זי סוף־כל־סוף ווי אַ גענעץ און אַ זאָג:

— נו, ס׳איז שוין פאַר אונדז אויך צייט.

רייסט זיך אים עפּעס אָפּ אַזוי באַנג אין האַרצן, און ער גייט איר נאָך אָן אַ וואָרט צו זאָגן. נאָר אומגעריכט בלייבט זי נאָך שטיין אַ ביסל אין פאָדערהייזל ביי דער דרויסנטיר, ווי ס׳וואָלט אויך איר אַ שאָד זיין זיך צו שיידן.

מיט דער צייט ווערט ער אין אַזאַ פאַל דרייסטער אַ ביסל און שטעלט זיך איין זי אַרומצונעמען מיט אַ ציטערדיקער האַנט, לייכט־לייכט, ווי ער וואָלט זי כלומרשט נישט אַרומגענומען. מאַכט זיך אַז זי טוט זיך אַ צעכיכעלע, און ס׳איז נישט קלאָר צי ס׳האָט אַ שייכות צו דעם וואָס ער טוט. טוט ער אַ כאַפּ צו די האַנט, און זי צעכיכלט זיך נאָך שטאַרקער. „פון וואָס לאַכט זי?״ פרעגט ער זיך אין געדאַנק און איז קאַפּאַבל אויף איר זיך צו באַליידיקן. אָבער ער בלייבט ווייטער שטיין. און ס׳טרעפט אַז זיי בלייבן אַזוי לאַנג שטיין, ביז סע דערהערט זיך איר מאַמעס פאַרשלאָפן בייזלעך קול:

— אסתרקע, מוזט נישט דווקא וואַרטן ביז דער האָן וועט קרייען.

די געוווינהייט מאַכט אים אַלץ דרייסטער, און ער שטעלט זיך שוין איין אַפּילו צו טאָן איר אַ קוש אין נאַקן בגנבה. כאָטש וואָס איז דאָ שייך בגנבה? זי פילט אים דען נישט, דעם קוש? נאָר גיי זיי אַ חכם — זי שטייט גראָד אַזוי, ווי זי פילט אים טאַקע נישט. איז אפשר?... חזרט ער איבער די גנבה. טוט זי זיך אַזוי סתמעדיק אַ צעכיכעלע, ווי צום קוש האָט עס קיין שייכות נישט. גיי ווייס, אפשר האָט זי זיך גראָד דערמאָנט אין עפּעס לאַכע־דיקס, וואָס דערציילן עס אים האָט זי קיין חשק נישט. נאָר איין מאָל צעלאַכט זי זיך קעגן דער שיין פון דער לבנה אין דער ברייט, מיט אַ גוטמוטיק־שפּאַטיש געלעכטערל און באַגלייט עס שוין מיט ווערטער:

— ישיבה־בחורים קאָנען אויך... קושן. נאָר איידל אַזוי. זייער איידל. ווי ס׳וואָלט נישט געווען גאָר קיין קוש, נאָר אַ פלאַסטערל. און סע קיצלט.

זי שווייגט אַ ווייל און קוקט אים אַריין קלוגעטשקע־שפּאַטיש אין די אויגן:

— אָדער זיי מיינען... כי־כי־כי... אַז דאָס מיידל איז אַ מזוזהלע, צי אַ ספר־תורהלע אין אַ מענטעלע, און זיי קושן עס אום שמחת־תורה.

פאַרשטייט ער, דער מאַציעווער: דער שפּאַט איז פאַר די ישיבה־בחורים בכלל, און דאָס גוטמוטיקייט פאַר אים בפרט. איז אפשר האָט זי אים געגעבן אַ קאַפּוליער אָנצוהערעניש, אַז ער זאָל נישט זיין אַזוי איידל? גיי שטויס זיך אָן ווי זיך אויפצופירן מיט אַ גרויסשטעטיש מיידל, כאָטש איר טאַטע איז נישט מער ווי אַ קליינשטעטלדיקער שוסטער, וואָס האַלט זיך פאַר אַ גרויסשטאָטישן.

אָן אומצופרידענער מיט זיין ישיבה־בחורישקייט און קליינשטעטלדי־קייט און מיט זייער „יאָ־ליבע, נישט־ליבע", גייט ער אַריין, אַ פאַרמאַ־טערטער פיזיש און אויסגעהוילטער גייסטיק, צו זיך אין צימער, לייגט זיך און נעמט איינשלאָפן אין פאַרדריסלעכע מחשבות:

...וואָס זאָל איך טאָן? זי האָט מיך נישט ליב. זי איז פאַלש. שפּילט מיט מיר. כ׳פאַרשטיי עס. אָבער דאָס האַרץ איז ביי מיר גובר דעם קאָפּ. עמעצן מוז איך דאָך האָבן. וואָלט איך קאָנען כאָטש בלויז רעדן מיט שרהקען. בכלל — מיידלעך זענען פאַלש. אָט למשל אסתרס שוועסטער, יאָכוועד, וואָס דעם ערשטן שבת האָט זי מיך פאַרכישופט מיט אירע לאַנגע צעפּ... און געוואָלט נאָך מער פאַרכישופן מיט מאָראַלישער איידלקייט... כאַ־כאַ־כאַ...

„אַ חזיר איז דען נישט קיין מענטש?”... איז זי דען טאַקע אַזוי נאַריש? דאָס האָט די מיידלשע פאַלשקייט געטריבן איר געדאַנק אין קאָפּ... המם, ער זאָל לויפן, ווי אַ פערד, גאַלאָפּ... אַקעגן דעם חזיר. אַלע זענען זיי פאַלש... שאַ־נאַר, און איך בין דען בעסער? תכליתדיק טראַכט איך דאָך גאָר וועגן שרהקען, — וועל איך עס אסתרן דערציילן? און צום ראָש־ישיבה בין איך דען נישט פאַלש? לייג נישט קיין תפילין און — לערן דאָך שוין נישט כמעט. לייג אַלץ אָפּ אויף שפּעטער, שפּעטער און — ווען וועט ער קומען דער שפּעטער? אַ וואָך גייט אַוועק נאָך אַ וואָך און — גאָרנישט. די גמרא — פאַרביטן אויף ביכלעך און... דעם אמת, דעם אמת! — אויף אַ שוסטערס אַן אַלטע מויד. און די היים, — ווי איך נאַר די היים! ווי איך וואָלט זיך הינטער די אויגן פון דעם היים אַנגעשטעקט פון שמעיה דעם רבס...

ווען ער שלאָפט ענדלעך איין, שטייט ער ווייטער מיט אסתרן און פינצ־טערן פאַדערהייזל און גנבעט זיך צו איר נאָקן מיט די ליפּן. נאָר די ליפּן זענען גאָר פּיאַווקעס. אסתר כיכיקעט נישט, נאָר זי זיפּצט: „נאָגט, נאָגט דאָס בלוט מיינס, פּיאַווקעלעך, חתנימלעך האַרציקע מיינע” — — —

אוי! — קרעכצט ער אָפּ אין דער פרי נאָך דער אומרויִק געשלאָפענער נאַכט און טוט אַ קלער: מע מוז זיך בעל־כורחו אַ נעם טאָן צום לערנען, כאָטש אַ ביסל אָנצויאָגן.

פול מיט חרטה אויף דער פאַרלוירנגעגאַנגענער צייט, לאָזט ער זיך אַוועק אין דער ישיבה. ער לערנט מיט התמדה, פאַרביסן קעגן דעם יצר־הרע, וואָס ברענגט אים אַהער, צו זיין שטענדער, אסתרס געשטאַלט, ווי ער האָט זי געזען ביי נאַכט אין חלום. ער ראַנגלט זיך מיטן געשטאַלט, צו פאַר־טרייבן עס פון פאַר די אויגן, און מיט זיין אייגענעם אומווילן צום לערנען. זיין לערן־ניגון איז דורכגעזאַפּט מיט אומגעזעענע טרערן:

— אוי, אוי־אוי... אָמר רב חסדא...

און דערטראַכט אין געדאַנק: אוי, העלף מיר, גאָט, כאָטש איך גלייב נישט אין דיר... העלף מיר בייקומען דאָס שלעכטע וואָס אין מיר...

— אוי, אוי־אוי... אָמר רב חסדא...

און דערטראַכט אין געדאַנק: טו מיט מיר חסד, גאָט, אין זכות פון רב חסדאן...

און ס'טרעפט אויך, אַז גאָט העלפט אים טאַקע: ער איז שוין אין גאַנצן פאַרטאָן אין דער סוגיא וואָס ער לערנט און — אָך... אַ חידוש! האָט ער שוין מיט וואָס צו קומען צום ראָש־ישיבה נאָך אַזאַ לאַנגער שמיטה־צייט. איך מוז שוין גיין צון אים!...

נאָר גייענדיק צון אים „מיט די פּירות פון זיך געדאַנק, ווי... די ייִדן אַ מאָל מיט די ביכּורים צום בית־המקדש", טוט אים אַ שווינדל אַריין אין די מחשבות דאָס פרישע, ראָזלעכע פּנימל שרהקעס, ווי דאָס ווערכל כּון אַ קריגל רויטע מאַלינעס: אפשר וועט ער דאָס מאָל אויך האָבן מזל און זי זעען, אַ וואָרט מיט איר רעדן. הלוואַי... דער ראָש־ישיבה זאָל גראָד נישט זיין אין שטוב.

און אָט שטייט ער פאַרן ראָש־ישיבה און לייגט פאַר אים אויס זיין חידוש. דער ראָש־ישיבה שאָקלט צו מיט אַ צעשטראַלט פּנים צו זיינע רייד:

— שיין, זייער שיין. מאַציעווער, איר זענט אַרויף אויף מיין רבינס דרך. הבנה! נאָר הבנה! מאַציעווער, לויפט צוריק אין ישיבה אַריין לערנען!

ער גייט אַרויס פון אים אַ שטאָלצער און באַגליקטער. הממ... ער האָט טאַקע שרהקען נישט געהאַט דאָס מזל צו זעען, אָבער דורך דעם האָבן זיי זיך אומגעזענערהייט דערנענטערט...

ער זעצט זיך ווידער צו דער גמרא מיטן געפּיל פון אַ זיגער. ווי ער וואָלט באַזיגט דעם יצר־הרע און דעם אומווילן צום לערנען פון היינט אָן שוין אויף אַלע אייביקייטן.

ביים מיטיק טרעפט ער נישט אסתרן אין שטוב. און עס אַרט אים נישט. אַדרבה. ער גייט באַלד צוריק אין דער ישיבה און לערנט ווידער אין אַ פריידיקער און געהויבענער שטימונג. אַפילו דעם אישישאָקער מתמידס שטים, וואָס דערגרייכט צו זיין אויער, רופט איצט נישט אַרויס ביי אים קיין ווידערווילן. דער סקווירער זאָל אים נאָר נישט פאַרטשעפּען...

נאָר וואָס נעענטער צום פאַרנאַכט ווערט זיין געמיט אַלץ אומרויִקער. ער הייבט שוין אָן אָנען לעבן זיך אַ וואַרעמען שאָטן פון אסתרן. פאַר די אויגן טוט זיך אַ שטעל אַנידער דער גאָרטנפּלויט מיטן בענקל דערלעבן... ער וועט זיצן דערויף, אָדער ליגן, דער קאָפּ פאַררייסן אַרויף צום אויס־געשטערנטן הימל, זיך קוויקן מיט דער שיינקייט פון דער נאַטור און טראַכטן אַ ליד וועגן אַ... אַ פאַלנדיקן שטערן... אין די שטערן וועט ער

זעען אסתרס אויגן (...אסתרס, נישט שרהקעס?) ...פּאַר וואָס זאָמט זי זיך היינט אַזוי לאַנג?...

ווי נאָר מע שטעלט זיך דאָוועגען מנחה רינט ער אויס פון דער ישיבה און גייט איילִיק אויף דער קוואַרטיר, ציִענדיק די מחשבות: אַז זי וועט קומען און זעצן זיך לעבן אים, וועט ער נישט קאָנען זיך טיילן מיט איר וואָס פאַר אַ גוטן טאָג ער האָט היינט געהאַט. המם, שרהקע וואָלט אים פאַרשטאַנען. אָבער שרהקע איז דאָך ערשט — די צוקונפט... און ווער איז דער פאַלנדיקער שטערן?... בין איך עס נישט אַליין דערוויל?...

21

אַן איבעראַשנדיק נייס: דער ראָש־ישיבה איז נעכטן אין אָונט אַרויסגעפאָרן מיטן מנהל אין וועג! דער מנהל האָט זיך ספּעציעל אַראָפּגע־כאַפּט אַהער אויף אַ האַלבן טאָג, כדי אים צו נעמען. ער האָפט אַז מיט אים צוזאַמען וועט ער זיך דערשלאָגן צו גרעסערע נדבות פון געוויסע באַרימטע גבירים, וואָס דער גויִשער חלב האָט נאָך נישט באַוויזן צו פאַרגיסן זייערע פאַרשטאָקטע הערצער אין גאַנצן, מע זאָל אויף זיי לייענען דעם פּסוק: „טפש כחלב לבם" — פאַרשטאָפּט ווי פעטס איז זייער האַרץ.

— דער שוואַרצער ציגיינער דאַרף האָבן מיט זיך דעם גרויסן בער, — צעוויצלט זיך בערעלע דווינסקער, קייענדיק די קינבאַקן און באַשטראַלנדיק זיינע צוהערער מיטן גרינעם פּיערל פון זיינע אויגן, — ער וועט אים אונ־טערטרייבן טאַנצן פרום פאַר די רייכע לייט און דערנאָך אויסשטרעקן צו זיי דעם לידיקן האַרטן קאַפּעליאַש, זיי זאָלן אַהין אַריינוואַרפן די טרייפע גאָלדענע מטבעות. המם, ביי אים אין קאַפּעליאַש וועלן זיי ווערן געכשרט. ס'איז נאָר אַ חידוש, פאַר וואָס האָט ער שוין נישט פאַר איין וועגס מיטגע־נומען אויך זיין „עגל־מרבק" *, די כלה־מויד זיינע, זי זאָל דעם בערס טאַנץ באַגלייטן מיט אַ פּייקלעניש אויף אַ פּייקל מיט גלעקעלעך. המם, ישיבה־לייט, פאַרנייט באַצייטנס די „נקבים־נקבים" ** פון די מכנסיים־קעשענעס, אַז די „אַשר־יצרס" „חלוקה"־געלט זאָלן נישט אַרויספאַלן.

* אַ קאַלב פון שטאַל.

** לעכלעך־לעכלעך.

ווי נאָר דער מאַציעוער, געקומען אין דער פרי אין ישיבה אַריין, דערהערט דאָס נייס, טוט אים אַ בליץ אין געדאַנק און אַ שפּרונג אַרויס פאַר זיינע דמיון־אויגן: שרהקע דעם ראָש־ישיבהס! איצט איז עס מעגלעך...

ער לערנט כלומרשט, ניגונט אומעטיק־פאַרבענקט. אָבער די שורות פונעם דף גמרא שטייען פאַר אים ווי שטאַכעטן אַרום אַ סאָד, וועלכן ער גייט פאַרביי, קוקט דורך זיי אַריין אינעווייניק און זעט דאָרט שפּאַצירן — שרהקען. ס'ציט אים, ציט אים אַהינצו, ס'לעכצט דאָס האַרץ. זיין ניגון ווערט אַלץ אומעטיקער, כּלות־הנפשדיקער, פייכטער, ווי דורכגעזאַפּט מיט טרערן. ביז — ער האַלט נישט אויס, כאַפּט בגנבה אַ קוק ווי דער משגיח פאַרדרייט זיך הינטערן באַלעמער, כאַפּט זיך אַרויס און לאָזט זיך מיט שוועבנדיקע טריט צום ראָש־ישיבהס שטוב. אויב ער וועט זיך פאַרזאַמען דאָרט, וואָס וועט ער ענטפערן דעם משגיח ביים צוריק קומען? פּשוט: ער איז געגאַנגען צום ראָש־ישיבה מיט אַ חידוש־תּורה; אויב דער משגיח איז גערן, קאָן ער אים איבערזאָגן. סטייטש, דער ראָש־ישיבה איז דאָך אַרויס־געפאָרן? אַזוי? איז דער ראָש־ישיבה גאָר אַוועקגעפאָרן? און ער האָט גאָרנישט געוווסט דערפון! נישט געטראָפן אים, האָט ער דערוייל, וואַרטנ־דיק אויף אים, גענומען אַריינקוקן אין אַ ספר; נו, האָט ער זיך נישט דערוואַרט.

אָנגעקלאַפּט אין דער טיר צום ראָש־ישיבה, עפנט זיך גאָר די אָקעגנ־איבערדיקע פון דער קיך, די ראָש־ישיבהטע שטעקט אַרויס אַ פאַרחידושט פּנים און פרעגט מיט אירע האַרטע ריישן:

— דער ראָש־ישיבה איז דאָך נישט הי? נעכטן אַוועקגעפאָרן. איר האָט גאָרנישט געהערט?

— נישט געהערט. — קוקט ער אויף איר צוריק מיט אַ געמאַכט תּמע־וואַטע־פאַרחידושט פּנים. — אַוועקגעפאָרן? המם, אַז איך בין שוין דאָ, וועל איך מעיין זיין אין אַ ספר, וואָס איז אין ישיבה נישטאָ. מען קאָן?

— איר קאָנט. פאַר וואָס דען נישט? — און זי פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר.

גייט ער אַריין אין ראָש־ישיבהס ערשטן חדר, נעמט אַראָפּ דאָס ערשטע בעסטע ספר וואָס קומט אים אין האַנט, עפנט עס אויפן טיש און קוקט — אויפן הייפל אַרויס. און זע — דער זכות פונעם ספר שטייט אים ביי: אין עטלעכע מינוט אַרום קומט אַריין שרהקע, ווייזט אויס, צו נעמען עפּעס

אינעם שלאָפֿצימער. אָבער אַזוי ווי זי טוט צו אים אַ שאָקל מיטן קאָפּ אויף צו באַגריסן, פֿאַרוואָרפֿט ער צום ערשטן מאָל אַ האַטשיקל, אַליין דער־שטוינט פֿון זיין דרייסטקייט:

— ווען דאַרף אייער טאַטע קומען צוריק צו פֿאָרן?

זי בלייבט שטיין, גראָד ווי נישט דערשטוינט, און ענטפֿערט גערן:

— ער איז דאָך ערשט נעכטן אַוועקגעפֿאָרן. וואָס קאָן מען וויסן. דער טאַטע איז נישט געפֿאָרן אויף קיין באַשטימטער צייט. סע געוועַנדט זיך אינעם מנהל.

ער דערנענטערט זיך צו איר, און זיי שמועסן אַזוי עטלעכע מינוט. וועלוול פֿילט זיך ווי אַ גנב אין אַ שטוב פֿון שלאָפֿנדיקע, וואָס דאָס האַרץ ציטערט אים טאָמער כאַפּט זיך עמעצער אויף... און ווי פֿילט זיך זי, שרה־קע? און טאַקע — פֿון דער צווייטער העלפֿט שטוב דאַרט דערהערט זיך דער ראָש־ישיבהטעס קול מיט די האַרטע ריישן און אַ נאַטקעלע פֿאַריבל:

— שרהקע! וווּ ביסטו דאַרט ווי פֿאַרפֿאַלן געוואָרן?

שרהקע טוט אַ צעעפֿן אויף אים אַ פּאָר ליכטיקע, גוטע אויגן, וואָס רעדן, דאַכט זיך: „איך בין נישט שולדיק. כ׳מוז אַוועקגיין״, לויפֿט אַריין אין צווייטן צימער, נעמט, אַ פּנים, דאָרט וואָס זי איז געקומען נעמען, לויפֿט אַרויס צוריק, טוט אַ שאָקל מיטן קאָפּ, אַ שמייכעלע און — זי איז שוין נישטאָ.

ער גייט צוריק צום אָפֿענעם ספֿר און קוקט ווידער אַרויס אויפֿן הייפֿל אין לאַנגער דערוואַרטונג: אפֿשר וועט זי נאָך אַ מאָל דאַרפֿן עפּעס נעמען דאָ? אָבער אומזיסט — זי קומט נישט. און דאָרט, אין דער ישיבה, דרייט זיך שוין אַוודאי דער משגיח אַרום זיין באַנק, ווי אַ קאָטער אַרום אַ מויזנלאָך, פֿינטלט מיט די ברעמען, ווי דער קאָטער מיט די וואָנצעס, און קוקט אים אויס. פֿאַרפֿאַלן, מע מוז גיין.

גייט ער אַ פֿאַרטראַכטער צוריק אין דער ישיבה: הייסט עס, אַז שרהקע דאַרף זיך היטן נישט נאָר פֿאַרן טאַטן, נאָר אויך פֿאַר דער מאַמען. ס׳האָט אים דאָס מאָל אָפּגעגליקט, אָבער ווי קורץ ס׳איז געווען דאָס גליק! ווי מע וואָלט אַ דורשטיקן אין דער מדבר געגעבן אַ לעפֿל וואַסער. אָבער — שרהקעס גייסטיק געשטאַלט טאַנצט אים איצט אַקעגן... המם, איצט דאַרף ער וואָס לענגער זיך אָפּהאַלטן פֿון גיין אַהין: דער אויסרייד אַז ער וויל אַריינקוקן אין אַ ספֿר האָט געקאָנט גילטן איין מאָל, אָבער נישט אַלע מאָל.

און ער האַלט זיך טאַקע אַפּ ווי לאַנג ער קאָן. ערשט אין אַ וואָך אַרום דערזעט ער זיך אַ צווייט מאָל ביים ראָש־ישיבהטע אין טונקעלן קאָרידאָר; דערזעט זיך, ווייל נישט ער האָט דאָס מאָל אָנגעפירט מיט זיינע פיס, נאָר, פאַרקערט, די פיס מיט אים. אין דעם מאָמענט ווען ער טוט אַ טראַכט: „רגלוהי דבר איניש אינון ערבין ביה" *, קומט אים אַנטקעגן די ראָש־ישיבהטע, ענטפערט אויף זיין „גוט מאָרגן" מיט אַ קאָפּשאָקל, פרעגט אים גאָרנישט און גייט פאַרביי צו דער דרויסנטיר. זי גייט אַוועק? אפשר אויף לאַנג? — טוט ער אַ טראַכט, גייט צו צום ראָש־ישיבהס טיר און קלאַפּט אָן שטאַרק, מע זאָל אין דער ראָש־ישיבהטעס האַלבער זייט דער־הערן. ער גייט אַריין. נעמט אַרויס אַ ספר, עפנט עס, און נעמט וואַרטן — אויף שרהקען: זי האָט דאָך אים מיט אַ וואָך צוריק געלאָזט דאָ שטיין אין מיטן שמועס. דאָס האַרץ איז אים אַ גוטער נביא און זאָגט אים אונטער, אַז... ניין, ניין, נישט רחל און נישט נעכע וועלן אַריינקומען... נישט אויף זיי וואַרט ער דאָך... זי וועט אַריינקומען, שרהקע. און זע! זי קומט טאַקע אַריין.

ווידער פאַרבינדט זיך אַ שמועס צווישן זיי. ווי ס'וואָלט גאָר נישט געווען קיין איבעררייס אין מיטן. זיי פילן זיך שוין היימיש. קוקן זיך טיף אין די אויגן אַריין, ווי די אויגן וואָלטן צווישן זיך געפירט אַ באַזונדערן שמועס אויף שטום־לשון; זיי לייענען זיך קעגנזייטיק, כישופן זיך קעגנ־זייטיק... און — ער ווייסט אַליין נישט ווי דאָס געשעט: פריִער האָבן אים געפירט די פיס, איצט נעמען אים פירן די הענט: זיין רעכטע האַנט הייבט זיך אויף אַזוי גנבהש־פלאַטערנדיק איבער איר קאָפּ און פירט די שפּיץ פינגער איבער דעם שימער פון אירע ליכטיקע האָר; זיי לייכטן אים אין די אויגן אַריין, ווי אַ געדיכט היפּנדל שטראַלן. און זי — צי שפּירט זי עס גאָרנישט? צי זי מאַכט זיך בלויז? ווי מיט אַ מאָל: זי כאַפּט אָן זיין גלעטנ־דיקע האַנט און אַ צי זי צו זיך. ער דערהערט איר שטאַרק אָטעמען מיט אַ זיסלעכן אַראָמאַט, און — זי נעמט זיך ראַנגלען מיט אים:

— וועלן מיר טאַקע זען... ווער... ס'איז שטאַרקער!

זיי ראַנגלען זיך. אַז ער וויל גאָרנישט זיין שטאַרקער פון איר. אַדרבה, זאָל זי עס זיין. און האָבן דערפון פאַרגעניגן. און זי איז טאַקע שטאַרקער — מיט אַ מאָל טוט זי אים פּעסט אַ ריס צו זיך, פאַרלירט דאָס גלייכגע־

---

* די פיס פונעם מענטשן זענען פאַרענטפערלעך פאַר אים.

וויכט און — אַ פּאַל אויף דער שמאָלער סאָפּקע... ווי איז דאָס געשען ? !
ער ליגט אַ באַזיגטער אויף איר. דאָס דויערט בלויז אַן אויגנבליק.ביידע
דערשרעקן זיך איינצייטיק, שפּרינגען אויף און בלייבן שטיין געפּלעפּטע.
ביידע וויסן נישט וואָס אָנהייבן צו טאָן. און געשען איז דאָך דאָ גאָרנישט.
נאָר דער גאָרנישט איז עפּעס גאָר אַ סך. זי וואָלט אַרויסגעלאָפן, אָבער
דאָס, דאַכט איר, וואָלט נאָך מער פאַרשטאַרקט דעם בזיון. פאַרקערט, מע
דאַרף מיט ווייטערע רייד פאַרווישן דאָס געשעענע. זי מאַכט זיך האַרץ און
זאָגט באַרימעריש:

— נו, ווער איז שטאַרקער? אַ?!

— איר, איר. — איז ער גלייך מסכים אין צופרידענער צעמישטקייט.
— המם. וויל... איר לערנט נישט קיין תורה. און איך, המם, לערן. און די
גמרא זאָגט: „תורה מתשת" — לערנען שוואַכט אָפּ. דער קאָפּ ווערט טאַקע
שטאַרקער, אָבער דער גוף, די הענט...

ער דערזעט אַ רינגל אויף אירן אַ פינגער. נעמט ער אַן איר האַנט און
הייבט זי אויף:

— וויזט נאָר, דאָס רינגל איז אַ גילדערנס?

זי קוקט שטום ווי ער נעמט עס אַראָפּ פון איר פינגער און באַטראַכט
עס — אַ קוק אויפן רינגל, און אַ קוק איר אין די אויגן.

— יאָ. ס'איז אַן אמת גילדערנס. — וואַרט ער נישט אויף איר ענטפער,
שטעקט עס צוריק אויף איר פינגער און שטיקט זיך מיט דעם וואָס ער
זאָגט באַלד מיט שפּילנדיקן שעמעוודיקן שמייכל. — המם. נאָר, אַז סע האָט
נישט קיין דימענטל, אָדער בריליאַנטל, פאַרדינט זיך עס נישט אַרומצו־
האַלטן אַזאַ טייער פינגערל און אַזש מאַכן דערויף אַ ראַז שטרייפּעלע; סע
טוט נישט ווי?...

אויף שרהקעס פּוקעו, קײלעכיק פּנימל, וואָס האָט זיך נאָכן „פּאַל"
פאַרבלאָסט, גליִען אויף פייערדיקע רויזן, אַ רויז אויף אַ באַק, אַ רויז אויף
אַ באַק. ער קוקט מיט אַנטציקונג אויף די „רויזן פון מיידל־לייב", און
ס'בליצט אים דורך אַ משונהדיקער געדאַנק: „דאָס רינגל האָט דאָך נישט
קיין שטיינדל — אַ כשר קידושין־רינגל. טאָן עס נאָך אַ מאָל אַ נעם אַראָפּ
און אַ טו אַרויף צוריק מיט די ווערטער ,הרי את...', און כ'בין ש ו י ן דעם
ראָש־ישיבהס איידעם!".

שרהקע פלאָפּלט עפּעס צעמישט וועגן דעם רינגל, וועך ס׳האָט עס איר געגעבן. דער זיידע, דעם טאַטנס טאַטע. ווען זי איז געווען ביי אים אין דאָרף צו געסט. פאַריקע וואָך. דער ברודער אירער, שמואל משה, איז שוין דאָרט אַ לענגערע צייט אויף דאַטשע.

אָבער ער באַנעמט גאַרנישט וואָס זי רעדט. קוקט גלוסטיק אויף אירע דיקלעכע, זאַפּטיקע און גלוסטיקע ליפּלעך און שפּינט ווייטער, נישט וויסנ־דיק וועגן דעם, זיינע נאַרישע מחשבות:

...ס׳וואָלט דאָך סיי ווי קיין האַפט נישט געהאַט, אַזאַ מקדש זיין: דאָס רינגל איז דאָך אירס, נישט זיינס. און ווען ס׳וואָלט אַפילו זיין זיינס — אָן עדות האָט דאָך דאָס מקדש זיין קיין שום ווערט נישט. ווענט האָבן טאַקע אויערן, אָבער קיין עדות קאָנען זיי נישט זיין — האָבן דאָך נישט קיין מויל. המם, אפשר כאַטש אַ זאָג טאָן איר: „ביסט אַזאַ שיינע, שרהקע. ווי... אַ רויזנגאָרטן... איך האָב דיך ליב״? און — אויב איר ענטפער דערויף וועט זיין אַ שמייכל מיט די צוויי רויזן — אַ קוש טאָן איר אין פינגערל איבערן רינגל, דאָס ראָזע שטרייפעלע זאָל פאַרגיין.

אין דעם אויגנבליק טוט אים אַ שווינדל פאַר די אויגן, ווי יוסף הצדיק דער דיוקן * פון יעקב אָבינו — אסתרס פּנים מיטן דורכדרינגענדיקן שאַרפן בליק, בייז און פול מיט פירהאַלט: „ערשט נעכטן ביי נאַכט האָסטו מיך גע־קושט, און שוין...״.

ס׳נעמט אים דורך אַן אומרו, און ער דערשפּירט אַז אויך שרהקע איז מיט אַ מאָל אומרויִק געוואָרן. זי האָרכט זיך איין — צי צו זיין טראַכטעניש, צי צו דער צווייטער העלפט שטוב, פון וואַנען ס׳קאָן, חלילה, אָנטראָגן אַן עלטערע שוועסטער?

— די מאָמע איז שוין געקומען, אוי! — און זי טוט אַ פלי אַוועק צו דער טיר, אָן אַ גוטן טאָג צו זאָגן.

איצט האָט ער שוין נישט מער וואָס דאָ צו טאָן. ער וואַרט איבער עט־לעכע מינוט, זיך איינהאָרכנדיק ווי די ראָש־ישיבהטע גייט פאַרביי דעם קאָרידאָר און ס׳פאַרמאַכט זיך די קיכטיר. פאַרמאַכט דאָס ספר, שטעלט עס אַריין אויף דער פאָליצע און גייט אַרויס אויף די שפּיץ פינגער.

---

* געשטאַלט.

דעם גאַנצן וועג צו דער ישיבה העגנט אין זיין דמיון אַ הוידלקע: פון איין זייט שרהקע, פון דער צווייטער זייט אסתר, דאָ הייבט זיך איינע אַרויף, דאָ די צווייטע:

..אסתר — אַן עלטער מיידל שוין, שרהקע — יונג; שרהקע — אַ בלי־ענדיקער רויזנגאָרטן, אסתר — אַ גאָרטן אום האַרבסט; אסתר — אַ טאָכטער פון אַ שוסטער, פסח דראַטווין, שרהקע — אַ טאָכטער פון אַ גאון — רב ברוך בערל...

סע שווינדלט אים אין קאָפּ. וועט ער נאָך היינט קאָנען לערנען?

22

שרהקע ליגט אויף דער סאָפּקע אין עסצימער, אויף וועלכער דער טאַטע האָט ליב צו כאַפּן אַ לייכטן דרימל נאָכן מיטיק־עסן. איר פּנים איז געוואָנדן צו דער וואַנט, כּלומרשט זי לייענט דאָס אָפענע רוסישע ביכל פאַר אירע אויגן. אַז דער טאַטע איז נישטאָ הי, קאָן מען דאָך לייענען פריי, און נישט מיט האַרצקלאַפּעניש, טאָמער טוט ער אַ קום אַריין פון זיין העלפט. אין דער אמתן אָבער האַלט זי גאָר צוגעמאַכט די אויגן, און דורך אירע וואַרעמע, צוגעשלאָסענע אויגנלעפּלעך שפּאַרן זיך אַרויס טרערן. פאַר וואָס וויינט זי? ס'איז איר אַליין נישט גאָר קלאָר. צי טוט איר באַנג, זי האָט חרטה אויף דעם וואָס ס'איז מיט איר היינט געשען? סיי יאָ, סיי ניין. ווען זי איז געשטאַנען מיט אים דאָרט, האָט זי גאָר געהאַט פאַרגעסן, אַז ס'קאָן דאָך אַריינקומען, אַ קוק טאָן וואָס זי טוט, רחל, צי נעכע; אַז די מאַמע קאָן אָנקומען פון גאַס, און זי זאָל עס נישט דערהערן. ערשט איצט לויפט איר דורך אַ שוידערל דורכן לייב ביים געדאַנק אַז דאָס וואָלט דאָך געקאָנט געשען פונקט אין יענעם מאָמענט. וויי־וויי! מילא צום טאַטן וואָלט עס טאָקע נישט אָנגעקומען — פון רחלען איז דאָך אָפּגערעדט, זי איז אַזאַ געלערנטע און אַ פריידענקערין, כאָטש זי פאַרגעטערט אַזוי דעם טאַטן, און זי האָט דאָך איר אַזוי ליב; אַפילו נעכע וואָלט זיך אויך נישט איינגע־שטעלט מיט אַזאַ זאַך מצער צו זיין דעם טאַטן; און אויך נישט די מאַמע. דעם טאַטנס צאָרן וואָלט זיך דאָך אויסגעגאָסן צו אַלעם ערשטן אויף איר קאָפּ: „און ווו זענען עס געווען דיינע אויגן?! די אויגן פון אַ מאַמען, וואָס קיין זאַך טאָר נישט פאַר זיי פאַרהוילן ווערן? און ווו איז געווען דיין ייִדיש

מאמיש הארץ, וואס זעט נאך שטארקער פון אויגן?". אבער... ס'זענען דאך דא מענטשן, אפילו גוים, וועלכע האלטן אים, דעם טאטן, פאר א צדיק, וואס קאן באווייזן וווּנדער, — אפשר האט דארט, ווו ער איז, זיין הארץ דערזען, וואס זי האט דא היינט אפגעטאן? ווען ער וועט קומען און זיך צעשרייען און צעגוואלדעווען אויף איר, וועט זי דען זיין בכוח צו לייקענען שטיין און ביין? ווי א מיידל פון שוסטערגאס מיט א שוסטער־געזעל האט זי זיך אויפגעפירט! און שולדיק איז דאך זי, נישט ער, דעם טאטנס מיט־טענצער פאר א יארן פורים. וואס טאקע טראכט ער איצט וועגן איר? דאס ערגסטע זיכער! ער האט אלץ געטאן אזוי איידל, הארציק, קוים מיט די שפיץ פינגער באריירט אירע האר, ווי... ווי ער וואלט מורא האבן זיך אפצור־בריען; און אפגעבריט האט זי זיך גאר פון זיינע שפיץ פינגער. ער האט אזוי איידל אראפגעצויגן און צוריק ארויפגעטאן דאס רינגל אויף אירע פינגער... נייך, ער טראכט נישט וועגן איר שלעכטס: שוין נאך דעם האט ער דאך געזאגט: „...פארדינט זיך עס נישט ארומצוהאלטן אזא טייער פינגערל", און וואס נאך? „און אזש מאכן דערויף א ראז שטרייפעלע; סע טוט נישט ווי?". ער מוז אוודאי זיין פון גאר א לייטישער היים און האט ליב דאס לערנען. ווי האט ער געזאגט, איך האב עס א מאל געהערט פון טאטן אויך: „תורה מתשת..." — דאס לערנען שוואכט אפ. אוודאי איז ער נישט שולדיק. אבער — פארט האט ער דאך אנגעהויבן מיט די פינגער. אזוי ווי מיט גליענדיקע זונשטראלן. אין אנהייב האט זי דאך געוואלט בלויז אוועקמאכן זיין האנט פון אירע האר... זי האט געוואלט?... נאר עפעס פון זיך אליין איז ארויסגעקומען עפעס אנדערש. דער טאטע וואלט אויף אזא זאך געזאגט: „דער יצר־הרע, וואס לויערט שטענדיק אויפן זינדיקן מענטשן, אז מע גיט אים דאס מינדסטע פינגערל, טוט ער א כאפ אריין די גאנצע האנט". דער יצר־הרע. אבער... דער טאטע, דער צדיק, האט דאך אויך צוויי מאל חתונה געהאט און האט קינדער. — קאן עס דען געשען אן דעם יצר־הרע? צי אפשר אז מע האט פריער חתונה כדת משה וישראל, רעדט צו צו דעם דער יצר־טוב? פאר וואס אזוי? ווען איך שעם זיך נישט, וואלט איך איבער־געפרעגט רחלען. זי ווייסט דאך אלצדינג. נו, און זי, רחל טאקע, טרעפט זיך ערגעץ אויף אלעקאסטער בארג מיטן פיליפאווער, פאר דער חתונה, רעדן זיי בלויז וועגן געלערנטע זאכן און מער גארנישט? אמת, ער איז שוין כמעט ווי איר חתן. איז אפשר וועט אויך ער...? זע נאר — איך ווייס דאך

אַפילו נישט פון וואַנען ער איז! נאָר אַז ער קאָן מיך שוין פאַר אַזעלכער, וועט ער דען וועלן האָבן מיך פאַר אַ כלה?

און ווידער פליסן איר אָן וואַרעמע טרערן הינטער די אויגנלעדלעך און שפּאַרן זיך אַדורך, און מיט אַ מאָל טוט זיך איר אַ רייס אַרויס פון דער ענג־געוואָרענער קעל אַ שלוכץ.

— אוי! — טוט דערויף אַ לויף אַריין פון קיך די מאַמע און בייגט זיך אַריבער צו איר פּנים. — וואָס איז דיר, חלילה, געשען, מיזינקע מיינע?

און צו די עלטערע שוועסטער:

— וואָס איז דאָ פאָרגעקומען, קינדער? מ'האָט זיך עפּעס נישט אויסגעגלייכט, נעכע?

— וואָס נאָך וועט דיר איינפאַלן, מאַמע? — קוועטשט נעכע מיט די פּלייצעס איבער איר בוך. — ווען דו ביסט אַוועקגעגאַנגען אין מארק אַריין, איז זי אַריינגעגאַנגען אין טאַטנס העלפט. איך ווייס נישט וואָס זי האָט דאָרט געטאָן. מסתם געלייענט איר ביכל. רחלס טראַסקען מיט דער מאַשין, זאָגט זי, שטערט איר צום לייענען. פון דאָרט איז זי אַריינגעקומען עפּעס ווי אַ צעדרייטע. פּונקט ווי די מאַשין האָט איר אויך דאָרט געשטערט דאָס לייענען. צי דאָס ביכל אַליין האָט איר צעשרויפט. און אַזוי איז זי שוין צעדרייט די גאַנצע צייט. באַשר דיר, מאַמע, ליגט אין זינען נאָר די קיך, האָסטו נישט געזען און האָסט איצט טענות צו אַנדערע.

— אַז מע רעדט מיט אַ מאַמען, נעכעלע, — טוט רחל זיך אַ מיש אַריין, — דאַרף מען רעדן מיט מער דרך־ארץ. די מאַמע האָט אין זינען די קיך נישט פאַר זיך אַליין. דער טאַטע וואָלט עס געדאַרפט הערן.

— וואָס זשע גייט דיר אָפּ, שרהלע? — פרעגט איר די מאַמע צום צווייטן מאָל. — אפשר טוט דיר עפּעס ווײ?

— יאָ, — כאַפּט זיך שרהקע אָן פאַר אָט דעם אונטערגערוקטן תירוץ.

— דער קאָפּ טוט מיר שטאַרק ווײ נאָך פון אין דער פרי אָן.

— וויינט מען? נאַריש קינד. זאָגט מען. וועל איך דיר מאַכן אַ קאָמפּרעס פון רעדעלעך קאַרטאָפל צום שטערן צוצולייגן. און סע וועט מיטן איבערשטנס הילף אַריבער.

— באַמי זיך נישט, מאַמע. סע וועט מיר אַזוי אויך איבערגיין. סע הייבט מיר שוין אָן בעסער צו ווערן.

— „דאגה בלב איש — ישיחנה", — שמייכלט די געלערנטע רחל צו

איר שפּאַסיקן אויסטייטש, — אַז סע טוט ווי דער קאָפּ, זאָל מען דעם קאַפּוליטיק זיך אַראָפּרעדן פון האַרצן. איצט, שרהקע, וועט דיר שוין דער וויטיק אַריבער.

און שרהקע פילט טאַקע אַז סע ווערט איר לייכטער דער „האַרצוויי־טיק" מיטן מאָמענט ווען זי מאַכט אָפּ ביי זיך: שוין! מער וועט זיך אַזעל־כעס נישט איבערחזרן. מער וועט ער מיין פנים נישט אָנזען. ביז... די על־טערע שוועסטער וועלן שוין זיך אויסגעגעבן. דעמלט וועט מען זעען.

אין עטלעכע מינוט אַרום קומט אַריין די מאַמע מיטן קאָמפּרעס און לייגט אים איר צו צום שטערן:

— אויף יעדן אופן. שאָטן וועט דאָך עס דיר נישט. און באַמי זיך, קינד, איינצושלאָפן. וועסטו זיך אויפכאַפּן געזונט און פריש. אויב דו האָסט נאָר קיין עין־הרע נישט אַריינגעכאַפּט.

— פון וועמען, מאַמע, — רייסט רחל איבער אַ ווייל דאָס בייען און שמייכלט, — האָט זי געזאָלט אַריינכאַפּן אַן עין־הרע, אַז די גאַס האָט נאָך היינט איר פּנים נישט אָנגעקוקט? סיידן פון אַ מלאך, אויב סע שיקט זיך אַז אַ מלאך זאָל אָפּגעבן אַן עין־הרע. אָבער מלאכים קומען דאָך זיכער נישט צו אונדז אין שטוב, ווען דער טאַטע איז אין וועג.

— זאָלן אים טאַקע די גוטע מלאכים אָפּהיטן, — זאָגט די מאַמע פרום, — דעם טאַטן אין וועג, און שמואל משהן ביים זיידן דאָרטן.

...פון אַ מלאך? — לויפט שרהקען דורך אַ מחשבה. — אפשר איז ער אַ מלאך? נאָר פּאָר מלאכים דאַרף מען זיך אויך היטן, אויב מ'איז אַליין נישט קיין מלאך, מע זאָל זיי נישט אַראָפּפירן פון וועג.

— קעגן דעם וואָס האָסט נאָר וואָס געזאָגט, רחלע, — רופט זיך אָן די מאַמע ביי דער שוועל אין קיך אַריין, — „ווען דער טאַטע איז אין וועג". ס'איז היינט אַזוי שטיל אין דעם טאַטנס העלפט. אָבער זעט, כאָטש ער איז נישטאָ, איז שוין היינט דאָס צווייטע מאָל ווי דער מאַציעוווער קומט אַהין אַריין אַריינצוקוקן אינעם טאַטנס אַ ספר. דער טאַטע — ער האָט עס מיר אַ מאָל געזאָגט — האַלט שטאַרק פון אים און האָט אים ליב.

...דער מאַציעוווער!... דער טאַטע האָט אים ליב! — פלאַטערט אויף אַ שמייכל איבער שרהקעס פנים, און זי האָרכט זיך אָנגעשטרענגטער איין אין דער מאַמעס ווייטערדיקע רייד:

— ווען ער וואָלט אַריינגעקומען, דער מאַציעוווער, אַזוי אַ מאָל אום

שבת, וואָלט איך אים אַריינגעבעטן אַהער אויף אַ גלאָז טיי, נאָך גאָר אַ יונג בחורל. אַ שטילינקער אַזאַ.

..דער מאַציעווער, דער מאַציעווער, דער מאַציעווער, — חזרט שרהקע כסדר אין געדאַנק, און דער שמייכל טוט זיך שוין נישט אָפּ פון איר פּנים.

— איך האָב אַ מאָל גערעדט מיט אים עטלעכע מינוט, — באַטראַכט רחל דעם גלאַנץ פונעם נעדעלע, וואָס זי האָט נאָר וואָס אַרויסגעצויגן פונעם שטאָף, — אַזאַ שטילער און בנעימותדיקער. פון זיינע רייד און די פראַגעס וועגן טאַטן, זאָל געזונט זיין, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז ער האָט אים זייער ליב, דעם טאַטן. איז עס אַן אמתע קעגנזייטיקע ליבע. אַ דערהויבענע ליבע צווישן אַ רבין מיט אַ תלמיד. „נפלאתה אהבתך לי מאהבת נשים“ — ווונדערלעך געווען איז דיין ליבשאַפט צו מיר, מער ווי די ליבשאַפט פון ווייבער.

— און דו זאָגסט נאָך, — הייבט נעכע אַרויס פון איר בוך אַ רויט פּנים פון איין גאַס, — אַז ווען דער טאַטע איז אין וועג, קומען נישט אַריין צו אונדז קיין מלאָכים. אַז דו לויבסט אים אַזוי, דעם מאַציעווער, איז ער אפשר אַ מלאך גאָר. און איך קען אים נאָך נישט אַפילו, דעם מאַציעווער מלאך.

— דו קענסט אים נישט, — רופט זיך אָפּ רחל, — אָבער געזען האָסטו אים שוין דווקא יאָ. ס'דאָך דער זעלבער וואָס דער טאַטע האָט דעמלט, פּורים, געטאַנצט מיט אים, און מיר זענען געשטאַנען אין קיך און געגאַפט. ווי צוויי שרפים האָבן זיי אויסגעזען.

— אויב אַזוי, — טוט זיך נעכע אַ כאַפּ, — איז ער דאָך טאַקע אַ מלאך, דער מאַציעווער. אפשר, שרהקע, האָסטו געהאַט היינט די זכיה צו זעען אים נאָך אַ מאָל אין טאַטנס חדר? און אפשר האָט ער דיך געזען, ווען דו ביסט פאַרבייגעגאַנגען אין שלאָפצימער אַריין, און... אָפּגעגעבן דיר אַן עין־הרע? נאָר אויב אַזוי, איז ער דאָך אַ שלעכטער מלאך? ניין, ניין! אַז דער טאַטע האָט מיט אים געטאַנצט און האָט אים אַפילו ליב, איז ער אויף געוויס אַ גוטער מלאך. אַ? וואָס זאָגסטו, שרהקע? דו שלאָפסט, צי דו מאַכסט זיך?

פון דער אין זיך אַריין שמייכלענדיקער שרהקען קומט נישט קיין ענטפער. און דער שמועס איז פאַרענדיקט. רחל נייט, און נעכע לייענט.

און שרהקע הייבט שוין טאַקע באמת אָן איינצודרימלען, בעת אַ מאַנאָטאָן געזאַנג פאַרוויגט איר: דער מאַציעווער, דער מאַציעווער, דער מאַציעווער...

ווען אין אַ פערטל שעה אַרום בייגט זיך די מאַמע ווידער אַריבער איר קאָפּ, זעט זי: דאָס קינד שלאָפט שוין, דאַנקען גאָט. נאָר דאָס פּנים איז אַזוי ערנסט און דריקט אויס עקשנות. זאָל איר, חלילה, ווי טאָן דאָס קעפּל אַפילו אין שלאָף? אַוודאי קאָן דער מאַמען נישט איינפאַלן, אַז דאָס איז צוליב דעם וואָס שרהלע האָט "איינשלאָפנדיק פעסט אָפּגעמאַכט ביי זיך: טאַקע אַ מלאך, און ווייל אַ מלאך — וועל איך זיך פון היינט אָן און ווייטער פון אים אויסהיטן, ביז...

אָבער אָט ווערט דעם קינדס פּנימל מילדערער און צעשמייכלט זיך. פון אירע ליפּן שיילן זיך אַראָפּ אומפאַרשטענדלעכע ווערטער: „...פאַרדינגט זיך עס נישט... אַרומצוהאַלטן... אַזאַ טייער פינגערל... ס'טוט דיר ווי?"

— ווי שיין דו ביסט, מיזינקע מיינע! — שעפּטשעט די מאַמע שטיל, אַז די עלטערע, מיאוסע שוועסטער זאָלן, חלילה, נישט דערהערן און האָבן שברת־הלב, און לאָזט אויס מיט די ליפּן, — פו־פו־פו, — ווי זי וואָלט זיך שרעקן, זי אַליין זאָל דעם קינד קיין עין־הרע נישט אָפּגעבן, און נאָך אַ מאָל, — פו־פו־פו!

דריטער טייל

23

די לעצטע הייסע וואָכן איז די התמדה פון די תלמידים אָפּגעקילט, זייער קול־תורה — שוואַכער. די אומגעזעענע גייסטיקע לייצעס וואָס האַלטן כסדר געשפּאַנט דעם ישיבה'שן ציבור, זענען נאָכגעלאָזט געוואָרן. אין דער פרי, פאַר דער באַשטימטער צייט, קומט היינט קיינער נישט לערנען. דערויף קאָן עדות זאָגן דער אייזישאָקער מתמיד. און אויך נאָך מעריב בלייבט דאָ קיינער נישט איבער כאָטש אויף אַ האַלבער שעה לערנען, אויסער אים אַליין. די עלטערע בחורים, גדולים און למדנים, וועלכע וואַרטן אויף אַ שידוך און אַ כסא־הרבנות, קומען בכלל זעלטענער אין ישיבה; לערנען — אָדער ביי זיך אויף דער קוואַרטיר, אָדער אין די קלויזן, יעדער ווו ס'איז אים נעענטער און באַקוועמער.

אויך דעם משגיחס אַרומקרייזן הקפות אַרום באַלעמער איז נישט ווי תמיד, נאָר דענערווירטער, און זיינע אַראָפּגעלאָזטע אַרבל, דאַכט זיך, הענ־

געז אים אַראָפּ נאָך אומבאַהאָלפענער און לענגער, ווי ס'וואָלטן שוין גאָר קיין הענט אין זיי נישט געשטעקט. איז ער דאָך היינט דער איין־און־איינצי־קער היטער פונעם גאַנצן ישיבהשן ציבור: דער ראָש־ישיבה האָט זיך נאָך אַלץ נישט אומגעקערט פון וועג. ווייזט אויס אַז סע גייט נישט אַזוי לייכט צו מיטן זאַמלען תמיכה־געלט אויף החזקת־התורה. דאָס אויסצאָלן די „חלוקה" האָט זיך דאָס מאָל פאַרצויגן ווי נאָך קיין מאָל נישט. די פּני־מער פון די תלמידים האָבן זיך אויסגעצויגן און זעען אויס ווי תמיד אָנגע־ברוגזט. ס'איז דאָך נישט שייך צו פאָדערן פון זיי: לערנט שלא על מנת לקבל פּרס — עסן מוז דאָך אַ ישיבה־בחור אויך. ער לערנט טאָקע, אָבער ער איז נישט משה רבנו אויפן באַרג סיני. אים אַליין, כאָטש קיין קינדער האָט ער נישט, און ער איז נישט מער ווי „טן־דו" *, איז דען נישט גענוג ביטער אָן דער פּרנסה?! האָט דאָך דער ראָש־ישיבה אַפילו געמוזט איינ־גיין אויף ביטול־תורה — אויף אַרויסצופאָרן. מסתם האָט אים שוין די ו'אָש־ישיבהטע פון שטוב געטריבן, מיט גרויס דרך־ארץ, אָבער פאָרט געטריבן: „אונדזער קרעמער איז אויך נישט קיין ייִד קיין גביר, ער קאָן נישט באָרגן אַזוי פיל און וואַרטן אַזוי לאַנג. המם... דער מנהל מיט דער מנהלטע — זיי האָבן בלויז זייער אייגענע קאַריטע אין זינען...". זענען דאָך די ישיבה־לייט אַ קל־וחומר. לערנט מען נישט, לאָזט מען אויס צום לער־נען. און פאַר וועמען צו פאַרקלאָגן איז נישטאָ! פאַר אים אַליין, דעם משגיח, האָט מען ווייניק דרך־ארץ, מע ווייסט אַז ער איז נישט פון די גדולים, און נאָך ווייניקער מורא. בפרט היינט, אַז דער עולם האַלט אין איין אויסקוקן די „חלוקה", ווי משיחן, און די היצן זענען גרויס. איז אַוודאי מער פאַר־געניגן זיך צו באָדן אין דער ווייליִע אײדער אינעם ים־־התלמוד. איז וואָס קאָן ער טאָן? פאַרפאַלן. מען מוז מאַכן זיך נישט־זעענדיק און נישט־וויסנדיק. נישט פאַרפירן קיין טענות מיט אַ בחור, אַפילו ווען ער פאַרפירט אין מיטן לערנען אַ צו היוכן שמועס פון אַ דריטער באַנק. ער אַליין זיצט דאָך אויך נישט אויס דעם גאַנצן טאָג דאָ. המם... אפשר אויך נישט נאָר צוליב דער היץ. טאַקע ווייל ער האָט נישט קיין משגיח אויף זיך: דעם ראָש־ישיבה. ער דאַרף זיך נישט שרעקן, טאָמער טוט ער אַ פאַל אַריין אומדערוואַרט, האָבנדיק שוין אין דרויסן זיך איינגעהאָרכט און אָפּגעשאָצט

* זאַלבעצווייט.

דאָס קול־תורה. אין דעם משגיח איבער אַלע משגיחים אין הימל פאַרגעסט מען בעוונותינו הרבים... ווי נאָר דער ראָש־ישיבה וועט צוריק קומען, מיטן „חלוקה"־געלט מסתמא, וועט ווידער ווערן: די ישיבה — ישיבה, און ער, דער משגיח — משגיח. זאָל נאָר דער אייבערשטער העלפן, וואָס גיכער.

אָבער דאָס וואָס זיינע אויגן דערזעען איצט, צוריק קומענדיק אין דער ישיבה נאָכן פאַרזאַמען זיך צו לאַנג אין דער היים, צוליב תחתוניות, מאַכט ממש אויפצאַפּלען זיין האַרץ: פּוסט! די ישיבה שטייט אויסגעליידיקט, די שטענדערס שטאַרצן שטום, אָן אַ סדר, הפקרדיק, תוהו־ובוהו! און דער רוח־אלוקים איז נישט „מרחפת"* איבער זיי. ער נעמט אַרויס מיט אַן אַרבל דעם ציבעלע־זייגער פון וועסטלקעשענע, — ערשט זיבן! דער ציפער־בלאַט, אַ פאַרגעלטער און אָפּגעקראַבענער פון זיקנה, קוקט אויף אים, ווי אַן אויג פון אַ ריזיקן אָפּגעשטאָבענעם פיש. ער נעמט פון אים אַוועק דעם פאַרזשמורעטן בליק, טאַפּט מיט אים אַרום די ווענט — אויך זיי קוקן אויף אים שטום און פינצטער. וואָס איז געשען? אַ שרפה, חלילה, אין שטאָט? ער קומט דאָך ערשט פון גאַס — שטיל און רויק. המם, פאַר וואָס האָט ער נאָך אין דרויסן נישט געכאַפּט זיך אַז די ישיבה האָט איינגעגנומען שטומעניש?... די קרע אויפן טייך האָט געריררט?... משוגע מיינע שונאים! ס'איז דאָך הייסער זומער?!... ניין, ער מיינט — די ווילדע ברענט?... באמת, ער איז ווי אַראָפּ פון זינען... ער דערטראָגט אַן אַרבל צום האַרטן קאַפּעליאַש, הייבט אים אונטער פאַרן רענדל און ווישט זיך איבער מיטן אַרבל דעם שטערן, — צי די קוויטשן, צי די אַנגסטן.

פלוצעם גייט אויף פון הינטער דעם עמוד ביים אָרון־קודש אַ ניגונדיק ברומען. ווי אין דער ליידיקער תיבה וואָלט פון דעסטוועגן אַן איינציקע ברומענדיקע טויב איבערגעבליבן. מיט שנעלע טריטלעך, גאַרנישט לויט זיין טבע, טוט ער זיך אַ לאָז אהינצו:

— וואָס אי', חלילה, געשען?! — קומט עס אַרויס פון זיין קעל פאַר־סאַפּעט, און ער באַפינטלט דאָס מטושטשע פּנים פונעם אישישאָקער מתמיד און צעפּירט ביידע אַרבל, ווי מידע פליגל, אין דער לופט.

— המם? — טוט יענער אַ ברום מיטן קאַרטאָפליע־נעזל, בעת די

---

* שוועבט.

קיילעכיקע אויגן פון בײדע זײטן שווימען נאָך אַרום אויף די וואַסערן פון זײנע תורה־מחשבות. — וואָס פרעגט איר, משגיח?... וואָס? ווו דער גאַנצער עולם האָט אויסגעטריקנט? המם. מיט אַ צוויי שעה צוריק איז מען אַוועק קיין קאָוונע הערן דעם באַרימטן מטיף, שמחה כהנא... יאָ, איר זעט דאָך, אַלע. דער סקווירער מיטן מאַציעווער פון די ערשטע. מיר איז אַ שאָד געווען דאָס לערנען. איך האַלט פונקט ביים פאַרענדיקן די מסכתא.

— איר אײנער ראַטעוועט איצט דעם פאַרשוועכטן כבוד־התורה? — איז דער משגיח צעיאַכמערט.

— המם... יאָ... — פאַרגײט דער אײשישאָקער אין אַ ניגון און לערנט שוין ווײטער. ער צעלאָזט זיך אויף אַ קול, ווי ער וואָלט גערן זײן, טאַקע אײנער אַלײן צו באַשטײן פאַר אַלע און טרייסטן דעם משגיח, וואָס איז אָפּגעטראָטן פון אים מיט אַ טיפן, פאַרלײכטערנדיקן אָפּזיפץ, וואָס אין סדום האָט זיך כאָטש אײן צדיק אָפּגעפונען.

ער קרײזט שוין ווידער, דער משגיח, ווי זײן שטײגער, אַרום באַלע־מער, מיט די אַראָפּגעלאָזטע אַרבל־פליגל, ווי עפּעס אַן אויסטערלישער, נישט דערקווילעטער פויגל, און האַלט אין איין אַראָפּברומען זיך אין דער צווישפּיציקער, שוואַרצער, קוים סיוו ווערנדיקער באָרד אַרײן. ער בײ־זערט זיך ערשט אין געדאַנק אויף זיך אַלײן, נישט האָבנדיק אויף וועמען אַן אַנדערן: ווי נעמט עס אַ משגיח און גײט אַוועק אין מיטן העלן טאָג אַהײם, לצורך זאָל זײן, און זאָמט זיך דאָרט אָפּ העכער צוויי שעה צײט?! וואָלט ער געווען דאָ, וואָלטן לכל־הפּחות די האַ־יאַריקע בחורים, ווי דער סקווירער און דער דיסנער אַ שטײגער, נישט געווען געהאַט די חוצפּה זיך אויפהייבן גלאַט אין דער וועלט אַרײן איבערלאָזן די גמרות אויף די שטענ־דערס און לאָזן זיך קיין קאָוונע אויף הפקר. אַזאַ פּריצות! אַזאַ זאַך קאָן דאָך נאָך אָנקומען צום ראָש־ישיבה און דעם מנהל אין ווענ. „עוף השמים...״*. און ווי נאָר ער קומט צו פאָרן, וועלן עס אים די ציגן וואָס פּאַשען זיך אַ מאָל אויפן ישיבה־פּלאַץ דערציילן. איז וואָס פאַר אַ פאַרענט־מערונג וועט ער, דער משגיח, האָבן פאַר אַזוי פיל ביטול־תורה, אַ ים ביטול־תורה? פאַר אַזאַ נישט געהערטער הפקרות?! אַ מטיף גאָר!

זײן געמיט איז דערשלאָגן און בייזערט זיך, וואַרפט זיך און

* „עוף השמים יוליך את הקול״ — אַ פויגל טראָגט איבער דעם קלאַנג.

צאַפּלט אין זײַנע מחשבות, ווי אַ פֿליג אין שפּינוועבס. די צײַט דערוויל לויפֿט, כאַטש אים דאַכט זיך אַז זי שטייט, ווי אין אַ וואַסער אונטער שימל. די פּיס טוען אים שוין ווי פֿונעם פֿוסטן אַרומדרייען זיך און היצן אין די שקאַרפּעטקעס. ס׳מישט זיך אים אין קאָפּ. ער וואָלט גערן אַראָפּגעצויגן די שיך, נאָר איז יוצא מיט אויסטאָן דעם קאַפּעליאַש און בלייבן אין דער יאַרמלקע. דאָס קיילעכיקע פּענצטערל איבערן אָרון־קודש, צווישן די פּאַ־נאַנדערגעשפּרייטע פֿליגל פֿונעם אָדלער, ווערט אַלץ טונקעלער. די זון האָלט שוין דאָרט אַוודאי פֿאַרן זעצן זיך. באַלד דאַרף מען זיך שטעלן דאַ־ווענען מנחה. ס׳דערהערט זיך אַ רויש פֿון אַנקומענדיקע. אַט זענען זיי שוין דאָ! ער טוט זיך אַ לאָז זיי אַנטקעגן צו דער טיר און, ווידער גאַרנישט לויט זײַן טבֿע, צעשיט זיך מיט געבייזער און הויכע קולות אויפֿן ערשטן בינטל בחורים, וואָס טרעטן אַריבער די שוועל:

— ווי אַ טשערעדע ציגן אָן אַ פּאַסטעך! ווי אַ טשערעדע ציגן איז מען זיך צעלאָפֿן! הײַנט־מאָרגן קערט זיך אום דער ראָש־ישיבֿה, וואָס וועט ער זאָגן דערויף?! שקצים! — וועט ער שרײַען — פּורקי־עול! הפֿקרניקעס!

חבֿרה פֿילט אַליין: מ׳האָט טאַקע צופֿיל געשטעלט אויף זיך. געוועזן באַדאַרפֿט צוּוואַרטן און בעטן רשות ביים משגיח. מ׳איז אַריבער אַלע גרע־נעצן. ס׳איז דאָך הײַנט נישט פּורים. לאָזט מען אַראָפּ די קעפּ און מע שאַרט זיך אַוועק שווייגנדיק, יעדער צו זײַן שטענדער. מע עפֿנט שנעל די גמרות, ווי אָנצויאָגן די פֿאַרלוירענע צײַט, יעדער מיט זײַן בלאַסער האָפֿע־נונג אַז אין אים וועט דער משגיח פֿאַרגעסן, ווען ער וועט גיין „אכול־קורצא״* ־זײַן פֿאַרן ראָש־ישיבֿה. אָבער צווישן דעם צווייטן בינטל, וואָס יאָגט זיך אָן מיט פֿריילעכע שטימען און צעפּלאַטערטע געמיטער, געפֿינט זיך דער הייסבלוטיקער סקווירער. ער איז נישט פֿון יענע „פּאַטראָנעס״ וואָס לאָזן זיך שפּייען אין דער קאַשע אַפֿילו פֿון אַ שמייליק מויל. ער טוט זיך אַ שטעל קעגן דעם משגיח אָן אָנגעצונדענער, ווי אַ קינשפּאָן, מיט צוויי שטורקאַצן אונטערן שטערן:

— ראַב משגיח! מ׳האָט בײַ אײַך פֿריִערט, פֿאַרן גיין, נישט געפֿרעגט, און מע וועט זיך נישט פֿאַר אײַך פֿאַרענטפֿערן איצטערט! ווי דערוועגט זיך עפּעס אַ ייִד אין אַ יאַרמלקע צו זידלען תּלמידי־חכמים?! צווישן

---

* פֿאַרמסרן.

אונדז, צווישן די וואָס זענען געגאַנגען הערן דעם מטיף, זענען דאָך פאַראַן גדולי־תורה, וואָס אייער פרומע יאַרמלקע דערגרייכט נישט צו זייערע קנעכל! דער פילפּאָוער בקי און דער פּילווישקער עילוי זענען אויך דאָרט געווען! און איר, משגיח, פאַרן ראָש־ישיבה רעדט נישט. לייגט נישט אייערע זידלווערטער אין זיין מויל. מירן שוין ביים ראָש־ישיבה אונדזער שטעטל אַליין באַשטיין. איר... טראַכט בעסער וועגן דער „חלוקה" פאַר די הונגעריקע.

דעם משגיחס הויכער שטערן, מיטן פונעם קאַפּעליאַש אַנגעקוועטשטן ראָזן שנירל, ווערט בלאַס. דערנאָך ווערן זיינע באַקן־בערגלעך אין דער ראַם פון באָרד־און־פּאות ליימיק. זיינע פאַרזשמורעטע ברעמען פינטלען איצט אַזוי שנעל, אַז סע דאַכט זיך: די אויגן זענען פאַרמאַכט. נאָר די וואָנצעס צוקן איבער די פאַרבאָרגענע ליפּן.

אויך טייל ישיבה־בחורים שטייען אַרום בלאַסע, ווי מיט די פּיס אַריינגעוואַקסן אין דער פּאָדלאָגע. צווישן זייערע בלאַסע פּנימער זשאַריעט בלויז איינס — דעם סקווירערס. פון די ווינקלען פון זיינע דינע, בייזע ליפּן, די איבערשטע באַשימערט מיט אַ בלאָנדן פוך, שפּריצן ווייסע סמאַהע־פּינקעלעך, ווי אין זיין מויל וואָלט געזאָטן. די בחורים זענען מבולבל: שטעלן זיך אויפן סקווירערס צד וואָלט געווען אַ שרייענדיקע עוולה: ער טוט אַ מעשה־אשר־לאַ־יעשה פון אַ מה־יעשהניק; שטעלן זיך ווידער אויפן משגיחס צד, איז ווי טוט מען עס קעגן אַ חבר, וועלכער נעמט זיך אָן זייער אַלעמענס קריוודע. און... זאָל ער טאַקע, דער משגיח, בעסער טראַכטן וועגן זייער „חלוקה". פאַר וואָס טעלעגראַפּירט ער נישט מע זאָל גלייך אַרויסשיקן געלט?

טוט זיך דאָ דער מאַציעזווער אַ רוק אונטער זייטיק צום סקווירער, אַ שטופּ אָפּ אים פונעם משגיח און אַ גיי אַוועק. צעגייען זיך אויך די אַנדערע אַרום, מיטשלעפּנדיק דעם סקווירער ווייטער. דער משגיח בלייבט שטיין אַליין, מיט די אַראָפּגעלאָזטע אָרבל און אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. שטייט, ווי אַ גולם נאָר וואָס פון דעם ליים אַרויס, און פּינטלט מיט די ברעמען, נישט ווויסנדיק אויף וואָסער וועלט ער איז. ערשט איצט טראָגט אים יאָנטל דווינסקער אונטער דעם קאַפּעליאַש. און אַז דער משגיח פּינטלט ווייטער אויפן קאַפּעליאַש, ווי ער וואָלט נישט פאַרשטאַנען וואָס ער דאַרף טאָן מיט אים, איז יאָנטל אַזוי גוט און איידל אַז ער טוט אים אַליין אָן אויפן

קאַפּ. ערשט איצט קומט דער משגיח צום באַוווסטזיין, ווי מע וואָלט אים מיטן קאַפּעליאַש אויך דעם קאָפּ אַרויפגעזעצט אויף די פּלייצעס.

פון מינוט צו מינוט פאַרשטאַרקט זיך דאָס קול־תורה. מע וויל מאַכן פאַרגעסן דאָס נאָר וואָס מיאוסע געשעעניש. גלייכצייטיק ווערט דער חלל אַלץ מער אָנגעשטאָפּטער מיטן טונקעלן בין־השמשות. דער משגיח דער־וואַכט אין גאַנצן פון זיין הינערפלעט. ער שליכט צו צום עמוד און טוט אויף אים דריי מאָל אַ קלאַפּ. מע שטעלט זיך דאַווענען די פאַרשפּעטיקטע מנחה. דער איישישאָקער פאַרמאַכט זיין גמרא.

24

אין אַ וואָך אַרום, אין איינעם אַן אָוונט, קומט צו פאָרן דער ראָש־ישיבה. אויף מאָרגן אין דער פרי, ווי נאָר אין ישיבה האָט זיך פוילבלעך אָנגעהויבן דאָס לערנען, איילט זיך צון אים דער משגיח. ער בלייבט שטיין פאַר אים „כעבדא לפני מרא״ * און טראָגט אים אונטער דעם רעכטן אַרבל מיט אויף דער העלפט אַרויסגעשטאַרצטע פינגער מיט אַ „שלום עליכם, רבי״. אַראָפּגעלאָזט צוריק דעם אַרבל, שטייט ער אָן באַוועגונג. בלויז די ברעמען פינטלען אויף זיין נישט־אויסגעשלאָפן, בלאַס־געלבלעך פּנים: ער ווייסט נישט ווי אַזוי אָנצוהייבן.

— עפּעס זענט איר אופן פּנים, רב שמריה, נישט מיט אַלעמען. „תורה מתשת״, ווייס איך נישט וועמעס לערנען — אייער אייגנס, צי מיינע תלמידימס? — פרעגט דער ראָש־ישיבה מיט אַ ווייכן טאָן און נחת־רוחדיקן שמייכל. זיינע אַרויסגעשטאַרצטע אויגן, ווי לאָמפּן, שיקן אַריין אין אים דינע שטראַלעכלעך וואָס פאַרשטן און פאָדערן אַ תשובה?

רב שמריהס געדיכט־בלויע אויגן, כאָטש פאַרשאָטנט מיט די פינטלענ־דיקע ברעמען, האַלטן נישט אויס זיין בליק. סע צענעמען זיך אים די ליפּן אונטער די וואָנסעס, און ס׳פאַלן אַראָפּ פון זיי ווערטער, נאָך אום האַלבער נאַכט צוגעגרייטע, פולע מיט אַ טאָן פון פאַריבל:

— איינער אַליין. איך האָב איינער אַליין געהאַט אויף מיינע שוואַכע פּלייצעס די גאַנצע משא. פון אַזוי פיל, אָן עין־הרע...

* ווי אַ קנעכט פאַר אַ האַר.

— אַן עין־הרע, אַן עין־הרע! — כאַפּט אונטער דער ראָש־ישיבה, באמת זיך שרעקנדיק פאַר אַ בייז אויג. — כן ירבו, אונדזערע טייערע תלמידים. איך האָב שוין שטאַרק געבענקט נאָך זיי. דער עיקר — אַבי מ׳האָט געלערנט די הייליקע תורה. ברוך השם.

און זיין אָפּגעצערט פּנים, פאַרערגערט פון דער נסיעה, לייכט ווידער אויף פון אינעווייניקסטער פרייד, און דאָס ליכט — ווי ס׳וואָלט זיך דורכ־געזייעט דורך די ווייכע האָר פון זיין שיטער בערדל.

— המם... — גליווערט אָבער פאַר אים צוזאַמען מיטן „המם״ אויך רב שמריהס פּנים. ס׳איז ערנסט און אומעטיק־אָנגעבלאָזן, ווי ס׳וואָלטן אַ רגע אויפגעהערט צו פינטלען זיינע ברעמען.

— איז עפּעס בייז, חלילה, געשען פאַר דער צייט פון מיין אָפּזיין, רב שמריה? — לעשט זיך די שיין אויפן ראָש־ישיבהס פּנים, און זיינע אויגן, איצט ווי אַריינגעדרייטע קנויטן, הערן נישט אויף צו פאַרשטן און פאָדערן אַ תשובה. אַדרבה, שטאַרקער נאָך.

— מ׳האָט געלערנט. ברוך השם. דער איישישאָקער איז נאָך אַלץ אַ מתמיד. המם. מ׳האָט געלערנט. פאַרשטייט זיך — נישט אַזוי פיל ווי ווען דער רבי איז דער שכן־טוב פון דער ישיבה. המם.

און פאַמעלעך, פאַמעלעך, מיט אַ ביטערלעך־זויערלעכן טאָן, לייגט ער אויס אַלץ ביז דער גאַנצער ישיבהס אַוועקגיין אָן זיין רשות קיין קאָוונע צו האָרכן אַ מטיף. אַ יוצא־מן־הכלל איז געווען טאַקע נאָר דער איישישאָ־קער, דער נר־תמיד פון דער ישיבה.

די גאַנצע צייט פון זיין געוואָרנטן, פאַמעלעכן און הפסקהדיקן דער־ציילן זיצט דער ראָש־ישיבה אָן איינגעהאָרכטער און באַצערטער. מאַכט צו און עפנט אויף די זיך לעשנדיקע אויגן. אַ צוקעניש שפּילט מיט דער הויט פון זיין פּנים. פון מאָל צו מאָל טוט ער אַ רייב מיטן רוקנדל פון דער רעכ־טער דלאָניע דעם זיך־קנייטשנדיקן שטערן, ווי אַרויסווישנדיק פון דאָרט אַ פיינלעכע אומרו־מחשבה. נאָר לסוף, ווען רב שמריה לאָזט אויס מיטן סקווירערס חוצפּה, טוט ער אַ שפּרונג אויף אין צאָרן:

— שוין! שוין קומט מיט מיר, רב שמריה: „וביערת הרע מקרבך״*! לאָמיר מקיים זיין אַ מצווה. אויסראָמען דעם חמץ, איידער די גאַנצע ישיבה

* און זאָלסט אויסראָמען דאָס בייז פון צווישן דיר.

הייבט אָן חמצדיק ווערן. זאָל דער „זרזיר" גיין צום „עורב" * — צום דרישקעפּאָליער! קומט! שנעל!

אויף זיין געשריי קומען אַריינצולויפן די ראָש־ישיבהטע מיט די טעכ־טער. בלאַסע.

— רב ברוך בערל, — פּרוווט די רביצין פאַרשטעלן אים מיט זיך דעם וועג צו דער טיר, — האָסט דאָך נאָך קיין גלעזל וואַרעמס אין מויל נישט געהאַט.

אָבער ער מיידט זי אויס, ווי מע מיידט אויס אַ פּלויט אין וועג. ס'טראָגט אים. ער לויפט כמעט. און הינטער אים — רב שמריה, אַ בלאַסער און צע־שראָקענער, מיט די פינטלענדיקע אויגן, ווי אַ בלינדער, מיט די צעטריי־סלטע אַראָפּגעלאָזטע אַרבל, ענלעך צו אַן אַנטלאָפענער, נישט־דערשאָכ־טענער גאַנדז פון אונטערן חלף.

— רבי! — יאָגט ער אים אָן אַ פאַרסאָפּעטער. — רבי! זאָל דער רבי... איך בין גרייט אים מוחל צו זיין...

— „רב שמחל על כבודו", זאָגט איינער אַ תנא, „אין כבודו מחול" **, — ענטפערט ער אים מיט אַ הייזעריקער שטים און לויפט ווייטער.

און סע טוט אים, דעם ראָש־ישיבה, אַ טראָג אַריין אין דער ישיבה. ווי אַ ווינט וואָלט דעם ברענענדיקן סנה פון דעם מדבר־זאַמד אַרויסגעריסן און אַהער געבראַכט. און זיין געשריי איז ווי אַ פלאַמענצונג:

— ווו איז ער, דער עוכר ישראל?!

ווי אַ פייערדיקע שווערד וואָלט איבערגעשניטן די קעל פונעם קול־תורה. די זיצנדיקע בחורים טוען אַ שפרונג אונטער פון די ערטער, די שטייענדיקע ווערן פאַרגליווערט. אַלע פּנימער, בלאַסע, מיט צעשראָקן־פרעגנדיקע אויגן, בלייבן הענגען אויפן צעפלאַמטן, קולות־וברקימדיקן ראָש־ישיבה. דער חלל פון דער ישיבה שטומט, ווי די ווענט און דער נידעריקער שווערער סופיט, מיט פאַרכאַפּטן אָטעם.

---

* „לא לחנם הלך זרזיר אצל עורב אלא מפני שהוא בן מינו" — נישט אומזיסט איז אַ שפּאַק געגאַנגען צו אַ קראָ, נאָר דערפאַר ווייל ער איז פון דעם זעלבן מין.

** אַ תלמיד־חכם קאָן נישט מוחל זיין אויף זיין כבוד.

— רב שמריה, פירט מיך צו אים ! איך האָב נאָך זיין פּרצוף ביי זיך קיין מאָל נישט געזען !

דער משגיח רוקט זיך פאָרויס, ווי אַ ליימענער גולם. בלייבט שטיין ביי אַ באַנק. דאָ, ביים ערשטן שטענדער מיט אַן אָפענער גמרא שטייט דער סקווירער מיט אַן איבערראַשט־פרעגנדיק פּנים : ?!... ?!... ?!...

— דאָס איז ער. — זיפצט דער משגיח אַרויס דורך די וואָנסעס, אָנ־ווייזנדיק מיט דער באָרד אויפן סקווירער, און זיין פּנים איז אָנגעצונדן און מיניעט זיך מיט בלאַסקייט, ווי אַן אָנגעגליטער כשר־שטיין, און זיינע ליפּן באַוועגן זיך, נישט אַרויסברענגענדיק וואָס ער שעפּטשעט. — רבי, כ׳בין גרייט אים מוחל צו זיין.

דער ראָש־ישיבה טוט האַסטיק אַ כאַפּ אָן מיט בײדע הענט, ווי אַ מדבר־דורשטיקער אַ קרוג וואַסער, דעם סקווירער פאַר די לאַצן און אַ צעטרייסל :

— דו ! אַרצי מחוצף־פּנים ! האָסט זיך אונטערגעשטעלט. מבייש צו זיין. בפני כל־עם־ועדה. אַ תלמיד־חכם ! דעם פרומען יידן רב שמריהן ! דעם משגיח פונעם הייליקן היכל, פון „כנסת בית יצחק" ! געוואַ־אַ־אַלד ! „הישמע כזאת" * ?!

דעם סקווירערס שקאַצישע, רויטלעכע הויט ווערט ווי אָפּגעשאָטן מיט גרויען שטויב. די דינע ליפּן צאַפּלען אים אַרויסצוברענגען אַ וואָרט. אָבער ס׳ווערט אים דערשטיקט אין דער טרוקענער קעל. אַ הייסער אָטעם בריט אים אין דער נאָז. די נאָזפליגעלעך ציטערן אים, ווי אָפּגעזענקטע פלאַטער־פליגעלעך. די גרוילעכע אויגן זענען אים ווי גרעסער געוואָרן, אַשיקער.

— דו שווייגסט, עוכר־ישראל ?! — חלפּט אים דער ראָש־ישיבהס געשריי.

דער ראָש־ישיבה טוט אים נאָך אַ מאָל אַ צעטרייסל, ווי אַ לולב, און אַ שלעפּ נאָך זיך. דער סקווירער איז אין הינערפּלעט. ער שפּירט דורכן ראָש־ישיבהס פינגער ווי דעם ראָש־ישיבהס גאַנצער גוף ציטערט פון הייליקן צאָרן. דער ראָש־ישיבה שלעפּט אים צו דער טיר. ער ווערט זיך נישט, דער סקווירער, ווי אַ געליימטער. דאָ טוט אים דער ראָש־ישיבה אַ שטויס אַרויס איבער דער שוועל מיט אַ מאוימדיק געשריי :

* איז אַזעלכס געהערט געוואָרן ?

— דיין רגל־גאווה* זאָל דאָ מער קיין דריסת־הרגל נישט האָבן! דו שוסטעריונג!

אין דעם מאָמענט טוט אַ בליק אויף אין ראָש־ישיבהס געדעכעניש אַ מאמר חז"ל אין מנחות, דף צט, עמוד ב, ממש פאַר זיינע אויגן שווינדלט אַ שורה פון „אותיות פורחות" **: „תלמיד־חכם שסרח אין מבזין אותו בפרהסיה" ***, און ער בלייבט שטיין אַ פאַרלוירענער. פאַרלוירן און שול־דיק קוקט ער זיך אַרום איבער דער ישיבה מיט די אַרויסגעשטאַרצטע, אויפגעגליטע אויגן. ער דערזעט אויף זיך צענטליקער דערשראָקן־פאַר־חידושטע אויגן פון זיינע תלמידים, ווי זיי וואָלטן זיך אַלע דערמאָנט דעם מאמר־חז"ל אין מנחות. און כדי צו פאַרשרייען זיין מכשול, צעשרייט ער זיך אויף זיי מיט אַ שטאַרקער הייזעריקייט אין קול:

— וואָס לערנט איר נישט?! איך בין דען דער מטיף פון קאָוונע? אַזוי פיל ביטול־תורה! שוין — די אויגן אין דער גמרא אַריין! לערנען! לערנען גאָטס תורה! גאָט ברוך־הואס הייליקע תורה!

און זיין צאַרנדיק געשריי צעקרישלט זיך אין אַ חרטהדיק געכליפעריי.

זיין באַפעל ווערט אין בהלהדיקער אימה גליך אויסגעפירט. מע שאָקלט זיך איבער די שטענדערס, מע לערנט מיט ברען אויף אַ קול אין אַפילו קולי־קולות. ווי גאַרנישט וואָלט דאָ פריִער פאַרגעקומען. ווי דאָס געשעענע נאָר־וואָס, וואָס צאַפּלט נאָך מיטן ראָש־ישיבהס געכליפעריי, איז נישט מער ווי אַ פאַרפלויגענער וויסטער חלום. דער ראָש־ישיבה שטייט און האָרכט זיך איין, האָרכט זיך איין. די לעצטע ברויזלעך צאָרן, די לעצטע צאַפּלען פון געוויין, שטילן זיך אין אים איין. ס'לויפט אים דורך אַ קעלט דורך די ביינער. ער טוט אַ ציטער. ווי אַ כמאַרעלע שפּרייט זיך איבער זיין פנים. אַ פיין קוועלט אָן אין זיין נפש. ער דרייט זיך אויס צו דער טיר און שליכט פאַמעלעך אַרויסצוגיין. דערשפּירט דעם באַגלייטנדיקן משגיח, טוט ער אַ מאַך צון אים מיט דער האַנט, ער זאָל בלייבן דאָ. אַרויסגעקומען אין טונקעלן פאַדערהויז, טוט ער זיך מיט דער זעלבער האַנט אַ כאַפּ פאַרן האַרצן, בלייבט שטיין אַ רגע און מורמלט שטיל אין בערדל אַריין:

---

* דיין גאַוותדיקער פוס.

** פליִענדיקע אותיות.

*** אַ תלמיד־חכם, וואָס האָט זיך פאַרזינדיקט, טאָר מען נישט מבזה זיין בפרהסיא.

— אַז מ׳איז מקנא קנאת השם צבאות, דאַרף די נשמה איבערלעבן אַ גרויסע פרייד, און מיר, דעם זינדיקן, איז זי נישט באַשערט, פּאַטער אין הימל! כ׳האָב פֿאַרגעסן דעם מאַמר־חז״ל.

און אַרויסגעקומען פֿונעם טונקל פֿונעם פֿאָדערהויז אויף דער ליכ־טיקער שיין, בלייבט ער ווידער אַ מאָל שטיין, נעמט רייבן מיטן רוקנדל פֿון דער רעכטער האַנטפּלאַך דעם שטערן:

— ריבונו של עולם! וואָס וואָלט דערויף מיין רבי, זאָל לעבן און געזונט זיין, געזאָגט? קנאת אַדושם צבאות דאַרף מען דערפֿילן בדעה צלולה *. אַז בדעה צלולה פֿאַרגעסט מען נישט קיין מאַמר חז״ל. המם... איז עס אפֿשר גאָרנישט געווען קיין קנאה, נאָר כעס, חלילה?... וויי־וויי! „כל הכועס כאילו עובד עבודה זרה״ **...

ער שטעלט אָן אַן אויער צו דער ישיבה. יאָ, סע הערט זיך דאָס קול־תורה. און ער מורמלט:

— אין זייער זכות. אין זכות פֿון מיינע תלמידים, מיינע קינדער...

25

צום מאַציעווער איז די ידיעה וועגן דעם ראָש־ישיבהס קומען נעכטן אַהיים נישט דערגאַנגען. ער איז, ווי יעדן אָונט, אין גאַס נישט געווען. כאָטש גראָד דעם אָונט וואָלט ער עס געקאָנט טאָן — צו אסתרן איז געקומען דער קאַוואַליער, וועלכן ער האָט חושד געווען אַז צווישן אים מיט איר איז שוין צו ווייט דערגאַנגען, און איצט קומט צווישן זיי פּאָר עפּעס וואָס דאַרף אַנטשיידן: אַהער, אָדער אַהין. דער קאַוואַליער האָט זי פֿאַרנומען קיין קאָוונע אין טעאַטער, און ער איז פֿאַרבליבן אויף דער איינזאַמער באַנק. די ווינקענדיקע, באַרעדעוודיקע שטערן, צו וועלכע ער האָט אומע־טיק אַרויפֿגעקוקט, האָבן אים דאָס מאָל גאָרנישט געזאָגט. איז אים באַפֿאַלן אַ גענעצן, און ער איז פֿרי געגאַנגען שלאָפֿן. אָבער געשלאָפֿן שלעכט, זיך נישט אָפּגעבנדיק קיין רעכענונג אַז דאָס דערוואַרט ער אסתרס צוריק קומען אַהיים.

געשען איז דאָס ווען דער שאַר־יענדיקער טאָג האָט שוין אַריינגעקוקט

---

* מיט קלאָרן פֿאַרשטאַנד.

** ווער סע כעסט זיך, איז ווי ער וואָלט דינען עבודה־זרה.

אין פענצטער. ערגעץ האָט געקרייעט אַ האָן, און אים האָט זיך געדאַכט — אויסטערליש! — אַז דאָס קרייעט דער האָן אינעם שטעלכן לעבן זיין פּאַראַיאָריקער קוואַרטיר... אויף דער וואַנט דאָרט הענגט דעם באַלעבאָס טויטע מיידל, וואָס אירע אויגן זענען תמיד גרייט געווען זיך צו באַגע־גענען מיט זיינע, און זי איז קיין מאָל נישט אַוועקגעגאַנגען מיט קיין שום קאַוואַליער אין טעאַטער. ער וואָלט זיך גערן געביטן מיטן אישישאָקער...

אין אַזעלכע אויסטערלישע, נאַרישע געדאַנקען האָט ער איינגעדרימלט, איז אַנטשלאָפן געוואָרן און אויפגעכאַפּט זיך שפּעט. אין ישיבה לערנט מען שוין פון לאַנג — ווער נאָר עס לערנט. אָבער ער נעמט זיך נישט איבער: וואָס? פאַרן משגיח וועט ער זיך שרעקן? נאָך דער גאָב וואָס ער האָט יענע וואָך געקריגן פונעם סקווירער איז ער שוין אַ... אַן אָפּגעשלאָגענע הושענא, אויב נישט נאָך ערגער — אַן אויסגעריבן באַדבעזעמל.

אויפגעשטאַנען און, אומגעלייגט די תפילין, אָפּגעפּרישטיקט, טוט ער אַ טראַכט: די באַלעבאָסטע איז נישטאָ. יאָכוועד מיט צלאָוועז זענען שוין לאַנג אַוועק צו דער אַרבעט און — ווען ס'פּאַלט נאָך איין. אויך דעם באַלע־באָס אַוועקצוגיין, לאָמיר זאָגן אין בית־מדרש דאַווענען, וואָלט איך זיך אויף די שפּיץ פינגער אַריינגעכאַפּט אין זאַל צו זען ווי אסתר זעט אויס אין שלאָף. אָבער דער באַלעבאָס זיצט צוגעשמידט צו זיין בענקעלע, ווי ער וואָלט זיך בכלל קיין מאָל דערפון נישט אויפגעהויבן און וועט עס אויך ווייטער נישט טאָן. ווי ער וואָלט דאָ ספּעציעל געזיצן אָפּצוהיטן אסתרן, דער קוואַרטיראַנט זאָל צון איר נישט אַריינגיין. ווער ווייסט ווי לאַנג אסתר וועט היינט אַריינשלאָפן אין טאָג אַריין. גייט ער אַרויס און לאָזט זיך צו דער ישיבה. פּאַמעלעך, ווי פאַרשלאָפן נאָך, סיי מחמת פוילקייט צום לערנען, סיי מחמת פאַרטראַכטקייט:

...דער ווידערווילן צום לערנען איז היינט ביי מיר שוין נישט קלענער פונעם ווידערווילן צום דאַווענען. נאָר אויפן דאַווענען האָב איך נישט היינט קיין שום אויפקוקער, און לערנען מוז איך פאָרט אַ ביסל: דער ראָש־ישיבה וועט קומען צו פאָרן דאַרף מען דאָך האָבן מיט עפּעס וואָס צון אים צו קומען. פאַר וואָס זאָמט ער זיך אַזוי לאַנג אין וועג? זיך געטריישאַפּט און ליבשאַפּט פעלט מיר. המם, נאָר צוריק גערעדט און דעם גאַנצן אמת זיך אַליין געזאָגט, איז עס דווקא גוט וואָס ער פאַרזאָמט זיך. הלוואי וואָס לענגער. און אפשר... גיין איצטער צון אים? אפשר וועט מיר דאָס מזל צושפּילן אַ

דריט מאָל? אין דער צייט איז, דאַכט זיך, די ראָש־ישיבהטע דעמלט אַוועקגעגאַנגען אין מאַרק אַריין. שרהקע האָט דאָך חוץ מיר קיינעם נישט. אפשר קוקט זי מיך אויס?... פון מיין ליבע מיט אסתרן וועט דאָך גאָר־נישט אַרויסקומען. זי האָט שוין אפשר נעכטן ביי נאַכט אָפּגערעדט זיך מיט איר קאַוואַליער חתונה צו האָבן און וועט זען נישט, — וואָס וואָלט געזאָגט דער זיידע צו אַזאַ שידוך: זיינס אַן איניקל, וואָס וואַקסט אַ רב, און אַ שוסטערס אַ מויד! און טאַטע־מאַמע? און איך אַליין וואָס זאָג דען צו אַזאַ שידוך? פון אַ שוסטערס אַן אײדעם, מעג ער זיין אַפילו דער גרעסטער גדול־בתורה, וועט דאָך קיין מאָל קיין ראָש־ישיבה נישט ווערן. נאָר דעם כסא־השוסטער קאָן איך ירשענען פון איר טאַטן. קלאָר: אסתר מוז אָפּטרעטן פאַר שרהקען. און וואָס פריִער איז בעסער. המם... און שרהקען וועגן מיר פאַלט עפּעס איין, אַז...

ער באַוויזט נישט צו פאַרענדיקן דעם געדאַנק, ווי ער טוט זיך אַ שלאָג־אָן זייט אין עמעצן, אָדער דער עמעצער אין אים. בלייבן בײדע שטיין און טוען זיך אַ קוק אָן:

— סקווירער!

— מאַציעוווער!

— פון וואַנען גייט איר איצט, סקווירער? איר זענט נאָך אויך נישט געווען אין ישיבה? און וואָס זעט איר עפּעס אויס אַזוי־אַ?

דער סקווירער — דאָס פּנים פייערדיק־רויט, די אויגן צאָרנדיק, דער בליק בלאָנדזשענדיק — טוט אַ שיט אויף אים די רייד, ווי גלייך פון זאַט אַרויס:

— כ'וועל אים אין די בלעטער באַשרייבן. אין אַלע יידישע און לשון־קודשע אויף דער גאַנצער וועלט! ער וואַרפט גאָר פון דער ישיבה! די ישיבה, מיינט ער, איז זיין קאָראָבקע. אַ נייער באַלטאַקסע! איך בין אים נישט דער דרישקעפּאַליער. אים אַז ער האָט אָנגעלייגט אַ פול קאַפּעליאַשל, ווי אַ נאַכט־טעפּל, האָט ער עס אין דרויסן אויסגעלידיקט, זיך געוואַשן די הענט, געזאָגט „אַשר יצר" און שאַ־שטיל זיך אַוועקגעגאַנגען פון דער ישיבה. איך 'על נישט פאַרשווייגן! זאָל די גאַנצע אויפגעקלערטע וועלט וויסן דערפון! וואָס מיינט ער זיך, דער פינצטערער פאַנאַטיקער, ס'איז הפקר־פּעטרישקע? אים איז אַלץ מותר? דו שוסטעריונג, שרייט ער!...

— המם? איז ווהין גייט איר עס ערשט, סקווירער? — וויל אים

דער מאַציעווער קודם איינשטילן אַ ביסל, דערנאָך וועט ער זיך דערוויסן וואָס און ווען. אָבער דער סקווירער דערלאָזט נישט פאַרשטעלן דעם הייסן שטראָם פון זיינע רייד און אָפּקילן דעם זאָט פון זיינע געפילן:

— שוסטעריונג זידלט ער זיך גאָר! ס'איז דאָ שוסטעריונגען לייטי־שערע פון זיין בנאָק דעם חולה־נופל און שוסטערמיידן לייטישערע פון זיינע טעכטער די יפה־פיות. ער וועט שוין געווירע ווערן פון די בלעטער, אַז זיין עלטסטע מכורעת שיפּט זיך זייער שיין אויפן ניעמאַן, אַזוי בין־השמשות־צייט, מיט אַלטן באָק, דעם פּיליפּאָווער בקי, וואָס איז מסתם אויך בקי אין הלכות אישות און וויסט שוין ווי אַ טיר עפנט זיך... און אפשר וויסט ער עס, דער פינצטערלינג, נאָך איידער איך בין עס אים מודיע, נאָר די טאָכטער קאָן ער דאָך נישט אָפּגטן, ווי דאָס ערשטע וויב. און דעם פּיליפּאָווער באָק קאָן ער דאָך נישט אַרויסוואַרפן פון ישיבה, ווי אַ ליאָדע סקווירער ישיבה־יונג: ווער וועט אים דעמלט פאַרשלייערן זיין איבערגעזייערטע בתולה? איך וועל אים באַאַרבעטן, נישקשה. איך לייען סמאָלענסקין און לייען מענדעלע מוכר־ספרים.

— וויס איך וואָס איר רעדט דאָרטן. — טוט אים דער מאַציעווער אַ שלאָג איבער, געטראָפן פון זיינע רייד, און מיאסע רייד, אָקעגן דעם ראָש־ישיבה. און דער עיקר דערפון וואָס ס'קומט אויס אַז אויך זיין שרהקע איז אַ „יפה־פיה" בלשון סגי־נהור.

— איך וויס שוין גראָד יאָ וואָס איך רעד! — טוט זיך דער סקווי־רער אַ צאָרן אויף אים. — איר פאַרשטייט נישט! ווייל איר זענט דעם ראָש־ישיבהס אַ שמעגענע.

און ער לאָזט אים איבער אַליין פאַרן ליידיקן חלל. דעם מאַציעווער, וואָס די נערוון זענען אים שוואַך נאָך דער שווערער נאַכט, שטעלן זיך טרערן אין די אויגן: קיינעם האָב איך נישט — נישט שמעיה דעם רבס, נישט דעם דרישקעפּאָליער און שוין נישט דעם סקווירער; מיט אסתרן, דער „שוסטערמויד", וועט גאָרנישט אַרויסקומען, שרהקע איז נאָך דערווייל אַ... „ביצה שלא נולדה" *, און דער ראָש־ישיבה — טאָמער ווערט ער עפּעס וועגן מיר געווירע, וועל איך פון אים האָבן דעם סקווירערס סוף. ער האָט, אַ פנים, אַריינגעכאַפּט פון אים די אמתע גאָב, דער סקווירער.

---

* אַן איי, וואָס איז נאָך נישט געבוירן געוואָרן.

היינט איז, דאַכט זיך, דער הייסטער טאָג אין חודש אָב. דאָס קול־תורה־געזאַנג אין דער ישיבה איז ווי פֿאַרחלשט; ווי די פֿאַרשיידענע קאָלירן פֿון זיינע טענער לעשן זיך און צינדן אין לעכצונג און שמאַכטונג. דעם מאַציעווער ביי זיין שטענדער דאַכט זיך, ער האַלט עס נישט אויס. אַרויס־צוגיין, שוין צום דריטן מאָל היינט, צום ברעג פֿון דער ווילִיע האָט ער מורא. זינט דער מעשה מיטן סקווירער איז די מורא פֿאַרן משגיח געשטיגן. לענט ער אָן דעם קאָפּ אויף די הענט איבערן שטענדער, כלומרשט ער איז שטאַרק פֿאַרטיפֿט אין אַן ענין, און לאָזט די צייט פֿליסן איבער זיך פֿאַמעלעך־פֿאַמעלעך, ווי וואַסער איבער אַ שטיין אויפֿן גרונט פֿון טייך. אַ שטיקל טרייסט: ס׳איז פֿרייטיק, פֿאַרענדיקט מען דאָס לערנען פֿריִער מיט אַ שעה פֿאַרן מיטיק.

אַז ס׳קומט צום פֿאַרלאָזן די ישיבה צום מיטיק איז דער מאַציעווער דער ערשטער אַרויסצוכאַפּן זיך אין דרויסן. ס׳טוט אים אַ כאַפּ אַרום דאָס ליכט פֿון טאָג ביז צום פֿאַרבלענדן, און דער ברען פֿון דער זון ביז אָפּגעבאַקן צו ווערן... ווי הייס ס׳האָט געמוזט זיין דעם ערשטן תשעה־באָב אין ירושלים, ווען דער בית־המקדש האָט געברענט! ער וואָלט, כאָטש ער איז פֿאַרמאַ־טערט, שנעל איבערגעלאָפֿן דעם וועג צו דער קוואַרטיר. נאָר... ער וועט דאָך נעמען שוויצן, און אסתרס נעזל איז אַ דינס און שפּירעוודיקס. המם, ער וועט היינט מוזן אומבאַדינגט וואַשן און זייפֿן די פֿיס.

נאָך דעם אָן אַפּעטיט אָפּגעגעסענעם מיטיק, ליגט ער ביי זיך אין צימער אויף דער שמאָלער צעראַטענער סאָפֿקע, ווו ס׳איז שטיל און שאָטנדיק. ווען ס׳זאָל נאָר נישט זיין אַזוי דושנע. אין דער רעם פֿון אָפֿע־נעם פֿענצטער שטייט מיט אַ פֿאַרכאַפּטן אָטעם די דרויסנדיקע היץ, אונטער וועלכער דאָס אָפּגעבליאַקעוועטע גרינוואַרג אויף די גאָרטנבייטן ליגט פֿאַרחלשט און לעכצט אַ ביסל פֿייכטקייט. סע שפּירט זיך פֿון דאָרט אַ דינער גערוך פֿון דערוואָרעמטער ערד און וועלקעכץ פֿון געוויקסן. אויפֿן טיש ליגט דאָס אָפֿן־געבליבענע העברעיִשע ביכל, אין וועלכן ער האָט פֿון גע־ווינהייט וועגן אַריינגעקוקט בעתן עסן, כאָטש דאָס איז געווען נישט מער ווי אַ זיפּן אותיות דורך די שווערע ברעמען. איצטער איז אַ פֿוילקייט אַפֿילו אַ טראַכט צו טאָן וועגן לייענען עס. גוט וואָס ס׳איז פֿרייטיק און מע דאַרף נישט גיין צוריק אין ישיבה לערנען. דער מענטש, אַפֿילו אַ ישיבה־בחור,

איז נישט קיין גאָט און מוז נישט אַרבעטן ערב־שבת ביז דער לעצטער מינוט בין־השמשות. ער טוט אַ גענעץ. די אויגן פאַרמאַכן זיך אים, און ער עפנט זיי שוין נישט צוריק. ער טראַכט: מע דאַרף כאַפּן אַ דרימל; איך דרימל; אויב איך דרימל, ווי זשע קאָן איך טראַכטן אַז איך דרימל? דער ענין איז, משמעות, אַזוי... על־פּי דרך־הבנה... איך טראַכט טאַקע נישט... אלא וואָס דען? איך דרימל אַ טראַכטעניש... כ׳טראַכט אַ דרימלע־ניש... טראַכ... דרימ... המם...

ער שלאָפט איין מיט אַ הייס אָטעמען.

— וועלוול. — ציט אים עמעץ פאַרן אַקסל.

— אס...תר?! — מורמלט ער פאַרשלאָפן־זיס, בכוונה נישט עפענענ־דיק די אויגן, און אַ שפּילנדיקער שמייכל נעמט פלאַטערן איבער זיין פּנים.

— נישט עסט ער, נאָר פּאָפּט ער... — דערהערט ער אַ באַקאַנטע שטים, באַגלייט פון אַן אומבאַקאַנט געלעכטערל. אַ צעעפן די אויגן — גיסן זיי זיך אָן מיט פאַרוואונדערונג:

— זע נאָר!? שמעיה! וואָסער כאַמסין האָט דיך פלוצעם אַהער גע־בראַכט? און נישט אַליין! — ער פירט איבער דעם בליק אויף שמעיהס באַגלייטער, וואָס אויף זיין קנאַכיק פּנים האָט זיך דאָס געלעכטערל מחמת שמעיהס חכמה: „נישט עסט ער, נאָר פּאָפּט ער" איינגעשטילט אין אַ שמוכען. — ירוחם טוראָפּינער! כ׳האָב גאָרנישט געוווּסט אַז איר לערנט אויך אין סלאָבאָדקע.

— אַ שאָד די צייט, וועלוול! — איז שמעיה צעשמאַיעט. — מיר גייען זיך באָדן... ניין, נישט צו דער נקבה — דער ווילִיע, נאָר צום זכר — דעם ניעמאַן. ירוחם, מיין תלמיד, ווי דו קוקסט אים אָן אין זיין גאַנצער גרייס, פונדעוועט בילעטן אין אַ בײדל. ביסטו אויך אַ בעלן מיט אונדז צו גיין? קווענקל זיך נישט, ווי אַ הון פון פלויט אַראָפּצופליִען.

דערמאָנט זיך וועלוול: סיי ווי דאַרף ער דאָך היינט וואַשן די פיס אין דער באַלעבאָסטעס ווייסבלויער שיסל, — טוט ער זיך אַ הייב אויף, און מע גייט.

אין דרויסן טוט וועלוול אַ פרעג שמעיהן:

— וואָס לערנסטו מיט אים, מיט ירוחמען?

— ס׳הייסט, וואָס? ער איז דאָך אַ תלמיד פון „כנסת ישראל", לערנט מען גמרא און „מסילת ישרים".

נאָר, אַפּנים, אַז דער שמועס אויף אָט דער טעמע איז אים נישט שטאַרק ניחא; ער נעמט שטעלן שנעלע טריט, ווי ער וואָלט פון איר אַנטלאָפן. ער אײַלט זיך, לאַכט אײַן זיך װעלוול, גלײַך דער ניעמאַן ברענט דאָרט, און מיר דאַרפן אים לעשן. אָבער אַרויפגעקומען אויף דער בריק פון דער ווילי:ע, שטעלט זיך אײַן שמעיהס אימפּעט, ווי אָפּגעקילט פונעם וואַסער־הויך, און ער בינדט אָן צון עפּעס אַ מעשה וואָס ער האָט, אַ פּנים, פרי:ער דערציילט דעם טוראָפּינער. ער טורעמט, ווי זײַן שטייגער, אַ גוזמא אויף אַ גוזמא. װעלוול הערט זיך נישט אײַן צו זײַנע רייד. ס׳איז צו הייס און אַ פוי־לעניש צו קריכן איצט אויף זײַנע טורעמס. ער קוקט אַפילו נישט צו אים. קיין שום ענדערונג איז אין זײַן פּנים, שמעיהס, און אָפּגעפּאַרענעם הולך נישט פאַרגעקומען. דערפאַר אָבער באַטראַכט ער זייטיק ירוחם טוראָפּינער. פאַר צוויי יאָרן האָט ער דאָך אויך געלערנט, ווי ער, אין קריניק. גערעדט מיט אים האָט ער טאַקע, וואָס אַן אמת, בסכהכל איין מאָל, אָבער דאָס איינע מאָל איז געבוג געווען ער זאָל אים שוין פאַרגעדענקען לעולם־ועד. דאָרט איז ער, דער טוראָפּינער, געווען יצחקל מאַציעווערס אַ תלמיד. ער וועט שוין, משמעות, אייביק זײַן אַ תלמיד. צווישן אים, דעם רייכן דאַרפס־בחור, און דער תורה איז אַ גלייכער שידוך: נישט ער באַגערט זי, און נישט זי קריכט אים אין קאָפּ; זײַן קאָפּ איז נישט פאַר איר קיין אָרון־קודש. קאָן זײַן אַז זײַן טאַטע, דער רייכער און פרומער אַרענדאַר, יעקב הערש טוראָ־פּינער, ווען ער איז געקומען ערב־פּסח קיין מאַציעוו צום רב פאַרקויפן דעם חמץ און זיך דערוויילט באַראָטן וועגן זײַן ישיבה־בחור, האָט פאַרגע־לייגט דעם רב, אַז ער איז גרייט אים צו שיקן קיין סלאָבאָדקע, אויב דעם רבס זון, וועט זײַן דער רבי.

דאָ שמייכלט װעלוול אונטער, געקיצלט פון אַ גאַדאַנקעלע: „רבי לא שנא", אַז פאַר זיך אַליין לערנט נישט דער רבי, שמעיה הייסט עס, „חיא מגין", וועט ער לערנען מיט אַ תלמיד, מיטן טוראָפּינער? „מאַי קאָ סלקא דעתך", וואָס פאַלט עס דיר גאָר אײַן? זיי ביידע, שמעיה מיט ירוחמען, זענען שוין גראָד אַ גלייכער שידוך: דער וויל נישט, און דער קען נישט. נו, לערנען זיי זיכער אַנדערע זאַכן: נישט „מסילת ישרים", נאָר „מסילת רשעים". ער זעט אויס, דער טוראָפּינער, אַזוי ווי אין קריניק. נאָך אויסגע־פּוצטערער, לויטן נוסח פונעם „אַלטנס" מוסרניקעס: אַנשטאָט דעם שוואַרצן מעלאַניק מיטן זיידענעם רענדעלע דאָרטן — אַ האַרטע, ווייסלעך־גאַלדיקע

שטרויענע הוט דאָ, און אַ ווייסע וועבלענע מאַרינאַרקע, און לאַקירענע טופלעס. אַן אמתער פראַנט! און ווי דער ציידענער העלער שניפּס פּלאַ־טערט עס אין דער לופטן!

— נו! — טריומפירט שמעיה, ווען זיי קומען שוין אַרויף אויף דער פּאַנטאַנע בריק איבערן ניעמאַן, אָדער ווי שמעיה רופט זי „נאַפּאָלעאָנס", מיט אַזאַ שטאָלץ גליך ער וואָלט זיין זיינס אַן אוראייניקל, און מע דערשפּירט דעם קילן אָטעם פון ווייט־צעשפּרייטן שטראָמיקן וואַסער. — האָב איך איך נישט געפירט ווי אַ קוריערסקי באַן?! אָט זעסטו שוין, וועלוול, אויף יענער זייט ברעג די באַדביידלעך. דו ביסט דאָך דאָ, מסתם, דאָס ערשטע מאָל. איך...

צוגעקומען, נעמט דער טוראַפּינער רירעוודיק אַרומשמייען צווישן די ביידלעך אַהין־אַהער, אַ קוק דאָ און אַ קוק דאָרט, ווי ער וואָלט זיי אַרומגע־ניוכעט. מע וואַרט ער זאָל קויפן די בילעטן. ער זאַמט זיך אַ ביסל, צו שמעיהס אומגעדולד. לסוף קומט ער טענצלדיק צו גיין מיט הנאהדיקער צעקאָכטקייט און בילעטן אין האַנט, ווי נאָכן אָפּשליסן אַ גוט געשעפט:

— קומץ, חברה! מיר גייען אַריין אין אָט דער קאַבינע. אַ גוטע קאַבי־נע. בלויז פאַר אונדז דריי. וואָס פעלט אונדז אַ פרעמדער ביי דער זייט?

ס'איז דאָ פאַראַן אַ בענקל אויף אַנידערלייגן דאָס אָנטועכץ און אַ קליין באַסיינדל; אויף שווימען איז דאָ קנאַפּ אָרט; ווי אַ שיסל פאַר אַ פיש. אויף צעפירן זיך די הענט דאַרף מען אַרויסגיין אין דרויסן. זיי נעמען זיך אויסטאָן.

— פאַר מיר וועט קלעקן. — זאָגט וועלוול.

— און מיר וועלן נאָך זען. — גיט צו וויסן דער טוראַפּינער. — וואָס פאַר אַ טעם האָט עס צו בלייבן נאָר דאָ? ס'איז דאָך ווי די מאַציעווער מקווה.

— און איך בין שוין נישטאָ! — טוט שמעיה אַ מאַך. נאָר ער איז נאָך אַלץ דאָ. ווייל ער וויל זיך מיט עפּעס נאָך אַ באַרים טאָן.

ער טוט אַ שטעל אָן אַן ערנסט־אָנגעשטרענגט פּנים, אַ הייב אויף די הענט פון די עלנבויגנס אָן, אַ קוועטש צוזאַמען די פויסטן, ווי ער וואָלט וועלן באַהאַלטן די שוואַרצע רענדלעך פון די נעגל, און אַ ציי אָן די מוסקלען פון די אָרעמס:

— איר זעט?! ווי ביי אַן אמתן באָקסער. קאָנסט אָנטאַפּן, וועלוול — ווי שטאָלענע עפּל! אָט מיט דעם וועט מען גיין אַ לייג טאָן אַ קלאַפּטער.

מע וועט זיך אַ פאַרהער טאָן מיט די שטאַרקסטע שווימער. עך! דער לויתן אין ניעמאַן וועט אַ ציטער טאָן! אַ, ווי מיינט איר?

און נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער, איז ער שוין טאַקע נישטאָ.

— איך וועל שוין דאָ אָפּהיטן אייער אָנטאָן. — שרייט אים נאָך דער תלמיד, כאָטש ער האָט אים וועגן דעם נישט געבעטן. — און איר, מאַציע־ווער, אויב נאָר צוליבן אָנטאָן, קאָנט אויך גיין. איר זענט דאָך אויך פון די שווימערס, ווי שמעיה האָט מיר אויסגעלויבט אייער קענטעניש אין שווימען ביז אַ זיבעטן גאָרן.

— ניין. פאַר מיר וועט גענוג זיין די „מאַציעוווער מקוה" לכבוד שבת.

— ענטפערט אים וועלוול, שוין אַן אויסגעטאָנענער, לאָזט זיך צום וואַסער און טראַכט, אַז דער טוראָפּינער האָט ווייזט אויס חשק צו בלייבן דאָ אַליין. צו וואָס?

דער טוראָפּינער איילט זיך נישט מיטן אויסטאָן. ווי ער וואָלט זיך ביי יעדער זאַך באַדענקט: אויסטאָן, אָדער נישט? און אַז ער טוט זי אויס, לייגט ער זי פּאַמעלעך צוזאַמען.

— ווען איך וואָלט זיין אַ שווימער, ווי שמעיה, אָדער איר, מאַציעוווער, וואָלט איך שוין געווען אין דרויסן דאָרט. הערט נאָר די קולות דאָרט, ווי פריילעך, — רעדט ווייטער דער טוראָפּינער אָן דערפאָלג, און אויף זיין פּנים גייט אויף אַ רויטקייט פון פאַרדרוס. ער האָט פאַרדרוס אויף שמעיהן, וואָס ער האָט מיט זיי נאָכגעשלעפּט אָט דאָס נאָכשלעפּעניש. אַז ער האָט אים פאַרגעשטעלט פאַר אַזאַ שווימער־אַ־קנאַקער, דעם מאַציעוווער, האָט ער געמיינט — טאַקע. פאַרפאַלן. און זיין בליק הייבט אָן אַרומצובלאָנדזשען איבער די הילצערנע ווענטלעך פון דער קאַבינע און זיך איינהאָרכן.

ווען ער איז שוין ענדלעך אין גאַנצן אויסגעטאָן, און וועלוול טוט אַ הייב אַרויס דעם אונטערגעטונקטן קאָפּ פון וואַסער און אַ פּאַרסקע מיט הנאה, טוט אים דער טוראָפּינער אַ פרעג:

— איר הערט, מאַציעוווער, וואָס סע טוט זיך אין דער שכנותדיקער קאַבינע אויף דער צווייטער זייט ווענטל?

— מע באָדט זיך דאָרט. — ענטפערט ער גלייכגילטיק, טרייסלט אויס דאָס וואַסער וואָס איז אים אַריין אין די אויערן, האָרכט בעסער און איז מוסיף. — מע פּליושקעט זיך אין וואַסער און מע קוויטשעט.

— יאָ, מע קוויטשעט...— באַשטעטיקט דער טוראָפּינער און שטעלט זיך אויף.

דער מאַציעווער שטעלט אָן די אויגן אויף זיין נאַקעטקייט. ער זעט ערשט אויס, נישט ווי אַ גביריש זינדל, נאָר ווי אַ מאָגערער אַפּגעפּליקטער האָנטשיק. ווער וואָלט אויף אַזעלכן געזאָגט אַז ער איז אַ דאַרפּסיונג? וועגן אַזעלכן זאָגט אַ פּנים דאָס ווערטל: ער פּרעסט, און סע פּרעסט אים. וואָס פּרעסט אים? ער האָט, חלילה, אַזעלכע צרות? זיינע גלאַט געראַזירטע באַקן פלאַמען, און אין די אויגן שפּילט אַ פיבער. אויף זיינע ליפּן איז קענטיק אַז ער קווענקלט זיך עפּעס צו זאָגן, און אָט זאָגט ער:

— אָבער ווער קוויטשעט? מיידלעך! המם... וואָלט נישט כדאַי געווען צו כאַפּן אַהין אַ קוקעלע? ווי מיינט איר, מאַציעווער? אַ?

וועלוול מאַכט זיך נישט הערנדיק. נעמט זיך פאַרטאָן אַרומזייפן. זייפנדיק דאָס פּנים מיט פאַרמאַכטע אויגן, רופט ער אַרויס אין זיין דמיון אַ סצענע פון דער נישט ווייטער פאַרגאַנגענהייט; און ער איז שוין נישט דאָ, נאָר אין דער קרינקער ישיבה:

...פּרייטיק נאָכן לערנען. דער גרעסטער טייל תלמידים זענען שוין אַוועקגעגאַנגען. ער איז זיך פאַרזעסן ביי דעם „ספר העיקרים", אַן אַלט ספר מיט הילצערנע טאָוולען, פול מיט לעכעלעך, צעפּרעסענע פון ווערעם, אין אַ לעדערנעם איינבונד; די בלעטער — דיק, בלוילעכע און האַריקע. דער מחבר, רבי יוסף אַלבו, דערוויזט, לויט דער חכמה פון די בינען צו בויען זייערע האָניקשויבן פון זעקסקאַנטיקע צעלעכלעך, אַז — — — ווי עמעץ טוט אים אַ צי פאַרן אַרבל. אויסגעדרייט דעם קאָפּ — דער טוראָפּינער. וואָס עפּעס פּלוצעם?! אַז זיי האָבן נאָך קיין מאָל צווישן זיך קיין וואָרט נישט פאַרביטן; איז נישט צוגעקומען אַפילו עפּעס איבערפרעגן אין דער גמרא; סע שטייט אים, משמעות, נישט אָן, דעם דאַרפס־בחור מיטן מע־לאָניק, צוצוגיין צון אַ בחור וואָס טראָגט נאָך דאָס מאַציעווער כאַלאַטל מיטן פוילישן היטעלע.

— איך וויל אייך ווייזן אַ סוד! — טוט ער ראַפּטעם אַ זאָג מיט אַ צעקאָכט פּנים און צעזאָטענע אויגן.

— אַ סוד?... זאָגט מען.

— ניין. טאַקע ווייזן. המם. אילוסטראַציעס צו... צו דער מסכת קידושין.

— דערביי טוען די אויגן קלוגעטשקע־גנבהש אַ פינטל.

— אילוסטראַציעס צו דער גמרא? ס׳ערשטע מאָל אין מיין לעבן הער איך עס! אַדרבה, ווייזט, לאָמיר זען.

דער טוראַפּינער טוט זיך אַ קוק אַרום איבער דער ליידיקער ישיבה און — אַ צי אַרויס פון בוזעמקעשענע עטלעכע קאַרטלעך. אַ דריי איבער איינס, און אַ ווייז... אַ צווייטס, און אַ ווייז... אַ דריטס, און אַ ווייז — ס׳איז די אויגן נישט צו גלייבן! אַזעלכע קאָלירטע פּאָטאָגראַפיעס קאָנען גע־מאַכט ווערן סיידן נאָר אין באָד פון גיהנום! ווי האָבן זיך עס די נאַקעטע זכרים און די נאַקעטע נקבות נישט געשעמט? דער קאָפּ טוט זיך אַ דריי אַוועק. דאָס פּנים זשאַריעט פון חרפּה. בעת דער יצר־הרע דרייט דווקא דעם קאָפּ צוריק און ציט די אויגן צו קוקן...

— ווי קומט דאָס־אָ, הממ, דאָס־אָ זנות אין ישיבה אַריין? — טוט ער אַ פרעג פון צעמישונג אַרויס ביי דער קעגנאיבערדיקער וואַנט.

— ס׳קומט שוין. — טוט אַ וואָרטשע דער טוראַפּינער אַן אַנטוישטער, אַ פּאַק אַריין די קאַרטלעך צוריק אין בוזעמקעשענע און אַ שאַר זיך אַוועק, ווי אומבאַמערקט ער האָט זיך דאָ באַוויזן... עפּעס ווי ס׳וואָלט געווען אַ קאָשמאַר. וואָלט ער געקאָנט שווערן אַז ער האָט דאָס געזען אויף דער וואָר? אַ האַלוצינאַציע אפשר?... — — —

דער מאַציעווער הייבט אויף די אויגן. ווי צו דערזעען ערשט דעם טוראַ־פּינערס אַוועקגיין דעמלט, און דערזעט: ער שטייט אַן אַראָפּגעזעצטער, דער קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, ביי אַ ווענטל, מיטן פּנים אין פּראָפיל, איין אויג פאַרמאַכט, און דאָס צווייטע, אַ פּנים אַן אַפּנס, קוקט אַריין... דורך וואָס?

— נו חברה! — טראָגט עס אַן שמעיהן. — און איר זיצט נאָך אַלץ דאָ און בריט אויס הינדעלעך, ווי עדיסאָן??!

דער טוראַפּינער טוט זיך אַ שטרעק־אויף און שפּרינג־אָפּ, ווי אַן אי־בערגעשראָקענער קאָטער פון אַ מויזנלאָך, און פאַרגלעט זיך תמעוואַטע מיט די פינגער די האָר; דאָס פּנים — רחמנותדיק־אומשולדיק.

— קומט! — יובלט ווייטער שמעיה. — וועט איר זען כאָטש פון ווייטן מיינעם אַ קלאַפּטער. אַז עולם־שווימערס דערזעט מיך, מאַכט מען פּליטה. כ׳האָב איינעם געמאַכט „אַ קעפּל“ — ווייס איך נישט, צי ער האָט זיך שוין באַוויזן צוריק אויפן וואַסער. מע דאַרף טאַקע לויפן זען!

און ער בלייבט נישט. דעם טוראַפּינערס צעפּיבערטע אויגן באַגעגענען זיך מיטן מאַציעווערס. אויך ער, דער טוראַפּינער, דערמאָנט זיך איצט דעם

מאָמענט, ווי ער האָט אים אַ מאָל, דעם מאַציעוּוער, אין דער קרינקער ישיבה געוויזן „יענע" קאַרטלעך, און דער „פּאַטראָן" איז צעמישט געוואָרן, ווי אַ לעמעשקע. מיט וועמען שמעיה האָט עס אים צוזאַמענגעפּירט! טוט ער אַ זאָג:

— מען דאַרף טאַקע גיין אַ קוק טאָן ווי אַ רבי לייגט קלאַפּטער. המם. און איר גיט דאָ אַכטונג אויף אונדזער אַנטאָן. איך האָב דאָ געלט אויך אין בוזעמקעשענע.

געבליבן אַליין, גייט וועלוול צו באַהיט צום ווענטל, ווו דער טוראָפּי־נער האָט פריִער „געהויערט", און דערזעט אין אַ ברעט אַן אַרויסגעשטאַרצטן סענק. ער בייגט זיך אַראָפּ, טוט אים מיט צווייפינגער אַ צי. — איז דער סענק ביי אים אין האַנט, און אין ווענטל — אַ לעכל פאַר אַן אויג. ער שטעלט צו דאָס אויג און, המם, ער זעט נישט גאָרנישט. נאָר גלייך טוט ער אַ כאַפּ אַוועק דעם קאָפּ: ער באַנעמט — דאָס האָט אַן אויג געקוקט צו אים פון יענער זייט. און ווי זיין אויער איז אַזוי צוגעוואָגדן צום ווענטל, דער־הערט ער אַ מיידלש קול, און ס׳נעמט אים זעצן דאָס האַרץ:

— מיידלעך! „פּאַטראָנעס" קוקן דאָך אַריין צו אונדז דורכן לעכל...

ס׳ברעכט דאָרט אויס אַ שיסעריי פון געלעכטערן און קוויטשערייען.

וועלוועלען באַפאַלט אַן אימה: מע קאָן נאָך באַלד קומען אַהער!... ער כאַפּט זיך שנעל אָנטאָן און, אַן אָנגעטאָנענער און שלעכט־פאַרשפּיליעטער, לויפט ער אַרויס און לאָזט זיך שנעל קיין סלאָבאָדקע. ערשט אויף דער בריק ניכטערט ער זיך אויס פון דער שרעק און בעט שטיל אין האַרצן: מע זאָל נאָר דאָרט ביים טוראָפּינער נישט צולאַטכענען דאָס אַנטועכץ מיטן געלט... אויף שמעיהס אַנטועכץ וועט זיך קיין בעלן נישט געפינען.

27

דער מאַציעוּוער זיצט אויף דער באַנק נאָך דער פרייטיקצונאַכטיקער סעודה אין דערוואַרטונג אויף אסתרן און איז פול מיט אומרו: סע זאָל נאָר שמעיהן נישט אַנטראָגן איידער זי קומט אַרויס; ווען זי וועט שוין זיצן דאָ, וועט ער, מסתם, נישט צוגיין שטערן. מילא, דאָס וואָס ער וועט אים זעען זיצן מיט אַ מיידל — איז שוין פאַרפאַלן. ער מיט אַן אויסגעדמיונגטער

שיקסע, דעם קאָמענדאַנטס טאָכטער, מעג? אסתר איז טאָקע נישט מער ווי אַ שוסטערס אַ טאָכטער, איז זי אָבער דערפאַר אַ ייִדישע...

איז באמת דאָ אַ השגחה עליונה! גראָד היינט קומט אסתר אַרויס פריִער ווי אַלע מאָל. המם, אָבער עפּעס איז זי אַזוי אָנגעטאָן ווי אויף אַוועק־צוגיין. וויי! נאָר זי קומט צו אַ גוטע, און אַ שמייכעלע שפּילט אויף איר פריש־געוואַשן און צוגעפּודערט פּנים:

— גוט שבת, וועלוול. איך קום אייך מאַכן אַ סיורפּריז.

...זי גייט, מיר זיך דערקלערן?! — טוט אים קלאַפּ דאָס האַרץ, און ער קוקט זי אָן פּרעגנדיק, ווי פאַרלוירן דאָס לשון.

— איר האָט שוין געזען אַ מאָל אַן אילוזיאָן? — דערפרייט זי אים מיט אָט דער פראַגע, וואָס האָט דאָך גאָר קיין שום שייכות נישט מיט קיין ליבע־דערקלערונג, און פאַרשעמט אים מיט זיין קליינשטעטלדיקייט, וואָס ער האָט נאָך טאָקע קיין מאָל קיין אילוזיאָן נישט געזען. שווייגט ער ווייטער מחמת זיין שעמען זיך מיט זיין שעמעוודיקייט. ער טוט זיך בלויז אַ רוק אָפּ אויף דער באַנק, ווי ס'וואָלט אויף איר ווייניק פּלאַץ געווען פאַר אסתרן זיך צו זעצן.

— אַ קאַוואַליער זיצט נישט ווען די פריילין שטייט. — מאַכט זי אים גוטמוטיק אַ באַמערקונג מיט אַ פאַרגעבנדיק שמייכעלע. — און איך האָב דאָך אייך עפּעס, דאַכט זיך, געפרעגט. איר האָט נישט געהערט? אַזאַ פאַר־טראַכטעניש פון אַ מענטשן!

— המם... — טוט ער זיך אַ כאַפּ און אַ שטעל אויף. — ווי האָב איך געקאָנט זעען אַן אילוזיאָן? אַז ביי אונדז אין שטעטל איז נאָך אַזעלכעס נישטאָ.

— און דאָ ביי אונדז, אין קאָוונע, איז דאָ נישט נאָר איינער! — ווערט פון איר שמייכעלע געבוירן אַ געלעכטערל. — כי־כי... און אין איינעם האָב איך אויף היינט אין אָוונט בילעטן אין רידיקול. פאַר מיר און פאַר אייך. קומט.

ער דערוועגט זיך נישט צו זאָגן ניין. נאָר אַרויסגעקומען פון דער קאַליטקע, דערשרעקט ער זיך: און טאָמער באַגעגנט אונדז עמעצער פון „כנסת בית יצחק״?! און טאָמער טראָגט עס אָן אָנטקעגן... דעם אייִשישאָ־קער מתמיד?! ער האָט חרטה. ס'איז שוין אָבער צו שפּעט. ער וועט דאָך

נישט פֿאַרגעלטן אסתרן מיט אַ באַלײדיקונג פֿאַר איר גוטהאַרציקן סיור־פּריז; ער װעט דאָך נישט בלײַבן זיצן דעם גאַנצן אָװנט אַלײן; און ס׳גלוסט זיך טאַקע זעען װאָס איז דאָס אַזױנס אַן אילוזיאָן.

זײ גײען און שװײַגן. צוגעװױנטע שױן װאָכן לאַנג צו זיצן און שװײַגן, איז זײ צו גײן און שװײַגן אױך נישט שװער. טראַכט מען. װעלװל טראַכט, אַז אױך אסתרן איז דער שפּאַציר איצט מיט אים, אַ „פּאַטראָן", נישט גאָר אָנגענעם: טאָמער באַגעגנט זי זיך אַן מיט אַ באַקאַנטן. זי איז דאָך אַ היגע און האָט אַװדאי אַ סך אַזעלכע. און טאָמער גאָר טראָגט עס אַן אױף צו להכעיס יענעם קאַװאַליער װעלכער קומט אַ מאָל צון איר. אים װעט צום װײניקסטן אין אילוזיאָן גופא קײנער נישט זעען — ישיבה־בחורים קומען דאָך נישט אַהין; אַפילו די װאָס גײען אין מאַפּוס ביבליאָטעק — װוּ האָבן זײ געלט דערויף? דעם ראָש־ישיבהס מײדלעך, אום פּרײַטיקצונאַכטס — אַװדאי נישט. אָבער איר... פֿאַר װאָס זשע האָט זי עס געטאָן? נישט שױן זשע טראַכט זי ערנסט? אַ? װעגן זײער ליבע? המם... זײ גײען טאַקע צו־זאַמען, אָבער אַז זײ שװײַגן, קאָן זײער צוזאַמענגײן אין די אױגן פֿון אַ פֿרעמדן אױסזען אַ צופֿעליקײט. אױך אין אילוזיאָן, אױב זײ װעלן נישט רײדן צװישן זיך, װעט עס קאָנען אַזױ אױסזען...

זײ גײען און שװײַגן. און װאָס טראַכט זי? — טראַכט װעלװל. ערשט װען זײ קומען שױן אַרױף אױף דער אַנדערער זײַט בריק איבער דער װיליִע, און אסתר, און גלײַך אױך ער, בלײַבן שטײן בײַם פּאַרענטש און קוקן אַראָפּ אױפֿן זאַמדפּליך אין מיטן װאַסער (װי דער טײַך האָט צוליב די היצן אױסגעטריקנט!), און נישט פֿון דער זײַט און נישט פֿון דער צװײטער זײַט זעט מען נישט קײן דורכגײער, — טוט אסתר אַ כיכעלע און אַ זאָג מיט אַ כיטרע־זיס שמײכעלע:

— לײטישע קאַװאַליערן פֿירן זײערע פֿרײלינס אונטערן אָרעם.

צי גיט זי אים נישט דערמיט אַ קאַפּוליער אַנצוהערעניש? אָבער װי נאָר זי טוט זיך אַ באַװעג װײַטער צו גײן, דערפֿילט ער אין איר רײַסיקן אָפּבײג אױף אַ זײַט, אַז זי באַװאָרנט זיך ער זאָל נישט נעמען ערנסט איר באַמערקונג. װען ער נעמט זי דאָ אונטערן אָרעם, װאָלט זי זיך אפשר צעקײַקלט מיט אַ געלעכטער איבער דער גאַנצער װיליִע, אירע װאַסערן און זאַמדן ביז העט אַזש צום ניעמאַן... רגעװײַז טוט עס אים אַ ציִ — זיך אױס־צודרײען און אַנטלױפֿן, און ער גײט װײַטער.

אַט אַזוי, ווי געצויגן פֿאַר אַן אומגעזעען שטריקל פֿאַר דער נשמה, פּירט אים אסתר ענדלעך אַריין אינעם אילוזיאָן.

— פּונקט גוט אָנגעקומען. — טוט זי אַ שעפּטשע, קוקנדיק גלייך פֿאַר זיך, ווי גערעדט צו זיך אַליין, און אַרומזוכנדיק מיטן בליק, מסתמא היימישע פּנימער. — באַלד הייבט זיך אָן דער סעאַנס.

זי זוכט אויף אירע פּלעצער. זעצט זיך. ער לעבן איר. מיט אַ מאָל ווערט פֿינצטער. טוט ער אַ טראַכט, ווי גראָד די פֿינצטערניש וואָלט אים ליכטיק געמאַכט אין קאָפּ: דאָס האָט זי דאָרט ביים פּאַרענטש געמיינט, ער זאָל זי דאָ, בעת ס׳איז פֿינצטער, נעמען אונטערן אָרעם... אָבער גלייך לייכט אויף אַנטקעגנאיבער אַ ווייסער פּירקאַנטיקער און ציטערנדיקער לייוונט, און ס׳טוען זיך אַ שאָט אויף אים רוסישע בוכשטאַבן, זיך אויסלייגנדיק אין אַ שורה. פֿון אונטער דער פּאָדלאָגע ערגעץ טוט גלייכצייטיק אַ הילך אַרויף מוזיק. און אויפֿן לייוונט הייבט זיך אָן מאָלן — אַ חלום אין שוואַרץ און ווייס. ווי קיין אַנדערע קאָלירן זענען גאָר אויף דער וועלט נישטאָ. מענטשן גייען, רעדן, שרייען, לאַכן, וויינען; ס׳טראָגן זיך צוגן איבער פּלאַנטן, איבער בריקן, קנוילן רויכן איבער פּעלדער און וועלדער; ביי וואָקזאַלן קלינגט מען אין גלעקער פֿאַרן אָפּגיין פֿונעם צוג; מע צעוויגט מיט שטריק צונגען פֿון קלויסטערגלעקער. אָבער — סע הערט זיך נישט קיין שום קלאַנג, קיין קלונג, קיין פּייף, קיין שום האַרמידער. ווי שטומעניש וואָלט פֿאַרגליווערט אַלע קלאַנגען אויף דער וועלט. חוץ — די מוזיק פֿון אונטער דער פּאָדלאָגע, דאָ און דאָרטן אויפֿן זאָל אַן עלנטן הוסט פֿון אַ מענטשן, אַ סקריפּ פֿון אַ שטול און דאָס אייגענע און אסתרס אָטעמען... אַ בילד שווינדלט נאָך אַ בילד, אָבער וואָס בינדט זיי צוזאַמען, איז אים נישט קלאָר. אונטער די בילדער שפּרינגען אַלע מאָל אַרויס שורות בוכשטאַבן. זיי קלערן אַוודאי אויף דאָס געזעענע. אָבער איידער מע באַווייזט זיי איבערצולייענען לעשן זיי זיך אויס. און וואָס מע באַוויזט שוין יאָ איבערצולייענען — דאַרף מען דאָך ערשט פֿאַרשטיין רוסיש. וואָלט עס געווען אויף ייִדיש, אָדער כאָטש אויף לשון־קודש... אַלץ אויפֿן לייוונט צאַפּלט, צאַפּלט זיך, ביז אַרויסצורופֿן געלעכטער. אָבער מע הערט נישט קיינעם קיין לאַך טאָן. אַ מענטש עפֿנט אויף אַ קאָנווערט אַרויסצונעמען פֿון אים אַ בריוו — צאַפּלען אים אַזוי די הענט מיט די פֿינגער מיטן בריוו צוזאַמען ווי מחמת שרעק טאָמער ליגט אינעם בריוו דינאַמיט און טוט אַ רייס אויף. אָט איז אַ ים מיט הויכע

ברויזנדיקע כוואַליעס און ווייסע צעשויבערטע שוימגריוועס, און דאָס אַלץ צאַפּלט, צאַפּלט. און סע צאַפּלען די אייגענע ברעמען, אַזש די אויגן הייבן אָן ווי צו טאָן...

וועלוול איז אַזוי פאַרכאַפּט־פאַרזונקען אינעם אויסטערלישן און כישופֿ־דיקן, וואָס גייט דאָ פאַר פאַר זיינע אויגן, אַז ער פילט שוין נישט אַפילו אסתּרן לעבן זיך. פאַרגעסן זי. ס'איז אַ בלענדעניש קעגן אים אויפֿן לייוונט, און אַ בלענדעניש אין זיין געמיט. ער פילט זיך אַליין אויך נישט. פאַרגעסן זיך. — —

ער דערפילט זיך און אסתּרן, ערשט ווען דער לייוונט און די מוזיק לעשן זיך אויס. דער זאַל טוט זיך אַ גיס אָן מיט ליכט. ער דערזעט אסתּרן זיך אויפהייבן. הייבט זיך אויך אויף, ווי אַן אַרויסגעריסענער פון שלאָף. ער גייט איר נאָך אינעם געשפּאַרעניש פון דעם אַרויסגייענדיקן עולם. לאָזט פון איר קיין אויג נישט אַראָפּ, מחמת מורא זי אין דער ענגשאַפט נישט צו פאַרלירן, און ווער ווייסט צי ער וועט טרעפן אַליין דעם וועג צו דער קוואַרטיר. ער וואָלט זי גערן אָנגעהאַלטן פאַר אַ האַנט.

אַרויסגעקומען פון אַ צעעפנטן טויער אויף דער גאַס, און דאָס מענטשן־געדיכטעניש ווערט שיטערער, דערזעט ער איבערראַשט־דערשראָקן: נישט ווייט פאַרויס גייען שמעיה מיטן טוראַפּינער און — צי דאָס מיידל דאָרט לעבן זיי, מיט וועלכער זיי שמועסן נישט, האָט נישט צו מאָל די זעלבע שייכות וואָס אסתּר צו אים? המם... דעם דאָזיקן „מסילת רשעים" — ווער פון זיי לערנט מיט וועמען? דער רבי מיטן תּלמיד, אָדער דער תּלמיד מיטן רבין? און זע! — ס'דאַכט זיך אים בלויז? — ס'טוט אים אַ טיאָכקע אין האַרצן: דער טוראַפּינער, ווי דערשפּירט זיין בליק פאַרשטאָכן אין זיין פּלייצע, טוט אַ דריי אויס אַהער דעם קאָפּ, דערזעט אים און אַ צי קאַוואַלע־ריש די שטרויענע הוט... פאַר אים צי פאַר אסתּרן? בלייבט ער שטיין, וועלוול, צעמישט: אויך ציִען די הוט? צי מאַכן זיך נישט־זעענדיק? ס'וואָלט גראָד געפּאַסט צו באַווייזן זיך פאַר אסתּרן — ער ציט די הוט ווי אַ גרויסשטעטישער פאַר איינעם וואָס טראָגט אַ שטרויענע הוט. נאַר, גיטאָן אַ ווענד דעם קאָפּ צו איר, דערשפּירט ער: דאָס האַרץ שטעלט זיך אים אָפּ, דאָס פּנים פאַרגייט אים מיט אַ טויטבלאַסקייט — ווו זשע איז זי, אסתּר? ער טוט זי מטורף אַ זוך מיט די בלאָנדזשענדיק־צעמישטע בליקן און —

אָט גייט זי! מיט אַ צוואָנציק טריט פאַרויס. אָבער שוין נישט אַליין!

ס׳פירט זי אונטערן אָרעם — און דער אָרעם איז אַ נאַקעטער — טאַקע יענער קאַוואַליער אירער וואָס מוז אַוודאי זיין איר חתן!

זי קוקט זיך נישט אום אויף צוריק... זי דאַרף אים נישט. געדעכט! פאַר וואָס איז ער שטיין געבליבן אין מיטן גאַס, ווי אַ גולם?! האָט זיך פאַרגאַפּיעט עפּעס אויף אַ קאַוואַליעריקל אין אַ שטרויענער הוט! און דאָ איז איר אונטערגעקומען אָט דער־אַ, ווי פון אונטער דער ערד; ווי ער וואָלט געווען פון קורחס איינגעזונקענער עדה... וואָס טוט מען איצטער? אָנייאָגן זיי? ווען זי טוט כאָטש אויף אַ הרף־עינדל אַ קוק אויף צוריק.

און כדי צו טרעפן אויף דער קוואַרטיר גייט ער זיי כסדר נאָך דעם גאַנצן וועג. און אָט זענען זיי שוין דאָרט פאַר דער שטוב. אפשר וועלן זיי זיך פאָרט אָפּגעזעגענען? ניין. זיי גייען אַריין דורך דער קאַליטקע. וואָס זאָל ער איצטער טאָן? איבערוואַרטן אין גאַס ביז יענער וועט אַוועקגיין? און טאָמער זעצן זיי זיך ערשט אויף דער באַנק ביזן טאָג אַריין? זיי האָבן זיך טאַקע געזעצט. נישטאָ קיין ברירה. ער וועט דאָך נישט גיין איבערזיצן די נאַכט אין דער ישיבה, פּראַווען אַ משמור, ווען דאָס לערנען גייט אים נישט אין קאָפּ אַריין. מאַכט ער זיך הארץ און טוט אַ גיי אַריין, אַ גיי שנעל פאַרביי, ווי עמעץ לויפט דורך „קאָסטראַי", און בלייבט שטיין אַ פאַרסאַפּעטער אין פינצטערן פאַדערהייזל, זוכנדיק די קליאַמקע פון דער טיר אין שטוב אַריין.

אין דער גאָרער נאַכטשטילקייט דערהערט ער וואָס דער קאַוואַליער דאָרט אויף דער באַנק טוט אַ זאָג:

— אייער קוואַרטיראַנט מוז זיין אַ מתמיד. אַזוי שפּעט קומט ער אַהיים פון דער ישיבה אַפילו אום פרייטיק צו נאַכטס?

און אסתר ענטפערט מיט אַ טראַציק געלעכטערל:

— טאַקע אַ מתמיד. איך האָב ליב מתמידים...

— דו האָסט ליב?

דעם קאַוואַליערס „דו" בלייבט וועלוולען שטעקן אין געמיט ווי אַ דאָרן, און ער אַנטלויפט מיטן ווייטיק צו זיך אין צימער אַריין. דורכן פענצטער זייעט זיך קוים אַריין די נאַכטשיין. ער טוט זיך אַ וואָרף אַנידער אויף זיין שמאָלער צעראַטענער סאָפּקע. אַ געוויין נעמט אים שטיקן אין קעל. דער איבערשטער טייל גוף טרייסלט זיך פון געכליפּעריי. ער העשעט פון באַ־ליידיקונג און חרפה און צוליבן געפיל פון שולד. נאָר אין מיטן דעם ברייטן שטראָם פון זיינע טרערן ריזלט אַ דין זיס שטראָמעלע:

...„איך האָב ליב מתמידים״ — האָט זי דערמיט גאָרנישט געמיינט צו זאָגן, אסתר? ער האָט דאָך איר איין מאָל דערציילט אַז ער איז געווען אַ מתמיד... ווען זי זאָל וויסן מיט וואָס פֿאַר אַ התמדה ער האָט זי ליב... אַז ער ווײנט איצט צוליב איר מיט אַזאַ... התמדה...

28

אויפֿן צווייטן טאָג, אין אָונט, זיצט דער מאַציעוועד ווידער אויף דער באַנק. ער ווייסט ערשט אַליין נישט: צי וואַרט ער יאָ, צי וואַרט ער נישט אויף אסתרן. נאָך דעם נעכטיקן „אומגליק״ וועט זי דאָך שוין אַוודאי נישט וועלן האָבן מיט אים קיין עסקים. כאָטש... צי איז נישט צו מאָל דער גע־קריוודעטער גאָר ער? איז גלייכער גאָרנישט צו טראַכטן וועגן איר. אַרויסשטופּן זי פֿון געדעכעניש און געמיט. בעסער זיך אַריינטראַכטן אין דער נאַטור. דאָס איז אַ סגולה צו שרייבן לידער. אפשר וועט אים עפּעס איינפֿאַלן.

ער קוקט אין הימל אויף דער פֿולער אויסגעקיילעכיקטער לבנה. זי לױפֿט־לױפֿט אין אַ ריזיקן געפּלאָנטער פֿון גרוילעכע וואָלקנס. זייט אומע־טיק ליכט דורך זייערע ערטערווייזע לויזקייטן און ראַנדן. באַווייזט זיך און ווערט אין זייערע שלייערן ווידער פֿאַרהוילן, צייכענענדיק איר לויף מיט אַ שוואַכער שיין בלויז... זי איז גרינבלעך־זילבערוויס. אַזוי דער־שראָקן און טרויעריק, ווי אַ יונגע אַלמנה וואָס קערט זיך אום פֿון דער לוויה פֿון איר געליבטן מאַן. (צי האָט ער עס נישט אַרויסגעלייענט שוין ערגעץ ביי אַ דיכטער? ביי היינריך היינען, אָדער ביי זלמן שניאורן?). זי פּלאָנטערט זיך, די לבנה, די אַלמנה, אין די שלייערן פֿון איר טרויער און קאָן זיך נישט פֿון זיי אַרויסשלייערן. המם, גלייך ווי ער פֿון זיינע טונקעלע געפֿילן צו אסתרן. המם. צי קאָן מען נישט מאַכן דערפֿון אַ נאַטורליד, אָדער גאָר אַ ליבעליד?

און באַלד טוט זיין מחשבה אַ שפּרונג איבער:

...גיי שטויס זיך אָן אירע מחשבות — נישט דער לבנהס — אסתרס! ער ווייסט שוין פֿון ביכער: די פֿרוי איז אַ סודותדיק באַשעפֿעניש. אַ רע־טעניש. אַ ספֿינקס. המם... ס׳איז אים קיין מאָל נישט אויפֿן זינען געקומען,

אַז זיין מאַמע, אָדער די באָבע זאָלן זיין — ספינקסן. אַן איינפאַל! סיידן אפשר די מומע יהודיתל, וואָס חלשט יעדן יום־כיפור אין דער ווייבערשול צוליבן תענית, און מענטשן וויצלען זיך אַז זי באַזאָרגט זיך דערמיט מיטן מאַנס טריישאַפּט אויף אַ גאַנץ יאָר, ער זאָל ציטערן איבער איר. און אפשר איז די פרוי אַ ספינקס נאָר ביז דער חתונה? און אַז אסתר וועט חתונה האָבן פאַר אַט דעם נעכטיקן קאַוואַליער, וועט זי ווערן אויס ספינקס? המם, איינער אַן ענגלישער שרייבער, וואָס האָט אַ טבע איבערצוקערן געדאַנקען מיט קאָפּ אַראָפּ און די פיס אַרויף (ווי אַ ישיבה־בחור אַ בעל־פּלפּול), און דערפאַר ווערן זיי ווי שטיקלעך געפּראַוועטע פון קונצנמאַכערס, — זאָגט וועגן דער פרוי: „אַ ספינקס אָן אַ רעטעניש", וואָס מיינט ער דערמיט צו זאָגן? און וואָס פאַר אַ ספינקס איז אסתר — מיט אַ רעטעניש, אָדער אָן אַ רעטעניש? המם... וואָס אַ שטייגער וואָלט געווען ווען ער לייענט איר פאַר די יִדישע לידער וואָס ער האָט לעצטנס געשריבן? זי וואָלט זיך אפשר גאָר צעכיכעט: „כי־כי־כי... אַ „פּאַטראָן" — אַ פּאָעט! לידער שרייבט מען נישט אויף זשאַרגאָן, נאָר אויף רוסיש". דאָ דערשפּירט ער אַ פאַרדראָס אויף איר און ווערט בייז: ס'וואָלט געפּאַסט, אַז רוסישע לידער לייענט זי יאָ! צי ווייסט זי וועגן נאַדסאָנען? וועגן פרוגן? המם, דערפאַר טאַקע האָבן זיך ביי אים נישט געשריבן קיין לידער וועגן איר. ס'איז געווען ליבע אָן פּאָעזיע. אַ גופעדיקע ליבע, אַ גשמיותדיקע. ליבעלידער וועט ער אַ מאָל שרייבן וועגן שרהקע דעם ראָש־ישיבהס. און שרהקע, וואָס פון דעמאָלט אָן אויף דער סאָפּקע באַוויזט זי זיך נישט, איז נישט קיין ספינקס? מיט אָדער אָן אַ רעטעניש? —

אַך! זי קומט אַרויס, אסתר. קומט צו מיט אַ דין שמייכעלע, אַ ספּינקיש, און מיט אַ לייכטן קאָפּשאָקל צום באַגריסן. זעצט זיך האַרט לעבן אים. גלייך ווי די נעכטיקע פּאַסירונג איז געווען בלויז זיינס אַן אויסדאַכטעניש. שיר־שיר טוט ער איר וועגן דעם אַ פרעג. אָבער דער פלאַטער, טאָמער מאַכט ער דערמיט קאַליע איר זיצן ערשט לעבן אים, פאַרשפּאַרט די פראַגע אין זיין קעל, און ס'קומט פון איר אַרויס בלויז אַ פאַרלעגנהייט־הוסטעלע. ס'איז שרעקעוודיק אָנצורירן די נעכטיקע פּאַסירונג, ווי אַ פרישע וווּנד, וואָס איר וויטיק האָט זיך אויף אַ וויילע איינגעשטילט. שווייגט ער.

הייבט אסתר אָן רעדן די ערשטע. וועגן דעם נעכטן געזעענעם פילם. אָבער דאָס וואָס האָט פּאַסירט נאָך אים, גייענדיק אַהיים — וועגן דעם קיין

וואָרט נישט. דערפילט ער זיך פרייער. נישט נאָר זי איז היינט נישט קילער צון אים, אסתר, איידער נעכטן־אייערנעכטן, נאָר פאַרקערט — צוגעלאָזע־נער. און די צייט לויפט שנעל אַריבער. און ווען זיי שטייען שפּעטער אין דער טיר פונעם טונקעלן פאַדערהייזל, די פנימער אונטער דער שיין־און־שאָטן־שפּיל פון דער לבנה אין וואָלקנס, און ער גנבעט זיך אונטער צו איר טאַליע מיט צערטלעכקייטן און צום נאַקן מיט קושן, האָט ער דאָס געפיל אַז זי האָט זיי אויסגעקוקט און איז צופרידן. קיין איין כיבעלע, וואָס קאָן צווידייטיק אויסגעטייטשט ווערן, רייסט זיך היינט נישט אַרויס פון איר האַלדז. ווי זי וואָלט גראָד וועלן אים פאַרגעלטן פאַר די נעכטיקע קלעמע־נישן, וואָס מע דאַרף היינט נישט רעדן וועגן זיי.

דערנאָך, ווען ער ליגט שוין אויף זיין שמאָל געלעגער, פאַרטראַכט ער זיך אויספּירלעכער: סע קאָן זיין — ס'איז גאָרנישט אַזוי שווער זיך אָנ־צושטויסן — זי, אסתר, ווייט שוין נישט קיין יונג מיידל, וויל מיט יענעם קאַוואַליער חתונה האָבן און וואַרט ער זאָל קומען עס איר פאָרלייגן. המם, נאָר יענער איילט זיך נישט. שטופּט זי אים אָפּ מיט איין האַנט און ציט אים צו מיט דער צווייטער, ווי אין דער גמרא שטייט, כאָטש זי האָט עס נישט געלערנט ביי פסח דראַטווינס שוסטער־וואַרשטאַט: „לעולם תהא שמאל דוחה וימין מקרבת" *. האַלט זי אים, דעם בחור, אויף אַן אומגעזעצן שטריקל: „זעסט, איך פאַרברענג מיט אַט דעם ישיבה־בחור; ער איז אין מיר פאַרליבט, ווי נאָר אַ ישיבה־בחור קאָן; אין מיינע הענט וועט ער ווערן אַ לייט; אַט גייט ער שוין מיט מיר אין אילוזיאָן; אייל זיך צו, קאָנסט נאָך פאַרשפּעטיקן!" (דאָס איז דער ספינקס מיט זיין רעטעניש). איז אָבער דער קאַוואַליער אויך אַ גרויסשטעטישער (טאָקע נישט קיין ספינקס אָבער אויך נישט קיין „פראָמעד") מיינט ער אַז ער ציט זי אויף אַן אומגעזעצן שטריקעלע: „פירן מיט דיר אַ ליבע (...אָט ווי איך) מהיכא־תיתא. אָבער חתונה האָבן — דאָס לא!" (...ווידער טאָקע ווי איך). המם, אַ?! איז וואָס וואָלט געווען, למשל, ווען איין מאָל, ווען, לאָמיר זאָגן, מיינע ליפּן גלעטן איר נאַקן, טוט זי, אסתר, אַזוי אַ זאָג צו מיר: „וועלוול, אפשר וואָלטן מיר ערנסטער אַ טראַכט געטאָן וועגן אונדזערע באַציִונגען. אויב, אויב איר האָט מיך טאָקע אַזוי ליב, ווי איר קושט מיך איצטער?".

* שטענדיק זאָל די לינקע האַנט אָפּשטויסן, און די רעכטע דערנענטערן.

ביי דעם געדאַנק טוט זיך אים אַ דין און שאַרף שוידערל אַ שלענגל־דורך איילין־איילין דורכן האַרצן, און איבער די ליפּן, וואָס האָבן מיט אַ פערטל שעה צוריק באַגערנדיק און הייס געקושט אסתּרס אַקן און זענען אַזוי מתיקותדיק געקיצלט געוואָרן פונעם זיידענעם פוך אויף איר צאַרטער הויט, טוט אַ ווייע אַ קיל ווינטעלע.

...המם. פאַרשטענדלעך — כ׳וועל איר זאָגן: דאָס קאָן נישט געשען. המם, מיט וואָס פאַר אַ תירוץ? ער ׳עט איר אויפקלערן: ער איז דאָך נאָך גאָר יונג. המם, דאָס טויג נישט: זי קאָן עס אויפנעמען ווי אַן אַנצוהערעניש אויף איר נישט־פריַער עלטער. דאָס וועט איר ווי טאָן, און, ווי די מעשה זאָל נישט זיין, האָט ער זי דאָך ליב. איר ווייטיק איז אויך זיין ווייטיק. דאָס וועט איר באַליידיקן, המם, און זי קאָן נאָך טאָן אַ רייס זיך אַוועק פון אים אין גאַנצן. ווידער צו יענעם קאַוואַליער. ניין. ער וועט איר אויפקלערן ווי אַ פּראַקטישער מענטש, כאָטש ער איז אַ ישיבה־בחור: זי דאַרף דאָך דאָס אַליין פאַרשטיין — וואָס משטיינס געזאָגט, קאָן ער אויפטאָן אין לעבן נאָך דער חתונה? טאַקע באמת, צו וואָס טויג ער, דער „פּאַטראָן״? ביי וואָס קאָן ער פאַרדינען אויף אויסצוהאַלטן זיך מיט אַ ווייב? זיינע עלטערן וועלן דאָך אים נישט שיקן קיין געלט, ער זאָל זיצן ביי אירע עלטערן אויף גע־צאָלטע קעסט. און זי פאַרדינט דאָך אויך נישט, זי זאָל קאָנען אים אויס־האַלטן. ער האָט נישט קיין אַנדער ברירה ווי גאָר זיצן און לערנען. ערשט נאָך אַ סך, אַ סך יאָרן לערנען וועט ער קאָנען ווערן אַ ראָש־ישיבה און דערפון האָבן פּרנסה (...וועגן דעם אַז ער גרייט זיך אויף צו ווערן אַ משורר האָט ער איר בכלל נישט וואָס צו דערציילן). איז נו — „הלהן תעגנה לבלתי היות לאיש״ — וועט איר צוליב זיי בלייבן זיצן נישט צו נעמען קיין מאַן? וועט זי דען אַזוי לאַנג וואַרטן אויף אים? זי וועט דאָך שוין דעמלט... המם, נאָר זיך היטן זי נישט צו באַליידיקן! (אפשר דערציילן איר וועגן דער ליבע פון רבי עקיבאַ, ווי לאַנג זיין רחל האָט געוואַרט אויף אים און... וויפל זי האָט זיך אָנגעליטן?). יאָ, און כדי היינטיקע צייטן צו ווערן אַ ראָש־ישיבה, מוז מען פריַער חתונה האָבן (...נישט מיט קיין שוסטערס אַ טאָכטער, וועלכע קאָן אים אפשר צוזאָגן איר טאַטנס שוסטער־בענקעלע) — מיט אַ ראָש־ישיבהס טאָכטער, איבערצונעמען זיין כסא. המם... צי קאָן זי נישט צו מאָל דעם ראָש־ישיבהס מיידלעך? פון זיינע אַזעלכע רייד קאָן זי זיך נאָך אָנשטויסן אַז שרהקע דעם ראָש־ישיבהס איז איר קאָנקורענטקע. המם...

יאָ, אויב איך וועל רעדן אַזוי און מיט שׂכל, וועט זיין גוט. זי וועט פֿאַרשטיין. זי איז דאָך אַ קלוג מיידל. קלוגער ווי שיין...

דורכן אָפֿענעם פֿענצטער, וואָס ער האָט פֿאַרגעסן צו פֿאַרמאַכן, נעמט אַריינגווייען מיט ריחות פֿון וועלקנדיקן גרינוואַרג אין גאָרטן אַ פֿרימאָרגן־ווינטעלע. קילט זיין שווייסיקן שטערן און באַרויִקט זיין געמיט. ביסלעכווייז נעמען גליווערן אין אים די געדאַנקען. פֿאַרציִען זיך מיט אַ הייטעלע פֿון וואַרעמען נעפּל. און ביסלעכוויז שלאָפֿט ער איין, אַ דורשטיקער נאָך רו נאָך דער נעכטיקער שלאָפֿלאָזער נאַכט אויף דער פֿאַרטרערטער קישן.

29

ס׳זענען שוין אַריבער עטלעכע וואָכן זינט דער ראָש־ישיבֿה האָט אויף אַזאַ שענדלעכן אופֿן אַרויסגעוואָרפֿן דעם סקווירער פֿון דער ישיבֿה. אָבער דאָס געשעעניש איז נאָך אַלץ נישט פֿאַרגעסן. פֿון צייט צו צייט ווערן נאָך געפֿירט שמועסן צווישן די תּלמידים צי האָט דער ראָש־ישיבֿה רעכט געהאַט צו טאָן דאָס וואָס ער האָט געטאָן און אויף אַזאַ אופֿן ווי ער האָט עס געטאָן. פֿאַראַן צווישן זיי אַזעלכע וואָס מיינען און זאָגן אַז — ניין, ער האָט נישט געהאַט קיין רעכט דערויף. אַנדערע רעדן וועגן דעם אַפֿילו מיט פֿאַרביטער־רונג. אויך אַ ישיבֿה־בחור איז נישט הפֿקר, לכל־הפּחות צווישן די ווענט פֿון דער ישיבֿה. „זו תּורה וזו שׂכרה?״ — דאָס איז דער שׂכר פֿון מיִען זיך אין דער תּורה? דער עיקר קאָן מען דעם ראָש־ישיבֿה נישט מוחל זיין זיין לעצטן אויסגעשריי: „שוסטעריונג!״. נישט איין שוסטעריונג און שניידער־יונג לערנט דאָך דאָ. ווי האָט ער געקאָנט פֿאַרגעסן, דער ראָש־ישיבֿה, דעם „הזהרו בבני עניים שמהם תּצא תּורה״ — זייט געהיט מיט די קינדער פֿון אָרעמע הייזער, ווייל פֿון זיי וועט אַרויסקומען תּורה?! ס׳וואָלט זיין טשע־קאַווע צו וויסן: און ווער און וואָס איז עס זיין טאַטע, דעם ראָש־ישיבֿהס? מע זאָגט: אַ יישובֿניק, אַ פּאַכטער פֿון מילכיקס. מיט וואָס זשע איז דער יחוס אַ גרעסערער? אַפֿילו דער פֿיליפּאָווער, דעם ראָש־ישיבֿהס פֿאַרגע־זעענער ערשטער איידעם, רעדט וועגן דעם איינגעהאַלטן. ער פֿאַררופֿט זיך נאָר אויף דער גמרא וואָס זאָגט: אַז מע זעט אַ צדיק זינדיקן ביי טאָג, טאָר מען וועגן אים נישט טראַכטן שלעכט ביי נאַכט, ווייל טאָמער האָט ער

תשובה געטאָן. אויף אונדזער ראָש־ישיבה קאָן מען זאָגן אויף זיכער אַז ער האָט תשובה געטאָן.

— הינטערן טלית־קטן? — טוט עמעץ אַ זאָג בייסיק.

ס'זענען אין דער ישיבה דאָ אויך עטלעכע ציניקער, וועלכע פאַרגינען זיך אַפילו, אויף אַ גוטמוטיקן אופן פאַרשטענדלעך, אָפּצולעצעווען פונעם ראָש־ישיבה ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט. דער שאַרפסטער פון זיי איז בערל דווינסקער. ער זיצט אויף דער זעלבער באַנק וואָס דער מאַציעווער. מיט אַ דריי שטענדערס ווייטער פון אים. דער מאַציעווער מעסט אים אָפּט אָפּ פון קאָפּ ביז די פיס. אַ מאָגערער בחור מיט אַ מאַטעווע, אָפּגעצערט פנים, מיט אַ שטענדיק אַרויף־און־אַראָפּלויפנדיקן גרגרת־קנאָפּ, מיט בלוי־גרינבלעכע אויגן, וואָס בליצן־אויף אַלע איינס, סיי פון אַן אויפטו אין לערנען, סיי פון אַ ציניש ווערטעלע, אַן אייגנס, אָדער אַ פרעמדס. ווען ער שווייגט פאַרטראַכט, דריקט ער צוזאַמען די ציין, ווי ער וואָלט צווישן זיי געהאַלטן די מחשבה, און מע זעט ווי די קינבאַקן שפּילן ביי אים. ער איז פון די בעלי־כשרונות און אויך אַ מתמיד פון דער צווייטער מדרגה, אָבער תמיד גרייט צוליב אַ גלייכווערטל, בפרט אַ ציניש, איבערצורייסן דאָס לערנען. אויב פאַר אַ גלייכווערטל איז ער גרייט, ווי ער אַליין זאָגט אַ מאָל, טאַטע־מאַמע צו פאַרקויפן מיט זיידע־באָבע פאַר אַ צולאָג, — איז פאַר וואָס זאָל ער בנוגע דעם ראָש־ישיבה זיין בעסער? איז ווי מע רעדט אַזוי ערשט וועגן דעם ראָש־ישיבה, בעת אַ הפסקה אין לערנען, טוט ער אַ זאָג צו זיינע שטענדער־שכנים, מיט אַ גרין בליצל אין די אויגן און אַ שמייכעלע, וואָס שאַרפט זיינע דינע ליפּן, ווי מעסערלעך:

— און ווי איז דער צדיק עולה־רגל צו זיין עזרת־אישה? כע־כע. ווי שטייט דאָרט אין דער גמרא? „כאילו כפאו שד״ *. המם, אָט אַזוי...

די צוהערער רויטלען זיך, נישט אָן אויסבאַהאַלטענער הנאה, שמייכלען שולדיק־פאַרשעמט, קוקן אַוועק און זעען פאָרט זייטיק: בערעלע שפּילט אָפּ אַ סצענע, ווי אַן אַקטיאָר, מאַכנדיק צווישן צוויי בענק וואָס דאַרפן פאַרשטעלן צוויי בעטן, צוויי טריט פאָרויס און אַ טראָט צוריק... געבויגן, ציטעריק, מיט אַ פנים וואָס דריקט אויס שעמעוודיקייט, שרעק

---

* ווי אַ שד וואָלט אים געצוווּנגען.

און צער... ביז ער איז זיך ענדלעך מוסר־נפש, טוט זיך אַ וואָרף מיט פֿאַרמאַכטע אויגן אין אַ תהום אַריין...

— אַט אַזוי איז אַ צדיק מקיים די ערשטע מצווה פֿון דער תורה. — פֿאַרענדיקט ער שוין מיט אַן ערנסט פּנים און הייבט אָן ברומען־ניגונען איבער דער גמרא.

דער מאַציעווער, וועלכער שטיקט זיך די גאַנצע צייט מיט אַ טרייף געלעכטער, וואָס אַט־אַט רייסט זיך עס אַרויס פֿון דער קעל, טוט אַ שיס אויס מיט אַן אָפּגעהאַקט געלעכטער. די לערנענדיקע בחורים אויף אַ באַנק הינטן און אַ באַנק פֿאָרויס טוען אַ קוק אויף אים מיט בייזע אויגן: ער האָט זיי איבערגעריסן די מחשבות. און איינער טוט זיך אַ בייזער:

— בן נבט!* לערנט אַליין נישט און שטערט אַנדערע!

בערעלע דווינסקער און די איבעריקע שכנים לערנען שוין אויף אַ קול. ער דערשטיקט אין זיך דאָס לאַכן, וואָס כאָרכלט נאָך אַלץ אין אים. לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ אויפֿן שטענדער, ווי צו פֿאַרטראַכטן זיך אין לערנען. אָבער סע טראַכט זיך עפּעס אַנדערש:

...איין מאָל. שבת. ער גייט מיט דער בריק איבער דער ווילִיע קיין קאָוונע. סע ציט אים צום אַלעקסאָטער באַרג, אויף וועלכן סע שטייט אַ „בעסיעדקע” וואָס, לויט מע זאָגט, האָט אין איר אַברהם מאַפּו געשריבן זיין „אַהבת ציון”; קאָוונע איז געווען פֿאַר אים — ירושלים, און דער ניעמאַן — דער ירדן. קומט אונטער יאַנטל דווינסקער, אַ דיקלעכער, מיט וואַסערדיק־בלויע אויגן. שוין גאַרנישט קיין גרעאַטענער אין זיין בן־עיר, בערעלע דווינ־סקער. אין לערנען האַלט מען אים פֿאַר אַ צוגעפּלאַטשטן אַ ביסל. ער באַ־גריסט זיך און טוט אים אַ פֿרעג: „וווהין גייט מען עס, מאַציעווער?”. זאָגט ער אים. פֿרעגט ער ווייטער: „ווער איז ער עס, דער מאַפּו?”. אָבער דער ענטפֿער איז אים, ווייזט אויס, נישט אַזוי נייטיק, ווייל ער רעדט שוין ווייטער: „און איך גיי זעען די גרויסע קאָוונער שול. דאָרט ברענען, זאָגט מען, ליכט נישט פֿון חלב, נאָר פֿון עלעקטרי”. דאָ קומט זיי אַן אַנטקעגן אַ יונג פּאָרל, פֿירנדיק פֿאַר די הענטלעך אַ ליכטיק יינגעלע מיט אַ העל געלעקלט קעפּעלע און בלויע גרויסע אויגן. אַזאַ זיס קינד אַזש דער בליק

* געמיינט: ירבעם בן נבט, וועגן וועלכן דער פּסוק זאָגט: „אשר חטא ואשר החטיא” — וואָס ער האָט געזינדיקט און וואָס ער האָט געמאַכט זינדיקן.

קלעפּט זיך צו דעם. אָבער יאָנטלען פּירט אָט דאָס יינגעלע אַרויף אויף גאָר אַנדערע מחשבות. ער קאָן זיי אין זיך נישט פאַרהאַלטן. „הערט, מאַ־ציעווער, — טוט ער אים אַ וויש דאָס געהער מיט זיין גרוילעכער האַריי־קער שטים, — אַז סע גייט נאָך אַ זכר מיט אַ נקבה בלויז זאַלבעצווייט, מילא, איז נאָך צו דערליידן. אָבער, המם, אַזעלכע ווי אָט די צוויי מיט אַ קינד אין דער מיט, פאַרשטיי איך נישט: ווי האָבן זיי דאָס נישט קיין חרפה־בושה ביז אין זייער וויטן האַלדז אַריין? אַלע פאַרשטייען דאָך ווי אַזוי און פון וואַנען דאָס קינד האָט זיך ביי זיי דערנומען!". טו איך אַ שיס אויס אַ געלעכטער, נישט ווי פריִער דאָ — אָן אָפּגעהאַקטס, נאָר אַ כפול־שמונהדיקס און באַקום פאַר דעם אַ פּסק, אויך נישט ווי היינט דאָ. ס'קומט אונדז אָן אַנטקעגן אַ ליטווינער שגץ מיט אימפּעט, טוט אַ שטאַרץ אַרויס צו מיך זייט אַ פאַרשפּיצטן עלנבויגן, ווי אַ שטילעט, און איך דער־פיל — ער איז אַריין אין מיר... ס'לעשט זיך אויס אין מיר דאָס גאַנצע לעבן... מיין שאַרבן טאַנצט אויף מיין קאָפּ ווי אַ טעלער שווינדלעניש... אָט־אָט פאַל איך אין חלשות... נישט אומגעפאַלן, שליך איך, וואַקלענדיק זיך ווייטער. קום ביסלעכוויז צו זיך און באַנעם: אַ ליטווישער אַנטיסעמיט האָט זיך אָפּגערעכנט מיט אַ יידן פאַר וואָס ער פאַרגינט זיך צו לאַכן. המם, און ווו איז יאָנטל דווינסקער? נישטאָ. אַנטלאָפן, משמעות, פאַר פּחד. איבערגעלאָזט אַ חבר.. וואָס וואָלט געווען ווען איך פאַל דאָ אַנידער אין חלשות? נסים! אומעטום לעבט אַ ייד מיט נסים. נו, דער סקווירער וואָלט נישט אַזוי געהאַנדלט. דאָס איז זיכער. ער וואָלט זיך אַ יאָג געטאָן נאָך דעם אַנטיסעמיט און וואָלט אים פאַרפאַרן אין גאַניק, אַז יענער וואָלט געבליבן ליגן ווי אַן „עגלה־ערופה" *, און באַלד געלאָפן צו מיר... כאָטש דעמלט, אין דער הייסער מינוט, האָט ער מיך באַליידיקט מיט אַזאַ זידל־וואָרט: „איר זענט דעם ראָש־ישיבהס אַ שמעגענע!", כמעט אַ שפּיי אין פּנים, המם, נו מילא: „אין אדם נתפס בשעת צערו" **. און וואָס טאָקע איז מיט אים? נישט מע זעט אים אַליין — אַ נסתר געוואָרן, נישט מע הערט עפּעס מכוח זיינע אַנשרעקנדיקע מעשים קעגן דעם ראָש־ישיבה מיטן משגיח מיט דער גאַנצער ישיבה. פון זיינע פייערדיקע רייד דעמלט — „גפרית ואש...

---

* אַ יונגע קו, וואָס מ'האָט איר אָפּגעהאַט דעם גאַניק.

** מען קאָן נישט באַשולדיקן אַ מענטשן בעת ער ליידט.

מן השמים״ *, האָט זיך אויסגעדאַכט, ער וועט די גאַנצע יידישע וועלט שטעלן אויף די פיס! דער פאַנאַטישער ראָש־ישיבה וועט געפירט ווערן צו „עקידת־יצחק״, און די „כנסת בית יצחק״, די תפיסה פאַר אומשולדיקע יונגע נשמות, וועט אַוועק מיט פייער און רויך! לסוף — שאַ, שטיל, ווי גאַר זיינע פלאַמיקע רייד זענען אַוועק מיטן ווינט.

30

די ערשטע דריי טעג, נאָך דעם ווי דער ראָש־ישיבה האָט אים אַזוי שענדלעך אַרויסגעוואָרפן פון דער ישיבה, ברענט ער, דער סקווירער, ווי אַן אַנגעצונדענער קין. ער ברויזט פון צאָרן און נקמה־דורשט. ער קעמפט ערשט נישט בלויז פאַר זיך אַליין, נישט בלויז קעגן דעם פאַנאַטישן ראָש־ישיבה, נאָר פאַר אַלע אומגליקלעכע, פאַרבלענדטע און פאַרפינצטערטע ישיבה־בחורים, זיינע ברידער, און קעגן דעם פאַנאַטיזם גופא. ער, וואָס האָט דאָס דערפילט אויף דער אייגענער הויט צום שטאַרקסטן, צום בלוטיקסטן, איז עס מחויב צו טאָן. און ער שרייבט מיט ברען און אימפעט די קאָרעספּאָנדענץ צו די „בלעטער״ וועגן דעם חושך־מצרים און דער פּראַ־אדמדיקייט וואָס הערשט אין דער ישיבה „תפיסת בית יצחק״ אין סלאַ־באָדקע אונטער דער פינצטערער אָנפירונג פון דעם צדיק דעם פאַנאַטיקער דעם... גאון, נישט גאון, אָבער פאַר אַלעמען דאַרף דאָך אַ ראָש־ישיבה זיין אַ מחנך און אַ מוסטער פאַר זיינע תלמידים! און דאָ — הערט און שטוינט, ווייל ס׳איז אַ שוידערלעכע פּאַסירונג, די אייגענע אויגן נישט צו גלייבן! מען דאַרף אָבער דערצו נישט זיין קיין פּתי־מאַמין, ווייל ס׳האָבן דאָס צוגע־זען ביי אַ קנאַפּע צוויי הונדערט לומדי־תורה — — —

אָבער, נישט געקוקט אויפן ברען מיטן אימפעט, קומט אים אָן דאָס שרייבן, דעם סקווירער, שוין גאַרנישט אַזוי לייכט ווי ער האָט זיך עס פאָרגעשטעלט. נישט ווי סע רעדט זיך אַזוי שרייבט זיך. עפּעס ווי די אייגינע געדאַנקען וואָלטן זיך דערשראָקן פאַרן ווייסן פּאַפּיר, ווי פאַר... תכריכים, און פאַרן שוואַרצן טינט ווי פאַרן מלאך־המות. און ס׳איז שווער, ממש קריעת־ים־סוף, זיי אַפּצוגעפינען, כאָטש דו פילסט זיי ביי דיר

* שוועבל און פייער... פון הימל.

אונטערן שאַרבן. און אַז דו שלעפּסט זיי שוין ענדלעך אַרויס פאַר דער „טשאַפּרינע", צעלויפן זיי זיך ערשט אין דרויסן און — שיט זיי זאַלץ אויפן עק! ווערסטו אויפגעקאָכט אויף זיי און ביסט גרייט... אָבער דאָס זענען דאָך דיינע אייגענע געדאַנקען. כאַטש נעם און שמייס אָפּ זיך אַליין!

נאָר אָט — אַ־אַ־אַך! — די קאָרעספּאָנדענץ איז שוין פאַרטיק. פון דעסטוועגן פילט ער: ס'פעלט נאָך דאָ אַ ביסל קליי צווישן די שורות, שוין אָפּגערעדט פון נאָך אַ ביסל זאַלץ און פעפער. ס'איז דאָך עפּעס נישט גלאַט קיין בריוול פאַר אַ בריוונשטעלער, נאָר אַ מאמר פאַר אַ בלאַטצייטונג. איז ער נישט פויל און נישט שעמעוודיק און לאָזט זיך אַוועק קיין קאָוונע צום דרישקעפּאָליער נאָך הילף. ער שטייט צוזן אים צו: „איר זענט אַזאַ באַליידיקטער און געליטענער, ווי איך, לייגט זשע אויך צו אַ האַנט. און ווען דער דרישקעפּאָליער טוט אין דעם געשריפטס וואָס ער טוט, לויפט ער שנעל אויף דער קוואַרטיר און שרייבט איבער דעם מאמר אויף ריין אין עטלעכע עקזעמפּליאַרן און שיקט זיי אָפּ „זאַקאַזנאָיע"* אין די יִדישע רעדאַקציעס. אויך — אין אַ העברעיִשער, מיט דער בקשה מע זאָל עס דאָרט איבערזעצן אויף ריין לשון־קודש, „ווייל אַז די פינצטערע ישיבה־עלעמענטן געפינען נישט פאַר נייטיק צו לערנען זייערע בלינדע תלמידים דאָס הייליקע לשון פון די אָבות, איז פון וואַנען זאָלן זיי עס קאָנען, זייערע קרבנות, וואָס ביז היינט איז דער שרייבער פון דעם מאמר געווען איינער פון זיי?".

פּטור געוואָרן פון אָט דעם שווערן יאָך, וואָס ער האָט אויף זיך אַליין גענומען לטובת־הכלל, דערפילט דער סקווירער: ער איז אויסגעשעפּט און אויסגעלאָשן. ער איז אויך נישט אין גאַנצן רויִק: ער שרעקט זיך טאַקע נישט פאַרן ראָש־ישיבה, אָבער טאָמער גייט אַוועק פון דער ישיבה אַ מסירה־בריוו צוזן אים אַהיים נאָך איידער ס'וועט זיין אָפּגעדרוקט אין די „בלעטער" זיין מאמר? קאָן ער דערוויל, איידער וואָס־ווען, באַקומען פון טאַטע־מאַמע אַ טעלעגראַמע: „שוין קומען צו פאָרן!". כדי דעם צו פאַרלויפן דעם וועג גייט ער גלייך אַוועק אין אַ קלויז, ווו ס'לערנען עטלעכע עלטערע בחורים פון דער ישיבה, און זעצט זיך אַנידער לערנען מיט ברען און התמדה: דאָס וועט נאָך היינט אָנקומען צום משגיח און פון אים צום

* פאַרסטראַכירט.

ראַש־ישיבה; זיי וועלן זעען דערין חרטה פון זיין זייט און זיך אָפּהאַלטן, אויב דאָס איז נאָך ביז היינט נישט געטאָן געוואָרן, פון פאַרמסרן אים אין דער היים. זיי וועלן האָפן, אַז ער וועט נאָך אין גאַנצן חוזר־בתשובה זיין און קומען איבערבעטן דעם משגיח (אין אַ יאָר מיט אַ מיטוואָך אַרום! דאָס וועט געשען דעמלט ווען אויף אַ גלאַטן טעלער וועט אָנוואַקסן אַ באָרד!). און דערווייל וועט זיך באַווייזן דער מאַמר אין די „בלעטער". נו, דעמלט מעגן זיי אים שוין פאַרמסרן פאַר דער היים. ס'וועט שוין זיין „ידו על העליונה" *. ער וועט אַליין פאָרן אַהיים.

לערנט ער מיט געמאַכטן ברען און וואַרט מיט אמתן אומגעדולד. לויפט יעדן טאָג און קויפט די „בלעטער". נישטערט בחיפזון מיט די אויגן צווישן זייערע קעפּ — אפשר טוט זיך אַ שטעק אַרויס דער קאָפּ פון זיין מאַמר. נישטאָ! וואָס אַ טאָג לענגער אַלץ נידעריקער לאָזט ער אַראָפּ דעם קאָפּ איבער די „בלעטער" אַנטוישט־דערשלאָגן: נישטאָ און נישטאָ!

ביסלעכווייז גייט אויף אין אים אַ צאָרן אויף די רעדאַקציעס און די רעדאַקטאָרן: זיי, וועלכע שרייבן כסדר וועגן לייטישקייט און וועלטלעכ־קייט, פאַר וואָס לאָזן זיי נישט הערן דער וועלט זיין ליידנדיקע שטים? באַ־ווייזן נישט זיין פאַרוווּנדעטע האַרץ? רייסן נישט אַראָפּ די מאַסקע פונעם פאַנאַטיזם, מע זאָל זעען זיין פינצטערן פּרצוף? איז הייסט עס, בכלל נישטאָ קיין אמת אויף דער וועלט! ביי די וועלטלעכע די „ליכטיקע" נאָך ווי־ניקער אפשר ווי ביי די פרומע די „פינצטערע"! האָט טאַקע ריכטיק געזאָגט דעמלט דער מטיף אין קאָוונער שול: „אמת מארץ תצמח" — אמת וועט פון דער ערד אַרויסשפּראָצן; אַלץ וואָס שפּראָצט מוז פריִער אין דער ערד פוילן; איז די ערשטע העלפט פונעם פּסוק: „אמת מארץ" זעען מיר מיט אונדזערע אויגן — דער אמת ליגט אין דרערד און פוילט, אָבער זיין צווייטע העלפט, דעם „תצמח", אַז ער וועט אַרויסשפּראָצן, האָבן מיר נאָך נישט די זכיה צו זעען, בעוונותינו הרבים; דאַרפן מיר אים העלפן, דעם אמת, אַרויסשפּראָצן פון זיין פוילן אין דער ערד מיט אונדזערע מעשים־טובים, וואָס זענען בבחינת גשמי־ברכה... קודם כל טוען עס די אמתע צדיקים און די גדולי־הדור — —". און ביי אונדזער ראַש־ישיבה שפּראָצט שוין דער אמת? אפשר... טאַקע יאָ. איי, וואָס ער האָט געטאָן צו מיר?

* ער וועט האָבן די אייבערהאַנט.

וואָס איז ער שולדיק, נעבעך, אַז ער איז אַ פֿאַנאַטיקער? ער איז ערלעך אין זיין פֿאַנאַטישקייט, ער וואָלט דאָס אייגענע געטאָן צו זיין אייגענעם קראַנקן זון. און ער דערשפּירט, דער סקווירער: זיין גליִענדיקער צאָרן אויפֿן ראָש־ישיבה איז שוין אָפּגעגאַנגען. און וואָס ווייטער?

דעם ערשטן טאָג ראָש־חודש אלול, ווען דער סקווירער דערהערט אין קלויז בלאָזן שופֿר, טוט ער זיך אַ הייב אויף פֿון אָרט, נעמט די גמרא אונטערן אָרעם און לאָזט זיך אַוועקגיין אין דער ישיבה. ער איז „פּעלץ" ביי זיך, אַז דער משגיח וועט זיך היינט מאַכן נישט זעענדיק אים. ער קומט אַריין אין דער ישיבה, פֿאַרנעמט זיין אָרט ביי זיין שטענדער און הייבט אָן לערנען. דער משגיח מאַכט זיך גלייך ער זעט אים נישט און איז ממשיך זיין דרייען זיך „הקפֿות" אַרום באַלעמער. אָבער דעם סקווירערס שטענדער־שכן, דער אָלקעניקער, אַ זייער טשעקאַווער בטבע, זעט אַז ער האָט שוין גראָד יאָ דערזען דעם סקווירער, און ער נעמט אים נאָכשפּירן, דעם משגיח. זעט ער אין אַ פּאָר מינוט אַרום: ער גייט אַרויס. ווערט זיין טשעקאַוועסט נאָך שטאַרקער, און ער גייט אים נאָך. ער לאָזט זיך, דער משגיח, צום ראָש־ישיבהס שטוב און גייט אַריין אַהין... אַוודאי אים צו דערציילן אַז דער סקווירער איז אין ישיבה. וואָס וועט דאָ זיין? ווען ער וואָלט געקאָנט אונטערהערן, וואָס זיי שמועסן דאָרט! מיט באַדויער קערט ער זיך אום צוריק אין דער ישיבה. געדויערט נישט לאַנג און אויך דער משגיח קערט זיך אום צוריק. ער מאַכט זיך ווייטער נישט זעענדיק דעם סקווירער. משמעות, אַז דער ראָש־ישיבה האָט אים אַזוי געהייסן. איז ער דאָך שוין גאָרנישט אַזוי שלעכט דער ראָש־ישיבה, אַז ער האָט אים נישט געהייסן באַפֿעלן דעם סקווירער צו פֿאַרלאָזן די ישיבה...

אין אַ האַלבער שעה אַרום לויפֿט דורך אַן איבערראַשנדיקער שעפּטש פֿון לערנער צו לערנער, פֿון באַנק צו באַנק, פֿון הינטן ביז אַרויף:

— דער ראָש־ישיבה!

וואָס עפּעס אַזוי אומגעריכט? און... אַז דער סקווירער איז איצטער דאָ אין דער ישיבה, צי וועט זיך נישט באַלד איבערחזרן די אייגענע מעשה וואָס דעמלט?! די שטימונג ביי די לערנער איז אַן אָנגעשטרענגטע און געהויבענע. אויך דאָס קול־תורה הייבט זיך העכער, ביי וועמען לשמה, ביי וועמען שלא־לשמה: אפֿשר וועט אים דער ראָש־ישיבה באַמערקן. די וואָס לערנען נאָר לפֿנים זעען: דער ראָש־ישיבה גייט אום אַ מבולבלער פֿון

באַנק צו באַנק. יעדעס מאָל ווען עמעצער וויל זיך פון זיין כבוד וועגן אויפשטעלן, ווי ס׳איז דער דין, טוט ער אַ מאַך מיט דער האַנט און אַ שעפּטשע מיט די ליפּן: „ותלמוד תורה כנגד כולם״*. און אָט בלייבט ער שטיין לעם סקווירערס שטענדער. דער סקווירער שאָקלט זיך מיט געזאַנג איבער דער גמרא, ווי אַלע אַנדערע. דער ראָש־ישיבה רירט אים אָן פאַר אַן אַרבל. דער סקווירער הייבט אויף די אויגן, ווערט אַנגעצונדן און צעמישט, אָבער... שטעלט זיך נישט אויף לויטן דין.

— סקווירער, — בעט זיך דער רבי ביים תלמיד, און צער קוקט אים אַרויס פון די אויגן, — סקווירער, זייט מיר מוחל.

דער סקווירער פילט: ס׳טראָגט אים אונטער פון אָרט, אָט וועט עס מיט אים אַ שמיץ טאָן. אָבער עקשנות און אַ געפּיל פון נקמה און נצחון האַלט אים צוגעשמידט. ער האָרכט זיך איין ווי דער אַלקעניקער ציט אים באַפּעלנדיק פאַרן ראַנד פון דער מאַרינאַרקע. די שכנים אַרום מאַכן זיך לערנענדיק, נישט זעענדיק. ס׳איז נישט צו פאַרטראַגן דעם רבינס הכנעה און פאַרשעמונג גליך ווי, להבדיל, דעם סקווירערס גסות און חוצפּה. זאָל ער כאָטש מיינען, דער צדיק, אַז קיינער זעט נישט און הערט נישט.

— סקווירער, — חזרט איבער דער רבי און איז מוסיף מיט געטלע־כער תמימות, — איך וועל אייך פאַרגרעסערן די חלוקה אויף אַ גאַנץ רובל... זייט מיר מוחל.

אויפן סקווירערס פּנים מיניעט זיך רויטס און ווייס. נאָר ער פאַר־קוועטשט די ציין און שווייגט. דער אַלקעניקער טוט אים אַ קניפּ אין אַ פּוס. אָבער ער מאַכט אַלץ נישט קיין מינדסטע באַוועגונג זיך אויפצוהייבן. דער רבי, אַנשטאָט אַ טראַכט צו טאָן, אַז גראָד ערשט פאַרדינט זיך דער הוצפּהדי־קער תלמיד מע זאָל אים אַרויסשלידערן פון דער ישיבה, טראַכט גאָר אַז דער סקווירער איז צון אים געשיקט געוואָרן מן השמים ווי אַ נסיון פאַר אים אין חודש אלול. ווי אַ וואָרענונג קלינגט אים אין אויער דער קול־שופר פון היינט אין דער פרי... און מיט אַ שטים וואָס איז ווייך און וואַרעם פון פאַרהוילענע טרערן בעט ער זיך ווייטער:

— סקווירער. איך אַליין וועל מיט אייך לערנען. איר וועט ווערן אַ גדול בישראל. זייט מיר מוחל...

* לערנען תורה באַשטייט אַקעגן אַלע מצוות.

דער סקווירער טוט זיך אַ שטעל אויף, און זיינע ליפּן מורמלען:

— זאָל דער רבי מיר מוחל זיך.

אויפן רבינס פּנים טוט אַ שיין אויף אַ זון פון פרייד. ער טוט אַ כאַפּ אַרום דעם תּלמיד:

— אַ געזונט אין איך, סקווירער! קומט שוין מיט מיר אין שטוב. מירן זיך זעצן לערנען. ס׳איז ראָש־חודש אלול!

ווי נאָר דער רבי מיטן תּלמיד טרעטן אַריבער די שוועל פון דער ישיבה, צעטראָגט זיך דער וווּנדער איבער אַלע שטענדערס. ס׳ווערט אַ גערעדעריי, אַ דערהויבנס און היציקס. ווי אין אַ בינשטאָק. און אין מיטן דעם טומל שטייט דער משגיח מיט אַראָפּגעלאָזטע אַרבל, פּינטלט מיט די אויגן, ווי אַ גולם, נאָר אויף זיין פּנים און באָרד פלאָטערט אַן אומבאַשטימט שמייכעלע.

— וואָס אַ צדיק קאָן! — זאָגט דאָס מאָל בערעלע דווינסקער אָן אַ שמץ שפּאָט אין די אויפגעלויכטענע גרין־בלויע אויגן. ער דריקט צוזאַמען די ציין, און זיינע זיך באַוועגנדיקע קינבאַקן דריקן אויס זיינע מחשבות.

און ער, בערעלע, איז איצט אויך דער ערשטער וואָס נעמט זיך צוריק צום לערנען. אים כאַפּט באַלד אונטער דער איישישאָקער מתמיד פון הינטערן עמוד. און ביסלעכווייז גייט איבער דאָס גערויש פון רייד אין אַ פריילעך קול־תּורה, ווי — דאַכט זיך, קיין מאָל אַזעלכעס נישט געווען. דער משגיח גייט אַרויס פון זיין צעשמייכלטער פאַרגליווערונג און דרייט זיך שוין ווידער אַרום באַלעמער.

אויך דער מאַציעווער נעמט לערנען. נאָר ערגעץ טיף אין זיין געמיט נעמט אים נאָגן אַ מחשבהלע, ווי אַ ווערעמל: דער סקווירער... שרהקע דעם ראָש־ישיבהס... אַז זיי וועלן זיך באַגעגענען אַלע טאָג... וועל נישט איך זיין דעם ראָש־ישיבהס איידעם, נאָר...

31

ס׳ציִען זיך די חודש־אלולדיקע טעג, פולע ליכט, אָבער שוין אָפּגע־קילטע. די זון לייכט פון הימל אָן גלי. דער ברעג פון דער ווילִיע, וווּ מע פלעגט זיך באָדן, איז פּוסט, און זיין זאַמד איז ווי העלער געוואָרן. די טייך־אויבערפלאַך האָט באַקומען אַ רונצל, פון אַ קילבלעך ווינטל וואָס בלאָזט אויף איר מיט אומגעזעענע ליפּן, און זעט אויס, שפּילנדיק קעגן די זונ־

שטראַלן, ווי מיליאָנען שאַרפע מעסערלעך, גרייטע איינצושניידן זיך אינעם לייב פון דעם וואָס וועט זיך דערוועגן זי אויפצורודערן מיט זיין נאַקעטקייט. און אַוודאי ציטערן די פיש אין וואַסער.

דאָס נידעריקע גראָז אויפן פּלאַץ פאַר דער ישיבה „כנסת בית יצחק" איז שוין אין גאַנצן פאַרגעלט און דערמאָנט די ישיבה־בחורים אַז אויף די ביימער פאַזע די וועגן הינטער סלאָבאָדקע, וווהין זיי זענען זומער גאַנץ זעלטן אַרויס אויף אַ שפּאַציר, האָבן שוין אָנגעהויבן זיך ברוינען און געלבן די בלעטלעך, אַזוי גלייך ווי דאָס גרינס אין די גערטנער פון שטעטל לייגט זיך שוין איין, ווערט מינער און מינער, און די בייטן ווערן פליכע־וואַטע און וויסט.

אין דער קילקייט פון דער לופט ביי אַזאַ זוניקער ליכטיקייט איז פאַראַן עפּעס אומגעוויינלעכס, ווייל די הייסע זומער־חדשים האָבן צוגעוווינט אַז ליכט און היץ זענען אַ צווילינג — וואָס ליכטיקער דער טאָג אַלץ הייסער איז ער, וואָס הייסער — אַלץ ליכטיקער. און אָט דאָס אומגעוויינלעכס דערמאָנט אינעם נשמהדיקן פון חודש אלול: זיין יעדער טאָג, וואָס לאָזט זיך הערן דאָ און דאָרט מיט אַ שופר־בלאָזן, דערנענטערט צו די ימים־נוראים. כאָטש דאָ, אין „כנסת בית יצחק", וווּ דער עיקר איז דאָס לערנען — אַנדערש ווי אין „כנסת ישראל", וווּ דער ערשטער עיקר איז דער מוסר — פילט מען עס נישט אַזוי שטאַרק אָפּ.

דעם צווייטן אלולדיקן שבת, פאַר נאַכט, פילט אַרייך צום מאַציעווער — שמעיה. ער איז היינט ווי אין גאַנצן אַ דורכגעווייקטער מיט אלולדיקייט. דערציילט נסים ונפלאות וואָס סע טוט זיך אָפּ אין זייער ישיבה, אין „כנסת ישראל", צוליבן אלול. דער קליינינקער און דינענקער „מסילת ישרים" וועגט היינט אַריבער די דיקסטע מסכת. נישט אין דעם ים־התלמוד כאַפּן די ישיבה־בחורים אַ ציטער, ווי די פיש אין וואַסער, נאָר אינעם שמאָלן טייכעלע וואָס הייסט „מסילת ישרים". דער ראָש־ישיבה, דער „תכלת מרדכי", שטייט איצטער מיט זיינע שיעורים אין שאָטן פונעם „אַלטן" מיט זיינע „מוסר־שמועסן". דער „אַלטער" האַלט אָפּ אין ישיבה יעדן טאָג „אַ שמועס", און אַ מאָל אויך צוויי „שמועסן". ער פאַררופט אויך תלמידים צו זיך אויף „אַ שמועס ביחידות". און די וועגט פון זיין אָפּגע־שלאָסענעם חדר זענען עדות ווי ער שמייסט מלקות מיט ווערטער, ווי ריי־טער; ווי אַ חיה־צוימער אין צירק. די גאַנצע צייט גיט מען אָפּ פאַר

התבוננות אין זיך אַליין. אין אייגענעם האַרץ־און־מוח. פאַראַן בחורים — ער אַליין, שמעיה, טוט אויך אַזוי — וואָס זונדערן זיך אָפּ אַפילו פון דער ישיבה און מאַכן זייער חשבון־הנפש מיט זיך אַליין ערגעץ אין אַ ווינקל און אַ קלויז. מע טראַכט זיך אַריין מיטן מוח אין די אייגענע מעשים און מחשבות פאַרן גאַנצן פאַרגאַנגענעם יאָר, און דאָס האַרץ ווערט אויפגערו־דערט צו חרטה און תשובה. מען טוט תשובה באַצייטנס, אײדער ס'קומט אָן דער יום־הדין, ווען מע וועט זיך שטעלן פנים־אל־פנים פאַרן אמתן „אַלטן" — דעם „עתיק־יומין"...*

אָבער ער פילט אָפּ, שמעיה, אַז פון וועלוולען ווייעט עפּעס אַ קעלט אויף זיינע הייסע רייד און... יאָ, פון צייט צו צייט ווי ער וואָלט אַפילו אַריינגעשטאָכן אַ נעדעלע שפּאָט אין זיין פּנים. וואַקסט אָן אין אים נאָך שטאַרקער דער באַגער אים בייצוקומען און איבעררעדן. טוט ער אַ זאָג מיט היץ אונטערצוואַרעמען וועלוולס חשק:

— ווייסט וואָס, וועלוול? המם, קום ערשט מיט מיר אין „כנסת ישראל". אין דער טונקל וועט זיך קיינער אויף דיר נישט אומקוקן אַפילו. בפרט אַז ס'איז איצט, צווישן מנחה־מעריב, די שעה פון חשבון־הנפש פונעם גאַנצן ישיבה־כלל. קום!

און ער טוט אים ממש אַ שלעפּ פאַר דער האַנט. ווערט וועלוולען טאַקע טשעקאַווע: חוץ דעמלט בעת זיין אָנקומען קיין סלאָבאָדקע, דאַרט אויפן הייפל, ווען ער האָט געכאַפּט אַזאַן אָפּשניט פונעם „אַלטן", איז ער דאָך נאָך אין דער ישיבה „כנסת ישראל" קיין מאָל נישט געווען. ס'איז כדאַי. און ער לאָזט זיך „נעמען אויף כוח".

אַריינגעקומען, איז שוין אין ישיבה טאַקע שטאַרק טונקל. די פענצ־טער, כאָטש גרויסע, זענען דאָ אַריינגעשטעלט הויך. העגגט ערשט די בלייכע שיין, וואָס קומט דורך זיי פונעם פאַרנאַכטיקן דרויסן, איבער דער הייך פון אַ מענטשן. ס'איז דאָ צוזאַמענגעדריקט אַ געדיכטע לופט, אָנגע־וואַרעמט פון מענטשלעכע זיך מידנדיקע גופים און איינגעהאַלטן־הייסע קולות. אַ געדיכטעניש פון מענטשן־סילועטן לענגויס די שורות בענק. סי־לועטן מיט די פּנימער צו מזרח. זעט מען בלויז נאָקנס אונטער ראַנדן פון קאַפּעליאַשן און זעלטן — אַ פּראָפיל. סילועטן — שטייף שטייענדיקע אין

---

* באַצייכענונג פאַרן באַשעפער.

זיצנדיקע; סילועטן — זיך באַוועגנדיקע, שאָקלענדיקע און וואַרפנדיקע: סילועטן, וואָס לאָזן זיך הערן מיט קול און מיט ניגון. יעדער מיט זיין באַזונדער קול און ניגון. אָבער דאָס אַלץ גיסט זיך צוזאַמען אין דער געדיכטער, וואַרעמער לופט אין איין געזאַנג־געקרויש.

— אוי־אוי, אוי־אוי, איי־איי, איי־איי־איי... — ניגונט איינער ווייך־פאַרטראַכט. ער איז נאָך אין זיין חשבון־הנפש נישט דערגאַנגען מיט וואָס ער האָט געזינדיקט און צי ער האָט בכלל געזינדיקט. ער וועגט ערשט זיינע מעשים און מחשבות פאַרן גאַנצן פאַרגאַנגענעם יאָר אויף דער גאָלדענער וואָגשאָל פון חכמה־בינה־דעת. ווארן דעם מענטשן קאָן זיך אַ מאָל אויסדאַכטן, אַז אַלץ איז ביי אים כשורה, און... די שורה איז ביי אים אַ פאַרקרימטע, אַ פאַרדרייטע. „אין אָדם רואה נגעי עצמו"*. מע דאַרף אַריינקוקן מיט אַ שאַרפן פאַרשטנדיקן בליק אין סאַמע תוך פון די אייגענע מעשים און מחשבות. פון דרויסן קאָנען זיי אויסזעען אַפילו שיין, פיין און הערלעך. און אינעווייניק — פוילעכץ. ווי אַ רויטער פרישער עפּל אויף אַ שמחת־תורה־פאָן, וואָס אינעווייניק, אין זיין הערצעלע מיט די שוואַרצע יאָדערלעך, טאַטשעט אַ וואָרעם. — אוי־אוי, איי־איי, איי־איי־איי... מאַך ליכטיק, גאָטעניו־פאָטער, מיינע אויגן פון אַ זינדיקן בשר־ודם. נעם אַראָפּ פון זיי די בעלמעס, איך זאָל דערזעען מיינע זינד, און כ'וועל תשובה טאָן. איך טו שוין באַצייטנס תשובה. דו וואַרטסט דאָך אויף אַזעלכע. צי קאָן זיין אַן ערגערע זינד ווי לאָזן דיך וואַרטן?!

— אוי־אוי, אוי־אוי, איי־איי, איי־איי־איי... — וויינט דאָרט אַ צווייטער לעבן אָרון־קודש מיט אַזוי פיל האַרץ אין קול, מיט אַזוי פיל כלות־הנפש, מיט אַזוי פיל פאַרצווייפלונג, אַז ס'כאַפּט אָן אַ רחמנות אויף אים: גאָט אין הימל, וואָס פאַר אַ שרעקלעכע זינד האָט ער געמוזט באַגיין אָט דער מוסרניק! נאָר אַז מע האָט אַזוי חרטה און מע טוט אַזוי תשובה, וואָס פאַר אַ באַטרעף קאָנען האָבן די גרעסטע זינד? אָבער יענער, דער בעל־תשובהניק, גלייבט, אַ פּנים, נישט, האָט נישט די זיכערקייט אַז די זינד וועלן אים פאַרגעבן ווערן, און שאָקלט זיך אָן אויפהער, ווי געטרייסלט פון אַ מוסרזאָגער — פונעם „אַלטן". — אוי־אוי, אוי־אוי, איי־איי, איי־איי־איי...

וועלוול דערפילט זיך אויף אַן אויגנבליק אויפן אָרט פון דעם בחור.

---

* דער מענטש זעט נישט זיינע אייגענע פעלערן.

ס׳צוויקט אים פאַרן האַרצן. אָט־אָט וועט ער זיך אָנהייבן שאָקלען מיט געוויין: „אוי־אוי, אוי־אוי, איי־איי, איי־איי־איי...”, נאָר אין דעם מאָמענט טוט זיך פּלוצעם אַ רייס אַריין אין זיין געהער אַ דריט קול פון דעם קהלשן געזאַנג:

— אוי־אוי, אוי־אוי, איי־איי, איי־איי, איי־איי־איי... — שוין דווקא אַ האַפּערדיקס און פריילעכס. כ׳האָב שוין אויפגעדעקט אין זיך דעם אמתן זין פון מיינע מחשבות און מעשים. און מיינע זינד זענען נישט אַזעלכע גרויסע. און דער אייבערשטער איז דאָך אַן אל־רחום־וחנון. „כרחם אב על בנים” *. וועט ער מיר אויך ווייטער העלפן גובר זיין דעם יצר־הרע. נאָך בעסער — איך זאָל אים גלייך דערקענען, דעם שטן, בעת ער פאַרשטעלט זיך אַזוי צביעותדיק פאַרן יצר־טוב. — אוי־אוי, אוי־אוי, איי־איי, איי־איי־איי... — איך פיל דאָך ווי דער האָר פון דער וועלט האַלט מיך אונטער. ווי אין תהילים שטייט: וימינך תסעדני” — דיין רעכטע האַנט לענט מיך אונטער. מעג איך דאָך, דאַרף איך דאָך פריילעך זיין! דין איך דיר טאַקע, גאָטעניו־ פאָטערל, מיט שמחה. אוי, סאַראַ פרייד! סאַראַ פרייד!

און די פרייד זאַפּט זיך אַריין אין וועלוולען, אַ שמייכעלע נעמט שפּילן אויף זיין פּנים. המם, ס׳איז טאַקע אפשר אַ שאָד וואָס איך בין נישט קיין תלמיד דאָ אין „כנסת ישראל”. כ׳וואָלט זיך איצטער געשאָקלט מיט אַלע צוזאַמען און תשובה געטאָן. אוי־אוי, אוי־אוי, איי־איי, איי־איי־איי... אין דעם מאָמענט פאַלט זיין בליק, אַ צוגעווינטער שוין צו דער פינצטערניש, אויף אַ געשטאַלט נישט ווייט פון זיך, וואָס לאָזט קיין שום קלאַנג נישט אַרויס פון איר קעל, טוט זיך נישט קיין מינדסטן באַוועג, ווי פאַרגליווערט אין כלות־הנפש. מאַכט ער, וועלוול, אַ טראַט זיך צו שטעלן אין אַ פּאָזיציע צו קאָנען פאַרקוקן יענעם אין פּראָפיל כאָטש. אַרום זיין שטערן מוז אַוודאי שימערן אַן אָפּשיין פון אַ ווייטער פאַרהוילענער גייסטיקער וועלט. אָבער דאָ טוט אים שמעיה, וועלכער איז אים אין גאַנצן פון זינען אַרויס, אַ צי פאַרן אַרבל, פאַר וועלכן ער האָט אים פריִער געשלעפּט אַהער:

— קום, וועלוול, — שעפּטשעט ער. — דער שמש איז שוין אַריינגע־ קומען אָנצינדן ליכט אויף דער פּולער וואָך. — —

יענעם אָוונט גייט דער מאַציעוועך נישט אַרויס אין דרויסן אָפּצו־

* ווי אַ פאָטער דערבאַרעמט זיך אויף די קינדער.

וואַרטן אסתרן אויף דער באַנק. ער לייגט זיך פרי שלאָפן, און דער שלאָף גיט אים רו אַ גאַנצע נאַכט. קיין איין מאָל גליטשט ער זיך נישט אַראָפּ פון דער צעראַטעוועטער סאָפקע. און נאָך אויפן צווייטן טאָג פילט ער אין געמיט דעם פאַרבאָרגענעם ציטער פון די אלול־טעג אין זיין קינדהייט. מיט אָט דעם ציטער שאָקלט ער זיך דעם גאַנצן טאָג, ווי אַ מתמיד, איבער דער גמרא. אָבער וואָס נענטער צום אָוונט ווערט דער ציטער שוואַכער, זעל־טענער, און ווען ער קומט פאַר נאַכט אַרויס צו דער באַנק און טרעפט אסתרן שוין וואַרטן אויף אים מיט אַ ברוגז פּנים, פאַרן פאַרלוירענעם נעכטיקן אָוונט מסתמא, טוט דער תשובה־ציטער אין אים אַ לעצטן גסיסה־צאַפּל און שטייט אויף תחית־המתים אין אַ ציטער פון זינד. און אין די ווייַ־טערע טעג נעמען שוין אַנדערע זאָרגן נאָגן דאָס געמיט:

די נעכט ווערן פון טאָג צו טאָג קילער. זיי דערמאָנען, אַז אין וואָכן אַרום וועלן אויך קומען רעגנס. איז ווו וועט ער דעמלט קאָנען זיין צוזאַ־מען מיט אסתרן? וועט זי אפשר אָנהייבן אַריינבעטן אים צו זיי אין „זאַל", ווו זי שלאָפט? נו, און איר טאַטע־מאַמע וועלן צוקוקן און שווייגן? אָדער... אפשר וועט זי גאָר נעמען „אַריינכאַפּן" זיך צון אים אין צימער, המם, ווען זיי שלאָפן שוין? ווי דאָס וואָלט גוט געווען! המם, איז אָבער די קשיה: און וואָס טוען זיי אַז אויפן נייעם זמן וועט זיך מעלדן אַהער אַ נייער קוואַרטי־ראַנט?

שמעיה ווערט אים פּלוצעם אַן אָפּטער גאַסט. ער קלייבט זיך, שמעיה, אויפן טאַטנס באַפעל, אַהיים צו פאָרן אויף ראָש־השנה. ער וויל וויסן צי וועלוול וועט אויך פאָרן.

— ניין. — זאָגט וועלוול און טראַכט דערביי: זאָל אים דער „אַלטער" נישט האָבן צוגעשטעלט אַ בענקעלע פאַרן טאַטן דורך אַ ידידי־בריוועלע? וויל ער נישט צו מאָל, שמעיה, אַז ער, וועלוול, זאָל אים זיין אַ כּשרער עדות פאַרן טאַטן? (...אַז וואָס?). און אפשר איז גאָר די גאַנצע מעשה מיטן אַהיים פאָרן אַ מעשה פון אַ קו וואָס איז געפלויגן? אפשר אים אַ פרעג טאָן, צי ער פליט נישט אַהיים מיטן קאָמענדאַנטס לופטבאַלאָן? גיי דערגיי אַ טאָלק ביי רבה בר־בר חנאס אַן אור־אור־איניקל!

דריי טעג פאַר ראָש־השנה פאַלט ער אַריין, שמעיה, אַ פאַרשמייעטער און צעווינטיקטער צוזאַמען מיטן טוראָפינער זיך געזעגענען. דעם טוראָ־פינער האָט ער, קענטיק, אויך געוואָלט מיטגעשלעפּט מיט זיך, ווייל דער

טוראָפּינער האָלט אין איין אונטעראיילן אים אַז סע ווערט שפּעט, און ס'איז נאָך פאַראַן אַ סך זאַכן צו באַזאָרגן. מיטן טוראָפּינער האָט ער שוין נישט גערעדט, וועלוול, זינט ער האָט איבערגעלאָזט אין דעם באַדביידל זייערע אַנטוועכצן און איז אַנטלאָפן... ווער ווייסט, אפשר האָט מען טאַקע דעמלט אַרויסגעגנבעט ביי אים דאָס געלט פון קעשענע? האָט דאָך אים שמעיה געבריייעט אַז מ'האָט אים דאָס געלט אַרויסגעגנבעט, נאָר ער, שמעיה, האָט גראָד דעם זעלבן טאָג געפונען, אַרויסגייענדיק פון ניעמאַן, אַ „מאַטניאַ" מיט געלט. האָט ער אים געדעקט דעם שאָדן, ער זאָל זיך נישט טשעפּען צון אים, צו וועלוולען; און די אַנדערע העלפט איז דאָך זיכער נישט געשטויגן, נישט געפלויגן.

— נו, — שטרעקט אים שמעיה אויס די האַנט, — פאַרבלייב געזונט, וועלוול. טאָמער קריגסטו עפּעס אַ בריוול פון מיין טאַטן מיט אַן אָנפראַגע, האָב שכל וואָס און ווי אַזוי אים צו ענטפערן. המם, דו האָסט פון מיר אויך געהאַט אַ גרויסע טובה... דאַרפסט זיך שוין אַנשטויסן... איך וויל וועגן דעם נישט רעדן פאַר ירוחמען. און איך, אויב כ'על צוריק נישט קומען — בלייבן אין דער היים לערנען אין בית־מדרש, אָדער פאָרן מיט ירוחמען אין אַ צווייטער ישיבה, ווו ס'איז נישטאָ קיין „אַלטער", — 'עליך דיר שרייבן.

ווען זיי גייען אַרויס, טוט דער מאַציעווער אַ טראַכט: גיי גלייב אַ רבה בר־בר חנאן! ס'איז פון דעסטוועגן אַ גרויסער שאָד וואָס ער פאַרט אַוועק — אַ מאַציעווער און אַ חבר...

32

שוין צוויי מאָל האָט די ראָש־ישיבהטע, אַ טאָכטער פונעם קרעמענ־טשוגער רב, זיך שטיל אַריינגעשליכט אינעם ראָש־ישיבהס העלפט שטוב, איז צוגעגאַנגען צו דער קוים אָפּגעלענטער טיר פון זייער שלאָפצימער, שטיין געבליבן אַ וויל און אַריינגעקוקט זייטיק מיט איין אויג, צי דער מאַן, רב ברוך בערל, ווי זי פלעגט אים רופן אַפילו רעדנדיק מיט איר אַליין, איז נאָך אַלץ פאַרקאָכט אין זיין לערנען, פאַרזונקען אין זיינע תורה־מחשבות? און איז יעדעס מאָל אָפּגעטראָטן מיט ליידיקן.

זי וויל ערשט רעדן מיט אים וועגן אירע טיפע מאַמעשע זאָרגן, וועלכע דאַרפן דאָך אויך זיין זיינע — ער איז דאָך אַ טאַטע. נישט מער, אויף אים האָבן זיי קיין שליטה נישט, די זאָרגן, כל־זמן ער איז פאַרטאָן אין גאַטס

הייליקער תורה, ווי ער זאָגט עס. און ווען אַפילו זי טראָגט זיי אים אַ מאָל אונטער, די זאָרגן, ווי אַ בוך פון געוועלב מיט די פאַרשריבענע חובות אויף זיי, שאָקלט ער צו אַ רגע באַזאָרגט מיט קאָפּ און ווערט אָבער באַלד אויפגעלייגט, אַרויסברענגענדיק עס מיט ווערטער: „הער, מיר האָבן דאָך דעם גרויסן משגיח אין הימל. לאָמיר זיך שוין אויף אים פאַרלאָזן, ווי כל־ישראל".

...ער מידט זיך טאַקע, רב ברוך בערל, אין גאָטס תורה יומם־ולילה, אָבער... — טראַכט זי מיט אַ פאַרבאָרגן געפיל פון פרומער קנאה, — אָבער אין דער אמתן איז אַז גוט צון אים און אַז ווויל צון אים! גאָטס תורה און זיין יראת־שמים זענען אים אַ פאַנצער קעגן אַלערליי עגמת־נפשן, וואָס באַגלייטן דעם מענטשן אויף זיין לעבנסוועג פון דער וויג ביז צום קבר. ער האָט פון דער תורה און דער צדקות הנאה אויף דער וועלט, און ס'וועט אים פאַר זיי נאָך באַצאָלט ווערן אויף יענער וועלט. יאָ, עפּעס וואָס, שיריים, וועט אפשר אויך צו מיר, זיין פוסבענקעלע, אַראָפּפאַלן. אָבער דערווייל? אויף דער וועלט? וואָס זאָל איך טאָן? כ'בין דאָך נישט מער ווי אַ ווייבספאַרשוין, כ'זאָל זיין ביכולת אַלע זאָרגן וועגן די קינדער און דער באַלעבאַטישקייט טראָגן איינע אַליין אויף מיינע פּלייצעס. צוליב דער ווייבערישער שוואַכקייט האָט דאָך איר גאָט אַליין געגעבן ווייניק מצוות. נישט אומזיסט ווערן אונטער מיין פאַרוק די האָרוואָרצלען אַלץ מילכיקער, כאָטש אויפן פּנים בליִען נאָך די פּופּצן יאָר מיט וועלכע כ'בין יונגער פון אים. ער איז נעבעך הוילע קנאָכן, און איך — הוילע לייב. ער — הוילע רוחניות, און איך — הוילע גשמיות. איך מוז אים פאָרט פון צייט צו צייט אַרויסציִען פון זיין תורהדיקער יום־טובדיקייט און אַריינשלעפּן אין דער וואָכעדיקייט פון טאָג־אויס, טאָג־איין. מוז אָפּוואַרטן, אָט ווי איצטער, אויף אַ פּאַסיקער מינוט, ווען זיין קאָפּ און האַרץ רוען אָפּ אַ ביסל פונעם דאַווענען און לערנען, ווען ער קילט זיך אָפּ און כאַפּט איבער דעם אָטעם, און אויס־לייגן פאַר אים מיינע ערגערנישן און טראַכטענישן.

האָט זי זיך היינט, דווקא ווייל ס'איז יום־טוב, אָפּגעלייגט דערויף. און אָט שטייט זי דאָ הינטער דער טיר שוין דאָס דריטע מאָל און — גאָרנישט. דאָס ערשטע מאָל האָט זי אים געזען שאָקלען דעם קאָפּ איבער דער אָפּע־נער גמרא, און ס'האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט וועלן אים אַריינטוליען וואָס טיפער אין שויס פון דער תורה. און זיך אונטערברומען איז געווען

ווי פון אַ קינד, וואָס איז פאַרשיכורט פון זייגן דער מאַמעס ברוסט. ווען זי וואָלט אַפילו ערשט אַריינגעגאַנגען און גענומען רעדן צו אים, וואָלט ער זי נישט דערהערט, נישט דערזען אַפילו. דאָס צווייטע מאָל איז שוין זיין קאָפּ געהאָנגען רויק איבער דער גמרא, אומבאַוועגלעך, אָבער דאָס פּנים האָט דורך די שיטערלעכע האָר פון זיין בערדל אַדורכגעשיינט מיט פיבער־דיקן גלי, און די אויגן, פאַרקוקטע פאַר זיך דורך דער וואַנט ערגעץ אין דער וועלט אַריין, זענען געווען ווי פאַרחלשט־פאַרגלעזערט. גיי וועק אים אַרויס פון דער דאַזיקער הייליקער חלשות! ער וועט מיך אפשר דערהערן, אויב כ׳וועל אים באַרירן פאַר אַן אַרבל, אָבער זיין בליק וועט זיין נישט צו מיר געווענדן. און אויב ס׳וועט זיך מיר אַפילו דאַכטן אַז ער ענטפערט מיר, וועל איך פון זיינע רייד גאָרנישט פאַרשטיין. דאָס וועלן זיין רייד וואָס קומען פון זיינע מחשבות אין לערנען. ער איז ווי נישט אויף דער וועלט. ווי אונדזער שמואל משה, דער בן־יחיד, אונדזערער, ווען ער טוט, נעבעך, אַ פאַל אַנידער אין זיין קראַנקהייט און ברומט אַרויס ווערטער מיט אַ שוים אויף די ליפּן־ווינקלען.

שטייט זי איצטער צום דריטן מאָל. ערשט וועט זי שוין נישט גלייך אַוועקגיין. זיין פּנים האָט זיך אים ווי אָפּגעקילט, און ס׳פלאַטערט דערויף אַ נחת־רוח, כמו אַ שמייכל. די אויגן בלאָנדזשען נאָך אַרום מיט זייער בליק איבערן צימער, אָבער פאַמעלעכער, פאַמעלעכער. ווי נאָר ער וועט זיך אויפשטעלן פון דער שטול צו נעמען אַרומשפּאַצירן, ווי זיין שטייגער איז, הקפותדיק אַרום טיש, וועט זי טאָן אַ גיי אַריין. דעמלט וועט ער פאַר־נעמען און באַנעמען אירע רייד. אָבער ער איילט זיך נאָך אַלץ נישט אויפ־צושטיין פון אָרט. ער זאָל נאָר נישט ווידער אַ מאָל אויפּס ניי טאָן אַ פאַל אַריין אין פאַרזינקעניש.

...אַז אַ ברירה האָב איך? — טראַכט זי. — ביים טיש, ווען מע רעדט שוין אַ מאָל יאָ וועגן וואָכעדיקע זאַכן, קאָן איך דאָך נישט מיט אים וועגן אַלץ רעדן אין פּנים פון די קינדער. נישט ביים טיש ווידער, איז אָדער ער דאַוונט, אָדער איז פאַרזונקען, אָט ווי ערשט, אין זיין צוגרייטן זיך צום „שיעור" און האָט נישט פאַר איר גאָרנישט: נישט קיין אויער, נישט קיין אויגן און נישט — כ׳זאָל נישט געשטראָפט ווערן פאַר דער זינדיקער מחשבה! — קיין האַרץ. כאָטש ער האָט אַזאַ פרום און גוט האַרץ פאַר פרעמדע מענטשן. גלייך איך מיט אונדזערע קינדער וואָלטן קיין מענטשן נישט

געווען. אַפילו פאַר אַן ערל, וואָס קומט מיט אַ געבעט פאַר אים, האָט ער מער צייט און האַרץ איידער פאַר דער אייגענער היים. „מפּני דרכי שלום״ *, — האָט ער מיר איין מאָל דערקלערט. נו, און שלום־בית איז גאָרנישט? פּראָסטע ווייבער רעדן מיט זייערע מאַנען, ווען זיי זענען צוזאַמען אין שלאָפצימער. אָבער ער איז נאָך אַלץ ווי אַ שעמעוודיק יינגל. שעמט זיך אויסצוטאָן פאַר מיר אין די אויגן און טוט עס אונטער דער קאָלדרע, כאָטש ער האָט שוין אַליין פריִער אויסגעלאָשן דעם לאָמפּ. ווען איך הייב אָן אַ מאָל צו רעדן צון אים, זע איך אין דער טונקלעניש ווי ער מאַכט מיט די הענט און פינגער אַזעלכע אומגעדולדיקע, פאַרניינענדיקע באַוועגונגען, זי זאָל אויפהערן; דרייט זיך דאָרט אויס צו דער וואַנט און רעדט אַריין אין איר: „מע דאַרף נישט. מע טאָר נישט רעדן? אין פּרק אָבות שטייט אַזוי בפירוש: „ואל תרבה שיחה עם האשה, באשתו אמרו״ **. ער ניורעט אין דעם קאָפּ אין דער קישן, ווי פאַרשטאָפּט זיך די אויערן מיט וואַטע. אַך! ווי שווער ס׳איז צו זיין דאָס ווייב פון אַ צדיק! אַזוי איז ער געווען דאָס ערשטע יאָר נאָך אונדזער חתונה: ווי נישט אַ יונגערמאַן וואָס האָט שוין אָפּגעגט דאָס ערשטע ווייב, נאָר ווי אַ קינד. און אַזוי איז ער עס פאַרבליבן ביז היינט, ווען אין שטוב זענען שוין דאָ, אָן עין־הרע, אונדזערע פיר דער־וואַקסענע קינדער. ער איז מער קינד אַפילו פון אונדזער מיזינקע, פון שרהלען, המם, צייטנווייז פיל איך צון אים מער ווי צון אַ קינד איידער צון אַ מאַן.

זי דערשפּירט אַ שוואַכקייט אין די פיס פון שטיין אַזוי לאַנג, שפּאַרט זיך אָן מיט אַן אַקסל אין ווינקל צווישן וואַנט און הרובע, און אויף איר פּנים טוט מיט אַ מאָל אַ ווייע אַ וואַרעמקייט פונעם בלוט וואָס האָט דערין אַ שלאָג געטאָן. ס׳נעמט שוועבן דערויף אַ שימער פון אַ שעמעוודיקן שמייכל, ווי אויך זי וואָלט נאָך זיין אַ קינד: אין איר זכרון גייט אויף די ערשטע נאַכט נאָך זייער חופּה ביי איר טאַטן אין שטוב, אין קרעמענטשוג:

...זי ליגט אַ צערודערטע, פיזיש און גייסטיק, נאָכן תענית־טאָג און דעם רויש פון דער חתונה. זי איז אין גאַנצן דערוואַרטונג. איר גאַנץ ווען

---

* צוליב שלום.

** זאָלסט נישט רעדן קיין סך מיט קיין פרוי, — וועגן אייגענעם ווייב האָבן זיי געמיינט.

אין געהער. גאַרט אויפצוכאַפּן אַ מינדסטע באַוועגונג אויף זיין בעט קעגנאיבער. זיין אָטעם כאַטש. און ער — ווי ער וואָלט דאָרט פאַרגליווערט געוואָרן. ס'ציט זיך זייער לאַנג. אַ רגע לויפט איר דורך אַ ציטער פון שרעקביים משונהדיקן געדאַנק: „אוי! אפשר איז ער געשטאָרבן?!". נאָר אָט דערהערט זי: ער דרייט זיך דאָרט איבער און זיפצט אָפּ. וואָס ווייטער ווערט דאָס איבערדרייען זיך אַלץ אָפּטערער און דאָס אָפּזיפצן טיפער. ווי זיין בעט וואָלט זיין אין כסדרדיקן אומרו. מאַכט זי זיך לסוף האַרץ און טוט אַהין אַ פרעג, ווי נישט מיט איר קול: „רב ברוך בערל, המם, ס'טוט אייך, חלילה, עפּעס וויי?". ער ענטפערט נישט. ווי דער אומרו דאָרט וואָלט זיך אויף אַ שטיקל צייט דערשראָקן. נאָר ער באַנייט זיך ווידער. זי האַלט זיך איין מיט ערגערניש און פאַרדרוס. האַלט נישט אויס און טוט נאָך אַ מאָל אַ זאָג, זיך שטאַרקנדיק: „רב ברוך בערל, איר זיפצט. אפשר... דאַרפט איר עפּעס? וועל איך אַראָפּגיין צון אייך. איך... איך בין דאָך שוין אייער... כשר ווייב". „ניין! ניין! — טוט ער אַ שעפּטש דערשראָקן, ווי אַן אָפּגעבריטער. —· חלילה! די אשה טאָר נישט. „התובעת בפה"*. דאָס פנים נעמט איר ברענען ביז ווייטיק. פון די אויגן נעמען רינען טרערן. אויף די באַקן, אויפן האַלדז, אויף דער קישן, אין וועלכער זי העשעט אַריין צו פאַרטויבן פאַר אים דאָס געוויין. צי האָט ער פאַרט דערהערט? ענדלעך. זי דער־האַרכט זיין באַרוועס שלייכן. ער דערנענטערט זיך פּאַמעלעך. ווי... דער כהן־גדול צום קדשי־קדשים אום יום־כיפור. בלייבט אַלע ווייל שטיין און זיפצט אָפּ. איר וועזן שטויסט זיך אָן וואָס ער לעבט ערשט איבער, איר... דער מאַן אירער דער צדיק. דאָס גרויסע קינד. זי פאַרהאַלט דעם אָטעם — איר אָטעם זאָל אים נישט אָפּשרעקן. זי שאַרט זיך נעענטער צו דער וואַנט, ער זאָל זיך אין איר נישט אַנשלאָגן. און — —

...און אַזוי־אַ כמעט חזרט זיך עס איבער שוין יאָרן. זיין נשמה איז ריין ווי די נשמה פון אַ ניי־געבוירנס. אין וואָסער זכות האָב איך, אַ זיב־דיקע יידענע, זוכה געווען צו זיין אַ נעסט פאַר אַזאַ הייליקער טויב? צו האָבן מיט אים בשותפותדיקע קינדער? סיידן אין זכות פון מיין טאַטן דעם צדיק און גדול בתורה, דעם קרעמענטשוגער רב. אָבער אויך צרות אַ סך האָב איך „זוכה" געווען. דעם מאַנס אַלע זיפצן זענען נישט אַנדערש

* וועלכע מאָנט מיטן מויל.

ווי אַריין אין אונדזער שמואל־משהן. אונדזער בכור. דערפֿאַר איז ער אַזאַ מרה־שחורהניק און קריגט אָפּט די פֿאַליקע. און רחל און נחמה זענען נעבעך מיאוסע. כאָטש אַזעלכע געראָטענע. לערנען זיך און לייענען אַ רוסיש בוך. ס׳אַ נייע וועלט, נישט דעם טאַטנס. און איך מוז פֿאַרשווייגן און נאָך העלפֿן זיי זיך אויסצובאַהאַלטן דערמיט פֿאַרן טאַטן. און שרהקע... המם, אַזוי ווי דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט: ער איז שוין אויפֿס ניי אַריינגע־פֿאַלן אין פֿאַרזינקעניש.

און זי גייט שוין צום דריטן מאָל אַוועק פֿון דער טיר.

33

ערשט אַריינגעקומען צום פֿערטן מאָל, כאַפּט אויף דער ראָש־ישיבה־טעס אויער: ער האָט זיך דאָרט אויפֿגעשטעלט. זי טוט אָן עפֿן די טיר, שלייכט אײַליק אַריין און בלייבט שטיין לעבן אים:

— רב ברוך בערל, — נעמט זי רעדן מיט הייסן אָטעם, און אירע רייד שניידן שאַרף די לופֿט מיט איר שאַרפֿן ררררייש, דעם מיטגעבראַכטן פֿון איר קרעמענטשוגער היים, — איך דאַרף עפּעס געניטיק רעדן מיט דיר. גיב מיר רשות.

— אוי! — זיפֿצט ער אָפּ צעטומלט און נעמט מיט דער רעכטער האַנט־פֿלאַך רייבן זיך דעם שטערן. — ביטול־תורה, חלילה.

— ס׳איז וועגן אונדזערע קינדער. — פֿאַרענטפֿערט זי זיך. — כ׳בין דאָך אַ מאַמע. און דו ביסט דען, חלילה, נישט קיין טאַטע?

— אמת, אמת. — קוקט ער איר פֿון דעסטוועגן נישט אין פּנים, לאָזט אַראָפּהענגען די האַנט און קנייטשט דעם נאַר־וואָס געריבענעם שטערן, ווי ער וואָלט וועלן אויסקוועטשן פֿון קאָפּ די שיריים פֿון זיינע פֿריִערדיקע איבערגעריסענע מחשבות, כדי צו מאַכן פּלאַץ פֿאַר די, וואָס די פּלוניתטע וועט אין אים אַרויסרופֿן. — נו, וואָס? איך האָרך דאָך.

ער זעצט זיך צוריק אויף דער שטול און פֿאַרמאַכט די גמרא אויף דער נאָזפֿאַטשיילע, ווי מע פֿאַרמאַכט אַן אָרון־קודש.

— רב ברוך בערל, — קוקט זי אויף זיין געקנייטשטן שטערן און פֿאַרמאַכטע אויגן, — כ׳וועל שוין נישט רעדן וועגן אונדזער קראַנקן זון, נעבעך. אין דאָרף, ביי דיין טאַטן איז אים אַ ביסל בעסער געוואָרן. און דאָ

— איז ווי פריִער. דאָס פּאַלעניש חזרט זיך איבער אַלץ אָפּטערער. די שוים אויף די ליפּן בלעזלט אַלץ שטאַרקער און ס׳געדויערט לענגער. מע וואָלט אים דאַרפֿן פֿירן צו אַ פּראָפֿעסאָר. און אַ פּראָפֿעסאָר דאַרף מען גוט באַצאָלן. געבן אים פּילנעס, שמואל־משהן, דערויף דאַרף מען ווידער געלט. פֿון וואָס און פֿון וועמען זאָל איך אָפּשפּאָרן פֿון זיינעט וועגן? דער מנהל וועט דערויף קיין געלט נישט געבן. דער זאַטער גלייבט נישט דעם הונגעריקן. ביי אים אין שטוב איז קיינער נישט קראַנק.

באַמערקט אַ שאָטן פֿון פֿאַרדרוס פֿאַרביילויפֿן אויפֿן מאַנס פּנים, פֿאַרריכט זי זיך באַלד:

— איך ווינטש עס אים נישט, חלילה.

— זאָל אים דער אייבערשטער זיין אַ גוטער היטער, — שלאָגט איר דער מאַן איבער מיט געשעפּטש, — און מער זאָל מען זיך נישט אַרויסכאַפּן מיט אַזעלכע ווערטער. „אַל תפתח פה לשטן". בעסער ווייניקער רעדן.

אָבער זי שטעלט נישט אָפּ אירע רייד:

— און באַלעבאָס אויפֿן געלט איז ער, נישט דו. רעד איך שוין נישט דערוועגן... ווער נישט ברוגז. אָבער האָב דו כאָטש אים אין זינען, דעם בן־יחיד אונדזערן, בעתן דאַוונען און לערנען, ער זאָל אין דיין זכות...

— מיין זכות?! — שלאָגט ער זי איבער מיט ביטול צו זיך אַליין פֿון גאַנצן האַרצן, — משטיינס געזאָגט! ימים־נוראים האָב איך געשריבן צו מיין רבין, צו רב חיימען, ער זאָל מאַריך ימים ושנים זיין. אים טאָקע געבעטן ער זאָל מתפּלל זיין פֿאַר אונדזער בכור. מע דאַרף האָבן בטחון אין אייבערשטן, דעם בורא־רפֿואות. האָף איך צון אים. און דו — די מאַמע, זיי אויך מתפּלל פֿרום און האָף צון אים. אויף אים לייג דיין האָפֿענונג, ווי חנה הנביאה, און נישט אויף מיר, אַ זינדיקן בשר־ודם.

— איך וועל טאָן אַזוי, כ׳וועל טאָן אַזוי. — גיט זי אים נאָך און פֿירט אַריבער דער שמועס אויפֿן עיקר, צוליב וועלכן זי איז אַריינגעקומען. — נאָך עפּעס איז שוין דער פֿיליפּאָווער אַ לאַנגע צייט נישט געווען ביי דיר דאָ, אַפֿילו נישט יום־טוב. המם. איז וואָס וועט זיין מיט אונדזער רחלען, נעבעך? אין ווייבערשול איז צו מיר דערגאַנגען, אַז... דו הערסט מיך? אַז דער פֿיליפּאָווער זאָל האָבן לעצטנס געוואָרן אַן אַריינגייער צום מנהל אין שטוב.

— דו רעדסט שוין צו לאַנג. איז מאַי קאָ משמע לן? — דערגרינטע־

וועט נישט רב ברוך בערל, וואָס זיינע מחשבות ציִען אים צוריק צו דער סוגיא וואָס ער לערנט, דעם מיין אירן.

— און דאָרט... דאָרט איז שטוב איז דאָך דאָ אַ בת־יחידה, וואָס... וואָס גאָט האָט זי נישט געשטראָפט, ווי אונדזער... ווי לאה לבנס. אַ יפת־תואר. איז זי אפשר ביי אים מער נושא־חן איידער אונדזער רחל..

— עט! אַ בן־תורה, אַן ערלעכער בחור קוקט נישט אַ בתולה אויפן פּרצוף. „שקר החן והבל היופי"*. ער קוקט דורכן פּרצוף אין לב אַריין. אונדזער טאָכטער האָט דאָך אַ יִדיש האַרץ, איז וואָס פעלט אים מער?

— אָט אַפּנים, רב ברוך בערל, היינטיקע בחורים, אַפילו ישיבה־בחורים, פעלט מער. — לאָזט זי אים שוין נישט אָפּ. — דו זעסט דאָך: אַהין גייט ער אָפּט, אַהער קומט ער שוין אין גאַנצן נישט. וואָס? מיט זיי דאָרט, מיט די נשים, האָט ער וועגן וויכטיקערע זאַכן צו שמועסן, ווי להבדיל, מיט דיר אין תורה? און אַז אַפילו מיטן מנהל אַליין? און רחל ליידט נעבעך דערפון. ליידט און שווייגט...

— אַפילו אין דער מחשבה דאַרף זי וועגן דעם שווייגן! — טוט ער אַ זאָג שטרענג.

— זי שווייגט! אָבער אינעם שלאָף וויינט עס פון איר אַרויס. זי ליידט און וועלקט. ווי אַ קהלשער אתרוג. דאַרפסטו, דער טאַטע, אויך שווייגן? אפשר וואָלסטו אים פאַררופן צו זיך און אונטער פיר אויגן אַ שמועס טאָן מיט אים. המם. אפשר איז נאָך נישט שפּעט... ניין! עפּן נאָך נישט די גמרא, — טוט זי אַ שטרעק אויס אַ פאַרוואָרנדיקע האַנט.

— נו, גוט, גוט. — ווערט ער ווייכער. — כ'וועל אים, בלי נדר, פאַררופן שמועסן אין לערנען...

— אַוודאי אין לערנען. און דערנאָך וועסטו אַריינוואַרפן אויך אַ פּאָר ווערטער וועגן תכלית...

— יאָ, יאָ. וועגן תכלית אויך... וועגן דעם תכלית פונעם מענטשנס לעבן אויף דער וועלט.

דער ראָש־ישיבהטע איז נישט קלאָר, צי זי האָט זיך ביים מאַן צו עפּעס דערשלאָגן. נאָר נאָך שטאַרקער אָנציִען די סטרונע האָט זי מורא — טאָמער וועט זי פּלאַצן. דאָס איבעריקע וועט זי שוין זען דעמלט ווען

* חן איז אַן אָפּנאַר און שיינקייט איז נישטיק.

דער פּילפּאָוּוער וועט אָהער קומען. זי וועט אים אויך אַריינבעטן אין איר העלפֿט שטוב אויף אַ גלאָז טיי מיט קאָנפֿיטור. נאָר אַזוי ווי דער מאַן האָט נאָך די גמרא נישט אויפֿגעעפֿנט, לאָזט זי נישט דורך דעם שעת־הכושר און רעדט ווייטער:

— היינטיקע זינדיקע צייטן מוז מען זאָרגן פֿאַר טעכטער באַצייטנס. ס׳איז דאָך אַ מצווה־זאַך. מע דאַרף זיי צוגרייטן חתנים באַצייטנס. המם. נישט וואַרטן ס׳זאָל זיך פֿאַרציִען אין דער לאַנגער באַנק אַריין. המם. יאָ, ווער איז דאָס דער בחור, וואָס דו האָסט מיט אים געלערנט די לעצטע צייט? און איצט זעט מען אים אויך נישט!

— אַ, דער סקווירער?! אַהיים געפֿאָרן אויף די ימים־טובֿים.

— און ער וועט קומען צוריק?

— וואָס קאָן מען וויסן? זיין שטאָט איז זייער ווייט פֿון דאַנען. ס׳איז מיר נישט געקומען אויפֿן זינען אים צו פֿרעגן. אַ שאָד!

— אַזאַ זאָל נאָך נישט קומען צוריק! אַז ער האָט אַזאַ זכיה געהאַט. האָסט דאָך געלערנט מיט אים ווי אַ פֿראָסטער מלמד. איז... פֿאַר וואָס? נעכקע איז שוין אויך נישט קיין קינד. איצטער בליט זי, ווי אַ סאָד אום ל״ג־בעומר. אָבער אַז זי וועט אָפּבליִען, וועט זי נישט זיין קיין סך שענער פֿון רחלען.

רב ברוך בערל באַנעמט וואָס זי פֿאַרלאַנגט, פֿאַלט אים איין וועגן איר דער פּסוק: „כנשר יעיר קנו, על גוזליו ירחף, יפרוש כנפיו יקחהו, ישאהו על־אברתו״*, און ער ווערט צון איר צוגעלאָזענער:

— מאַ. קיין גרויסער למדן וועט פֿון אים נישט אויסוואַקסן, פֿונעם סקווירער. נאָר מילא. איך וויס?

דערפֿילט די ראָש־ישיבהטע, אַז ס׳איז איצט אַן עת־רצון, רעדט זי שטאַרקער אַ ביסל:

— רב ברוך בערל, דו דאַרפֿסט וויסן. אַ טאַטע דאַרף וויסן. המם, און ווער איז דאָס בחורל וואָס קומט אַזוי אָפֿט אַריין צו דיר רעדן אין לערנען? אַזאַ שטילינקער זעט ער אויס. אָט דער וואָס דו האָסט מיט אים געטאַנצט אום פּורים, דאַכט זיך? ווען ביסט געוועזן אָוועקגעפֿאָרן, אַפֿילו דעמלט

* ווי אַן אָדלער וועקט זיין נעסט, פֿלאַטערט איבער זיינע יונגע, שפּרייט זיינע פֿלעדערן און נעמט זיי, טראָגט זיי אויף זיין פֿליגל.

פלעגט ער אַריינקומען אַהער, אין אַ ספר אַריינצוקוקן. האָסט מיר, דאַכט זיך, אַ מאָל געזאָגט אַז דו האָסט אים ליב?

— אָך, דער מאַציעווער! דער איז אַ בעל־כשרונות. — לייכטן אויף זיינע אויגן און ווערן גרעסער און בולטער. — דער גאון רב זלמן סענדער האָט וועגן אים געשריבן גאַר־גאַר. דער וועט אויסוואַקסן. המם. אין אַזעלכן קאָן מען דערלעבן נחת.

— וואָלט דאָך אפשר בעסער זיין דו זאָלסט מיט אים לערנען איידער מיט יענעם? כאָטש ער זעט אויס נאָך יונגער פון נעכקען. שרהקע ווידער איז נאָך גאַר יונג. אָבער יאָרן לויפן. קיין נדן וועלן מיר דאָך פאַר איר אויך נישט אָנקלייבן. דער מנהל וועט נישט בעסער ווערן. ער זאָרגט נאָר פאַר זיין אייגענער טעלעצע...

— דאָס מויל טאָר נישט רעדן קיין בייז אויף קיין מענטשן! — טוט ער שוין בייז אַ צי אויס די האַנט צו עפענען די גמרא. — וואָס ווייניקער רעדן. המם.

— נו, שוין. — טוט זיך די ראָש־ישיבהטע אַ באַוועג צום אָוועקגיין און בלייבט נאָך שטיין אַ רגע. — איז... וועל איך נישט דאַרפן דערמאָנען דיך נאָך אַ מאָל וועגן דעם פיליפּאָווער?

— ניין. יאָ. כ׳וועל אים זאָגן נייע חידושים און הערן וואָס ער האָט פאַר דער צייט מחדש געווען.

זי טוט אַ קנייטש מיט די פּלייצעס, דרייט זיך אויס און גייט אַרויס. בלייבט שטיין הינטער דער צוגעלעגטער טיר, הערט ווי דער מאַן לערנט שוין און טוט אַ צעשפּרייט די הענט מיט אַ שטומער פראַגע. ס׳הייסט: האָב איך עפּעס פּועל געווען מיט מיינע רייד? דער אייבערשטער זאָל מיר נאָר צו הילף קומען! ס׳איז דאָך אַ מצווה־זאַך חתונה מאַכן קינדער.

34

די יום־טובים גייען אַריבער פאַרן מאַציעוווער ווי אַ ווידערשיין און ווידערקול פון ערגעץ ווייט. אַז דאַוונען אין ישיבה, אָדער אַן אַנדער בית־מדרש גייט ער נישט, און ביי קיין יום־טובדיקן טיש זיצט ער נישט, איז ווי זאָל ער אָפּפילן דעם יום־טוב? צווישן אים און דעם יום־טוב שטייען די ווענט

און סטעליע פון זיין שמאָל צימער, וועלכע האַלטן איין אין זיך די גאַנצע וואָכעדיקייט פון אַ גאַנץ יאָר. נישט מער, וואָס דאָס עסן איז אַ בעסערס, אָבער ס׳איז נישט יום־טובדיקער ווען מען עסט אין עלנטקייט אַליין. ערגעץ ווייט־ווייט, אין מאַציעוו, איז יום־טוב. דורכגענומען, דורכגעזאַפּט מיט יום־טובדיקייט איז דאָרטן די היים. זי שטייט אים ערשט דאָ פאַר די אויגן ווי לעבעדיק, אָבער ווייט, נישט אויפצונעמען מיט דער נשמה.. אויף דער נשמה שווערט די זעלבע וואָכעדיקייט ווי אין צימער דאָ. וואָלט ער כאָטש געזעסן ביים יום־טובדיקן טיש פון זיינע באַלעבאַטים מיט זייערע דריי מיידלעך, — אַלע יום־טובדיק אָנגעטאָנענע און שיינענדיקע. יאָ, ער האָט נישט גוט געטאָן דעמלט, דעם ערשטן שבת נאָכן אַריינציִען זיך אַהער, וואָס ער האָט אָפּגעזאָגט דער באַלעבאָסטע אַריינצוגייך שבת צו עסן צוזאַמען די שבתדיקע סעודה. המם. אַזוי אַרום וואָלט ער דאָך אויך ביי טאָג אום שבת און יום־טוב געזעסן צוזאַמען מיט אסתרן.

ס׳ציט אים צו דער יום־טובדיקייט אין „זאַל" פון די באַלעבאַטים, די יום־טובדיקייט וואָס איז אַזוי נאָענט און אַזוי ווייט. און סע בענקט זיך אַהיים וואָס איז אַזוי ווייט — אַזש אין וואָלין, און אַזוי נאָענט — ביי זיך אין געמיט, אין דער נשמה. ווי עלנט ער פילט זיך ערשט! טייל מאָל קומט אים אויס אַז דער עלנט גייט אים נאָך ווי אַ שאָטן, און טייל מאָל — ווי זיין געמיט גופא איז דער עלנט, און ער, זיין קערפּערלעכער איך, גייט נאָך דעם עלנט ווי אַ שאָטן. פון צייט צו צייט איז דער שאָטן קאַפּאַבל זיך אויס־צוּווייינען אויף אַ נאָענטער ברוסט, ווען... זי וואָלט זיין. ווען ער וואָלט כאָטש האָבן אסתרן דעם גאַנצן טאָג. אָבער ביי טאָג האָט זי אירע אייגענע אינטערעסן, העלפט צו אַ ביסל דער מאַמען אין קיך און גייט דערנאָך אַוועק אַן אויסגעסטראָיעטע, געפּודערטע און פּערפומירטע קיין קאָוונע... גייט זי נישט צו מאָל אַלץ צו יענעם קאָוואַליער? פאַר אים, דעם ישיבה־בחור, האָט זי בלויז די אָוונטן, און דאָס אויך — נישט תמיד.

און אָט איז שוין שבת פאַר נאַכט צו, דער לעצטער טאָג סוכות. בלויז דאָס איינציקע מאָל פאַרן גאַנצן יום־טוב פירן אים די פיס צום ראש־ישיבה. ער שלייכט אַ פאַרשלאָפענער אַזאַ, אָט גלאָט אַזוי זיך: אַז קיין איין תורה־חידוש מיט וואָס צון אים צו קומען האָט ער נישט; און קיין האָפענונג צו זעען שרהקען האָט ער אויך נישט — זי וויזט זיך נישט. ווי זי וואָלט גאָרנישט הי געווען. נישט ווי ער גייט אַריין אין ראָש־ישיבהס צימער, נאָר

ווי ער ווערט אַהין אַריינגעשטעלט. און אויפן ראָש־ישיבהס גלייכגילטיקער פראַגע:

— נו, וואָס וועט איר עפּעס זאָגן, מאַציעווער?

ענטפערט ער אין פאַרלעגנהייט און מיט חרטה אויף זיין אַריינקומען איצט:

— גלאַט אַזוי, רבי. אויף עטלעכע מינוט. כ׳בין אַריינגעקומען, פאַר־בייגייענדיק, דעם רבין גוט־יום־טוב זאָגן.

דער ראָש־ישיבה טוט אַ שטעל אָן אויף אים זיינע „לאָמפּן" און ס׳דאַכט זיך אַז ער קוקט אַריין אין אים אינעווייניק. צי זעט ער עפּעס דאָרטן, חלילה!? ווי אַן אויסלייזערין קומט אַריין די ראָש־ישיבהטע. זי איז מודיע דעם מאַן אַז דער שלוש־סעודות שטייט שוין גרייט אין סוכה, זאָל ער מוחל זיין און גיין זיך וואַשן. טוט זיך דער מאַציעווער אַ קערעווע צו דער טיר מיט אַ שעפּטש: „אַ גוטן יום־טוב". אָבער די ראָש־ישיבהטע פאַרהאַלט אים אומדערוואַרט סיי פאַרן ראָש־ישיבה, סיי פאַר אים:

— וואָס זשע האָט איר זיך צו איילן? — און צום מאַן — רב ברוך בערל, אפשר פאַרבעטסטו דעם תלמיד צו דער סעודה?

— טאַקע! — טוט אים דער ראָש־ישיבה אַ צי פאַרן אַרבל און לייכט אים צו מיט אַ ליבלעך פּנים. — אַז איר זענט שוין גראַד דאָ, קומט אַריין מיט מיר אין סוכה, וועלן מיר עסן צוזאַמען... שעמט זיך נישט. אויב איר געדענקט אַפילו די גמרא אין בבא־מציעה: „אשה עיניה צרה באורחים" *, איז דערפאַר פאַראַן אַ מדרש: „איש עינו יפה באורחים" **. זייט מיך מזכה מיט אַ מצווה. קומט זיך וואַשן.

דעם מאַציעווער איז די גאַנצע צייט ענג אויפן געמיט: ער איז אַריינ־געפאַלן! עסן ביי אַ פרעמדן טיש? דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן און — ער וועט דאָך מוזן מאַכן אַן אָנשטעל אַז ער מאַכט „המוציא" און נאָכן עסן מאַכן זיך בענטשנדיק. צביעות דעם ראָש־ישיבה אין די אויגן. המם... און אפשר טראַכטן זיי אַז ער איז הונגעריק און צוליב דעם איז ער אַריינגע־קומען אין אַזאַ נישט פּאַסיקער צייט? עלהיי זיי פאַרבעטן אַן אָרעמאַן. אַ בזיון! אָבער! ווי זאָגט מען עס אָפּ דעם ראָש־ישיבה? און... ווי זאָגט

---

* אַ פרוי איז נישט גינציק צו געסט.

** אַ מאַנספאַרשוין איז גינציק צו געסט.

מען עס זיך אָפּ פון אַזאַ אומגעריכטן כבוד? וואָלט דען דער ראָש־ישיבה פאַרבעטן אויך יעדן אַנדערן בחור? סיידן אפשר דעם פיליפּאָווער בקי, דעם קומענדיקן איידעם. המם, און אפשר וועט גראָד שרהקע באַדינען דעם טאַטן ביים טיש...

גייט ער נאָך דעם ראָש־ישיבה אין קיך אַריין צו וואַשן די הענט. ער כאַפּט אַ קוק אין גרויסן צימער: אפשר וועט ער דערזען שרהקען? אפשר וועט זי אים דערזען? אָבער ער דערזעט בלויז שמואל משהן ליגן אַן אויסגעצויגענעם אויף דער סאָפקע מיט אַ האַלב אָפן מויל. מסתם איז ער גראָד נאָך אַן איינפאַלעניש...

דורכן קאָרידאָר פירט אים דער ראָש־ישיבה אַריין אין אַ הינטערשט פאַדערהייזל וואָס איז לכבוד סוכות געוואָרן אַ סוכהלע מיט אַ טישל, אַ בענקל און אַ שטול. פון אויבן זייעט זיך אַריין דורכן סכך דער פאַרנאַכט. די ראָש־ישיבהטע האָט שוין דערווייל באַוויזן אַנידער צו שטעלן אויפן טישל נאָך אַ טעלערל מיט אַ קליין שטיקל פיש. דעם ראָש־ישיבהס יום־טובדיקער שלוש־סעודות איז אַ גאַנץ אָרעמלעכער: חלה מיט אַ שטיקל פיש. דער ראָש־ישיבה עסט ווי פון יוצא וועגן. ער איז פאַרמחשבהט. טראַכט אַוודאי אַריין אין עפּעס אַ שווערער סוגיא, אָדער... אפשר וועגן דעם זונס שוואַרצער קראַנקהייט. ער זאָגט נישט גאָרנישט. ווי ער וואָלט אין אים, זיין אומגעריכטן אורח, אין גאַנצן פאַרגעסן. אָבער אָט כאַפּט ער אַ קוק צון אים, רוקט אים אונטער אַ שטיקל חלה און גיט אים צו חשק:

— עסט, עסט, מאַציעווער. מע האָט אַ מצווה און פאַר איינס־וועג — אויך הנאה פונעם עסן.

אָבער באַלד איז דער ראָש־ישיבה ווידער הוילע טראַכטעניש. ער האָט אַוודאי נישט קיין הנאה פונעם עסן. ער שוויגט, ווייל „אין משיחין בסעודה"*, בפרט ווען מען עסט ביינדלדיקע פיש. אָבער מע קאָן דאָך מפסיק זיין אין מיטן דער סעודה און יאָ רעדן? ס'איז זייער גוט וואָס ער שוויגט... המם, און שרהקען זעט מען נישט!

לסוף קומט אַריין די רביצין אַנידערצושטעלן מים־אחרונים און צונעמען די טעלער מיט די פישביינדלעך.

— עך! מיר האָבן נישט קיין מזומן. — זיפצט אָפּ דער ראָש־ישיבה,

---

* מע טאָר נישט שמועסן אין מיטן עסן.

באַנעצט די שפּיץ פינגער און נעמט פרום בענטשן, ווי נאָך אַ היפשער סעודה. דער מאַציעווער מאַכט זיך בענטשנדיק און טראַכט דערביי: ס'איז קלאָר אַז דער רבי האָט כסדר געטראַכט וועגן שמואל משהן, וועלכער האָט צוליב זיין פאַרקראַנקט ווערן נישט געקאָנט איצט אַריינגיין צום שלוש־סעודות. גראָד וואָלט דאָך ערשט געווען אַ מזומן.

אין סוכה איז שוין דערווייל אין גאַנצן טונקל געוואָרן. איז ווי נאָר דער ראָש־ישיבה הייבט זיך אויף פון הינטערן טיש, שטעלט זיך דער מאַציע־ווער אויף, זאָגט שטיל און פאַרשעמט: „אַ גוטן שבת און אַ גוטן יום־טוב" און שלייכט זיך אַרויס מיט אַ געפיל פון נאָך גרעסערן עלנט, ווי ער איז אַהערגעקומען, און איז באַלידיקט אויף זיך אַליין: פאַרט געזעסן ביי אַ פרעמדן טיש! המם, סיידן עס צו פאַררעכענען אויפן חשבון פון, המם, פון די קעסט וואָס ער וועט דאָ אַ מאָל עסן ווי אַן אײדעם. און שרהקע האָט זיך אפילו נישט באַוויזן.

ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטער קערט ער זיך אום אויף דער קוואַרטיר. אין שטוב איז קיינער נישטאָ. די מיידלעך, אַלע דריי, זענען אַוודאי אין קאָוונע אויפן שפּאַציר, דער באַלעבאָס — אין בית־מדרש, און די באַלעבאָסטע — מסתם ביי עמעצן צו גאַסט. נעמט אים פּלוצעם אָן אַ חשק צו כאַפּן אַ קוק אין „זאַל". פאַר דער „זאַל" — אַ קליין צימערל אָן אַ פענצטער. אין אַ דלת שטייען דאָ און פאַרנעמען כמעט דאָס גאַנצע צימערל צוויי בעטן; פאַר עפּעס מער איז דאָ שוין קיין פּלאַץ נישטאָ. פון דאַנען שלייכט ער אַריין, מיט אַ טונקל געפיל פון אַ גנב, אין „זאַל". דאָ איז שוין אויך היפּש טונקל, ווייל די פענצטער זענען פאַרשטעלט מיט די פאַרהאַנגען, וואָס ער זעט תמיד אין דרויסן, פאַרבייגייענדיק. דער טיש איז יום־טובדיק פאַרשפּרייט. איבער אים הענגט אַראָפּ אַ פיינער הענגלאָמפּ. צווישן די צוויי פענצטער — אַ שוואַרצע צעראַטענע סאָפע. ס'איז גאַנץ פיין אויפגעראַמט — אסתרס אַרבעט. ער דרייט אויס דעם קאָפּ און פירט איבער דעם בליק איבער די ווענט. זיי שימערן מיט גאָלדענע שטרייפעלעך פון זייערע טאַפּעטן, וואָס זייערע אַנדערע קאָלירן זענען שוין פאַרווישט פון דער טונקלקייט, אויסגע־מישט מיט איר. ווערדליק פאַר אַ שוסטערס ווינונג איז עס באמת אַ „זאַל". המם, און ווי אַזוי שלאָפן זיי? דאָ אויף דער סאָפע שלאָפט אסתר און אין יענעם פינצטערן צימערל: אין איין בעט — טאַטע־מאַמע, און אין צווייטן — יאָכוועד מיט צלאָווען. און טאַטע־מאַמע שעמען זיך גאָרנישט? און די

טעכטער שעמען זיך גאָרנישט ? פאַר וואָס פאַרדינגען זיי אַ צימער צו אַ קוואַרטיראַנט ? און ער קוקט זיך אַרום אויף די ווענט, ווי זוכנדיק אויף זיי אַ תשובה. פלוצעם בלייבט זיין בליק שטיין : זע נאָר, וואָס הענגט עס דאָרט ? ער גייט צו נאָנט און זעט : צוויי לאַנגע צעפּ פון אַ צוויעקל אַראָפּ. דאַכט זיך — ער האָט זיי אַ מאָל שוין געזען, די־אַ צעפּ, ניין ? זיי האָבן דעמלט אַראָפּגעהאָנגען פון אַ מיידלשן קאָפּ און געשימערט אין לבנה־שיין. יאָ : יאָכוועדס צעפּ, וועלכע ער האָט דערזען דעם ערשטן פרייטיק צו נאַכטס דאָ און זיך דערוווּסט פון איר אַז... כע־כע־כע : „אַ חזיר איז דען נישט קיין מענטש ? !“. זענען אָט די צעפּ געווען, הייסט עס, צוזאַמענגעפלאָכטן מיט אירע האָר, זייער קורצע האָר מסתם. זי האָט ביידע זאַכן — קורצע האָר און קורצן שכל. האָט זי, הייסט עס, צוויי פּאָר פאַלשע צעפּ, איינע אויפן קאָפּ, און איינע אויף דער וואַנט, אין זאַפּאַס.

אין דעם מאָמענט טוט אַ קלעפּל די טיר פון פּאָדערהייזל. דער ווינט ? צי עמעץ פון די שטוביקע איז אַריינגעקומען ? ער טוט זיך אַ כאַפּ אַרויס און לויפט אויף די פינגערשפּיצן צו זיך אין צימער מיטן געפיל, אַז ער אַנטלויפט מיט אַ גנבה פון אַ פרעמד אויסטערליש לעבן. יאָ, עמעץ איז אַריינגעקומען. אָבער ער גייט נישט אַ קוק טאָן אַפילו, ווער דאָס איז. לויט די טריט איז עס די באַלעבאָסטע. ניין, ער וועט ערשט נישט אָנצינדן ביי זיך דעם לאָמפּ. ער ציט זיך אויס אויף זיין שמאָלער סאָפקע און פאַרזינקט אין מחשבות. נישט וועגן שרהקען, וועלכע האָט זיך נישט באַוויזן דאָרט, און אפשר איז זי גאָר נישטאָ הי ; נישט וועגן אסתרן, וואָס שפּאַצירט דאָרט אַוודאי מיט איר קאַוואַליער געאָרעמט ; און נישט וועגן די טויטע צעפּ יאָכוועדס אויף דער וואַנט אין „זאַל“, נאָר... וועגן דעם טויטן מיידל אויף דער וואַנט אין זיין ערשטער קוואַרטיר. ער וועט אַזוי לאַנג ליגן אין דער פינצטער, ביז... אפשר וועט די לעבעדיקע אסתר קומען און פאַרטרייבן די טויטע... איז מעגלעך אַז גראָד נאָך אַזאַ לאַנגן שפּאַצירן און פאַר־ברענגען מיט איר קאַוואַליער זאָל זי קומען צו אים אין צימער ?

*

און אָט זענען אַריבער די יום־טובים. די געציילטע אַהיימגעפאָרענע תלמידים האָבן זיך שוין צוריק געקערט. אין ישיבה האָט זיך ווידער איינגעשטעלט דער געוויינלעכער סדר. אָבער דער סקווירער איז נישט צוריק געקומען. יעדע זאַך, טראַכט דער מאַציעווער, אַבי מע דערגרייכט זי,

הערט אויף צו זיין טייער: אַז דער ראָש־ישיבה האָט מיט אים אַ שטיקל צייט געלערנט, איז עס שוין נישט ביי אים קיין זאַ וויכטיקע זאַך. און אפשר... אפשר האָט זיין קאָפּ, נישט קיין געהויבענער אין לערנען, נישט געקאָנט זיך נאָכקייקלען דעם ראָש־ישיבהס טריט אויפן דרך־ההבנה? סיי ווי... משמעות, אַז צווישן אים, דעם סקווירער, מיט שרהקען איז גאָרנישט נישט פאָרגעקומען: אַנישט, וואָלט ער דען געקאָנט זיך איינהאַלטן און נישט קומען צוריק? האָט ער זיך אומזיסט, הייסט עס, געשראָקן וועגן דעם. און ער דערשפּירט אַז די טינא־בלב וואָס ער האָט געהאַט אויפן סקווירער בסוד פאַר זיך אַליין, פאַר זיין זאָגן אים דעמלט שמעגענע און לאָזן שטיין אין מיטן גאַס ווי אַ גולם און צוליב זיין געפינען זיך מיט שרה־קען יעדן טאָג אונטער איין דאַך, האָט זיך אין אים אויסגעלאָשן. פאַר־קערט, ס׳איז אים אַ שאָד, וואָס ער איז נישט צוריקגעקומען, דער סקווי־רער. אפשר וואָלט זיך זייער חברשאַפט באַנייט. ער פילט זיך צוליב דעם נאָך עלנטער. און אויך שמעיה דעם רבס מיטן טוראָפּינער זענען נישט צוריק געקומען אין זייער „כנסת ישראל״. האָט ער איצטער קיינעם נישט. אפשר וועט שמעיה גראָד האַלטן וואָרט און אים אָנשרייבן?

איז דעריבער אין די אָוונטן דעם מאַציעזוערס באַגער נאָך שטאַרקערער זיך צוצוטוליען צו אסתרס זייט. און — וויי־ווי, סע גייט אים נישט איין: די אָוונטן ווערן אַלץ קילער און טריבער. אין גיכן וועלן זיך אָנהייבן רעגנס. וואָס וועט דעמלט זיין?

35

שפּעטער האַרבסט. די וועלט האָט זיך ווי איינגעשרומפּן, און איר ליכט ווי איינגעלאָשן. דער הימל, איין שטיק געוועלבטע גרויע כמאַרע, הענגט נידעריק. ער זיפּט קאַלטן דערעסנדיקן שפּריירעגן, וואָס ס׳איז נישט צו וויסן ווען ער האָט זיך אָנגעהויבן און ווען וועט זיך ענדיקן. די הייזער זענען נאַס, און די גאַסן און געסלעך בלאָטיק. אַפילו ווען דער רעגן כאַפּט איבער דעם אָטעם און בלייבט דאָרט אין דער הייך איינגעזאַפּט אין דער כמאַרע. בלויז פאַר האַלבן טאָג טרעפט, די כמאַרע ווערט שיטערער, דורכ־זעעודיקער, ס׳טוט זיך אַ צעשימער דורך איר אַ פאַרבאָרגענע, פאַרוויינטע זון פון הינטער אַ שלייער. אָבער איר שיין צעפליסט זיך באַלד און בלייבט

נישט, בלויז איבערלאָזנדיק אין מענטשלעכע געמיטער אַ בענקשאַפט נאָך זיך.

אינעם מאַציעווערס לענגלעכן צימער מיטן איינציקן פענצטער, דורך וועלכן אַפילו אום זומער האָט די טאָגשיין נישט דערגרייכט ביז דער וואַנט קעגנאיבער, איז טונקלקייט געמישט מיט אומעט און עלנטקייט. כ׳איז אים ענג אויפן געמיט, דעם מאַציעווער, און ס׳טרייבט אים פון דאַנען אין ישיבה אריין. אויך אין ישיבה איז טונקל. איר לופט, דערוואַרעמט בלויז פונעם ישיבה־בחורישן לייב, אָטעם און באַוועגונג, איז אַ געדיכטע, פייכטע און שטיקנדיקע. אָבער פאַרט פאַרלייכטערט דאָס זיין צווישן עולם דאָס געמיט. דאָס גזזאַנג פון די לערנענדיקע, הגם אַן אומעטיקס און זיך קלאָגנדיקס מער ווי תמיד, דערמוטיקט אַ ביסל. טייל מאָל טרעפט אויך, אַז סע טוט זיך אַ וועק אַ חשק מיטצולערנען מיט דער גאַנצער גרויסער צעוואָרעמטער חברותא, מיטצוזינגען און, מיטזינגענדיק, מיטצוקלאָגן. דאָס מאַכט פאַרגעסן די זאָרגן. „הבלא מפיק הבלא״ — טוט אַ טראַכט דער מאַציעווער — היץ ציט אַרויס היץ, און מיטקלאָגן — זאָרגן.

זיינע זאָרגן, דעם מאַציעווערס, זענען פאַרשיידענע: אַזעלכע וואָס ער שטויסט פון זיך אָפּ, וויל זיי פאַרגעסן און פאַרגעסט זיי אויף אַ שטיקל צייט, און אַזעלכע וואָס ער האַלט איין אין זיך, לאָזט נישט אַוועק, כאָטש זיי פאַרשאַפן אים פיין, ווייל... אויך זייער פיין פאַרשאַפט פאַרגעניגן. אויסטערליש! ס׳קומט אים אַרויף אויפן זינען די היים. טאַטע־מאַמע האָבן אים דאָס מאָל אַפילו נישט געפּרווט פאַרבעטן אַהיים אויף די יום־טובים. פאַר וואָס? בעת זיין פאַרברענגען פאַריקן פסח אין דער היים האָט ער זיך דערוווסט פון שמועסן צווישן די עלטערן אַז זייער מאַטעריעלע לאַגע איז גאָר נישט קיין געהויבענע. דאָס וואָלדגעשעפט וואָס דעם טאַטן האָט זיך, ל׳ייט דער מאַמעס תרעומת, „פאַרגלוסט״ צו מאַכן מיט אַ שותף: ער — דאָס געלט, און יענער — זיין פאַכמעניש וויסן, — וואָלט אפשר נישט געווען אַוועקגעגאַנגען שלים, ווען דער שותף זאָל זיין אַן ערלעכער, און נישט קיין זשוליק, וואָס כיטרעוועט איבער און באַגזלט. ווען נישט דעם זיידנס גרויסע שטיצע, ווער ווייסט צי ער, וועלוול, וואָלט באַקומען דאָס חודש־געלט אויסצוהאַלטן זיך אין דער פרעמד. דער זיידע ווידער עלטערט זיך, זיינע גאָלדענע האָר האָבן זיך שוין אין גאַנצן דורכגעזילבערט. ווער ווייסט?...

אין מאַציעווערס זיכרון גייט אויף זיינע אַן איבערלעבעניש פון פאַר א יאָרן: ער האָט שוין אַ לענגערע צייט נישט געהאַט דערהאַלטן קיין קאַרטל פון דער היים. וואָס זאָל זיין די סיבה? אין לעצטן קאַרטל האָט אים די מאַמע געשריבן, אַז דער זיידע איז נישט ביים בעסטן געזונט. ליידט אויף אַ שטאַרקן רעוומאַטיזם. די דאָקטוירים הייסן אים פאָרן קיין אָדעס אויפן לימאַן זיך היילן, נעמען בלאָטעבעדער, און ער גרייט זיך דערצו, — איז אפשר מיטן זיידן עפּעס דאָרטן? און אָט! ער דערהאַלט, נישט, ווי גע־וויינלעך, אַ קאַרטל, נאָר אַ בריוו. האַסטיק אַ רייס אויף דעם קאָנווערט, טוט אַ פאַל אַרויס אויפן טיש דעם זיידנס פאָטאָגראַפיע!... דאָס פּנים — בלאַס, די באָרד — כמעט שוין אין גאַנצן ווייס. ווי ער וואָלט פון דער מאַציעווער וואַסערמיל, נאָכן אָפּמאָלן די „שמורה"־ווייץ, אַרויסגעקומען. און ס'טוט אַ זעץ אַ דאָס הארץ: דער זיידע — געשטאָרבן?! אַ פאָטאָגראַפיע פון ערב זיין טויט!... עטלעכע סעקונדן שטייט ער אַזוי אין שרעק איבער־צולייענען עס אין בריוו. אָבער... דער זיידע זיצט דאָך דאָ זייער פיין אָנגע־טאָן, די באָרד אַזוי פיין פאַנאַנדערגעקעמט, און זיין בליק — אַזאַ לעבע־דיקער בליק! — איז אָנגעשטעלט אויף אים: איך לעב! נעמט ער שלינגען מיט די אויגן די שורות פונעם בריוו, דער מאַמעס האַנטשריפט. או־ו־ו־וך! דאָס בילד האָט דער זיידע געלאָזט זיך מאַכן אין אָדעס. ער פילט זיך בעסער. כאָטש די בלאָטעבעדער ציִען אַרויס דעם קליי פון די ביינער. ער האָט אין אַ בריוו באַפוילן, דער זיידע, אַז איין פאָטאָגראַפיע זאָל מען גלייך שיקן אים, וועלוולען. צעשמייכלט ער זיך, וועלוול, צום זיידן אויף דער פאָטאָגראַפיע ביים געדאַנק, ווי ער וואָלט אים זאָגן אַ תורה־חידוש: „האָסט זיך געבאָדן אין בלאָטע, זיידע, און ס'איז שוין גאָרנישט קיין „בלאָ־טע־שבבלאָטע"! המם, אַ מאָל מוז דער בעסטער מענטש לשם־רפואה זיין אין דער בחינה פון אַ חזיר, אָבער אַז ער איז אין דער נשמה נישט קיין חזיר, שטעלט ער נישט אַרויס קיין חזיר־פיסל־כשר..." ס'וואָלט אפשר כדאַי געווען אים עס צו שרייבן, דעם זיידן?".

ערשט ווען ער איז דעמלט געקומען אַהיים אויף פסח, האָט ער זיך דערוווּסט פאַר וואָס מען האָט אים אַ לאַנגע צייט נישט געשריבן: יצחק, דער עלטסטער ברודער, אַ חתן שוין, וואָס האָט פון נאָך די תנאים אָן געגו־מען קרענקען אויף די לונגען, איז געשטאָרבן. אַ סברא, אַז דאָס טאַקע האָט אַזוי געעלטערט דעם זיידן, וועלכער האָט פאַר זיין עלטסטן אייניקל, פאַר

יצחקן, געהאַט שוין צוגעגרייט אַ כסא־הרבנות גלייך נאָך דער חתונה. און נאָך פסח, ווען ער, וועלוול, האָט זיך געזעגנט מיט אים, מיטן זיידן, און דער זיידע האָט געעפנט די ליפּן אים עפּעס צו זאָגן, האָט די אונטערשטע ליפּ אַ צאַפּל געטאָן אונטער דער ווייסער וואָנצע, אַ פּאָר האָר פון זיין באָרד האָבן זיך צעציטערט, און נאָך זיינע אומדייטלעך אַרויסגעזאָגטע ווערטער האָט נאָכגעציטערט אַ כליפּ, ווי פון אַ קינד. צי איז דאָס געווען צוליב דערמאָנונג אין דעם פאַרשטאָרבענעם יצחקן, וואָס דער זיידע האָט אים אַזוי ליב געהאַט? אָדער... צי האָט ער נישט אַ טראַכט געטאָן, דער זיידע: „ווער ווייסט? אפשר זע איך זיך מיט אים, מיט וועלוולען, שוין אַ לעצט מאָל? צי איז דען נאָך מעגלעך צו האָפן, אים, אַז נישט יצחקן, צו זעען אויף אַ כסא־הרבנות?". איז ווער ווייסט טאַקע וואָס ס'איז מיטן זיידן? און אפשר? אַ?... אהרון, דער ברודער מיטן „פאַרשטאָפּטן קאָפּ", איז דאָך אויך קראַנק געווען אויף די לונגען.

אָט די טרויער־געדאַנקען טרייבט ער פון זיך, דער מאַציעוווער, מיט אַ געפיל פון שעמען זיך פאַרן אייגענעם געוויסן: און ער זיצט דאָ און לערנט נישט. נאַרט אָפּ. באַגזלט. ס'וואָלט זיך אים נישט איינגעגעבן זיי צו פאַרטרייבן, ווען ער זאָל זיך נישט אָנכאַפּן אין די אַנדערע מחשבות, וואָס אויך זיי פאַרשאַפן אים פּיין, אָבער דער פּיין איז אַ זיסער: וועט ער זיך טאַקע מיט שרקהען דעם ראָש־ישיבהס מער נישט צוזאַמענטרעפן אַזש ביז...? און וואָס וועט דערווייל זיין מיט אסתרן? זי וועט דאָך נישט וואַרטן אויף אים אין אָוונט אויף דער נאַסער באַנק, אַפילו ווען סע גייט שוין נישט קיין רעגן, ביז ער וועט קומען פון דער ישיבה. און אַפילו פרייטיק צו נאַכטס נאָך דער סעודה וועט זי דען אַרויסקומען? המם, אפשר איז זי זיך אויפס ניי צוזאַמען געקומען מיט יענעם קאַוואַליער? און חוץ אסתרן האָט ער דאָך נישט קיינעם מיט וועמען אַ וואָרט צו רעדן. המם, אפשר שרייבן דער ערשטער צו שמעיהן, אויב ער האָט נישט געהאַלטן דאָס וואָרט צו שרייבן צון אים? פאַרבייגן אַ ביסל דעם כבוד? סע וועט זיין אַן אינטע־רעס פאַר זיי ביידע: ער פון שמעיהן וועט זיך דערוויסן וואָס ס'הערט זיך אין מאַציעוו, און שמעיה פון אים — וואָס ס'הערט זיך אין סלאָבאָדקע. אַ מענטש מוז דאָך פאָרט האָבן עמעצן אַ פאַרטרוילעכן חבר. און ער — זעלטן פאַרטוישט ער אַפילו מיט אַ שטענדער־שכן עטלעכע ווערטער.

עפּעס האָט ער נישט וועגן וואָס צו רעדן מיט זיי און איז צופרידן אַז מע פאַרטשעפּעט אים נישט.

לעצטנס כאַפּט ער זיך: חברה שמועסט עפּעס צו אָפט צווישן זיך. שוין גאָרנישט ווי ס׳איז געווען דער שטייגער ביז היינט. און אַז געכאַפּט זיך, הייבט ער אָן באַמערקן, אַז עפּעס שרעקט מען זיך שוין ווידער נישט אַזוי פאַרן משגיח. דער משגיח זעט דאָך גאַנץ גוט מיט די פינטלענדיקע אויגן ווי אָט שמועסן איצט צווישן זיך דער אָלקעניקער מיטן שאַוולער נישט אין לערנען, אָבער מער ווי אַ שיטער כמאַרעלע אַריבערלויפן איבער זיין באָרדיק פּנים זעט מען נישט. ער לאָזט אַראָפּהענגען דעם קאָפּ און גייט זיי פאַרביי, ווי בלינד און טויב. איז וואָס איז דאָ געשען? אָבער אָט די פראַגע האַלט אים נישט לאַנג געשפּאַנט. דאָס לעבן פון דער ישיבה גייט אים פאַרביי, ווי דער ווילדע־שטראָם, פאַרבייפליסנדיק דעם ברעג — דער ברעג בלייבט איבער אויפן אָרט, גלייכגילטיק סיי צום וואַסער, וואָס איז אַוועקגעפלאָסן, סיי צו דעם וואָס פליסט ערשט צון אים אָן. נאָר אויך אויף אים קוקט זיך קיינער נישט אום. ער איז עפּעס ווי נישט קיין היגער.

פערטער טייל

36

איין מאָל, פרייטיק ביי טאָג נאָכן לערנען, אַרויסגייענדיק פון דער ישיבה און באַמערקנדיק אין פּאָליש אָן אויפרודערונג צווישן די בחורים, טוט ער אַ פרעג ביי זיין אַמאָליקן מיטקוואַרטיראַנט, דעם איישישאָקער מתמיד, וועלכער קומט אים גראָד אונטער:

— וואָס קומט דאָ עפּעס פאָר?

קוקט אים דער איישישאָקער אָן פאַרחידושט, ווי אַ נעכטיקן:

— איר ווייסט גאָר נישט? איר זענט ווידער פון אַ מחלה אויפגעשטאַנען? ס׳איז דאָך אָן אמתע מלחמה ביי אונדז: דער ראָש־ישיבה האָט אַראָפּגעזעצט דעם מנהל, רב גבריאלן, פון זיין התמנות. און רב גבריאל, פאַרשטייט זיך, לאָזט זיך נישט שפּייען אין דער קאָשע. ס׳איז נאָר אַ פראַגע: וועלכער צד פירט אַ מלחמת־רשות, און וועלכער אַ מלחמת־מצווה...

— איז וואָס? — פרעגט דער מאַציעווער פאַרתמהט.

— איז דאָס! ווי אין פּסוק שטייט, ווייזט אויס, פון אייערט וועגן:

„ויחנו בתחת״ *... — צעקאַכט זיך דער איישישאָקער, ברומענדיק הייס אונ־טער דעם קאַרטאָפּליע־נעזל. — האָבן זיך געשאַפן צוויי מלחמה־לאַגערן — דעם ראָש־ישיבהס צד, און דעם מנהלס צד. המם, נו, און איר, מאַציעווער, אויף וועמעס צד וועט איר זיך שטעלן? צי איר האַלט נאָך אַלץ ביי „ויחנו״ ?... סע שמעקט אייך ווייל דאָס מקום?...

דערמאָנט ער זיך, דער מאַציעווער: אַז ערשט סוכות האָט אים דער ראָש־ישיבה פאַרבעטן אויף שלוש־סעודות אין סוכה; אַז ער האָט אַ מאָל געגלעט שרהקע דעם ראָש־ישיבהס איבער די האָר, אַפילו זיך געראַנגלט מיט איר, ווי יעקב מיטן מלאך, אַפילו איר אָנגעטאָן איר רינגל אויף דעם פינגער און אַז אַ מאָל וועט ער איר אָנטאָן זיין רינגל; אַז דער ראָש־ישיבה האָט אים שוין ליב, און שרהקע וועט אים ליב האָבן ווען זי וועט שוין זיין זיינע, — און ער ענטפערט קורץ און שאַרף:

— אַוודאי אויפן ראָש־ישיבהס צד!

טוט זיך דעם איישישאָקערס פּנים אַ צינד אָן פון צאָרן, זיין קאַרטאָפּליע־נעזל, דאַכט זיך, פאַרעט ווי אַ קאָכעדיק־הייסע קאַרטאָפּליע, ער טוט אים אַ ברען מיט זיינע קיילעכיקע אויגן, און דער מאַציעווער ווערט איבערראַשט פון זיינע ווערטער וואָס בינדן אָן צו זיין, ועלוולס, מחשבה וועגן זיין שלוש־סעודות ביים ראָש־ישיבה אין סוכה:

— טעלערלעקער! לעקט! לעקט! לעקט! חניפה איז טינופת, נאָר דעם וואָס מע טראָגט זי אונטער שמעקט זי. „נופת טינופת שפתותיך״ **...

און נאָך איידער דער מאַציעווער באַווייזט צו עפענען דאָס מויל אים אַ זידל צו טאָן פאַר זיין אויסגעקליגלטן ניבול־פּה — דערצו נאָך אין שייכות מיטן ראָש־ישיבה — איז שוין יענער אַ „בשר שנתעלם מן העין״ ***. ס׳איז איצטער קיינער שוין נישטאָ. בלויז אין ישיבה, זעט ער דורך דער אָפן געלאָזטער טיר, שפּרייזט נאָך אַרום דער שטשוטשינער, דער אויסגעמאָגערטער, קנאָכיקער בחור מיטן גרינעם פּנים און שוואַרצן באָרד־ווידערוווקס, ווי געדיכט אָנגעשמירטער שוואַקס. ער קרייזט אַרום באַלע־

---

* און זיי האָבן גערוט אין תחת.

** פאַרגרייזט ספּעציעל פון „נפת תטפנה שפתותיך״ — האָניקזאַפט טריפן דיינע ליפּן.

*** פלייש וואָס איז פאַרשווונדן געוואָרן פון די אויגן.

מער, שפּרייזט פון פענצטער צו פענצטער, דער קאָפּ, ווי ביי אַ צערייצטן גאַנער, פאַרריסן צום סופיט און לאָזט אַרויס האַלבע און גאַנצע פּסוקים פון תפילות, חזניש געדריידלטע און געציקלטע, ווי ער וואָלט דאָ אין ישיבה געלערנט גאָר חזנות. תמיד, אַפילו ווען ער לערנט און שאָקלט זיך איבערן שטענדער מיט דער אָפענער גמרא, פּראַוועט ער חזניש שטיק און פאַרגייט זיך אין אַ „קאָלאָראַטור" מיט האַלבע פאַרמאַכטע אויגן. בעת ער טוט די אויגן אָן עפן, טוען זיי אַ בליץ פון זיין שוואַרץ פּנים אַרויס. ווי פון אַ כמאַרע... אויף וועמעס צד וועט זיך שטעלן אָט דער חזן? פאַר וועמען אַראָפּ־דריידלען אַן „אל מלא רחמים" און פאַר וועמען אַרויפדריידלען אַ „המלך יושב"?

דער מאַציעווער גייט אַריין צוריק אין דער ישיבה צו זיין שטענדער. ער איז געוואָרן צו הערן דעם שטשוטשינערס חזנותעריי, און וואָס האָט ער זיך איצט צו איילן אויף דער קוואַרטיר? אסתר איז אַצינד אין אַ וואָכע־דיקן קליידל און העלפט צו דער מאַמען, מיט אירע אַנגעצונדענע אויגן, ווי ביי אַ קאָווקע, אַריינצופירן דעם שבת אין שטוב. ער עפנט די גמרא און נעמט אונטערניגונען, כלומרשט ער לערנט. אָבער זיינע אויגן און אויערן גייען נאָך בגנבה דעם „חזן" מיט דער „קאָלאָראַטור": ער פאַרוואַרפט אַרויף דעם קאָפּ, כאַפּט אַלע ווייל אונטער די דורכגעשוויצטע, פון שוואַרץ גרוי־געוואָרענע שליאַפּע, זי זאָל אים נישט אַראָפּפאַלן; שטעלט אַרויס דעם האַלדזקנאָפּ און לאָזט פון אים זיך אַרויפדרייען קאָלירטע טענער און קולות, געפּאַרטע מיט תפילה־ווערטער. טייל מאָל דאַכט זיך אים, דעם מאַציעווער, אַז נישט נאָר ער הערט דעם שטשוטשינערס „קאָלאָראַטורן", נאָר זעט זיי אַפילו אין די פאַרשיידנסטע קאָלירן, ווי לעבעדיקע, זיך פאַר־קרייזלענדיקע און אויפקרייזלענדיקע רעגנבויגנס. און ס'דערמאָנט זיך אים זיין קינדהייט אין מאַציעוו, דער חדר, בעת מע לערנט אין פאַרכטיקייט דעם פּסוק: „וכל העם רואים את הקולות" — און דאָס גאַנצע פאָלק זעט די קולות.

ווי פּלוצעם, אין מיטן זיין פאַרטראַכטעניש אַזוי ווייט־ווייט אין צייט און אין אָרט — זע נאָר, ס'איז נאָך עמעצער דאָ ערשט אין דער ישיבה! פון הינטער דער פּלייצע וואַקסט אויס לעבן אים אַ בחור, וואָס ער קאָן אים בלויז פון זעען. אַ פעסטער, ברייטפּלייציקער און שטאַלטנער. אַ יונגער נאָך, אָבער אַ שוואַרצער סימן־באָרד ליאַמעוועט שוין אַרום זיין טונקל

פנים. דער בחור האַלט אין איינע העַנט אַן אָפענע גמרא, לייגט זי אַנידער אויף זיינע, טוט אַ טייטל מיט אַ פינגער אויף אַ שורה רש״י און אַ פרעג אויף גמרא־לשון:

— מאַי פירושו? — וואָס איז די טייטש הייסט עס.

דער שטשוטשינער רייסט איבער זיין געזאַנג, ווי כדי זיי נישט צו שטערן. דער מאַציעווער טוט שאַרף אַ שטעל אַן דעם בליק אויף דעם אַנגעוויזענעם אָרט, לויפט מיט אים איבער די ווייטערע רש״י־שורעלעך און נעמט אים דערקלערן. אָבער דער בחור שאָקלט בייז־צעשמייכלט מיטן קאָפּ אויף ניין, און ווידער אויף לשון־קודש:

— אני לא מבין מילה אחת. דבר אלי בלשון־הקודש. — ס׳הייסט: כ׳פאַרשטיי נישט קיין איין וואָרט. רעד צו מיר אויף לשון־קודש.

דער מאַציעווער טוט אַ הייב־אַרויס די אויגן פון דער גמרא און קוקט אים אָן ווי עפּעס אַ פּיפּערנאָטער. ער הייבט נישט אָן צו פאַרשטיין: וואָס עפּעס פּלוצעם?! ס׳זענען דאָ פרומע ייִדן וואָס אום שבת רעדן זיי נאָר אויף לשון־קודש, אָבער ערשט איז דאָך נאָר דערווייל ערב־שבת? נאָר מילא... אַמאַי ער אַליין שרייבט שירים אויף לשון־קודש. נעמט ער אים דערקלערן אויף לשון־קודש. אַך! ווייּ־און־וויי! סע רעדט זיך נישט. ער שטאַמלט און מאַטערט זיך און טראַכט בשעת־מעשה: ס׳איז גאָרנישט אַזאַ גרינגע זאַך צו רעדן לשון־קודש. המם, און מיר גלוסט זיך, נישט אַנדערש, נאָר זיין אַ משורר אויף לשון־קודש!

— לא מבין! לא מבין! ערל שפתים אתה!* — גייט דער בחור אַוועק מיט זיין גמרא אַן אַנטוישטער, מיט אַ בייזלעך־תרעומתדיק ברומען אונטער דער נאָז.

דער מאַציעווער קוקט אים נאָך באַליידיקט, טוט אָבער באַלד אַ שמייכל צום געדאַנק: מילא. משה רבנו האָט אַליין אויף זיך געזאָגט: „ואני ערל שפתים״**...

ערשט קומט אונטער דער שטשוטשינער און דערקלערט אים, דעם מאַציעווער, אומגעבעטן און אָן חזנישע שטיק:

— ער איז דער קאַווקאַזער — פון די באַרג־ייִדן אין טיף ראַסיי. די

---

* כ׳פאַרשטיי נישט! פאַרשטיי נישט! ביסט אַ שטאַמלער!

** אַז איך האָב פאַרשטאָפּטע ליפּן.

ייִדן דאָרטן רעדן לשון־קודש. ייִדיש פֿאַרשטייט ער נישט, קיין וואָרט נישט אַפֿילו. און קענען לערנען וויל ער, אַז סע לאָזט זיך אויס! המם, אַזוי ווי איך קענען זינגען. מיר ווילן ביידע און קענען נישט. ווען דער ראָש־ישיבֿה זאָגט דעם שיעור, קוקט ער אים גלייך אין מויל אַריין, ווי אַ האָן אין „בני אָדם“.

קוקט איצטער דער מאַציעווער אים, דעם „חזן“ מיט דער „קאָלאָראַ־טור“, אין מויל אַריין, ווי אַ האָן אין „בני אָדם“, מיט גרויס חידוש: „זע נאָר! ער קאָן דאָך נישט נאָר „קאָלאָראַטורעווען“, נאָר אויך רעדן פּשוט ווי אַ מענטש!“. און אויף דער צונג בלייבן אים ליגן ווערטער וואָס ער ברענגט נישט אַרויס: „און איך וויל קענען שרייבן שירים אויף לשון־קודש און... קען נישט. זענען מיר דאָ אַ מזומן ווילער און נישט־קענער. און אַז ער זאָגט דעם שטשוטשינער נישט קיין וואָרט, דרייט זיך יענער אויס און גייט אָפּ. מאַכט ער צו פֿאַרטראַכטערהייט די גמרא און גייט אַרויס. אין דרויסן בלייבט ער שטיין אַ ווייל: דער שטשוטשינער „קאָלאָראַטורע־וועט“ שוין דאָרט ווייטער. אַן אמתער מתמיד. דאָס געזאַנג כאַפּט זיך אים אַריין, דעם מאַציעווער, אין די אויערן און בלייבט שוין דאָרט, באַגלייטנ־דיק אים אין גאַנג. ווי פּלוצעם טוט אַ וואַך אויף אין זיין מחשבה זיין פֿריִערדיקער שמועס מיטן איישישאָקער מתמיד... „ניין! — זאָגט ער זיך אַליין. — ניין. איכל זיך נישט אַריינמישן אין דער מלחמה. כ׳וועל זיך נישט שטעלן אויפֿן ראָש־ישיבֿהס צד. ער וועט אויסקומען אָן מיר אויך“.

נאָך אין זיינע חדר־יאָרן, דערמאָנט ער זיך, פֿלעגט ער זיך אָוועק־רוקן אין אַ זייט, אָדער זיך אין גאַנצן אָפּטראָגן, בעת אַ מלחמה־שפּיל צווישן די קינדער: ווי די מעשה זאָל נישט זיין, קאָן מען אַריינכאַפּן אַ שטיין אין קאָפּ.

37

ווער פֿירט אָן מיט דער מלחמה פֿון ביידע צדדים? סע אינטערעסירט אים נישט, דעם מאַציעווער, ער זאָל וועלן וועגן דעם זיך דערוויסן, און פֿרעגט זיך נישט נאָך. פֿאַרקערט, ער שרעקט זיך אַ ביסל, דעם ראָש־ישיבֿהס צד זאָל נישט באַקומען קיין חשק אים אַריינצוציִען אין דעם עסק. ער ווייסט בלויז איבערפֿלעכלעך, פֿון צופֿעליק אויפֿגעכאַפּטע שטיקלעך

שמועסן, אַז צוויי „שטאַבן" זענען פֿאַראַן: איינער ביי רב גבריאל דעם מנהל אין שטוב. ער באַשטייט פֿונעם מנהל אַליין מיט עטלעכע עלטערע און יונגע אָנגעזעענע בחורים, און צווישן זיי — האָרכט! האָרכט און שטוינט — דער פּיליפּאָווער בקי, וואָס האָט געזאָלט ווערן אָט־אָט דעם ראָש־ישיבהס איידעם. מע זיצט דאָרט אויף די גרינע פּליושענע שטולן אַרום קיילעכיקן געפּאָליטורטן טיש, די שיינע טאָכטער דערלאַנגט טיי מיט ציטרין, אָדער קאָנפֿיטור, און — מע פֿירט די מלוכה! דער צווייטער „שטאָב" — ביים ראָש־ישיבה, אין דער ראָש־ישיבהטעס העלפֿט שטוב. ער באַשטייט בלויז פֿון עטלעכע עלטערע חשובע בחורים מיט דער ראָש־ישיבהטע און זייער עלטסטער טאָכטער, רחל, בראָש. דער ראָש־ישיבה אַליין איז דאָך פֿאַרטאָן אין זיין פֿרומקייט און זיין לערנען. צו אים קומט נאָר די ראָש־ישיבהטע נעמען די הסכמה אויף זייערע באַשלוסן. און ער, אַ געשטערטער אין לערנען, איז אומגעדולדיק און מיינסטן טייל שנעל מסכים: ער האָט דאָך קיין צייט נישט; ער דאַרף דאָך ערשט לערנען אַ סך, גאָר אַ סך· צו דעקן אויך דעם ביטול־תורה פֿון זיינע תּלמידים. אַז ער דערמאָנט זיך דערין, וויינט אין אים דאָס האַרץ.

פֿאַראַן אויך אַ טייל עלטערע בחורים וואָס האָבן זיך זייערע טעמים נישט אַריינצומישן זיך אינעם מחלוקת. קומען זיי בכלל נישט אין דער ישיבה; לערנען דערווייל אין די קלויזן — „עד יעבור זעם", ביז דאָס פֿייער פֿון מחלוקת וועט זיך איינשטילן. אין דער ישיבה דאָ און דאָרט פּוסטעוועט אַן אָרט מיט אַ ליידיקן שטענדער. אַז דער משגיח מיט די אָראָפּגעלאָזטע אַרבל פֿאַרלירט זיי נישט אין גאַנצן, די אַרבל, איז ממש אַ פּלא; זיי הענגען אויף אַ נס. אויך ער, שמועסט מען, מישט זיך נישט אין מחלוקת, און אויף אַלץ וואָס די צדדים טענהן פֿינטלט ער מיט די אויגן און טוט אַ צוק מיט די ליפּן אונטער דער וואָנצע. טייל, פֿון ראָש־ישיבהס צד, מיינען און זאָגן אַז גראָד ער איז נישט ווייניק שולדיק אינעם מחלוקת: ווען ער וואָלט דעמלט נישט געווען באַפֿאַלן דעם סקווירער און שפּעטער אים פֿאַרמסרן פֿאַרן ראָש־ישיבה, און דער ראָש־ישיבה וואָלט נישט געווען אַרויסשטויסן דעם סקווירער אויף יענער זייט טיר מיטן צולאָג: „דו שוסטעריונג!", — וואָלט היינט די גאַנצע ישיבה געשטאַנען אויפֿן ראָש־ישיבהס צד. דער צד־שכנגד וואָלט אין העכסטן פֿאַל באַשטאַנען פֿון „ארבעה בנים": דעם מנהל, דעם פּיליפּאָווער בקי, דעם מנהלס

פלוניתטע און זייער טעכטערל — די שיינע טעלעצע, וואָס פון אירעט וועגן האָט דער טאַטע אירער געמאַכט די ישיבה פאַר אַ מעלקעדיקע קו.

— קורח דער פיקח מיטן אויסגעפּאַשעטן פּופּיק וואָלט קיין עדה נישט געהאַט.

— אָבער גראָד פון דער מעשה־סקווירער, — טענהן די זעלבע, — זעט מען ערשט די גבורהדיקע צדקות פונעם ראָש־ישיבה דעם צדיק־עולם און זיין גרויסע אַהבה צו זיינע בני־תורה. אויב ער האָט שפּעטער, דעם ערשטן טאָג אין חודש אלול, געקאָנט זיך אַזוי דערנידעריקן פאַרן סקווי־רער שגץ און אויסבעטלען ביי אים סליחה־ומחילה, — איז וואָס קאָן שוין זיין למעלה מזה?!

— און פאַר וואָס, מיינט איר, איז דער סקווירער נישט געקומען צוריק? — העצט דער אַשמענער מיט אַ סברה, — ער וואָלט איצט זייער גוט צו נוץ געקומען אונדזער צד... ווייל דער מנהל האָט געשיקט צון אים אַהיים אַ מסירה־בריוועלע, אַז דעם ראָש־ישיבהס וויסן, פאַרשטייט זיך, אַז ער איז געווען אַ מביש פּני תלמיד־חכם ברבים. פּלוצעם האָט ער זיך אָנגענומען רב שמריהס קריוודע!

— ווייל ער האָט אים געוואָלט געווינען אויף זיין צד, דעם משגיח, — געפינט דער ניעסוויזשער אַ תירוץ. נו, איז עס אים נישט געראָטן: יעדער נאַר, אַפילו אַ לעמעשקע, האָט שכל פאַר זיך... איי, דער פיליפּאָווער האָט זיך יאָ געשטעלט אויף זיין צד? דאַרף מען דאָך צו קיין לעמעשקע קיין ציין נישט האָבן. ווער איז דאָס אַזאַ שוטה ער זאָל עס נישט פאַרשטיין?! סע רופעט אים, דעם פיליפּאָווער, די ריפּ פון וועלכער ס׳דאַרף באַשאַפן ווערן זיין חוה. ער מיינט סיי דעם מנהלס הגדה — די שמאַלצגרוב, און סיי די פעטע קניידלעך מיט גריוון, וואָס קאָכן זיך אין זיין טעכטערלס סיר־הבשר...

— אַ סיר־הבשר זאָגט ער, — וואַרפט אַריין בערעלע דווינסקער, וואָס איז נישט קיינעמס צד, גלאַט אַזוי צוליבן גלייכווערטל, — דער פיליפּאָ־ווער איז דאָך שוין אַן אַלטער, קאַלטער בייך, קוקט ער אויס דעם טעכ־טערלס פּייערטאָפּ.

כאַפּט זיך אַן דערין דעם מנהלס צד מיט אַן אפכא־מסתברא:

— טאַקע, טאַקע! — היצט זיך דער לידער — טאַקע צוליבן פיליפּאָ־ווער, אַ תלמיד־חכם אַן אסטניס, וואָס מיאוסט זיך צו בענטשן אתרוג מיטן

ראָש־ישיבהס „ראשית־אוני״צע״*, די מיאוסניצע, און גרייט זיך צו ווערן דעם מנהלס איידעם, האָט די ראָש־ישיבהטע פּאַרקאָכט די גאַנצע קאַשע אין קעסל. און דער ראָש־ישיבה, דער בטלן, במחילה, וואָס באַשטייט פאַר אַ מבין בטלנים, העלפט איר אונטער מישן אין קעסל מיטן פּאָלאָניק — „והיא תמשול בו״**. און ווען? גראָד ווען די חלוקה ווערט לעצטנס אויס־געטיילט צו דער צייט! און דער מנהל זאָגט נאָך צו אַז ער וועט העכערן די חלוקה פון די ערלעכע בחורים, וואָס שטייען אויף זיין צד, ווייל ער איז דער גערעכטער.

כאַפּט זיך ווידער דערין אָן דעם ראש־ישיבהס צד:

— אַדרבה. — טענהט בכובד־ראש דער ווילקאָווישקער. — מיט דער חלוקה איז דאָך טאַקע בעסער געוואָרן נאָר אַ דאַנק דעם ראָש־ישיבה, ווייל ער איז געפאָרן מיטן מנהל צוזאַמען. סיי די נותנים האָבן געגעבן מיט מער סבר־פּנים־יפות, סיי די נתינות זענען נישט צעשמאָלצן געוואָרן און אויסגערונען, ווי געוויינלעך, דורכן מנהלס פעטע פינגער. יאָ, יאָ, דעמלט טאַקע האָט דער ראָש־ישיבה דערזען מיט די אייגענע אויגן אַז... דער מנהל האַלט אונטער מיט די הענט אַ גאַנץ קיילעכיק יאָר נישט נאָר זיין „כריסו בין שניו״***, נאָר אויך זיינע אָנגעשטאָפּטע קעשענעס, אין וועלכע ער קוועטשט אַריין דאָס געזאַמלטע געלט. ער איז שוין גאַרנישט אַזאַ תם, אונדזער רבי, ווי מע וויל אים מאַכן פאַר אַזעלכן. האָט ער אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש: „עד כאן אומרים בשבת הגדול״!****

— און דער פּילפּאָווער צדיק, מיינט איר, — האַלט אים אונטער דער אַלקעניקער, — האָט זיך צוגעשאַרט נאָר צו זיין שיינער טעלעצע? לאַוו־דווקא! אויך צום גרויסן נדן וואָס דער מנהל זאָגט אים צו. איז פון וואַנען האָט עס פּלוצעם רב גבריאל אַ גרויסן נדן צו געבן? עפּעס האָט מען נישט געהערט אַז זיין „וויגרישנע בילעט״ זאָל האָבן אויסגענומען דאָס גרויסע געווינס! פון די שכירות זיינע אָפּגעשפּאָרט? פאַר וואָס האָט דער ראָש־ישיבה נישט אָנגעזאַמלט אַפילו קיין קליינעם נדן? גייט אַריין צום ראָש־

* „ראשית אוני״ — מיין ערשטע קראַפט.

** און זי וועט געוועלטיקן אויף אים.

*** זיין בויך צווישן די ציין...

**** ביז אַהער זאָגט מען אום שבת־הגדול.

ישיבה אין שטוב בעתן עסן, וועט איר זעען ווי מע לעבט דאָרט! אַזוי ווי מיר פון אונדזער חלוקה. קיין קלויסטער האָט דאָך דער מלאך גבריאל נישט באַגנבעט! וואָס ער האָט יאָ באַגנבעט? להבדיל אלף אַלפי הבדלות — די ישיבה!

— איז וואָס, — נעמט דער דיסנער דעם ענין פון אַ צווייטער זייט, — אַז די ראָש־ישיבהטע פירט אָן מיט דער זאַך, כדי אַפּצוהיטן דעם מאַן דעם גאון פון ביטול־תורה? אַדרבה! אויך דבורה הנביאה האָט אָנגעפירט. און ווי דערוועגן זיך עס תלמידים צו רעדן וועגן זייער רבין מיט אַזאַ חוצפּה?! דאָס איז דערפאַר ווייל זיי זענען פון קורחס עדה — קורח ועדתו האָבן אויך אויף משה רבנו געשאָטן פּעך און שוועבל. און — איר וועט טאַקע זעען זייער שיינעם סוף!...

טענות, געשרייען, צאָרן און גרימצאָרן. צייטנווייז דאַכט זיך: אַט ברעכט אויס אין דער ישיבה אַ שרפה! טראַכט זיך דער מאַציעווער: ס'איז גלייכער צו האַלטן זיך דערפון וואָס ווייטער. און איין מאָל, גייענדיק פון זיין קוואַרטיר אין דער ישיבה און באַגעגנט פון אַ רעגן געמישט מיט שניי, איז ער זיך מישב: צו וואָס שלעפּן זיך אין אַזאַ וועטער, וואָס — ווי די באָבע איז געווינט צו זאָגן: „ס'איז אַ שאָד אַ הונט אַרויסצולאָזן אין דרויסן"? כ'קאָן זיך דאָך אַריינכאַפּן אין דער נאָענטסטער קלויז. טוען עס דאָך אַנדערע פון די עלטערע בחורים אויך. און לאָמיר זיין וואָס ווייטער פון די מלחמה־האַלטער, המס, און וואָס נעענטער... צו אסתרן.

פון דעם טאָג אָן ווערט עס שוין ביי אים כמעט אַ מנהג. בלויז פון יוצא וועגן כאַפּט ער זיך נאָך אַ מאָל אַריין אויף אַ האַלבן טאָג אין דער ישיבה. אויך אַ מאָל צום ראָש־ישיבה, אויב ער האָט נאָר מיט וואָס, ס'הייסט מיט עפּעס אַ חידוש אין דער גמרא. ערשטנס, צו ווייזן אים אַז ער לערנט, און צווייטנס, אַז... ער איז אויף זיין צד. נו — און דאָס איז שוין נישט בלויז פון יוצא וועגן — אפשר פּאָרט וועט ער זיך באַגעגענען מיט שרהקען. כאָטש מיט די אויגן אַ וואָרט אָן אַ קלאַנג פאַרבייטן. ווען זי וואָלט זוכן, ווי ער, אַ געלעגנהייט. המס, סיידן דאָס האַרץ זאָגט איר אונטער — אַ האַרץ וואָס ליבט דערשפּירט — אַז ער האָט אויף דער קוואַרטיר אָן אסתר... כאָטש זי איז נישט און וועט נישט זיין זיין מלכה.

דערמאָנט זיך אין אסתרן, טוען זיך אַ צעפּליס זיינע מחשבות וועגן שרהקען און פאַרשווינדן — ער איז שוין אין זיינע מחשבות אויף דער

קוואַרטיר. יאָ, דאָס גאַרע לעבן זיינס איז בעיקר אויף דער קוואַרטיר. אויב אין דרויסן רעגנט גראָד, בעת ער קלייבט זיך צו גיין, ווי אַ מאָל, אין ישיבה, אָדער אין קלויז, בלייבט ער שוין גאָר איבער אין שטוב. ליגט אויף דער שמאָלער סאָפקע מיט אַ ביכל געהאַלטן פאַר די אויגן און לייענט דרימלענדיק און דרימלט לייענענדיק. אָדער ער זיצט ביים טישל פאַרן פענצטער און שרייבט איבער אויף ריין די שירים, וואָס ער האָט „אויס־געטראַכט" אין די פאַרגאַנגענע זומער־פאַרנאַכטן, אין אַ נייעם העפט אַריין. זיינע חידושי־תורה שרייבט ער שוין מער נישט איבער. צייטנווייז פאַר־געסט ער צו פאַרשרייבן זיי אָפּילו צום ערשטן מאָל. פון צייט צו צייט „טראַכט ער אויס" אַ ליד אויך היינט. מיט דער צייט וועט זיך אָזוי אָנזאַמ־לען אַ גאַנץ בוך!... וואָס וועט ער דרוקן פריִער — די חידושי־תורה, צי די לידער? לידער — אַלץ וועגן דער נאַטור. וועגן ליבע קומט עפּעס גאָר־נישט נישט אַרויס; נישט וועגן זיין... „גשמיותדיקער" ליבע צו אסתרן (צי איז אַזאַ ליבע בכלל ווערט מע זאָל וועגן איר שרייבן פּאָעזיע? דאָס איז דאָך אַ „תרתי דסתרי" *!). און נישט וועגן זיין „רוחניותדיקער" ליבע צו שרהקען. המם, אפשר ווייל זי איז שוין צו „רוחניותדיק", און די „גשמיות־דיקע" האָט איבער איר די אייבערהאַנט? און אָן אמתער ליבע איז דער מענטש עלנט. ער איז עלנט און אַזוי אויך זיינע לידער. מיט זיינע חידושי תורה — ווי ווייניק ער איז זיי שוין נישט מחדש, און וואָס ווייטער אַלץ ווייניקער — קומט ער כאָטש צום ראש־ישיבה. אָבער צו וועמען קומען מיט די לידער? זיי ווערן געבוירן, און — גאָרנישט, אָן אַ מזל־טוב! בלייבן באַ־האַלטן אינעם ווייסן פּאַפּיר, ווי... אין תכריכים, ווי... טויט־געבוירענע. אַלץ וואָס לעבט שטרעבט צו באַווייזן זיך פאַרן דרויסן. דער בוים באַגניגנט זיך נישט מיט זיינע זאַפטיקע וואָרצלען אין דער ערד, רייסט זיך אַרויף צום אויג פונעם מענטשן, צום בלוי פונעם הימל, צום ליכט פון דער זון. דער־נאָך באַווייזט ער זיך פאַר דער גאַרער וועלט מיט זיינע קנאָספּן, בלעטלעך, צוויט און פרוכט: קוק, מענטש, אויף מיין גרינס, שמעק דעם דופט פון מיין צוויט, געניס פון מיין פרוכט, רו און קיל זיך אין מיין שאָטן און שפּיר מיט אַלע חושים אַז איך בין דאָ! המם, און פון וואַנען האָב איך גאָר די זיכערקייט אַז מיינע לידער האָבן וואָרצלען? אַז דאָס וואָס כ'האָב אָנ־

* צוויי זאַכן וואָס זענען זיך ווידעראַנאַנד.

געשריבן האָט פּאָר עמעצן אַ ווערט? איז פּאָעזיע? אפשר איז די גאַנצע מעשה אַן איינרעדעניש? אַ „טעות גוי״?

דער מאַציעווער נעמט אָפּט און פאַרגלייכט זיינע שירים מיט געדרוק־טע שירים פון משוררים. צי זעט ער דען נישט איין אַליין אַז זיינע קעגן יענע זעגען ווי פּרעהס זיבן מאָגערע זאַנגען קעגן די זיבן פּעטע? און דאָס איז נישט אין חלום: זיינע מאָגערע געזאַנגען וועלן די פּעטע געזאַנגען נישט איינשלינגען... נישט מער, ער פּרוווט זיך טרייסטן: איך האָב דאָך ערשט אָנגעהויבן און קאָן נאָך נישט גוט העברעיִש. אַפילו אויפן גמרא־לשון האָב איך דאָך דעם קאַווקאַזער נישט געקאָנט דערקלערן יענעם פּרייטיק. מיט דער צייט — פונעם לייענען וועל איך זיך אויסלערנען דאָס אמתע העב־רעיִש — וועלן זיך מיינע „מאָגערע זאַנגען״ אָנגיסן מיט זאַפט און קערנער.

וואָלט דער סקווירער געווען געקומען צוריק, — טראַכט ער אַ מאָל, דער מאַציעווער, — אפשר וואָלטן זיי געוואָרן צוריק חברים, וואָלט ער אים אפשר פאַרטרויט זיין לידער־סוד. כאָטש ווי קומט צום סקווירער מבינות אויף פּאָעזיע? נאָר אפשר וואָלט ער אים צוזאַמענגעפּירט מיטן דרישקעפּאָליער, וואָס מוז שוין היינט זיין אַ גאַנצער קענער. ער וואָלט מיטן דרישקעפּאָליער געוואָרן חברים. וואָלט ער נישט געדאַרפט דער ערשטער שרייבן צו שמעיה דעם רבס, דעם מאַציעווער רבה בר־בר חנא. ס׳אַן אמתער שאָד וואָס ער איז נישט געוואָר געוואָרן ביים סקווירער דעם דרישקעפּאָליערס אַדרעס אין קאָוונע. סיידן ער וועט אים אַ מאָל צופעליק באַגעגענען. ווו? ווי אַזוי? „טורא בטורא לא פגע, אינש באינש פגע״*. ער וואָלט אים פאַרגעלייענט די לידער, — זאָל ער אָפּשאַצן, זאָגן צי זיי האָבן אַ ווערט, אָדער פירן צו אַזעלכע מענטשן וואָס אויף זייער מבינות קאָן מען זיך פאַרלאָזן. המם, אים, דעם דרישקעפּאָליער, וואָלט ער נאָר נישט דער־ציילן ווי ער מאַטערט זיך אויף יעדן וואָרט אין אַ שיר. דאָס מוז זיין גאָר־נישט פון די גוטע סימנים. ער שרייבט אַ וואָרט נאָך אַ וואָרט, ווי דער באַלעבאָס קלאַפּט אַריין אַ פלעקל נאָך אַ פלעקל. פּסח דראַטווין איז טאַקע אַ גוטער שוסטער, אָבער שירה איז דאָך נישט שוסטעריי. אמתע שירה קומט דאָך ווי אַ רוח־הקודש פון הימל; די מוזעס ברענגען זי צו טראָגן מיט צעשמייכלטע פּנימער און בליאַסקענדיקע אויגן...

---

* אַ באַרג מיט אַ באַרג באַגעגנט זיך נישט, אַ מענטש מיט אַ מענטשן באַגעגנט זיך.

ביז איין מאָל טוט אים עפּעס אַ בליץ אויף אין געדאַנק, וואָס דער־שרעקט און דערפרייט גלייכצייטיק: שיקן די לידער צון אַ משורר! ער מאַכט זיך האַרץ, קויפט אַ „היינט" און שיקט אַוועק אויף זיין אַדרעס עטלעכע לידער צו דוד פרישמאַן מיט אַ ציטעריקער בקשה אין גרויס עניוות, ער זאָל אים ענטפערן, צי ס׳איז אים כדאַי צו שרייבן ווייטער? אפשר איז עס נישט מער ווי ביטול־זמן? און צוזאַמען מיט אַ געפיל פון שעמעוודיקייט פאַר די וואָנט פון צימער דערשפּירט ער אויך ווי דערמיט ווערט זיין עלנט אַ ביסל געלינדערט: ער ווערט דערמיט געבונדן מיט א גרויסן מענטשן. צי דער גרויסער מענטש וועט אים ענטפערן צי נישט, אָבער לייענען די לידער וועט ער דאָך — דער ערשטער לייענער און אַזאַ לייענער פון זיינע לידער! המם, דערווייל וועט ער אין גאַנצן נישט שרייבן, וואַרטן אויפן ענטפער. און אויב דער ענטפער וועט בכלל נישט קומען? ווי שיקט זיך עס? אַזאַ גרויסער מענטש ווי דוד פרישמאַן...

און דער מאַציעווער כאַפּט זיך גאַרנישט ווי ס׳רייסט זיך ביי אים איבער דער פאָדעם פון לאַגישן דענקען. ער ווערט אַריינגעשפּונען, דער פאָדעם, אין אַ קאָלירן־צעשפּילטער פאַנטאַזיע: ער קומט קיין וואַרשע. ס׳קומט פאַר אַ גרויסער ליטעראַרישער אָוונט. אויף דער בינע זיצט דוד פרישמאַן. ער, וועלוול, מאַכט זיך האַרץ און גייט אַרויף צון אים. שטעלט זיך אַליין פאָר: „וועלוול סאַפּיר". „אַך! — טוט זיך דוד פרישמאַן אַ כאַפּ און פאַרהאַלט מיט צוויי פינגער די פענסנע אויף דער נאָז, זיי זאָלן אים נישט אַראָפּפאַלן. — נישט אַ מאָל דער סלאָבאָדקער ישיבה־בחור, דער משורר?". ער, וועלוול, שאָקלט בלויז צו מיטן קאָפּ, נישט קאָנענדיק קיין איינציק וואָרט אַרויסברענגען מחמת גערירטקייט. לאָזט דוד פרישמאַן אָפּ די פענסנע — אַפילו אויב זיי וועלן אַראָפּפאַלן וועלן זיי דאָך בלייבן הענגען אויפן שוואַרצן שנירעלע — און שטרעקט אים אויס די האַנט: „שלום עליכם!" און נעמט אים פאַרשטעלן מיט גרויסע שבחים פאַר די אַנדערע שרייבער: „ווי איר קוקט אָן אָט דעם ישיבה־בחור, וועלוול סאַפּיר, ,כשמו כן הוא׳ *. מנאַ, ס׳איז דאָך ביי אונדז קיין נייעס נישט. האָט דאָך די וואָלאָ־זשינער ישיבה אַרויסגעגעבן..." — — —

אַזוי גייען אַוועק ביי דעם מאַציעווער די פרימאָרגנס אין אַ קלויז,

---

* ווי זיין נאָמען אַזוי איז ער; געמיינט — דער איידלשטיין סאַפּיר.

זעלטן אין ישיבה, אין בטלה מיט די אייגענע מחשבות און פאַנטאַזיעס איבער דער אָפענער גמרא, אָדער ביי זיך אין צימער, האַלב דרימלענדיק איבער אַ בוך. און די אָוונטן — מיט אסתרן אין „זאַל". ווי נאָר די באַלע־באָסטע גייט אָוועק פון שטוב, ווי איר שטייגער איז לעצטנס, און דער באַלע־באָס זעצט זיך נאָך מעריב ווידער ביים וואַרשטאַט אַ באַלויכטענער מיט אַן אַכטער נאַפטלאָמפ, שליכט ער זיך, וועלוול, אַדורך אַהין, ווי אַ שאָטן. זעעז זעט ער אים דאָך נישט, דער באַלעבאָס, ווייל ער זיצט דאָך מיטן פּנים צום פענצטער; אַז ער זעט אים שוין גראָד יאָ, טאַקע אין די נאַכטיקע שויבן, ווי אין אַ שפּיגל, דאָס פאַלט אים נישט איין. אין „זאַל" איז שטאַרק טונקל. דער דרויסן, אַ שוואַך באַלויכטענער מיט ווייט פון אַנאַנדער אָפּ־שטייענדיקע עלעקטרע־לעמפּלעך אויף סלופּעס, זייעט קוים אַדורך אַהער אַ בלאַסע שיין דורך די פאַרהאַנגען. די שיין פונעם אַכטער לאָמפּ איבערן וואַרשטאַט אין קיך זאַפּט זיך קוים אַריין פאַרביי דעם פינצטערן שלאָפצי־מער. זיי זעען זיך, ער און אסתר, מיט פינקלענדיקע אויגן, ווי דורך אַ הזאָל. אסתר זיצט אויף אַ שטול לעבן דער ווייסלעך־בלוילעכער קאַפּליענער הרובע. ער שטייט לעבן איר, און די צייט פליסט אומדערהערט דורך זיי און אַריבער זיי אַזוי סודותדיק, פליסט פאַמעלעך און לויפט שנעל גלייכצייטיק — וווּנדערלעך. פון מאָל צו מאָל פאַרבייטן זיי עטלעכע ווערטער אויף אַ ביסל אַ העכער קול, כדי דער אַלטער דאָרט זאָל הערן ,אַז זיי פירן דאָ אַ שמועס, און נישט איבערטראַכטן וויס־איך־וואָס... אַנישט ווייסט ער דען נישט אַז זיי זיצן דאָ, כאָטש ער האָט זיך דורך אים פאַרבייגעגנבעט? אָבער מיינסטנס שווייגן זיי. אַ זיס שווייגן. וועלוול שפּירט, סיי בעתן רעדן, סיי בעתן שווייגן: זיין בלוט יוירט, דאָס געמיט איז אויפגערודערט, וואָס וועגן אסתרן וואָלט ער עס נישט געזאָגט. זי — איז אַזאַ קאַלטע עפּעס. ווי זי וואָלט זיך די מאַרמאָרנע פּרויען־סקולפּטור פון היינריך היינעס אַ דער־ציילונג, וואָס ערשט די ליבע פון אַ מאַן צון איר דאַרף זי אויפלעבן... זיין בלוט, וועלוולס, באַוועגט די נעפלדיקע מחשבות אין קאָפּ און די האַנט אַרום אסתרס געשטאַלט. זי בלאָנדזשעט, די האַנט, אַרום איר, אָנהייבנדיק פון די האָר אויפן קאָפּ, איבער איר נאַקן און האַלדז, די אַקסל, פּנים און הענט. זי טוט עס בגנבה, איידל, ווי פלאַטערנדיק איבער דער הויט, באַרי־רנדיק און נישט באַרירנדיק. און זי — זי איז דורכויס אומבאַוועגלעכקייט און שוויגעניש: זי שפּירט נישט די גנבהשע האַנט. ס'קאָן הייסן: וואָלט זי

נאָר דערשפּירט, חלילה — מאַכט זי גלייך אַ געוואַלט: כאַפּט זי, די גנבטע! און איין מאָל טוט זיך אים אַ דערמאָן אַ מאַמר־חז״ל: „אסתר קרקע עולם היתה״ — אסתר איז געווען ווי באָדן...

אָבער פון אָונט צו אָונט ווערט „די גנבטע״ אַלץ דרייסטער, זיכערער. ביז איין מאָל, ווען די פינגער פאַרטשעפּען זיך ביים אייבערשטן העקעלע־פּאָרל פון איר בלוזקע און שפּילן זיך אָפּצורייסן דאָס „מענעלע״ פונעם „וויבעלע״, באַקומט ער פּלוצעם אַ קלעפּעלע איבער דער האַנט, באַגלייט מיט אַ שפּאָטיש, אָבער גלייכצייטיק דערמוטיקנדיק, כי־כי־קעלע:

— פאַרגעסט גאָר, וועלוול, אַז דו ביסט נאָך דערווייל אַ ישיבה־בחור?... דו טאָרסט נישט.

די האַנט טוט זיך אַ כאַפּ אַוועק, ווי אָפּגעבריט פון אייז. ער בלייבט שטיין, ווי געליימט, אָנגעברוגזט, און ווייסט אַליין נישט צי איז ער טאָקע ברוגז אויף אַן אמת, אָדער מאַכט אַן אָנשטעל. אויב אויף אַן אמת, דאַרף ער דאָך טאָן איילִיק־רייסיק אַ גיי אַרוס? אָבער זיין גאַנצער גוף און גאַנץ געמיט זענען ווי צוגעשמידט צום אָרט זיך נישט אַוועקצורירן. נאָר באַלד כאַפּט ער זיך אין געפיל אַז איר טאָן איז דאָך גראָד געווען אַ גוטגינציקער. אַדרבה. און ער שיקט ווידער די גנבהשע האַנט „לתור את הארץ״ — אויס־צושפּירן די „קרקע״. אַך! אויף אָט דעם באָדן איז פאַראַן אַ „גן נעול״ — אַ פאַרשלאָסענער גאָרטן, אַ „גן נעול, מעין חתום״ — אַ פאַרשלאָסענער ברונעם, אַ פאַרזיגלטער קוואַל, און ס׳הערט נישט אויף צו נאָגן, צו ציִען צו זיי. ער איז געגליכן צו אַ דורשטיקן מיט אַ הייס לעכצעניש, וואָס וועט זיך נישט איינשטילן, ביז ער וועט זיך נישט אָנטרינקען מיטן דערקוויקנדיקן וואַסער פון אַ קוואַל. יאָ, זי איז ווי אַ קוואַל וואַסער, אסתר, פונקט אַזוי ווי ער איז הייס.

38

נאָכן אויסבראָך פונעם מחלוקת זאָגט נאָך דער ראָש־ישיבה זיין שיעור. אָבער ער זעט זיך אַרומגערינגלט אפשר נישט מיט אַ העלפט פון די תלמידים: די וואָס לערנען אין די קלויזן זענען נישט געקומען, און די פונעם מנהלס צד שלייכן זיך איינציקווייז אַרויס. אַפילו די פאַרבליבענע, פילט ער, האָרכן אים נישט מיט קאָפּ, נישט מיט לייב־און־לעבן. ביים

צווייטן שיעור זעט ער אַרום זיך נאָך ווייניקער. פועלט ער ביי זיך, אַ צעוויטיקטער און צעבראָכענער: כל־זמן ס׳וועט נישט נעמען קיין סוף צו דער זאַך, און קיין נייער מנהל וועט נישט פאַרנעמען דעם פּלאַץ פונעם אַלטן, וועט ער קיין שיעור נישט זאָגן. נישט דערפאַר ווייל „זי״ מיט רהלען עצהן אים אַזוי, באַשר ער דאַרף היטן זיין כבוד. מילא, ער וואָלט זיין כבוד בפירוש מוחל געווען: „רב שמחל על כבודו, כבודו מחול״ האַלט אַ צווייטער תנא. אָבער ס׳איז דאָך ממש אַ חילול־התורה, ווען ער זאָגט דעם שיעור פאַר די שטענדערס! ווער גיט עס אים רשות מוחל צו זיין אויף כבוד־התורה?! יענע שטעכן אים און האָבן גאָר קיין מורא נישט פאַרן „יאמרו: רבן דקרו״ *. זינט דעמלט קוקט מען אים בכלל נישט אָן אין דער ישיבה. חוץ שבת ביים דאַווענען, ווען די ישיבה איז אַ בית־מדרש פאַר באַלעבאַטים מתפללים.

ווענן דעם וואָס ס׳קומט פאַר אין דער ישיבה פרעגט ער זיך נאָך ביי די עלטערע בחורים, מיט וועלכע די ראָש־ישיבהטע איז זיך מישב אינעם ענין פון דעם מחלוקת, און ביי די איינציקע תלמידים וואָס קומען אַריין צון אים, כאָטש זעלטן־זעלטן, שמועסן אין לערנען. סיי די, סיי די, כדי אים נישט מצער צו זיין, זענען פאַר אים „מגלה טפח און מכסה טפחיים״ — מע פאַרדעקט פאַר אים, וויפל ס׳איז נאָר מעגלעך, דעם נאַקעטן אמת. אָט זעט ער דאָך — זיי לערנען און קומען אַריין שמועסן אין לערנען. מע קוקט שוין אויס אויף זיין שיעור. לאָזט ער זיך, אָפּזיפצנדיק, אָפּנאַרן, כאָטש און ווייל דאָס האַרץ איז אים פול מיט זאָרג צוליב דעם מחלוקת מיטן ביטול־תורה. אָבער גיין זאָגן דעם שיעור וועט ער נישט, ביז... איין מאָל טוט ער ווענן דעם אַ פרעג ביים מאַציעווער, ענטפערט ער אים, אַז ער לערנט כסדר אין אַ קלויז, — פרעגט ער אים שוין נישט מער. זיינע אויגן, דעם ראָש־ישיבהס, שטאַרצן היינט אַרויס בולטער און קוקן אָנגעשטרענגט דורך די הילצערנע ווענט פון זיין חדר און די געמויערטע פון דער ישיבה ווי... מע לערנט דאָרט, געלויבט דער אייבערשטער. און זיינע אויערן זענען איינגעהאָרכט פון דער ווייטן אינעם זיסן, מחיה־נפשותדיקן קול־תורה, וואָס גייט אויף פון דאָרט, ווי אַ שאַלונג פון אַ שופר, צום הימל. געלויבט דער אייבערשטער! ער זאָל אים טאַקע וואָס גיכער מזכה זיין צו האַלטן פאַר זיי דעם שיעור.

---

* מע וועט זאָגן, דעם אייגענעם רבין האָבן זיי געשטאָכן.

„הזהרו בבני עניים, שמהם תצא תורה". המם, און יענער באַגנבעט זיי, רחמנא־לצלן! טייל מאָל שפּירט ער בחוש אַז כאָטש זיין גוף איז דאָ, ביי אים אין צימער, איז אָבער זיין נשמה דאָרט, אינעם אַוויר פון דער ישיבה, און זי פּלאָטערט אַרום אין שרעק: דאָס מחלוקת זאָל נאָר צו ביטול־תורה נישט דערפירן, חס ושלום! „ותלמוד תורה כנגד כולם" — דאָס לערנען די הייליקע תורה איז איבער אַלץ. אוי, פּאָטער אין הימל! „אין מים אלא תורה, שנאמר: אוי, כל צמא, לכו למים" — מים מיינט תורה, ווי עס שטייט געשריבן: אוי, יעדער דאָרשטיקער, קומט נאָך וואַסער.

— זאָל זשע טאַקע, — גייט ער איבער פון מחשבות צו רעדן אויף אַ קול צו זיך אַליין, — דאָס וואַסער פון דיין הייליקער תורה, גאָטעניו־טאַטעניו, לעשן דאָס פייער פונעם מחלוקת. אוי, דאָס מחלוקת, דאָס מחלוקת! מיט אַלע רמ"ח אברים און מיט דער גאַנצער נשמה מיינער בין איך קעגן דעם מחלוקת. „קשה היא המחלוקת מדור המבול" זאָגט דער מדרש — דאָס מחלוקת איז האַרבער און ביטערער ווי דער דור־המבול. אוי־ווי, אוי־ווי...

ער האַקט אָפּ און טראַכט ווייטער: המם, לאָזן ווידער די זאַך פאַרבלייבן ווי געווען — דער מנהל זאָל בלייבן מנהל — טאָר מען דאָך אויך נישט. ער איז דאָך אַ „מועל בקדשים"*! — באַגנבעט די אָרעמע קעשענעס פון די לומדי־תורה און, המם, זיין בתולה — אַ לילית, רחמנא־לצלן, מאַכט שטרויכלען די טריט פון תלמידי־חכמים און פירט זיי אַראָפּ פון גלייכן וועג אין שאול־תחתיה אַריין. דער פילאָסאָפער גדול־בתורה יוכיח**. נישט נאָר איז ער נישט געקומען, ווען איך האָב אים גערופן, נאָר... אויך די אַנדערע זענען נישט געקומען הערן רבינס שיעור. זאָגט דאָך די גמרא אין יבמות דף סג, עמוד ב: „בתואר אשה יפה רבים הושחתו, ועצומים כל הרוגיה" — צוליבן געשטאַלט פון אַ שיינער אשה זענען אַ סך געוואָרן פאַרדאָרבן, און אַן אַ שיעור זענען אירע אומגעבראַכטע...

ער בלייבט שטיין קעגן פענצטער אויפן פאַרמאַכטן הייפל אַרויס. דער שניי אויפן קעגנאיבערדיקן דאַך, באַלויכטן פון דער פרימאָרגנדיקער

---

* פעלשט אין הייליקייטן.

** באַווייזט עס.

זון, גלאַנצט פייכט און שפּילט פּילפּאַרביק מיט מיליאָסן בריליאַנטענע און דימענטענע שטראַלעכלעך, פּליטערלעך, פּינטעלעך און שטויבעלעך... ווי תּפאַרתדיק! ווי תּפאַרתדיק! תּפאַרתדיק־שבּתּפאַרתדיק!

— „מה רבו מעשיך, אַדושם״! — שרייט ער אויף, אויפגעצאַפּלט פון אַנטציקונג.

נאָר אָט טוט עס אַ טראַג אַן אַ וואָראָנע אויפן דאַך. זי היפּט, היפּט איבער אים. צעגראַטשעט מיט די פיסלעך דעם שניי און לעשט אויס מיט איר שאָטן דאָ און דאָרט די בריליאַנטן און דימענטן. מיט אַמאָל טוט זי זיך אַ הייב אַרויף און אַ לאָז אַראָפּ צוריק אויפן רוקנשאַרף פונעם דאַך, אַ שטרעק אויס דאָס העלדזל און אַ שנייד די לופט מיט אַ גרילצנדיקן: „קראַ! קראַ! קראַ!״.

— ווי גרויס זענען דיינע מעשים, גאָט! — פאַרייִדישט ער זיין פריִער־דיקן אויסגעשריי. — דער פויגל וואָס ברענגט, חלילה, אַ בייזע בשורה פון הימל, רחמנא־לצלן, ער אַליין בעט מיטן אייגענעם וואָרט אויף לשון־קודש: „קרע רוע גזר־דין״! — צערייס דעם גזר־דין, טאַטעניו, פאָטער אין הימל!

און מחמת מתיקותדיקער גערירטקייט, וואָס צעפליסט זיך איבער זיין גאַנצן גוף, גייט אויף אַ גלאַנציקע פייכטקייט אין זיינע אויגן... ווי גוט וואָלט זיין זיך אויסצווויינען אויפן שויס פון דער שכינה... „חטאיכם... כשלג ילבינו״ — אייערע זינד... ווי שניי וועלן זיי ווייס ווערן...

אין דעם מאָמענט, ווען ער אַריינקוקן טיפער אין זיך, טוען זיך זיינע אויגן אַ לאָז אַראָפּ און דערזעען דעם שניי אונטן אין הייפל, וווּ די זונשיין דערגרייכט נישט. אויך דער שניי איז ווייס, אָבער שאָטנדיק, ווי אַן אומעטיקע דעקע. תּכריכים. פון אויבן אַזוי פיל ליכט, אַזוי פיל חיות, און אונטן אַזוי פיל שאָטן, אַזוי פיל טויט. צווישן אויבן און אונטן בלאָנדזשעט אַרום דעם מענטשנס בליק, דעם מענטשנס האַרץ. דער געטלעכער נשמה, דעם חלק אלוה ממעל, ציט עס אַרויף. און דעם זינדיקן גוף, דעם חומר־העכור, ציט עס אויף אַראָפּ. און אָט נעמט עס שווינדלען פאַר דעם מענטשנס אויגן. די בלענדנדיקע ווייסקייט פון אויבן טוט זיך אַ מיש צוזאַמען מיט דער שאָטנדיקייט פון אונטן, און ס׳איז שוין נישט צו וויסן וווּ איז אויבן און וווּ איז אונטן. וווּ איז ליכט און וווּ איז חושך. און ס׳וואָרפט דעם זינדיקן

מענטשן אין כף־הקל. אַזוי איז עס אויך געשען מיטן פּיליפּאָוועו. און ער איז געבליבן ליגן אונטן. מע דאַרף אים ראַטעווען...

— רבונו של עולם! — טוט ער אַ פאַרקוועטש די אויגנלעדלעך, וואָס דריקן אַרויס אויף די ברעמען צוויי טרערן, און נעמט רייבן מיט די שפּיץ פינגער דעם זיך פאַלדנדיקן שטערן. — „האר עיני בתורתך" — דערלייכט מיינע אויגן מיט דיין תורה, מיט דיין הייליקער תורה, „כי תורה אור" — די פּראַכט פון דיין תורה מאַכט ליכטיק, זי בלענדט נישט און בלינדט נישט...

— רב ברוך בערל! — דערהערט ער פון הינטער זיך דער רביצינס רוף און דרייט אויס צון איר דאָס פּנים:

— וואָס אי'?

— האָסט, חלילה, געזאָגט קינות? — קוקט זי אים שאַרף, פאַרשנדיק, אין די אויגן אַריין און ציט, נישט באַקומענדיק קיין ענטפער, ווייטער, — אַז וואָס איז דאָס הידוש? דאָס האַרץ איז דיר אָפּגעשוואַכט פון די צרות. און... האָסט דאָך דעם פרישטיק נישט דערעסן. כ'האָב דיר נישט געוואָלט שטערן. אָבער בענטשן מוזסטו דאָך. קום זשע אַריין.

— אַך! — טוט ער זיך אַ כאַפּ און גייט איר נאָך אין איר העלפּט שטוב, ווו דער האַלב־געגרייטער טיש מיטן נישט דערעסענעם פרישטיק וואַרטן טאַקע אויף אים... ער זאָל בענטשן.

— רחל, דערלאַנג מים־אחרונים. — און באַלד באַפייכט ער די שפּיץ פינגער פון דער דערלאַנגטער גלאָז וואַסער און נעמט בענטשן מיט פרומען השק און פאַרזונקען.

אָפּגעבענטשט, אויפגעהויבן זיך פון אָרט און געמאַכט אַ פּאָר טריט אַריינגיין צוריק צו זיך, שלאָגט ער זיך אָן אויפן וויב. ער טוט דער־שראָקן אַ שפּרונג אויף צוריק, ווי פון אַ פרעמדער אשה. די ראָש־ישיבהטע פאַרשטעלט אים דעם וועג מיט אַ בריוו אין האַנט קעגן זיינע אויגן:

— רב ברוך בערל, נעם, זיי מוחל, און שרייב אונטער אָט דעם בריוו. דיין זיגל ליגט שוין אויף אים...

ער נעמט אים מיט אומווילן פון איר האַנט, טראָגט אים צו צו די אויגן און ווירעט מיט זיי איבער די שורות. ער דערקאָנט די האַנטשריפט: דעם אַלעקסאַנדערס. אַ בעל־לשון...

— אוי־אוי! — זיפצט ער אָפּ פון מאָל צו מאָל.

אַן איבערגעלייענטער, בלייבט דער בריוו שטעקן צווישן זיינע פינגער, ווי אַ פלאַסטער. זיינע בולטע אויגן קוקן צעמישט און גלייכצייטיק שטאַרר פאַר זיך אין דער וועלט אַריין, און זיין פנים איז צעקרימט פון צער:

— אַזוי ווייט? ! ער איז דאָך געווען אַ מתמיד, דער איישישאָקער. המם. אמת, קומען צו מיר רעדן אין לערנען איז ער קיין מאָל נישט געקומען. אפשר איז ער בלויז דער תורהס אַ האַלצהעקער... אַ גבעוני. אָבער דאָס איז דאָך אויך אַ מדרגה. איז ער, חלילה, אַראָפּ פונעם דרך־הישר? האָט איינגעהערט לערנען און איז געוואָרן אַ מחוצף־פנים. פונעם מנהלס שרייערס... ווי־ווי צום רבין זיינעם! מיינע שיעורים פלעגט ער דאָך הערן... — און דער בריוו טוט זיך אים אַ גליטש אַרויס פון צווישן די פינגער.

דרייט ער זיך אויס און שטעלט אָן די אויגן מיט אַ רחמנותדיק פנים אויפן ווייב מיט דער טאָכטער:

— די הייליקע גמרא זאָגט: „תלמידו של אדם נקרא בנו" — אַ תלמיד איז אַ זון... איז וואָס זשע זאָל דער טאַטע טאָן?

ער קוקט אויף זיי, ווי וואַרטנדיק אויף זייער עצה. אָבער ביידע שווייגן. ציט ער ווייטער:

— זאָל אַזעלכער הייסן אַ „בן סורר־ומורה"? זאָגט ווייטער אַ גמרא: „בן סורר־ומורה שרצה אביו ואמו למחול לו, מוחלין לו" — אַ בן סורר־ומורה, אויב טאַטע־מאַמע ווילן אים מוחל זיין, קענען זיי אים מוחל זיין... איך בין אים מוחל...

— און איך, רב ברוך בערל, בין נישט מוחל! — כאַפּט זיך די ראָש־ישיבהטע אַרויס אַנטשלאָסן, הייבט אויף דעם בריוו פון דער פאָדלאָגע און לייגט אים אויפן טיש.

— דו? — איז דער ראָש־ישיבה איבערראַשט פון איר נישט־געוויינ־לעכן, עקשנותדיקן טאָן. — דו ביסט דאָך אים נישט קיין מאַמע. — און ס'טוט אים אַ שלאָג אין זכרון דער מאמר־חז"ל: „לעולם יהא אדם זהיר בכבוד אשתו" *.

די ראָש־ישיבהטע מאַכט עפּעס מיט די ליפּן, ווי זי וואָלט צונויפגעקליבן

---

* תמיד זאָל אַ מענטש געהיט זיין אינעם כבוד פון זיין ווייב.

די ווערטער וואָס זי גרייט זיך צו זאָגן. נאָר די געלערנטע טאָכטער פאַר־לויפט איר דעם וועג:

— טאַטע... קיינער וויל דאָך אים, דעם איישישאָקער עזות־פּנים, נישט אומברענגען, חלילה. זאָל ער אַוועקפאָרן אין אַן אַנדער ישיבה לערנען. דאָ... דאָ איז ער דאָך, טאַטע, אַ „חומץ בן יין" *.

אויפן ראָש־ישיבהס פּנים טוט אַ פלאַטער אַ שמייכעלע, און זיינע אויגן טוען אַ וואָרף אַ נחת־רוחדיקן שימער אויף דער טאָכטערס פּנים, וואָס איז נעבעך אַזוי מיאוס, כאָטש דער קאָפּ אַזוי קלוג, ווי ביי רבי יהושע בן חנניה: „חכמה מפוארה בכלי מכוער" — פּרעכטיקע חכמה אין אַ מיאוסער כּלי:

— „חומץ" זאָגסטו... חמץ... חמץ איז במה־שהוא, און סע שטייט „וביערת" — זאָלסט אַרויסראַמען דעם חמץ. וואָס פריִער איז בעסער. דערלאַנג טינט־און־פעדער, רחל. המם, אפשר וועט דאָס זיין אַ זכות פאַר דיר...

און מיט אַ צערודערטער באַוועגונג טוט ער שנעל אַ גיי צוריק צום טיש, אַ נעם דאָס העגטלפען פון רחלס האַנט, אַ שטעק די פען אין טינטער, אַ שרייב אונטער, אַ וואָרף אָפּ די פען און רייסיק אַ לויף אַרויס צו זיך אין חדר אַריין:

— לערנען! מען דאַרף לערנען גאָטס הייליקע תורה. די זיסע תורה...

רחל נעמט דעם בריוו, פאַרטראַכט זיך אַ רגע איבערן טאַטנס אונ־טערשריפט, לייגט צונויף דאָס בייגעלע פּאַפּיר, שטעקט עס אַריין אין אַ קאָנווערט און זאָגט מיט באַדויערן צו דער מוטער, באַלעקנדיק און פאַר־קלעפּנדיק דאָס רענדל:

— דער טאַטע האָט אויסגעזען פאַרווינט, ווען ער איז אַריינגעקו־מען. ער איז אַ גרויסער, אַ הייליקער מענטש, דער טאַטע. די אַלע זאַכן זענען נישט פאַר אים. מע דאַרף אים וואָס ווייניקער באַאומרויִקן...

די ראָש־ישיבהטע כאַפּט אַ באַרעדעוודיקן בליק אויף דער טאָכטערס פּנים און פאַרקלעמט די ליפּן. די געלערנטע טאָכטער „הערט" אָבער וואָס איר בליק זאָגט: „ווען נישט דיין מיאוס פּנים, טייער קינד, וואָלט עס אין גאַנצן דערצו נישט געקומען. דער פּיליפּאָוער...".

דאָס איבעריקע דערעדט זי שוין אַליין שפּעטער אַ ביסל, שטעפּנדיק

* עסיק פון וויין — אַן אויסדרוק וועגן אַ רשע אַ זון פון אַ צדיק.

עפּעס אויף זינגערס ניימאַשין און אויסבאַהאַלטנדיק די טרערן, וואָס קאַפּען אַראָפּ אויפן שטאָף, וועלכער לויפט אַוועק פון אונטער דער נאָדל, ווי אויך ער וואָלט וועלן די טרערן אויסבאַהאַלטן.

*

היינט קומען פאַר די קריגערייען אין דער ישיבה שוין נישט ווי אין אָנהייב — פאַרן, אָדער נאָכן לערנען, נייערט אין סאַמע מיטן טאָקע. דאָ — אין איין ווינקל, דאָ — אין אַ צווייטן, דאָ — אויף איין באַנק, דאָ — אויף אַן אַנדערער. דעמלט הערט אויף דער משגיח צו מאַכן זיינע הקפות אַרום באַלעמער, בלייבט שטיין ביים עמוד, אַ צוזאַמענגעקאַרטשעטער און פאַר־גליווערטער, דער קאָפּ פאַרשטעקט צווישן די אויפגעשטעלטע דלאָניעס און אויף זיי אָנגעלענט. די שטענדיק ביז די שפּיץ פינגער אַראָפּגעלאָזטע אַרבל זענען ערשט אַראָפּגעלאָזן צו די עלנבויגנס, אָנטפּלעקנדיק די פאַר־שפּיליעטע העמדאַרבל... וואָס קאָן ער ערשט טאָן? לויפן דערציילן דעם ראָש־ישיבה? דעם מנהל? צו וועמען לויפן פריִער? דער פריִער קאָן דאָך אויסגעטייטשט ווערן... המם, די וועלט האָט זיך דאָך איבערגעדרייט מיטן קאָפּ אַראָפּ! יעדעס מינדסט בחורל איז היינט אַ משגיח אויף אים. מע וועט אים נאָכשפּיאָנעווען, וווהין ער גייט, און וווהין ער זאָל נישט גיין פריִער, וועט עס הייסן, ער איז פון יענעמס צד. פאָטער אין הימל, וואָס וועט דאָ זיין דער סוף?! ס׳איז נאָך דעם איבערשטן צו דאַנקען וואָס זיי לאָזן אים צו רו, די צדדים. אַז ער אַליין מישט זיך נישט אַריין אינעם מחלוקת, איז ווי קיינער פון די צדדים וואָלט אים נישט געזען. נאָר ווער ווייסט וואָס דאָ וועט נאָך זיין? המם, צי זאָל דאָס הייסן... אַ? אַז ער האָט גאָר קיין שום באַטרעף נישט, נישט ביי דעם צד און נישט ביי דעם צווייטן? המם... — און זיינע ברעמען צעפּינטלען זיך, ווי דאָס פייערצינגעלע פון דעם גוסס־דיקן יאָרצייטליכט אינעם לייכטער־רערל אויפן עמוד.

דאָס פייער שטאַרקט זיך פון טאָג אויף טאָג, און קיין פייערלעשער באַווייזט זיך נישט. די איינציקע נחמה איז די וואָס פון דעסטוועגן איז נאָך פאַראַן אַ קליינער טייל בחורים וועלכע שטייען פון דער ווייטנס, אָט ווי ער. נאָר זיי איז גוט — גייען זיך אַוועק אין וועלכער קלויז עס ווילט זיך זיי, לערנען דאָרט און מוזן נישט צוקוקן, ווי ער דאָ, די חרפּה און די בושה אויפן פּנים פון דער ישיבה. ער — ער איז דאָך דער באַצאָלטער משגיח, משטיינס געזאָגט. אָט ווען ער וואָלט כאָטש קאָנען ווערן דער משגיח איבער

יענע אין די קלויזן. אָבער זיי פעלט ער דאָך נישט: אַז זיי אַנטלויפן אַליין פון דעם ביטול־תורה אין דער ישיבה, איז דאָך דער אייבערשטער אַליין זייער משגיח; איבער זיי איז די השגחה־עליונה. המם, אָט אַזאַ מאַציעווער אַ שטייגער: נישט פון די גרויסע מתמידים; האָט זיך שוין לאַנג נישט געוויזן דאָ, און היינט האָט ער זיך אַראָפּגעיאָוועט און פּירט נישט מיט קיינעם קיין שמועסן, — הייסט עס אַז ער לערנט אין אַ קלויז. המם, און איך, דער משגיח זיינער, האָב פאַר אַ יאָרן אָנגענומען אויף אים אַזאַ שרעקלעכע לשון־הרע! „קרקפתא דלא מנח תפילין"! געשיקט זיך עס? נאָר ווי האָט זיך עס געקאָנט מיר לייגן אויפן זינען אַז זיין מיטקוואַרטיראַנט, דער אישישאָקער, וועלכער איז דאָך דעמלט געווען דער מתמיד, זאָל זיין אַזאַ לשון־הרעניק, אַ מסור?! אָט איז זיין גאַנצע התמדה פאַרברענט געוואָרן אין דער שרפה פונעם מחלוקת. פלאַמפּייער איז ער פאַרן מנהל. ער ברענט מיט התמדה, נאָר נישט מיטן פלאַם פון דער תורה. ער איז, דאַכט זיך, גרייט צו פּאַטשן, ווי דער שגץ וואָס האָט אים דעמלט געפּאַטשט. און דווקא דער ראָש־ישיבה האָט דאָך אים מוסיף געווען אויף דער חלוקה...

אין זיין דערשלאָגענער פאַרזונקנקייט דאַכט זיך רב שמריהן, אַז ער הערט גאָר אין גאַנצן נישט קיין קול־תורה אין דער ישיבה, נאָר קריגערייען און שענדלעכע קולות... „קול מלחמה במחנה" — אַ קול פון מלחמה אין לאַגער. ווי אין מדבר, ווען די ייִדן האָבן געדינט צום עגל־הזהב. און אין דעם מאָמענט דאַכט זיך אים צו פאַרנעמען ווי אַ וויינענדיק געברום פון הינטערן פּרוכת... די ספרי־תורות יאָמערן פאַרלאָזטע... האָרכט ער זיך איין שטאַרקער און כאַפּט זיך: דאָס האָט עס הינטערן עמוד, לעבן אָרון־קודש, אָנגעהויבן לערנען דער קאַווקאַזער. יאָ, דער קאַווקאַזער וואָס לערנט אויף לשון־קודש. און אָט לערנט נאָך איינער און נאָך איינער. און זיינע אויערן פילן זיך צוריק אָן מיטן קול־תורה. דאָס געקריג האָט זיך צייטווייליק איינגעלאָשן. הייבט ער אַרויס דעם קאָפּ פון די דלאָניעס, קוקט זיך אַרום מיט די פריילעך־צעפּינטלטע פאַרזשמורעטע אויגן, גלייכט זיך אויס, לאָזט אַראָפּהענגען די הענט מיט די אַרבל ביז די שפּיצן פינגער און נעמט אויפס ניי אַרומקרייזן דעם באַלעמער. אַז מע לערנט, איז די ישיבה צוריק ישיבה, און אָן אַ משגיח וואָס פאַר אַ פּנים וואָלט זי האָבן? אַ דאַנק דעם אייבערשטן — אַלע טאָקע לערנען שוין. אַפילו דער אישישאָקער — דאָ, און דער מאַציעוועער — דאָרט. המם, און אַפילו דער דווינסקער לץ.

פאַרבייגייענדיק אים, דעם דווינסקער, בלייבט ער אַ רגע שטיין, אויס־געדרייט צום אים מיט דער פּלייצע, און האָרכט זיך איין אין זיין לערנען. המם, ער לערנט עפּעס ווי נישט מיט אַ גמרא־ניגון... ווי קומט אין דער מסכתא בבא־בתרא דער פּסוק פון שיר־השירים: „הנה זה עומד אחר כתלנו, משגיח... איי־איי־איי... משגיח מן החלונות, מציץ מן החרכים *... איי־איי־איי"... צי ווערט נישט איצטער דער פּסוק אויסגעזונגען טאַקע לכבוד מיר, דעם משגיח? אַ? וואָס אַ לץ קאָן!

זיין האַלדז הינטער דער באָרד ווערט הייס און רויט, די אויגן צע־פינטלען זיך, ווי פליגן נאָר־וואָס געפּאַנגענע אין שפּינוועבס, און די פּיס טוען אים אַ טראַג־אָפּ פון דאַנען אין אַ קרייז — וואָס ווייטער פון דאַנען. המם, און אפשר? פאָרט זיך אַריבערכאַפּן צום ראָש־ישיבה?

39

זינט אסתר האָט אָנגעהויבן אַריינצוקומען, כאַטש זייער זעלטן, אין זיין צימער, ווען זי לאָזט זיך אַרויס נאָכן פרישטיק־ אָדער מיטיק־עסן, אָן אויסגעפּוצטע, אָפּגעפרישטע, אָפּגעפּודערטע און באַשמעקטע, אין גאַס, האָט דער מאַציעווער געגומען עפּטערער בלייבן אין שטוב אפילו אין דער פרי. וואָס ער זאָל דאָ נישט טאָן, איז ער אין געשפּאַנטער דערוואַרטונג אויף אסתרן: אפשר קומט זי אַריין? טייל מאָל טוען זיך אים זיינע שפּי־רעוודיקע נאָזפליגעלעך אַ צעפּאָך, און ס'לויפט זיי דורך אַ צוק, ווען ער „דערמאָנט זיך" מיט זיין „געפיל־זכרון" דעם אַראָמאַט פון איר לייב, גע־מישט מיט די דופטן פון איר ראָזלעכער פּודער און דעם אָדעקאָלאָן.

ערגעץ טיף אין אים פאַרבאָרגן איז עס איצט, אין דער פרי, מער ווי אַ וואַרטן אויף איר. ווי ער ליגט זיך אַזוי אויף זיין שמאָלער סאָפקע טוט עס פון מאָל צו מאָל אַ בליץ אויף אין זיין האַלבן דרימל אַ מחשבה: אויב זי וועט איין מאָל, נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל אַריינקומען אַהער אין דער פרי, ביי טאָג, המם... וועט זיך דאָך אויך קאָנען אַ מאָל מאַכן, המם, זי זאָל זיך אין מיטן דער נאַכט אַדורכשלייכן דורכן פינצטערן שלאָפצימערל פון די עלטערן און שוועסטער און אַריינשלייכן אַהער... ער פאַרקוועטשט שטאַרקער די אויגן, דרייט זיך אויס מיטן פּנים צו דער וואַנט, און זיין

---

* אַט־אָ שטייט ער הינטער אונדזער וואַנט, קוקט דורך די פענצטער, בליקט דורך די גראַטקעס.

כוח־הדמיון פאַרוואַנדלט דעם געדאַנק איןווירקלעכקייט: ס׳איז פינצטער. שטאָקנאַכט. ער דערהערט אַ לייכטן סקריפּ פון זיין טיר. אירע באָרוועסע פיס. אָט שטייט זי שוין דאָ. ער הייבט ציטעריק אויף דעם ראַנד פון זיין קאָלדרע. זי ליגט שוין לעבן אים. ס׳ווערט אים הייס. ווי הויך סע קלאַפּט זיין האַרץ! ווי אַ זייגער אין זיין ברוסט. און אפשר קלאַפּט עס אירס אַזוי? צוויי זייגערס אין געשטאַלט פון מענטשן, מיט געווערק וואָס ווערט געטריבן פון הייס בלוט. ער נעמט זי אַרום און —

לופט האָט ער אַרומגענומען! ער עפנט אַן אַנטווישטער די אויגן, און דער ניכטערער שכל זאָגט אים אונטער: „נאַרישקייטן! אַזוינס וועט אסתר קיין מאָל נישט טאָן!". וואָלט איר איינפאַלן וואָס פאַר אַ מחשבות ער האָט וועגן איר, וואָלט זי זיך, ווי אַ געקיצלטע, צעלאַכט אויף אַ קול: „פאַר־געסט גאָר, וועלוול, אַז דו ביסט אַ ישיבה־בחור? און אפשר... אָט נעם און באַווייז דו דאָס העלדישקייט און קום ביי נאַכט צו מיר. פאַר אַ קאַוואַליער פּאַסט עס גיכער"... ס׳איז ווי דער משל אין בבא־מציעא, פאַלט אים איין: „קריינא דאגרתא איהו ליהוי פרונקא" — דער לייענער פונעם בריוו זאָל זיין דער שליח.

אָט, דאַכט זיך אַז זי לאַכט טאַקע עפּעס דאָרט אין „זאַל". ניין, ניין! ער טראַכט גאָר נישט אַזוי. חלילה! ס׳האָט זיך אים נאָר נישט־ווילנדיק געחלומט, „וחלומות השוא ידברו" — און די חלומות רעדן פאַלש, און דער חלום איז שוין אויך פאַרשוווּנדן. ער וואַרט איצטער, אויפן פרימאָרגן, זי זאָל אַריינקומען אַן אָנגעטאָנענע, אַ נאָך מער פאַרפּאַנצטערטע פאַר אים.

היינט, דאָנערשטיק, וועט ער ספּעציעל נישט אָוועקגיין. ווייל היינט, ווי געוויינלעך דאָנערשטיק, וועט ער דאָך אין אָוונט נישט קאָנען אַריינגיין צון איר. דאָנערשטיק אין אָוונט גייט די באַלעבאָסטע נישט אַרויס פון שטוב צוליב די הכנות אויף שבת. און אַריינגיין צו אסתרן, אויף אַ רגע אַפילו, בעת איר בייזיין אין שטוב, דערוועגט ער זיך נישט. דער באַלעבאָס איז עפּעס אַנדערש: ווי ער וואָלט נישט הערן און נישט זעען וואָס אַרום זיין וואַרשטאַט קומט פאָר. ער זיצט ווי צוגעפלעקלט צום שוסטערבענקעלע, מיטן באַברילטן און ערנסטן פּנים צום טאָפּל־פענצטער, פאַרטיפט אין אַ שווערער שוסטעריי־סוגיא, ווי למשל אין פאַרשוואַרצן דאָס פּנים פון אַ זויל מיט אַזאַ בריליאַנטענעם גלאַנץ, גלייך דער באַשטעלער וועט דעם קאַמאַש אַרויפציִען נישט אויפן פוס, נאָר, ווי אַ הענשקע, אויף דער האַנט

און טראָגן די זויל פּאַר זיך, ווי אַ שפּיגעלע, אין וועלכן זיין געליבטע וועט זיך אָנשפּיגלען ווי שיין זי איז. זיין אַ ביסל געבויגענער רוקן, פּסח דראַט־ווינס, איז געוואָנדן בלינד צו דער טיר פון פינצטערן שלאָפצימערל. צוליב אים שטערט ער זיך נישט, דער מאַציעוועד. אָבער וואָס פאַר אים יאָ — ד׳ערוועגט ער זיך נישט פאַר דער קליינער, אויסגעקיילעכיקטער באַלעבאָס־טעלע, מיט די רויטע פלאַמענדיקע בעקלעך, ווי צוגעברוינטע זעמעלעך נאָר־וואָס פון אויוון אַרויס, מיט די זשאַריִענדיקע אויגן און, ווי מעסערלעך שאַרפע, פאַרשנדיקע בליקן. אסתר אַליין היט זיך דאָך פאַר איר! ווען ס׳טרעפט, ער שטייט לעבן איר, לעבן אסתרן, אין אָוונט, ביי דער הרובע, און זי דערשפּירט — די מאַמע קומט פון גאַס דורך דער קאַליטקע אין געסעלע אַריין, טוט זי אים איילים אַ זאָג: „ווּעלוול, די מאַמע גייט!״ און — דער „ליבע־סעאַנס״ ווערט אין צעמישונג איבערגעריסן. כאַטש, אַנישט ווייסט זי דען נישט דערפון, די באַלעבאָסטע? ס׳איז אַ סוד פאַר איר? דער באַלעבאָס דערציילט עס איר דען נישט? און אפשר?... ער האָט מורא אַז זי וועט האָבן טענות צו אים: „און דו האָסט שוין גאָר קיין מויל נישט? האָסט עס מיט אַ דראַטווע פאַרשטשאָבעט?״.

ער, דער מאַציעוועד, האָט קיין מאָל נישט איבערגעפרעגט אסתרן וועגן דעם. ס׳פעלט אים דרייסטקייט דערצו. אָבער ער שטויסט זיך אָן: אסתר קען גוט די מאַמע אירע, אַז זי איז אַ פּראַקטישע. „וואָס פאַר אַ תכלית, וועט זי פרעגן, וועט פון דעם נאָכשלעפּעניש אַרויסקומען? וואָלט עס כאַטש זיין אַ בחור פון דיין עלטער. מילא. מ׳האָט שוין געזען אין סלאָבאָדקע אַזעלכע זאַכן: די מויד אויף דער קוואַרטיר שפּילט אין קאַצנמויז מיטן פּאַטראָן, און ס׳קומט דערפון אַרויס שפּעטער... אַ געכאַפּטע חתונה. המם, ווייל אַנישט קאָן זיך נאָך די קאַץ קעצלען, און מע וועט שלעפּן דעם קאָטער צום ראָש־ישיבה. און מיט דער צייט מעגטשלט ער זיך אויס, דער פּאַטראָן, און ווערט לייטן גלייך. אָבער אונדזערער, אַ גאַנץ ווויל בחורל טאַקע, אָבער דער מאַמעס מילך ליגט דאָך נאָך אים, ווי טוי, אויף די פּוך־וואָנסעלעך. אָן אַם דאַרף מען אים געבן, נישט קיין מיידל!״

דער מאַציעוועד דערפילט ווי ער ווערט רויט פון פאַרשעמונג, און ס׳ווערט אים הייס. אָבער אויפהייבן זיך פונעם אָרט איז ער נישט אימ־שטאַנד: ס׳איז דאָך ערשט דאָנערשטיק אין דער פרי. ער ליגט אויף דער שמאָלער סאָפּקע, וואָס טאַקע נאָר אין חלום קען זי געבוג זיין פאַר צוויי,

אַן איינגעהאָרכטער אין שטוב אַריין: אפשר גייט באַלד די באַלעבאָסטע אַוועק אין מאַרק איינקויפן אויף שבת, וועט זיך אסתר אַריינכאַפּן... ער וועט קאָנען פונקט אַזוי גוט אַריינגיין צו איר, המם, אָבער ניין. אפשר איז זי נאָך נישט געהעריק אָנגעטאָן, אָדער די „זאַל" איז נישט אויפגעראַמט נאָך. און חוץ דעם, המם, זאָל זי זיך טאַקע צוגעוווינען אַריינקומען צו אים. זי איז דאָך עלטער און פּראַקטישער פון אים.

אַ קלעפּל אין טיר. אַט! ער טוט זיך אַ זעץ אויף: — ביטע.

אסתר קומט אַריין מיט איר קוים־באַמערקלעך שמייכעלע אויפן נאָך אַ ביסל פאַרשלאָפן־זיסן פּנים און מיט אַ בריוו אין האַנט, אויסגעשטרעקט צו אים:

— אַ גרוס פונעם בריוועטרעגער און אַ גוטמאָרגן פון דער בריוועטרע־גערין.

ער טוט אַ כאַפּ דעם בריוו:

— אפשר פון דרהיים?! — רייסט אויף דעם קאָנווערט, נעמט אַרויס, צעעפנט דעם צונויפגעלייגטן בריוו און טוט אַ מורמל, — ווידער נישט פון דער היים. אַ פרעמדע האַנטשריפט! — און זאָרג טוט אַ שפּיל אויף זיין פּנים, שטאָט אַ שמייכל צו אסתרס זיין דאָ.

מחמת סע טוט אים אַ פאַל איין: „אוי! אפשר איז עס אַן ענטפער פון דוד פרישמאַן?!", טוט ער אַפילו נישט קיין בליק אויף איר, און אסתר, אַ באַליידיקטע, טוט האַסטיק אַ גיי אַרויס, נישט אַ וואָרט צו זאָגן, מיטן גע־דאַנק, זיך מיט אים אָפּצורעכענען: ער וועט שוין פון איר קריגן איבער די הענט!...

ער שפּירט עס נישט. ווייל הגם דער בריוו איז נישט פון דוד פריש־מאַן, איז ער פון דעסטוועגן פון אים פאַרכאַפּט: ס'איז אַן ענטפער פון שמעיה דעם רבס אויף זיין קורץ קאַרטל. שמעיה שרייבט:

אין מאַציעוו איז קיין נייעס נישטאָ. דאָס שטעטל איז נאָך ווי שטי־לער און קלענער געוואָרן. ווי איינגעשרומפּן פון די פרעסט. יאָ, זיין טאַטע־מאַמע, וועלוולס, האָט ער עטלעכע מאָל באַגעגנט אין גאַס. ער האָט זיך געאיילט מיטן שאַסיי אין בית־מדרש אַריין לערנען, און זיי אים אָקעגן — אין קלייט אַריין. ער מיט אַ ספר אונטערן אָרעם, און זיי: דער טאַטע — מיט די שליסלען, און די מאַמע — מיטן פייערטאָפּ. אָפּשטעלן זיי, כדי זיי צו זאָגן אַז ער שרייבט צו אים, צו וועלוולען, האָט ער נישט געוואָלט,

ערשטנס — דער פראָסט! אַזעלכע פרעסט געדענקען נישט אַפילו די עלטסטע זקנים אין שטעטל. גוייִם דערציילן: וואָראָנעס פאַלן אַראָפּ געפרוירענע פון חזירישע רוקנס. פון אַ חזיר וועסטו קריגן אַ ביסל וואַרעמקייט? ער איז דאָך אַ חזיר, און אַ חזיר גיט נישט, ווייל דאָס האַרץ איז אים פאַרלייגט מיט פעטס. און צווייטנס, האָט ער דאָך געזען אַז זיי איילן אין קלייט אַריין אויף פדיון, ווי ער, להבדיל, אין בית־מדרש אַריין אויף תורה. וואָס האָט ער זיך אַזוי געאיילט? גאָר פשוט. זאָל ער וויסן זיין, וועלוול, אַז ער, שמעיה, האָט פאַרגעסן אַלע זיינע מעשיות און טועכצן אין סלאָבאָדקע, אַפילו דעם גובערנאַטאָרס פריילין. „וישכחהו״, קרי*: „וישכחה״ — ער האָט זי פאַרגעסן לעולמי־עד. דווקא דאָ, אין מאַציעוו, ווו סע שרעקט אים נישט דער „אַלטער״ צו שמייסן מיט זיין „שבט־מוסר״, האָט ער זיך אַ נעם געטאָן צום לערנען, איז געוואָרן יענער מתמיד און לערנט... אפשר... ניין, נישט אפשר! גאָר טאָקע! טאָקע מער פון אַלע בית־מדרשניקעס צוזאַמענגענומען. ער שלינגט גאַנצע סוגיות, ווי זיין סלאָבאָדקער באַלעבאָס האַלעשקעס. יאָ, דעם אמת וויל ער פון דעסטוועגן נישט פאַרלייקענען: אויך אהרן פערל לאהס, די וואָס באַקאַפּעט אירע תחינות מיט פרומע שמן־זיתדיקע טרערן, וועלכער איז שוין אויך נישט צוריק געפאָרן אין דער מאַלטשער ישיבה, ווייל ער האָט זיך אומגעקערט פון דאָרטן מיט אַ פאַפּירענעם וויסן קאָלנער און צוליב וועלכן זיין מאַמע די „וצדקתך״ לאָזט אים שוין מער נישט פאָרן אין דער ליטע צו די „צלם־קעפּ״, רחמנא־לצלן, — איז געוואָרן אַ מתמיד. איז גייט צווישן זיי ביידע, צווישן אים מיט אַהרנען, אַ נישט־אָפּגערעדט געוועט, ווער וועמען סע וועט איבערשטייגן אין התמדה. פון איבערשטייגן זיך אין חריפות און אין מחדש זיין חידושי־תורה שיקט זיך דאָך נישט צו רעדן! אָבער אַז ער וועט אים נישט אַניאָגן אויך אין דער צאָל אָפּגעלערנטע דפין — איז אַהרן אַליין מודה. אַ ברירה האָט ער? זאָל ער נישט מודה זיין! די בלעטער אַליין שרייען עס. איך טו אַ מיש איבער, און די בלאַט שרייט. „שמעיה, זאָגט ער, אַהרן, אויב איך בין ווי אַ וואַסערמיל, ביסטו דאָך ווי אַ פאַראָווע״. וואָס זאָל ער, שמעיה, אים זאָגן, אהרנען? אַז ער איז נישט אַפילו קיין וואַסערמיל, נייערט אַ ווינטמיל? דערפאַר איז די צווייטע העלפט גראָד אַ געראָטענער משל: אַ פאַראָווע מיל

---

* לייען.

האָט דאָך אַ פּייפער, — נו, איז פייפט ער טאַקע אויף אים, אויף אַהרן פּערל לאַהס. יאָ, ער האָט אים געזאָגט, אַהרנען, זיין נאָכיאָגער, וואָס וועט אים נעבעך קיין מאָל נישט דעריאָגן, אַז ער שרייבט צון אים, צו וועלוולען. האָט ער אים געבעטן, אַהרן, ער זאָל אים, וועלוולען, שרייבן אַ גרוס פון אים, — טוט ער עס אים צוליב...

אַוודאי פאַלט נישט איין מאָל איין דעם מאַציעוווער בעתן לייענען: „ער באַקט דאָך לי... ער איז דאָך מגזם, שמעיה, ווי זיין שטייגער איז פון זינט ער האָט אים דערקענט". אָבער ער פאַרטרייבט יעדעס מאָל דעם געדאַנק, ווייל ס'איז אים איינגענעמער אָנצונעמען אַלץ פאַר אמת. ער וויל דאָך זיך איבערשרייבן מיט שמעיהן און האָבן אין אים אַ חבר כאָטש פון ווייטנס. מיט דער צייט וועט ער אים אפשר קאָנען פאַרטרויען זיינע סודות: וועגן די לידער; וועגן, המם, וועגן אסתרן וועט ער אים קיין מאָל נישט שרייבן. דאָס איז דאָך אַ צייטווייליקע זאַך. אָבער וועגן שרהקען דעם ראָש־ישיבהס — יאָ. אויב ס'וועט נאָר קומען צו עפּעס...

ער דערפילט ערשט צו שמעיהן אַפילו אַ ליבשאַפט פאַר זיין אַרויפגיין אויפן דרך־הישר. ווי ער וואָלט עס געטאָן פון זיינעט וועגן. פון היינט אָן וועט ער שוין זיין, שמעיה, דאָס וואָס ער קאָן און דאַרף זיין. נו, ער וועט אויך נישט זיין קיין רב — ער איז דאָך אויך נישט קיין פרומער. אָבער ער איז אַן עילוי, און ס'וועט פון אים אויסוואַקסן אַ גאון. וואָס פאַר אַ נחת זיין טאַטע, דער רב, וועט ערשט האָבן פון אים! אַזעלכן איז כדאַי צו האָבן פאַר אַ חבר שוין באַצייטנס.

דער מאַציעווער פרייט זיך פשוט מיט שמעיהס התמדה, גלייך זי וואָלט גלייכצייטיק זיין אַ פאַרענטפערונג נישט נאָר פאַר שמעיהן פאַר די יאָרן, וואָס ער האָט אין סלאָבאָדקע צעפּטרט אויף בטלה, נייערט אויך פאַר אים, וועלוולען, וואָס צעטרענצלט די צייט אויף אומזיסט־אומנישט, אויף גאָר־נישט־מיט־גאָרנישט. המם, אויף תאווה. מאַ... אויך ביי אים, ווי ביי שמעיהן, וועט נאָך קומען אַ צייט ווען ער וועט זיך אַ נעם טאָן צום לערנען. ער וועט זיין דער מתמיד, און נישט דער איישישאָקער, וועלכער איז צוליב דער מחלוקת אין ישיבה געוואָרן אויס. די קו האָט זיך געלאָזט מעלקן, מעלקן, ביז זי האָט אויסגעשלאָגן דעם פולן שעפל מילך. ער, וועלוול, וועט האַלטן אין איין קומען צום ראָש־ישיבה מיט חידושי־תורה על־דרך־ההבנה. המם, און איין מאָל וועט ער זיך מאַכן האַרץ און ווי־עס־איז געבן אָנצוהערן

דעם ראש־ישיבה, אַז ער זעט אין זיין שרהקען זיין זיווג. ווי ס׳איז אַ מאָל פאַרגעקומען ביים ב״ח מיטן ט״ז...

ער לייגט זיך אויף דער סאָפקע, ציט זיך אויס נאַזנדיק און, קוקנדיק אין סופיט אַריין, דערזעט ער זיך אין חדר ביי ליבער מלמד, דעם גרעסטן גמרא־מלמד אין מאַציעוו. אין מיטן אַ שווער שטיקל ט״ז אין חושן־משפט פאַררעדט זיך דער רבי, ווי זיין שטייגער איז, און דערציילט זיי:

איין מאָל, ווען דער ב״ח איז זיך אַזוי געזעסן מיטן ט״ז ביים לערנען, עפנט זיך די טיר, און ס׳קומט אַריין דעם בח״ס טעכטערל, אַ כלה־מיידל שוין. זי איז אַ יפה־פיה, אַ חוץ וואָס אַ כאַכימע. זי האָט דאָך אין ווענען געראָטן צו זיין. איין קליניקייט — דער ב״ח! טוט איר דער טאַטע אַזוי אַ רוף צו, אַ גלעט איבערן שטערן און אַ זאָג:

— טאָכטערקע מיינע, „יפה את כחמה וברה כלבנה״ — איר ווייסט דאָך די טייטש דערפון: ביסט שיין, ווי די זון, און לויטער, ווי די לבנה. רופט זיך אַזוי אָפּ דער ט״ז, נישט אַרויסנעמענדיק די אויגן פון דער גמרא, סיי מחמת צניעות, סיי מחמת יראת־הכבוד פאַרן רבין — איין קליניקייט — דער ב״ח! און דער ב״ח איז דאָך שוין דעמלט געווען דער ב״ח, דער מחבר פונעם „בית חדש״! בעת דער ט״ז איז נאָך נישט געווען דער ט״ז, ווייל ער האָט נאָך נישט געהאַט מחבר געווען דעם „טורי זהב״, — רופט ער זיך אָפּ, ווי געמורמלט צו זיך אַליין:

— רבי, הגיע העת לקדש את הלבנה״, וואָס איז די טייטש — ס׳איז שוין די העכסטע צייט מקדש צו זיין די לבנה...

— נו, האָט דער ב״ח תיכף פאַרשטאַנען וואָס דער פסוק לאָזט אים דאָ צו הערן, געוואָרפן אַ בליק דאָ אויפן טעכטערל, דאָ אויף אים און אַריינגעשמייכלט זיך אין דער באָרד אַריין. דאָס טעכטערל, וואָס האָט אויך תופס געווען דאָס קאַפּוליער אָנצוהערעניש און דעם טאַטנס בליק, איז אַ פאַרשעמטע גלייך אַרויסגעלאָפן פונעם חדר. המם, בקיצור — אין גיכן האָט מען טאַקע געבראָכן דאָרט טעלער... המם, — צעשיינט זיך דעם רבינס פנים, ווי פון אַן אָפּגעהאַלטענעם נצחון, ווי ער אַליין וואָלט דאָרט געווען דער שדכן און אויסגעפירט דעם שידוך, און אין זיינע אויגן צינדן זיך פייער־צינגעלעך, ווי פון שבת־ליכטלעך, — ווי מיינט איר, קינדער, האָט עמעצער פון זיי, חלילה, ווען עס איז חרטה געהאַט אויפן שידוך?

כע־כע־כע... — —

און ווי אַ שטייגער וועט עס פּאַרקומען צווישן דעם ב״ה — דעם ראָש־ישיבה, מיטן ט״ז — מיר מכוח שרהקען? — פרעגט זיך דער מאַציעווער אין געדאַנק און נעמט צוטראַכטן עפּעס. זיין פאַנטאַזיע צעשפּילט זיך... סע קאָן זיין אַזוי — — — און ס׳קאָן זיין אַזוי — — —

און, פאַרגעסן אין גאַנצן אין אסתרן, טוט ער זיך אַ שטעל אויף, אַ טו אָן דעם ווינטער־מאַנטל און לאָזט זיך, מיט שרהקעס פּנים פאַר די אויגן און מיט שרהקען אין גאַנצן אין האַרצן, אין ישיבה אַריין: מע וועט זיך אַ נעם טאָן צום לערנען דאָ, ווי שמעיה דאָרט אין דער היים!

40

ווידער איז דאָנערשטיק. ווידער בלייבט דער מאַציעווער אויף דער קוואַרטיר פרימאַרגנצייט וואַרטן אויף אסתרן. דאָס מאָל איז ער פולשטענ־דיק זיכער אין איר אַריינקומען. נעכטן אין אָוונט איז ער געשטאַנען לעבן איר שטול אויף די קני, דעם קאָפּ אָנגעלענט אויף אירע, בעת זיינע פינגער־שפּיצן האָבן לייכט־לייכט אַרומגעבלאָנדזשעט איבער אירע זאָקן, ווי איבער זיידענע סטרונעס. ביז זיי האָבן זיך ביסלעכווייז אונטערגעגנבעט, די פינגער, שיר נישט ביז די פּידוואַסקעס. נישט נאָר האָט זי נישט געכאַפּט, אסתר, נאָר אַפילו געשפּילט מיט אירע שפּיץ פינגער, צאַרט־צאַרט, אויף די קרויזן פון זיין קאָפּ. זיי האָבן זיך צוזאַמענגעשפּילט, ער און זי... נו, איז וועט זי נישט באַלד אַריינקומען, ווייסנדיק, אַזוי גוט ווי ער, אַז אין אָוונט וועלן זיי צוליב איר מאַמען זיין געשטערט? נישט מער, די באַלע־באָסטע פאַרזאַמט זיך היינט עפּעס צו לאַנג אין שטוב, דאַכט זיך. זוי אים אויף צו להכעיס!

אַרום האַלב צוועלף אַ זייגער, ווען זיין וואַרטן אויף אסתרן מישט זיך אויס מיט זיין אָפּוואַרטן דעם בריווטרעגער מיט אַ בריוו, אפשר פון דער היים און אפשר אָן ענטפער וועגן זיינע לידער פון דוד פרישמאַן, קומט זי טאַקע אַריין, אסתר, נאָך אין שטוביקן אָנטאָן און... אין די זאָקן! ווי זי וואָלט דאָס מאָל וועלן אַז איר אַריינגייען צו אים זאָל נישט באַמערקט ווערן אַפילו פון איר טאַטן. זי גייט צו, נישט צום טישל לעבן פענצטער, נאָר טיף אין צימער צו דער קאָמאָדע ביי דער הינטערשטער וואַנט. דאָ איז טונקל, ווייל די שיין פון שנייִיקן דרויסן פון יענער זייט פאַרקלעפּטן טאָפּל־פענצ־

טער דערגרייכט אַהער זייער שוואַך. פון דאַנען וועט דער טאַטע נישט הערן וואָס זיי שמועסן... זי קלייבט זיך, זעט אויס, צו שמועסן מיט אים עפּעס ערנסט. ס'אינטריגירט אים און שרעקט גלייכצייטיק: וועגן וואָס קאָן דאָס זיין? זיינע מחשבות וועגן שרהקען לייענט זי דאָך נישט!

כאָטש ס'איז שוין אַזוי שפּעט, שמעקט זי נאָך, אסתר, מיט בעט און שלאָף, אָבער שוין אויך מיט אַדעקאָלאָן און פּודער, וואָס ראָזלט זיך אויף איר פּנים. באַלד קען ער נישט באַהערשן זיין גאַנצן גוף, וואָס ציט זיך צון איר מיט לעכצונג. באַזונדערס די הענט, ווי זיי וואָלטן אים אַרויסגעוואַקסן גלייך פון שמאַכטנדיקן האַרצן. ער נעמט זי אַלע מאָל אַרום, דריקט זי צו זיך און קושט. נישט ער קושט — ער טרינקט ווי אַ געטראַנק און בלייבט דורשטיק. דאָס מאָל ענטפערן אים אירע גלידער, כאָטש — קוים־קוים. און ער שרעקט זיך פאַר דעם וואָס זי וועט אים באַלד זאָגן. אפשר...? וועט זי זיך אים דאָס ערשטע מאָל דערקלערן אין ליבע און, ווי אַן עלטער מיידל, שוין גלייך נעמען רעדן פּראַקטיש וועגן, המם, ווערן חתן־כלה. ווי וועט ער זיך דערפון אַרויסדרייען? געוואַלד!

אסתר צענעמט פאַמעלעך די ליפּן, ווי גרייטנדיק זיך אָנצוהייבן רעדן: זי שאַרפט אַ חלפל... באַפאַלט אים, גלייכצייטיק מיט דער שרעק פאַר דעם וואָס זי קאָן דאָ באַלד אַרויסברענגען, אַן אויפגעברויזטער באַגער צו גע־ניסן פון די ליפּן, ווי פון אַן איינגעשניטענער פרוכט דעם זאַפט, און — ער טוט איר אַ פאַרמאַך דאָס מויל מיט זיינע הייסע נאַגנדיקע ליפּן. ס'דויערט אַ לאַנגע ווייל. און ווען ער נעמט זיי אַוועק פון איר מויל, איז עס ווי פאַר־הלשט און ברענגט קיין וואָרט נישט אַרויס. דערווייל איז ער געראַטעוועט...

אסתר שטייט אַ שווייגנדיקע, אַ שטייפע, אָנגעשטרענגט־איינגעהאַרכט: צי אין שטוב אַרייך, וווהין ס'קאָן דער מאַמען יעדע רגע אַנטראַגן, צי אפשר גאָר אין זיך און אין אים אַריין — אין דער בשותפותדיקער צוזאַמענשפּיל פון זייערע אויפגעברויזטע געבליטן. די מאָס פון צייט איז פאַר זיי בידע פאַרלוירן.

— עמעץ האָט אָנגענומען די קליאַמקע פון דער קיכטיר. — טוט זי פּלוצעם אַ זאָג מיט פאַרדראָס און אַ רייס אַרויס זיך פון זיינע הענט.

ווערט אויך ער פאַרשטייפט אין איינהאַרכן זיך אַהין מיט אַלע גלידער, דער גאַנצער הויט און אַפילו מיט די האָר פון קאָפּ. דער באַלעבאָס האָט דאָרט אַ רודער געטאָן מיט זיין שוסטערבענקל, ווי ער וואָלט זיך אויפגע־

שטעלט. ער פרעגט עפּעס ביי עמעצן, לאָזט זיך באַלד אַהער, ווי פאַרלויפנ־דיק יענעם דעם וועג, און רופט פון הינטער דער טיר:

— מאַציעווער, מע פרעגט זיך אויף אייך. פון דער ישיבה. מע וואַרט. קומט שוין אַריין. — און אַ פּנים צו יענעם. — ניין, ניין. גייט נישט אַריין. ער קומט שוין אַרויס צו אייך...

וועלוול טוט זיך אַ לאָז אַהין, אויפכאַפּנדיק אסתרס שמייכל פון פאַר־לעגנהייט און אַ תּרעומותדיקן בליק.

— דער ראָש־ישיבה האָט מיך געשיקט אייך רופן, — זאָגט אים דער מיישעגאָלער. — איר זאָלט באַלד קומען. האָב איך אויסגעזוכט שוין ווו אַ בית־מדרש און קלויז אין סלאָבאָדקע. ביז דער איישישאָקער האָט מיר גע־זאָגט אַז איר וווינט דאָ.

— דער איישישאָקער?... — איז דער מאַציעווער נאָך צעמישטער. — שוין! איכל נאָר אַ קוש טאָן... צומאַכן די גמרא... גייט, גייט, מיישעגאָלער. כ׳על שוין קומען צום ראָש־ישיבה.

ווי נאָר דער מיישעגאָלער זאָגט „אַ גוטן״ און פאַרמאַכט אויף דער צווייטער זייט די טיר, טוט אסתר אַ שליך זיך דורך פאַרביי אים, ווי אויס־מיידנדיק, אַ ברוגזע, אין „זאַל״ אַריין... וואָס בין איך שולדיק, — טוט ער אַ טראַכט פאַרדריסלעך, — איך האָב געשיקט נאָך אים?״, גייט אַריין צו זיך אין צימער, כאַפּט אַרויף דעם מאַנטל און לאָזט זיך, שפּיליענדיק די קנעפּלעך, צום ראָש־ישיבה.

דער פראָסט מיט דעם שטראַלנדיק־שפּילנדיקן ליכט פון שניי און זון ניכטערן אים גלייך אויס... וואָס קאָן פּלוצעם דער ראָש־ישיבה אים דאַרפן האָבן? אפשר אים אַריינצוציִען אין דעם מחלוקת? אוי, מער פעלט אים נישט ווי אָט דאָס פאַרדרייעניש? און אפשר... האַ? האָט אים דער משגיח פאַרמסרט פאַרן ראָש־ישיבה, אַז ער קומט נישט, נישט אין ישיבה, נישט אין קיין קלויז? אפשר שיקט ער, דער משגיח, אַלע טאָג אַזאַ מיישעגאָלער איבער די קלויזן צו קאָנטראָלירן? מיט וואָס קאָן מען זיך פאַרענטפערן? המם. ער וועט זאָגן דעם אמת: ער לערנט ביי זיך אויף דער קוואַרטיר. שפּאָרט זיך אײַן די צייט פון גיין אַהין און צוריק. ער וווינט דאָך איינער אַליין אין אַ צימער, קיינער זועט אים נישט שטערן, וואָס קאָן זיין נאָך בעסער?! המם, און טאָמער...? — ער בלייבט שטיין אין מיטן טראָטואַר

דערשראָקן און דערהערט דאָס קלאַפּן פון זיין האַרצן — טאָמער האָט מען אים שוין אויך פאַרמסרט וועגן אסתרן ?! פון וואַנען מ׳האָט זיך דערוווּסט ? „עוף השמים יוליך את הקול״ * — ווענט האָבן אויערן און פענצטער מיילער. פון וואַנען ווייסט דער איישישאָקער ווו ער וווינט ? אפשר שפּיאָנירט ער אים נאָך פון זומער אָן און האָט געזען ווי ער האָט פאַרבראַכט אויף דער באַנק מיט אסתרן ? אפשר האָט ער אונטערגעקוקט אין אָוונט אין זיין פענצטער, געזען אַז ביי אים איז פינצטער, האָט ער זיך שוין אָנגעשטויסן אַז ער זיצט דאָ מיט אסתרן ?... ווייסט שוין דער ראָש־ישיבה, אַז ער, דער מאַציעוווער, זינקט אין די מ״ט שערי־טומאה...

און גייענדיק ווייטער, שוין איינגעהאַלטענער, שטעלט ער זיך פאָר :

...דער ראָש־ישיבה שטייט דאָרט די גאַנצע צייט, וואָס דער מיישעגאָלער האָט אים אַרומגעזוכט, ביי דער הרובע און וואַרט אויף אים. וואַרט און גליט. ווי נאָר ער, דער מאַציעווער, עפנט די טיר, טוט ער זיך אַ וואָרף אויף אים מיט קולות־וברקים, ווי דעמלט אויפן דרישקעפּאַליער און דעם סקווירער : „דו עוכר־ישראל דו ! דו שוסטעריונג דו ! דו מרבה־זימהניק דו !״... דערהערט זיינע קולות, אין דער ראָש־ישיבהטעס העלפּט שטוב, טוט פון דאָרט אַ לויף אַריין די ערשטע — שרהקע ! דערהערט זי פונעם טאַטנס רייד וועגן עפּעס אַ הפקרדיקע בתולה אויף זיין קוואַרטיר, וואָס צוליב איר האָט ער, דער מאַציעוווער, פאַרלאָזן די הייליקע תורה („...און מיך !״ — ווערט שרהקע צולייגן אין געדאַנק).

...שלעכט ! גאָר שלעכט ! — פּייניקט ער זיך אין געדאַנק, זיך דער־נענטערנדיק צום ראָש־ישיבהס הויז. — פאַרשפּילט אַלץ ! אפשר אומ־קערן זיך אויף דער קוואַרטיר ? ס׳איז דאָך שוין אַלץ איינס. נאָכן חורבן דאַרף מען גיין אין גלות אַריין...

אין דעם מאָמענט טוט אין זיין שאַרבן אַ בליץ־אויף אַ חידוש־געדאַנק : אַז מע זינקט אין די שערי־טומאה מ״ט, איז מען שוין טאַקע — מאַט !״... ווען ער זאָל אָט־אָט דעם חידוש קענען זאָגן דעם ראָש־ישיבה : „מ״ט — מאַט, נישט ווי, להבדיל אלף־אַלפי הבדלות, די הייליקע תורה, וואָס איז מת־שת״, איר מת איז מיט אַ תיו, דאָס ערשטע אות פון וואָרט תורה... מ׳איז מֵת און מע לערנט ווייטער די תורה...״. ס׳איז אַן אויפטו !

* אַ פויגל אין הימל טראָגט איבער דעם קלאַנג.

און ווי דער נחת־רוח דערפון וואָס ער האָט נאַר־וואָס מחדש געווען וואָלט אים געשטאַרקט, טוט ער אַ לאָז זיך שנעלער:

...איכל טענהן איינס: „להד״ם!״ * — נישט געשטויגן, נישט געפלויגן. ווי קומט עס גאָר דער ראָש־ישיבה, דער צדיק, זאָל אָננעמען אַזאַ געמיינעם לשון־הרע? און פון ווענען וואַקסט דאָס אַלץ? פונעם אײשישאָקער, וואָס לייגט איין וועלטן פאַרן מנהל! יאָ, ער וועט עס מאַכן ווי דעמלט מיטן משגיח וועגן זיין נישט לייגן קיין תפילין, נאָר אַ ביסל אַנדערש — מיט גרויס דרך־ארץ און טיפער הכנעה... המם...

אויפגעעפנט מיט אַן אָפּגעשטעלטן אָטעם די טיר, ווערט ער באַגעגנט אין ראָש־ישיבהס חדר, אַנשטאָט מיט זיין אויסגעפּאַנטאַזירטן שטורעם — מיט אַ ווייכער שטילקייט. ווי קיין מענטש וואָלט דאָ נישט געאָטעמט. אַ שטילקייט מיט די שפּיץ פינגער אָנצוטאַפּן. דער ראָש־ישיבה זיצט ביים ליידיקן טיש אַ טיף פאַרטראַכטער. אַ קאָנטוערט וויסלט זיך אויף דער טיש־דעק. ערשט אויף זיין, ועלוולס, צוגעשטיקטן, דרך־ארצדיקן: „גוט מאָרגן, רבי״, הייבט דער ראָש־ישיבה אויף די אַרויסגעשטאַרצטע, יענעוועלטיקע אויגן און טוט אויף אים אַ קוק מיט אַ בליק פון ליבשאַפט, וואָס איז אָבער טריב פון אומעטיקער באַזאָרגטקייט.

דער תלמיד קוקט דעם רבין פרעגנדיק אין די אויגן, מיט אַ צור־פּלוצעמדיקער רויִקייט מחמת רעזיגנאַציע, ווי אין דערוואַרטונג אויף אַ פּתרון פון אַ סתם־רעטעניש.

41

— איך האָב געשיקט אייך רופן, מאַציעווער, — זאָגט דער ראָש־ישיבה, אַרויסצייִענדיק פון אונטערן קאָנווערט אַ פאַרשריבן בייגעלע פּאַ־פּיר, — צוליב אָט דעם בריוו. דער בריוועטרעגער האָט אים ערשט נישט לאַנג אַריינגעבראַכט. אַ בריוו פון אייערע עלטערן. ס'האָט מיר פאַרשאַפט גרויס עגמת־נפש. נאָט אייך. לייענט אַליין.

דעם תלמידס האַנט שלייכט זיך צום רבינס און נעמט דעם בריוו, בעת זיין פּנים, דעם תלמידס, איז שוין איצט כולו־פרעגעניש. ער רוקט

* „לא היו דברים מעולם״ — ס'איז קיין מאָל נישט פאַרגעקומען.

זיך מיט אים הינטערווײַלעכטס, מפני הכבוד, ווי ס'איז דער דין, בלײַבט שטיין בײַם פענצטער מיטן פנים צום רבין און פירט דעם בליק איבער די שורות אויפן בײַגעלע פּאַפּיר. ער שפּירט אויף זיך דעם ראָש־ישיבהס אויגן מיט זייער אומעטיקער באַזאָרגטקייט.

דעם טאַטנס האַנטשריפט. לשון־קודש, מיטן געדריידלט־געציקלטן „ברוך השם". ווי דען אַנדערש ?... וויפל הכנות האָט עס דער טאַטע געמאַכט, ביז ער האָט דעם בריוו אָנגעשריבן ? ווען אויף ייִדיש. וואָלט אים די מאַמע געשריבן. צי וואָלט דער ראָש־ישיבה גלייענט אַ בריוו פון אַן אשה ?... „קול באישה ערווה" — די שטים פון אַ פרוי איז נאַקעטקייט ; „שער באשה ערווה" — די האָר פון אַ פרוי איז נאַקעטקייט, — צי שיקט זיך עס אויך אויף דער האַנטשריפט פון אַ פרוי ?

די ערשטע שורות היפּערט ער איבער — הויכע, געדיכטע מליצהדיקע טיטולן אויף האַלב־העברעיִש־האַלב־אַראַמיש — און לייענט מיט אַ בין־השמשותדיק געמיט דעם בריוו גופא, זײַן מליצהדיקן אינהאַלט :

...צווײ זייערע עלטערע זין, וואָס איינער פון זיי, יצחק עליו־השלום, האָט געזאָלט פאַרנעמען אַ כסא־הרבנות אין אַ קהילה־קדושה, און דער צווייטער, אהרן עליו־השלום, כאָטש אַ געשטראָפטער מיט אַ שווערן קאָפּ, האָט ער מקריב געווען מיט התמדה זײַן בלוט און פעטס אויפן מזבח פון גאָטס תורה, ווי כדי מקיים צו זײַן דעם פסוק : „אדם כי ימות באוהל" *, — האָבן איינער נאָכן אַנדערן איבערגעלאָזן דאָס לעבן פאַר אַלע לעבעדיקע. („איז שוין אויך אהרן געשטאָרבן !", נעמט וועלוועלען דורך אַ שרעק געמישט מיט טרויער, „דערפאַר האָט מען מיר די גאַנצע צייט נישט געשריבן", נאָר ער שטאַרקט זיך צו לייענען ווײַטער). זייער איינציקע טרייסט און האָפענונג, די עלטערנס, איז בכן געבליבן דער דריטער זון, וועלוול, וואָס האָט די זכיה צו לערנען אין דער ישיבה פון זײַן כבוד, דעם מקדש־מעט, און געפינען שוץ אונטער די הייליקע פליגל פון זײַן כבוד, די פליגל פון אַן אָדלער מיט צעשפּרייטע פליגל, וואָס וואַכט איבער דער נעסט פון זײַנע נאָך נישט באַפעדערטע פייגעלעך־אָדלערלעך. און נון, די צײַטן זענען שווערע, ביטערע ווי גאַל און ווי ווערמוט, און די קוואַלן פון די ייִדישע פרנסות טריקענען אויס, ווי פעלדער אָן פרירעגן און שפּעט־

---

* ווען אַ מענטש וועט שטאַרבן אין געצעלט. לויט דער גמרא : אין געצעלט פון תורה.

רעגן, אַז דער איבערשטער זאָל זיך דערבאַרעמען. אָבער זיי שפּאָרן אָפּ פון מויל פּאַרצערונג און שיקן זייער וועלוולען חודש־ביי־חודש דעם נייטיקן סכום צו קאָנען זיך אויסהאַלטן בכבוד, ווי אַ צורבא־מרבנן, נישט צו דאַרפן אָנקומען, חלילה, צו אַ פרעמדן טיש און דאָ — אַ בראָך איבער אַ בראָך! אויף זייערע קעפּ די פּאַראַבלטע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט חושך־מצריים אין מיטן העלן טאָג! זיי האָבן דערהאַלטן אַ בריוו מיט אונטער־שריפטן, וואָס צוליב זייער געציקלטקייט זענען זיי נישט צום איבער־לייענען. אָבער ער איז געשטעמפּלט מיט אַ קלאָרן שטעמפּל פון דער „חברה תיקון־ספרים אין דער ישיבה כנסת בית יצחק". און אין אים איז געשריבן מיט אַן אייזערנער סופרישער פּעדער, שוואַרץ אויף ווייס, אַזוי צו זאָגן:

„אייער זון, וואָס הייסט וועלוול, און ווערט דאָ גערופן דער מאַציעווער, האָט פאַרוואָרפן הינטער זיין קערפּער גאָטס הייליקע תורה. ער קומט נישט אין ישיבה אַריין לערנען און אויך אין קיין קלויז זעט מען אים נישט. און שוין לאַנג אַז ס'איז אַרומגעגאַנגען צווישן די ווענט פון דער ישיבה אַ מורמלעניש אַז, רחמנא־לצלן, אַז סע זענען אים אַ שווערער יאָך די תפילין אויפן קאָפּ און דער האַנט, ודי לחכימא ברמיזא*. און לויט באַ־גלייבטע לייט שמועסן היינט, האָט ער אויף זיין קוואַרטיר פּאַרפירט אומ־ריינע עסקים מיט אַ בתולה פונעם „דלת העם" („פונעם נידעריקן גראַד", — פּאַרטייטשט זיך וועלוול) איז אויב זיי, וועלוולס עלטערן, ווילן, ווי ס'איז זייער חוב פון טאַטע־מאַמע צון אַ זון, אים ראַטעווען פון דין פון גיהנום, — זאָל גליך, נישט אָפּצולייגן, עמעצער קומען אַהער אים אָפּצונעמען אַהיים, כל־זמן ס'איז נאָך נישט שפּעט. און ווי ס'האָט געזאָגט דער חכם מכל האדם: „היחתה איש אש בחיקו ובגדיו לא תשרפנה" („קאָן אַ מענטש שאַרן קוילן אין זיין בוזעם, און זיינע בגדים זאָלן זיך נישט אָנצינדן?" — פּאַרטייטש זיך וועלוול, און אַ שוויס טרעט אים אַרויס אויפן שטערן).

„עד כאן דער דאָזיקער שרעקלעכער בריוו, וואָס שרפעט און פּאַרצערט די אינגעווייידן. וויי־וויי צו זיינע עלטערן, וועלוולס, אויב דאָס אַלץ וואָלט, חלילה־וחס, אמת געווען. אָפּילו אַ צענטל דערפון. וואָרן דאָס וואָלט דאָך

* פאַר אַ קלוגן איז גענוג מיט אַ ווונק.

באַדייט ווי גלייך אויך זייער דריטער זון איז פון זיי צוגענומען געוואָרן, און די ערד האָט פאַרמאַכט איר מויל איבער אים. און ווי יעקב אָבינו האָט געזאָגט „כי ארד אל בני שאולה״ („פאַר וואָר, אַן אָבל וועל איך נידערן צו מיין זון אין קבר״, — פאַרשטייט זיך וועלוול און שפּירט אַז טרערן דרייען זיך אים אַן אין די אויגן). לייגן זיי דערום, די עלטערן, מיט דער הילף פונעם דאָזיקן בריוו זייער בקשה אין דעם שטויב פון די הייליקע פיס פון זיין כבוד, דעם גאון בישראל, די פּראַכט און די קרוין פון בית־ישראל, — אויב דאָס אויבן געשריבענע איז, חלילה־וחס, אמת אויף כי־הוא־זה, זיין כבוד זאָל ראַטעווען זייער קינד, דעם שארית־הפליטה פון זייער, פון הימל געשטראָפטן, הויז, זייער איינציקע טרייסט, ווי שוין אויבן געזאָגט, פונעם שויס פון דער אומווערדיקייט. מע זאָל אים אַרויס־טרייבן פון דער ישיבה, אים צווינגען ער זאָל פאָרן אַהיים, ווו ער וועט זיך געפינען אונטער דער השגחה פון די עלטערן און זיידע־באָבע. און אויב די דאָזיקע זאַך האָט נישט, אַ דאַנק דעם אייבערשטן, אויף זיך זיין חתימה, די חתימה אמת, אויב ס'איז דאָ געשען אַ טעות בשוגג, אָדער געמיינע לייט האָבן עס אויסגעטראַכט אין זייער גרויס רשעות במזיד, דער הימל זאָל זיי דערפאַר פאַרגעלטן אויף דער וועלט און יענער, און זייער זון, אַ געהיטער פון דער השגחה־עליונה און זיין רבין דעם צדיק, איז נישט אַוועק, חלילה, אויף קיין גליטשיקע וועגן, — זאָל זיין כבוד, דער צדיק און תמים, אין זיין גרויסער לייטזעליקייט און צדקות, זיך דערבאַ־רעמען אויף זיי און דערלייכטן זייערע פאַראַבלטע געמיטער און פאַר־טרערטע אויגן מיט זיין כבודס הייליקע ווערטער פון אמת, דעם אייבער־שטנס זיגל, און זיי מודיע זיין מיט אַ שאַלונג, אַז זייער זון וועלוול, זאָל לעבן און זיך שטאַרקן אין גאָטס תורה, איז בקו־הבריאות הן בגוף והן בנשמה, און דערויף קומט ער מיט זיין אונטערשריפט — נחום סאַפּיר דער זון פון אליה חיים סאַפּיר, זכרונו לברכה״.

וועלוולס געמיט איז פון דעם אַלץ פאַרגליווערט: ס'איז דאָך אמת, וואָס מ'האָט געשריבן וועגן אים! צי איז דער מסירה־בריוו דערגאַנגען אויך צום זיידן? ער האָט אים אַוודאי געלייענט מיט צוקנדיקע ליפּן און שטאַמלענדיקע רייד, ווי דעמלט ווען ער האָט זיך מיט אים געזעגנט. און באַזונדערס איז אים צעוויטיקט דאָס האַרץ פון דעם וואָס די עלטערן האָבן ביז היינט פאַר אים אויסבאַהאַלטן: דער ברודער אהרן איז שוין

אויך געשטאָרבן; אַזוי פיל יסורים האָבן זיי געהאַט צוליב יצחקן און אַהרנען, און דאָ איז ער — אַזוי־אָ. וואָס האָט ער צו זאָגן און מיט וואָס זיך פאַרענטפערן? ווי דער טאַטע שרייבט: אויך איבער אים, וועלוולען, האָט די ערד פאַרמאַכט איר מויל און... זיי דאַרפן זיך זעצן שבעה נאָך אים.

אויף זיין פנים הויערט אַ פינצטערע כמאַרע, און ס'איז צעקרימט פון צער. ער זעט נישט, אָבער ווייסט, אַז דעם ראָש־ישיבהס אויגן־לאָמפּן ברענען איבער זיין פאַרכמאַרעטן שטערן. ער שפּירט, וועלוול: שטיקער פאַלן פון זיין לייב און געמיט. וואָס באַטייט דעם ראָש־ישיבהס דורכאַנאַנ־דיק שווייגן? שווייגט, שווייגט, שווייגט, און — מיט אַ מאָל, אַז ער וועט זיך עס נישט טאָן אַ הייב אויף און אַ לאָז אַראָפּ אויף זיין קאָפּ אַ דונער פון זידלערייען! ווי... דער באַרג־סיני וואָלט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די יידן, ווען זיי וואָלטן נישט געוועזן אַ געשריי געטאָן: „נעשה ונשמע!"*

אָבער וואָס פאַר אַ „נעשה ונשמע!" קאָן ער, וועלוול, זאָגן דעם ראָש־ישיבה? ער שטאַמלט עפּעס מיט די צוקנדיקע ליפּן, נאָר קיין וואָרט קומט נישט אַרויס פון זיי. ער ווייסט אויך נישט וואָס ער וויל פון זיך אַרויס־ברענגען. די געדאַנקען זענען אים מטושטש און צעמישט. סע קאָן גאַנץ מעגלעך זיין, ער זאָל טאָן, ווי אָן דעם אייגענעם ווילן, אַ פּלאַץ אַרויס פאַרן ראָש־ישיבה דעם גאַנצן אמת... ער איז נישט ביי זיך אין די הענט. פאַרפאַלן!

אין שרעק פאַר דעם וואָס ער קאָן באַלד אָפּטאָן זיך אַליין, לייגט ער שטום אַנידער דעם בריוו פאַרן ראָש־ישיבה, אין דערוואַרטונג אויף זיינע ערשטע צאָרנדיקע ווערטער. אָבער זע! דער ראָש־ישיבה איז כלל נישט דערצערנט און רופט זיך אָן צו אים מיט מיטגעפיל און צאַרטקייט אין דער שטים:

— מאַציעווער, זייט נישט אַזוי דערשלאָגן. אַוודאי איז אַ גרויס רחמנות אויף אייערע עלטערן נעבעך. אַזוי פיל צרות האָט זיי דער הימל באַשערט, קומען נאָך רשעים און זענען מוציא־שם־רע אויף זייער קינד, וואָס „נפשם קשורה בנפשו"**. אוי־ווי, פאָטער אין הימל, צו וואָס מחלוקת נישט־לשם־שמים דערפירט! דער מדרש זאָגט: „קשה היא המחלוקת שהיא מביאה

---

* מיר וועלן טאָן און געהאָרכן.

** זייער נפש איז פאַרבונדן מיט זיין נפש.

לידי סכנת־נפשות" — מחלוקת איז אַ געפערלעכע זאַך, סע דערפירט צו סכנת־נפשות. המם... איך האָב גלייך געשיקט איך רופן, ווייל טאָמער האָבן אייערע עלטערן געשריבן וועגן דעם אויך צו אייך, וועט איר האָבן גרויסע שברי־לב און סע וועט אייך, חלילה, מבטל זיין פונעם לערנען... ניין? צו אייך האָבן זיי נישט געשריבן? זייער גלייך האָבן זיי געטאָן... נעמט זשע זיך עס נישט אַזוי צום האַרצן. איך וועל גלייך טאָן די גרויסע מצווה מתקן צו זיין וואָס די רשעים האָבן קאַליע געמאַכט. איך שרייב שוין אָן אַ בריוו צו אייערע עלטערן... ווען ס'וואָלט זיין געלט, וואָלט מען געדאַרפט קלאַפּן זיי אַ טעלעגראַמע. נישט נאָר ער וועט זיי באַרויִקן, דער בריוו, נאָר מיט גאָטס הילף נחת פאַרשאַפן.

אין מאַציעוועס שאַרבן לויפט דורך אַ דערמאָנונג מיט דער שנעל־קייט פון אַ בליץ:

...ער באָדט זיך אין מאַציעווער טייך אונטער דער בריק. קאָן נאָך נישט שווימען. טוט אַ שפּרונג אין וואַסער אַריין אַ ביסעלע ווייטער און — ער שטייט דערין איבערן קאָפּ. קוקט מיט אָפענע אויגן אינעם געלן ליכט פון דעם דורכגעלויכטענעם וואַסער פון אויבן און זעט דעם העלן זאַמדיקן גרונט אונטער די פיס. ער פּרוּווט אַרויפהייבן זיך — ס'גייט נישט... ס'נעמט אים שטיקן... שטיקן... ער טרינקט זיך... אַ פּחד... פּלוצעם — אַ האַנט האָט אָנגעכאַפּט זיינע אַרויסגעשטאַרצטע פינגער... ציט אים אַרויף... אין די אויגן ווערט העלער, העלער... און מיט אַ מאָל — די טאָגשיין און דער זוניקער זילבערשמעלץ אויפן טייך טוען אים אַ פאַרבלענד — — —

— רחל! — וועקט אים דעם ראָש־ישיבהס קול פון דער דערמאָנונג אַרויס. דאָס רופט עס דער ראָש־ישיבה אין דער צווייטער העלפט שטוב אַריין. און ווען רחל באַוויזט זיך, — רחל, זיי אַזוי גוט ברענג אַריין טינט־און־פען און אַ בייגעלע פּאַפּיר מיט אַ קאָנווערט. און דעם זיגל פאַרגעס נישט... ווייסטו אויך האָבן, טאָכטער, אַ חלק אין דער מצווה וואָס דיין טאַטע גייט ערשט טאָן.

...אַ שאָד! — באַדויערט וועלוול אין האַרצן. — פאַר וואָס האָט ער גראָד נישט קיין רוף געטאָן שרהקען, זי זאָל האָבן די מצווה אין מיר? נישט באַשערט!

און באַלד איז שוין אַלץ אויפן טיש. דער ראָש־ישיבה טונקט די פען אין טינטער, פאַרטראַכט זיך פון רגע צו רגע און שרייבט גיך־גיך.

דער מאַציעווער גייט דערווייל הינטערווילעכטס צו צום פענצטער און בלייבט שטיין אַ פאַרשעמטער אין זיך איבעווייניק פאַר זיך אַליין: ווייניק נאָך וואָס ער אַליין איז פאַלש קעגן טאַטע־מאַמע, זיידע־באָבע, קעגן דעם האַרציק־געטרייען ראָש־ישיבה, קעגן שרהקען און... אַפילו קעגן אסתרן, — מאַכט ער נאָך אויך אַנדערע פאַלש צו זיין! צוליב אים שרייבט דאָך ערשט דער ראָש־ישיבה, דער צדיק, אַ פאַלשן בריוו, זיך נאַרנדיק, אַז ער שרייבט אמת און איז מקיים אַ מצווה. המם, און ער האָט נאָך אַ מאָל זיך דערוועגט פאַרצוואַרפן שמיעה דעם רבס זיין זאָגן גוזמאות!

אַן אויגנבליק טוט אַ בליץ דורך זיין געמיט אַ באַגער, אַ זאָג צו טאָן הויך אויף אַ קול: „רבי, הערט אויף שרייבן! וואָס מ׳האָט געמסרט אויף מיר, איז גאָלע אמת!״. אָבער גליך באַפאַלט אים אַן אימה, און ער טוט אַ פאַרבייס די אונטערשטע ליפּ... המם, ווי וועט ער דאָס פאַרשאַפן דעם ר׳בין אַזאַ צער?...

— מאַציעווער, אָט איז דער בריוו. — טוט אַ זאָג דער ראָש־ישיבה מיט אַ שטים אַ דורכגעוואַרעמטע מיט מילדקייט, אַנהויבנדיק אויפן זיגל, ווי ער וואָלט זיין געפּרווירן, איידער ער פרעסט אים אַרויף אונטער זיין אונטערשריפט. — כדי איר זאָלט זיך אין גאַנצן באַרויִקן נאָט אים אייך אַליין אָפּצושיקן. געלט אויף אַ מאַרקע האָט איר?... רחל!...

— כ׳האָב, איך האָב, רבי. — נעמט דער מאַציעווער דעם בריוו פון ראָש־ישיבהס האַנט און באַמערקט, אַז דער קאָנווערט איז נישט פאַר־קלעפּט. המם, איז נישט חל אויף אים דער „בחדר״ג״ *.

— און טוט זיך טאַקע אַ נעם, מאַציעווער, אַ נעם נאָך שטאַרקער צום לערנען, — רעדט ווייטער צון אים דער ראָש־ישיבה, — ווי ווען איר זענט דאָ געווען אַ מתמיד. אַז אייער קול־תורה זאָל בוקע זיין ** די הימלען און גיין עד סוף העולם. אַז... אייערע פרומע טאַטע־מאַמע זאָלן אַזש ביי אייך אין דער היים עס דערהערן און זיך אויסלאַכן פון די רייד פון די מוציא־לעזניקעס ***.

* בחרם דרבינו גרשם, לויט וועלכן ס׳איז אסור צו לייענען אַ פרעמדן פאַרמאַכטן בריוו.

** שפּאַלטן.

*** לשון־הרע־פאַרשפּרייטער.

דעם רבינס פּנים איז איצט צעלויכטן פונעם געדאַנק, אַז זיין געליבּ־טער תּלמיד וועט זיך אַוודאי, ווי ער זאָגט אים אָן, אַ נעם טאָן נאָך שטאַר־קער צו דער הייליקער תּורה, און טרייבּט אים אונטער:

— גייט זשע, גייט, מאַציעווער. און ווערט פריילעכער. איר זענט דאָך ערשט מיינער אַ שליח לדבר מצווה. אין דעם זכות...

דער מאַציעווער דערהערט שוין נישט דעם ראָש־ישיבהס סוף־פּסוק, וואָרן ער פליט אַרויס, ווי אַ פריטשמעליעטער פון דעם נס וואָס ס'איז אים נאָר וואָס געשען... ער האָט זיך דאָך שיר אַרויסגעכאַפּט מיטן נאַקעטן אמת פאַרן ראָש־ישיבה. נאָר הינטער דער טיר בלייבּט ער שטיין, כאַפּט איבּער דעם אָטעם. ער שלייכט פּאַמעלעך דורך דעם קאָרידאָר, ווי זיך אויפגעכאַפּט פון אַ קאָשמאַר מיט אַן אומגעריכטן גוטן סוף און איז נאָך נישט אין גאַנצן אויסגעטשוכעט פון שלאָף. ערשט אַרויסגעקומען אויפן גאַנעק, ווי ס'טוט אים אַ בלענד די שיין פון שפּעטן מיטנטאָג, דאָס זונ־גאָלד געמישט מיטן זילבּערוייס פונעם שניי, דערוואַכט ער אין גאַנצן. ער בלייבּט ווידער שטיין, נעמט אַרויס דעם בריוו פון קאָנווערט און טראָגט אים צו פאַר די אויגן. כאָטש ער וואָלט דאַרפן שטאַרק אָפּהאַלטן זיך דערפון: טאָמער קומט גראָד אַרויס עמעץ פון דער ראָש־ישיבהטעס העלפט שטוב און טאָמער... שרהקע?! גייט ער שנעל אַראָפּ פונעם גאַניקל, לאָזט זיך מיט דער גאַס און נעמט לייענען דעם בריוו אין גאַנג.

אויך דער ראָש־ישיבה הייבּט אָן זיין בריוו מיט אַ לייטישן טיטול, וועלכן דער מאַציעווער היפּערט אויך איבּער. אָבּער דער בריוו גופא איז געשריבּן אָן מליצות, „ווי ס'פּאַסט פאַר אַ גאון, וואָס זיין דרך אין לערנען איז הבנה״.

...ער איילט זיך מקיים צו זיין אַ מצווה, זיי תּיכף־ומיד מודיע צו זיין דעם גאָרן אמת וועגן זייער גלוסטיקן זון און באַרויִקן זייערע צעבּראָכענע הערצער, גאָט זאָל זיי טרייסטן. דער אייבּערשטער, דער אייבּיקער רופא־חולים, וואָס שיקט תּמיד די רפואה פאַר דער מכּה, זאָל זיי אויסהיטן פון כּל־ערליי זאָרגן, קראַנקהייטן און צרות אויף להבא. זייער זון, וועלוול, זאָל לעבּן, איז, געלויבּט דער אייבּערשטער, ביים גאַנצן געזונט און באַגערט, ווי ביז היינט, אין גאָטס הייליקער תּורה. איז אַ צייט געווען אַפילו אַ מתמיד, און ער, דער ראָש־ישיבה הייסט עס, האָט די האָפענונג, אַז ער וועט עס צוריק ווערן. פון צייט צו צייט קומט ער צון אים מיט אייגענע חידושי־

תורה, וואָס שמעקן מיט אַלערליי מיני בשמים, אויף וועלכע ס'איז אַ „שהחינו" צו מאַכן, און זיי פאַרשאַפן זיין רבין אַ סך נחת־רוח, ווייל ס'איז „ריח בנכם כריח גן־העדן" *, ווי געזאָגט. און יענע מענטשן, וואָס האָבן אויף זייער זון מוציא־לעז געווען, זענען אַוודאי רשעים, זייערע נשמות זענען אויסגעקרימט, ווי זייערע אונטערשריפטן זענען געציקלט און פאַרדרייט, כדי מע זאָל זיי נישט קענען איבערלייענען. זיי האָבן אַוודאי, אויב זיי האָבן אַ מאָל געלערנט, פאַרגעסן, וואָס סע שטייט אין פרק אָבות: „ושנאת הבריות מוציאין את האָדם מן העולם" (...און בחינמדיקע שנאה צו באַשפּעניש צוִען אַרויס דעם מענטשן פון דער וועלט, — פאַרטייטשט זיך וועלוול). זאָלן זיי, וועלוולס עלטערן, עס נישט צולאָזן צו זייער האַרץ זיך צו פייניקן. אַדרבה, זיך טרייסטן מיט דער האָפענונג, אַז דער נחת וואָס דער זון, זיין טייערער תלמיד, וועט זיי פאַרשאַפן מיט זיין תורה און פרומקייט, וועט זיי זיין אַ באַצאָלונג כפל־כפליים פאַר די צרות, מיט וועלכע גאָט האָט זיי אויסגעפּרוווט, און זאָלן זיי פילן זיך גליקלעך מיט זייער ווילגעראָטענעם זון, ווי ער, זיין רבי, פילט זיך גליקלעך מיט אים, זיין תלמיד, און דאַנקט דעם אייבערשטן, געלויבט זיין נאָמען, פאַר דעם וואָס ער האָט אים געגעבן די זכיה צו זיין זיין רבי. וואָרן, זאָלן זיי וויסן זיין — זייער זון, זיין תלמיד, וועט מיט דעם אייבערשטנס הילף, וועלכער העלפט די וואָס מִיען זיך אין זיין תורה,, נישט אויסצוגליטשן זיך, חלילה, און נישט געשטרויכלט צו ווערן אויף זייער וועג צום באַרג סיני, — אויס־וואַקסן אַ גדול בישראל. אָמן. כן יהי רצון.

דער מאַציעווער לייענט, קוויקט זיך און חזרט איבער. ער שפּירט בחוש: „ער וואַקסט..." ער איז עולה לגדולה אין די אייגענע אויגן. אָבער — ס'נע־מען אים שוין פרירן די שפּיץ פינגער. לייגט ער אַריין דעם בריוו אין קאָנווערט, פאַרקלעפּט און פאַרנעמט זיך צו דער פּאָטשט. זאָל דער בריוו אַוועקגיין נאָך היינט. המם... מילא. וואָס געווען ביז איצט — פאַרפאַלן! פון איצט אָן וועט ער זיך ווידער אַ נעם טאָן צום לערנען. שמעיה דעם רבס — דאָרט, און ער, דאָ. יאָגן, יאָגן און אָניאָגן דאָס פאַרשפּעטיקטע. איבער־יאָגן זיך אַליין! אויב דער ראָש־ישיבה האָלט עס היינט שוין פאַר אַ זכות צו האָבן אים פאַר אַ תלמיד, — פאַר אַ וואָסער זכות וועט ער עס

* דער דופט פון אייער זון איז ווי דער דופט פונעם גן־עדן.

שוין האַלטן דעמלט ווען ער, דער מאַציעוואַר, וועט שוין טאַקע באמת זיין אַ גדול בישראל... צו האָבן אים פאַר אַן אײדעם! ביז דעמלט וועט ער שוין האָבן צונויפגעזאַמלט אַ היפּש פאַרמעגן — "פּרוטה לפּרוטה מצטרפות לחשבון גדול" — אַ גראַשן צו אַ גראַשן און ס'וועט אַ הונדערטער — פון זיינע אָפּגעשפּאָרטע חידושי־תורה וועט ער זיך גרייטן אַרויסצוגעבן אַ ספר... אַ? ווי ער וועט עס אַ נאָמען געבן? המם, ער הייסט וועלוול — זאב, — קאָן עס הייסן: "קול זאב" און וועט דערמאָנען אינעם ספר "שאגת אַריה"... המם, דער שווער — בער, און וואָלף — ער... און זי, שרהקע, וואָס היינט באַוויזט זי זיך אַפילו נישט, ווען ער קומט אַריין צו זיי — וועט זיין זיין... זיינע...

אויף זיין פּנים שיינט אויף אַ שמייכל. ער גייט מיט לייכטע טריט, ווי ער וואָלט ערשט שפּאַצירט געאָרעמט מיט שרהקעס גייסטיק געשטאַלט. שפּאַצירט אין מיטן העלן טאָג מיט אַ מיידל איבער דער סלאָבאָדקער היויפּטגאַס, און קיינער, קיין שום פאַרבייגייער באַמערקט עס נישט! המם, ס'וועט עס אויך נישט באַמערקן אסתר, ווען ער וועט צוריק קומען אויף דער קוואַרטיר. המם, און אויב אַפילו זי וועט עס יאָ באַמערקן, וועט ער זיך אויך עס צום האַרצן נישט נעמען! גוט טאַקע וואָס היינט איז דאָנערשטיק, און ער וועט צו איר אין "זאָל" נישט אַריינגיין... זי איז אַוועק פון אים אָנגעבלאָזן, — זאָל זי! זאָל זי זיך שוין אַזוי בלאָזן אויף שטענדיק...

42

דער מאַציעוואַר האָט שוין לאַנג־לאַנג אַזוי געשמאַק נישט געלערנט אין דער ישיבה, ווי היינטיקן דאָנערשטיק אין אָוונט. ער לערנט נישט נאָר מיט הנאה און ברען, נייערט אויך מיט פריידס. זיינע באַנק־שכנים, וואָס איינער פון זיי איז בערל דווינסקער, זענען ממש פאַרוווּנדערט: וואָס פּלוצעם? מ'האָט אים איינגעגעבן אַ לעפעלע "וועלעניש", אַ רפואה אויף התמדה? דער דווינסקער טוט אַ פאַרקלעם די קינבאַקן, אַ באַוועג מיט זיי, אַ גאָס אויף אים צווי בלויע שיינשטראַמלעך פון זיינע אויגן און אַ זאָג אונטערזינגענדיק:

— דער משגיח וועט זיך היינט, קוקנדיק אויפן מאַציעוואַר, שמעלצן, ווי אַ פּוטערקיכל אום שבועות אויף דער זון. "והוא" — און ער, דער

מאַציעווער, „כחתן יוצא מחופתו״ — ווי אַ חתן גייט אַרויס פון זיין געמאַך און לאָזט זיך צום געמאַך פון זיין כלה. המם, איז לאָמיר אים לאָזן געמאַך, און זאָל ער מאַכן מיט איר איינגעמאַכטס.

די באַנק־שכנים שמייכלען אונטער. און דער מאַציעווער, איבערגע־שלאָגן פון בערלס אויסגעזונגענע לצנות אויף זיין חשבון, מאַכט זיך נישט הערנדיק, לערנט ווייטער און טראַכט זיך: „אין פלוג איז ער נישט אין גאַנצן אומגערעכט, דער דווינסקער לץ. סע שווינדלט דאָך מיר טאַקע די גאַנצע צייט פאַר די אויגן שרהקעס געשטאַלט. המם... מיין כלה. ווי דער „דיוקן״ * פון יעקב אָבינו פאַר די אויגן פון יוסף הצדיק. יעקבס „דיוקן״ האָט אים אַרויסגעיאָגט פון פוטיפרס הויז און געראַטעוועט פון זינד, און מיך האָט איר פּאָרטרעט אַריינגעטריבן אין דער ישיבה צו לערנען און ראַטעווען מיך אפשר אויך פון זינד. המם — אַ מיידל־געשטאַלט. איז פאַר רבי עקיבאס אויגן, בעתן לערנען, אויך געשטאַנען דאָס געשטאַלט פון זיין רחלען, כלבא שבועס טאָכטער? המם, טאַקע ווי רבי עקיבא דאַרף מען לערנען!

און ער טוט אין זיך שטאַרקער אַ צעבלאָז די תשוקה צום לערנען:

— אוי־אוי, איי־איי, אָמר רבי עקיבא...

ער לערנט ווייטער מיטן פולן ברען, פאַרצערט פון מתיקות, און שפירט נישט ווי די צייט פליסט אַוועק איבער אים, דורך אים אין דער אייביקייט אַריין. ביין — ער גופא, אַ הייסצעשמאָלצענער, פליסט אַוועק מיט דער צייט אין דער אייביקייט אַריין.

ס'הייבט שוין אָן זיך צו דערנענטערן דער סוף פונעם אָוונט. דאָס לערנען פון דעם עולם בחורים ווערט וואָס ווייטער אַלץ שוואַכער. אָבער ער דערפילט עס נישט. טוט זיך זיינס. ערשט דער ערשטער קלאַפּ אין עמוד צום דאַווענען מעריב וועט אים אפשר אויסניכטערן פון זיין לערנען־שיכרות, ווי, להבדיל, אַ באַזויפענעם אַ קאַלט עמער וואַסער איבערן קאָפּ.

דערווייל הייבן זיך אָן דאָ און דאָרט, צווישן די בענק, קלייבן רעד־לעך. נישט צו שמועסן אין לערנען, נייערט ווידער צו מעלה־גרהן דאָס מחלוקת: „ראָש־ישיבה — מנהל; מנהל — ראָש־ישיבה״.

— וואָס זשע, — טענהט דער איישישאָקער געוועזענער מתמיד, —

---

* אָפּבילד, פּאָרטרעט.

זיין אַראָפּגעבראַכטן טאַטן וויל ער אונדז אַוועקשטעלן פֿאַר אַ מנהל? אַט דעם דאָרפסיי̇דן מיטן „קאָרענעם" כאַלאַט און דעם היטל מיטן הויכן דענעק פֿון פֿאַר מלך סאָביעסקיס צייטן?!

— טאַקע אַ כבוד פֿאַר דער ישיבה! — האַלט אים אונטער מיט איראָניע, אין אַ צוויט רעדל, דער פֿיליפּישקער, אויך איינער פֿון מנהלס צד, — וואָלט אים כאָטש געשטאַנען אָנגעשריבן אויפֿן שטערן אַז ער איז דעם ראָש־ישיבהס טאַטע, מע זאָל צוליב דעם אַליין פֿאַר אים דרך־ארץ באַקומען.

— סיי ווי וואָלט עס דער דאַשעק פֿאַרשטעלט, — טוט זיך זייטיק אַ זאָג אַריין בערל דווינסקער, כאָטש ער איז פֿון די „בינונים", ס'הייסט נישט פֿון קיינעמס צד, נאָר גלאַט, כדי אויסצובורענעגן אַ חכמהלע. און ער ציט ווייטער מיט אַן ערנסט־תמימותדיק פּנים, בעת די אויגן שימערן מיט לאַכשפּאַט. — נו, וועט מען אויסכתיבהן מיט קידוש־לבנה־אותיות אויף אַ באַנדעראָל־פּאַפּיר: „ברא כרעא דאבוה* — דער ראָש־ישיבה איז זיין פּוס" און אים אַרויפֿקלעפּן אַרום דעם דענעק פֿון זיין היטל... און מיטן כוח פֿון דעם פּוס וועט ער שוין גיין.

— מע זאָגט, — שלאָגט אים איבער אין זיין טאָן דער טאַווריגער, אויך איינער פֿון קיינעמס צד, — אַז ביי זיך אין דאָרף איז ער אַ פּאַכטער פֿונעם פּריצס מעלקעריי. איז ער אַ פּנים אַראָפּגעבראַכט געוואָרן אַהער אויף צו מעלקן די בהמות פֿון דער ישיבה, אָדער...

— ע, טאַווריגער — שלאָגט אים איבער בערל דווינסקער, ווי מיט תרעומות, — דו ווילסט מיר ווערן אַן ערנסטער קאָנקורענט אין מיין מושב־לצים** אָבער — אין דער ישיבה איז דאָך קיין איין בהמה נישטאָ. אַלע זענען זכרים — אָקסן. איז אויב דער ייִד קען מעלקן אָקסן, איז ער באמת ראוי צו ווערן דער מנהל. בערל דווינסקער לייגט פֿאַר אים דער ערשטער זיין חתימה!

— הערט אויף! — קאָן עס שוין נישט פֿאַרטראָגן דער לידער, איינער פֿון ראָש־ישיבהס צד, און טוט זיך אַ צעקאָך. — געגנוג ניבול־פּה

---

* ווערטלעך: דער זון איז דער פֿוס פֿונעם פֿאָטער; דער זין: דער זון — ווי זיין פֿאָטער.

** זיצונג פֿון שפּעטערס.

אין אַ מקום־קדוש! אײך איז, משמעות, נײטיק אין לעבן אַרײן דווקא אַן אויסגעשטשאָגלטער מנהל. המם... מיט אַ מעוברתן כרס*, ווי אַ טײג פֿאַרקנאָטן מיט זאַפּראַן אויף אַ פּורים־קוילעטש, וואָס גײט־אויף אויף גבֿבֿהשע הייזון...

— און דעם לידער לשון־נקיהניק, — רעכנט זיך אָפּ מיט אים אויפֿן אָרט בערל דווינסקער, — איז נײטיק אין לעבן אַרײן אויפֿצוטרעטן דעם אַלטן מנהלס מעוברתן כרס און ווײזן דער גאַנצער וועלט וואָס אין אים טוט זיך — ...גופֿא.

שטימען העכערן זיך, און קלענערע רעדלעך רעדלען זיך צוזאַמען אין גרעסערע. דאָס לערנען איז שוין איבערגעריסן איבער דער גאַנצער ישיבֿה. בלויז צווײ, אין באַזונדערע ווינקלען, האָבן זיך נאָך אַלץ נישט אָנגעשלאָסן צו דער אַלגעמײנער צעשריגענער בטלה: דער קאַווקאַזער אין ווינקל לעבן אָרון־קודש און דער מאַציעווער קעגנאיבער דער טיר. דער משגיח שטייט שוין איבערן עמוד, דער קאָפּ פֿאַרשטעקט אין די דלאָניעס, פֿאַרוויגט פונעם קאַווקאַזערס ברומענדיקן ניגון דערלעבן.

לסוף ווערט פֿון אַלע צוזאַמענגערעדלטע רעדלעך אין גרויס געדיכ־טעניש צווישן דעם באַלעמער און דעם אויוון, אויפֿן שטיקל פּלאַץ וואָס איז לײדיק פֿון בענק. די קולות וואַקסן אַלץ העכער, אַ קול קלעטערט איבער אַ קול, אַ געשרײ רײסט זיך אַריבער אַ געשרײ. אין חלל פֿון דער ישיבֿה שטייט אַ טומל, ווי אויף אַ מאַרקפּלאַץ בעת אַ יאַריד. ביז ענדלעך ווערט אויך דער מאַציעווער אַרויסגעריסן פֿון זײן מתמידישן ברען און פֿאַרזונקעניש. אַ קוק געטאָן פֿאַר זיך, דערזען דאָס געדיכטעניש און געדרענגעניש דאָרט, ווערט ער אָנגעפּילט מיטן טומל און געשרײ, און פֿאַרמאַכט די גמרא. סײ ווי וועט שוין איצט נישט מעגלעך זײן צו לערנען, און ס'איז דאָך שוין מסתם נאָענט צום מעריבֿ־דאַווענען. ער לאָזט זיך צו־גײן אַהין, ווי אַ זײטיקער אויס נײגער, און באַלד כאַפּט אים אַרום דאָס געדיכטעניש און שטופּעניש. ווי מיט אַ מאָל דערהערט זיך אַן אימהדיק, געפּלעפּט געשרײ:

— אַ מעסער! אַ מעסער! אַ מעסער!

דער מאַציעווער טוט אַ זוך מיט די אויגן איבער דער מאַסע קעפּ אָט

---

* בויך.

דאָס מעסער. אין סאַמע מיט געדיכטעניש שטעקט טאַקע אַרויס אַן אַרויפֿ־געהויבענע האַנט מיט אַן אַנטבלויזטן פֿאַרקנעפּלטן העמדאַרבל פֿון אַ זיך אַראָפּגעלאָזטן מאַרינאַרקע־אַרבל, און אין איר פֿויסט — אַ שאַרפֿגלאַנץ. די האַנט פֿאָכעט אַהין און אַהער, און דער שאַרפֿגלאַנץ זעט אויס ווי אַ פֿליגעלע פֿון אַ פֿלאַטערנדיקער שוואַלב אין דער לופֿטן. אויסטערליש: דאָס געשריי „אַ מעסער!" איז אימהדיק, דאָס מעסער אַליין — עט! עפּעס אַ קניפּיק.

דער עולם, נישט באַנומען אין דער ערשטער רגע דעם דאָזיקן אימהדיקן געשריי, ווייל — ווי שיקט זיך גאָר אַ מעסער אין דער ישיבה?! גייט ווייטער אָן מיטן קריגעריי. ערשט ווען דאָס געשריי חזרט זיך איבער מיט אַן אַנדער קול: — אַ מעסער! אַ מעסער! — און נאָך מיט אַ צולאָג שוין נישט פֿון בלויזער שרעק, נאָר אויך פֿון ווייטיק מחמת חילול־הקודש: — געוואַלד! אַ מעסער אין דער ישיבה! — טוט זיך דאָס געקריג אַ רייס איבער. דער קנויל טומל ווערט ווי געליימט. דער עולם — אַ צעשפּרייט זיך פֿאַנאַנדער, און אין זיין שיטער־געוואָרנקייט — אַ צעלויף זיך פֿאַנאַנדער. אויפֿן אָפּגעליידיקטן פּלאַץ שטייט איינער אַליין דער קאַווקאַזער מיטן פֿאָכענדיקן קניפּיק אין דער לופֿטן. זיין פּנים — רויט־צעפֿלאַמט. די אָנ־געצונדענע אויגן בלאָנדזשען אַרום צעטומלט, ווי זוכנדיק אַן ענטפֿער אויף עפּעס אומפֿאַרשטענדלעכס. מיט אַ מאָל טוט זיך אים די האַנט אַ לאָז אַראָפּ, אַ פֿאַרשטעק מיטן קניפּיק אין דער הויזנקעשענע, און זיין מויל שטאַמלט צו דער אַרומיקער ליידיקייט אויף זיין העברעיִש:

— נישט געקענט שוין מער. נישט געקענט זיך מער איינהאַלטן. אַז נאָר מע שטערט. נאָר מע שטערט דאָס לערנען. איר ווילט זיך קריגן? שלאָגן זיך, ווי די גוייִם? — גייט אין דרויסן! אַז אַ רוח זאָל אין אייערע מאַטעס אַריין!

אָפּגעשטאַמלט, לאָזט ער אַראָפּ, ווי אַ זינדיקער, דעם קאָפּ, שלייכט פּאַמעלעך צו זיין שטענדער מיט דער אָפֿענער גמרא און שעפּטשעט צו זיך אַליין אַ פֿאַרענטפֿערונג אויף זיין בויאַנסטווע:

— „חרב לאַדושם ולגדעון"*.

מיט אַ מאָל פּלאַצט אַרויס פֿון דער געשפּאַנטער שטילקייט אַ הילכיק

* אַ שווערד פֿאַר גאָט און גדעונען.

געלעכטער אַרום איינער אַ באַנק, אַרויסגערופן דורך בערל דווינסקערס אַ חכמה:

— אַלע ישיבה־העגער האָבן זיך צעפּלאַשעט. דער קאַווקאַזער פרומער שוחט איז געקומען פאַר פורים קוילן די עופות אויף ערב־יום־כיפור.

דער טומל באַנייט זיך, נעמט אויפּס ניי אָנוואַקסן. דער עולם נעמט זיך ווידער צונויפרעדלען אין אַ געדיכטעניש. קיינער באַמערקט נישט ווי ס'עפנט זיך די טיר, און עמעץ קומט אַריין. נאָר פלוצעם טוט אַ לויף דורך אַ שושקעניש פון אויער צו אויער:

— דער ראָש־ישיבה! — דער ראָש־ישיבה! — דער ראָש־ישיבה!

ווער ס'דערהערט, בלייבט שטיין פאַרשטייפט אין שטום, מיט אַראָפּ־געלאָזטע הענט. דער ראָש־ישיבה שטייט אויך אַ געפּלעפּטער: וואָס דאָ קומט פאָר! וואָס דאָ קומט פאָר! וואָס דאָ טוט זיך עס! רחמנא־לצלן!

ראַפּטעם טוט ער זיך אין גאַנצן אַ צינד אָן, ווי אַ שפּאָן פון קין. ס'טוט אים אַ טראָג אונטער. ער נעמט אַרומלויפן איבער דער ישיבה, ווי אַ וויר־בלדיקער פייערזייל. מחמת שרעק טוט זיך דער משגיח אַ רוק אַרונטער הינטערן אָרון־קודש, לעבן דעם קאַווקאַזער, דער ראָש־ישיבה זאָל אים נישט דערזען און אויסגיסן אויף אים כל־חמתו. און פון ראָש־ישיבהס מויל רייסן זיך אַרויס געוואַלדן, וויגעשרייען וועגן ביטול־תורה, וועגן דעם „מקדש־מעט", די ישיבה, וואָס איז אַרומגעכאַפּט פון אַ שרפה, רחמנא־לצלן. וועגן אַ דריטן חורבן...

די בחורים, אַפילו די פונעם מנהלס צד, שטייען אויף די ערטער: דערשראָקענע, פאַרבליפטע, בלאַסע, פון בלאָס אויף רויט זיך טוישנדיק. בלויז דאָ דער, דאָ אַ צווייטער טוט זיך אַ רוק אָפּ פון אָרט אים דורכצו־לאָזן פאַרביי זיך. מען לאָזט נישט אַראָפּ פון אים קיין אויג, ווי דורך כישוף פאַרגליווערטע. און ער הערט נישט אויף צו פלאַקערן. זיין געשריי קומט מיט קולות־וברקים, ווי פונעם באַרג סיני צו מתן־תורה.

אין אַ געוויסן מאָמענט טוט זיך אין פאַרצווייפלונג דער משגיח אַ כאַפּ אַרויס פון הינטערן אָרון־קודש, מיט אַ פּנים ווי פון הינערפלעט אַרויס, און אַ פעסטן פלעט אויפן עמוד, וואָס דאָס דאַרף הייסן: מע שטעלט זיך דאַוונען מעריב.

— חוצפה! — טוט דעם ראָש־ישיבהס קול אַ שעכט דעם חלל. —

נישט דאַווענען קיין מעריב! „מסיר אזנו משמוע תורה, גם תפילתו תועבה״ *! לערנען! שוין זיך זעצן לערנען! אוי, לערנען גאָטס זיסע תורה!

דער עולם טוט זיך אַ וואַקל אויסצופּאַלגן זיין באַפעל, רירט זיך אָבער נישט פון אָרט מחמת געפּלעפּטקייט: ערשט? נאָך צען אַ זייגער זיך זעצן נאָך אַ מאָל לערנען? ביז ווען? עפּעס ווי צו ענדערן די סדרי־בראשית!

דער ראָש־ישיבה טוט אַ לאָז אַרויס אַ לעצטן געשריי, וואָס דערמאָנט אין אַ געשריי פון אַ האָן פאַר שחיטה:

— איך בין גוזר!

טוען זיך אַ לאָז די ערשטע בחורים פון זיין צד, אַלע מיט אַ מאָל, צו די שטענדערס, און נאָך זיי, איינציקוויז, זיך קווענקלענדיק, ווער מער, ווער ווייניקער, אויך די פון מנהלס צד און —

ביסלעכוויז צעלערנט זיך די גאַנצע ישיבה אויף אַלערליי קולות און מיט אַלערליי ניגונים. אויך בערל דווינסקער שאָקלט זיך, אונטערברומענדיק, איבער זיין שטענדער. נאָר אויף זיין מאָגערן פּנים שפּילן די צוזאַמענגעקוועטשטע קינבאַקן, און פון זיינע אויגן שימערט אַרויס אַ שיין־שמייכעלע. ער זייטיקט אַ בליק צום ראָש־ישיבה, וואַרפט אים באַלד אַריבער צום עמוד, איבער וועלכן סע שאָקלט זיך איצטער דער משגיח, לערנענדיק ווי איינער פון די ישיבה־בחורים, און פירט אים צוריק אויפן ראָש־ישיבה.

דער ראָש־ישיבה שטייט איינער אַליין, ווו ערשט נישט לאַנג צוריק איז געשטאַנען דער קאַווקאַזער מיטן קניפּיק אין דער אַרויפגעריסענער האַנט. אויף זיין פּנים לעשט זיך אין ביסלעכוויז דער גלי פון הייליקן צאָרן, און פון אינעווייניק אַרויס גייט אויף דאָס ליכט פון גייסטיקער פרייד.

דאָס שיין־שמייכעלע אין בערל דווינסקערס אויגן לעשט זיך אויס און אויך ער נעמט לערנען אויף אַ קול. און איבערן רויש פון אַלע צוזאַמענגעגאָסענע קולות כוואַליעט זיך אַריבער די פּילקאַלירקע חזנישע קאָלאָראַטור פונעם שטשוטשינער.

דער ראָש־ישיבה שעפּטשעט האַרציקמילד צו זיך אַליין:

* דער וואָס קערט אָפּ זיין אויער פון צו הערן די לערנונג, איז אַפילו זיין תפילה אַן אומווערדיקייט.

— טאַטע זיסער אין הימל! „הקול קול יעקב"... „קול המון כקול שדי" *...

זיינע אויגן בלאַנדזשען אַרום איבער די זיך באַוועגנדיקע קעפּ פון זיינע תלמידים. אַ ווייל בלייבט זיין בליק שטיין, שאָקלט זיך מיט מיטן קאָפּ פון זיין געליבטן תלמיד — דעם מאַציעווער... אַך־אַך! אַ גרויסע מצווה האָט ער היינט אַ דאַנק אים מקיים געווען מיטן בריוו, וואָס ער האָט געשיקט צו זיינע עלטערן. און פון זיינע אַרויסגעשטאַרצטע אויגן, דעם ראָש־ישיבהס, צעגיסט זיך אַ שמייכל אויף זיין בערדל, און פון צווישן די האָר פונעם בערדל שפּראַצט דער שמייכל אַרויף צוריק צו זיינע אויגן.

אין דעם מאָמענט הייבט דער מאַציעווער אַרויס זיין בליק פון דער גמרא, און זייערע ביידנס בליקן באַגעגענען זיך.

...דער רבי שמייכלט צו מיר! — טוט דער מאַציעווער אַ טראַכט אַ באַגליקטער, לאָזט צוריק אַראָפּ דעם בליק אויף דער גמרא און צעשמייכלט זיך אויך צו... שרהקען.

43

נאָך דער שבתדיקער בייטאָגעדיקער סעודה, איינער אַליין ביי זיך אין צימער, גייט דער מאַציעווער נישט אַרויס אין ערגעץ. זיין תשוקה צום לערנען האָט אין משך פונעם דאָנערשטיקדיקן אָונט און פרייטיקדיקן טאָג זיך שוין אויסגעברענט, ווי אַ שטרוי. ליגט ער אויף דער סאָפקע פאַר־מחשבהט און פאַרפאַנטאַזירט. נאָר איינצייטיק האָרכן זיך אין זיינע אויערן, ווי עפּעס פון אים אָפּגעזונדערטע הער־כלים, אין שטוב אַריין.

יאָכוועד און צלאָווע זענען, גלייך ווי דער באַלעבאָס האָט דאָרט גע־נומען ברומען דאָס בענטשן, אַוועקגעגאַנגען אין שטאָט. צלאָווע מיט איר קאַוואַליער, איר צוקינפטיקן חתן, וועלכער איז געקומען זי נעמען, און יאָכוועד — אַליין, מסתם זיך צו טרעפן מיט איר קאַוואַליער, ווי זיי האָבן זיך נעכטן אין שטאָט אָפּגערעדט, איר קאַוואַליער, וואָס דערווייל „אוכאַ־זשעוועט** ער בלויז פאַר איר, און מיט דער צייט קאָן זיך אויספּיקן פון

* דאָס קול איז דאָס קול פון יעקבן... דאָס קול פון אַ מענטשן־מאַסע איז דאָס קול פון אַלמעכטיקן.

** אַדאָרירט.

אים אַ חתן. ביידע שוועסטער וועלן זיך אומקערן מסתּם גאַנץ שפּעט ביי נאַכט. נאָר אסתּרן הערט מען נישט אַוועקגיין. זי האָט זיך, ווייזט אויס, מיט קיינעם אויף היינט נישט אָפּגערעדט. איז זי געבליבן אין דער־וואַרטונג, אַז ער, וועלוול, זאָל צו איר אין אָוונט אַריינקומען?

כאָטש ס׳איז ווינטער, פון דעסטוועגן ציט זיך, דאַכט זיך, לאַנג דער בייטאָג. נאָר אָט איז שוין דער באַלעבאָס אַרויסגעגאַנגען צום מנחה־מעריב־דאַווענען.

— פּסח, — שרייט אים נאָך די באַלעבאָסטע אין פּאָדערהייזל אַריין — זאָם זיך נישט דאָרט, וועלן מיר אפשר אין אָוונט ערגעץ אַרויסגיין צו עמעצן אין געסט.

און שוין צו זיך אַליין מיט אַן אַראָפּגעלאָזענער שטים:

— אַלץ קומט נאָר זיי, די טעכטער? און דו, אסתּרקע, וואַרטסט נאָך אַלץ אויף עמעצן? אַז מע קוקט אויס משיחן, דאַרף מען אים אָקעגן גיין. אַז אַ מויד וויל דווקא אַ פּרינץ, נישט אַנדערש, דאַרף זי זיך נישט שעמען גיין אים זוכן...

— מאַמע, — קומט אַן אַנגעבלאָזענער ענטפער פון „זאַל" אַרויס, — פאָלג מיך, זאָרג נישט פאַר מיר. כ׳וועל שוין אַליין פאַר זיך אויסזאָרגן.

ס׳הייבט אָן ווערן טונקלער. דער מאַציעווער שטרעקט אויס די האַנט צום טישל, נעמט פון אים דאָס שטיקל חלה וואָס איז געבליבן פון דער סעודה, טונקט שטיקלעכווייז אין דער האַלבער גלאָז מילך, אַ געבליבענע פון אין דער פרי, און עסט האַלב־ליגנדיק, האַלב־זיצנדיק זיין שלוש־סעודות. דערווייל פאַלט צו די נאַכט. ער פילט זיך אויפהייבן אָנציגדן דעם לאָמפּ. המם, צו וואָס פעלט ער אים? און די פינצטערניש פאַרוועבט אים אין אַ דרימל. ערשט דעם באַלעבאָס צוריקקום דאָרט אין קיך מיט זיין „גוט־וואָך!" דערוועקט אים. דער באַלעבאָס מאַכט דאָרט אין „זאַל" הבדלה, און נישט לאַנג געזאָמט גייען זיי אַרויס, ער און די באַלעבאָסטע, אין גאַס... יאָ, זי גייט דאָרט פאַרויס, און ער הינטער איר. איז דאָס דערפאַר וואָס זי איז דער ראָש אין שטוב? אָדער די גרויסשטעטישע טעכטער האָבן עס אים אַזוי געלערנט אָפּצוגעבן דער מאַמען דאַמען־ערע? צי אפשר גאָר פשוט צוליב: „מנוח עם־הארץ היה, שהלך אחרי אשתו*? המם... איצט

* מנוח איז געווען אַן עם־הארץ, אַ סימן — ער איז געגאַנגען הינטערן ווייב.

וואָלט אסתר קאָנען אַריינקומען צום איס, אָבער די צייט ציט זיך, און זי קומט נישט. און דאָנערשטיק איז זי אַריינגעקומען אַפילו ביי טאָג און ווען דער טאַטע איז געווען אין שטוב! נאָר ווי וועט זי אַריינקומען, אַז זי איז דעמלט אַרויס פון דאַנען, ווער ווייסט פאַר וואָס, אַן אָנגעבלאָזענע? און שוין צוויי אָוונטן ווי ער האָט זי אויסגעמיטן!

דורכן טאָפּל־פענצטער זייעט זיך אַריין אַ לבנהדיקער שבת־צו־נאַכטס. ער וואָלט זיך ערשט לענגער פאַרטראַכט, וועלוול, וועגן דער היים — דעם שבת־צו־נאַכטס אין דער היים, ווי ער פלעגט אים פילן און איבערלעבן אין די קינדעריאָרן: דער שימער פונעם אַוועקגעגאַנגענעם שבת הענגט נאָך אין דער לופטן איבער דער אַריינגעשלייכטער וואָך, וואָס איז נאָך נישט אין גאַנצן וואָכעדיק — אליהו הנביא איז איצטער דאָ אין שטוב... — — אָבער דאָס געפיל פון זיין איצט אין שטוב זאַלבעצוויט מיט אסתרן אַליין שטויסט אַרויס יענע מחשבות... זי זיצט דאָרט אין „זאַל" ביים וואַרעמען אויוון און וווּנדערט זיך אָוודאי פאַר וואָס ער קומט אַלץ נישט אַריין? שוין צוויי אָוונטן זענען זיי דאָך נישט געווען צוזאַמען! אַז זי וווּנדערט זיך, זאָל זי אַריינקומען און פרעגן. מע זאָגט: „אַ האַרץ פילט אַ האַרץ" — דאָס מיינט דאָך: דאָס האַרץ פון איין ליבנדיקן דעם צווייטנס; איז אויב זי האָט אים ליב, דאַרף זי דאָך פילן, אַז... אַז וואָס? אַז שוין באַלד דריי טעג ווי ער טראַכט נאָר וועגן שרהקען? המם, אָבער אַט בענקט ער דאָך איצט צום איר, צו אסתרן. צי האָט ער זי טאַקע אויך ליב, אסתרן? האָט ער דאָך ערשט אייערנעכטן, נאָך דער מעשה מיט די בריוו, זיך אַ זאָג געטאָן, זאָל זיין נאָר במחשבה: „זי איז אַוועק אָנגעבלאָזן — זאָל זי זיך בלאָזן שוין אויף שטענדיק". פאַר אַזאַ מחשבה פאַרדינט ער זיך זי זאָל אַפילו נישט וואַרטן אויף אים אויך! אָבער... כאָטש ער האָט אַזוי געטראַכט, ליגט ער דאָך פאָרט איצטער דאָ. צי נאָר דערפאַר, ווייל ער האָט נישט וווּהין צו גיין? און פאַר וואָס טאַקע נישט גיין אין ישיבה אַריין לערנען, ווי ס'פּאַסט פאַר אַ פריש־געבאַקענעם מתמיד?

ניין, ער ליגט נישט, דער מאַציעווער. ליגט נישט איין. דרייט זיך פון איין זייט אויף דער צווייטער, קוקט אַט אויף דער וואַנט מיט די פאַר־ווישטע קאָלירן און אוזאָרן פון די טאַפּעטן, און אַט אויף דעם לבנהדיקן דרויסן, די גרייס פונעם פענצטער. און אויך אין אים אינעווייניק דרייט זיך עפּעס איבער פון איין זייט אויף דער צווייטער, פיינלעך און זיסלעך,

אין וואַקלעניש: אַריינגיין צון איר, אָדער נישט? אפשר בלאָזט זי זיך נאָך אַלץ? אויב זי האָט אים ליב, מוז זי דאָך שפּירן וואָס מיט אים קומט ערשט פאַר און... און אים העלפן; אויב נישט אַליין אַריינקומען, איז כאָטש מיט אַ רוף טאָן אים צו זיך. פאַר וואָס טוט זי עס נישט?

מיט אַ מאָל שטייפט זיך אָן אין זיין געמיט אַן עקשנות קעגן איר: איז וועט ער טאַקע נישט אַריינגיין, ביז זי וועט אים נישט אַ רוף טאָן: „וועל־וול!”. אין דעם מאָמענט פאַלט זיין בליק צו דער טיר. דורך די שפּאַרונעס לייכט זיך דורך אַ זייער שוואַכע שיין. איז אין קיך אַריינגעדרייט דער לאָמפּ? דאָס האָבן עס אים די אַלטע אַריינגעדרייט פאַרן אַוועקגיין, אָדער אסתר האָט עס געטאָן? זי איז שוין געוועזן האַלבוועגס צון אים און פאָרט אים אַפילו קיין רוף נישט געטאָן? אויב אסתר...

ער גליטשט זיך שטיל אַראָפּ פון דער סאָפקע, שלייכט צו צו דער טיר, לענט זי קוים אָפּ און טוט אַהין אַ בליק. אין קיך איז אין גאַנצן פינצטער. די שיין קומט גאָר פון „זאַל”. און דאָרט מוז דער לאָמפּ גראָד ברענען זייער העל, אויב זיין שיין דערגרייכט אַזש אַהער. המם, אויב אַזוי, אויב ס'איז דאָרט נישט פינצטער, הייסט עס דאָך: זי וואַרט נישט אויף אים! „אַ האַרץ פילט אַ האַרץ”, המם, און געהירן שפּירן געהירן: אין אירע געהירן טראַכט זיך וואָס ער האָט אייערנעכטן געטראַכט וועגן איר: „זאָל זי זיך בלאָזן שוין אויף שטענדיק”. נו, בלאָזט זי זיך טאַקע. איז דאָך... איז דאָך גוט! ניין־ניין! ס'איז זייער שלעכט! אַז מיט שרהקען קאָן ער זיך נישט טרעפן, בשום אופן נישט, און חוץ אסתרן האָט ער קיינעם נישט, — איז וואָס בלייבט אים איבער צו טאָן? קאָן דען אַ מענטש תמיד זיין איינער אַליין? און רק טראַכטן וועגן דער היים? וועגן די געשטאָרבענע ברידער?... אַפילו שמעיה, דעם רבס שרייבט נישט מער. דאָס ווייבערשע ווערטל: „טב למיתב טן דו מלמיתב אַרמלו”* איז חל אויך אויף מאַנצבל. און זי, אסתר, האָט דאָך אויך קיינעם נישט, פילט זי זיך דאָך אַוודאי עלנט און... ווי האָט זי דאָס נישט קיין רחמנות אויף זיך אַליין! מ'ע דאַרף איר העלפן. וואָלט נישט געווען ערשט ליכטיק ביי איר, המם, וואָלט ער שויך, ווי שטענדיק, אָן איר רוף אַריינגעגאַנגען. צוריק זיך לייגן אויף דער סאָפקע? אָבער ליגן דאָ און פילן נאָך אַנאַנד אסתרס אַליין

* ס'איז גוט צו זיצן זאַלבעצווייט, איידער צו זיצן אַן אַלמנה.

זיין דאָרט — כאָטש זי וואַרט נישט אויף אים — איז אומדערטרעגלעך. ס'וועט דריקן אויפן געמיט, ווי... ווי אַ מעוברתטע קאַץ אויפן האַרצן פון אַ שלאָפנדיקן. ניין. צוריק זיך לייגן וועט ער נישט. שוין בעסער לאָזן זיך אין ישיבה אַריין, זעצן זיך ביים שטענדער און צווינגען זיך לערנען. אַרויפצווינגען אויף זיך דאָס לערנען, ווי... ווי גאָט האָט אַרויפגעצוווּנגען אויף די ייִדן די תורה: „אויב איר וועט זי אָננעמען איז גוט, אַנישט — לאָז איך אַראָפּ אויף אייך דעם באַרג!"

ער לענט זיך אָן מיט אַן אַקסל אויף דער וואַנט און זעט זיך שוין זיצן אין דער ליידיקער, פינצטערער און אפשר אויך קאַלטער ישיבה, מיט אַ ליכטל, פונעם עמוד גענומען ,אין האַנט, איינער אַליין. ניין, ס'זיצט שוין אפשר דאָרטן, לעבן אָרון־קודש, מיט אַ ליכטל אין האַנט, איבערן שטענדער מיט דער אָפענער גמרא, דער קאַווקאַזער לשון־קודשדיקער בחור און לערנט איינער פאַר דער גאַנצער ישיבה. אין דעם טונקעלן צעשאָטנטן רוים פון דער ישיבה ברומט־מיט מיט אים אַזאַ נאָגנדיקער, ווייִנענדיקער ניגון צוליבן שבת וואָס איז אַוועק. נישט נאָר ער איז וויינענדיק, דער ניגון, נאָר ממש וואַרעמע טרערן רינען אים איבער די באַקן...

דער מאַציעוווער טוט זיך אַ וויש מיט די פינגערשפּיצן אונטער די אויגן, ווי אָפּצווישן יענע טרערן, ציט אַרויף דעם מאַנטל, טוט פויל אָן די שליאַפּע, מאַכט זיך האַרץ, טוט אָן עפן די טיר און — שלאָגט זיך אָן פּנים־אל־פּנים מיט אסתרן. אויך זי איז אַן אָנגעטאָנענע אַרויסצוגיין. ווי זיי וואָלטן זיך, נישט צוזאַמענגערעדטערהייט, צוזאַמענגערעדט! אין זיין נאָז גייט אויף דער באַקאַנטער גערוך פון איר אָדעקאָלאָן און דער דינערער אַראָמאַט פון איר ראָזלעכער פּודער. מחמת אומדערוואַרטקייט און צע־מישטקייט כאַפּט ער זי אַרום און שטייט ווי אַ געליימטער.

— כי־כי... — פאַלט אַראָפּ פון איר דאָס געלעכטערל, ווי צוויי שווערע טראָפּנס שיינענדיקער האָניק. — דו האָסט זיך אויך אויסגעקליבן גיין אין גאַס אַריין? איך בין טאַקע געקומען דיך פרעגן: אפשר האָסטו חשק מיך באַגלייטן אין שטאָט אַריין?... נו, לאָז מיך שוין פריי, דו ליימע־נער גולם איינער! וואָס האַלסטו מיך אַרום, ווי אַ הילצערנעם געטש? איך דאַרף זיך דאָרט אַריינכאַפּן צון עמעצן, אויף עטלעכע מינוט בסכהכל, ווּעסטו אויף מיר צוּוואַרטן אין דרויסן. איך וועל טאַקע האָבן פאַר יענעם

אַ תירוץ, אַז מע וואַרט אויף מיר, וועט ער מיך נישט קענען לענגער פאַר־האַלטן.

וועלוול איז געפּלעפּט צוליב דעם גרויסן אונטערשייד, „מן הקצה אל הקצה" *, צווישן זיין פאַרטראַכט, זיך צו לאָזן אין ישיבה אַריין און זיין גיין שפּאַצירן מיט אסתרן אין שטאָט אַריין. המם. און גלאַט... און שטייט ווייטער, שוין מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט, ווי אַ געליימטער, אַ שווייגנדיקער, און וואַקלט זיך אין דער דעה.

— דו ווילסט נישט, וועלוול, כאָטש איין איינציק מאָל גיין מיט מיר גלאַט אַזוי זיך שפּאַצירן? שטענדיק נאָר מיט מיר הינטערן אויוון? — שלאָגט זי אים אַרויס פון זיין וואַקלעניש. — שעמסט זיך? האָסט מורא? ביסט דאָך שוין אַ מאָל געגאַנגען מיט מיר אין קינאָ.

די דערמאָנונג אין יענעם גאַנג אין קינאָ, דער עיקר אינעם צוריק־גאַנג, זאָגט אים גראָד אונטער: „דריי זיך אַרויס פונעם עסק!". אָבער פון מויל טוט אים אַ פאַל אַראָפּ מחמת שוואַכקייט אַן איינציק וואָרט: „גוט", און ער גייט איר נאָך, ווי געפירט אויף אַן אומגעזעען זיידן שנירעלע.

44

איבער די פאַרשנייטע דעכער פון די נידעריקע סלאָבאָדקער שטיבער הענגט אַ לויטערער, דורכגעשיינטער הימל און קוקט אַראָפּ אויף זיי מיט אַ גרויס, קיילעכיק בלוי־גרינבלעך אויג — די לבנה. וועלוול דערשפּירט דעם פראָסטבאַריר אויף זיין אָנטועכץ, זיין גלי אויף די באַקן און זיין שטעכן מיט דינע שפּילקעלעך אין דער נאָז. ער פילט אַפּ די וועלט, וועלוול, איינצייטיק אי ווי אַ ווירקלעכע, אי ווי אַן אויסגעטרוימטע... עפּעס אַ כישופדיקע וועלט, וווּ ער שפּאַצירט אַ פאַרכישופטער. ער פירט איבער הין־און־צוריק דעם פאַרכישופטן בליק פון אסתרס, פונעם פראָסט אויפ־געפרישטן, פאַררויטלטן געפּודערטן פּנים אויפן פּנים פון דער לבנה, וועלכע גייט־נאָך אויפן הימל זייער גאַנג אויף דער ערד. נישט צו שטערן זיך אין זיין פאַרכישופטקייט, פרוווט ער אַפילו נישט עפענען דאָס

* פון עק צו עק.

מויל אַ וואָרט צו רעדן. סע אַרט אים אויך נישט אסתרס שוויגן דעם גאַנצן וועג. פאַרקערט, ס'איז אָנגענעם דאָס גיין אַזוי שוויגנדיק, ווי צוויי לונאַטיקער. דאָס שוויגן פאַרבינדט זיי מער ווי ס'וואָלט זיי פאַרבונדן דאָס רעדן; דאָס שוויגן פאַרוועבט צוזאַמען זייערע געמיטער, באַהעפט זיי, און דאָס איז זייער געשמאַק־מתיקותדיק. גראָד ערשט איז ער זיכער, אַז נישט נאָר ער האָט זי ליב, נאָר אויך זי — אים. זייערע געבליטן, דער־וואָרעמטע פונעם בשותפותדיקן גאַנג, גיסן זיך צוזאַמען דורך דער פרירנ־דיקער לופט. און אויסטערליש: ווען אַ באַקאַנטער וואָלט זיי איצט אָנגע־קומען אַנטקעגן, וואָלט אים גאָרנישט איינגעפאַלן, יענעם, צוליב זייער שוויגן, אַז זיי גייען צוזאַמען, ווי... אַ גראָד, וואָס איז אַן אום!

און אָט איז מען אַריבער די בריק איבער דער ווילִיע. מ'איז שוין אין קאָוונע. דורכגעגאַנגען אַ פלאַנטער פון עטלעכע שמאָלע געסלעך, קומט מען אַרויס אויף אַ ברייטערער גאַס, און ביי איינעם אַ טויער בלייבט אסתר שטיין:

— אָט דאָ איז עס. כ'וועל זיך לאַנג נישט זאַמען, וועלוול. — טוט זי אַ זאָג, אירע אויגן טוען אַ שימער־אויף איבער זיין פראָסטיק־צעהיצט פנים מיט אַן אָנגעגליטן שמייכל, און זי פאַרשווינדט אין טויער אַריין.

אָפּגעשטאַנען אויף איין אָרט דעם „כ'וועל זיך לאַנג נישט זאַמען" מיט אַ שמיצל אַריבער, דערשפּירט ער: דער פראָסט צופּט די פינגער פון די פיס און שפּרייט אים אונטער די זוילן בלעך ווי אייז. מע מוז נעמען זיך באַוועגן. ער טוט אַ קוק אויפן נומער פונעם טויער־לאַמטערן, נעמט זיך אים שטאַרק אַריין אין זכרון און לאָזט זיך אַוועקשפּאַצירן הין־און־צוריק איבערן טראָטואַר. מענטשן גייען דאָ איצט וויניק פאַרביי. המם, ער טאָר נישט צו פיל דערווייטערן זיך פונעם טויער: אסתר קאָן אַ ליאַדע רגע געבן אַ קום אַרויס און, נישט טרעפנדיק אים אויפן אָרט, מיינען: נישט דערוואָרט זיך אויף איר, איז ער אַליין אַהיים געגאַנגען. זיך לאָזן אָנזאָגן אים. ער ווידער וועט צוקומען צוריק און אַלץ זי נישט טרעפן, און שטיין, און שטיין, און וואַרטן, בעת זי וועט שוין אפשר האָבן צוגעקומען דאָרט צו דער היים, אַריינגיין און ווערן דערשטוינט: זע, ער איז דאָך נישטאָ נאָך דער... דער שלימזל!

...פאַר וואָס טאַקע געדויערט עס ביי איר אַזוי לאַנג? וויפל איז דער

שיעור צו וואַרטן? אין „אלו דברים שאין להם שיעור" * שטייט עס נישט. אפשר ווערן אין כעס, נעמען און זי איבערלאָזן? ווי זשע מעג מען עס אַזוי באַליידיקן אַ פריילין, מיט וועלכער מע פירט אַ ליבע? מילא, שטייט זי דאָרט נאָך אַ מינוט לענגער. אין אַ וואַרעמער שטוב פילט מען נישט אַזוי די צייט, ווי ווען מע שטייט אויפן פראָסט. און — „אַל תדין..." ** מאַלע, וואָס סע קאָן זיך מאַכן. אפשר איז גאָר מיט איר עפּעס געשען דאָרט? אַלץ קאָן דאָך פּאַסירן. צי וואָלט ער נישט געדאַרפט גאָר אַריינגיין אַהין? המם, ווען ער זאָל וויסן דעם נומער פון דער וווינונג. שאַ־נאָר! אפשר וואַרט ער שוין גאָר אומזיסט?! בעת ער איז פריִער געווען אָפּגעגאַנגען אַ ביסל צו ווייט, איז זי אַרויס פון טויער, האָט אים נישט דערזען, דער־פילט זיך שולדיק און געלאָזט זיך אַניאָגן אים? סיי ווי — בעסער זאָל זי זיין די שולדיקע!

...שטיין אַזוי־אַ, ווי אַ גולם, ווי אַ שניימענטש אין מיטן גאַס, און וואַרטן אויף אַ מיידל, וואָס האָט דיך אַרויסגעשטעלט צום נאַר?! — טוט ער זיך אַ פרעג, און ס'פאַרגיסט אים איבעוויניק אַ וואַרעמע כוואַליע בושה פאַר זיך אַליין. — טאַקע נאָר אַ „פּאַטראָן" קאָן אַזעלכעס טאָן און נאָר אַ „פּאַטראָן" קאָן מען אַזעלכעס אָפּטאָן! אסתר אַליין וועט פון אים לאַכן. וואָס איז זי פאַר אים — דער מהר"ל פון פּראָג?... נו, נאָך אַ פּאָר מינוט. נישט מער ווי נאָר געציילטע מינוטן!

ער לאָזט זיך שוין טאַקע מיט גרויס קווענקלעניש אַוועקגיין און... בלייבט ווידער שטיין: איך ווייס דאָך נישט דעם וועג. גיי נעם ערשט זיך פרעגן ביי דורכגייער אויף רוסיש. קיין ייִדן מיט אַ באָרד זעט מען דאָ נישט פאַרבייגיין. און דאָ טרעפסטו אָן פונקט אויף אַ שונא־ישראל! שוין גליי־כער צושטיין נאָך אַ ביסל. אפשר פאָרט. נאָך אַ ביסל — אפשר פאָרט. נאָך אַ ביסל — אפשר פאָרט. „בכל רגע, — טוט ער שפּאָטיש אַ שמייכל פון זיך אַליין, — אחכה לה" *** — מיין משיחטע.

ענדלעך קומט דער „פאָרט". אסתרס קאָפּ טוט זיך אַ שטעק אַרויס פון טויער מיט אַ זוכנדיקן בליק, וואָס פאַרמאָגט מער זיכערקייט אויף

---

* די־אָ זאַכן האָבן נישט קיין שיעור.

** זאָלסט נישט משפּטן...

*** יעדע רגע וואַרט איך אויף איר.

נישט צו דערוישן דעם געזוכטן, אײדער אויף יאָ. און דערזען אים, גיט זי עס אויס מיטן טאָן:

— אוי, װעלװל! כ'בין אָבער געװען זיכער, אַז דו ביסט נאָך דאָ. מ'האָט מיך פֿאַרהאַלטן. בשום־אופֿן נישט אָפּגעלאָזט. כ'האָב געהאַלטן אין איין טענהן, אַז מע װאַרט אויף מיר. מ'איז אַפֿילו אַרױסגעגאַנגען אַ קוק טאָן, צי איך זאָג אמת, און אַרײַנגעקומען צוריק: מע זעט נישט קײנעם בײַם טויער. װוּ ביסטו טאַקע געװען? האָב איך זיך דערפֿילט פֿאַרשעמט, װי כ'װאָלט האָבן געזאָגט אַ ליגן. שוין אַ טראַכט געטאָן, אַז ביסט אַװעקגעגאַנגען. נו, אויב אַזוי, מעג איך דאָך שוין בלײַבן ביז װאַנען סע גלוסט זיך מיר. אָבער דאָס האַרץ האָט מיך נישט געלאָזט צו־רו: װעט װעלװל דיר אָפּטאָן אַזאַ זאַך?! כ'האָב זיך קוים אַרױסגעריסן. װײסטו װאָס, װעלװל? המם, אַז ביסט שוין יאָ אַזוי לאַנג געשטאַנען און געװאַרט, האָב איך נאָך אַ ביטע צו דיר. טו מיר צוליב. איך װעל דיר דערפֿאַר אויך אַ מאָל צוליב טאָן... אויף איין רגעלע, אויף איינעם בלויז קום מיט מיר אַרויף אַהין. זאָל מען זען אַז דײַן אסתּר האָט זיך נישט גלאַט באַרימט.

װעלװל, אַ זיס־אָפּגעבריטער פֿון איר זאָג: „איך װעל דיר דערפֿאַר אויך אַ מאָל צוליב טאָן...״ און פֿון דעם אומגעריכטן „דײַן אסתּר״, װאַקלט זיך פֿון דעסטװעגן, װאַקלט זיך און שטאַמלט:

— װאָס הייסט? פֿרעמדע מענטשן. אַ ישיבֿה־בחור. גלאַט אַזוי אין דער װעלט אַרײַן? ניין, אסתּר. איך קאָן ניט...

נאָר אסתּר טוט אים אַ נעם פֿאַרן אָרעם, װײך אָבער אַנטשלאָסן, און זאָגט, װײניקער פֿון אַ העלפֿט בעטנדיק און מער פֿון אַ העלפֿט באַפֿעלנדיק:

— קום, װעלװל! מאַך זיך נישט נאַריש. — און זי פֿירט אים.

ער גייט איר נאָך איבער אַ קלײנעם הויף. זי לאָזט פֿרײַ זײַן אָרעם. זיי גייען אַרײַן אין אַ קלײן קאָרידאָרל, שטײַגן אַרויף מיט טונקל־באַלויכטענע שטיגן, און אין גאַנג באַרעכנט ער זיך אין דער מחשבֿה: ס'איז זײַן פֿליכט. ער גייט באַװײַזן אַז זײַן אסתּר האָט זיי קיין ליגן נישט געזאָגט. װאָס גייט אים אָן װאָס יענע מענטשן װעלן טראַכטן װעגן אים! נישט ער קען זיי, נישט זיי קענען אים. המם, ערשט װעט זי שוין װיסן, אסתּר, װי ער האָט זי ליב, װי זי איז אים טײַער. ערשט װעט זי אים שטאַרקער ליב באַקומען, גאָר שטאַרק! װי זי האָט עס אים פֿריִער אַ זאָג געטאָן:

„כ׳וועל דיר אויך אַ מאָל צוליב טאָן״. ס׳איז „ודי לחכימא ברמיזא״ *. זי האָט אַוודאי געמיינט...

אַ קלונג. זיי קומען אַרײַן אין אַ ליכטיק צימער. אסתר — אַ פריילעך־צעלאַכטע, ווי זי וואָלט טראָגן איר נצחון אויף אַ זילבערנער טאַץ, און וועלוול, וואָס דאָס ליכט אין צימער טוט אים שאַרף אַ שנייד אין די אויגן — מיט אַ צוריקגעהאַלטענעם, קליינשטעטלדיק־שעמעוודיקן „גוטוואָך״. דאָס פּנים פונעם בחור, אָדער יונגערמאַן, וואָס האָט זיי די טיר געעפנט, שמעלצט זיך קעגן אסתרס ניצחונדיקער צעלאַכטקייט:

— נו, אַט זעסטו! זייט באַקאַנט: דאַנטיסט יונגפריש; סאַפּיר.

דער דאַנטיסט דערלאַנגט סאַפּירן אַ לעבלעכע האַנט און רעדט צו אסתרן:

— פריִער האָסטו זיך געריסן אַוועקצוגיין, פריילין דראַטווין, און איצט ביסטו אומגעבעטן צוריק געקומען. און נישט אַליין. המם.

ער רעדט רוסיש, און דער מאַציעוווער פּאַרשטייט אים נישט זייער. נאָר פון זיין „המם״ שטויסט ער זיך אָן, אַז דער בעל־דבר פּאַרריכט עפּעס, וואָס ער האָט נישט באַדאַרפט צו זאָגן. ער שפּירט אויך, דער מאַציעוווער, אויפן פּנים יענעמס אַפּשאַצנדיק־ שפּאַטיש שמייכעלע.

— מיין באַגלייטער פּאַרשטייט, „ק׳סאַזשאַלעניע״ **, שוואַך רוסיש. — זאָגט אסתר שוין נישט אַזוי ניצחונדיק.

— המם... נו, — טוט דער דאַנטיסט אַ טובה, — וועלן מיר רעדן זשאַרגאָן. ס׳פעלן מיר נישט אַזעלכע פּאַציענטקעס, דער עיקר עלטערע, וואָס לאָזן עס מיר נישט פאַרגעסן. — און צו סאַפּירן. — פּאַזשאַלוסטאַ, הער... באַגלייטער, זיצט. אפשר אַ הייס גלעזל טיי, זיך צו דערוואַרעמען?...

— ניין־ניין, — איז שוין אסתרס ניצחונדיקייט נאָך מער אויסגעלאָשן.

— מיר גייען דאָך שוין טאַקע. כ׳בין אַריין בלויז אויף אַ סעקונדע — דאָס נאָזטיכעלע איז מיר, ווייזט אויס, דאָ אַראָפּגעפאַלן... אפשר אונטערן טיש?

און ווי דער דאַנטיסט טוט זיך מעשה־קאַוואַליער אַ באַוועג צום טיש, איז זי שוין דאָרטן אַן אַראָפּגעבויגענע און גלייך אַ צוריק אויסגעשטרעקטע

---

* פּאַר אַ קלוגן איז גענוג אַ ווונק.

** צום באַדויערן.

מיט אַ קליק ניצחונדל אין האַנט — דאָס מכלומרשט פאַרלוירנגעגאַנגענע נאָזטיכעלע:

— נו, זעסט, אָט איז עס טאַקע!

— נו, באמת, ביסט אַ שלעכטע, אסתר. — חנדלט זיך דער דאַנטיסט מיט צעשמאָלצענער העפלעכקייט. — האָסט ביי מיר צוגערויבט דאָס מעגלעכקייט צו מאַכן ביי דיר ווען־עס־איז אַ וויזיט, דיר אומצוקערן דיין שאַדן. דיין טיכעלע האָט דאָך זיכער דיין מאָנאָגראַם.

— אָ, גלייך איך וואָלט דיך נישט געקענט אויסגעבונדן, קאַוואַליער, — ווערט אסתר ווי אומעטיק, כאָטש זי קלייבט זיך צו זאָגן אַ וויץ, — ווען איך לאָז דאָ ביי דיר אונטערן טיש אַראָפּ אַפילו די נאָז און גיי אַוועק אַ ברוגזע, וואָלסטו זי מיר אויך נישט אָפּגעבראַכט צו מיר אַהיים. ווי פּאַסט עס פאַר אַ ציינרייסער און הערצער־פּרעסער אַריבערצוטרעטן די שוועל פון אַ שוסטער. מען קאָן דיך נאָך דאָרט, חלילה, צופלעקלען...

— ביסט בייסיק, אסתר, ווי אַ קאַץ, און קלוג, ווי אַ פוקס. — מאַכט ער איר אַ קאָמפּלימענט. — מיט דיר איז גוט אַפילו צו פאַרלירן. — און לאָזט אויס אויף רוסיש, — בפרט נאָך צו געווינען, ווי איך היינט אָונט, איז אַ מחיה זיס.

— און דו ביסט ביטער, ווי כריין! — שטויסט זי אָפּ זיין האַנט, וואָס וויל זי אַ גלעט טאָן, מיט אַ ביטערן שמייכל. — וואָלסט צום קאָמפּלימענט „קלוג" צוגעגעבן: „און שיין", „און באַחנט". מענער זוכן דאָך נישט קיין חכמה ביי פרויען. צום ווינציקסטן אינטערעסירט זיי וואָס ס'איז הינטערן פּנים.

— נו, סע אינטערעסירט זיי שוין דווקא יאָ אַפילו נישט נאָר וואָס היגטערן פּנים, נאָר אויך וואָס הינטערן... — און ער פאַרענדיקט, אַנשטאָט מיטן נישט דערזאָגטן וואָרט, פאַר וועלכן דער ישיבה־בחור לאָזט אַראָפּ פאַרשעמט דעם קאָפּ, מיט אַ פעט־איבלדיק געלעכטערל.

דאָ טוט זיך אסתר אַ דריי אַוועק פון אים און צו וועלוולען:

— קום, מיין יונגער, באמת געטרייער קאַוואַליער.

און צו דער וואַנט, דאַכט זיך:

— דאָ סווידאַניאַ! *.

---

* אויף ווידערזען.

— דאַ סווידאַניאַ אי וסיעוואַ כאַראַשאַוואַ! * — עפנט דער דאַנטיסט זייער העפלעך פאַר זיי די טיר, לאָזט זיי פאַרביי, און ווערלוול שפּירט זיינס אַ שפּאַטבליקעלע אין אַקן.

אַרויסגעקומען פון הייפל, נעמט אסתר גיין זייער שנעל. צי זי וויל וואָס וויטער זיין פון דאַנען, צי וואָס נעענטער צו דער היים? זיי גייען איילעק, ווי זאַלבעדריט מיט זייער שווייגן. זייער איצטיק שווייגן, אַהיים גייענדיק, איז גאָר אַן אַנדערס ווי זייער שווייגן פריִער, אַהער גייענדיק. דאָס איצטיקע באַהעפט זיי נישט, נייערט טיילט זיי פאַנאַנדער. יעדער איז אַנגעלאָדן מיט זיינע אייגענע געפילן און מחשבות... פאַר וואָס רעדט זי גאַרנישט, אסתר? וועגן וואָס טראַכט זי? און פאַר וואָס איז אים, ווערלוולען, אַזוי שווער אויפן געמיט? ער האָט דאָך נאָר וואָס געטאָן אַ גוטע זאַך — געראַטעוועט אסתרס כבוד אין די אויגן פון אַ מענטשן וואָס איז איר... וואָס איז ער איר טאַקע, יענער ניבול־פּהניק? גלאַט אַ נאָענטער באַקאַנטער, אַזש מע „דו־צקעט" זיך שוין? אפשר איז ער עס דער „פּרינץ", וועגן וועלכן איר מאַמע האָט איר היינט געזאָגט „אַז אַ מויד וויל דווקא אַ פּרינץ, נישט אַנ־דערש, דאַרף זי זיך נישט שעמען גיין אים זוכן"? נו, האָט זי אים געזוכט און באַזוכט, און אים, ווערלוולען, מיטגענומען, כדי יענעם צו באַווייזן, אַז... אַז וואָס? אַז ייִנגערע פּרינצן פון אים שטייען צוליב איר אויפן פּראָסט, ווי... הינטלעך אויף דער וואַרטע? המם, וואָס האָבן זיי דאָרט געטאָן די גאַנצע צייט, זי מיטן דאַנטיסט, ווען ער האָט געפּרווירן אין דרויסן? ער האָט איר בלויז געקוקט אין די ציין אַרייַן, דער דאַנטיסט — סאַראַן אַלטע מויד זי איז? צי... ווי אין פּסוק שטייט: „ושכבה בחיקך וחם לאדוני המלך" — און זי וועט ליגן אין דיין בוזעם, און סע וועט וואַרעם זיין מיין האַר דעם... „פּרינץ"?

ווי שנעל זיי זענען שוין ווידער אויף דער בריק! דאָס אויג גליטשט זיך איבערן ווייס־פּאַרטונקלטן שנייפעלד, וואָס ציט זיך אַוועק פון דער פּאַראייזטער, שטומער ווילִיע העט וויט צום האָריזאָנט, וווהין די לבנה, אַ שווייגנדיקע און פאַראומערטע, האָט זיך שוין אַריבערגעטראָגן. ס׳בייט זיך איר קאָליר. איצט זעט זי אויס ווי אַ ריזיק אייגעלכל, וואָס הייבט אָן

---

* אויף ווידערזען און אַל דאָס גוטס.

קאַליע ווערן. המם, דאָס שווייגן איז אַזוי שווער. ווען אסתר וואָלט נעמען עפּעס רעדן...

— וועלוול, — רופט זי זיך טאַקע אָן פּלוצעם, ווי אַן ענטפער אויף זיין שטומען באַגער, בלייבט שטיין און שטעלט אָן איר בליק אויף זיין פּנים, — כ׳וויל דיך עפּעס פרעגן.

— וואָס אַזוינס? — קוקט ער אין איר פּראָפיל מיטן צוריק אָראָפּ־געלאָזטן בליק, בעת זי גייט שוין ווייטער, נאָר מיט אַן איינגעהאַלטענערן טראָט, און רעדט שטיל:

— היינט האָב איך זיך „אובעזשדאַיעט" *, וועלוול, אַז דו האָסט מיך טאַקע אמת ליב... יאָ?

— אַז דו האָסט זיך „אובעזשדאַיעט", — ענטפערט ער איר ישיבה־בחוריש מיט אַ פראַגע און לייכט שמייכעלע, — איז וואָס זשע ווידער פרעגסטו? כ׳זאָל דיר ענטפערן: ניין?

— איז וואָס וואָלט געווען, וועלוול... — זי האַקט אָפּ, ווי זיך קווענקלענדיק, צי רעדן ווייטער, און טוט אַ זאָג אַנטשלאָסן, ווי אַריינשפּרינגענדיק אין קאַלט וואַסער. — וואָס וואָלסטו געענטפערט אַ שטייגער, ווען איך לייג דיר פאָר: לאָמיר חתונה האָבן?

וועלוול בלייבט שטיין פאַרטשמעליעט. ווי דאָס ריזיקע אייגעלכל דאָרט אויבן — די לבנה וואָלט צעגאָסן געוואָרן. פאַר זיין פאַרשאָטנטן בליק טוען אַ שווינדל אין אַ שווינדלדיקן טאַנץ: דער זיידע דער חשובער ייִד און — פּסח דדאַטווין דער שוסטער, וועלכער זעט אויס ווי אַ קליינשטעטלדיקער פעלדשער, וואָס דאַוונט נאָר אום ראָש־השנה און יום־כיפּור; די מאַמע, וואָס האָט די ערשטע אין מאַציעוו אָנגעהויבן לייענען שלום־עליכמען און טראָגן אַ זאַנטיק קעגן דער זון און — די באַלעבאָסטע די שוסטערקע מיט די שאַרפע בליקן פון אַ צעפעדערטער קוואָקע; ער אַליין, געאָרעמט מיטן ראָש־ישיבה, וואָס פון גרויס איבערראַשונג איז אים אַראָפּגעפאַלן דער קאַפּעליאַש, און זיין קאָפּ איז באַדעקט בלויז מיט דער יאַרמלקע, ווי זיי האָבן אַנוסטן געטאַנצט אום פּורים, און זיי אַנטקעגן — דער דאַנטיסט, אַ צעלאַכטער מיט אַ ברייט מויל, אַ פולס מיט גאָלדענע

---

* איבערצייגט.

ציין; אסתר, אַ צעכיכעטע, מיט שרהקען דעם ראָש־ישיבהס, אַן ערנסטע און פאַרזאָרגטע...

אָבער אין דעם גאַנצן צעמישעניש פאַרלירט ער נישט דאָס קלאָרע באַוווסטזיין, אַז אסתר מאָנט אַן ענטפער.

— כי... — דרייט זי טאָקע אויס צון אים דאָס פּנים, כאָטש זי שטעלט זיך נישט אָפּ. — וואָס ביסטו אַזוי צעטומלט, ווי אַ ישיבה־בחור אונטער דער חופּה? דו שטייסט דאָך גאָך נישט.

— המם... — טוט ער אַ מרוטשע, און דאָס מויל איז אים פול מיט פאַרהילצערטער צונג.

דאָ דערהערן זיך הינטער זיי פעסטע זיך דערנעענטערנדיקע טריט פון אַ מאַנספּאַרשוין. דאָס גיט אים דאָס מעגלעכקייט צו פאַרהאַלטן זיך ענטפער אַ פּאָר ווייל. און ווען יענער האָט זיי שוין איבערגעיאָגט, פאַלט אים איין אפשר וועט ער האָבן מיטן „המם" שוין אָפּגעקומען? אָבער אסתר לאָזט אים נישט אַזוי מיינען און טוט אַ פרעג אין דער פּראַסטיקער לופט אַריין, מיט אַ לייכטער פאַרע פון מויל:

— נו, איז וואָס, ווערלוול? אַז דו שווייגסט, הייסט עס, אַז...

„שתיקה כהודאה דמיא"*... — פאַרענדיקט ער דערשראָקן אין גע־דאַנק. — אַזוי מיינט זי און וועט אים שפּעטער האַלטן פאַרן וואָרט... גע־וואַלד!...

אין דעם אויגנבליק — ווי אַ כישוף וואָלט געשען — אַ דערמאָנונג ווערט לעבעדיק פאַר די אויגן: ער שווימט אין דער ווילי̇ע. אַ קראַמף קאָרטשעט צוזאַמען זיינע פינגער פון די הענט. ס'נעמט אים דורך אַ שרעק. ער פילט, די כוחות פאַרלאָזן אים. דער שטראָם וויגט אים, טראָגט אים אַלץ שטאַרקער, אַלץ נענטער צום ניעמאַן. ער וועט דערטרונקען ווערן! שרייען? רופן נאָך הילף? דער איינער דאָרט אויפן ברעג, ירוחם טוראָ־פינער, וועט אים סיי ווי נישט העלפן. ווען שמעיה דעם רבס וואָלט דאָרט געשטאַנען. די הילף איז נאָר אין זיך אַליין. זיך נישט אָפּלאָזן! ער נעמט צונויף אין זיך אַלע פיזישע און גייסטיקע כוחות. קוועטשט צוזאַמען די פויסטן, פולע מיט ווילן, און רודערט פאָרויס. און — ער דערשלאָגט זיך. שוין באַלד. אָן אָטעם — צום ברעג...

---

* שווייגן איז גלייך ווי איינגעשטימט.

און נאָכן בילד — גלייך אַ געדאַנק: אויך ערשט. צונויפנעמען אַלע גייסטיקע כוחות. עפּעס מחדש זיין! און מיט אַ מאָל טוט עס אים אַ פּלעמל אין דער מחשבה און אַ בליץ אַרויס דורכן מויל. שטילע אָבער הייסע ווערטער:

— אסתר! דאָס קאָן נישט געשען! ס׳קאָן נישט געשען, ווייל...

— ווייל וואָס? — לאָזט זי אים נישט שטיין בלייבן.

— ווייל מיין מאַמע הייסט רבקה אסתר...

— איז וואָס? כי־כי...

— וואָס לאַכסטו, אסתר? — באַקומט ער קוראַזש, דערפילנדיק אַז ערשט האָט ער די איבערהאַנט. — ביי אונדז ייִדן טאָר די שנור נישט הייסן ווי די שוויגער.

— כאַ־כאַ־כאַ... — ווערט אסתרס געלעכטער ברייטער און קלינגעוודיקער. — אַזעלכע נאַרישקייטן!

— ס׳איז נישטאָ וואָס צו לאַכן, אסתר. — שטייפט זיך וועלוול אָן תרעומותדיק נאָך שטאַרקער און אַנטשלאָסענער. — איך וועל מיין מאַמען אַזעלכעס נישט טאָן! דאָס הייסט ביי אונדז ייִדן, אַז ס׳איז פאַר דעם זון רעכט — די מאַמע זאָל, גאָט באַהיט, שטאַרבן, און די שנור זאָל זיין נאָך איר אַ נאָמען. המם, וואָס וואָלט געווען ווען ס׳איז קאַפּויער: ווען איך וואָלט געהייסן, ווי דיין טאַטע, פּסח?

אסתר פאַרטראַכט זיך: „איז שוין טאַקע פאַרפאַלן? אָדער מע דאַרף נאָך נישט אָפּלאָזן? יעדן פאַלס — אויף היינט איז גענוג”. וועלוול קאָן זיך נישט מוחל זיין פאַר וואָס ס׳איז אים נישט גלייך איינגעפאַלן זאָגן: איך הייס וועלוול פּסח... איך וועל עס נישט טאָן דיין טאַטן!”. אוןביידע בלייבן שווייגן און הערן זיך צו איינער צום אַנדערנס טריט.

דערנענטערנדיק זיך צו דער שטוב, דערזעען זיי — ס׳ברענט שוין דאָרט פייער. זענען שוין, הייסט עס, די אַלטע דאָרט דאָ. פאַרברענגען אין „זאַל” וועט מען שוין נישט קאָנען. אָבער דאָס... טוט זיי איצט ביידע נישט באַנק... גלייכער אַזוי.

— וועלוול, — טוט אסתר אַ זאָג ביי דער קאַליטקע, — דו דריי זיך נאָך אַרום עטלעכע מינוט אין דרויסן. די מאַמע זאָל זיך נישט כאַפּן אַז מיר זענען געגאַנגען צוזאַמען.

אויף מאָרגן כאַפּט זיך דער מאַציעווער אויף פון שלאָף גאַנץ שפּעט. גלייך דעם שלאָף איז שווער אָנגעקומען אויסצוואַרעמען זיינע גלידער און איינגעווייד נאָכן גלעפּינען זיך נעכטן אין אָוונט אַזאַ לאַנגע צייט אין פּראָסטיקן דרויסן; צו באַרויִקן זיין אויפגערודערט געמיט נאָך די שווערע איבערלעבענישן. און ס׳האָט זיך אים, דעם שלאָף, טאַקע נישט איינגעגעבן אויך. דער מאַציעווער פילט אַ שווערקייט אויפן האַרצן, אַ פוילקייט אין דיביינער און אַ לערקייט און פאַרנעפּלטקייט אין געמיט.

דאָס וואָס נעכטן האָט אים אויסגעזען צו זיין אַ דערפילונג פון אַ פליכט, מיט וועלכן ער קאָן זיך גרייסן — דאָס אַרויפגיין מיט אסתרן צו איר „פּרינץ״ און באַווייזן, אַז זי האָט זיך נישט באַרימט אויף פּוסט, — זעט אים איצטער אויס ווי אַן אָפּגעריסענע טיפשות.

„און אַז דו ביסט אַן אָפּגעריסענער טיפש, — דערהערט ער אין זיך אַ שטים, וואָס קומט ווי פון ערגעץ אין דרויסן, — דאַרף מען דאָך דיר, אַ יונג, זיבעצניעריק בחורל, טאַקע פאַרלייגן צו גיין אונטער דער חופּה מיט אַן אַלטער מויד!״.

און ער דערזעט אין דמיון דעם „פּרינצ״ס נעכטיק אָפּשאַצנדיק־שפּאָ־טיש שמייכעלע אים אין פּנים אַריין, בעת זיין אַריינקומען, און שפּירט ממש זיין שפּאָטיש בליקעלע־שפּילקעלע אין אַקן, בעת זיין אַרויסגיין.

„אַ ,פּאַטראָן׳ בלייבט אַ ,פּאַטראָן׳! — חוזקט ווייטער אין אים די שטים ווי פון ערגעץ אין דרויסן. — אַפילו בלויז פאַרן שטייַן אויפן פּראָסט און וואַרטן אויף דער ,משיחטע׳, וואָס קוקט אויס אירע אייגענע אויסלייזונג פונעם גלות־בתולהשאַפט, ביסטו ווערט פייערדיקע פעטש!״

„איך בין טאַקע, — איז ער יענער שטים, אָדער זיך אַליין מודה, — אַן אויסגעפּאַטשטער, אַן אָפּגעשמיסענער און פון באָד אַרויסגעוואָרפענער. המם. ס׳קומט אויס, אַז אסתר האָט געוואָלט פאַרגעלטן מיר דעם בזיון מיט איר פאַרלייגן מיר זאָלן חתונה האָבן״.

„אַ שיינע פאַרגעלטונג! — שפּעט אין אים ווייטער דער חוזק־מאַכער צום גראַם. — שטאָט ברכה — שעלטונג״.

„און וואָס וועט זיין, האַ? — טוט אים אַ שרעק אַ געדאַנק, — אויב נאָכן נעכטיקן ענטפער זיינעם וועט זי אים אַ זאָג טאָן: ,אויב אַזוי, איז די

בריק צווישן אונדז פאַרברענט. קאָנסט זיך אַהיים פאָרן צו דיין מאַמע אסתר. אויף נישט־חתונה־צו־האָבן האָב איך געגנוג דעם פרינץ!׳ ?״... — —

אין אַזעלכע און ענלעכע מחשבות ליגט ער ביז עלף אַ זייגער. טוט זיך אָן, וואַשט הענט און פּנים, עסט אָן אַפּעטיט דעם פרישטיק און... נעמט וואַרטן אויף עפּעס. אויף וואָס? אויף אסתרן? ביק־ביין! עפּעס, וואָס סע זאָל נישט זיין, זאָל געשעען. זאָל זיין כאָטש אַ קאַרטל פון שמעיה דעם רבס. פאַר וואָס טאַקע שרייבט ער אים אַלץ נישט, שמעיה? ס׳איז שוין אַזוי לאַנג! „אפשר ווייל מיין ברודער אַהרן איז געשטאָרבן?״.

יאָ. סע טרעפט אַז מע טרעפט, נאָר ס׳איז געטראָפן דערלעבן. דער בריוטרעגער טוט טאַקע אַ שטעק אַריין דורך דעם טירשפּאַלט אַ בריוו, און טאַקע פון מאַציעוו. המם, אָבער נישט פון שמעיהן איז ער, דער בריוו, נייערט פון אַהרן פערל לאַהס. גראָד צון אים האָט ער דאָך ערשט נישט אַזוי לאַנג צוריק געשריבן. ער שרייבט אים וועגן שמעיהן:

„...מיר איז אַ חידוש־גדול אויף דיר, וועלוול — אַ היגער, אַ מאַ־ציעווער — וואָס דו חידושט זיך אַזוי שטאַרק אויף שמעיה דעם רבס, הלמאַי ער שרייבט דיר נישט. דו טענהסט: ,ער האָט דאָך מיר צוגע־זאָגט!׳ — ווילסטו אים, הייסט עס, האַלטן פאַרן וואָרט? אָבער דאָס איז דאָך ביי אַזאַ ווי שמעיה וויניק! אים מוז מען האַלטן ממש פאַר דער צונג, ווייל ער האָט אַ צונג — אַ ,דרייערין׳. להיפּוך, וואָלסט זיך דאַרפן חידושן, ווען ער וואָלט דיר יאָ געשריבן. דאָס וואָלט געווען אַ זאַך אויף חידושים: שמעיה דעם רבס האָט געהאַלטן וואָרט! דאָס וואָלט געווען פון זיינע איבעראַשנדיקסטע ,חידושי־תורה׳. ווייל געווייינלעך זענען זיינע ,חידושי־תורה׳ נאָר שקרים וכזבים. ווען האָט ער שוין אין זיין לעבן גע־זאָגט אַן אמת?!

„כאַ־כאַ־כאַ! ער איז געוואָרן אַ מתמיד, האָט ער דיר געשריבן, און דו האָסט אים געגלייבט?! אַזאַ חכם ווי דו ביסט. און אַז דו ביסט אַ חכם, זעט מען דאָך שוין דערפון גופא וואָס דער איבערשטער האָט דיך נישט איינגעהיט פון אַריינצופאַלן אין דער פאַנגנעץ פון זיינע שפּינוועבסענע ליגנס. וואָלסטו געווען נישט קיין חכם, ווי איך האַלט דיך, וואָלט דאָך דער איבערשטער דיך יאָ איינגעהיט, ווי אין פּסוק שטייט: ,שומר פּתאים

אַדושם׳ *. די קשיה איז נאָר: דו אַליין פֿאַר וואָס האָסטו זיך נישט איינגעהיט? פֿאַר וואָס האָסטו אים געגלייבט? צי דען שטייט: ׳חכם יאַמין לכל דבר׳? **

„„היהפוך כושי עורו?״ *** — צי קאָן אַ שקרן מבטן אמו ווערן אין מיטן דערינען אַן אמת־זאָגער? און אַ שטענדיקער בטלן — אַ מתמיד? ריכטיק, ער איז פֿאַרבליבן אַ מתמיד, נייערט אין אויסטראַכטן די ווילדסטע ליגנס און אין בטלנען — ווען נאָר ער שלאָפֿט נישט. ווען ער שלאָפֿט — אפשר חלומט ער דעם אמת, ווייל — חלומען אמת איז דאָך ליגן. ווען מען זאָל אים צאָלן שכר־בטלה, וואָלט ער געוואָרן אַ צווייטער ראָטשילד — —״

דער מאַציעווער — ווי אויסטערליש דאָס זאָל נישט אויסזעען — געדענקט איצטער נישט לחלוטין זיין אייגענע שיינע התנהגות דאָ אין סלאָבאָדקע בכלל און זיין נעכטן־אָוונטיקע אויפֿפֿירונג בפרט, און מיטן גאַנג פֿון זיין לייענען וואַקסט־אָן אין אים, אין זיין דערשלאָגענער שטימונג און אויפֿגערודערטקייט, אַלץ שטאַרקער אַ גרימצאָרן אויף שמעיה דעם רבס. נישט בעיקר דערפֿאַר — אַזוי טראַכט ער, זיך איינשמועסנדיק — וואָס ער האָט זיך געלאָזט פֿון אים אָפּנאַרן, פֿירן אַזוי שענדלעך אין באָד אַריין, נייערט דערפֿאַר: ווי נעמט עס אַ בחור אַן עילוי און צענטרענצלט זיין גאַנץ עשירות אויף נישטיקייט און שטויב? אים, ווֶעלוולען, טוט עס שטאַרק וויי! ער איז דאָך אים אַ חבר, האָט אים ליב אַפֿילו, און דערפֿאַר — ווי זאָגט ערגעץ די גמרא? — „מכאן לרואה בחברו דבר שאינו הגון צריך להוכיחו״ — דערפֿון איז געדרונגען, אַז ווער סע זעט זיין חבר אויפֿפֿירן זיך נישט געהעריק, דאַרף ער אים אויסשטראָפֿן. ער, וועלוול, מוז אים אַזוי אויסמוסרן, שמעיהן, ער זאָל אים האָבן צו געדענקען! און ער זאָל טאַקע אין דער אמתן אַרויף אויפֿן דרך־הישר. יאָ, ער מוז עס טאָן, און טאַקע שוין! און נישט „לכשאפנה...״ ****

ער טוט זיך אַ זעץ אייליק און צעקאָכט צום טיש, נעמט אַרויס פֿון טישקעסטל טינט־און־פֿעדער, אַ זייטעלע פּאַפּיר און פֿאַרטראַכט זיך.

---

* גאָט היט די נאַראָנים.

** אַ חכם גלייבט אַלצדינג.

*** צי קאָן אַ נעגער בייטן זיין הויט.

**** ווען כ׳וועל האָבן צייט.

קנייטשט דעם שטערן און הייבט אָן שרייבן אַ גוזמאַדיקן טיטול אין נוסח פון די רבנים אין שאלות ותשובות. סע כוואַליעט זיך אין אים אַ שעפּערישע היץ. ער שרייבט פֿאַרביסן, און אַ ביטערער שמייכל שפּילט אויף זיין פּנים:

„לכבוד התורני השקרן הגדול והנורא,
היוצר והמוציא בכל בוקר את השקר לאורה,
ואת זהב הכזב של השחר הוא בורא,
אשר כל מלה היוצאת מפיו כל היום
היא שלפוחית בורית שלוחה לרום
ותעלה ותבוא עד למרום שמים,
לא תשיגנה האָדם לא רק בידים,
גם עיניו להשיגנה תלאינה
ולא תשיגנה,
המשורר אֲשר מיטב שירו — כזבו לאין ערך,
ולפניו מאַריכי לשון יכרעו ברך,
השותה מים, מי־תורה, במשורה,
אֲשר נפשי בנפשו קשורה,
אֲשר כל דברותיו המפורסמות אינן צריכות ראיה,
הרי הוא בן הרב ממציוב, שליט״א, הרב שמעיה״ *.

אויסגעלאָזט דעם טיטול דערזעט ער — שוין ווייניק פּלאַץ פֿאַרבליבן. אָבער אין תוך אַריין האָט ער שוין אַלץ געזאָגט. פֿאַרענדיקט ער האַלב אויף ייִדיש:

---

* לכבוד דעם תורה־לערנער דעם גרויסן און שרעקלעכן שקרן, / וועלכער שאַפֿט און פירט אַרויס יעדן פרימאָרגן דעם שקר אויף דער ליכטיקער שיין, / און דאָס כזב־גאָלד פונעם באַגינען באַשאַפֿט ער, / וואָס יעדעס וואָרט, וואָס גייט אַרויס פון זיין מויל דעם גאַנצן טאָג, / איז אַ זייפנבלאָז, געשיקט אַרויף צו דער הייך, / און וועט אַרויף און וועט אָנקומען ביז דער הייך פון הימל, / קיין מענטש וועט אים נישט דערגרייכן, נישט נאָר נישט מיט זיינע הענט, / נייערט אויך זיינע אויגן וועלן מיד ווערן אים אָנצויאָגן, / און וועלן אים נישט דעריאָגן, / דער דיכטער וואָס דאָס בעסטע אין זיין ליד — איז דער ליגן אָן אַ מאָס, / און לאַנגצונגיקע שטעלן זיך פֿאַר אים אויף די קני, / וועלכער טרינקט וואַסער, דאָס וואַסער פון דער תורה, מיט אַ קאַרגער מאָס, / וואָס מיין זעל איז מיט זיין זעל צונויפגע־בונדן, / וואָס אַלע זיינע באַוווּסטע רעדענישן דאַרפן נישט קיין ראיה, — דער זון פונעם מאַציעוווער רב, זאָל לאַנג לעבן, הרב שמעיה.

„ומפני קוצר היריעה״ * — און ווייל אין דעם טיטול איז שוין אַלץ געזאָגט, וד״ל **, שטעל איך דאָ אַ דגש־חזק.

„דיין חבר, וואָס וויטיקט אויף דיינע כשרונות די גרויסע, וואָס דו צעפּטרסט, ווי אַן אָנזעצער, און האָפט צו קאָנען דיר אין גיכן שרייבן אין גרויסער פרייד אַ טיטול מיט אַ פּונקט־פאַרקערטן נוסח. הלוואי, אָמן. חזק! וועלוול סאַפּיר״.

ער טוט אַ שרייב אָן אויף אַ קאָנווערט דעם אַדרעס, אַ לייג אַריין דעם בריוו, אַ כאַפּ אַרויף דעם מאַנטל און אַ לאָז זיך אין דרויסן צום ראָג־גאַס, ווו ס׳געפינט זיך אַ פּאָטשט־קעסטל. אַריינגעוואָרפן, האָט ער מיט אַ מאָל דאָס געפיל פון גרויסער פאַרלייכטערונג: היינט, נאָר־וואָס האָט ער אָפּגעטאָן אַ באמת גוטע זאַך! פריינטשאַפט איז נישט קיין ליאַדע ענין! נישט אומזיסט האָבן די גרויסע העברעיִשע דיכטער פון מיטלאַלטער גע־שריבן אַזוי פיל שירים וועגן „ידידים״ און „ידידות״ ***.

46

דעם ראָש־ישיבהס טאַטע, וואָס האָט געזאָלט לויטן איינפאַל און ווילן פונעם זון ווערן דער מנהל, איז — אַזוי דאַרפיש־וואָכעדיק, ווי געקומען אַהער — אַהיים געפאָרן. די ראָש־ישיבהטע אַליין האָט גלייך איינגעזען, אַז דער מאַן, זאָל לעבן און געזונט זיין, טויג טאַקע נאָר צו דער תורה און פאַרשטייט גאָרנישט אין קיין „וועלטזאַכן״. און ווי שווער סע איז צו געבן אים צו פאַרשטיין, אַז ער פאַרשטייט נישט! אַ פרומער ייִד און ערלעכער מענטש איז ער טאַקע דער שווער אירער — הלוואי וואָלט עס אַזוי געווען דער פריִערדיקער מנהל! — קיין גראָשן פונעם חלוקה־געלט וועט ער טאַקע, חלילה, נישט גנבענען, נישט מער — ווען ער וואָלט עס אַפילו וועלן, וואָלט ער דען געהאַט פון וואָס? ווער וועט עס אים געבן געלט פאַר דער ישיבה, דעם שווער, זאָל לעבן? אַז מיט אַזאַ פּנים און הילוך קלייבט מען איבער די הייזער פאַר זיך אַליין.

— אַז נישט דערויף גאָר, — לייקנט זי פאַר לייטן שטיין־און־ביין, — ער זאָל ווערן דאָ מנהל האָט אים דער מאַן, זאָל לעבן און געזונט זיין,

* און ווייל ס׳איז וויינק פּלאַץ.

** און פאַר דעם קלוגן איז גענוג אַן אָנדייט.

*** פריינט און פריינטשאַפט.

אראָפּגעבראַכט. גלאַט אַזוי מקיים צו זיין די מצוות פון כבוד־אָב. ער קאָן דאָך נישט פאָרן צום טאַטן זיך זעען מיט אים און לאָזן די ישיבה אויף הפקר, בעת אַ מחלוקת. און פאַר וואָס טאַקע זיך נישט מישב זיין מיט אַ קלוגן און ערלעכן טאַטן אין אַלע ענינים? מיט וועמען דען? אַז אָרום און אָרום איז מען אַרומגערינגלט מיט שונאים. אַז פון אייגענע תלמידים ליידט מען חרפות־בושות. אַזאַ פּיליפּאָווער, למשל. נאָר לאָמיר בעסער וועגן אים נישט רעדן. ער פאַרדינט זיך נישט דערויף. המם, און אַנישט וואָלט דען דער שווער אַליין מסכים זיין איבערצולאָזן דאָרט ביי זיך דעם פּאַכט? אַ דאָרפישער ייִד האָט נישט ליב די שטאָט. נו, האָבן זיך טאַטע און זון אַדורכגעשמועסט, און ער איז זיך אַהיים געפאָרן געזונטערהייט.

אויסגערונען דעם ראָש־ישיבהס וואָכעדיקער טאַטע, באַוויזט זיך אַ צווייטער קאַנדידאַט, שוין גראָד אַ יום־טובדיקער יונגערמאַן. ווי מע שמועסט — דעם ראָש־ישיבהס אַ תלמיד; ער האָט ביי אים געלערנט נאָך ווען ער איז געווען ראָש־ישיבה אין דער הלוסקער ישיבה. ער זעט אויס פון אַ יאָר פערציק, אַ הויכער און דאַרער, אין אַ נייעם שוואַרצן קאַפּעליאַש, אַ פּליושענעם, אין אַ נייער געוועגטענער שוואַרצער קאַפּאָטע איבער שוואַרץ־גלאַנציקע שטיוול.

— ווי אַן אויסגעפּוצטער חתן, אַראָפּגעבראַכט אויף חול־המועד. — שפּאַסט דער לידער, פונעם מנהלס צד.

— האָט זיך אומישנע אויסגעפּוצט אין עסיק און אין האָניק, נושא־חן צו זיין, אַ פּנים, אין די אויגן פון דער ראָש־ישיבהטע מיט אירע יפה־פיות. — האַלט אים אונטער דער איישישאָקער.

— און אפשר גאָר איז ער אַ גרוש, אָדער אַן אַלמן און דאַרף געפעלן ווערן דער כלה אַליין, זי זאָל נישט בלייבן, גאָט באַהיט, קיין עגונה נאָכן פּיליפּאָווער. — שמייכלט און באַוועגט מיט די קינבאַקן בערל דווינסקער, וואָס די גאַנצע זאַך גייט אים נישט אָן, ווייל ער שטייט שוין אין פאַרבינדונג מיטן דרישקעפּאַליער וועגן פאַרלאָזן די ישיבה לעולם־ועד.

— די ראָש־ישיבהטע, — קאָכט זיך דער סטאָוויסקער, פון מנהלס צד, — וויל נישט אַנדערש, ווי נאָר האָבן פאַר אַ מנהל אַן אייגענעם מענטשן — פריִער דעם שווער און איצטער דעם אפשרדיקן איידעם.

אויב זיך רעכענען מיטן נייעם קאַנדידאַטס אויסזען, וואָלט זיך שוין גראָד וועגן אים ווי וועגן אַ מנהל לאָזן רעדן, ס'איז שוין ביי דעם וועג,

הגם ער זעט נאָך אויס צו יונג פאַר אַזאַ התמנות. אָבער דער עיקר איז דאָך נישט דער „קנקן"*. פונעם גאַרן שוואַרץ פון זיין קליידונג בלאָסט זיך אַרויס אַ קנאַפּיק, טונקל פּנים אין אַ רעמל פון אַ שוואַרץ בערדל און פּאות, וואָס זייער שוואַרצקייט שימערט, ווי אַ געוויסער מין זיידנס. און אין אָט דעם פּנים פּלעמלען צוויי גרויסן אויגן שוואַרצע, וועלכע זעען אפשר דערפאַר אויס גרויס, ווייל זיי רוען נישט אין אין זייערע „רערלעך"; האַלטן אין איין אַרומפּלאָטערן אין אַלע זייטן, זיך פאַרבאַרגן און צוריק אויפבליצן. פון אָט דעם אַרומפּלאָטעריש און אויפבליצעניש פון זיינע אויגן דאַכט זיך אַרויסצולייענען אַ מין פּחד פון אַ מענטשן, וועלכער איז בסתר באַגאַנגען אַ שווערן חטא און... אָדער ער האָט מורא, אַז אָט־אָט ווערט עס אויפגעדעקט, אָדער ער שרעקט זיך פאַר זיין אייגענעם געוויסן.

— אויב מיין סברא איז אַ סברא, — קוועלן אָן בערל דווינסקערס אויגן מיט בלוי ליכט, וואָס שפּילט מיט שמייכל־שפּיזעלעך, — אַז ער איז נעבעך, אַ גרויש, אָדער אַן אַלמן, איז ער אוודאי אוננס אַן אור־אור־אייניקל...

— ווער איז דאָס דער אונן? — כאַפּט זיך נישט זיין בן־עיר, יאַנטל.

— פון לערנען אַ סך גמרא, — שפּאָסט פון אים בערל, — האָסטו שוין פאַרגעסן דעם חומש. גיי דינג זיך אַן אויפס ניי צו אַ דרדקי־מלמד. המם, ס'איז דאָ אַזאַ מעשה־אונן, אויף וועלכן ס'קלאָגט זיך דער מקונן...

אַפילו אייניקע בחורים פונעם ראָש־ישיבהס צד איז דער נייער קאַנדידאַט נישט אין גאַנצן צום האַרצן:

— מילא, — זאָגט דער אַלקעניקער, פון ראָש־ישיבהס צד, — אַז דער ראָש־ישיבה וועט זיך איינשפּאַרן דווקא, ווער וועט זיך עס אים אַקעגן שטעלן.

— מע וועט זיך שוין דווקא יאָ אַקעגן שטעלן! — קאַכט זיך אים אַקעגן דער סטאַוויסקער, פון מנהלס צד.

— אָט דער אויסגעוואָקסענער צוציק פון הויט־און־ביין וועט עס פאַר־נעמען דאָס אָרט פון אונדזער מנהל!? — העלפט אים אונטער, וואַר־טשענדיק אונטער דעם קאַרטאָפּליע־נעזל, דער אישישאָקער.

— פאַר אַ שטעקן וואָלט ער אים אפשר געפּאַסט, אונדזער מנהל. — חוזקט דער לידער.

---

* פונעם זאָג „אַל תסתכל בקנקן..." — קוק נישט אויפן קרוג.

— וואָס לויפן אים אַזוי אַרום די אויגן אונטערן ראַנד פון קאַפּעליאַש? — וואַרפט צו דער סטאַווּיסקער אַ שפּענדל צום מחלוקת־פייער.

— ווי נשמה־ליכטלעך אויפן עמוד, ווען מע טוט ברייט אָן עפן די טיר. — פאַרגלייכט דער פיליפישקער, אויך פון מנהלס צד.

— אַ משל! — שפּיצט אים איבער דער לידער. — ווי נשמה־ליכטלעך? ווו איז דאָ דער צד־השווה? זאָג בעסער: ווי עכברימלעך, וואָס האָבן זיך אַרויסגעכאַפּט פון זייער „חורא"* און דערזען אַ קאָטער.

משמעות, אַז לכל־הפחות אַ טייל פון אָט די לצנות־רייד ווערט אים אונטערגעטראָגן, דעם נייעם קאַנדידאַט, און ער שרעקט זיך אָנצונעמען די זייער בכבודיקע און צוציִענדיקע התמנות, ווייל ווי גרויס ס'איז דער כבוד קאָן ער גורם זיין צו אַ נאָך גרעסערן אומכבוד.

— דערווייל, רבי, — לאָזט ער זיך נישט איינרעדן פונעם ראָש־ישיבה, — שטייט דאָך די ישיבה אין פייער פון מחלוקת, — ווער וועט זיך עס איינשטעלן לייגן דעם קאָפּ אויף אַ ברענענדיקער קישן? יענער צד איז דאָך אַ סיטרא־אחרא**, אַ מולך, רחמנא־לצלן!

— פו־פו־פו! — שפּייען דעם ראָש־ישיבהס לעפצן אויף טרוקן, ווי ער וואָלט פאַרבייגעגאַנגען אַ קלויסטער. — חלילה! רעדט נישט אַזוי! „לעולם אַל יפתח אָדם פיו לשטן" ***...

נו, און נאָך דעם שמועס, וואָס אַ טייל פון אים האָט אומגערן אונטערגעהערט דער מאַציעווער, שטייענדיק ביים ראָש־ישיבה אין ערשטן צימער, בעת דער שמועס איז געפירט געוואָרן אין צווייטן, — באַווייזט ער זיך נישט מער אין דער ישיבה, דער „שוואַרצער" קאַנדידאַט, און דעם מנהלס צד באַקומט קוראַזש און יובלט.

— אַ ברירה וועט זי האָבן, די ראָש־ישיבהטע? — שפּילט דעם אייִשישאָקערס קאָרטאָפּליע־נעזל, און זיינע אויגן ווערן גאָלדענער. — זי וועט נאָך קומען אָפּקלאַפּן דעם מנהלס שוועל און דאַנקען גאָט, אַז ער וועט נישט פאָדערן קיין געהעכערטע פענסיע!

אָבער אין דער זעלבער צייט ווייסט דער פיליפּאָווער עפּעס, וואָס פאַר

---

* מויזנלאָך.

** די אַנדערע זייט — די זייט פון טומאה.

*** קיין מאָל זאָל מען נישט געבן קיין אויסרייד דעם שטן.

די איבעריקע פונעם מנהלס צד איז עס אַ סוד פון חדר: דער מנהל זיצט נישט מיט קיין פאַרלייגטע הענט אויפן בויך. ער אַרבעט מעשים מיט בײדע: מיט איין האַנט — עפנטלעך — פירט ער אַן מיטן מחלוקת, און מיט דער צווייטער — בסתר — טאַפּט אין דער פרעמד, דאָ און דאָרט, אפשר לאָזט זיך באַקומען אַ התמנות אין אַן אַנדער ישיבה. „כנסת בית יצחק" איז נישט די איינציקע ישיבה אַפילו אין סלאָבאָדקע און אַ כל־שכן נישט אין דער ליטע! און אויב ביי דעם „אַלטן" פון „כנסת ישראל" האָט ער גאָר נישט פועל געווען, איז נאָך נישט געדרונגען, אַז די טויערן פון אַלע ישיבות אין ליטע זענען פאַר אים געשלאָסן.

און אין איינעם אַ פרימאָרגן, אום ערב־פורים, גליך ווי טאַקע לכבוד פורים, פּלאַצט אין דער ישיבה אַ נייעס־באָמבע:

— אין קאָוונע האָט זיך געשאַפן אַ ישיבה־קאָמיטעט, וואָס וועט צייט־ווייליק פאַרטרעטן דעם מנהל. ער, דער קאָמיטעט, וועט באַקומען אַלע געלטער פאַר דער ישיבה און אויסצאָלן דעם ראָש־ישיבה און דעם משגיח די פּענסיעס, און די בני־ישיבה די חלוקה.

— נו, און וואָס איז מיטן מנהל?

— איזן איז ער. נאָר ער ווערט אַ מנהל אין אַ ישיבה אין אַן אַנדער שטאָט!

— שוין די טעג פאָרט ער אַרויס, און מיט אים צוזאַמען — דער פּי־ליפּאָוער!

— ווי דען אַנדערש? — וויצט־און־בליצט בערל דווינסקער. — דאָרט וועט ער שוין טראַגעדיק מאַכן דעם מנהלס טעלעצע. זי זאָל נאָר נישט נאָך איר טאַטנס מפּלה דאָ הי מפּיל זיין דאָרטן. מעלקעדיק וועט זי שוין אַליין ווערן.

אָבער קיינער האָרכט אים איצט נישט. די פון ראָש־ישיבהס צד זענען פון פרייד אַזוי אויפגעלייגט, אַז די חכמות גייען זיי נישט אין קאָפּ אַריין, און די פונעם מנהלס צד האָבן בכלל קיין קעפּ נישט, — זיי גייען אַרום אָן קעפּ.

— און וואָס וועט ער טאָן מיט די איבעריקע בחורים פון זיין צד, דער מנהל? — פרעגט דער סטאָווויסקער מיט אויסגעלאָשענע אויגן. — זיי האָבן זיך ווייניק פאַר אים מוסר־נפש געווען? אונדז האָט מען נישט באַ־דאַרפט וועגן דעם אַפילו צו וויסן טאָן?

— אַז ער דאַרף אונדז שוין נישט מער, וואָס האָט ער פאַר אונדז צו זאָרגן? — וואָרטשעט מיט גאַל דער איישישאָקער, וואָס האָט אָקערשט פריער מיט אַ שעה איינגעלייגט וועלטן פאַרן מנהל. — יעדער זאָרגט פאַר זיך. אַז ער האָט נישט מער ווי אַ בת־יחידה, דאַרף ער דאָך מער ווי דעם פיליפאָווער נישט האָבן. מנאַ. מע דאַרף זיך צוריק אַ נעם טאָן צום לער־נען און טאָקע מיט התמדה. וואָס געווען איז געווען. דער ראָש־ישיבה ט'נישט פאַרשיקן קיינעם פונעם מנהלס צד אויפן „קעצל־טוימער״.*

— און נאָכן זמן, — טראַכט דער לידער אויף אַ קול, — ווי ווייט איז עס שוין? ווער ס'וועט וועלן, זיך אָנוועקפאָרן אין אַ צווייטער ישיבה.

— אָבער אַ המלצה־בריוו דאַרף מען דאָך אומעטום ברענגען, ווער זשע וועט זי דאָ געבן? — איז דער סטאָוויסקער פאַרמרה־שחורהט.

די בחורים פון מנהלס צד לאָזן אַראָפּ די נעז און פאַרשליסן מיט צייך־און־ליפּן די מיילער. דער יום־טוב פורים איז דער סוף פונעם מחלוקת. אָבער ער באַווייזט שוין נישט צו זיין אַזאַ פריילעכער ווי אַלע יאָר, אַפילו ביי דעם ראָש־ישיבהס צד. דער ישיבה־בנין שטייט, ווי נאָך אַן ערד־ציטערניש, אַ צעטרייסלטער.

אַ יוצא מן הכלל איז גראָד דער מאַציעווער. ער נעמט אויף דעם היינטיקן פורים מיט אַ האַפּערדיק געמיט, כאָטש „די באָמבע וועגן המנס מפלה״ האָט אין זיינע אויערן נישט אויפגעריסן; ער איז ערב־פורים נישט געווען גאָר אין ישיבה, אַ שטאַרק פאַרנומענער מיט זיך אַליין. ס'איז דאָך אַרויסגעקומען לחלוטין נישט ווי ער האָט זיך געשראָקן: אסתר — נישט נאָר זי איז נישט ברוגז געוואָרן מיט אים פאַר זיין „אָפּזאָג״ יענעם שבת־צו־נאָכטס אויף דער בריק איבער דער געפּרוּוירענער ווילִיע, נייערט להיפוך — געוואָרן צוטריטלעכער און צוגעלאָזענער. גלייך זי האָט דעמלט נישט ערנסט געמיינט מיט איר פראַגע, בלויז שפּאַס געטריבן, אָדער — זי קאָן דאָך אים נישט שולדיק מאַכן דערין וואָס זיין מאַמע הייסט, ווי זי, אסתר. סאַ גורל־זאַך!... משמעות, זי האָט אים טאָקע ליב און פאַרלאַנגט נישט פון אים מער ווי זיין ליבע, אויב מער קאָן ער איר נישט געבן. ער איז עס פאַר איר דער „פּרינץ״, צו וועלכן זי קאָן נישט דערגרייכן, און זי מאַכט דערמיט שלום. זי האָט שוין אָנגעהויבן אים אַריינרופן צו זיך אין

* פון העברעיש: „כצל תומר״ — ווי אַ שאָטן פון אַ טייטלבוים (?).

„זאָל" צו יעדער צייט. המם, עפּעס ווי זי וואָלט זיך שוין מער נישט שרעקן פאַר איר מאַמען. מיט וואָס לאָזט זיך דאָס דערקלערן? ס'וואָלט געווען פאַרשטענדלעך, ווען ער וואָלט איר נישט געווען גאָבן דעם אָפּזאָג און זי וואָלט עס דערציילט דער מאַמען. המם, און אפשר? אפשר האָט זי אַפילו אין דעם פאַל דערציילט דער מאַמען? און אפשר מיינען זיי, זי און די מאַמע, אַז אויב דער טעם פון זיין אָפּזאָג איז בלויז — אַ נאָמען, וועט מען נאָך זען?...

אָבער — ס'איז נישט כדאַי צו שטערן זיך די רו און די פריידּ. זאָלן זיי מיינען! מ'האָט נאָך נישט געהערט מע זאָל מאַנס זיין אַ בחור, אים בינדן און פירן בעל־כרחו צו דער חופה, ווי אַ קאַלב צו דער בוינע. און דער־וויל — „שמח בחור בילדותך" — פריי זיך, ישיבה־בחור, אין דיין יוגנט! און אפשר דאַרף דער קרי זיין „בילדתך" — מיט דיין מיידל...

נאָכן פרישטיק, מיט אַ צולאָג פון אַ „היימיש־געבאַקענעם" המן־טאַש, וואָס די באַלעבאָסטע האָט אים אַזוי היימישלעך־צוגעלאָזן אַריינדערלאַנגט „לכבוד פורים", כאַפּט ער זיך אַריין אַן אויפגעלייגטער אין „זאָל". ס'איז דאָ ערשט שטאַרק ליכטיק. די גאַרדינען זענען פאַרצויגן צו די זייטן, די טאָפּל־פענצטער — שוין אַרויסגענומען, און פאַר די שימערירנדיקע שויבן — אסתרס שטובאַרבעט! — שטייט אַ וואַרעמע, שטראַלנדיקע זונשיין און בעט זיך אין שטוב אַריין, אין געמיט אַריין.

— גיב נאָר אַ קוק! — טוט אסתר נאָך מער פאַררוק אַ גאַרדין, און איר פּנים לייכט אויף, ווי די שויבן.

אַ בליק — און ער בלייבט שטיין אַ געפּלעפטער: אַ וואַזאָן מיט אַ שטאָלצנעם גרינעם פלאַנץ, און אויף זיין שפּיץ — אַ פּיצטלעך־פרישע ראָזע בלום אין געשטאַלט פון אַ באָקאַל! זינט ער לעבט האָט ער נאָך אַזאַ פראַכט נישט געזען. ער באַטראַכט אים פאַרגאַפט און פירט פאַמע־לעך איבער דעם באַצויבערטן בליק, אַ פאַרליבטן, אויף אסתרס פּנים און זאָגט שטיל, און וואַרעם־מילד, און שעמעוודיק, וויל צביעותדיק:

— דער סימבאָל פון אונדזער ליבע, אסתר.

— צו דיך מאַמע אסתר זאָגסטו עס?... פּאַ־ע־עז־יע. — שמייכלט זי מיט אַ שאָטנדל פון פאַרדרוס און שפּאַט, נאָר קוקט פאַרט אים אין פּנים אַריין מיט ליבשאַפט און דאַנקבאַרקייט.

— פּאָעזיע... פאַנטאַזיע.... — שעפּטשעט ער און גייט צו צון איר

נאָענט־נאָענט. — אָט פֿאַנטאַזיר איך: מיר בײדע טרינקען פֿון אָט דעם בלומען־באָקאַל אַ שמעקעדיק ליבע־געטראַנק און װינטשן זיך: לחיים!

זי קוקט אים אָן מילד, װי אַ ליבן טיפּש, און זײערע בליקן טוען זיך אַ פֿאַרטשעפּע.

— לחיים, אסתר! — טוט ער זי לײדנשאַפֿטלעך אַ כאַפּ אַרום, נעמט זי זשעדנע קושן אין מויל — „אין באָקאַל" — און ס'דאַכט זיך, ער װעט זי שוין נישט אָפּלאָזן.

— משוגענער פּאָעט! — לאַכט זי אַרויס צװישן אײן קוש און אַ צװײטן, לאָזט זיך קושן, כאָטש אים נישט קושנדיק, און רעדט װײטער צװישן אײן קוש און אַ צװײטן. — אין אַ דרײ־פֿיר װאָכן אַרום װעט שוין אָט דער ליבע־באָקאַל דײנער זײן פֿאַרװעלקט. איך געדענק עס פֿון פֿאַר אַ יאָרן און פֿאַר צװײ יאָרן.

ער לאָזט זי אָפּ. אָבער זײן פֿרײד־שיכרות װערט נישט אויסגעװעפּט. אין זײן געדעכעניש טוקט־אויף אַ דערמאָנונג פֿון די חדר־יאָרן, און ער נעמט שטיל אונטערברומען: „הנצנים נראו בארץ, עת הזמיר הגיע וקול התור נשמע בארצנו"*.

— װאָס פּלוידערסטו עס אויף טערקיש? — טוט אים אסתר אַ פּעטשל מיט די שפּיץ פֿינגער, װײך װי אַ קוש, איבערן מויל, װאָס האָט איר נאָר װאָס געקושט.

װעלװל נעמט זיך מיט אַ פֿרײדיק צעשפּילט פּנים באַלעקן באַטעמט די ליפּן, װאָס דאָס דאַרף הײסן: פֿון אירע שפּיץ פֿינגער האָט אים האָניק אַראָפּגעטריפֿט, און פֿאַרענדיקט מיט געמאַכטן רוגז:

— דו האָסט אַ טערקישן אויער, עם־הארצטע! דאָס איז דאָך לשון־קודש, די שפּראַך, אויף װעלכער איך שרײב די לידער. המם, און דאָס װאָס כ'האָב דאָ געפּלוידערט איז אַן ענטפֿער אויף דעם װאָס דו האָסט געזאָגט און באַטײט אויף ייִדיש:

אַלע בלומען װעלקן פֿריִער אָדער שפּעטער —
אײביק גרינען אויפֿן ליבעבוים די בלעטער...

— שײן, זײער שײן. — מאַכט אים אסתר אַ קאָמפּלימענט מיט אַ צע־

---

* די בלומען האָבן זיך באַװיזן אין לאַנד, די צײט פֿון געזאַנג איז געקומען, און דאָס קול פֿון דער טורטלטויב לאָזט זיך הערן אין אונדזער לאַנד.

שטראָלט פּנים. — כאַי וואָלסטו טאַקע בעסער געשריבן דיינע לידער אויף יידיש, איך זאָל זיי פאַרשטיין. נאָר היינט, אום פּורים, זינגט מען אַן אַנדער לידל:

„היינט איז פּורים, מאָרגן איז אויס...״

„גיב מיר אַ קוש און וואַרף מיך אַרויס״, — כאַפּט ער איר אויס, אוןביידע צעלאַכן זיך מיט אַ בשותפותדיק געלעכטער.

פינפטער טייל

47

ס'איז שוין אַ וואָך נאָך פּורים, און דער שטענדיקער סדר אין דער ישיבה האָט זיך נאָך נישט צוריק איינגעשטעלט. דער משגיח גייט שוין אַפילו מיט די פינטלענדיקע אויגן צום ראש־ישיבה אין שטוב אָפּצוגעבן אים אַ דין־וחשבון, שרעקט זיך נאָך אָבער פאַר אָפּגעבן אים דעם אמתן חשבון. ער פילט זיך נאָך אַלץ נישט אין דער ישיבה, ווי אין דער גוטער צייט פון שנים־כתיקונם, פאַרן באַלעבאָס. מע מוז נאָך אַלץ מאַכן זיך נישט־זעענדיק ווען בחורים כאַפּן אַריין אַ שמועס איבער די שטענדערס. די שרפה אין דער ישיבה איז שוין טאַקע, קאָן מען זאָגן, איינגעלאָשן, אָבער די סמאַלענעס קיצלען נאָך אין דער נאָז. דאָס איינציקע אָרט, ווו מע קאָן זיך אין גאַנצן אַראָפּרעדן פון האַרצן, איז נאָר אינעם ישיבה־קאָמיטעט, אָבער אַהין קאָן ער גיין נאָר ווען מע רופט אים.

— זיין קאָפּ, — וויצלט זיך איבערן משגיח בערל דווינסקער, — איז אַ מנהל. און אַז קיין מנהל איז נאָך נישטאָ, וואָס קאָן דער עק אַליין אויפ־טאָן? נעבעך! יידן בני־רחמנים, זעצט אַרויף אויף אים אַ קאָפּ. דער קאָמיטעט ווידער איז צו גרויס פאַר זיין קאַפּעלאָש.

ס'האָבן זיך נאָך אַפילו נישט אומגעקערט לערנען אין ישיבה די אַלע וואָס האָבן פאַר דער מחלוקת־צייט געלערנט אין די קלויזן. און דאָס לערנען אַליין גייט נאָך הינקענדיק. ס'פעלט דער ברען, וואָס איז אַ פּנים פאַרנוצט געוואָרן אויפן מחלוקת. דער איינציקער אויסנאַם איז אפשר דער איישי־שאָקער, וועלכער איז שוין ווידער דער איינציקער מתמיד.

— אויס כלה, ווידער מויד... — וויצלט זיך וועגן אים דער טאַווריגער, וואָס די צייט פונעם מחלוקת האָט אים געעפנט דאָס מויל, און ער האָט

בפירוש אָנגעהויבן צו קאָנקורירן מיט בערל דווינסקער אין זאָגן חכמהלעך, הלצהלעך.

שטייגט אים בערל דווינסקער איבער גלייך אויפן אָרט:

— נאָר ס׳איז אַ חילוק: דער כלהס פּנים איז רויט געווען, ווייל ס׳האָט געשפּילט דערין פריש יונג בלוט, און דער מוידס — ווייל זי קנייפּט די באַקן...

— וואָס דען זאָל זי קנייפּן? — ווייל נישט אָפּשטיין דער טאָוריגער. — נישט די באַקן, נאָר דאָס וואָס שטייט פאַרן „אין עוד" *?...

— אָט נעם און גיי צו צון אים, צום אישישאָקער, — שפּילט בערל דווינסקער מיט די קינבאַקן און פּאָבעט אויף אַלע זייטן מיט דער שיין פון די אויגן, — גיב אים אַ קניפּ אינעם „מתחת", וועסטו זעען ווי רויט ער וועט ווערן...

דער טאָוריגער טוט אָן עפן דאָס מויל, נאָך איידער ער האָט עפּעס צו זאָגן, נאָר דער געדאַנק לייגט אים גאָרנישט אַרויף אויף דער צונג; דאָס מויל ווערט אים דעריבער אַ סעקונדע אָפן, ווי אין דערוואַרטונג אויף עפּעס וואָס. דאָ צעלאַכט זיך פּלוצעם דער מאַציעווער אויף אַ קול, סיי צוליבן אישישאָקערס געקניפּטן „מתחת אין עוד" און סיי צוליבן טאָוריגערס גולמעוואַטע־אָפן מויל.

— טאָוריגער, — שנײַדט בערל דווינסקער זיין פולן נצחון, — נישטאָ אָפילו קיין בעלן צו זאָגן פאַר דיין מויל „עלינו לשבח" — אַ שאָד דער שפּיי... נו, גוט שוין וואָס האָסט לסוף פאַרמאַכט דאָס מויל: דעם מאַציע־ווערס געלעכטער וואָלט נאָך געקענט דערין אַריין, ווי אַ דיבוק.

*

פון די קאָרטלעך, וואָס דער מאַציעווער באַקומט פון דער מאַמען, זעט ער קלאָר, אַז דעם ראָש־ישיבהס בריוו צו זיי האָט די עלטערן אין גאַנצן באַרויִקט בנוגע אים. ניין, נישט נאָר באַרויִקט, נאָר באַגייסט און נאָך פאַר־שטאַרקט זייערע האָפענונגען, אַז ער, (...ער וואָס האָט כמעט פאַרוואָרפן דאָס לערנען און איז בראשו־ורובו פאַרזונקען אין... די „מ"ט שערי־... — אהבת איש לאשה" **, צו אסתרן) וועט זיי נאָך פאַרגעלטן מיט נחת־פון־

---

* „ועל הארץ מתחת, אין עוד" — און אויף דער ערד פון אונטן, מער איז נישטאָ...

** די ליבשאַפט פון אַ מאַנספאַרשוין צון אַ פרוי.

קינדער פאַר די אַװעקגעגאַנגענע יצחקן און אַהרונען. המם, אָבער ער זאָל קומען אַהיים אױף פּסח פאַרבעטן זײ פון דעסטװעגן נישט. אפשר אַלץ נאָך כדי װײטער אױסצובאַהאַלטן פאַר אים אַהרונס טױט; זײ פאַלט דאָך נישט אײַן אַז ער האָט געלײענט זײער בריװ צום ראָש־ישיבה. אָדער ס׳איז זײ אַ שאָד (... אַ קלײניקײט עפּעס!) ער זאָל פאַרלאָזן די ישיבה מיטן ראָש־ישיבה אַפילו אױף דער יום־טוב־צײַט. המם, װי געמײן ער נאַרט זײ! ער איז גאָר צופרידן װאָס זײ פאַרבעטן אים נישט: ס׳איז אים טאַקע אַ שאָד די צײַט — צוליב אסתרן. פּסח־צײַט װעט מען שױן אַװדאי קאָנען זיצן אין די אָװנטן אױף דער באַנק אין דרױסן, ביז ס׳װעט נעמען טאָגן. „חדש... לילותנו כקדם״*. ער װעט קוקן אסתרן אין די אױגן און דעם הימל אין די אױגן, און אפשר... אױסטראַכטן אַ ליד.

איז יעדע נאַכט, צוריק געקומען פון „זאַל״ צו זיך אין צימער, אַן אָנגעזעטיקטער מיט ליבע און אַלץ װידער דורשטיק נאָך איר, באַפאַלט אים דאָס געװיסן, װי אַ רױבפױגל. המם, װי דער רױבפױגל מיטן קופּערנעם שנאָבל און די אײַזערנע נעגל, װאָס האָט זיך אױסגעהאָדעװעט פונעם יתוש אין טיטוסעס קאָפּ. און פּיקט אים און פּיקט: װוּ איז גערעכטיקײט? יושר? מענטשלעכקײט? בנוגע: די זײדע־באָבע, טאַטע־מאַמע, דעם ראָש־ישיבה און זיך שרהקען, און טאַקע זיך אַלײן? אָבער דאָס אײנציקע װאָס ער קאָן ערשט טאָן, איז נאָר: זיך צוזאָגן, פאַרזיכערן דעם שטראָפנדיקן פרומען רױבפױגל, אַז מאָרגן אין ישיבה װעט ער די גאַנצע צײַט זיצן און לערנען. מנאַ, אַ ביסל לערנט ער דאָך טאַקע פאַר דער לעצטער צײַט; האָט אַפילו מחדש געװען עפּעס, נײַן, נישט עפּעס — נאָר אַ תירוץ אױפן „נודע ביהודה״ס אַ קשיה, װאָס דער „נודע ביהודה״ אַלײן געפינט אױף איר קײן תירוץ נישט! און דער תירוץ פונעם „עין יצחק״, פון רב יצחק אלחנן, געפעלט אים נישט — אים, דעם מאַציעװער, װאָס װעט אַ מאָל זײַן אַ ראָש־ישיבה בישראל, טאַקע אין דער ישיבה װאָס טראָגט דעם נאָמען פון רב יצחק אלחנן. המם, אָבער קומען מיט אים, מיט אָט דעם חידוש, צום ראָש־ישיבה דאַרף ער נישט; ער איז נישט אין ראָש־ישיבהס נוסח, דער תירוץ, נישט אױפן דרך־ההבנה. און אפשר דערפאַר טאַקע האָט דער „נודע ביהודה״ געלאָזט די קשיה נישט פאַרענטפערט?...

---

* באַנײ... אונדזערע נעכט װי אַ מאָל.

אַזוי, אין אַזעלכע מחשבות, שלאָפט ער איין. און אויף מאָרגן, ווי אויסגעמאַטערט ער איז נישט, לערנט ער טאַקע אַ ביסל אין דער ישיבה. אויף וויפל סע גיט זיך אים איין גובר צו זיין אין זיך דעם אומחשק צום לערנען אָט די זאַכן, וואָס זענען אים אַזוי פרעמד געוואָרן און סע דאַכט זיך — וועלן אים שוין קיין מאָל נישט נאָענט ווערן.

גאָר זעלטן קומט ער לעצטנס אַריין צום ראָש־ישיבה צו רעדן מיט אים אין לערנען. „איך האָב דאָך נישט מיט וואָס" — זאָגט ער זיך, נישט מאַכנדיק זיך קלאָר דעם גאַנצן אמת, אַז דאָס איז אויך דערפאַר, וואָס זיין באַגער זיך צו טרעפן מיט שרהקען איז גאָר־גאָר אָפּגעקילט געוואָרן. שרהקען — דעם דאָזיקן אמתן אוצר זיינעם, האָט ער ווי איין מאָל פאַר אַלע מאָל באַהאַלטן אין דער פייער־קאַסע פון זיין נשמה, ווו ער וועט זיך אויסליגן ביז די צייט וועט קומען. וועט זי קומען? אוודאי וועט זי קומען! ווי דען אַנדערש? ער איז זיכער דערין! ווען אסתר וועט שוין האָבן התונה געהאַט; ווען ביי אים וועלן שוין ליגן צוגעגרייט צום דרוקן אַ בוך שירים און אַ ספר פון זיינע חידושי־תורה. יאָ... מוז ער דאָך טאַקע לערנען, לערנען ביגוואַלד. און מוז אויך, כאָטש זעלטן, זאָל זיין אויף אַ נאָווינע, אַריינכאַפּן זיך צום ראָש־ישיבה. אָבער מיט וואָס?

מאַכט ער זיך, באין ברירה, איין מאָל האַרץ: מילא, ער וועט אַריינגיין צון אים מיט זיין תירוץ אויפן „נודע ביהודה"ס קשיה, — און גייט אַריין. ער דערזוישט אָבער נישט דעם ראָש־ישיבה, שטאָט אים — גאָר זיין מיטלסט מיידל, נעכען. זי זיצט מיט אַרויסגעהויבענע קני פאַרן אָפענעם טירל פון דער הרובע, וואָס זי האָט, אַ פּנים, נישט לאַנג צוריק איינגע־הייצט. איר פּנים — ווי סע וואָלטן געגאַנגען איבער דעם כוואַליעס שיין, וואָס גיסן זיך פון דער עפענונג אַרויס. ער האָט נאָך מיט איר, מיט נעכען, קיין איין מאָל קיין וואָרט נישט פאַרביטן, כאָטש שוין עטלעכע מאָל געהאַט פאַר דעם אַ געלעגנהייט. זי איז נישט קיין שיינע. אַ צו דיקלעכע און אָנגע־פּוישטע. ווי צעיורן. די אויגן — אַרויסשטאַרצנדיקע, ווי ביים טאַטן, כאָטש זיין „קאָפּ" האָט זי, ווייזט אויס, נישט. ער האָט קיין מאָל נישט געהערט רעדן צווישן די ישיבה־בחורים וועגן איר געלערנטקייט, ווי, למשל, וועגן איר עלטערער שוועסטערס, רחלס. נאָר — זי איז דאָך פון דעסטוועגן שרהקעס אַ שוועסטער און... זיין אין צימער און שווייגן איז אויך שווערלעך, ווי עפּעס שטיקנדיק. גייט ער צו נאָענט צון איר און רעדט

אַראָפּ איבער איר קאָפּ עטלעכע קורצע פראַגן, וואָס אינטערעסירן קנאַפּ אים אַליין. ער רעדט שטיל, באַהיטעוודיק, ווייל ס׳קאָן דאָך נאָך עמעצער פון די שטוביקע פאַרבייגיקע אין קאָרידאָר. נעכעס, צון אים געוועגדטע, מולע באַק איז ערשט אין גאַנצן גלי, ווי אַ רויט שטיקל שקיעה־זון, און דאָס אויג שטאַרצט אַרויס נאָך בולטער, ווי ס׳וויל אַרויס פון דער אויגנ־הייל, נאָר קאָן נישט און פאַרשאַפּט איר אַ ווייטיק, וואָס צעקרימט איר באַק. זי ענטפערט אים נאָך שטילער ווי ער פרעגט (...היט זיך נאָך שטאַר־קער פאַר אים), גלייך זי וואָלט איינרוימען אַ סוד דער שיינענדיקער עפענונג פון דער הרובע. צווישן אַלע זיינע פראַגן כאַפּט ער זיך נישט צו שטעלן איר די נייטיקסטע: „ווו איז דער טאַטע?". און גראָד אויף דער דאָזיקער נישט־געשטעלטער פראַגע טוט זיך דער ענטפער אומדערוואַרט אַ טראָג אָן אויף זיי ביידע: ס׳טוט זיך אָן עפן די טיר פון ראָש־ישיבהס שלאָפצימער, ווו דער ראָש־ישיבה האָט אַוודאי געלערנט בלויז מיט די מחשבות. ער טוט אַ לויף פאַרביי, ווי אַ ווירבלענדיקער עמוד־ענן, און באַלד רייסט זיך דורך אַהער פון דער ראָש־ישיבהטעס העלפט שטוב אַן אימהדיקער שאַלגעשריי, ווי פאַר וועלט־אונטערגאַנג — אַ שאַלגעשריי פון דריי טראָפּן:

— נע־ע־ע...כאַ־אַ־אַ...מע־ע־ע!

ס׳טוט אַ טראָג אונטער נעכען פון איר זיץ, ווי אַ גומען פעסל. אַן אויגנבליק בלייבט זי שטיין אַ פאַרצווייפלטע, אין קווענקלעניש וואָס צו טאָן. אַ נייע כוואַליע פלאַמיק רויטס, שוין נישט פון דער הרובעשיין, נאָר פון איר אינעווייניק, טוט איר אַ פלייץ אָן אין נידעריקן האַלדז און אין פנים אַריין ביז די האָר איבערן הויכן בולטן שטערן; די אויגן — גלע־זערנעביינקעס; און זי טוט אַ לויף אַרויס, אָן אַ וואָרט צו זאָגן, מיט אַ בלויזן ווייטיקלעכן, ציטעריקן און אָפּגעהאַקטן „אוי!".

דעם מאַציעווערס ערשטער געדאַנק איז: „אָפּטראָגן זיך!"; דער צווייטער: „ס׳איז נישט ערלעך בנוגע נעכען. ער האָט דאָך זי אָנגעצויגן אויפן שמועס"; דער דריטער: „ס׳וועט נאָך ערגער זיין פאַר מיר. ס׳וועט הייסן, איך האָב זיך געפּילט שולדיק און געשעמט ווייזן דאָס פנים. אויב נישט ערשט, וועט אַ צווייט מאָל קומען דער ראָש־ישיבה מיר איבער־וואַשן די געהירן, ווי דעמלט דעם דרישקעפּאַליערס"; און דער פערטער:

„איך בלייב, ביז ער וועט אַריינקומען צוריק — זאָל זיין וואָס עס וועט זיין!״.

ער גייט צו צום פענצטער, שטעלט זיך צו דעם מיטן רוקן און מיטן פּנים צו דער טיר, פון וואַנען... סע וועט אויסברעכן אויף אים דעם ראָש־ישיבהס הימלדיקער צאָרן. ער איז מיט אַלע רמ״ח אברים און מיטן גאַנצן געמיט איינגעהאָרכט צו דער צווייטער העלפט שטוב, ווו... ס׳קומט פאָר די „עקידה״ איבער דער גאָט־נשמה־שולדיקער נעכטן. אַברהם דער תמים האָט געלייגט זיין זון, יצחקן, אויף דער עקידה, און דער ראָש־ישיבה דער תם — זיין טאָכטער נחמה. אָבער ער האָרכט נישט גאָרנישט. און גראָד דאָס פאַרשטאַרקט נאָך מער זיין געפיל, אַז דאָרט קומט פאָר עפּעס שרעקלעכס, און זיין שולדגעפיל קעגן נעכטן. וואָס וואָלט געווען ווען דאָס זעלבע געשעעט מיט שרהקען? וואָלט ער געקאָנט אַזוי איינשטיין ווי אַ געליימטער, אויפן אָרט, נישט אַריינצולויפן אַהין, אַ צי טאָן, דעם ראָש־ישיבה פאַר אַן אַרבל און זאָגן: „רבי, איך בין דער שולדיקער!״? ניין, — איז ער זיך מודה, — סע וואָלט אים אויסגעפעלט מוט. ער וואָלט, אַ געקלעמטער און צעבראָכענער, געבליבן בלויז ביים ערלעכן טראַכטן און וועלן.

48

דער איבערגעשראָקענער רוים פון דער ראָש־ישיבהטעס העלפט שטוב הערט זיך איין צום בלאָנדזשענדיקן, אויסגייענדיקן ווידערקול פונעם ראָש־ישיבהס דראָענדיקן וויירוף: ב־ת־מ־ה! לעבן ראָש־ישיבה, וואָס זעט אויס אין די געמיטער פון די שטוביקע — אַ שטייענדיקער פייערזייל אין מיטן עסצימער, שטייט די עלטסטע טאָכטער רחל, ווי אַ באַלויכטענע פון אַ שרפה־שיין, מיט אַרויסגעשטאַרצט־צעשראָקענע אויגן אינעם בלאָס־געוואָרענעם פּנים. זי באַמיט זיך איינצולעשן דעם טאַטנס צאָרן:

— טאַטע... זאָל זיך דער טאַטע צוזעצן דאָ אויף דער סאָפקע. האָסט גערופן נעכטן, איז זי שוין דאָ.

— זי איז שוין דאָ. אָט זיצט זי דאָ מיט מיר. — באַשטעטיקט די מאַמע פון קיך אַרויס, ווו זי האָט זי איבערגענומען אין מיטן וועג, זי זאָל נישט אָנלויפן אויפן טאַטנס ערשטן גרימצאָרן.

— זי איז שוין דאָ, די־י, המם? זי וועט מיר אַראָפּפירן מיינע תורה־קינדער פונעם דרך־הישר?! — שרייט ער מיט נאָך גענוג צאָרן אינעם טאָן.

אָבער רחל דערפילט שוין, אַז די שוואַרצע, מיט דונער־און־בליץ אָנגעלאָדענע, כמאַרע גייט ביסלעכווייז אַריבער. נעמט זי אים אָן, דעם צעבייזערטן טאַטן, זייער איידל פאַר אַן עלנבויגן און פירט אים צו צו דער סאָפקע, ציִענדיק אים לייכט אַראָפּצו. ער זעצט זיך אַנידער.

— טאַטע, — זאָגט זי מיט אַ בעטנדיק־באַרויִקנדיקער איינגעשטיקטער שטימע, — ווי אַזוי פירט עס עפּעס נעכע אַראָפּ דיינע תורה־קינדער פונעם דרך־הישר? בתמיה *!? נעכע איז דאָך תמיד אַ צניעותדיק מיידל. וואָס הייסט? איז עס נישט קיין אָבק־לשון־הרע **, וואָס איז פאַרבליבן נאָכן מחלוקת, וואָס טליִעט נאָך?

— איך וואָלט אויך אַזוי געטראַכט. האָב איך אָבער אַליין דערהאָרכט זי שמועסן מיט אַ ישיבה־בחור, בעתן איינהייצן ביי מיר דעם אויוון. „אַל תרבה שיחה עם אשה״ *** זאָגן אונדזערע הייליקע חכמים! — טוט ער זיך ווידער אַ צינד אָן, זיך מאָלנדיק וואָס זיינע אויגן האָבן דאָרט געזען, רחמנא־ליצלן!

— טאַטע, — בעט זי זיך, בייגנדיק זיך צו אים מיט דרך־ארצדיקער הכנעה, — „הרף מאף ועזוב חימה״ ****. אפשר האָט איר דער תלמיד עפּעס איבערגעפּרעגט, און ווי האָט זי געמעגט אים פאַרשעמען מיט נישט־ענטפערן? גיכער וואָלט ער דאָך געדאַרפט געדענקען דעם „אַל תרבה...״, וואָס איז דאָך דעם גבר אָנגעזאָגט געוואָרן.

— איז עס ביי דיר רעכט, טאָכטער, חושד צו זיין בכשרים? — הייבט ער אויף צו איר פאַרוווּנדערטע, באַצערטע אויגן. — דאָס האָט זי עס מיטן מאַציעווער געשמועסט.

— טאַטע, — ציט זי אַרויף אַ שמייכל אויפן פּנים, דערפילנדיק אַז זיין צאָרן ווערט אַלץ געלאַשענער, — זאָל מיר דער טאַטע מוחל זיין אַ האַרבע קשיה: און חושד זיין בכשרות, אַ בת־תלמיד־חכם, איז רעכט?

---

* שיקט זיך עס?

** לשון־הרע־שטויב.

*** זאָלסט נישט שמועסן צו פיל מיט קיין פרוי.

**** הער אויף זיך צו כעסן און שטיל איין דעם צאָרן.

מיטן מאַציעווער, זאָגט דער טאַטע? אויב אַזוי, זאָל דער טאַטע קודם זיך אָנבייזערן אויף מיר: דער מאַציעווער האָט מיך אַ מאָל אָפּגעשטעלט מיט אַ פֿראַגע, און איך האָב זיך צעשמועסט מיט אים. כ׳האָב אים, חלילה, נישט אַראָפּגעפֿירט פֿון וועג.

— נצחתני, בתי!* — טוט אַ פּלאָטער זיינער אַ שמייכל קעגן אירן און פֿאַרשווינדט גלייך. — אָבער דו פֿאַר נחמהן ביסט נישט קיין משל. דו ביסט דאָך, נישט נאָר אַ בת־תּלמיד־חכם, נאָר אַליין אַ תּלמידה־חכמה. איז וואָס פֿאַר אַ נמשל איז זי, נחמה? זי דאַרף וויסן אַז מע טאָר נישט רעדן מיט קיין מאַנצבל!

— המם, זאָל זי אַריינקומען אַהער, נחמה. — טוט ער אַ זאָג צום חלל פֿון דער קיכטיר, שוין כמעט אַן אויסגעלאָשענער.

קומט אַריין נעכע, באַגלייט פֿון דער מאַמען, דער קאָפּ אַראָפּגעלאָזט צו דער פֿאָדלאָגע, דאָס פּנים איין שטיק גליענדיק רויטס, און די אויגן דערשראָקן־אַרויסגעשטאַרצט.

— רב ברוך בערל, — זאָגט די רביצן ווייך און גלעט נעכען איבערן קאָפּ, — איך בעט דיך: נאָר געלאָסן. מיין טאַטע, זכרונו לברכה, געדענק איך, פֿלעגט זאָגן: „ווער ס׳ע כעסט, פֿאַרגעסט דאָס לערנען און טוט אָפּ נאַרישקייטן". אפֿשר שטייט עס ערגעץ געשריבן אויך? אַ?...

— ס׳ע שטייט, ס׳ע שטייט בפּירוש געשריבן, — לאָזט זיך דער מאַן פֿאַררעדן, און טוט אַ שמייכל, נישט אויפֿהייבנדיק די אויגן צום ווייב, — גראָד שטייט עס אין דער מסכתא וואָס איך לערן איצט. כ׳האָב עס טאַקע פֿריער געלערנט, בעת די פּוסטע רייד זייערע האָבן מיר איבערגעשלאָגן די מחשבות. אין „נדרים" שטייט עס, דף כב: „כּל הכּועס משכּח תּלמודו ומוסיף טיפּשות".

— דאַרף דאָך דער טאַטע דאַנקען איצטער דעם אייבערשטן, — ווערט רחלס פּנים ברייט, ווייך, צעשיינט און צעשמייכלט, — פֿאַר דעם וואָס ער האָט נישט פֿאַרגעסן אַפֿילו דעם דף, ווו ס׳ע שטייט דער „כּל הכּועס...".

— תּמיד און שטענדיק, טאָכטער, דאַרף דער מענטש דאַנקען דעם וואָס זיצט אין הימל און איז זיך מרחם אויפֿן זינדיקסטן נפֿש אויף דער

---

* האָסט מיך באַזיגט, טאָכטער.

ערד. — זאָגט דער טאַטע פרום און באַדענקט, און שטעלט אָן די אויגן פאַרשעריש אויף נחמהס פּנים:

— נחמה... ס'אי ביי דיר דאָס ערשטע מאָל היינט?

— דאָס ערשטע מאָל היינט, טאַטע.

— המם, און סע וועט זיין אויך דאָס לעצטע מאָל, נחמה?

— סע וועט זיין אויך דאָס לעצטע מאָל, טאַטע.

— נעם זשע זיך, קינד, שטאַרק אין זינען אַריין, וואָס אין אונדזער הייליקער תורה שטייט געשריבן: „מוצא שפתיך תשמור" — וואָס גייט אַרויס פון דיין מויל זאָלסטו אָפּהיטן. ס'איז ווי דו וואָלסט אַ נדר געטאָן. וועסטו געדענקען מיינע ווערטער, טאָכטער?

— איכל געדענקען, טאַטע.

שטעלט ער זיך אויף, דער טאַטע, און זאָגט, אָבער מיט ערנסטקייט און באַזאָרגטקייט אין טאָן:

— אויב דער טאַטע האָט דיך מצער געווען יתר על המידה, מער אויף וויפל דו האָסט זיך פאַרדינט, וועסטו דאָך אַוודאי דעם טאַטן מוחל זיין. איך בעט עס ביי דיר, נחמה. וועסטו האָבן דערמיט מקיים געווען כיבוד־אָב אויף דער העכסטער מדרגה. און ערשט, נחמהלע, גיי צו דיין אַרבעט אין קיך אַריין צוהעלפן דער מאַמען, וועסטו מקיים זיין כיבוד אם. און איך, — מאַכט ער אַ טראַט, — וועל זיך אומקערן צום איבערגעריסענעם לערנען, אויף וואָס יעדער ייִד איז געבאָטן געוואָרן.

ער לאָזט זיך גיין, און אַלע קוקן אים נאָך מיט באַוווּנדערנדיקע, אַכ־פּערנדיקע און ליבשאַפטלעכע בליקן. ווען ער איז שוין אַרויסגעגאַנגען, און רחלס בליק טוט אַ בלאָנדזשע איבערן צימער, ווי זוכנדיק עפּעס, וואָס איז דאָ פונעם טאַטן איבערגעבליבן, ווערט זי דערשטוינט: שרהקע שטייט דאָרט אין ווינקל ביי דער קאָמאָדע, און קעגן דער שייך פונעם פענצטער הענגען איר אַראָפּ פון די ברעמען צוויי בלישטשענדיקע טרערן... אַ קינד... ווי זי נעמט זיך דאָס מיט אַלץ איבער... זי גייט צו צון איר און גלעט איר איבערן קאָפּ:

— די כמאַרע איז שוין אַריבער. אָן דונערן און בליצן. און אָן אַ רעגן. און ביי דיר רעגנט עס ערשט... נו, טו אַ ליכטיקן שמייכל, שוועסטערל. וועט זיך אויף דיינע ברעמען באַווייזן אַ רעגנבויגן. „טוביה חטא וזגוד

מנגיד״ * — געזינדיקט האָט, משטיינס געזאָגט, נעכע, און ווי געשמיסן וואָלט מען דיך, שרהלע, און דו ווינסט.

שרהקע טוט אַ כאַפּ אַרום איר האַלדז, אַ פאַל צו צון איר אַקסל און ברעכט אויס אַ געוויין:

— אונדזער טאַטע איז אַ הייליקער.

— און דו, טעכטערל זיינס — דיר האָט גאָט געשענקט אַ שיין ליכטיק פנים און אַ שיינע ליכטיקע נשמה...

*

אַז מע וואַרט אויף אַ זאַך זייער אַנגעשטרענגט און געשפּאַנט, ווי פאַרשטייפט אינעם דאַזיקן וואַרטעניש, פאַרלירט מען די מאָס פון צייט, פון דויער. ער ווייסט נישט, דער מאַציעוווער, צי האָט עס געדויערט לאַנג, צי אפשר בלויז מינוטן ביז דער ראָש־ישיבה טוט אַן עפן די טיר און אַ לויף פאַרביי צו זיך אין שלאָפצימער אַריין. ווי אים וואָלט ער גאַרנישט געזען! המם, ווי ער וואָלט אים גאָר אויך פריִער נישט געזען. אפשר טאַקע?... אָדער האַלט ער, אַז די גאַנצע שולדיקע איז נעכע? צי האָט ער אים, זיין תלמיד, צו שטאַרק ליב, ער זאָל קאָנען אויסלאָזן צון אים זיין „כל חמתו״ **? אָבער — קאָן ער אים דען ליב האָבן שטאַרקער פון אַן אייגן קינד? צי אפשר האָט ער זיך מיטן אויסשטראָפן און באַשטראָפן נעכען געקילט זיין צאָרן אויף אים? המם, ווי גאָט האָט געקילט זיין צאָרן מיטן פאַרברענען דעם בית־המקדש און אים נישט אויסגעלאָזט צו די ייִדן אַליין.

שטייט ער אַזוי, דער מאַציעוווער, עטלעכע מינוט און וואַרט: אפשר וועט אים נאָך דער ראָש־ישיבה אַ רוף טאָן, און ס׳וועט זיך ערשט אָנהייבן דאָ. המם, דער „מעמד הר סיני״ ***... ניין — ער האָט דאָרטן אָנגעהויבן לערנען אויף אַ קול, דער ראָש־ישיבה. גלייכט ער זיך אויס, דער מאַציע־וועה, אָטעמט אָפּ דערלייכטערט, כאַפּט אַ בליק צו דער הרובע, דאָס אָרט ווו די „זינד״ זענען באַגאַנגען געוואָרן, און ווו ס׳פלאַטערט נאָך די שיין, ווי... אַ פאַרוווּנדעטער פליגל, און גייט אַרויס אויף די שפּיץ פינגער. ער

---

* טוביה האָט געזינדיקט און זיגודן שמייסט מען.

**דעם גאַנצן צאָרן.

*** דאָס שטיין פון די ייִדן ביים באַרג סיני.

פילט זיך ווי נאָכן איבערלעבן שרעק פון אַ דערוואַרטעטער ערדציטערניש, וואָס איז נישט געקומען.

אַרויסגעקומען אויפן גאַנעק, טראַכט ער שוין באַרויקטער און זאָגט צו זיך: מיין תירוץ אויפן „נודע ביהודה"ס קשיה וואָלט סיי ווי ביים ראָש־ישיבה נישט אויסגענומען. איך וועל דערמיט גיין צום ניי־אויפגענומענעם קאָוונער רב, רב אַברהם שאַפּיראָ. אַ זון פון רב זלמן סענדער שאַפּיראָ, קרינקער רב און ראָש־ישיבה, — וועט ער נישט אויפנעמען זיין טאַטנס אַ תּלמיד? זאָל איך אים אפשר באַווייזן זיין טאַטנס בריוו וועגן מיר?...

מיט אַ מאָל רייסן זיך אים איבער די מחשבות: אַראָפּגייענדיק מיט די שטיגלעך, טרעפט ער זיך אָן פּנים־אל־פּנים מיטן משגיח. יענער שטשורעט אָן אויף אים די פּינטלענדיקע אויגן:

— אָך, דער מאַציעווער! איר גייט פון עם ראָש־ישיבה?... געשמועסט אוודאי אין לערנען? און אפשר גאָר אין ייִדישקייט?... סיי־ווי — זייער שיין, זייער שיין. — און ער גייט אַרויף מיט די שטיגלעך.

...פון וואַנען דען קאָן איך האָבן דאָ געגאַנגען? — שפּעט פון אים דער מאַציעווער אין געדאַנק, — פון דער ראָש־ישיבהטע? — און ער איז גרייט אַ שמייכל צו טאָן. אָבער אָפּגעגאַנגען און זיך דערמאָנט זיין זאָג: „און אפשר גאָר אין ייִדישקייט?...", — גייט אין אים אויף אויפס ניי אומרו. — ער האָט שוין ווידער געוומען גיין צום ראָש־ישיבה, דעם אָדער יענעם צו פאַרמסרן. ס'זאָל נאָר דאָרט נישט ווערן ערשט קיין רייד וועגן מיר.

*

— זיצט, רב שמריה. — זאָגט דער ראָש־ישיבה צום משגיח, דער־זעענדיק אים פּלוצעם פון מיטן לערנען אַרויס.

— אפשר בין איך אייך, רבי, מבטל פון תורה, חלילה? — ציטערן דעם משגיחס זשמורענדיקע ברעמען, קעגן דעם ראָש־ישיבהס אויף אים אַרויסגעשטאַרצטע אויגן, און ער זעצט זיך אים אַנטקעגן.

— און אַז אַפילו אַזוי, רב שמריה? — ווערט דעם ראָש־ישיבהס פּנים מילד, און זיין שטימע איז צוגעלאָזן. — איר קומט דאָך נישט מיט קיין דברי־חולין. איז וואָס זשע הערט זיך אין דער אוהלה של תורה*?

* דאָס געצעלט פון דער תורה, געמיינט די ישיבה.

— סע הערט זיך, געלויבט דער אייבערשטער ,דאָס קול־תורה. — שמעלצט זיך רב שמריהס פּנים פון הינטער דער פּאַרוואָקסנקייט, און זיין באָרד — ווי זי וואָלט געשימערט פון פעטס.

— „מה טובו אוהליך יעקב״* — זינגט אונטער מיט חדוה דער ראָש־ישיבה. — אַז ס׳הערט זיך אין דער ישיבה דאָס „הקול קול יעקב״**, איז שוין דער הפקר און דאָס פּריצות אויסגעראָמט. בימבאָם, בימבאָם, באָם... נאָר — רב שמריה, צי שוין טאָקע ווי נאָך ביעור־חמץ, נישט איבער־געלאָזט קיין מה־שהוא***?

— אַ מה־שהוא? — הייבט דער משגיח אַן אַקסל און פינטלט שטאַרקער מיט די ברעמען, וועגנדיק אין דער מחשבה, ווי אַזוי צו זיין אַ „מגלה טפח ומכסה טפחיים****, אי זאָגן, אי נישט דערזאָגן. — אוודאי איז נאָך צווישן די צדדים פאַרבליבן געננוג רוגז, אַז איינער רעדט נאָך אויפן אַנדערן כל־דיבר־אָסור. המם, נאָר צי איז כדאַי זיך צוצוהערן צו זייערע רייד?

— למשל? — ווערט דעם ראָש־ישיבהס פּנים ערנסט, און זיינע אַרויסגעשטאַרצטע אויגן גיסן אויפן משגיחס פינטלענדיקע ברעמען אַ דורכדרינגענדיקע שיין.

— למשל, פרעגט איר, רבי? מע שמועסט אַ שטייגער, אַז דער מאַ־ציעווער — ער איז, דאַכט זיך, נאָר וואָס פון דאַנען אַרויסגעגאַנגען — האָט אַ שטיק צייט, בעתן מחלוקת, אין ערגעץ נישט געלערנט ,נישט אין דער ישיבה, ווו מיינע אויגן האָבן כסדר געזען זיין שטענדער פוסטאונ־פאַסעווען, און נישט אין אַ וועלכער קלויז. המם, די וואָס האָבן דאָרט גע־לערנט האָבן אים זעלטן געזען.

— האָט ער געלערנט ביי זיך אויף דער קוואַרטיר, — איז אים דער ראָש־ישיבה מדחה. — ער לערנט, ער לערנט. ער איז טאָקע נאָר וואָס פון מיר אַוועקגעגאַנגען. געקומען מסתם מיט עפּעס אַ חידוש. נו, איז מעשה־שטן... האָב איך דאָס מאָל פון זיין התנהגות קיין נחת נישט געהאָט.

---

* ווי גוט זענען דיינע געצעלטן יעקב.

** דאָס קול איז דאָס קול פון יעקבן.

*** עפּעס־וואָס.

**** אויפדעקן ווייניק און צודעקן אַ סך.

כאַפּט זיך אָן דעריין דער משגיח, מיינענדיק אַז ס'איז ערשט אַ שעת־הכושר צוצולייגן דעם מאַציעווער אַ קנייטל מכוח זיין ייִדישקייט:

— המם, וואָרן נישט נאָר דאָס, נישט נאָר דאָס. וועגן מאַציעווער האָט מען אויך, שוין לענגסט, געשמועסט, אַז...

ער בלייבט שטיין, קווענקלענדיק זיך: צי זאָל ער אַרויס וועגן דער זאַך אין דער גאַנצער האַרבקייט, וואָס ער אַליין גלייבט נישט דעריין — אַז דער מאַציעווער לייגט נישט קיין תפילין, רחמנא־ליצלן?! אָדער נישט מער, אַז...

— אַז וואָס?! — טוט אים דער ראָש־ישיבה אַ מאָן מיט אַ טאָן פון שטויִנונג און תרעומת איינצייטיק, אַזוי אַז דער משגיח דערוועגט זיך שוין נישט צו פיל. און וואָס ער דערלויבט זיך יאָ, איז אויך בלויז שטאַמלענדיק און מיט אַ טאָן פון אומצוטרוי צו עמעצנס רייד:

— המם. איך ווייס? אַנדערע האָבן געשמועסט — צווישן זיי דער איישישאָקער... אַגב — ער האָט זיך ווידער גענומען מיט התמדה צום לערנען, דער איישישאָקער... אַז דער מאַציעווער זאָל מכלומרשט איבער־היפּערן אַ מאָל אַ דאַווענען, חלילה...

— רב שמריה, איר ווייסט דאָך, צו סתם לשון־הרע טאָר מען נישט צולייגן קיין אויער. „החיים והמות ביד הלשון"* — די צונג קאָן אַ מאָל זיין אַפילו אַ רוצח. — זאָגט דער ראָש־ישיבה מיט אַ טאָן פון מוסר־זאָגן, און דער משגיח דערפילט אַז ס'איז שוין גלייכער אָוועקצוגיין.

— המם, יאָ, — זאָגט ער, זיך אויפשטעלנדיק, און נעמט זיך רוקן הינטערווייליעכס, ווי צום אויסגיין שמונה־עשרה, — געלויבט השם־יתברך, סע הערט זיך שוין אין דער ישיבה דאָס קול־תורה. המם, און ס'גייט צום בעסערן. נו, אַ גוטן טאָג, רבי. איך דאַרף נאָך אַריין אויף אַ רגעלע צו דער רביצן מיט די קינדער: איך האָב געבראַכט די פּענסיע פונעם קאָמיטעט.

— רב שמריה, — טוט דער ראָש־ישיבה אַ זאָג, ווי מיט שרעק אין די אויגן, — ס'קאָן זיך מאַכן אַז די רביצן איז דאָרט אַליין... לאָזט עס שוין ליגן דאָ אויפן טיש.

דער משגיח נעמט אַרויס פון בוזעם־קעשענע אַ דיקלעכן קאָנווערט און לייגט אים אַנידער אויפן טיש:

---

* דאָס לעבן און דער טויט איז אָפּהענגיק פון דער צונג.

— אַ גוטן טאָג, רבי.

— אַ גוטן טאָג, ר׳ שמריה. דער רבונו־של־עולם וועט אייך באַצאָלן פֿאַר אייער שליחות. אַ גוטן טאָג און... איילט זיך אין ישיבה אַריין.

49

ס׳לויפֿט אַריבער אַ וואָך, און דער מאַציעווער ווערט נישט גערופֿן צום ראָש־ישיבה. איז אים קלאָר: דאָס געשעעניש מיט נעכטן האָט אים דער ראָש־ישיבה אָדער מוחל געווען, אָדער געפֿונען פֿאַר דעם עפּעס אַ פֿאַרענטפֿערונג. סיי־ווי, דאַרף ער אַליין אַוודאי זיך מאַכן עלהיי ס׳איז גאָרנישט נישט פֿאָרגעקומען; ער פֿילט זיך, זאָל עס הייסן, אין גאָרנישט נישט שולדיק. און אין איינעם אַ נאָכמיטיק לאָזט ער זיך ווידער צום ראָש־ישיבה מיט זיין תירוץ אויפֿן „נודע ביהודה״ס נישט פֿאַרענטפֿער־טער קשיה, וואָס דער „עין יצחק״ האָט זי יאָ פֿאַרענטפֿערט, אָבער נישט אַזוי גוט ווי ער, דער מאַציעווער! און, גייענדיק אַזוי, טוט זיך אים אַ דער־מאָן, וואָס בערעלע דווינסקער האָט אַ מאָל דערציילט: דער „עין יצחק״, דער קאָוונער רב, רב יצחק אלחנן, האָט אַ מאָל געגעבן חופּה־וקידושין אַ יונג היינטוועלטיק פּאָרל. אַלץ איז געגאַנגען כּשורה. נאָר גלייך ווי דער חתן האָט אָפּגעזאָגט נאָך אים, וואָרט ביי וואָרט, דעם „הרי את...״, האָט דער חתן געטאָן אַ נעם אָרום די כּלה און זי אַ קוש געטאָן אין מויל. דער עולם מחותנים איז געבליבן שטיין געפּלעפֿט, און דער רב האָט אַ זאָג געטאָן ערנסט מיט אַ בייזן טאָן, כאָטש ער האָט געשמט אין אַלץ פֿאַר אַ מקיל: „מיט ,לעיני כל ישראל׳* ענדיקט זיך די תורה...״. און ס׳נעמט אים דורך, דעם מאַציעווער, אַ זיס געפֿיל פֿון איבערנעמען זיך: און דאָ האָב איך מחדש געווען אַ תירוץ וואָס איז בעסער פֿון רב יצחק אלחננס!

ער טרעפֿט דעם ראָש־ישיבה אַרומשפּאַנען, אַ פֿאַרטיפֿטן אין לער־נען, איבערן צימער אַהין און צוריק, אָדער מאַכנדיק קליינע קרייזן, רעדנ־דיק צו זיך אַליין. קוים אַ צוק טוענדיק מיט די ליפּן: „גוט העלף!״, שטעלט ער זיך אין ווינקל לעבן דער טיר אָפּצוּוואַרטן מיט טיפֿן דרך־ארץ ביז דער ראָש־ישיבה וועט אויסלאָזן זיין שמועס מיט זיך אַליין און זיך

* פֿאַר די אויגן פֿון גאַנץ ישראל.

ווענדן צון אים. ער האָרכט דעם ראָש־ישיבהס רייד, אָבער באַנעמט זיי נישט. מאַכט דאָך דעם אָנשטעל, טאָמער וועט אים דער ראָש־ישיבה באַמערקן, אַז ער האָרכט זיך שטאַרק איין. און אָט בלייבט דער ראָש־ישיבה שטיין פון וויטנס, פנים־אל־פנים צון אים, און טוט אַ פרעג:

— איר האָט געהערט, מאַציעווער, די קשיה, וואָס איך האָב דאָ געפרעגט?

— געהערט. — טו אים אַ פאַל אַראָפּ פון מויל קעגן זיין ווילן, אַנשטאָט צו זאָגן דעם אמת, אַז ער האָט נישט דערהערט און ממילא נישט געקאָנט באַנעמען.

— איז וואָס זשע וואָלט איר געזאָגט דערויף, מאַציעווער?

דער מאַציעווער דערפילט: ער טרינקט זיך! און קוקט אויס אַ שפּענדל אופן וואַסער, פאַר דעם זיך אָנצוכאַפּן. ער הייבט אָן צו שטאַמלען עפּעס און רעדן גלאַט אין דער וועלט אַריין. אַ ברירה האָט ער? ס'איז רעכט, דער ראָש־ישיבה זאָל באַלד אַ זאָג טאָן פאַרחידושט: „עפּעס רעדט איר דאָך היינט נישט צו דער זאַך, מאַציעווער?!... נשים קריכן אייך אַרום אין קאָפּ? האַ?". אָבער זע — אַ נס! אַדרבה, דער ראָש־ישיבה האָרכט זיך איין צו זיינע רייד, פאַרטראַכט זיך, מיאַרקירט, — טייטשט אויס, משמעות, זיינע ווערטער, לייגט אַריין אין זיי אַ זין און — טוט פלוצעם אַ פאַל אַריין אין התפעלות:

— מאַציעווער! וואָס איר האָט דאָ געזאָגט! איר האָט דאָך מיר פאַרענטפערט אַ קשיה, מיט וועלכער איך טראָג זיך אַרום שוין יאָרן, נאָך פון וואָלאָזשין! אויף אָט דער קשיה האָב איך אויפגעבויט אַ גאַנצן שיעור מיינעם. און איר — איר האָט זי אַזוי לייכט פאַרענטפערט! און דווקא אויפן דרך־ההבנה.

— טאַטעניו אין הימל! ווו איז עס געווען מיין קאָפּ ביז היינט?! — רייבט ער מיט דער רעכטער האַנטפלאַך די פאַלדן אויפן שטערן, ווי זיי אויסצוגלעטן.

דער תלמיד קוקט אויפן רבין מיט אַ צעשראָקן און צעשמייכלט־גולמעוואַטע פנים. איין מאָל איז אים שוין ענלעכס געשען, טאַקע דאָ אין צימער, פאַר אַנדערע ישיבה־בחורים אין די אויגן. המם... ער האָט צון אים מזל, צום ראָש־ישיבה! „אין מזל לישראל" שטייט, אָבער אַ „גוי" האָט יאָ

מזל. כ'וואָלט כאַטש דאָס מאָל, אונטער פיר אויגן, דאַרפֿן אַרויס מיטן אמת: „רבי! נישט נאָר פֿאַרשטיי איך נישט דעם תירוץ, וואָס איר וואַרפֿט מיר אונטער, נאָר כ'האָב נישט פֿאַרשטאַנען אַפֿילו אייער קשיה. דאָס האָט איר אַליין, רבי, פֿון מיך אַנגעוואָרפֿענעם הויפֿן ווערטער גלאָט אין דער וועלט אַריין צוזאַמענגעשטעלט אייער תּירוץ. ס'איז אייער אייגענער תּירוץ, — צו וואָס זאָל איך זיין אַ גנב? אַ „גונב דעת הבריות"*? אָבער — ווו נעמט מען די גבורה דערצו? און... ווי אַנטווישט מען עס דעם רבין, וואָס שפּאַנט שוין ווידער איבערן צימער אַהין און צוריק, מאַכט קליינע הקפות מיט זיין תלמידס „תורה" און חזרט זי אַלץ איבער מיט התלהבות? אין זיין גאַנג, דעם ראָש־ישיבהס, איז איצט פֿאַראַן עפּעס טענצלדיקס, ווי ער וואָלט אַזש געטאַנצט פֿון גרויסער אַנטציקנדיקער פֿרייד. און מיט אַ מאָל טוט ער אַ שפּאַן צו צון אים, דער רבי צום תלמיד, אַ כאַפּ אַרום און דריקט אים צום האַרצן מיט הייסער ליבשאַפֿט:

— איי, מאַציעווער, מאַציעווער! וואָס טו איך מיט איך?! מיט וואָס קאָן איך איך מהנה זיין, ווי איר האָט מיך ערשט מהנה געווען מיט תורה? „בכל אָדם מתקנא חוץ מבנו ותלמידו"**.

אין דעם טוט ער אַ נעם אַראָפּ פֿונעם האָק ביי דער טיר זיין ווינטער־מאַנטל, אַ טו אים אָן און אַ זאָג מיט מתיקותדיקער היץ, ווי איינער וואָס גייט עמעצן אָפּדאַנקען פֿאַר ווייס־איך־וואָס מיט ווייס־איך־וואָס; ווי אָט וועט ער אַ זאָג טאָן: „כ'גיב איך שרהקען פֿאַר אַ כלה":

— מאַציעווער! קומט! מירן גיין צוזאַמען דאַווענען מנחה!

דער מאַציעווער דערפֿילט זיך מיט אַ מאָל אַזוי נאַריש־גוט און אַזוי נאַריש־דערהויבן, סיי פֿון דעם ראָש־ישיבהס אומפֿאַרדינטער ליבשאַפֿט, סיי פֿון זיין אומפֿאַרדינטן צוגעטיילטן כבוד. אָבער גלייכצייטיק — שוין כלל נישט גוט און גאַרנישט דערהויבן. זיין זין איז מטושטש פֿון אָט די קעגנגעזעצטע געפֿילן.

אַרויסגעקומען אין דרויסן, דערזעט ער און דערפֿילט די סוף־ווינטערדיקע גאַס, מיטן לויטער־בלויען הימל און פֿרישע זון, מיטן צע־שמאָלצענעם, אויסגעפּליכטן שניי אויף די דעכער, און מיט דער שיטע־

---

* באַגנבעט דאָס טראַכטן פֿון מענטשן.

** יעדן איז אַ מענטש מקנא, חוץ זיין זון און תלמיד.

רער בלאַטע אונטער די טריט, — אָנגעמאָסטן פאַר זיין שטימונג: ס׳איז סיי זוניק איבער זיין נשמה, סיי בלאַטיק אויף איר גרונט.

דער הילצערנער טראָטואַר, וואָס קריכט איבער דער בלאָטע צום בית־מדרש, צו וועלכן דער ראָש־ישיבה, פאַרזונקען אין מחשבות, פירט אים, איז צו שמאָל, אַז צוויי מענטשן זאָלן קאָנען ביינאַנד גיין אויף אים. אָבער דער מאַציעוווער איז האַרציק־גערן צו גיין דווקא לעבן ראָש־ישיבה האַנט־ביי־האַנט, נישט הינטער אים. גייט אויפן טראָטואַר, פאַרשטענדלעך, דער רבי, און ער, דער תלמיד, שפאַנט דערנעבן אין דער נידער, אין דער טיפער „סמערדינע״... „אין מיין אייגענער בלאָטע, אויף וועלכער איך פאַרדין זיך כשר״. נו, אָבער פאַרט — ער גייט זייט־ביי־זייט צוזאַמען מיטן ראָש־ישיבה! וואָסער אָנבאַגעגנטער ישיבה־בחור וואָלט אים נישט דערויף מקנא געווען?! דער איישישאָקער מתמיד וואָלט עס געמעגט אָנקוקן. נאָר ווי אויף צו להכעיס קומט קיין איינער נישט אַנטקעגן.

אַריינגעקומען אין בית־מדרש, מיט די געמויערטע דיקע ווענט און שמאָלע פענצטער, אויבן באַגלעזטע מיט קאָלירטע שייבלעך, ווו ס׳איז פריציייטיק פאַרנאַכטיק טונקל, אָבער נאָך צו פרי עמעצער זאָל שוין קומען דאַווענען, און קיינער איז טאַקע נישטאָ, — וואָשט דער ראָש־ישיבה די הענט ביי דער האַנטפאַס און נעמט דאַווענען ביחידות. אפשר איז ער טאַקע אומיסטן צוליב דעם געקומען אַהער פאַר־פרי. דער מאַציעוווער שטעלט זיך אין אַ ווינקל, מיטן פּנים צו דער וואַנט — כלומרשט דאַוונט ער אויך. דעם ראָש־ישיבהס מנחה־דאַווענען ציט זיך פאַר אים לאַנג. אַך, ווי לאַנג! אָבער וואַרטן מוז ער דאָך — צו באַגלייטן דעם ראָש־ישיבה צוריק אַהיים. אַלץ איז כדאַי!

ענדלעך! זיך דערוואַרט. דער ראָש־ישיבה שפייט שוין דאָרט אויס צו „עלינו״ און דערנעענטערט זיך. צוגעקומען האָרט צו אים, פאַנאַנדערגעטיילטע בלויז מיט אַ שמאָלן נאַקעטן טיש, שטעלט דער רבי אָן אַ פּאָר־שערישן און פרעגנדיקן בליק אין זיינע אויגן אַריין און טוט אַ זאָג עפּעס אַזעלכעס, אויף וואָס מ׳האָט זיך איצט גאָרנישט געקאָנט ריכטן, סיי נישט אויף די האַרבע ווערטער, סיי נאָך וויניקער אויפן טאָן, וואָס איז גראָד אין קעגנזאַץ צו דער האַרבקייט פון די ווערטער:

— מאַציעוווער... מענטשן זענען אויף אייך מרנן... אַז... אַז איר זאָלט, חלילה, פאַרפעלן אַ מאָל אַ דאַווענען?

דעם מאַציעווערס קאָפּ טוט זיך אַ לאָז אַראָפּ, דערוואָרט ס'זאָל אים טאָן אַ שלאָג אַריין אַ דונער און איז פול מיט חידוש, פאַר וואָס שוין די ערשטע ווערטער זענען אָן אַ דונער געפאַלן. נאָר ער קומט נישט, דער דונער. המם, ווייזט אויס, אַז דער ראָש־ישיבה טייטשט נישט אויס זיין שווייגן ווי אַ מודה זיין זיך, נאָר פאַרקערט: „אויף אַזעלכע שרעקלעכע, אָדער נאַרישע ליגונים איז נישט כדאַי צו ענטפערן! ווער קאָן גאָר אַזאַ געדאַנק וועגן אים דערלאָזן?! וועגן אים, וואָס האָט נאָר וואָס אַזאַן אויפטו מחדש געווען!". אַנשטאָט צו נעמען שמייסן אים מיט בליצן־ריטער פון מוסר, טוט אים דער ראָש־ישיבה בלויז אַ דערמאָן גלאַט אַזוי זיך אַ גמרא:

— די גמרא טייטשט אויס דעם פּסוק: „לאהבה את אדושם אלוהיכם ולעבדו בכל לבבכם" — איזו היא עבודה שהיא בלב? הוי אומר: זו תפילה"*... קומט, מאַציעווער, מירן גיין אַהיים.

דעם גאַנצן שווייגנדיקן וועג צוריק האָט דער מאַציעווער דאָס געפיל: דער באַרג סיני איז אים געהאָנגען איבערן קאָפּ אויף אַראָפּצופאַלן, אָבער ווער ווייסט, אין וועלכן זכות?! —— דאָס הימל־און־ערד־ציטערניש האָט אים אויסגעמיטן. און גראָד דערפאַר, — ווען ער קומט אַריין הינטערן ראָש־ישיבה צוריק אין זיין העלפּט שטוב, און דער ראָש־ישיבה הענגט אויף דעם ווינטער־ראָק אויפן האָק פון דער טיר, דערוועגט ער זיך אויף גאָר אַ ריזיקאַלישער זאַך, וואָס דער מיין דערפון איז נישט מער ווי וועלן זיך אויסספּיינען און מער נאָך אָפּנאַרן, ווייזנדיק ווי טייער אים איז דעם ראָש־ישיבהס תורה:

— רבי, איך האָב אַ בקשה צום רבין. המם, איך האָב געזען דאָ איין מאָל דאָס איינגעבונדענע ספר דעם רבינס מיטן רבינס שעורים אין כתב־יד. אפשר וועט מיר דער רבי אויסבאָרגן דאָס ספר. איך וועל דערין אײַבערחזרן דעם רבינס שעורים. אפשר עפּעס אויסשרייבן דערפון.

— המם, זייער אַ פיינער פאַרלאַנג. — לייכט־אויף דעם ראָש־ישיבהס פּנים מיט צופרידנקייט און מיניעט זיך מיטן שאָטן פון באַזאַרגטקייט. ער גייט אַריין אין שלאָפצימער, ברענגט אַרויס דאָס ספר און דערלאַנגט אים.

— אָבער, מאַציעווער, — נאָר אויף אַ שטיקל צייט און געדענקט — היט

---

* ליב צו האָבן גאָט אייער גאָט און אים דינען מיט אייער גאַנצן האַרצן, — וואָסער דינסט ווערט געטאָן מיטן גאַנצן האַרצן? נישט אַנדערש: דאָס איז תפילה.

עס מיר אָפּ, ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג — „שמרני כאישון בת־עין״*. ביז היינט האָב איך עס נאָך קיין שום אַנדערן נישט אָנגעטרויעט.

דער מאַציעוועך גייט אַרויס מיטן ספר אונטערן אָרעם שטאָלץ און דערהויבן אין די אייגענע אויגן. האָט דאָס געפּיל, ווי דאָס וואָס ער טראָגט מיט זיך, צעוואַקסט זיך אים פון אונטער די אָרעמס אַרויס, ווי צוויי פליגל, אַז ממש — נישט ער גייט, ער פליט! שרהקע וואָלט אים ערשט באַדאָרפן אָנקוקן — אַ מלאך! אָבער... אָבער... ער איז איינער פון די „נפילים״**...

50

דאָס פאַנאַנדערפאָרן זיך פון די ישיבה־בחורים אויף פּסח אַהיים פילט זיך היינטיקס יאָר פריִער און שטאַרקער, איידער אין די פאַרגאַנגענע יאָרן. אַ סך פון די בחורים פון געוועזענעם מנהלס צד, די פאַרשפּילטע, ווי: דער לידער, דער סטאַוויסקער און דער פּיליפּישקער, קלייבן זיך נישט צוריק צו קומען שוין אויפן נייעם זמן: ס׳פּעלן נישט, ברוך השם, מאַכט מען זיך הארץ, קיין ישיבות ביי ייִדן! און ס׳איז זיי ניהאר וואָס פריִער טאַקע אַוועקצופאָרן. אַפילו אַ טייל פון ראָש־ישיבהס צד, די געוווּ־נענע, ווי: דער אָשמענער, דער ווילקאָווישקער, דער ניעסוויעזשער און דער אָלקעניקער, טראַכטן צו מאַכן אָפּהענגיק זייער צוריקקומען דערפון, צי דער נייער זמן וועט זיך אָנהייבן שוין מיט אַ נייעם מנהל. וואָס האָט עס פאַר אַ טעם צו גיין מאָגען דאָס חלוקה־געלט אַזש קיין קאָוונע צום ישיבה־קאָמיטעט, וואָס האָט זיך געשאַפן פאַר דער צייט פונעם מחלוקת, און די ישיבה־בחורים האָבן זיך וועגן דעם דערוווּסט ערשט ווען דער אַלטער מנהל מיט פּיליפּאָווער בקי זענען „אַנטלאָפן פון דער שרפה״?

דאָס לערנען אין דער ישיבה ווערט ווידער שוואַכער פון טאָג צו טאָג. ווי אַ פייער־שייטער, וואָס זיין האָלץ ברענט זיך אויס, און קיין פריש ווערט נישט צוגעוואָרפן, — סע ווערט אַלץ שטילער, רויִקער און זעצט זיך אָפּ אונטער קויל און אַש. דערפאַר אָבער טומלט זיך די בטלה צווישן רעדלעך ישיבה־בחורים, אַ רעדל דאָ, אַ רעדל דאָרט, וועגן דער נישט אויסגעצאָל־

* היט מיך ווי אַ שוואַרצאַפּל פון אויג.

** לויטן מדרש: אַראָפּגעפאַלענע מלאָכים.

טער חלוקה, וואָס די וועלכע פאָרן אַהיים מוזן זי דאָך באַקומען אין גאַנצן און פאַר אַ מאָל, כדי צו קאָנען זיך אויסצאָלן אויף דער קוואַרטיר, אין דער וועשעריי און האָבן אויף אַ באַנבילעט אַהיים.

פון בערל דווינסקער, וועלכער טרעפט זיך אין דער מאַפּו־ביבליאָטעק מיטן שנה־ופירושניק, דעם דרישקעפּאַליער, דערוויסט מען זיך עפּעס פון חדר, אַז אין שפּיץ פונעם ישיבה־קאָמיטעט שטייט רב יאַנקעלע ליפּשיץ, דער וואָס האָט אַ מאָל אָנגעפירט אין קאָוונע מיטן קאַמף קעגן דער השכלה און קעגן די נייע ייִדישע באַוועגונגען, ווי איינער פון דער „לשכה השחורה" *.

— און דער פּסוק פון הייליקן שיר־השירים: „שחורה אני ונאוה" — איך בין שוואַרץ מיט מײַנע שלעכטע מעשים, אָבער שיין מיט די גוטע מעשים פון מײַנע אָבות... „ששזפני השמש" — דאָס האָט מיך די זון אָפּגעבריענט, איז נישט אַקוראַט חל אויף אים, ווײַל זײַנע מעשים זענען שוואַרץ פון זײַן אייגענער פאַנאַטישער שוואַרצקייט... ער איז, משמעות, אַ געבוירטיקער פון שוואַרץ־טומאה, — גיט צו בערל דווינסקער אַן אייגן שטיקל דרוש און קײַעט עס מיט די קינבאַקן.

— אַ סברא, — שמועס מען, — אַז דער געוועזענער מנהל איז אַליין אַרויס פונעם געשעפט טאַקע דערפאַר, ווײַל דער ישיבה־קאָמיטעט האָט זיך געשטעלט אויף דער זײַט פונעם ראָש־ישיבה. „וטעמו ונימוקו עמו" — און דער קאָמיטעט ווידער האָט זיך געהאַט זײַן טעם און זײַן גרונד: דער ראָש־ישיבה האָט דרײַ טעכטער, זענען זיי אַלע צניעות, און דער מנהל נאָר איינע — און זי פאַרפעלט נישט, חלילה, קיין איין דיוועטיסמענט זונטיק אין שטאָטגאָרטן... נאָך גוט וואָס זי פאַרשלעפּט נישט אַהין, ווי אַ פּגר, דעם פיליפּאָווער בקי.

— וואָס איז עס פאַר אַ מין באַשעפעניש אַ דיווערטיסמענט אין שטאָטגאָרטן? — וויל וויסן יאַנטל דווינסקער. — מע זאָגט, אַז די אַק־טיאָרן דאָרט אויפן באַלעמער גייען אַרום ווי אָדם און חוה אין גן־עדן, איידער גאָט איז געוואָרן אַ דאַמען־ און מענער־שניידער. ווי ווערן זיי דאָס נישט פאַרברענט פאַר בושה, אַז פאַרברענט זאָלן זיי ווערן!

— וואָס אַזוינס ס'איז אַ דיווערטיסמענט? — באַגיסט אים זײַן בן־

* די שוואַרצע לאָזשע.

עיר, בערל, מיט אַ פריילעך שטראָמל שיין פון זיינע אויגן. — סאָראַ שוטה וואָס דו ביסט, כאָטש ביסט אַ דווינסקער, נישט קיין כעלמער! וואָס איז די נפקא־מינה? כדאַי צו וויסן איז עפּעס אַנדערש: פון וואַנען ווייסט רב יאַנקעלע דער שוואַרצער, אַז דעם מנהלס מויד פאַרפעלט דאָרט נישט קיין מאָל צום מנין? ער דאַוונט אויך דאָרטן?

— ס'איז אויך אַ סברא, — גיט מען צו, — אַז סיי דעם ראָש־ישיבהס טאַטע פריִער, און סיי זיין געוועזענער תלמיד שפּעטער, וואָס דער ראָש־ישיבה האָט אַזוי חשק געהאַט צו מאַכן איינעם פון זיי פאַרן מנהל, זענען פון דאַנען אויסגערונען, אויך ווייל דער ישיבה־קאָמיטעט האָט אויף זיי נישט געגעבן זיין הסכמה. זיי וועלן שוין אַליין צוזוכן, דער קאָמיטעט הייסט עס, דעם פּאַסיקן קאַנדידאַט.

— אַן אייגענעם מענטשן, — איז מוסיף בערל דווינסקער, — אַ „שחור־אני"*, וואָס וועט זאָגן: „מודה אני"** און פירן די ישיבה לויט זייער ווילן. זי זאָל זיי אַ „ישיבה שחורה***.

„הייסט עס, — מאַכט דער אַשמענער, פון ראָש־ישיבהס צד, אַן אויס־פיר אין געדאַנק, — אַז בערל דווינסקער גרייט זיך, אָדער אַוועק קיין קאָוונע, ווי דער דרישקעפּאַליער, אָדער נישט קומען צוריק און פאַרן אין אַ צווייטער ישיבה. אַ שאָד! דערפאַר אָבער וועט זיך זיין קאָנקורענט, דער מאַוריגער, מחיה זיין: ער וועט שוין קאָנען זיין דער פּורים־רב אַ גאַנץ יאָר.

אַן אויסטערלישע זאַך! ס'ווייזט זיך אַרויס, אַז אויסגעצאָלט די חלוקה פונעם קאָמיטעט באַקומען פריִער יענע, וואָס זענען בעתן מחלוקת געווען די גרעסטע שרייערס, די חוצפּהניקעס. ממש, מע טראָגט זיי דאָס געלט אַקעגן בסבר פּנים יפות. ווי זיי וואָלטן זיך כשר פאַרדינט דערויף: זיי האָבן שיין געדרשנט. און די שטילערע פאַרקערט, לאָזט מען וואַרטן און לויפן און באַקומען זי ערשט נאָך אַ לאַנג לויפעניש און מאַטעניש, ווען זיי קומען שוין מיט אויסגעריבענע זוילן.

---

* איך בין אַ שוואַרצער.

** איך דאַנק.

*** שוואַרצע ישיבה.

— ווּ זשע איז דער יושר און די גערעכטיקייט? און ווּ איז דער שׂכל הישר? — מאָנט און צערנט דער מיישעגאָלער, פון די „בינונים״.

— אויפן בשותפותדיקן קבר פונעם יושר און דער גערעכטיקייט האָט די „לשכה השחורה״ שוין לאַנג געשטעלט אַ שוואַרצע חופּה, — מאָלן בערל דווינסקערס קינבאַקן, און זיינע אויגן שטראָלן מיט האַלב־צאָרנ־דיקער און האַלב־שפּאָטנדיקער שיין, — דערפאַר דער שׂכל הישר איז שוין דווקא אַ לעבעדיקער אונטער זייערע שוואַרצע יאַרמלקעס. אינעם ישיבה־קאָמיטעט דאָרט האָבן זיי אַ זיפּ, פאַרשטייט איר מיך, איבערצוזיפּן. אַ זיפּ מיט אַ פאַרקערטן דרך: אַ געוויינלעכע זיפּ לאָזט דורך אין דרויסן אַרויס דאָס מעל און פאַרהאַלט די קלייען מיטן מיסט, און זייער זיפּ — פאַר־קערט: לאָזט אַדורך אין דרויסן אַרויס די קלייען מיטן מיסט און פאַרהאַלט דאָס מעל אויף צו באַקן דערפון מצה־שמורה.

— פון וואַנען, דווינסקער חכם, — וווּנדערט זיך דער אַשמענער, — האָבן זיי אַזאַ קונצשטיק, אַ זיפּ דערטאַפּט?

— המם, — פאַרטראַכט זיך אַ ווייל בערל דווינסקער, ווי מאָלנדיק די מחשבה מיט די קינבאַקן, — זיי האָבן די זיפּ אין דער מיל גופא, ווּ דאָס ווייץ ווערט געמאָלן... אין וואָסער מיל, פרעגט איר? אין רב שמריהס. המם, רב... שמר...יה — פון אַזאַ „רב״ זאָל שוין גאָט אויסהיטן! דער משגיח זיצט דאָרט אָפּ אין קאָמיטעט, אָדער ביי רב יאַנקעלען אין שטוב גאַנצע אָונטן און מאָלט, און מאָלט, און מאָלט וועגן יעדן איינעם וואָס קומט מאָנען די חלוקה אויף אָוועקצופאָרן. און מען נתנט נישט פריער די אויס־געוויינטע גראָשנס, ביז אַ שליח פון קאָמיטעט קומט נישט אויפן בחורס קוואַרטיר און טאַפּט נישט אויס דעם דופק ביים באַלעבאָס, צי דער קוואַר־טיראַנט פאַרט טאַקע באמת אַוועק. המם, און אַז דער שליח איז אַן אויס־טויגער, באַהאַוונט אין דער סוגיא פון „פתח פתוח...״* — ווייסט ווּ אַ טיר צו עפענען און דערצו נאָך אַ מוצלח, טאַפּט ער אויס דעם דופק דער עיקר ביי דער באַלעבאָסטע...

איינער פונעם רעדל טוט אָפּגעריסן אַ לאַך, און דער פּילווישקער עילוי, וואָס איז דאָ צופעליק געבליבן שטיין אַ פאַרטראַכטער, טוט אַ וואָרטש מיט אַ ברוגז פנים:

---

* דאָרט גייט די רייד וועגן אַ בתולה וואָס איז שוין קיין בתולה נישט...

— דווינסקער בער מיט לאַפּעס, אין מסכתא שבת, דף לג, עמוד א, זאָגט די גמרא: „כל המנבל את פיו מעמיקין לו גהינום״ *, טפו! — שפּייט ער אויס און טוט אַ גיי אַוועק.

— אַהאַ! — כאַפּט זיך יאַנטל דווינסקער, גאָרנישט אַנבינדנדיק צום פּילווישקערס אַריינמיש. — פאַרשטיי איך שוין. וואָרן ווער ס׳באַקומט שוין די מזומנים, איז מען אים אויפן אָרט מודיע, אַז די ישיבה וועט זיך בכלל נישט עפענען צום נייעם זמן, און זאָל ער זיך זוכן אַ צווייטע ישיבה. „משנה מקום משנה מזל״ **.

— וואָס פאַר אַ מזל קאָן שוין האָבן אַזאַ אין אַ נייער ישיבה, אַז קיין המלצה־בריוו באַקומט ער נישט! — וואַרפט צו, נישט אָן שאַדנפרייד, דער פלונגיאַנער, פון ראָש־ישיבהס צד.

איז בערל דווינסקער משנה די גירסא:

— „משנה מקום, משנה שלימזל״ ***. נאָר צום ערגסטן האָט דער שלימזל געטראָפן דעם פרומען קאַווקאַזער מיטן „שטילעט״, וואָס איז נעבעך געאָט די נשמה שולדיק. אים האָט מען דעם ערשטן משלח געווען: „כי חרבך הנפת עליה ותחללה״ — וואָרן דיין האַקאַייזן האָסטו אויפגע־הויבן דערויף און האָסט עס פאַרשוועכט. ער וועט זיך שוין פּאַשען צוזאַ־מען מיט די ווילדע ציגן אויף די קאַווקאַזער בערג.

איז שוין מוסיף דער טאַווריגער:

— דערפאַר איז דער שטשוטשינער חזן געוואָרן זיין יורש־עצר, האָט פאַרנומען זיין אָרט און שטענדער, זיין „שטאָט״, לעבן אָרון־קודש און זינגט „איכה ישבה בדד העיר״ — ווי אַזוי איז געבליבן זיצן אַליין די שטאָט.

51

ביי אַזאַ צושטאַנד אין ישיבה פאַלט דעם מאַציעווער אין גאַנצן אָפּ דער חשק צום לערנען. ער כאַפּט זיך אָפּט אַרויס הינטער דער ישיבה

* ווער ס׳רעדט ניבול־פה, מאַכט מען אים טיפער דעם גיהנום.

** ווער ס׳ענדערט דאָס אָרט, ענדערט דאָס מזל.

*** ווער ס׳ענדערט דאָס אָרט, ענדערט דעם שלימזל.

צום ברעג פון דער ווילִיע, וועלכע פליסט, נאָכן באַפרייען זיך פונעם ווינטערדיקן אייז און פון דער הילצערנער בריק איבער איר, וואָס די קרִיִעס האָבן, לויט זייער חזקה, מיט זיך אַוועקגעטראָגן — רחבותדיק, פריי אָטעמענדיק, ברייט־צעפּלייצט און זון־באַגאָסן. און ווען ער זיצט אין ישיבה אַפילו, בטלט ער איבערן שטענדער, זיך איינהאָרכנדיק אין די שמועסן פון די בענק־שכנים; טרוימט וועגן שרהקע דעם ראָש־ישיבהס, טראַכט וועגן אסתרן און איז אין כסדרדיקער אויסגעבענקטער דערוואַרטונג, די פּרילינג־מוזע זאָל זיך צון אים אַנטפּלעקן. ווי ס׳וואָלט זיך אים וועלן שרייבן וועגן דער אויפגעאָטעמטער, אויפגעגרינטער, אויפגעלעבטער נאַטור! וועגן ליבע: וועגן זיין ליבע צו שרהקען, אַ ליבע וואָס איז אַזוי אײדל געשפּינט, ווי אַ ווייס פּודער־כמאַרעלע אויפן לויטערן בלויען הימל; וועגן דעם בלומבאָקאַל אויף אסתרס פענצטער, וואָס... אין גֶעדאַנק שטעלט ער אים אָפּט אַנידער אויפן פענצטער ביי שרהקעס צוקאָפּנס.

סע דאַכט זיך אים, דעם מאַציעווער: ער לעבט איבער אַ סך פּאָעטיש. אָבער ער — קאָן נישט אויסוועדקן די געפילן און געדאַנקען, פאַרקערפּערטע אין ווערטער, אויסגעשטעלט ריטמיש און געפּאָרטע אין גראַמען... אפשר איז עס דערפאַר, וואָס די געפילן לעבט ער דורך אויף פּראָסט יִדיש, און אויסווערקן זיי וויל ער דווקא אויף לשון־קודש? איידער ער געפינט אין געדאַנק דאָס פּאַסיקע לשון־קודש־וואָרט אויף איבערזעצן זיין יִדיש געפיל, רינט דאָס געפיל אויס, און ס׳וועפּט זיך אויס די שטימונג. איז וואָס איז דאָס חידוש וואָס דויד פרישמאַן ענטפערט אים נישט אַפילו וועגן זיינע לידער: ער האָט דאָך גלייך דערפילט אַז זיין פּאָעטיש געקעכץ, ווײלוולס, איז פון אַ כלי־שני.

פון דעסטוועגן זוכט ער שטימונג פאַר שרייבן פּאָעזיע: אפשר פּאָרט. אָנהייב אָוונט לאָזט ער זיך צום ברעג פון דער ווילִיע, ווו סע שטייען די באַרקעס אַריבערצופירן די סלאָבאָדקער איינוווינער קיין קאָוונע און צוריק. קיין סך פּאָרער זענען שוין צו דער צייט נישטאָ. ס׳פּאָרן געציילטע עטלעכע מענטשן, דער עיקר צוריק. דער אָוונט הענגט איבערן קאָפּ מיט אַן אויסגעשטערנטער הימל־חופּה... ווען לעבן אים וואָלט ערשט זיצן שרהקע. דער זעגל איז אָנגעבלאָזן־אָנגעצויגן און הענגט ווי אַ שמאַכטנדיקער נאַכטפויגל; דער איינציקער לאַמטער, וואָס הענגט אַראָפּ פון מאַשט, זייט־דורך דורך זיינע פאַרריסטע שייבלעך אַ טריברויטע שיין,

עפּעס אַזאַ כּישופדיקע, ווי... פון אַ באַלאַדע; ס׳גייט אויף דאָס סודותדיקע ריזלען פונעם שטראָם ביי די ווענטלעך פון דער באַרקע און, פון צייט צו צייט, ווי אַ קרעכץ פונעם שטייערשטאַנג. ביי אַן אויסדריי טוט עס אַ וויג צוזאַמען מיט דער באַרקע, נישט אין גאַנצן אָן פּחד, סיי פאַרן שוואַרצן וואַסער מיט זיין געאַנטער טיף, סיי פאַר דער נאַכטיקער טיפקייט, וואָס לאָזט זיך ערגעץ אויס און פאַרזינקט אין שטומע פינצטערנישן... ווען שרהקע וואָלט דאָ ערשט געזעסן דערלעבן און זיך פאַר פּחד געטוליעט צון אים, וואָלט ער אינעם פּחד שוין פאַרגעסן; און אפשר זי אויך?

„...נו, — טוט ער אַ טראַכט, ווען די באַרקע דערנענטערט זיך צוריק־וועגס צום סלאָבאָדקער ברעג, — היינט, דאָנערשטיק, אַז צו אסתרן גיי איך נישט אַריין, איז ווי נאָר איך קום צו זיך אין צימער, זעץ איך זיך אַוועק עפּעס אָנשרייבן”. און ווי נאָר ער שפּאַנט אַריבער דעם ראַנד פון דער באַרקע אויפן פייכטן זאַמדברעג, נעמט ער שפּרייזן שנעל, ווי עמעץ וואָס טראָגט אַ געפונענעם אוצר אין ציטערניש, אים אויפן וועג, חלילה, נישט צו פאַרלירן: „וואָס פריִער זיין ביי זיך!”.

אַריינגעקומען, צינדט ער אָן דעם הענגלאָמפּ, טוט זיך גלייך אַ זעץ צום טישל, נעמט אַרויס פון טישקעסטל דאָס נייטיקע און בלייבט זיצן איבערן פּאַפּיר מיט אַ פאַרטראַכטן שטערן און פאַרקלערט־וואַרטנדיקע פינגער מיטן הענטלפען. ער האָט אָן אַנונג, אַז הינטער זיינע געבויגענע קאָפּ־און־פּלייצע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט עפּעס אַ רוחניותדיק געשטאַלט, אַ יונגפרוי, אָטעמט איבער זיין שטערן מיט אַ וואַרעמען טוי, און אָט־אָט וועט זי אים איינרוימען אין אויער וואָס אַרויפצובריינגען אויפן פּאַפּיר...

אַך, נישט באַשערט! מע קלאַפּט אָן אין טיר. ס׳קומט אַריין אַן אומ־באַקאַנט ייִדל מיט אַן ארומגעקייַלעכיקט רויטלעכבלאָנד בערדל, מיט אַרומ־טאַפּנדיקע, מאָנענדיקע אויגן; און איבער זיין קאָפּ — אסתרס שפּאָטיש און גלייכצייטיק מילד־צעשמייכלט פּנים:

— אויב איר ווילט, ישיבה־בחור... דער ייִד טרעפט אויף דער האַנט.

— איך וויל נישט. איך דאַנק — ענטפערט ער אומצופרידן־דענער־ווירט און וואַרט, זיי זאָלן אַרויסגיין. אַפילו אסתר איז אים נישט קיין אַנגעלייגטער גאַסט ערשט: די מוזע דאַרף אים געבן ווערטער פאַר שרהקע דעם ראָש־ישיבהס.

אָבער דאָס ייִדל מאַכט פון דעסטוועגן צוויי טראָט אין צימער אַריין.

— איך גלייב נישט אין די־אָ זאַכן! — צערנט שוין דער מאַציעוווער און וויל אַראָפּלאָזן דעם בליק אויפן פּאַפּיר.

אין דעם מאָמענט ווערט זיין בליק פאַרהאַלטן פון דעם ייִדלס אַ קוק אויף אים פון אויבן אַראָפּ. דאָס ייִדל נעמט רעדן שנעל־שנעל, ווי ער איילט זיך אָפּצוזאָגן זיינס און אַרויסגיין:

— אַזוי? אַ ישיבה־בחור, און גלייבט נישט אין „חכמת־היד״? אפשר גלייבט איר נישט אין תפילין של־ראָש און של־יד אויך? „חכמת־היד״ איז נישט קיין קאָרטנוואַרפעריי. איך בין נישט קיין ציגיינערטע, ווי איר זעט. און די גאַנצע זאַך קאָסט נישט מער ווי צען גראָשונות. נאָר אַז איר גלייבט נישט, איז דאָך נישט שייך. נו, איז נישט. „רוח והצלה...״ *. נאָר צי גלייבט איר טאַקע נישט? איז מילא, וועל איך אייך זאָגן עטלעכע זאַכן חינם־אומזיסט, אַפילו נישט קוקנדיק אייך אויף דער האַנט. ווער עס נישט זיין תורה־שבכתב, נאָר תורה־שבעל־פה. המם, איר זענט נישט געבוירן געוואָרן, נישט אום יום־טוב, נישט אין דער וואָכן. איר זענט נישט, נישט יום־טובדיק, נישט וואָכעדיק. כאַ־כאַ־כאַ... נישט מילכיק, נישט פליישיק. איר זענט געבוירן געוואָרן אין אַ חול־המועד־טאָג.

—„אַ שקר!״ — וויל דער מאַציעוווער אים אַ געשריי טאָן מיט צאָרן אין פנים אַריין. — „איך בין געבוירן געוואָרן אין חודש תמוז!״. נאָר דאָס ייִדל מאָלט ווייטער:

— און ווען מ׳האָט אייך געייִדישט, האָט מען אייך געגעבן צוויי נעמען — גאַנצע צוויי! נו, האָט זשע אייך אַ גוטע נאַכט. אַז ס׳איז אַ מענטשן נישט באַשערט צו דערוויסן זיך זיין גורל אין ווייטערדיקן לעבן... המם, אַ גוטע...

פון זיינע אַלע שנעל־אָפּגעמאָלענע רייד, דערהערטע און נישט־דער־הערטע, בלייבט ביים מאַציעוווער אין שאַרבן שטעקן זיין זאָג גאָר אין אָנהייב: „אפשר גלייבט איר נישט אין תפילין של־ראָש און של־יד אויך?״ און זיין זיבערן זאָג צום סוף: „האָט מען אייך געגעבן צוויי נעמען — גאַנצע צוויי!״, — סיי דאָס ערשטע, סיי דאָס צווייטע זענען דאָך ריכטיק! קיין תפילין לייגט ער נישט און הייסט צוויי נעמען — חיים וועלוול. און בעת דאָס ייִדל שטעקט שוין נישט־געאיילט אַרויס אַ האַלבע פלייצע פון

* אַ דערלייכטערונג און רעטונג... וועט קומען פאַר די ייִדן פון אַן אַנדער אָרט.

יענער זייט טיר, אַרויסשטופנדיק אסתרן, טוט ער, ווערלוול, אַ רוף די האַלבע וואָס געפינט זיך נאָך דאָ:

— מילא. וואַרט שוין צו אַ רגע, פעטער...

און שוין איז דער פעטער דאָ, נישט נאָר מיט דער אַנדערער העלפט פּלייצע, נאָר מיטן גאַנצן פּראָנט, און ווי ער וואָלט, ווי אַ מאַגנעט, מיטגעצויגן נאָך זיך אסתרן:

— גוט, וואָס איר האָט זיך באַדענקט רעכטצייטיק. איר ווערט קיין הרטה נישט האָבן.

אייגנטלעך האָט ער שוין חרטה, דער מאַציעווער. ער שעמט זיך פאַר אסתרן און פאַר זיך אַליין אַפילו, וואָס ער האָט זיך געלאָזט „מפתה" זיין, ווי אַ „נערה המאורשה"*, און גייט צו צו דער קאָמאָדע אין עק צימער, וווּ ס'איז געוויג טונקל, און שטעלט זיך מיטן רוקן צו דער שיין, אַז דאָס פּנים זאָל זיין אין גאַנצן אין שאָטן. ער קוקט נישט אין אסתרס זייט (...זי האָט געוואָלט אים אויספּרוּוון, צי ער איז טאַקע אַזאַ נישט־גלייביקער, ווי ער זאָגט עס, און ממילא נישט קיין „פּאַטראָן"? צי אפשר גלייבט זי אַליין אין דעם טרעפעניש, און וויל אַזוי־אַרום־נאָך געוואָר ווערן וועגן אים און זיינע סודות?) און טראָגט אונטער צום יידלס בליק אַן אָפענע דלאָניע. דעם יידלס פּנים ווערט זייער ערנסט. ער טוט אַ קוק אויף זיין אומצוטרוילעכן קליענט מיט אַ שווערן בליק, „וואָס דאַרף, ווי בליי, אַראָפּנידערן צו די תהומות פון זיין נשמה", נעמט זיין דלאָניע, ווי אַן אָפן ספר, קוקט זיך שאַרף איין אין איר, פירט דעם בליק איבער אירע שטריכן, ווי ער וואָלט געלייענט געשריפטס, און נעמט מאָלן גיך־גיך, אַז ס'איז נישט מיטן אויער און נישט מיטן געדאַנק די ווערטער צו דערכאַפּן; מער ווערט פון זיין ווערטער־געמאָלעכץ פאַרשווונדן, ווי איבערגעבליבן:

— ...צוויי בת־מלכות שטייען אויף אייער יוגנטלעכן וועג. איינע — אַ שוואַרצע („...דאָס מיינט אסתרן, כאָטש זי איז אַ בת־סנדלר"**, — טוט עס אינעם מאַציעווער אַ בליץ), און די צווייטע — אַ בלאָנדע („...שרהקע דעם ראָש־ישיבהס. טאַקע אַ בת־מלך: „חכם קודם למלך ישראל"***).

---

* אַ פּאַרקנסט מיידל.

** אַ שוסטערס אַ טאָכטער.

*** אַ חכם איז קודם פון אַ מלך ישראל.

איינע — נאָענט, און מע טרינקט פון איין גאָלדענעם באָקאַל („... אסתּר און דער בלומבאָקאַל!"), די צווייטע — ווייט־ווייט („...שרהקע אין דער צוקונפט"). אָבער וואָס נאָענט, קאָן ווערן ווייט־ווייט. וואָס ווייט־ווייט, קאָן ווערן נאָענט, („והיו לבשר אחד" * ...ער לייענט אין מיין האַרצן, ווי פון אַ ספר אַרויס!"). דאָס געווענדט זיך אין אייערע דריי מזלות, המם, און איר קוקט אויס, ווי אַ דורשטיקער אין דער מדבר וואַסער — אַ בריוו. אין דעם בריוו, מיינט איר, האָפט איר, איז איינגעוויקלט אייער גאָרער מזל („...דויד פרישמאַנס ענטפער!").

— נו?! — מאָנט שוין ביי אים דער מאַציעווער, ווען יענער בלייבט שטיין אַן אויגנבליק צו פאַרשן, מער ווי זיין דלאָניע, זיין פּנים.

— דער בריוו איילט זיך גיכער פון אייער פאַרלאַנג. ער איז שוין אין וועג. ווי אַ פויגל פליט ער, ווי נוחס טויב מיטן גרינעם בלעטל אין שנאָבל. ער וועט צון אייך דערגרייכן, אויב... אויב דאָס מזל פון דער וועלט וועט נישט די טויב אין אַ מדבר פאַרטראָגן, ווייל שלעכטע, בייזע צייטן קומען אָן אויף דער וועלט: שרפות, מאָרד און בלוט. הונגער און נויט. מלחמה! רדיפות און נגישות אויף יידן. און...

— גענוג! — דערשרעקט זיך דער מאַציעווער און טוט אַ כאַפּ אַוועק די דלאָניע פונעם טרעפערס האַנט: ווער ווייסט וואָס נאָך פאַר אַן אומגליקן ער קאָן דאָ אָנברייען! ווי ער וואָלט אַרויסגעלייענט נישט פון זיין דלאָניע, נאָר פון דער דלאָניע פון דער וועלט. — פאַר די צען גראָשן האָט איר שוין גענוג געטראָפן. נאָט זיי אייך.

— נו, זעט איר שוין! — טוט דאָס יידל אַ זאָג מיט נצחון, און שוין פון דער צווייטער זייט טיר, — אַ גוטע נאַכט.

— כי־כי־כי... — צעכיכיקעט זיך אסתר, אומבאַשטימט פון וואָס און פון וועמען. — ער האָט ביי מיר אויך פאַרדינט צען גראָשן.

— פאַרדינט? אויסגענאַרט. נו, נאַרישקייטן! — מאַכט וועלוול אָנ־שטעל, שעמעוודיק און ווי זיך פאַרענטפערנדיק. — אַן אָרעמער ייד. ער דאַרף אַוודאי די פאַר צענערלעך אויף צו מאַכן שבת. ער האָט גוט געטראָפן — פון זיין יידענעס וועגן.

* און זיי וועלן ווערן צו איין לײַב.

אָבער אסתרן קיצלט גאָר עפּעס אַן אַנדערע זאַך, און האַלב וויצלענדיק זיך און האַלב אין ערנסט:

— זאָג מיר נאַר, וועלוול, נאָר דעם ריינעם אמת: ווער איז דאָס די בלאָנדע בת־מלכה, וואָס שטייט אויף דיין וועג? צי נישט צו מאָל איינע פון דיין ראָש־ישיבהס דריי קראַסאַוויצעס? וואָלסט מיר כאָטש געזאָגט וועלכע קאָנקורירט עס מיט דער שוואַרצער בת־מלכה. די עלטערע צוויי קען איך. אויב די דריטע קאָנקורירט מיט זיי אין מיאוסקייט, איז עס אַ „טראַיקע״* אויף בילעטן צו נעמען. כי־כי־כי...

וועלוול דערפּילט זיך געטראָפן פאַר שרהקען, אָבער נאָך מער איז ער צעמישט: פון וואַנען האָט זי זיך עס אָנגעשטויסן דעם אמת? דאָס האַרץ זאָגט איר אונטער? ווי זי וואָלט זיך ביי דעם ייִדן אויסגעלערנט פאַר די צען גראָשן טרעפעריי! צי... זי פרעגט זיך נאָך ביי עמעצן וועגן אים, און ווייסט אַז ער גייט אָפט צום ראָש־ישיבה אין שטוב?

אָבער באַלד איז ער גובר אין זיך זיין צעמישטקייט, וואָס קאָן אים אויסגעבן. דערויף האָט ער דאָך אַן אייזערנעם קאָפּ אויף די פּלייצעס, צו קאָנען אויסגעפינען אַ ראיה, אַז זי האָט אַ טעות — לחלוטין! נאָך וואָס פאַר אַ ראיה!

— האָסט דאָך געהערט וואָס ער האָט געזאָגט בפירוש: „די צווייטע — וויט־וויט״. נו. ווי ווייט איז עס פון פסח דראַטווינס שטוב צום ראָש־ישיבהס? צוויי גאַסן, ווי אַ דלת אין אַ גרויסן סידור.

און ער באַפעסטיקט נאָך זיינע רייד, איבערגייענדיק פון אַ שמייכל צו אַ געמאַכטן געלעכטער:

— כאַ־כאַ־כאַ... ער האָט אַוודאי געמיינט, דער טרעפער, דעם קייסער ניקאָלאַיס טאָכטער אין פּעטערבאָרג.

— כי־כי־כי... — פאַרשפּיצט אסתר זיין כאַ־כאַ־כאַ. — מילא. אפשר האָב איך אויך אַ פּרינץ, און דווקא נישט אַזוי וויט („...אין קאָוונע. דער דאַנטיסט״ — פאַרענדיקט וועלוול אין געדאַנק). זענען מיר קוויט. אַ גוטע נאַכט, און זאָלן זיי אונדז קומען צו חלום...

פון זעצן זיך צוריק צום טישל שרייבן איז שוין נישטאָ וואָס צו טראַכטן. די מוזע איז דערוויל אַוועקגעפלויגן וויט־וויט, אַז קיין אָטעם

* אַ דריילינג.

איז פון איר נישט פאַרבליבן. אָבער אין לעצטן סכּהכּל איז ער גאָר צופרידן פונעם „צענגראַשנדיקן געשעפט״, וואָס ער האָט געמאַכט מיטן „חכמת־היד״ניק. ער האָט דאָך פאַרט געטראָפן — אַ ביסל וועגן זיין נישט לייגן קיין תפילין און דער עיקר, אַז ער הייסט צוויי נעמען, אַז צוויי שטייען אויף זיין וועג, אַז ער קוקט אויס אַ בריוו! איז פאַר וואָס זאָל ער האָבן נישט געטראָפן וועגן דויד פרישמאַנס ענטפער, פון וועלכן ער האָט שוין געהאַט זיך מיאש געווען? און אויב פרישמאַן האָט אים נאָר געענטפערט, איז שוין נישט קיין זאַ גרויסע נפקא־מינה וואָס. המם, און וועגן שרהקען, אַז סע „געוועגדט זיך אין אייערע דריי מזלות״, — המם, איך גלייב נישט אין מזל־שלימזל. סע וועגדט זיך אין מיר! יאָ! מילא, איצטער, פאַר פּסח און אום פּסח אַליין, איז ווי סע גייט שוין מיטן לערנען, גייט עס. אָבער נאָך פּסח, גלייך מיטן אָנהייב זמן, מיטן אָנהייבן אַ נייע מסכתא, טו איך מיך ווידער אַ נעם צום לערנען כּדבעי למהווי*! דער איישישאָקער וועט דאָך שוין געוויס צוריק נישט קומען — וועל איך זיין דער איינציקער מתמיד אין ישיבה! איך האָב דאָך שוין אַ מאָל באַוויזן, אַז אויב נאָר איך וויל, קאָן איך! ווען נישט די קראַנקהייט דעמלט, וואָס האָט איבערגע־שלאָגן אין מיטן דערינען, וואָלט איך אפשר געווען פאַרבליבן אַ מתמיד ביז היינטיקן טאָג.

סיי ווי, — באַשליסט ער, — צום נייעם קאָוונער רב גיי איך שוין מאָרגן!

52

ווי נאָר דער קאָוונער רב קומט אַריין אין דעם חדר, ווו מ׳האָט אים, דעם מאַציעוער, געהייסן צוואַרטן, און הערט פון אים אַז ער איז אַ געוועז־ענער תלמיד פון דער קרינקער ישיבה, טוט אַ לייכט און אַ ליכטיק שמיי־כעלע פון נחת־רוח אַ שוועב איבער זיין פּנים און מאַכט שימערן די האָר פון זיין צוויישפּיציקער באָרד באַפּראַשעט מיטן זילבערנעם שטויב פון אָנקומענדיקער זיקנה:

* ווי ס׳קער צו זיין.

— זענט איר דאָך אַ תּלמיד פֿון מײַן טאַטן, זאָל לעבן און מאַריך ימים זײַן! זײַער אַן אָנגעלייגטער גאַסט.

ס׳איז קענטיק אַז דער רב איז אין גרויס אײלעניש. ווײַל ער זעצט זיך אַפֿילו נישט. ער טוט אים אַ פֿרעג פֿון וואַנען ער איז און, באַקומען אַן ענטפֿער, פֿרעגט ער אין וועלכער פֿון די סלאָבאָדקער ישיבֿות ער לערנט, נאָר דערויף ענטפֿערט ער זיך שוין אַליין:

— מסתּמא נישט אין „כּנסת ישׂראל"; מײַן טאַטע, זאָל מאַריך שנים זײַן, האַלט נישט פֿון זיי, נו, און זיי האַלטן נישט אַזוי שטאַרק פֿון אים. איז וויפֿל יאָר לערנט איר שוין הי? און וואָס האָט איך געבראַכט אהער צו מיר?

פֿון צעמישטקייט וועגן לאָזט דער מאַציעווער די ערשטע פֿראַגע אָן אַן ענטפֿער און ענטפֿערט אויף דער צווייטער מיט אַן עניוותדיקן טאָן, וואָס באַהאַלט אויס זײַן שרעקעוודיקייט מיטן גרייסן זיך צוזאַמען:

— כ׳בין געקומען בעטן דעם רב, דער רב זאָל אויסהערן מײַנעם אַ תּירוץ אויף דעם „נודע ביהודה"ס אַ קשיא. דער „נודע ביהודה" אַליין לאָזט זי נישט פֿאַרענטפֿערט. דער קאָוונער רב, רב יצחק אלחנן, האָט אין זײַן ספֿר „עין יצחק" יאָ געגעבן אַ תּירוץ, אָבער, המם, מיר דאַכט זיך, אַז ... אַז מײַן תּירוץ איז... איז אַ ביסל בעסער.

— אַזוי?! — טוט דער רב אויף אים אַ געכאַפּטן בייזן בליק, אָבער רעדט ווײַטער מילד־פֿאַרגעבנדיק. — אדרבה, לאָמיר הערן, וואָס מײַן טאַטנס אַ געוועזענער תּלמיד פֿאַרגינט זיך צו ענטפֿערן אויפֿן „נודע ביהודה"ס אַ נישט־פֿאַרענטפֿערטע קשיא און, — ער טוט אַ שמייכל, — נאָך אַ ביסל בעסער פֿונעם קאָוונער רב, זכר צדיק לברכה, וואָס איך האָב די זכיה צו זיצן אויף זײַן כּסא־הרבנות...

דער מאַציעווער טוט זיך אַ רוק אַ פּאָר טריט אויף צוריק, ווערנדיק רויט און אַראָפּלאָזנדיק דעם בליק אויף דער רויטגעפּאַרבטער פּאָדלאָגע: צי עפֿנט זיך נישט פֿאַר אים די ערד, ווי פֿאַר קורחן? פֿאַר וואָס האָט ער זיך נישט פֿריִער די צונג אָפּגעביסן? אָבער פֿאַרפֿאַלן. ער נעמט שטאַמלענ־דיק און פֿאַמעלעך אויסוועקן פֿאַרן רב דעם גאַנצן ענין. געדולדיק און נישט איבעררײַסנדיק ביזן סוף, שווײַגט דער רב אַ ווײַל, נאָכדענקענדיק, און טוט אַ זאָג שטרענג:

— המם, אײַער חידוש־תּורה געפֿעלט מיר אַפֿילו. גאַנץ פֿײַן. מיר

געפעלט אָבער נישט, וואָס נאָך אַזוי יונג, און איר ווילט שוין דוחק זיין דעם קץ...

— איך... פאַרשטיי נישט... וואָס דער רב מיינט צו זאָגן. — שטאַמלט וועלוול אַ צעטומלטער.

— איר פאַרשטייט נישט? אָט דאָס האָט איר גוט געזאָגט. ווי ס׳דאַרף צו זיין. נו, זעט איר שויך, מיין טאַטנס תלמיד, זענען נאָך דאָ זאַכן, וואָס איר פאַרשטייט אַליין, אַז איר פאַרשטייט נישט. דאָס איז גוט. וועל איך אייך אויסטייטשן. אפשר האָט איר עס שוין געלערנט. אין סוף פון דער מסכתא סוטה, אין דער משנה, ווערט געזאָגט: „בעקבות משיחא חוצפא יסגא" — פאַרן קומען משיחס וועט זיך צעוואַקסן די חוצפה. חוצפה, הייסט עס, איז דוחק דעם קץ. אַז אַ בחורל ווי איר זאָגט אַפּילו אַ פיינעם חידוש, דאַרף ער ביים דערמאָנען אַזעלכע גאונים ווי דער „נודע ביהודה" און דער קאָוונער רב, רב יצחק אלחנן, זכרונם לברכה, רעדן מיט אַ טיפן דרך־ארץ און יראת־הכבוד, און וועגן זיך מיט אַ הכנעהדיקן „לפי עניות דעתי"*. „במקום גדולים אַל תעמוד" — פאַר גדולים שטיי נישט מיט קיין אויפגעהויבענעם קאָפּ...

דער מאַציעווער שפירט ווי זיין קאָפּ בייגט זיך אים אַלץ נידעריקער אַראָפּ, דאָס בלוט אַנטלויפט אים פון פנים, סע שווינדלט אים פאַר די אויגן די רויטע פאָדלאָגע און סע טריקנט אים אין האַלדז. אַפּילו ווען ער זאָל האָבן ווערטער זיך צו פאַרענטפערן, וואָלט אים די קעל נישט געדינט. דער רב פאַרשט עס מיט צופרידנקייט נאָך, און גיט שוין צו ווייטער:

— איך האָב אייך דאָך געזאָגט: אייער חידוש געפעלט מיר, און, ווי זאָגט די גמרא אין מסכת מגילה דף טו, עמוד ב: „מרגלית כל מקום שהיא מרגלית שמה" — אַ פערל איז אומעטום אַ פערל... אויך דאָס וואָס, ווי איך זע, איר נעמט זיך איבער מיט מיין מוסר, איז גוט. ווייל ס׳איז פאַראַן אַ מדרש: „כל המקבל תוכחה, זוכה לברכה" — ווער ס׳נעמט אויף שטראָף־רייד, איז זוכה צו ברכה. פון וואַנען נעמט זיך צו אַ מענטשן חוצפה? פון גאווה, דאָס הייסט פון שטות. ווייל „ענוה סיג לחכמה" — עניוות איז אַ צוים פאַר חכמה, זאָגט אַ מדרש. און וואָס איז גאווה? דער היפוך — אַן אָפּענער טויער פאַר שטות, און שטות איז ביי אַן אייזל. דאָס איז אפשר

---

* לויט מיין אָרעמען פאַרשטאַנד.

דער זין פון דעם וואָס די גמרא זאָגט אין סנהדרין דף צח, עמוד א: „משיח על חמרא אתי״ — משיח וועט קומען אויף אַן אייזל. אָבער ווי קומט עס צון אַ תלמיד־חכם, ער זאָל דוחק זיין דעם קץ? המם, יאָ, ס׳איז כדאַי געווען צו האָרכן אייער חידוש. איר פֿאַרשעמט נישט אייערע רבים. נו, מע וואָלט נאָך געקאָנט וועגן אייער חידוש אַליין אַ שמועס טאָן, נאָר „לדאַבוני״* האָב איך ווייניק צייט. אַן עיר־ואם בישראל ליגט מיר אויף מיינע שוואַכע פּלייצעס. דערפֿאַר האָב איך אייך אויפגענומען שטייענדיק.

נאָר אַזוי ווי דער מאַציעווער שטייט נאָך אַלץ אַ געפּלעפּטער, איצט שוין דער עיקר צוליב דעם רבס לויב, און רירט זיך נישט פון אָרט, טוט ווידער אַ שמייכעלע אַ שימער איבערן זילבערשטויב פונעם רבס באָרד, מאַכט זי ווי שיטערלעכער, די האָר צו ציילן, און דער רב ציט ווייטער:

— איך האָב זייער קיין צייט נישט. וואָרן חוץ וואָס אַ ייִד דאַרף לערנען — און אַ רב איז אויך נישט פּטור דערפון — זענען דאָך די צרכי־ציבור מרובים** און ליגן ווי משא־כבד אויף די פּלייצעס פונעם מרא־דאַתרא. — און דאָ שטרעקט ער אים אויס די האַנט. — נו, איר פֿאָרט דאָך מסתם אַהיים אויף פּסח, איז פֿאָרט בשלום. האָט אַ חג־שמח און קומט בשלום צוריק. איך וועל גערן אייך זען דאָ נאָך אַ מאָל, ביי מער צייט. זאָגט דאָך אַ מדרש: „תלמידו של אָדם נקרא בנו״, אַז איר זענט מיין טאַטנס אַ תלמיד — אַ זון, בין איך דאָך אייערער אַן עלטערער ברודער.

ביים מאַציעווער איז דאָס מויל געשלאָסן ווי מיט אַ צוואַנג. ער טוט זיך בלויז טיף אַ פֿאַרנייג און לאָזט זיך הינטערווייַלעכטס צו דער טיר.

— למען־השם, — באַגלייט אים נאָך דעם רבס שטים, — נאָך פּסח קומט צוריק צו אונדז.

53

עטלעכע טעג נאָך דעם געשעעניש, ווען דער מאַציעווער קומט צום ראָש־ישיבה, אין אַ געהויבענער שטימונג, מיט דער כוונה אויסצווירקן אויך פֿאַר אים זיין אויסגענומענעם חידוש, טוט דער רבי צון אים אַ זאָג:

* צו מיין באַדויערן.

** די געזעלשאַפטלעכע נויטן זענען פיל.

— מאַציעווער, איך גיי אין שטאָט אַריין, צו אונדזער ישיבה־קאָמי־טעט, — אפשר האָט איר חשק מיך אַהין צו באַגלייטן?

דער תלמיד ענטפערט אים מיט שטומער התפעלות אויפן פנים, אַז וואָס פאַר אַ פראַגע איז עס גאָר?! און אַזוי ווי דער ראָש־ישיבה איז שוין אינעם מאַנטל, לאָזן זיי זיך גלייך גיין.

אַוודאי איז עס נישט ווי יענער התלהבותדיקער גאַנג זייערער מיט אַ פאָר וואָכן צוריק צו דאַווענען צוזאַמען מנחה, אָבער דערפאַר אויך נישט, ווי דעמלט, אַ גאַנג אין אַ פייכטן דרויסן, שטויסנדיק מיט די שיך די סלאָ־באַדקער ערב־פורימדיקע בלאָטעס. ס׳איז אַ הערלעכער שפּאַציר אין יונגן פרילינג. די זון שטייט אין הימל, „כחתן יוצא מחופתו״*, און די גאַנצע וועלט טובלט זיך אין איר וואַרעם און מחיהדיק ליכט. זיי גייען איבער דער שוין צוריק אויפגעשטעלטער בריק פון דער ווילִיע. דער צעגאַסענער טייך איז באַשאָטן מיט מיליאָנען מעסערשאַרפלעך פון שיין, וואָס שאַרפן זיך איינס אויפן אַנדערן און שניידן מיט בלענד די אויגן. ער אַליין, דער מאַציעווער, זיין געמיט, איז אַדורכגעלויכטן פון דעם זינגענדיקן ליכט אין דער וועלט, פון דעסטוועגן לאָזט ער נישט אַראָפּ קיין אויג פונעם ראָש־ישיבה. דער רבי גייט פּאַמעלעך, עטוואָס געבויגן, דער קאָפּ אַראָפּגעלאָזן, כמעט שרעקעוודיק. קוקט זיך אַלע ווייל אַרום מיט אַ געכאַפּטן בליק אין די זייטן, ווי ס׳וואָלט אים, חלילה, דראָען פון ערגעץ אַ סכנה.

„...וואָס שרעקט אים אַזוי? די וועלט מיט איר צופיל ליכט?... פאַר וועמען שרעקט ער זיך? פאַר די גויִים, וואָס גייען פאַרביי, אָדער אויך פאַר די געראַזירטע ייִדן, וואָס זעען אַוודאי אויס אין זיינע פרומע אויגן ווי גויִים?״ — פרעגט זיך דער מאַציעווער און אין זיין געדעכעניש גייט אויף אַ בילד:

— — ווינטער. אַנהייב אָונט. ער זיצט לעבן ראָש־ישיבה, אין זיין שלאָפצימער, הינטערן טיש מיט אָפענע גמרות. ער לערנט מיט אים אין דער מסכתא „נזיר״ די סוגיא פון „חרצנים״**. פון מאָל צו מאָל הייבט זיך דער רבי אויף פון אָרט און שפּאַצירט אַרום, לערנענדיק, איבערן צימער. אָט בלייבט ער שטיין לעבן אויוון, די הענט פאַרלייגט אַהינטער, וואַרעמט

* ווי אַ חתן גייט אַרויס פון זיין געמאַך.

** קערלעך פון ווייַנטרויבן.

זיך און באַסמאַקעוועט זיך דערביי מיטן לערנען, ווי מיט אַ געשמאַק מאַכל. דאַכט זיך: וואָס פאַר אַ טעם קאָן מען משטיינס געזאָגט פילן אין „חרצנים"? נאָר פאַרן רבין איז עס, מסתם, ווי דער מן אין דער מדבר... דאַ לענט זיך שטיל אָפּ די טיר, און ס'באַווייזט זיך דער ראָש־ישיבהטעס פנים מיט אַ פאַרשנדיקן בליק. געזען, דער מאַן שטייט לעבן אויוון, מיינט זי, אַ פּנים — ער רוט זיך אָפּ אַ ביסל פונעם לערנען, און זי וועט אים נישט שטערן. שלייכט זי אַריין, שטעלט זיך לעבן אים ביים אויוון ווי אויך זיך אָנצוואַרעמען, און נעמט אים עפּעס מיטטיילן:

— רב ברוך בערל, ס'איז אָנגעקומען אַ בריוו...

דער ראָש־ישיבה רוקט זיך שעמעוודיק־שרעקעוודיק אָפּ פון איר. מיינט זי, אַ פּנים — ער מאַכט מער פלאַץ פון אירעט וועגן, און רוקט זיך צו. רוקט ער זיך ווידער שעמעוודיק־שרעקעוודיק אָפּ. חזרט זיך עס איבער, ביז ער שטייט שוין ביי דער צווייטער שמאָלער זייט פון אויוון, וווּ פאַר צוויי איז בכלל קיין פּלאַץ נישטאָ, סיידן קוועטש זיך אַריין אין דער וואַנט אַריין. דעמלט הערט ער זי שוין ביזן סוף.

„הייסט עס, מאַכט ער דעמלט דעם אויספיר, דער ראָש־ישיבה שעמט זיך און שרעקט זיך צו שטיין זייט־ביי־זייט, אין בייזיין פון אַ פרעמדן, פון זיין תלמיד, לעבן אַן אישה, אַפילו זי איז די אייגענע פלוניתטע!" — —

ווערט אים ערשט מיט אַ מאָל קלאָר: ער שרעקט זיך, דער רבי, טאָמער קומט אים אָן פון הינטן, פון אַנטקעגן, אָדער פון די זייטן — אַן אישה, אַ נקבה.

אָט קומט טאַקע אָן אַנטקעגן פון ווייטנס אַן אויסגעפּוצטע פריילין. דער ראָש־ישיבה האָט זי, משמעות, נישט־ווילנדיק דערבליקט. ער שאָקלט מיטן קאָפּ אַהין־און־אַהער, ווי אָפּצוטרייבן אַ זלידנע פליג. באַלד נעמט ער רייבן דעם שטערן אונטערן קאַפּעליאָש מיט די שפּיצן פינגער, ווי די פליג וואָלט שוין נאָגן דאָרט זיין בלוט... מילא, פון דער סכנה, וואָס קאָן אָנ־קומען פון הינטן, קאָן ער אים נישט ראַטעווען: ער אַליין זעט דאָך נישט וואָס הינטער זיי טוט זיך; פון פאָרנט — נייגט דאָך יעדער אָנקומענדיקער אָפּ אויף אַ זייט; אָבער פון דער זייט — איז מעגלעך עפּעס אויפצוטאָן. און ווי נאָר ער דערזעט, אַז די אַנטקעגנקומענדיקע אויסגעפּוצטע פריילין פאַר־נעמט זיך פאַרבייצוגיין אין ראָש־ישיבהס זייט, טוט ער זיך אַ שטעל אַרי־בער אַהין און ווערט די מחיצה צווישן רבין און דער נקבה.

אַזעלעכעס הזרט זיך איבער עטלעכע מאָל. געכאַפּט זיך אויפן תלמידס אָפּטן אַריבערכאַפּן זיך פון איין זייט אויף דער צווייטער, איז אין אָנהייב דער רבי פאַרחידושט: וואָס מאַכט ער עס, דער מאַציעוווער, האַלבע הקפות אַרום אים? ביז לסוף ווערט אים קלאָר דעם תלמידס ערלעכע כוונות. בלייבט ער שטיין און טוט אַ קוק אויף אים מיט אַ בליק, אין וועלכן ס׳איז פאַראַן איינצייטיק סיי דאַנקבאַרקייט פאַרן ראַטעווען „מדינו של גיהנום״ *, סיי באַוווּנדערונג: זע נאַר! דער קליינער שרעקט זיך גאַרנישט פאַר קיין שום נקבה, ווי דויד פאַר גליתן. מיט וואָס פאַר אַ כוח?! הממ, ווי דעמלט ווען ער האָט ביים איינגעהייצטן אויוון גערעדט מיט נעכאַמען. אַ מין יוסף הצדיק, וואָס איז, אַ פּנים, זיכער ביי זיך, אַז ער וועט האָבן די גבורה צו אַנטרינען אין דער לעצטער מינוט, ווען די פּוטיפרע וועט אים שוין האַלטן פאַר אַ פּאָלע...

דער מאציעווער פילט זיך געהויבן פונעם ראָש־ישיבהס שטומער דאַנקבאַרקייט און באַוווּנדערונג און דערוועגט זיך אַפילו, אַזוי גייענדיק ווייטער, איבערצורייסן דעם רבינס מחשבות און אים מגלה זיין וועגן זיין באַזוך ביים קאָוונער רב, פון וואָס דער רבי קאָן נאָך אפשר אומצופרידן זיין: וואָס? ער, זיין רבי, איז אים שוין ווייניק?

— רבי, — זאָגט ער אומדרייסט און שטיל, — די וואָך, ווען כ׳האָב דעם רבין צוריק געבראַכט דאָס ספר מיט די שעורים, בין איך געווען מיט אַ חידוש ביים קאָוונער רב. — און גיט צו, ווי זיך צו פאַרענטפערן, — ער איז דאָך דער זון פון רב זלמן סענדערן, וואָס כ׳האָב ביי אים געלערנט...

— זייער וווּיל, זייער וווּיל! — איז דער רבי דווקא צופרידן. — און וואָס האָט ער אייך, דער קאָוונער רב, געזאָגט?

— „איר פאַרשעמט נישט אייערע רביס״... און ביים געזעגענען האָט ער מיר נאָך אָנגעזאָגט: „למען־השם נאָך פּסח קומט צוריק צו אונדז״. ער האָט געמיינט, איך פאַר אַהיים אויף פּסח.

נאָר דאָ פאַרזינקט דער ראָש־ישיבה ווידער אין מחשבות, און מערער אים צו באַאומרויִקן דערוועגט ער זיך שוין נישט, ביז ער פירט אים צו צום נייטיקן הויז און לאָזט זיך מיט שנעלע, לייכטע טריט צוריק צו זיין

---

* פונעם אָפּקומעניש אין גיהנום.

קוואַרטיר אין אַ נאָך געהויבענערער שטימונג, ווי ער איז צום ראָש־ישיבה געקומען.

*

די דערהויבענע שטימונג ביים מאַציעווער האלט אָן דעם גאַנצן ערב־פּסח און איז גובר און פאַרווישט די דערמאָנונג און דאָס בענקען נאָכן יום־טוב אין דער היים. משונהדיקע פּאָעטישע מחשבות פאַלן אים איין צייטנווייז: דער בלומבאָקאַל אויף אסתרס פענצטער וועט זיין ביים באַלעבאָס דער כוס־אליהו־הנביא צום סדר. ווען ער, וועלוול, וואָלט געזעסן ביים סדר, וואָלט ער אויף אַ רגע נישט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג פונעם בלומבאָקאַל. ווי אַ מאָל, קינדווייז, אין דער היים, פון אליהוס כוס, צו זעען ווי אליהו איז פון אים טועם. און וואָס וואָלט געווען, — טוט אים אַ טראָג אונטער אַ מחשבה, ווי אַ וואַרעמע כוואַליע, — ווען דער ראָש־ישיבה שיקט אים רופן און פאַרבעט אים, ווי דעמלט אום סוכות אין סוכה אַריין, אויף די סדרים צו זיך? — און שוין מאָלט אים די פאַנטאַזיע אַ זיצנדיקן ביים טיש און, שטאָט פונעם כוס־של־אליהו, לאָזט ער נישט אַראָפּ זיין אויסבאַהאַלטענעם בליק פון שרהקען. ער זעט זי דאָך נישט אַ גאַנץ יאָר! ווי שיין זי דאַרף זיין פּסח צום סדר — אָן אמתע בת־מלכה!

...אַך! ווען ער וואָלט געפונען ווערטער אויסצודריקן אָט די פאַנטאַזיעס און די געפילן וואָס זענען געוועבט מיט זיי צוזאַמען, סע זאָלן אַרויסקומען לידער! המם, און קיין ענטפער פון דויד פרישמאַן האָט ער פאָרט נישט באַקומען: די „חכמת־היד" האָט זיך באַנאַרישט, אָדער דער „חכמת־היד"ניק קאָן נאָר די חכמה פון אויסנאַרן ביי נאַראָנים די צען גראָשן פון זייער „יד" צו זיך אין „יד" אַריין? ער האָט אים געטראָפן, אַז ער הייסט צוויי נעמען, — ס'איז דאָך זעלטן צו טרעפן אַ ייִדן וואָס האָט נאָר איין נאָמען; „דער בריוו... ווי אַ פויגל פליט ער", — און דער פויגל איז אַפילו מיטן פרילינג נישט אָנגעפלויגן. עך, פאַנטאַזיעס!

אָבער עפּעס פון זיינע פאַנטאַזיעס ווערט דאָך מקויים. פאַרן ערשטן סדר קומט אַריין צון אים אין חדר די באַלעבאָסטע — אַ יום־טובדיקע, אַ זויבערע און צעשיינטע, ער וואָלט זאָגן, אַ געכשרטע, אַ פּסחדיקע — און טוט זיך אַ ווענד פאַרבעטנדיק:

— מיר וואָלט אפשר גאָר נישט איינגעפאַלן. נאָר מיין אסתרקע איז

דאָך אַ כאַכיימע, זאָגט זי צו מיר: „ווייסט וואָס, מאַמע? אפשר וואָלסטו פאַרבעטן אונדזער קוואַרטיראַנט, ער זאָל פּראַווען דעם סדר מיט אונדז?", — פאַרבעט איך אייך טאַקע. און מיין מאַן, פאַרשטייט זיך, אויך. און די קינדער.

בעת איר רעדן אַזוי, טוט זיך אַ מיש ביי אים אין געמיט, און עטלעכע מחשבות צעהוידען זיך אונטער זיין שאַרבן: פּראַווען אַ סדר ביי אַ פרעמדן טיש? „כל דכפין"*... פּראַווען דעם סדר דאָ אין טונקעלן צימער איינער אַליין? איך וועל דאָך פאַרן עסן באַצאָלן. ס'איז טאַקע אסתרס אויפטו, אָדער אירער? המם, אפשר מיינט מען דערמיט מיך אַריינצוציִען?

אָבער ווען זי זעט זיין קווענקלעניש און טוט, נאָך אַ ווייל שטומען אָפּ־וואַרטן, אַ לאָז אויס מיט אַ פאַרדריסלעכן טאָן: „נו, ווי איר ווילט", — פאַלט זיין ענטפער:

— נו, גוט. לכבוד פּסח.

דער באַלעבאָס דער שוסטער, פּסח דראַטווין, וואָס זעט אויס ווי אַ קליינשטעטלדיקער פעלדשער, וועלכער דאַוונט נאָר ראָש־השנה און יום־כּיפּור, פּראַוועט גראָד דעם סדר מיט אַלע פּיטשעווקעס; פּונקט אַ ליטוואַק. אמת, גרייזן מאַכט ער פון דעסטוועגן, און נישט איין מאָל קומט ביי אים אַרויס, ווי ביי זייער שכן אין מאַציעוו, לייזער טראַטש: „תרח אַבי. אברהם ואבי. נחור־ו־ור". און ער, דער ישיבה־בחור, מאַכט בלויז מיט די ליפּן איבער דער הגדה, ברומט אונטער און — נאַרט די וועלט!... ניין, ער פילט זיך נישט ווי ביי אַ פרעמדן טיש. פּאַרט זיצט דאָך דאָ אסתר, און פון מאָל צו מאָל וואַרפן זיי זיך איבער מיט בליקן. אויך אויף דער מיטלסטער שוועס־טער, אויף יאַכוועדן מיט די לאַנגע צוויי צעפּ (...זיי הענגען ערשט אויף איר, נישט אויף דער וואַנט) איז איצט כדאַי צו כאַפּן אַ קוק. פון דער ייִנגסטער, פון צלאַוועו, איז דאָך שוין אָפּגערעדט. אַפילו די אַלטע...

משמעות, ווען ער האָט זיך פאַרקוקט אויף די מיידלעך, האָט דערווייל דער אַלטער פאַרט דאָ און דאָרט עפּעס איבערגעהיפּערט. ווייל אָט גייט שוין די סעודה. און אײדער וואָס־ווען, איז שוין אויך די געשמאַקע סעודה ווי נאָכגעלאָפן דער הגדה, און דער באַלעבאָס טוט אַ באַפעל (היינט איז ער דאָך מלך!):

---

* „כל דכפין ייתי וייכל" — ווער ס'איז הונגעריק, זאָל קומען און עסן.

— נו־אָ. צלאָווע, גיי עפן די קיכטיר!

— דיין חתן קומט... — טוט אסתר אַ זייע דורך די ציין מיט אַ שמייכל.

— נו־אָ! — טוט דער מלך אַ קוק איבער די ברילן אויף איר בייז. — אליהו הנביא.

ערשט איצט, בעת דער מלך צאַרנט פייערלעך דעם „שפוך חמתך...“, דערמאָנט ער זיך, דער מאַציעווער, מיט פּאַרדראָס אויף זיך אַליין: „זע, די גאַנצע צייט, וואָס איך האָב געקוקט אויף די מיידלעך, די בלומען, איז מיר דער בלומבאָקאַל — דער כוס־של־אליהו — גאָר פון זינען אַרויס!“ ער טוט אַ דריי אויס דאָס פּנים צום פענצטער און — ס׳טוט אים אַ שניט אין האַרצן: די בלום שטייט שוין נישט שטאָלץ אויפן שלאַנקן שטעמל; זי ליגט אַן אָפּגעבראָכענע אין בלומענטאָפּ!

...ס׳אַ שלעכטער סימן, — טוט זיך אַ טראַכט, און אַן אומעטיקער גייט ער אָוועק שפּעטער אַ ביסל פונעם סדר צו זיך אין חדר.

אויף מאָרגן דערקלערט אים אסתר, אַז אַזוי געשעט עס מיט דער בלום יעדעס יאָר: אין אַ געווויסן טאָג, זי שטייט, דאַכט זיך, אַ פרישע און געזונטע און — ווי דו קוקסט זיך נישט אַרום, זי איז שוין פון זיך אַליין אָפּגעבראָכן און הייבט אָן וועלקן. דאָס האַרץ דערלאָזט נישט, גלייך זי אַרויסצוּוואַרפן. דאָס מאָל איז עס געשען פונקט צום סדר.

...און איך, — לויפט אים דורך אַ מחשבה, — האָב זיך דעמלט אַרויס־געכאַפּט: „דאָס איז דער סימבאָל פון אונדזער ליבע“, — דערמאָנט זי זיך עס אין דער רגע? און ער איילט זיך צו פאַררעדן זי וועגן אַנדערע זאַכן.

זיך אַליין אָבער קאָן ער נישט פאַררעדן דעם גאַנצן פּסח. „מאָדנע, — טראַכט ער, — איך בין דאָך נישט קיין גלויביקער, קיין איבערגלויביקער אַודאי נישט, און פון דעסטוועגן ליגט מיר די אָפּגעבראָכענע בלום כסדר פאַר די אויגן, און דאָס האַרץ זאָגט מיר אונטער: ,אַ שלעכטער סימן, אַ שלעכטער סימן‘“.

54

חול־ומועד. אין אָוונט. ביי רב יעקב ליפשיצן אין הויז. אַרום אַ קיילע־כיקן פאַרשפּרייטן טיש, ביי גלעזער טיי, געמישט מיט רויטן וויין, זיצן פינף באַטאַגטע, באַבערדיקטע ייִדן — דער קאָמיטעט פון דער ישיבה

„כנסת בית יצחק״ מיט זיין יושב־ראַש, דעם באַלעבאָס — און דער ראָש־ישיבה, רב ברוך בערל, מיטן משגיח, רב שמריה. אַלע, דערוואַרעמטע פון דעם געשפּרעך און דער טיי, זענען אין די יאַרמעלקעס, חוץ רב שמריהן, וואָס זיין באַרדיק פּנים שוויצט אין שאָטן פון זיין האַרטן קאַפּעליאַש־רענדל; ער דערוועגט זיך נישט אים אויסצוטאָן. זיינע זשמורענדיקע און פינטלענדיקע ברעמען — ווי זיי וואָלטן אויף אַלץ נאָכגעזאָגט יאָ.

ס׳איז דער סוף פון אַ באַראַטונג וועגן די לויפנדיקע ענינים פון דער ישיבה. אָבער רב יעקב ליפשיץ האָט נאָך עפּעס־וואָס צו זאָגן וועגן אַן עניך, וואָס ער האָט בכוונה איבערגעלאָזן אויפן סאַמע סוף.

— רבותי, — הייבט ער אָן, ווי נישט גערן, און קוקט נישט אויף די בייזיצער, נאָר אין דער גלאָז אַריין פאַר זיך, ווי דער „רבותי״ וואָלט גע־מיינט די שוואַרצע טייעלעך אויף איר דנאָ, — המם, דאָס וואָס איך גיי ערשט זאָגן, וועט אַוודאי נישט זיין לרצון דעם ראָש־ישיבה, המם, און אפשר...

ער הייבט אַרויף דעם בליק, פּירט אים איבער די פּנימער פון די קאָמיטעט־לייט און שטעלט אים אָפּ אויף רב ברוך בערלס אַרויסגע־שטאַרצטע, פרעגנדיקע אויגן:

— ניין, נישט אפשר, נייערט אַוודאי פאַרשאַפן צער. נאָר זאָגן עס מוז איך, און זאָל מיר דער ראָש־ישיבה מוחל זיין. ס׳איז דאָך נישטאָ ביי מיר, חלילה, די מינדסטע פערזענלעכע פּניה דערין. מע שמועסט, אַז אַ ישיבה־מאַן, נעמלעך דער מאַציעווער, דווקא אַן אָפּטער איינגייער צום ראָש־ישיבה אין שטוב, און דער ראָש־ישיבה איז אים מקרב, מסתם ווייל ער איז אַ בעל־כשרונות און געווען אַפילו אַ שטיקל צייט אַ מתמיד, — המם, זאָל, חלילה וחס, פאַרפעלן נישט אין דאַוועגען. נישט נאָר בציבור, נאָר אויך ביחידות.

דאָ פירט ער אויפס ניי איבער דעם בליק, אַ בייזן און מאָנענדיקן, איבער די פּנימער פון די בייזיצער און לאָזט אים זיך אַ וויג טאָן, ווי אַן אומרו, אויפן משגיחס פּנים. רב שמריה לאָזט נידעריקער אַראָפּ דעם קאַפּעליאַש, ווי ער וואָלט וועלן מיט זיין רענדל פאַרשאָטענען די צעפּינטלטע ברעמען — פליגעלעך פון אַ פליג אין דער ערשטער רגע פון געפאַנגען־שאַפט אין שפּינוועבס.

רב ברוך בערלס אויגן זענען נאָך שטאַרקער אַרויסגעשטאַרצט, ווי

דערשראָקן, און אויף זיין פּנים מיניעט זיך אַדורך דעם בערדל רויט־און־בלאַסער גלי. אַלע קוקן אויף אים, ווער מיט נייגער, ווער מיט מיטגעפיל, און ווער מיט פאַרדראָס אויפן באַלעבאָס, וואָס האָט אים, דעם צדיק־תמים, מצער געווען. קיין שום אַנדערער, ווי רב יעקב ליפּשיץ, וואָלט זיך עס נישט אונטערגעשטעלט.

און רב יעקב גיט נאָך צו, מיט אַ פרום־בייז פּנים פון אַ שוחט, ווען ער פליקט דאָס איידעלע, דינע העלדזל פונעם עוף קעגן דעם שאַרפגלאַנץ פונעם חלפל, דעם פאַרקוועטשטן צווישן די ציין:

— מע זאָגט אויף אים נאָך עפּעס ערגערס, שרעקלעכס, רחמנא־לצלן.

— שלאָגט זיך אָן זיין בליק אינעם משגיחס קאַפּעליאַש, ווי אין אַ שוואַרצער וואַנט. — נאָר דאָס וויל איך דערוויַיל נישט פאַרן מויל אַפּערברענגען... איז וואָס טראַכט איר ווענן דעם, רבותי? און דער עיקר טאָקע וואָס טראַכט דער ראָש־ישיבה? „הבעלים מטפלין בנבלה" *.

שטיל. אַ שטילקייט וואָס מאַנט. אָבער קיינער רופט זיך נישט אָפּ. דער ראָש־ישיבה שפּירט — אַלע אויגן הענגען אויף זיין שטערן אין דערוואַרטונג. פאַרקוועטשט ער די אויגן, ווישט זיך איבער אויפגערעגט דעם זיך פאַלדנדיקן שטערן און הייבט אָן רעדן, אַזוי ווי צום טיש, מיט אַ טאָן פון לייכטן, אָבער פאַרדריסלעכן ביטול:

— מע זאָגט! דאַרף מען דאָך קודם געדענקען אַז ס'איז נאָר־וואָס נאָכן מחלוקת אין דער ישיבה. שעת־חירום **. און דערנאָך טאָקע — ווער סע זאָגט? אַ „בעל־הבטחה" ***, צי אַ „בעל־דבב" ****, בר־קמצא? מע זאָגט! אפשר איז דער זאָגער אַ זאָגטער? מע זאָגט, מע שמועסט, — אַלץ מע און מע. דאַרף מען דאָך, מיין איך, וויסן, צי איז עס אַ „מה עשיתי... מה עוני ומה חטאתי" ***** פון אַ דויד המלך, צי, להבדיל אלף אַלפי הבדלות, אַ מע פון אַ נאַרישער ציג, פון אַ פשוטער ציג, און נישט פון די „עיזי דאייתי דובי בקרנייהו ******.

---

* דער באַלעבאָס דאַרף זיך מטפל זיין מיט דער נבלה.

** אויסנאַמצייט.

*** אַ פאַרלאָזלעכער מאַן.

**** אַ שונא.

***** וואָס האָב איך געטאָן, וואָס איז מיין זינד און וואָס איז מיין פאַרברעכן?

****** די ציגן וואָס האָבן געבראַכט בערן אויף די הערנער.

אויף זיין פנים שימערט אויף אַ בלאַסער שמייכל און, געשטאַרקט פון זיינע אייגענע ווערטער, לאָזט ער אַראָפּ די האַנט פון שטערן, עפנט די אויגן און קוקט רב יעקב ליפשיצן גלייך אין פּנים אַריין:

— וואָרן מײַן תלמיד, דער מאַציעווער, דאַרפט איר וויסן זיין, רב יעקב, איז נישט נאָר אַ בעל־כשרונות. ער איז שוין בגדר תלמיד־חכם. נישט נאָר ער לערנט די הייליקע תורה, נייערט איז מחדש חידושי־תורה. ער האָט מיך אַנומלט איבערגעראַשט מיט זיין כוח־ההבנה. „ידיו רב לו ועוד ידו נטויה״*. אייער רב אַליין, רב אברהם זאָל געזונט זיין, קאָן עדות זאָגן אויף זיין כוח־החידוש. דער מאַציעוועװער איז פאַר פּסח געווען ביי אים מיט אַ חידוש.

— אַזאַ שנעק, וואָס ער זאָל דאַרט נישט זיין, האָט זיך אונטערגעשטעלט גיין צו אונדזער רב שמועסן אין לערנען?! — צינדט אונטער רב יעקב ליפשיצן דעם מאַציעווערס חוצפּה. נאָר שוין באַלד פאַרלירט ער דעם צוטרוי צו דער גאַנצער מעשה, לעשט זיך אויס און לאָזט אויס מיט אַ שפּאָטיש שמייכעלע. — ווער האָט עס אייך, ראָש־ישיבה, אויסגעטראַכט?

— ער אַליין, דער מאַציעווער, האָט עס מיר דערציילט.

— אַזוי? דער מאַציעווער אַליין? המם, אַפילו מיר זאָלן ביי אים גורס זיין דעם „כבדהו״, בלייבט נאָך אַלץ איבער דער „וחשדהו״**. רבותי, גיט מיר רשות אויף אַ ווײַלינקע.

ער טוט זיך אַ הייב אויף פון אָרט מיט דער לייכטקייט פון אַ יונגער־מאַן, כאַטש מיט אַ וואָרטש פון זיקנה, גייט צו צום עק צימער, אין ווינקל ביי דער וואַנט, וווּ סע שטייט אַ טישל מיט אַ שוואַרצן טעלעפאָן, און דרייט אָן דעם נייטיקן נומער. די זיצנדיקע זענען געווענדט אַהין נייגעריק מיט די קעפּ און האָרכן זיך איין, געזייטלט מיט אַן אויער.

— יעקב ליפשיץ. דעם רב בעט איך. ניין. נאָר דעם רב אַליין... אָה! אַ גוטן חול־המועד, מורנו ורבנו! איך בעט איבער אייער כבוד, מורנו ורבנו, פאַרן מטריח זיין. ס'איז וועגן אַ ישיבה־ענין. צי איז אייך באַקאַנט אַ ישיבה־ייִנגל פון אונדזער ישיבה, איינער אַ מאַציעווער? אַזוי?! אייער פּאַטערס, זאָל מאַריך ימים־ושנים זיין, אַ תלמיד? אַזוי?! אַ ביסל מער

---

* ער איז פעיִק און וועט באַווייזן נאָך מער.

** שעץ אים און זיי אים חושד...

פון אַ שמינית־גאווה. איר האָט אים אָנגעזאָגט, ער זאָל, למען־השם, קומען צוריק צו אונדז, אַזוי? גוט־גוט. ער איז נישט אַהיים געפאָרן אויף פּסח. המם. נו, אַ יישר־כוח אייך, מורנו ורבנו. איך בעט איבער נאָך אַ מאָל אייער כבוד. אַ גוטן חול־ומועד...

אין דעם ראָש־ישיבהס אויגן גייט אויף אַלץ שטאַרקער אַ שימער פון שטאָלץ און פרייד, און אויף זיין פּנים צעפלאַטערט זיך אַ נחת־רוחדיקער שמייכל. עס שמייכלען־אויף אויך די פּנימער פון די אַרומיקע, חוץ פאַר־שאַטנטן פּנים פונעם משגיח.

רב יעקב ליפשיץ קומט צוריק צו זיין שטול, זעצט זיך, דענקט נאָך אַ רגע, טוט אַ פיר דעם ראַנד פון דער האַנטפלאַך צווישן די ליפּן, ווי אָפּגעווישט פון זיי אַן אומריינקייט, און עפנט דאָס מויל:

— מאַ. אין דעם פּרט בין איך געווען אַ חושד בכשרים*. איך זאָל, חלילה, נישט זיין קיין „לוקה בגופו"**. המם, וואָס אונדזער רב האָט וועגן אים געזאָגט, וועגן דעם מאַציעווער, האָט איר דאָך אַוודאי פאַרשטאַנען פון מיינע ווערטער. המם, און פון דעסטוועגן... וועגן זיין יִדישקייט וועט נישט שאַטן חוקר־ודורש צו זיין. „אַחר" איז דאָך געווען מער ווי אונדזער רב ברוך בערלס אַ תלמיד — רב מאירס אַ רבי! נו?... האַ?

דער משגיח, וואָס שפּירט, אַז רב יעקבס „האַ?" איז געוואַנדן צון אים, און רב יעקבס בליק בויערט דורך זיין קאַפּעליאַש, דרייט אויס צון אים דאָס פּנים. אָבער הייבט עס נישט אויף. וואָס זאָל ער זאָגן? אַז ער איז איצט צווישן צוויי פייערן. ווי דאָ לייזט אים אויס דער ראָש־ישיבה:

— די גמרא האָט שוין דערויף פון לאַנג געענטפערט: „תלמיד חכם שעבר עבירה בלילה, אַל תהרהר אחריו ביום — ודאי עשה תשובה"***. און רב יוחנן האָט געזאָגט: „גדולה תשובה שמקרעת גזר־דינו של אדם"****.

---

* חושד ערלעכע מענטשן.

** באַשטראָפט פיזיש.

*** אַ תלמיד־חכם וואָס איז באַגאַנגען אַ זינד ביי נאַכט זאָלסטו וועגן אים נישט טראַכטן שלעכטס ביי טאָג — ער האָט זיכער תשובה געטאָן.

**** גרויס איז תשובה, זי צערייסט דעם גזר־דין אויף אַ מענטשן.

— המם, — וויל נאָך רב יעקב ליפשיץ אַלץ נישט נאָכגעבן, — און וואָס זאָגט איר, רב שמריה? איר זענט דאָך דער משגיח! וואָס שווייגט איר איצט?...

רב שמריהס איינגעזעסענער גוף טוט זיך אַ דריגע, אַזש סע טוט אַ סקריפּע דער רוק פון זיין שטול, זיינע ברעמען צעפּינטלען זיך איילעק, ווי אַ קנויטפּלעמל פאַרן אויסלעשן זיך, און ער הייבט אָן אַריינשטאַמלען צו זיך אין פּאַזוכע:

— המם, וואָס איך זאָג? וואָס זאָל איך זאָגן, רבותי? איך האָב נאָכגעזאָגט וואָס אַנדערע האָבן געזאָגט. המם, נאָך דעם וואָס איך הער, וואָס דער ראָש־ישיבה און דער קאָוונער רב זאָגן וועגן דעם מאַציעוווער, מיין איך אויך, אַז די מעשה־נורא, המם, מיטן מאַציעווערס נישט, המם, דאַ־וועגען, חלילה, איז... איז אַ גוזמא. דאָס האָט דאָך געזאָגט אויף אים דער איישישאָקער, וואָס איר האָט אים באַפוילן מיטן האַרבן וואָרט שוין נישט צוריק צו קומען.

נאָר דאָ טוט זיך אין אים אַ שטאָך אַריין רב יעקב ליפשיצעס אַ פיר־האַלטנדיקער, בייזער בליק, טוט ער אַ דריי אויס דעם דישעל, כדי אויך אים צופרידן צו שטעלן.

— נאָר וואָס דען? מיר ווייסן דאָך אַז „אין אפוטרופוס לעריות“ *, האָב איך מורא אַז מכוח דעם איז פאַראַן, חלילה, אַ „קורטוב“ ** אמת. די שטאָט שמועסט, אַז דער מאַציעווער אויף זיין קוואַרטיר — ער שטייט אין ביי אַ שוסטער, אַ טאַטע פון דריי בתולות — המם, איז אַלע אָוונט עובר אויף „אַל תרבה שיחה עם אישה“ ***. דער שם־רע אויף אים מכוח דעם איז שוין דערגאַנגען אַזש אין דער יאַטקע, ווו מיין פּלוניתטע קויפט פליש. אַנומלט קומט זי צו גיין פון דאָרט מיט אַ לונג־און־לעבער און מיט אַ נייס ווי אַ צולאָג: „מירן האָבן, שמריה, אַ מזל־טוב, שמועסן ווייבער אין יאַטקע!“. „וואָס אי'?“. „עפּעס איינער פון דיינע באַראַנעס איז אַריין אין שאָדן“. „ס'הייסט?“. „ער גייט חתונה האָבן מיט פסח דראַטווינס פאַרזע־

---

* אין געשלעכט־ענינים איז קיינער נישט פאַרלאָזלעך.

** אַ ברוויזל.

*** זאָלסט נישט שמועסן צופיל מיט אַ פרוי.

סענע ציג, אָדער צויג. ער איז שוין דערפֿאַר אַפּילו נישט אַהיים געפֿאָרן אויף פּסח״.

די גאַנצע צייט פֿון רב שמריהס שטאַמלען און רעדן זיצט רב ברוך בערל מיט אַ שווערן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, פֿאַרקוקט אין די בלויע אויזערן פֿונעם טישטעך. ער דערמאַנט זיך: „ווענן דעם האָט דאָך מיר דעם מאַציע־ווערס פֿאָטער געשריבן נאָך מיט חדשים צוריק״, און איז עס מדחה: „אָבער דאָס איז דאָך געווען אַ מסירה פֿון מיינע שונאים.״. „המם, און אפשר?... האָט דאָך מיין נעכאַמע געטענהט, אַז נישט זי מיט אים האָט דעמאָלט פֿאַרפֿירט דעם שמועס ביים איינגעהייצטן אויוון, נאָר פֿאַרקערט. המם, און ווען ער האָט מיך אַנומלט באַגלייט איבער דער בריק, האָב איך דאָך אַליין געזען, זיך געוווּנדערט און באַוווּנדערט, וואָס ס׳איז אַזוי „לבו גס בנשים״ *...

— און דער־אָ דראַטווין, — לאָזט אויס דער משגיח, — איז עס טאַקע דער באַלעבאָס פֿון דעם מאַציעווערס קוואַרטיר, דער טאַטע פֿון די דריי בתולות בוגרותן!

און דאָ, ווי די דריי בוגרותן וואָלטן אים אין גרגרת שטעקן געבליבן, בלייבט ער שוין פֿאַרשטומט, און זיין צעשראָקענער, צעפּינטלטער בליק טוט אַ שפּרונג איבער פֿונעם ראָש־ישיבה צו רב יעקב ליפּשיצן און צוריק.

ס׳איז שטיל. הייבט אויף רב ברוך בערל דעם קאָפּ און דערזעט: אַלע־מענס אויגן העגנען ווידער אויף זיין פּנים, און רב יעקבס פֿאָדערן: „נו, וואָס וועט דערויף ענטפֿערן דער ראָש־ישיבה?... „קול המון כקול שדי״ ** — דערשרעקט ער זיך — „די שטאָט שמועסט״... לאָזט ער צוריק אַראָפּ דעם קאָפּ און זאָגט מיט הכנעה:

— „וחשדהו״. נאָר לאָזט עס איבער אויף מיר, רבותי, רב יעקב. איך אַליין וועל איבערשמועסן מיט אים. „לעולם תהא שמאל דוחה וימין מקרבת״ ***. קיין מאָל נישט פֿאַרקערט, חלילה. ער וועט זיך, אם ירצה השם, אַריבערקלייבן אויף אַ נייער קוואַרטיר, דער מאַציעווער. „והכול על מקומו יבוא בשלום״ ****.

---

* זיין האַרץ איז דרייסט בנוגע ווייבער.

** די שטים פֿון דעם המון איז ווי די שטים פֿון גאָט.

*** שטענדיק זאָל די לינקע האַנט אָפּשטויסן און די רעכטע צוציִען.

**** און אַלץ וועט זיין אין אָרדנונג.

— אָמן! — אָטעמט אָפּ רב יעקב ליפשיץ. — נו, רבותי, דערמיט האָבן מיר דאָס שווערע לייענעס אַרויסגעפירט מיטן איבערשטנס הילף און מיט דער הילף פון אונדזער ראָש־ישיבה זאָל לעבן אויף אַ דרך־הישר, און מיר פאַרענדיקן די היינטיקע באַראַטונג בכי־טוב.

55

אַ וואָך נאָך פּסח. די אַהיים־געפאָרענע ישיבה־לייט האָבן זיך שוין אין גרעסטן טייל אומגעקערט. הוץ, פאַרשטענדלעך, יענע פונעם געוועזענעם מנהלס צד, וועלכע מ'האָט „פאַרבעטן זיצן בלייבן בכבוד אין דער היים", אָדער זוכן זיך אַ צווייטע ישיבה. מע זעט אויך נישט בערל דווינסקער; ווי מע דערוויסט זיך פון זיין מיטקוואַרטיראַנט, דעם טאַווריגער, און פון זיין בן־עיר, יאָנטלען, איז ער גאָרנישט אַהיים געפאָרן, נאָר זיך אַריבערגעפּעקלט קיין קאָוונע און וווינט דאָרט מיטן דרישקעפּאַליער אויף איין קוואַרטיר: „מצא מין את מינו" *, זיי וועלן צוזאַמען „שטונדירן", פונעם לשון־„שטונדע", די גוייִשע תורות. און יאָנטל דווינסקער וועט מען שוין איצטער רופן "דער דווינסקער" סתם.

— אַוודאי סתם, — וויצלט זיך הרחבהדיק בערל דווינסקערס געוועזענער קאָנקורענט אין וויצלען זיך, דער טאַווריגער, — יאָנטל האָט דאָך שטענדיק נאָר צו פרעגן און צו פרעגן, איז ער דאָך טאַקע אַ „סתם... מקשן עם־הארץ" **.

ס'האָבן זיך באַוויזן אין דער ישיבה אויך פּנים־חדשות, בחורים פון אַנדערע ישיבות, וואָס פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון די נישט־צוריקגעקומענע. אָבער אַזוי ווי קיין נייער מנהל איז נאָך אַלץ נישטאָ, „די ישיבה גייט מיט אים שוועער צום קינד", ווי ס'וויצלט זיך דער טאַווריגער, איז נאָך דער סדר אין דער ישיבה נישט ווי ס'קער צו זיין איינגעשטעלט. אויב פאַר־פעלט ווער פון די אַלטע תלמידים אַ טאָג צו קומען, ווערט עס נאָך פון משגיח פאַרשוויגן, עלהיי ער איז מיט אַ טאָג שפּעטער געקומען צו פאָרן.

דער מאַציעווער זאָגט זיך צו אין האַרצן פון טאָג צו טאָג: „נו, מאָרגן

* ער האָט געפונען זיין אייגענעם מין.

** סתם אַ פרעגער איז אַן עם־הארץ.

אין דער פרי טו איך זיך שוין אויף אַן אמת אַ נעם צום לערנען!״. אָבער ער נעמט זיך נאָך אַלץ נישט. ער בטלט און חלומט מער ווי ער לערנט, און זיין גמרא־ניגון רייסט זיך איבער אַן אויפהער פון אַ פוילן גענעץ. בלייבט ער היינט גאָר זיצן אויף דער קוואַרטיר, אַ נישט־אויסגעשלאָפענער נאָכן פאַרברענגען נעכטן מיט אסתרן, פריִער אין „זאַל״ און דערנאָך אין דרויסן אויף דער באַליבטער באַנק, ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין. ער וועט שוין היינט גיין אין דער ישיבה ערשט נאָכן מיטיק.

און אָט איז ער טאַקע נישט אומזיסט געבליבן, ווי דאָס האַרץ וואָלט אים עפּעס פאַרויסגעזאָגט. אַרום האַלב צוועלף אַ זייגער ברענגט אים דער בריוטרעגער אַריין אַ קאַרטל. אַ קוק געטאָן טשעקאַווע־אומגעדולדיק אויף דער אַדרעסזייט — פון מאַציעוו! פון שמעיה דעם רבס! מיט גרויס צופרידנקייט טוט ער עס אַ דריי איבער, אין דער זיכערקייט, אַז שמעיה קלאַפּט זיך דעריין על־חטא פאַר אים און זאָגט אים צו, ווי אַ בעל־תשובה, מער נישט אַראָפּצוגיין פונעם דרך־הישר. אָבער שוין פון דער ערשטער שורה ווערט אים פינצטער פאַר די אויגן. ווי אַ וואָלקן וואָלט אין דרויסן אַרויף אויף דער זון:

לכבוד הגדלן הנורא והיָהיר,
לירוק בפני הזולת הוא מָהיר,
לכבדו בשוט עטו, השוטה בחרוזים
(גראַמענפלעכטער בלע״ז), איש האמת,
אֲשר כל המעלות טובות בו גנוזים,
על־פי פשט ודרוש ורמז,
המשכיל, הנאור,
הלויתן הטהור,
אֲשר לו קשקשת וסנפיר,
הרי הוא רב זאב׳ל (קרי: זבל) ספיר,
הנודע בשערי מאַציוב והמדינה
לשוטה סתם, אֲשר ממנו לא מביאים ראיה.
„מסאַנא דרבּ מכרעאי לא בעינא״!
ממני הקטן שמעיה,
אשר פי

מלא שחוק
ורוק, —
בשביל מי?
בשביל השם את זולתו לאַל,
ודָ״ל...
(קרי בלע״ז: לשוטה־ווידל,
אַשר אין לו שכל בשיידל *).

דער מאַציעווער דערשפּירט זיך: אויסגעפּאַטשט און באַשפּיגן! און — על־פּי דין און על־פּי יושר: ווער האָט עס אים, דעם ערשטן, געגעבן רעכט אויסצופּאַטשן און באַשפּייען שמעיהן מיט זיין שפּאָטישן טיטול אין זיין לעצטן בריוו צו אים? ער דאָ פּירט זיך אויף בעסער, איידער שמעיה דאָרטן? איי־איי־איי! צי וועט ער, „זבל״, זיין אַ מאָל אַ משורר, איז נאָך שטאַרק מוטל בספק, אָבער אַז ער איז שוין באַציייטנס, ווי שמעיה טיטולירט אים, „אַ שוטה בחרוזים״ — דאָס איז נעלה מכל ספק **!

אין צאָרן — נישט אויף שמעיהן, נייערט — אויף זיך אַליין, אַז ער וואָלט זיך איצטער „קורע כדג״ *** זיין, טוט ער אַ צערייס דאָס קאַרטל אויף פּיצפּיצלעך, אַ וואָרף זיי אַרויס דורכן פענצטער און אַ לייג זיך אַנידער אויף דער סאָפּקע. אָבער דאָס קלעמעניש פון געמיט קאָן ער נישט אַרויסרייסן, צערייסן און אַרויסוואַרפן. המם, דאָס איז עס געווען פּסח צום סדר דער „שלעכטער סימן״ — דער אָפּגעבראָכענער בלומבאָקאַל. אוי, ווי

---

* לכבוד דעם שרעקלעכן גדלן און פּאַרריסענעם, / ווען ס׳איז לייכט צו שפּייען אויף אַ צווייטן, / אים מכבד צו זיין מיט דער רוט פון זיין פעדער, דעם שוטה־בחרוזים / (גראַמענפלעכטער אויף זשאַרגאָן), דעם מענטש פון אמת, / וואָס אַלע מעלות־טובות זענען אין אים באַהאַלטן / על־פּי פשט און דרוש און רמז, / דער משכיל, דער אויפגעקלערטער, / דאָס איז רב זאב׳ל (לייען: זבל — מיסט) סאַפּיר, / וועלכער איז באַוווּסט אין די טויערן פון מאַציעוו און דער מדינה — אַלס אַ שוטה־סתם, פון וועלכן מע ברענגט נישט קיין ראיה. / „אַ שוך וואָס איז צו גרויס פאַר מיין פוס ווינטש איך זיך נישט!...״ / פון מיר דעם קליינעם, שמעיה, / וואָס מיין מויל / איז פול מיט געלעכטער / און שפּייעכץ, — / פאַר וועמען? / פאַר דעם וואָס מאַכט דעם צווייטן צו גאָרנישט, / וד״ל — און דאָס איז גענוג צו פאַרשטיין (לייען אויף זשאַרגאָן: דעם שוטה־ווידל, / וואָס האָט נישט קיין שכל אין שיידל).

** איבער יעדן ספק.

*** צעריסן ווי אַ הערינג.

ער נייטיקט זיך איצט אין חיזוק. ווו נעמט מען אים, דעם חיזוק? ביי וועמען? ביי אסתרן? פאַלט אים איין: איין אמתן גוטנפּריינט האָט ער — דעם ראָש־ישיבה. ער וועט זיך צון אים אַריינכאַפּן און... פון היינט אָן, שוין אַייף דער אמתן, אַ נעם טאָן זיך צום לערנען. געטראַכט און געטאָן — ער גייט שוין צום ראָש־ישיבה!

אַריינגעקומען צום ראָש־ישיבה אין פּאָדערשטן צימער, טרעפט ער אים שטיין מיטן פּנים צו די רוקנס פון די ספרים, אַ פאַרזונקענעם אין מחשבות. אַ שעפּטשע געטאָן: „גאָט העלף", וואָס דער ראָש־ישיבה האָט זיכער נישט דערהערט, שטעלט ער זיך שטיל ביים פענצטער מיטן פּנים אין צימער אַריין, אין דערוואַרטונג: ווען דער רבי וועט זיך אויסדרייען און אים דערזען, וועט ער אים אפשר הייסן איבערחזרן זיין חידוש־תּורה, פאַר וועלכן ער האָט זיך ביים קאָוונער רב פאַרדינט דעם זאָג: „למען־השם, קומט צוריק צון אונדז".

און אָט טוט טאַקע דער ראָש־ישיבה זיך אַ דריי אויס און אַ גיי צו צון אים. דער אויסדרוק פון זיין פּנים — נישט ווי געווינטלעך — אַ געמיש פון מילדקייט און תרעומות. ער לייגט אים אַריין מיט די אויגן־ביינקעס גלייך אין מוח און אין האַרץ אַריין.

— מאַציעווער, — זאָגט ער, און אויך זיין קול איז אַ געמיש פון תרעומת און מילדקייט, — המם, איך האָב געהערט זאָגן עפּעס, אַז... אַז אויף אייער קוואַרטיר, המם, זאָלן זיין דריי בתולות אין שטוב, אַז, המם, צוליב אַ בתולה, איינער פון זיי, המם, זאָלט איר, חלילה, עובר זיין אויף „אַל תרבה שיחה עם אישה", און — „עבירה גוררת עבירה" * — אויף נאָך אַ האַרבערע — ביטול־תורה. המם?...

דער תלמיד דערהערט דאָס קלאַפּן פון אייגענעם האַרצן, דאָס שלאָגן פונעם דופק אין די שלייפן. פון זיין פּנים טוט אַ פליִיץ אָפּ דאָס בלוט. ער ווערט בלאַס, און די ליפּן טוען אַ צוק. ער דערשפּירט און דערזעט דאָס אייגענע פּנים מיט די אַראָפּגעלאָזטע אויגנדעקלעך אַזוי: ווייס פּאַפּיר, וואָס אָט וועט זיך עס טאָן אַ צינד אָן.

— מאַציעווער, — שרייבט אויפן ווייסן פּאַפּיר פון זיין פּנים דעם ראָש־ישיבהס פלאַמיקער בליק, בעת אויך זיין שטים איז פייערלעך, כאָטש

* איין עבירה ציט נאָך זיך אַ צווייטע.

איינגעהאַלטן־שטיל מיט אַ טאָן פון מיטגעפיל און רחמנות, — האָרכט וואָס איך עצה אייך: קלייבט זיך אַריבער אויף אַן אַנדער קוואַרטיר, ווו.. ס׳זענען נישטאָ קיין... דעם יצר־הרעס מיכשולים. פאָלגט מיך... און טוט זיך ווידער אַ נעם צום לערנען די הייליקע תורה. די תורה זוכט דאָך אייך אָרום: „תורה מחזרת על אכסניה שלה” — די תורה זוכט אַרום איר שטענדיקע אַכסניה. שעמט איר זיך נישט, וואָס זי זוכט אייך אַרום, און נישט פאַר־קערט? האַ?...

ער וואַרט אַ וויל, שוויגנדיק, דאָס פנים — אַ שאלה, וואָס קוקט אויס, ווי אויף משיחן, אַ תשובה. נאָר דעם תלמידס ליפּן באַוועגן זיך נישט, ווי געלייימטע, און זיין פנים מיט די פאַרמאַכטע אויגן — נישט־באַשריבענער פאַרמעט. טוט ער זיך אַ קער אַוועק, אַ גיי אַרויס און, דורכן קאָרידאָר, אַריין אין דער צווייטער העלפט שטוב.

דערשפּירט די פוסטקייט פאַר זיך, ווי אַקערשט נאָך אַ שרפה, עפנט דער מאַציעוועוער די אויגנדעקלעך, בלאָנדזשעט אַרום מיט אַ צעמישטן בליק און זוכט זיין תשובה: וואָס טאָן? ווי קומט מען עס ערשט צו דער באַלע־באָסטע, נאָך דעם ווי ער האָט געפּראָוועט מיט זיי צוזאַמען דעם פסחדיקן סדר, אַ וואָך נאָך יום־טוב, ווען אַ נייער קוואַרטיראַנט איז שוין נישט אַזוי בנמצא, און מען זאָגט איר: „איך קלייב זיך אַרויס פון אייך”? פאַר וואָס? פאַר ווען? מ׳האָט אים דאָ, חלילה, חמצדיק געמאַכט? וואָלט עס געשען כאָטש פאַר פסח, — וואָלט ער געפאָרן אַהיים און, קומענדיק צוריק, געזוכט אַן אַנדער קוואַרטיר. המם, און מיט וואָס דערקלערט מען עס אסתרן, זי זאָל נישט ברוגז ווערן? זאָגן איר דעם אמת? „כי־כי־כי... — וועט זי אים לאַכן אין די אויגן אַריין, — דער ראָש־ישיבה איז אַוודאי אַ צדיק אין פּעלץ. ער וויל דיך האָבן פאַר זיינער אַ בת־מלכה”. המם, אַז ער וועט נישט וווינען ביי זיי — צי וועט זי נאָך וועלן זיך באַגעגענען מיט אים, אסתר? ס׳וועט זיך ביי זיי איינקוואַרטירן אַ צווייטער בחור... שלעכט! אַ סוף צו אַלץ! ס׳איז דאָך גלייך ווי ער וואָלט זיך אויפגעהויבן און שוין אַוועקגעפאָרן אויף שטענדיק. ווידער — צוריק געטראַכט — קאָן ער דען, מעג ער דען ווידערשפּעניקן דעם ראָש־ישיבהס עצה? ער איז דאָך אַפילו איצט אַזוי גוט צוזן אים! האָט נישט געמאַכט קיין קולות, קיין ווייי־געשרייען, ווי זיין שטייגער איז אין אַזעלכע פאַלן. אים נישט פון שטוב אַרויסגעיאָגט.

ער דערזעט אין דמיון אַט די סצענע, וואָס האָט געזאָלט, געקאָנט דאָ פּאַרקומען — — און דאָ קומט אָן צו לויפן אויף דעם בייזוווּנדער שרהקע !... אַ שוידערל ריזלט דורך זיין גוף. די נערוון צעצוקן זיך אין אים. ווי אַ שפּינוועבסנעץ, ווען אַ פליג טוט מיט אימפּעט אַ שאָס אַריין אין איר. ער אַליין איז די פליג, וואָס צאַפּלט זיך מיט די דורכזעעוודיקע פליגעלעך, רייסט זיך מיט אַלע כוחותלעך פון קלעפּיקן פּלאָנטער אַרויס און זשומט מיט אַ שאַרף, דורכנעמענדיק יאָמער־זמרל... און —

מיט אַ מאָל נעמט אים אַדורך אַזאַ וואַרעם־זיסער רחמנות אויף זיך אַליין, און ס׳טוט אַ בראַך אויס פון אים אַ ביטער געוויין. ער פאַרכאַפּט עס, פאַרהאַלט עס און דערשטיקט עס: שרהקע קאָן עס נאָך דאָרט דערהערן! ...הלוואַי וואָלט זי עס דערהערט און אים מיטגעפילט... אָבער דער ביטער־זיסער טרערנשטראָם פלייצט שטום איבער זיינע ליימיקע באַקן. המם, איז דערויף גאָר, הייסט עס, געווען דער „שלעכטער סימן". און ווי ער שטייט אַזוי געבויגן, דער קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, און ווישט מיטן נאָזטיכל די טרערן, דערפילט ער: דער רבי שטייט דאָ פאַר אים! ער הייבט אויף דעם קאָפּ און באַוויזט אים דאָס פאַרוויינטע פּנים, ווי ער וואָלט עס אים אונ־טערגעטראָגן אָפּנהאַרציק: לייענט דערויף. דער ראָש־ישיבה באַטראַכט עס מיט זיינע אויגן־ביינקעס פולע צער.

— נו, וואָס, מאַציעוּוער? — פרעגט ער שטיל, גאָר אָן שום תּרעומת.

— איך פאָר אַהיים, רבי. — טוט אים, אומגעריכט פאַר זיך אַליין, אַ פאַל אַראָפּ פון די ליפּן קורץ און שאַרף דער פריש־צאַפּלדיקער באַשלוס, ווי אַ לעצטער גסיסה־צאַפּל, און ער אַליין איז פון אים איבעררעשט.

— המם, — איז גראָד דער רבי נישט איבעררעשט, ווי ער וואָלט זיך יאָ געריכט דערויף און האַלט עס פאַר ריכטיק. — וועט איר גיין קיין קאָוונע אין דעם זעלבן הויז, וווהין איר האָט מיך באַגלייט פאַר פּסח. דאָרט וווינט דער קאַסירער פונעם ישיבה־קאָמיטעט. איר וועט אים זאָגן אין מיין נאָמען, ער זאָל אייך אויסצאָלן די חלוקה. טאָמער פאַרלאַנגט ער אַ בריוול, זאָגט אים אַ סימן: חול־המועד אין אָוונט איז געווען אַ באַראַטונג פונעם קאָמיטעט ביי רב יעקב ליפּשיץ.

אָפּגעזאָגט, טוט ער זיך ווי בגוואַלד אַ ריס אָפּ פון אָרט, אַ לאָז צו זיין שלאָפצימער און אַ זאָג צו דער טיר, פאַרן אַריבערטרעטן איר שוועל:

— און פֿאַרגעסט נישט, למען־השם, צו קומען זיך געזעגענען, מאַ־ציעווער.

56

ער לייגט נישט אָפּ, דער מאַציעווער. ווי די ערד וואָלט אים ברענען אונטער די טריט. ער וואָלט שוין וועלן זיין אויפֿן צוג און פֿילן ווי ער טראָגט אים שנעל־שנעל אַוועק פֿון דאַנען. גלייך פּונעם ראָש־ישיבֿה לאָזט ער זיך קיין קאָוונע און קומט אויפֿן אַנגעוויזענעם אַדרעס.

אַן עלטערער ייִד, אין אַ שוואַרצזיידענער, געקאַנטיקטער יאַרמלקע, מיט אַ פּנים וואָס שיינט פֿון אייגענער בלוט־און־מילך־לויטערקייט, אַרומ־גערעמט מיט אַ ווייסער, אונטערגעשוירן־צוגעקײַלעכטיקטער באָרד, הערט אויס מיט אַ ווייסער לעבער זיין פֿאַרלאַנג און דערקלערט אים בייזלעך:

— די חלוקה? אויב איר ווילט באמת פֿאָרן אַהיים, המם, אַנהייב זמן גאָר? און מיינט נישט אויסצונאָרן זי, ווי אַנדערע אייערע שיינע דרשנים, וואָס האָבן אַ גאַנץ יאָר שיין געדרשנט, ווי, למשל, דער דווינסקער... וואָס? דער ראָש־ישיבֿה האָט געהייסן? אַ, רב ברוך בערלען אין זיין צדקות, איז זייער לייכט, ער זאָל מיר מוחל זיין, צו פֿירן אין מיטן אַ וואָכעדיקן מיטוואָך אין מרחץ אַריין. אויב איר זענט פֿון יענע וואָס דאַרפֿן אַוועקפֿאָרן, פֿאַר־וואָס זענט איר נישט געפֿאָרן פֿאַר פּסח, גלייך מיט אַלע? המם, פֿון וואַנען זענט איר?... פֿון מאַציעוו? אַהאַ! דער מאַציעווער. דערמאָן איך זיך שוין! אַזוי גאָר? איז, הייסט עס, טאַקע רב יעקבֿ גערעכט געווען. און איר האָט געפֿירט אין מרחץ אַריין אַפֿילו דעם רב אונדזערן, אַוואַ! ס׳קומט איך אַ מעדאַל! המם, נו, גוט. איז גייט איך אויף אייער קוואַרטיר, רעכנט זיך אָפּ מיט אייער באַלעבאָסטע און פּאַקט איין אייער באַגאַזש... וואָס? ווען איר וועט קריגן די מזומנים? מיר זענען אַפֿילו געענגט אין געלט איצטער, נאָר אויפֿן דריטן טאָג, אם ירצה השם, וועט איר קריגן אייער חלוקה צוגעשיקט מיט אַ שליח־מיוחד אויף דער קוואַרטיר, מעשה־פֿריץ, ווי איר האָט זיך עס, מסתם, כּשר פֿאַרדינט... ניין, איר וועט נישט דאַרפֿן קומען נאָך אַ מאָל אַהער, המם, ווי איר וועט שוין נישט פֿון דער היים צוריק קומען אין אונדזער ישיבֿה. דאָס איז אַלץ.

און ער טוט זיך אַ הייב אויף און אַ גיי אַרויס אין אַ צווייטן צימער.

— המם. — מרוטשעט דער מאַציעווער אונטער דער נאָז און גייט אַרויס אַ דערצערנטער און באַליידיקטער מיט דער מחשבה: האָט מיר צוגעוואָרפן דעם צוזאָג, ווי אַ קצב — אַ הונט אַ ביין. און געלט וועט ער צושיקן, המם, דעם מה־יעשהניק „מעשה־פריץ"...

געקומען צוריק אויף דער קוואַרטיר, איז ער צופרידן כאָטש דערפון וואָס ער טרעפט נישט די באַלעבאָסטע און קאָן זיך אַריינכאַפּן צו אסתרן. זאָל זי עס שוין איבערגעבן דער מאַמען. ער טיילט איר מיט, אסתרן, מיט אַ דערשלאָגן געמיט און פאַראומערט פּנים:

— נאָר וואָס האָב איך באַקומען אַ טעלעגראַמע אויפן ראָש־ישיבהס אַדרעס, איך זאָל קומען צו פאָרן אַהיים... וואָס האָט דאָרט געקאָנט געשען? איך ווייס אַליין נישט וואָס איבערצוקלערן. כ'וואָלט געפאָרן שוין היינט, מוז איך אָבער וואַרטן ביז איך וועל קריגן געלט אויף הוצאות. ערשט אויפן דריטן טאָג. פאַרפאַלן.

אין ישיבה גייט ער שוין נישט מער. ווי זי וואָלט פאַר אים גאָרנישט עקזיסטירט. די טעג פאַרדרימלט ער איבער ביכלעך און מחשבות וועגן דער היים און ווי ס'וועט דאָרט אויסזען. די צוויי געבליבענע אָוונטן פאַר־ברענגט ער מיט אסתרן. זיי רעדן, פאַרשטענדלעך, וועגן זיין צוריק קומען. און אויב ער וועט נישט קאָנען אַזוי גיך צוריק קומען, לייגט ער פאָר: זאָלן זיי זיך איבערשרייבן „דאָוואָסטרעבאָוואַניאַ"*. אסתר איז מסכים. נאָר די ליבע־פאַרגעניגנס — נישט זיי גייען אים נישט איין, נייערט זענען עפּעס ווי אָפּגעבליאַקעוועט, אויסגעוועפּט און האָבן פאַרלוירן דעם טעם. ער פילט זיך אַפילו מאָמענטנווייז שולדיק קעגן אסתרן, וועלכע איז צון אים גראָד צוגעלאָזענער, זאָל זיין צוליב מיטגעפיל: ווער ווייסט וואָס ביי אים אין דער היים דאָרט איז געשען. ער זאָל כאָטש נישט קריגן היינט־מאָרגן נאָך אַ טעלעגראַמע. ווען זי וואָלט קענען אים אויסבאָרגן אויף הוצאות, ער זאָל פאָרן וואָס פריִער...

אויפן דריטן טאָג — די וואַליזע און דאָס בעטגעוואַנט ליגט שוין איינ־געפּאַקט אויף דער סאָפקע און וואַרט מיט אים צוזאַמען. נאָר ער קאָן נישט, נישט איינליגן, נישט איינזיצן. ער דרייט זיך אַרום אַ צעטראָגענער: דער היינטיקער צוג דריי אַ זייגער איז שוין אויך פאַרשפּעטיקט! און ווער

* פּאָסטרעסטאַנט.

ווייסט ?... ער איז פאַר זיי פון די „פּריצים", וואָס מעגן „מעשה־פּריץ" וואַרטן. לייטישע ייִדן וואַרטן אויף משיחן שוין לענגער.

ענדלעך באַוויַיזט זיך דער שליח פון ישיבה־קאָמיטעט. אַ דאַר בלאַס בחורל, מיט אַ גרויסן גאַרגלקנאָפּ און אַרומלויפנדיקע אויגן. ער פרעגט זיך אויס ביי די באַלעבאַטים, צי דער קוואַרטיראַנט האָט זיך מיט זיי אָפּגערעכנט פאַר אַלץ ? און מיט אַ ממזריש שמייכעלע און פינקעלע אין די אויגן — צי בלייבט ער זיי גאַרנישט שולדיק פאַר מ...מ...מ...זונות ?...

וואָס האָט ער זיך פּלוצעם פאַרהיקעט ביי דער „מ" ? דער מאַציעווער פאַרשטייט די חכמה, און ס׳טוט אים אַ ברי, ווי מען וואָלט אים אַ שמיץ געטאָן מיט אַ רוט אין באָד אויפן הוילן. גוט נאָך וואָס די שטוביקע פאַר־שטייען זיך נישט דערויף. אָבער דאָס איז נאָך נישט די לעצטע פראַגע. צי זענען זיי זיכער, אַז ער קלייבט זיך נישט אַרויס אויף אַ צווייטער קוואַר־טיר ? און צו לעצט פאָדערט ער ערשט מע זאָל אים וויַיזן דעם איינגעפּאַקטן באַגאַזש. און ער וואָרנט : אויב דער קוואַרטיראַנט וועט נישט אָוועקפאָרן, און ס׳איז אַלץ געמאַכט נאָר לפנים, — וועלן זיי מער קיין שום קוואַרטיראַנט קיין ישיבה־בחור נישט האָבן ! און ערשט דעמלט באַצאָלט ער דער באַ־לעבאָסטע וואָס איר קומט און דערלאַנגט דעם מאַציעווער די רעשט.

— נו, און פאָרט געזונטערהייט.

פאַרפאַלן — ער וועט שוין מוזן פאָרן מאָרגן מיטן צוועלפער צוג. אָבער פאַר אסתרן מאַכט ער אַן אַנשטעל : גאַנץ גוט ! וועט ער האָבן נאָך אַן אָוונט מיט איר צו פאַרברענגען. אסתר זעט אויס אומעטיק (...איז עס נישט אויך פון איר זייט אַן אָנשטעל ?), חנדלט זיך מיט איר צווייפלען אין זיין ליבע, און ער פאַרזיכערט איר, אַז — אַדרבה. און כדי עס איר צו באַ־וויַיזן, פאַלט אים עפּעס איין (...אפשר איז עס ביי אים אַ דערמאָנונג פון אַ געלייענטן ראָמאַן ?) — ער בעט זי זייער, זי זאָל אים מיטגעבן צום אָנדענק, אויף דער קורצער צייט וואָס זיי וועלן צעשיידט זיין, אירן אַ לאָק אין אַ „סעקרעטקע"־בריוועלע. אסתר איז דערפון קאָנטיק געשמייכלט, שמייכלט אונטער, לאָזט זיך לאַנג נישט בעטן און טוט עס אים לסוף צוליב מיט אַ וואָרט אַ דורכגעזאָפּטס מיט האַרציקייט און באַשמאָלצן מיט לייכטן שפּאָט : „פּאָעזיע"...

אויף מאָרגן אין דער פרי גייט דער מאַציעווער צום ראָש־ישיבה זיך

געזעגענען. ער האָט דאָך אים אָנגעזאָגט: „און פאַרגעסט נישט, למען־השם, צו קומען זיך געזעגענען״. המם... פון דעסטוועגן האָט ער נעכטן געהאַלטן ביים אָוועקפאָרן אומגעזעגנט מיט אים, ווען דער שליח וואָלט אים געווען ברענגען דאָס געלט צווי אַ זייגער. ווי קאָלט סע וועט אויספאַלן דאָס געזעגענען זיך. אַ וואָסער האָט זיך אויסגעלאָזט פון אַלע דמיונות און צעשפּילט־קאַליריקע פאַנטאַזיעס: פונעם חתונה־האָבן מיט שרהקען, פונעם ווערן אַ ראָש־ישיבה. דאָס האַרץ זאָגט אים עפּעס נביאות, אַז ער וועט זיך אַהער שוין נישט צוריק אומקערן. פאַר וואָס? ווי האָט עס אים דעמלט דער „חכמת־היד״ניק אַראָפּגעלייענט פון דער האַנטפלאַך? „שלעכטע, בייזע צייטן קומען אָן אויף דער וועלט: שרפות, מאָרד און בלוט, הונגער און נויט. מלחמה״. נישט אומזיסט, ווייזט אויס, האָט ער זיך דערשראָקן און אים איבערגעריסן אין מיטן זיין „נביאות״ זאָגן.

אַריינגעקומען, טרעפט ער די טיר פון ראָש־ישיבהס שלאָפצימער אָפן, ווי פון זיינעט וועגן. דער ראָש־ישיבה זיצט דאָרט איבער דער אָפענער גמרא. ער פאַרגעסט פון איבערראַשונג צו זאָגן אים אַ גוטמאָרגן, גייט צו צון אים אַ שולדיקער, שטרעקט אויס צו אים שרעקעוודיק די האַנט און זאָגט שטיל:

— רבי... איך בין געקומען... זיך געזעגענען.

— אַך! — טוט זיך רב ברוך בערל אַ רייס אַרויס פונעם לערנען, שטעלט אָן אויף אים די אויגן, אין וועלכע ס׳בלאַנדזשעט נאָך אַרום אַ תורה־מחשבה, טוט זיך אַ שטעל אויף און אַ נעם אַרום אים פאַטערלעך. ער דריקט אים צום האַרצן („ס׳פאַלט אים גאָרנישט איין, ער שפּירט נישט, דער צדיק־תמים, אַז ער דריקט צום האַרצן אַ לאָק פון אַ בתולה אין זיין תלמידס בוזעם־קעשענע״) און זאָגט וואַרעם־מילד:

— פאָרט, מאַציעווער, לחיים ולשלום. און אויך איך זאָג אייך אָן, ווי דער קאָוונער רב, למען־השם, נאָך שבועות, נאָכן יום־טוב פון קבלת־התורה, קומט צוריק צון אונדז די הייליקע תורה לערנען.

דערפילט זיך פריי פון זיין אַרומנעם, גייט דער מאַציעווער שנעל אַרויס, אַ פאַרשולדיקטער און פאַרשעמטער, מיטן רבינס ליכטיקע ווערטער אין פינצטערן קאָרידאָר אַריין. פאַר זיינע אויגן דרייען זיך קאָלירטע רייפן, ווי צענטליקער רעגנבויגנס... ווער ווייסט? ווער ווייסט? מאָלע

וואָס דאָס האַרץ זאָגט בייז נביאות. דאָס האַרץ וואָס דינט צו עשתורת* איז זיכער אַ נביא־השקר. האָט דאָך אַ מאָל איין איינציקער רעגנבויגן אָנ־געזאָגט, אַז — וועלט וועט זיין וועלט, און ס׳איז מקוים געוואָרן... אַך, ווען שרהקע וואָלט זיך, ווי אַ גוטער סימן דערויף, באַוויזן כאָטש אויף אַ רגע, זיך מיט אים צו געזעגענען!

— זיי געזונט, שרהקע... — שעפּטשעט ער שטיל.

* די געטין פון ליבע, פרוכפּערונג און מערונג.

עפילאָג

אין עטלעכע חדשים אַרום, נאָך די צוזאַגנדיקע רעגנבויגנס פאַר דעם מאַציעוּוערס אויגן, קומט גראָד דער בלוט־מבול אויף דער וועלט — די ערשטע וועלט־מלחמה. הייסט עס, אַז דער „חכמת־היד"ניק האָט נישט בלויז געפּלאַפּלט.

וועלוולס בריוואויסטויש „דאָוואָסטרעבאָוואַניאַ" מיט אסתרן פאַרענ־דיקט זיך מיט אסתרס אַן איילקע געשריבן קאַרטל אויף רוסיש (קאָרעס־פּאָנדענץ אויף יידיש האָט די צאַרישע מאַכט פאַרבאָטן). זי איז אים מודיע, מיט שוידער צווישן די שורות, וועגן דעם אומגעריכטן בראָך: אַלע קאָוו־נער און סלאָבאָדקער יידן ווערן, צוליב דער נאָענטקייט פון דער פעסטונג, אַרויסגעשיקט קיין טיף רוסלאַנד. וווהין זי וועט מיט דער פאַמיליע פאַר־וואַלגערט ווערן (מיט זיי איז אויך צלאָווע מיט איר מאַן) — ווייסט איין גאָט! „צי וועלן מיר זיך נאָך אַ מאָל זעען אין לעבן ?!".

ס'איז אַ לעצטער „זייַ געזונט". אויך אסתר — אַווירקלעכקייט, איז גע־וואָרן אַ חלום. וויניקער פון אַ חלום. ער לייגט צוזאַמען אירע עטלעכע יידישע בריוו מיט אָט דעם רוסישן איוב־קאַרטל, מיט אסתרס לאָק אינעם „סעקרעטקע"־קאַנווערטל און וואַרפט עס — מיט פאַרבאָרגענער אַכזריות צו זיך אַליין — אין קיך אויפן פייער: צוליב וואָס דאַרפן זיך היטן כסדר, סע זאָל נישט אַריינפאַלן דער מאַמען אין האַנט און פאַרשאַפן איר צרות? וויניק האָט זי זיי אַן דעם?! ער קוקט מיט אַ נאַכטראַכטנדיקן בליק אין רויקן פייער, ווי פון זיין פון ווירקלעכקייט געוואָרענעם חלום האָט זיך אויסגעלאָזט אַ לייכטער גרויער אַש, נאָך וויניקער פון שטויב.

פון דעם חלום וועגן שרהקע דעם ראָש־ישיבהס האָט ער נישט אַפילו וואָס צו פאַרברענען. וואָס ווייטער, אַלץ מער צעפליסט ער זיך, דער חלום, פון זיך אַליין, ווי אַ ווייסבלוי נעפּעלע, ערגעץ ווייט אין די צייט־מרחקים. בלויז פון איר טאַטנס גייסט בלייבט עפּעס פאַרוועבט אין זיין וועזן — אַ

דיך־דין ווערצל־פעדעמל אין זיין געדעכעניש. יעדעס מאָל, ווען ס׳דער־טראָגט זיך אַ שוואַכער קלאַנג וועגן דער סלאָבאָדקער ישיבה „כנסת בית יצחק" אין גלות: מינסק, אַנדערע רוסישע שטעט, קרעמענטשוג, — טרעט אַרויס אין זיין דמיון דאָס געשטאַלט פון זיין רבין, דעם פאַנאַטישן, אָבער אויפריכטיקן צדיק, מיטן הייסן מענטשלעכן האַרץ און דער גרויסער ייִדישער נשמה. עפּעס נעמט זיך דעמלט שמעלצן אין זיין געמיט, און ס׳טוט ווי פאַרן רבינס דאַרפן וואָגלען צוזאַמען מיט דער ישיבה פון איין אָרט אויפן אַנדערן דורך די מלחמה־פּחדים. ס׳טוט אים אויך ווי אַפילו צוליב דעם: וואָס פאַר אַ טיפן צער וואָלט ער עס איבערגעלעבט, רב ברוך בערל, ווען ס׳וואָלט צו אים דערגאַנגען, אַז זיין באַליבטער תלמיד, דער מאַציעווער, איז געוואָרן, רחמנא־לצלן, אַ פאַרפאַלענער „שנה־ופירש"ניק.

אין אַ חודש אַרום נאָכן פאַרברענען אסתרס בריוו און אַנדענק־לאָק, איז ער אויך „מבער חמץ" — דעם כתב־יד פון זיינע חידושי־תורה: נישט נאָר קיין רב וועט ער נישט זיין, אויך נישט — קיין ראָש־ישיבה; רב ברוך בערל וועט נישט זיין זיין שווער, און נישט זיין מיזינקע — זיין ווייב; ס׳איז געוועזן אַ פאַנטאַסטישער „קיקיון־דיונה"*. דערפאַר אָבער שרייבט ער איצטער, וועלוול, אָפטער און מיט מער פלייס זיינע לידער. פון זינט ער איז „געפאַלן אויפן שכל און נישט צעבראָכן דעם קאָפּ" צו שרייבן זיי אויף פּראָסט ייִדיש, איז די מוזע אַליין צוגעלאָזענער צו אים. נישט גע־קוקט אויף דער מלחמה־צייט מיט אירע זאָרגן און פּחדים, שיקט ער זיינע לידער אין דער איינציקער ייִדישער צייטונג אין רוסלאַנד, וואָס דערשיינט נאָך אין אָדעס. שוין צום ווייפלטן מאָל לייענט ער איבער, ווי ער וואָלט די אייגענע אויגן נישט געגלייבט, אין איינעם אירן אַ בריווקאַסטן: „וו. ס. מאַ־ציעווו: שרייבט ווייטער און שיקט צו". שיקט ער און באַקומט איין מאָל אַפילו אַ בריוו פון רעדאַקטאָר: „אין אייערע שורות שלאָגט בלתי־ספק אַ רויט אָדערל טאַלענט. שרייבט אונדז אייער ביאָגראַפיע...". צי וועט אויך די צייטונג נישט פאַרבאָטן ווערן? נאָר איידער וואָס־ווען, איז שוין דער פראָנט אַרום מאַציעוו, דאָס שטעטל ווערט פאַרנומען פון די עסט־רייכער און — מע דאַרף זיך נעמען לערנען דייטש, נאָך איידער מ׳האָט

* יונה הנביאס ריצנבוים, „וואָס איז איבער נאַכט געוואָרן, און איבער נאַכט אונטערגעגאַנגען".

באַוויזן פּאָר די חדשים, וואָס מען איז אין דער היים, אויסצולערנען זיך אַ ביסל רוסיש.

אָקופּאַציע־מאַכט. נויט און הונגער. הפקרות. גלייך די אַלטע ייִדישע וועלט גייט אין גאַנצן אונטער. ייִדן אַרבעטן אום שבת ביי דער באַן. שמעיה דעם רבס איז אַ שותּף צו אַ חבֿרה פּערדשמוגלער. אַהרן פּערל לאַהס אַרבעט אויפֿן וואָקזאַל און שמוגלט־אונטער. אויך ער, וועלוול, וואָלט שוין געגאַנגען צו דער באַן אַרבעטן צוזאַמען מיטן טאַטן, ווען ער וואָלט נישט פֿאַרקראַנקט געוואָרן אויף דער מחלה פֿון די עלטערע ברידער — אויף די לונגען. זיצט ער אין שטוב, קנעלט ביסלעכווייז דייטש און לייענט גאַנצע טעג רוסישע ביכער פֿון דער „שקאָלע־ביבליאָטעק, אַ גע־לאָזענע אויף הפקר, מיט דרייזינס רוסיש־ייִדישן ווערטערבוך ביי דער זייט. ער באַמיט זיך צו פֿאַרלייענען זיך פּחד פֿאַרן טויט, וואָס ראַיעט שוין אין אים, ווי אַ געווימל פֿון ווערעמלעך, און טאַטשעט זיינע לונגען. די נעכט מאַטערן אים מיט קאָשמאַר־חלומות. ער שרעקט זיך צו שאַפֿן און שרייבן, ווייל דעמלט קען ער נאָך איבערלעבן די קאָשמאַרן אויך ביי טאָג. ער גרייט זיך צו שטאַרבן. נאָר אין צווישנצייט שטאַרבט גאָר דער זיידע, דער אַמאָליקער נגיד, וואָס האָט אים אויסגעהאַלטן אין דער ישיבֿה — אין נויט, ווי אַן אָרעמאַן.

די צייט שטראָמט, און אויף איר אומאויפֿהערלעכן פֿלוס באַוועגן זיך געשעענישן גרויסע און קליינע. די מלחמה איז געענדיקט. דאָס לעבן הייבט אָן צוריק זיך צו נאָרמאַליזירן. מע שטאַרבט שוין נישט אין שטעטל פֿון הונגער. וועלוולס עלטערן, אויסגעשעפּטע פֿון די מלחמה־יאָרן, שטאַרבן פֿון שווינדזיכט. שמעיה דעם רבס האָט חתונה אין אַ וואָלינער שטעטל מיט אַ פֿאַרזעסן מיידל אַ ציוניסטקע, וואָס פֿאַרכאַפּט אים דערמיט, וואָס אויף דער ערשטער זעונג רעדט זי מיט אים אויף העברעיש און דעקלאַמירט אויף אויסנווייניק קאַפּיטלעך תנ״ך. ער ווערט אַ קרעמער. די קראָם קראָמט זיך שנעל אויס, און דאָס פּאָרל פֿאָרט אַוועק קיין ארץ־ישׂראל. אַהרן פּערל לאַהס האָט חתונה קיין וואַרשע און ווערט אַ וואַיאַזשאָר ביי זיין שוואָגער, אַ פֿאַבריקאַנט פֿון שמעקעדיקע זייפֿן און פּערפֿומען. ער הייסט שוין היינט: אַהרן טאָוולעווער. ברענגט פֿון זיינע רייזעס אַ סך אַנעקדאָטן. איז גוט אויפֿגעלייגט, כאָטש צו ווערן אַ גבֿיר לעבן זיין שוואָגער האָט ער נישט

קיין אויסזיכטן. ער איז אַפּילו „אויסגעלינקט" אַ ביסל. וויצלט זיך אַ מאָל אויף דעם חשבון: „מאַלע, וואָס די קאָמוניסטן און בונדיסטן זאָגן, אַז אויך די ייִדישע בורזשואַזיע אַוועדט, אָט פון מיר, וואָס רייב זיך בלויז ביי איר פעטן טאָפּ — שמעקט. פון דעסטוועגן... פון מיין שוואָגער האַלט אַ ביסל וויטער די נאָז — איר קאָנט נאָך דערשפּירן". אָבער וועלוול נחומס, זייער יונגערער חבר, פאַרבלייבט אין שטעטל און עלטערט זיך אין זיין בחורישקייט. ער ווערט אַ לערער אין דער אויפגעקומענער דאָרטיקער יידישער שול. פון צייט צו צייט באַוויזט זיך זיינס אַ ליד, אָדער נאָוועלע אין די וואַרשעווער ייִדישע פּעריאָדישע אויסגאַבן. די שולקינדער רופן אים: דער לערער וועלוול, און דאָס שטעטל: וועלוול סאַפּיר.

סוף־כל־סוף רייסט זיך וועלוול סאַפּיר אַרויס פון שטעטל און קומט קיין וואַרשע. אַ דאַנק זיין חבר אַהרן טאָוולעווער, וועלכער נעמט אים אַריין צו זיך אין שטוב ווי אַן אומזיסטיקן, אָבער בכבודיקן קוואַרטיראַנט, גיט זיך אים איין איבערצוהאַלטן אַ קריטיש שטיקל צייט, ביז וואַנען ער גע־פינט אַרבעט אין אַ ייִדישער שול.

איין מאָל, אין אַ תמוזדיקן שבת פאַר מיטאָג, גייען זיי, אַהרן טאָוו־לעווער און וועלוול סאַפּיר, אויף אַ ייִדישער גאַס, וואָס ס'איז נישט צו דערקענען זי צוליב איר שבתדיקער מנוחה־שטילקייט און ליידיקייט. ווי מיט אַ מאָל בלייבט סאַפּיר שטיין איבערראַשט, טוט אַ כאַפּ טאָוולעווערן פאַרן אָרעם און אַ שטאַרקן קוועטש:

— זעסט, ווער ס'גייט אונדז דאָרט אַקעגן?!

זיי קוקן ביידע אין דער וויט אויף צוויי שבתדיקע ייִדן, מיט אַרויפ־געגרוקטע קאַפּעליאַשן, צעשויבערטע פּאות און צעפּלאַטערטע פּאָלעס. די ייִדן דאָרט פירן אַ שמועס מיט האַסטיקע קאָפּ־און־הענט־באַוועגונגען. בלייבן אָפּט שטיין און טוען זיך מיט אַ מאָל אַ ריס פאָרויס.

— צוויי רבילעך, אָדער רבנים, ווייל — אַן גבאים. אָדער אפשר איז דער פון רעכטס דער רבי, און דער פון לינקס — דער משמש־בקודש. — זאָגט טאָוולעווער נישט־פאַראינטערעסירט. נאָר אַזוי ווי סאַפּיר קוועטשט אים נאָך אַלץ דעם אָרעם, גיט ער צו מיט לייכטן שפּאָס. — הער אויף קוועטשן מיר די האַנט, דו אַלטער און מאָדערנער באַנקקוועטשער. מע קאָן מיינען — האָסט דאָרט אַ העלפאַנט דערזען.

— נאָך גרעסערס פון אַ העלפאַנט! — איז סאַפּיר, צו טאָוולעווערס פאַר־וווּנדערונג, שטאַרק צעקאַכט, כאַטש דעם אָרעם טוט ער אים שוין אַ לאָז אָפּ. — דער פון דער לינקער זייט, וואָס ביסט זיך משער, אַז ער איז דער משמש־בקודש — ווייסט זוער דאָס איז? — רב ברוך בערל לייבאָוויטש, מיין ראָש־ישיבה פון „כנסת בית יצחק״!

— קלייבסט זיך נאָך אפשר צו פאָרן צון אים אין ישיבה? — וויצלט זיך ווידער טאָוולעווער. — נעם זשע פריִער, דו אַלטער בחור, און האָב חתונה, וואַרף אָוועק דאָס ווייב, וועסטו זיין דאָרט אַ פרוש און האָבן גרויס חשיבות... קום!

— ניין! — רירט זיך נישט סאַפּיר פון אָרט. — דו גיי פאָרויס און איך מוז אים דאָ אָפּשטעלן. אָט זענען זיי שוין באַלד.

— גוט שבת, רבי! — פאַרשטעלט דער מאַציעווער מיט זיך דעם וועג פאַרן ראָש־ישיבה.

— גוט שבת!? — ענטפערט רב ברוך בערל מיט אַ פרעגטאָן, אים אָנקוקנדיק מיט די אַרויסגעבולטע אויגן, ווי דערשראָקן, בעת זיין מיט־גייער איז דערווייל, אויך ווי דערשראָקן, אָוועק פאָרויס. — המם? ווער? המם. וואָס?

— דער רבי דערקענט מיך נישט?! — איז דער תלמיד פאַרוווּנדערט מיט אויפריכטיק־ווייטיקלעכן פאַרדרוס, און ס׳פּאַלט אים שיר נישט אַראָפּ פון מויל די חוצפּהדיקע פראַגע: „און ווו איז, רבי, דער טביעת־עין פון אַ תלמיד־חכם?״.

— המם... — שאָקלט דער רבי מיטן קאָפּ צעטומלט אַהין און אַהער אויף ניין, און טוט זיך אַ לאָז אָוועקצוגיין.

— כ׳בין דאָך דער מאַציעווער, רבי. — קלינגט עס מיט תרעומות.

— דער מאַציעווער?! אַ־אַך! שלום־עליכם! — טוט ער אים אַ שטרעק די האַנט שוין מיט אַן אַנדער מין צעטומלעניש. — דאַרף מען דאָך. דאַרף מען דאָך עפּעס שמועסן. המם. נאַר...

דאָ טוט ער זיין שלום־עליכם־דלאַניע אַ צי אַרויס פונעם תלמידס, אַ טייטל מיטן ווייזפינגער אויף זיין פאַרויסגעלאָפענעם מיטגייער, וועלכער האָט אַ פּנים אָקערשט ערשט דערשפּירט, אַז רב ברוך בערל פעלט אים ביי דער זייט, און אויסגעדרייט אַהער דעם קאָפּ.

— דאָרטן. המם. דער ראָש־ישיבה פון. — שטאַמלט ער אָפּגעכאַפּט און

נישט־דערזאָגט. — אַ גאון און אַ צדיק. איך מוז לויפן. מיר שטייען איין אויף טוואַרדע־גאַס. קומט אַרויף, מאַציעווער. למען־השם! אַ גוטן שבת!

און ער איז שוין פאַרויס מיט איילנדיקע טריט, אַניאַגנדיק יענעם.

„ווי דאָס האַרץ וואָלט אים אונטערגעזאָגט, אַז איך בין שוין אַ „שנה־ ופירש״ניק, און מע דאַרף פון מיר אַנטלויפן. — טוט דער תּלמיד אַ טראַכט, נאָכקוקנדיק די צוויי דאַרטן מיט באַצערטן שמיכל און וויטיקלעכן פאַר־ דרוס. ער יאָגט אַן טאָוולעווערן. זיי לאָזן זיך גיין ווייטער, און ער דער־ ציילט אים איבער דעם קורצן שמועס.

— נו, ס׳איז פאַלג מיר אַ רבין אַ גאַנג. — לאַכט טאָוולעווער. — גיי זוך זיי, די פּראָווינצער, אַן אַ נומער פון אַ הויז — צוויי שפּילקע־קעפּלעך אין קאַפּעליאַשן. סיידן זאָלסט מאָרגן גלייך נאָך דער ערשטער אַשמורה לויפן אויף טוואַרדע דאַווענען אין די קלויזן — אפשר וועסטו זיי געפינען.

— המם. אַ שטאַרקער שאָד. — טוט סאָפּיר אַ זאָג פּראָסט־פּשוט, נאָר זוכט אין דער מחשבה עפּעס אַ באַפליגלט וואָרט און לאָזט אויס. — אַ מעטעאָר פון אַ פאַרשווינדנדיקער וועלט.

מיט צען יאָר שפּעטער קומט דער שרייבער וועלוול סאָפּיר אַראָפּ אַ מאָל אין זיין געבוירן־שטעטל, מאַציעוו, אויף זיינעם אַ ליטעראַרישן אָוונט. ס׳איז פאַר אים אַ טיף־רירנדיק איבערלעבעניש. אויפן וואָקזאַלכן זענען אים מקבל־פּנים די פירער פון דער „קולטור־ליגע״, וועלכע האָט דעם אָוונט איינגעאָרדנט, בראָש מיט זייער פּאַרזיצער — יוסף לעווין, דער זון פון גרשון לעווין, דעם אויפגעקומענעם מלחמה־גביר.

אין אָוונט, זיצנדיק אויף דער שטאַרק באַלויכטענער בינע, זעט ער מיט אַ געפיל פון אויפגערודערטקייט דאָס „פּנים פונעם פּובליקום״, וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט פון אַ סך באַקענטע פּנימער מיט פינקלענדיקע אויגן. מע שטאַלצירט מיטן אייגענעם שרייבער. ס׳באַגריסן אים דער פּאַרזיצער און אַ פּאַרשטייער פון פּעדאַגאָגישן ראַט, „ווי אַ געוועזענעם לערער און דערציִער אין זייער שול; די שול איז שטאָלץ דערויף!״. ס׳קומט אַרויף אַ פאַרשעמט־צעשמייכלט מיידעלע, אַ שילערין, דערלאַנגט אים בלומען, היינט אין פעלד געריסענע, און באַגריסט אים אין נאָמען פון אַלע שול־ קינדער, „וואָס זענען אויך היינט זיינע שילער — זיי לערנען און לייענען

זיינע ווערק". דערנאָך רעציטירט ער פון זיינע לידער, לייענט פאַר אַ נאָ־וועלע און — צו די רוישיקע אַפּלאָדיסמענטן נעמט גאָרנישט קיין סוף.

ביים אַרויסגייען פון טעאַטער, פאַרבעט אים יוסף לעווין אויף אַ "היי־מישן אָונטערבייס" צו זיי אַהיים:

— און זאָגט אונדז נישט אָפּ, פאַניע סאַפּיר. — רעדט ער צו אים ווייך און העפלעך, מיט אַ שמייכעלע, באַשמאַלצן מיט אויגנגלאַנץ, דורך די גאָלדענע רעמלעך פון די פענסנע, ווי בעת ער רעדט, אַלס מיטגליד פונעם קרייזסיימיק, מיטן סטאַראָסטע. — מע וועט מאַכן אַ "פּריוואַטן" לחיים און... חוץ דעם האָט נאָך מיין פאָטער אַ טשעקאַוון גרוס פאַר אייך... ניין, איך וועל אייך נישט זאָגן. דערווייל איז עס אַ סוד, און קיין סודות פון חדר זאָגט מען נישט אויס. איר מוזט עס הערן פון פאָטער אַליין.

וועלוול סאַפּיר האַלט זיך פאַר אַ פּראָלעטאַרישן דיכטער, און גיין אויף אַ פּריוואַטן אָונטערבייס צום גביר אין שטעטל איז אים נישט צום האַרצן. אָבער... די רייכע פאַמיליע האַלט דאָך אונטער די יידישע שול. שיקט אַהין אירע קינדער לערנען. אין דעם זכות, — טראַכט ער, — טאָר איך נישט אָפּזאָגן. המם, און ס׳איז טאַקע אויך טשעקאַווע, פון וועמען אַ שטייגער קאָן עס אים דער מאַציעווער אויפגעקומענער מלחמה־גביר ברענגען אַזאַ טשעקאַוון גרוס?

— מסכים. — זאָגט ער און לאָזט אויס מחמת העפלעכקייט. — מיט פאַרגעניגן.

און אָט וואָס "דער קאָפּ פון הויז", גרשון לעווין, דערציילט, נאָכן אויסטרינקען אַ לחיים פאַר די פיש און אַ לחיים נאָך די פיש, ווען דער "כטוב לב המלך ביין"* צעבינדט אים די צונג:

— פאַר צוויי יאָרן בין איך געפאָרן קיין דרוסגעניק אויף קור. נו, ס׳פעלן נישט, ברוך השם, קיין יידן אין אַזעלכע מקומות. פאַרשיידענע יידן: אַלטע און יונגע, מאַנצבל און ווייבער, פרומע און היינטוועלטיקע, געהויבענע און פּראָסטע, גבירים און קבצנים אַפילו, פאַרשייטע קבצנים. נו, איך, כאָטש דאָ הי בין איך אַ ייִד אַ גביר, האָב איך ליב, נישט ווי די קינדער מיינע, צו האַלטן זיך דווקא צווישן יידן פון די אַלטוועלטיקע.

* אַז דעם מלכס האַרץ איז געווען פריילעך פון וויין.

ס'איז עפּעס היימישער, אַמאָליקער, פֿאַרמלחמהדיקער. מאַ, מכוח וואָס שמועסן געוויינלעך אַזעלכע ייִדן אויף אַ קוראָרט, חוץ וועגן מיחושן, קראַנקהייטן, וועגן דער קור און די דאָקטוירים? מען שמועסט וועגן די געהויבענע קורגעסט היינטיקס יאָר: רביים, צדיקים און גרויסע באַוווּסטע רבנים. האַלט מען אין איין שמועסן וועגן איינעם אַ רב זוועלוועלע, רב חיים בריסקערס אַ זון. נאָר נאָך מער, דאַכט זיך — וועגן איינעם אַ גרויסן גאון און צדיק, רב חיים בריסקערס אַ תלמיד. אַז דער איז... אַזוינס און אַזעלכעס! המם, איך זאָל אַזוי וויסן פֿון אַ בייזער וועטשערע, צי איך קאָן זיך שוין דערמאָנען זיין נאָמען. רב, רב, רב... מנאַ, וואָס עלטער — דער זכרון אַלץ קעלטער. יוסף, גיס אָן דעם גאַסט נאָך אַ גלעזעלע. און מיר. לחיים! המם. פֿרעג איך איבער: „אַ רבי? ער נעמט פּדיונות?“. וואָרן אַ רבי וואָס נעמט פּדיונות איז מיר נישט טשעקאַווע: ער לייענט, דאַכט זיך, דייק קוויטל, און קוקט דיר אויף די הענט. אַזאַ רבי איז פֿאַר מיר אַ סוחר. און סוחרים קען איך אַ סך. און אַ סוחר בין איך דאָך אַליין. איך האַנדל מיט וואַלד, און אַ רבי האַנדלט, ווי מע דערציילט נאָך וועגן דעם סטאָלינער, מיט „פּלעקער“. ווי איר זעט, פֿאַניע סאַפּיר, בין איך מיטן סטאָלינער כמעט פֿון איין בראַנזשע. זאָגט מען מיר: „ניין. וואָס פֿאַר אַ רבי איז ער! וואָס פֿאַר אַ פּדיונות! דער ראָש־ישיבֿה פֿון דער קאַמעניצער ישיבֿה איז ער, אַ צדיק, וואָס ווו געפֿינט מען שוין היינטיקע צייטן אַזעלכן?!“. נו, טראַכט איך זיך: אַ צדיק, וואָס נעמט נישט, איז שוין גאָר אַן אַנדער סדרה. ס'איז כדאַי צו גיין צום אים מקבל־שלום זיין און זען מיט די אייגענע אויגן — ווי זעט אויס אַ צדיק אַ נישט־נעמער. אַ צדיק אַ נישט־נעמער מוז טאַקע זיין אַ גוטער ייִד, פּונקט ווי, להבדיל, אַ סטאַראָסטע אַ נישט־נעמער — אַ שלעכטער גוי.

— נישט אמת, יוסף? — טוט ער זיך אַ ווענד צום זון, זיך גרייסנדיק מיט אים פֿאַרן חשובֿן גאַסט. — דו ביסט דאָך עפּעס ביי אונדזער סטאַראָסטע אַ גאַנצער מאַכער.

— דאָס איז איצט נישט וויכטיק, — טאַטע. — איז יוסף לעווין באַשיידן, זיך טאָפּל גרייסנדיק אין האַרצן — אויך מיט אָט דער באַשיידנקייט. — שלאָג זיך אַליין נישט איבער, טאַטע, און דערפֿיר שוין דאָס געהילץ צו דער נייטיקער באַנסטאַנציע. זעסט דאָך, אַז דער חשובֿער גאַסט אונדזערער איז שטאַרק פֿאַראינטערעסירט אינעם גרוס.

— גערעכט. — איז דער באַלעבאָס מסכים. — גיס אָן אַלעמען צו גלעזעלעך... לחיים! בקיצור, קיין צייט אין דרוסקעניק פעלט נישט, ברוך השם, אַז פון די געשעפטן ביסטו אויסגעטאָן. נעם איך איין מאָל און לאָז מיך צום צדיק. אַריינגעקומען, איך גיב אַ קוק: ביי אַ נאַקעטן טיש, איבער אַן אָפענער גמרא, זיצט אַ ייִדל, מיט דריי ווייסע קאַלטענעס אויפן פּנים — פּאות און אַ בערדל. ווייסע, ווי שניי. אַ זייער ווייך און גוט פּנים, ווי סע וואָלט געווען אויסגעקנעטן אין גאַנצן פון הוילע שמייכל. און זיינע אויגן שטאַרצן אַרויס דערפון, ווי אָט פאַלן זיי אַרויס אויף די בלעטער פון דער גמרא. איך זאָג: ער זעט מיך נישט. אַזוי פאַרטאָן איז ער אינעם לערנען. פאַר אַזאַ ייִדן באַקומט מען דרך־ארץ. איכל וואַרטן. און האָט הייבט ער שוין אַרויס די אויגן. קוקן זיי אָבער אין דער וועלט אַריין, גלייך זיי פאַר־שטייען גאָרנישט, וואָס אויף דער וועלט טוט זיך. גמרא־אויגן. גיי איך שוין צו צום אים. דערשרעקט ער זיך, דערזעט מיך און שטרעקט מיר אויס די האַנט:

— שלום עליכם, רב ייִד. המם, פון וואַנען איז אַ ייִד?

פון אַ קליין שטעטל. דער רבי האָט אוודאי נישט געהערט אַפילו דעם נאָמען דערפון. נישט כדאַי עס ביים נאָמען אָנצורופן.

— וואָס רעדט איר, רב ייִד?! — קוקט ער מיך אָן פאַרוווּנדערט און מיט תרעומת. — ס׳איז דען נישט קיין ייִדיש שטעטל, וואָס, חלילה, ימח־שמו? אויב אַ גויִיש, איז וואָס זשע טוט איר דאָרטן, כאָטש אַ ייִד אָן אַ באָרד?

דערפיל איך, אַז דאָס פּנים איז מיר נאַקעט און וויל עס אויף גיך פאַררעדן: „אוודאי איז עס אַ ייִדיש שטעטל״.

זאָגט ער צופרידן אַזוי: „אַז אַ ייִדיש שטעטל, איז אַ מצווה עס אָנצו־רופן אַפילו ביים גויִישקן נאָמען. ווי הייסט עס, דאָס שטעטל?

זאָג איך: „מאַציעוו הייסט עס״.

טוט ער זיך אַ כאַפּ פאַר אונדזער מאַציעוו, ווי פאַר אַ וואָזשנער מציאה. ווי ער וואָלט האָבן כאָטש אַ זיידן אויפן היגן בית־הקברות: „הא?! מאַציעוו?! דאַרפט איר דאָך אוודאי קענען דאָרטן דעם מאַציעווער! איר קענט אים, דעם מאַציעווער?״.

שטיי איך שוין אַזוי אַ מבולבלער און רוף זיך אָן צעמישט: „פאַר־שטייט זיך, רבי. איך קען אַלע מאַציעווער ייִדן״.

„ניין, — זאָגט ער, — איך פרעג אייך בפירוש אויפן מאַציעוווער".

„וואָס הייסט?" — שטוין איך שוין: צי דער צדיק טרייבט נישט צו מאָל מיט מיר, דעם האַלעבראַדניק, אַ קאַטאָוועס? — „ביי אונדז אין מאַציעוו איז דאָך יעדער ייִד אַ מאַציעוווער?".

„ניין, — צעשמייכלט ער זיך שוין אומטיק אַזוי, — איך מיין נישט אַ מאַציעוווער סתם, נאָר דעם מאַציעוווער". המם, וואָרט, ווי האָט ער געזאָגט? יאָ: „מיט אַן איי אַ יעדיע". דאָס האָב איך שוין גאָר אין גאַנצן נישט פאַרשטאַנען: ווי קומט פלוצעם אַן איי פורים צום סדר?... לאַכט, לאַכט, איך האָב נישט געלאַכט, ביז ער האָט אויסגעפירט: „דעם מאַציעוווער, וואָס האָט אַ מאָל געלערנט אין מיין סלאָבאָדקער ישיבה".

— רב ברוך בערל! — קאָן שוין וועלוול סאַפּיר מער נישט איינהאַלטן אין זיך דאָס, וואָס ער האָט געהאַט שוין זיך אָנגעשטויסן פונעם פּאָרטרעט אַליין. — איר האָט געהאַט די זכיה, פּאַניע לעווין, צו רעדן מיט גאָר אַ גרויסן צדיק. אַזוי?... איז ער שוין אין גאַנצן ווייס געוואָרן, מיין רבי...

— אַט־אַט. טאַקע רב ברוך בערל. — שמייכלט לעווין שטאַרק צופרידן און גיסט שוין אַליין אָן צו גלעזעלעך, דעם חשובן גאַסט און זיך אַליין.

— לחיים!... זעט איר, חברה, אין אייער שרייבער קלאַפּט נאָך אַן אָדער פון אַ ישיבה־בחור. ווי איר האָט זיך עס דערפרייט מיט אייער אַמאָליקן ראָש־ישיבה! „מיין רבי" האָט איר געזאָגט. זייער אַ פיינער תלמיד. איר זעט, חברה, ווי מע דאַרף זיך פאַרהאַלטן צון אַ לערער. און ווי איר זענט עס געוואָרן פאַרזאָרגט אַזוי, וואָס אייער רבי איז שוין אין גאַנצן ווייס געוואָרן!

— וואָס דען האָט איר געמיינט, פּאַניע לעווין? — רופט זיך אָפּ צון אים דער חשובער גאַסט, אויך שוין אַ ביסל אונטערן גלעזל, און פאַרטראַכט, אים מהנה צו זיין מיט אַ „שטיקל תורה־חידוש". — די יוגנט פאַרגעסט זיך נישט. און אויך די תורה פון דער יוגנט פאַרגעסט זיך נישט. ווי האָט איר זיך עס פריִער געהאַט אויסגעדריקט: „איך זאָל אַזוי וויסן פון אַ בייזער וועטשערע" — און אָט ווייסט איר שוין פון דריי „בייזן" „רב־ב־ב ב־ב־ברוך ב־ב־בערל". המם, יאָ, נאָר אַ פּנים, אַז נישט יעדער „בייז" איז תמיד בית. אַ מאָל איז ער דווקא זייער צוגעלאָזן: רב־ב־ב ב־ב־ברוך ב־ב־בערל... ב־ב־בראשית ב־ב־ברא... אַ גוטע וועלט...

— אַ, פּאַניע סאַפּיר, — שמייכלט יוסף לעווין צווײדײטיק און דער־

לאַנגט אים אויף אַ גאָפּל אַ שטיקל זויערע אוגערקע צו פאַרבייסן. — נעמט, נעמט... דאָס איז גוט צו פאַרשלאָגן שיכרות... אַז איר ווילט, זע איך, קאָנט איר נאָך זאָגן אַ שטיקל תורה אויך. נו, טאַטע, ווייטער, ווייטער.

— יאָ. — כאַפּט זיך דער באַלעבאָס ווייטער דערציילן. — טו איך זיך אַ כאַפּ: „אַך, ווייס איך שוין וועמען דער רבי מיינט: וועלוול סאַפּיר! נאָר ער איז שוין היינט נישט קיין מאַציעווער. אַ וואַרשעווער איז ער. אַ שרייבער". פּלוצעם — איך זע: זיין פּנים פאַרפינצטערט זיך. ווי ממש אַ שוואַרצע כמאַרע וואָלט זיך פון ערגעץ אָנגערוקט דערויף. און ער טוט אַ זאָג אַזוי מיט קלעמעניש: „דער מאַציעווער איז שוין נישט דער מאַציעווער. אַזוי? איז עס אמת, הייסט עס, וואָס ס'איז צו מיר דערגאַנגען. המם, אַ שרייבער געוואָרן, רחמנא־לצלן!".

נאָר דאָ עפנט זיך אַ זייטיקע טיר, און ס'טועןן אַ קום אַריין צווי ייִדן. ווי רבנים זעען זיי אויס. צעקאָכטע, בייזע, מיט אַ געשפּאַרעריי און געשרייעריי. עפּעס אין לערנען, פאַרשטייט זיך. איך פאַרשטיי זיך נישט דערויף. „אדרבה, — שרייט איינער, ווי אָט נעמט ער אויס דאָס גרויסע געווינס, — וועלן מיר טאַקע הערן, וואָס רב ברוך בערל וועט זאָגן"! זע איך דאָך, אַז אין דעם קאָן קאָן איך קיין האַנט נישט האָבן, ס'איז נישט קיין „זעקסאונזעכציק", רוק איך זיך גלייך אָפּ און טו אַ זאָג: „אַ גוטן טאָג, רבי". „אַ גוט יאָר אייך, רב ייִד פון מאַציעווע", — ענטפערט ער מיר. — „למען־השם, קומט אַריין נאָך אַ מאָל".

— דאָס איז אַלץ? — איז דער חשובער גאַסט אַנטוישט.

— ניין. נאָך נישט אַלץ, פּאַניע סאַפּיר. אין דער לאַדישקע איז די זויערמילך פון אויבן, און די סמעטענע פון אונטן. — טוט דער באַלעבאָס אַ קוק אויף אים צעקוואָלן, וואָס ער האָט אים אַזוי אָנגעצויגן. נאָר ס'פּאַלט אים איין, אַז דער משל מיט דער לאַדישקע איז אפשר צו פּראָסט, פאַררירכט ער זיך. — דער שישי מיטן מפטיר קומען ערשט. המם. אַ טאָג פאַר מיין אַהיים פאָרן טו איך אַ טראַכט: אַז רב ברוך בערל, וועגן וועלכן מע הערט נישט אויף צו רעדן, האָט מיר אַ זאָג געטאָן: „למען השם...", איז עס דאָך אַ כבוד פאַר מיר, דאַרף מען גיין געזעגענען זיך מיט אים לכל־הפּחות. נו, בין איך געגאַנגען. כ'האָב אים דאָס מאָל ווידער געטראָפן איינעם אַליין ביים הוילן טיש איבער אַן אָפענער גמרא, אין דער יאַרמלקע. ער האָט מיט אומעטיקע־אומעטיקע אויגן געקוקט צו דער טיר, בפירוש ווי ער

וואָלט געוווּסט, אַז איך גיי צוּן אים. המם, דעמלט בין איך געוועזן זיכער דעריין, כאָטש איך בין נישט קיין חסיד... יוסף, דו מעגסט זיך אונטער־שמייכלען. און ווי צוגעטראָפן מיין געדאַנק, האָט ער אַ זאָג געטאָן: „איך קוק איך טאַקע אויס די גאַנצע צייט. זייער פיין פון אַ ייִדן. המם". — רבי, איך בין געקומען, איר זאָלט מיר געזעגענען. — טו איך אַ זאָג און זע ווי זיין אָפּגעדעקטער שטערן הייבט זיך אָן צו פאַלדעווען. מילא, אַ שטערן — ווי גרויס איז דען אין גאַנצן אַ מענטשנס אַ שטערן, אַפילו פון אַ גרויסן למדן מיט טיפע ווינקלען? נאָר מיר האָט זיך געדאַכט, אַז זיין שטערן, אַזוי ברייט און הויך — אַז ער איז אַ... אַ... אַ...

— אַ הימל! — העלפט אים אַרויס דער חשובער גאַסט.

— טאַקע, טאַקע פאַניע סאַפּיר! און איך זע ווי סע ציִען איבער אים כמאַרעס. איך קוק אויף די כמאַרעס און שוויג. ער קוקט ערגעץ אין דער וועלט אַריין און שוויגט אויך. עפּעס... עפּעס...

— ווי ער וואָלט זיך איינהאָרכן צום גאַנג פון אָט די כמאַרעס. — העלפט אים ווידער אַרויס דער שרייבער.

— יאָ. און איך וווּנדער זיך זייער אויף אָט די כמאַרעס, ווייל... ווייל דורך די פענצטער קוקט דאָך ערשט אַריין אַזאַ ליכטיקער טאָג. ווי די גאַנצע וועלט וואָלט זיין אין גרויסע זון.

— כע־כע־כע... — צעשמייכלט זיך יוסף לעווין. — ווי איר זעט, פאַניע סאַפּיר, הייבט מיין טאַטע אָן צו קאָנקורירן מיט אייך אויפן געביט פון פּאָעזיע.

— שטילער, יוסף, שלאָג נישט איבער. יאָ. און אַרום און אַרום דער שטוב איז, ווי אין דער שטוב אַליין, שאַ־שטיל. איר ווייסט, חברה? אַזוי ווי סע מאַכט זיך אַ מאָל אין וואַלד פאַר אַ שטורעם מיט אַ שלאָקסרעגן. איך זע: זיינע ליפּן הייבן זיך אָן באַוועגן. מיין איך — ער הייבט אָן רעדן. ניין. זיי צוקן בלויז. און אין זיינע אויגן — אויגן, ווי לאַמטערנעס עפּעס! — טוט אַ פינקל, און נאָך אַ מאָל אַ פינקל. ווי ערגעץ ווייט וואָלט געבליצט. און מיט אַ מאָל — אַז סע טוט עס נישט פון זיין האַלדז אַ פליוך אַרויס אַ געוויין, אַ געיאָמער, אַזאַ געוואַלד־געשריי! איך פיל: איך ווער געליימט, ווי גרויס און הויך איך בין — אַ ליימענער גולם: „המם... המם... רע... רבי...". ווי איך בין אַ ייִד, כאָטש אָן באָרד־און־פּאות! אין דער רגע בין איך גע־וועזן אַן אמתער חסיד. און דאָ טוט אַ לויף אַריין, ווי אָנגעטראָגן פון אַ

ווינט פאַר אַ בערע, עפּעס אַ צעטראָגענער און צעשויבערטער ייִד. מע זעט גלייך: סע מוז זיין עפּעס גאָר אַ גרויסער רב. נו, כ׳האָב אים גלייך דערקענט — נישט איין מאָל האָט מען אָנגעוויזן אויף אים אין גאַס: רב וועלוועלע, רב חיים בריסקערס!

„וואָס איז געשען, חלילה, רב ייִד?!" — טוט ער אַ וואָרף אויף מיר אַ פּאָר איבערגעשראָקענע און באַצערטע אויגן. און, נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער, אַ בייג זיך צו איבער רב ברוך בערלען מיט אַזאַ דרך־ארץ און ווייכקייט אין קול: „וואָס איז געשען פּאַר אַ בייז, חלילה, רב ברוך בערל?!".

„אַ גלאָז וואַסער! דערלאַנגט אַריין אַ גלאָז וואַסער!" — שרייט ער אַריין ערגעץ דורך דער אָפענער טיר. און באַלד איז עמעץ שוין דאָ לעבן אים מיט אַ גלאָז וואַסער. טראָגט ער זי אונטער צו רב ברוך בערלס ליפּן. — „נאַט אייך, רבי, מאַכט אַ שהכול, זייט טועם עטלעכע שלוק, וועט אייך מיטן אייבערשטנס הילף לייכטער ווערן". רב ברוך בערל, האַרכט מען, מאַכט שטיל, פון געכליפּעריי אַרויס, די ברכה און טוט עטלעכע שלוק, זיין העשען שטילט זיך ביסלעכווייז איין, און ער הייבט אָן רעדן צו רב וועלוולען:

„דער־אָ ייִד איז אַ מאַציעווער. ביי מיר איז סלאָבאָדקע האָט געלערנט איינער פון זיין שטעטל — דער מאַציעווער. ס׳האָט געזאָלט פון אים אויס־וואַקסן אַ... אַ... סיי ווי, איך האָב אים מקרב געווען. ליב געהאַט אַהבת־נפש. בין געגאַנגען מיט אים מיט מידת־הרחמים: כרחם אָב על בנים*. ווי אייער פאָטער, מיין רבי, זכר צדיק לברכה, האָט מיך געלערנט. האָב געהאָפט, ווי סע שטייט אין ישעיה...".

— המם, ער האָט געזאָגט עפּעס אַ פּסוק. המם. ניין, איך געדענק אים נישט איצטער נאָכצוזאָגן. דעמלט, בעת־מעשה, האָב איך זיך דערמאָנט, אַז מיין טאַטע, עליו־השלום, כאָטש אַ דאָרפסייִד, האָט מיט מיר דעם פּסוק ייִנגלווייז געלערנט. המם... זעט! וואָס זענט איר אַזוי בלאַס, פאַניע סאַפיר?!

— ווייסעך! גאָרנישט... — איילט זיך דער חשובער גאַסט אים צו פאַררעדן, אַרויפציִענדיק אַ שמייכל אויף דער בלאַסקייט פון פּנים. — איכל אייך דערמאָנען, פאַניע לעווין: „קויתי — איך האָב געהאָפט, לעשות

* ווי אַ פאָטער דערבאַרעמט זיך אויף ינדער.

— ער זאָל ברענגען, ענבים — וויינטרויבן, ויעש — און ער האָט געבראַכט, באושים —ווילדע וויינטרויבן". נישט אמת, אַזוי האָט איך אייער טאַטע פאַרטייטשט ?

— טאַטש אווו טאַטש*! אַקוראַט אַזוי האָט מיין טאַטע עליו השלום, מיט מיר געלערנט. — האָט דער באַלעבאָס שטאַרק הנאה פונעם אורחס הילף. — און אָט דעם פסוק, אין גאַנצן אויף לשון־קודש, האָט רב ברוך בערל געזאָגט און אויסגעפירט: „איז ער אַרויס לתרבות־רעה, דער מאַ־ציעווער! שרייבט אין די גאַזעטעס. מנאַ, ס'איז מיר אַוודאי אַ שטראָף פון אויבן פאַר מיין גיין מיטן מידת־הדין מיט דער אשת־נעורים פאַר איר לייענען אַ בלאַטצייטונג. דער אייבערשטער זאָל זיך אויף מיר מרחם זיין. ער איז שוין נישט מיין מאַציעווער. אַן „אַכער"** איז ער, אַן „אַכער"! כ'ווייס נישט וואָס ער האָט געמיינט מיט דעם וואָרט „אַכער". און אפשר האָט ער גאָר געזאָגט: אַ „מאַכער", אַ „מאַכער"... סיי ווי — ס'האָט ווידער אַ פלייץ געטאָן פון אים אַ געיאָמער.

„רב ייד, — טוט דאָ רב וועלוועלע זיך אַ ווענד צו מיר, — זייט מוחל, זאָגט דעם רבין אַ גוטן טאָג. דער רבי דאַרף גיין זיך צושפּאַרן אַ ביסל, אָפּרוען".

— אַ גוטן טאָג, רבי. — מאַך איך נישט קיין שהיות און וויל זיך לאָזן, ווי אַ שולדיקער, אַוועקגיין. שטרעקט ער אויס צו מיר די האַנט, רב ברוך בערל, און געזעגנט מיך מיט רויטע אויגן און אַ פייכט פּנים: „פאַרט אַהיים לחיים ולשלום. און אים, דעם וואַרשעווער, אַז איר וועט אים אַ מאָל טרעפן, זאָגט אים אין מיין נאָמען: ,ס'איז נאָך נישט נאָך נעילה. די שערי תשובה זענען תמיד אָפן. זאָל ער זיך אומקערן'. „אָמן!" — האָט אַ זאָג געטאָן רב וועלוועלע, און איך בין הינטערווילעכס אַרויסגעגאַנגען. דאָס איז אַלץ. נו, יוסף! גיס אָן די גלעזלעך, און די באַלעבאָסטע וועט הייסן אַריינדערלאַנגען די ווייטערע געריכטן... לחיים, פאַניע סאַפּיר, פאַר אייער געזונט. אַ כפרה פאַר איך אונדזער סטאַראָסטע, דער אַנטיסעמיט, כאָטש ער איז אַ גוטער נעמער. און פאַרן געזונט פון אייער רבין, ער זאָל מאַריך ימים זיין. ער איז דאָך באמת אַ צדיק. אַ סימן — ער איז נישט קיין נעמער.

---

* פינקטלעך.

** העברעיש: אַחר — אַן אַנדערער.

— לחיים! — שמייכלט וועלוול סאַפּיר, שוין אין גאַנצן אָן אויסגע־ניכטערטער — לחיים פאַר מיין רבין. ער איז באמת אַ הייליקער.

— — — — — — — — — — — — —

נאָך דער יידישער קאַטאַסטראָפע. וועלוול סאַפּיר, אַ זיך־געראַטע־וועטער אין ראַטנפאַרבאַנד, איז צוריק אין פּוילן. וואַרשע. ער ווייסט שוין; זיין איינאונאיינציקע שוועסטער, רייזעלע, איז מיטן מאַן און זייערע קינדער אומגעבראַכט געוואָרן אין אָסטילע צוזאַמען מיט דער דאָרטיקער גאַנצער עדה יידן; פון זיין געבורטשטעטל, מאַציעוו, האָבן זיך געראַטעוועט בלויז צוויי בחורים; זענען דאָ געוועזן און אַוועק; אין פונק טרייסט האָבן זיי דאָ איבערגעלאָזט: איינער פון די לעווינס האָט, בעת דאָס שטעטל איז גע־טריבן געוואָרן צום טויט, אַרויסגעריסן ביי אַ דייטש דעם אויטאָמאַט, אָבער נישט באַוויזן נאָך אויסצושיסן איז ער אַנידערגעפאַלן אַ דערשאָ־סענער דורך אַ צווייטן דייטש... זיין וואַרשעווער חבר אהרן טאָולעווער מיט זיין פרוי — אומגעבראַכט; ס'איז אָבער פאַראַן אַ קלאַנג אַז זייערע זין, אויך זיך־געראַטעוועטע אין ראַטנפאַרבאַנד, זענען פון דאָרט אַוועק מיט אַנדער־סעס פּוילישער אַרמיי און געפינען זיך אין ישראל... ווי גוט ס'וואָלט זיין צו זיין כאָטש מיט זיי צוזאַמען! דאָ האָט ער קיינעם נישט. די קאָלעגן שרייבער, מיט וועלכע ער האָט זיך אין ראַטנפאַרבאַנד אויסגעמיטן — צווישן זיי און אים שטייט אַן אָפּגעפרעמדטקייט. ער איז פאַרבליבן עלנט, ווי ער איז עס געוועזן דאָרטן... וואָלט ער זיך כאָטש, ווי אַנדערע, געווען אומגעקערט מיט אַ פרוי, מיט אַ בשותפותדיקער האָפענונג אויף אַ קינד...

וועלוול סאַפּיר פילט־אָפּ זיין עלנט ממש ווי עפּעס אַ סובסטאַנץ, מיט וועלכער ס'איז דורכגעזאַפּט נישט נאָר זיין געמיט, נאָר אַפילו דאָס לייב; אַן עלנט אַ חושך — „וימש חושך", אַנצוטאַפּן אים... דאָס בלוט אין אים מוז זיין, נישט אַנדערש, ווי גליווערנדיק, טונקלרויט, אָדער רויטגרוי אויפן קאָליר... מיתה־משונהדיק... נאָך מער — צייטנווייז האָט ער די שפּירונג אַז אין די פאַרשוואַרצט־געוואָרענע ראַטנפאַרבאַנדישע יאָרן פון נויט און אונטערהונגערן האָט ער זיך אויסגעלאָשן, ס'איז פון אים גאָר־נישט נישט געבליבן אויסער אָט דער סובסטאַנץ — עלנט; ער איז דאָרט געוואָרן אויס שרייבער, אַן עקר, וואָס זיין שאַפונגסקוואַל, אויב נישט

אויסגעטריקנט, איז פֿאַרשטאָפּט, און ווער ווייסט צי ער וועט זיך ווען־עס־איז עפֿענען...

ווי פֿאַנאַנדערצולאָזן אָט דעם עלנט, „אויפֿצושטיין תחיית־המתים", זוכט ער און פֿאַרשט וועגן מענטשן וואָס זייערע געשטאַלטן זענען שוין גאָר מטושטש אין זיין געדעכעניש: אפֿשר איז גראָד צווישן זיין פֿאַראַן אַ געראַטעוועטער.

איז אָט בלייבט ער איין מאָל שטיין פֿאַר אַ פֿאָטאָגראַפֿיע אין אַ ייִדישער צייטונג אַזש פֿון אַפֿריקע, און ס'טוען זיך אים אַ צעפֿראַל די אויגן: רב ברוך בערל לייבאָוויץ!... לעבט ער?! פֿירט ער אָן מיט אַ ישיבה?... המם, אפֿשר קאָן מען אָנקומען אין איר ווי אַ תּלמיד ששנה־ופּירש, שפּירש־וחזר*?... ער נעמט לייענען, ווי אין פֿיבער. די אויגן שלינגען די שורות, וואָס דערציילן:

רב ברוך בער לייבאָוויץ איז מיט זיין באַרימט געוואָרענער קאַמענעצער ישיבה אַנטלאָפֿן אין יאָר 1939 קיין ווילנע. דאָ קראַנק געוואָרן, האָט אָבער נישט איבערגעריסן דאָס האַלטן זיינע שעורים פֿאַר די תּלמידים. אין יאָר 1940 איז ער דאָרט נפֿטר און נקבר געוואָרן לעבן זיין געליבטן טאַטן, זכר צדיק לברכה...

„אָך!" — זיפֿצט אָפּ וועלוול סאַפּיר, ווי אַ שטיין וואָלט זיך אים פֿון האַרצן אָראָפּגעגליטשט: נישט פֿאַרטיליקט געוואָרן. אין די־אָ שוידערלעכע צייטן און ווי־סטע מקומות איז דאָך די פּטירה געווען — אַ מין תּחיית־המתים... המם, ער פֿרייט זיך אויף זיין רבינס פּטירה, און ס'לייגט זיך דאָך אויפֿן שׂכל אַז דער רבי וואָלט גאָר געזאָגט: „וויי־וויי! מיך רבינס זכות, רב חיימס זכר צדיק לעולם הבאָ, איז מיר נישט בייגעשטאַנען איך זאָל די זכיה האָבן צו שטאַרבן על־קידוש־השם. דער הייליקער רבי עקיבאָ האָט דאָך אַלע זיינע יאָרן געלעכצט צו דערלעבן אַזאַ הייליקן טויט...".

„זיין זכר, — לייענען די אויגן ווייטער, — און זיין נאָמען לעבן אויף די ליפּן פֿון דורות בני־תּורה"... המם, — טראַכט וועלוול סאַפּיר, — נישט נאָר אויף די ליפּן, נאָר אויך אין די הערצער... און נישט דווקא פֿון בני־תּורה — אַפֿילו פֿון אַ שנה־ופּירשניק ווי ער, „דער מאַציעוועָר", טאַקע.

* וואָס האָט געלערנט און דאָס לערנען געוואָרפֿן, וואָס האָט עס געוואָרפֿן און זיך צוריקגעקערט.

...און וואָס איז מיט זיין פאַמיליע, דעם ראָש־ישיבהס ? וואָס מיט זיין ייִנגסטער טאָכטער, מיט שרהקען ?

עפּעס־וואָס דערוויסט ער זיך שפּעטער אַ ביסל פון אַן אַמעריקאַנער צייטונג: פון ווילנע איז די קאַמענעצער ישיבה אַריבערגעפאָרן, „שוין אַן איר קאָפּ, וואָס דער כּתר־תורה האָט פאַרלוירן", קיין ראַסיין — — דאָ האָט זיך געפונען דעם ראָש־ישיבהס ווייב, הרבנית פייגל לייבאָוויץ, מיט אירע אייניקלעך (...פונעם זון ? פון די טעכטער ? פון וועלכע ?). זיי זענען אומגעבראַכט געוואָרן מיט אַלע אַנדערע פרויען און קינדער אין שטאָט. (און ווו איז דער זון ? די טעכטער ? די איידעמס ?... זענען צווישן די אייניקלעך געווען אויך שרהקעס קינדער ?).

און ווידער אין אַ צייט שפּעטער שלאָגט ער זיך אָן ערגעץ אין אַ ידיעה, אַז די קאַמענעצער ישיבה איז אויפגעשטאַנען תּחית־המתים אין ירושלים און ווערט אָנגעפירט דורך רב ברוך בערלס זון, זכר צדיק לברכה, — שיקט זיך עס, סע זאָל אמת זיין ? ער איז דאָך געווען אַזאַ קראַנקער ? !... איז דאָך מעגלעך אַז אויך שרהקע לעבט אין ישראל... יאָ... ער האָט דאָרט גענוג היימישע מענטשן: די מאַציעוור חלוצים; אַהרן טאָוולעווערס קינדער; נו, און שמעיה דעם רבס מיט זיין ווייב... זיי זענען שוין אַוודאי עלטערן פון קינדער... צי איז ער נאָך אַלץ, שמעיה דעם רבס, געבליבן דער זעלבער ש.... שיכּורער בעל־מגזם, אָדער דאָס לעבן האָט אים שוין סוף־כּל־סוף אויסגעניכטערט ? המם, אויב ער דערציילט פאַר עמעצן וועגן דעם ייִדישן אומקום אין פוילן, שיקט זיך עס נאָך ער זאָל האָבן דערביי וואָס מגזם צו זיין ? קיין שום גוזמא וועט דאָך שוין נישט, נישט נאָר נישט איבעריאָגן די רשעותדיקע ניכטערע דייטשישע מעשים, נאָר נישט אַפילו אָניאָגן זיי.

...יאָ, אויב ער, „דער מאַציעוור", וועט מיטגעריסן ווערן מיט דער כוואַליע ייִדן וואָס קייקלט זיך קיין ישראל און זיך אַהין דערשלאָגן, וועט ער זיך באַמיִען צו דערוויסן וועגן דעם ראָש־ישיבהס משפּחה וואָס געווייער. אַ ?... ווען סע געשעט און זיי טרעפן זיך — שרהקע די אַלמנה מיט אים דעם אַלטן בחור — וואָלטן זיי זיך דערקענט ?.. ס'איז ווי די מעשׂה פון יוספן מיט די ברידער... פון זינט ער האָט פאַרלאָזט סלאָבאָדקע איז דאָך שוין העכער דריי צענטליק יאָר! דריי צענטליק ? — דריי הונדערט !...

שרהקע שטייט פאַר זיין ווייט־פאַרקוקטן בליק ווי זי האָט אויסגעזען

דעמלט: ווייס־ראָזלעך בלײַעכץ! ... און ווי האָט ער אויסגעזען דעמלט? ער קאָן נישט אַרויסרופֿן זײַן אייגענע פֿיזיאָנאָמיע פֿאַר די אויגן. ווי ער וואָלט אין די ישיבה־יאָרן גאָר אין קיין שפּיגל נישט אַרײַנגעקוקט. המם, ווען האָט ער דען טאַקע יאָ געקוקט? ווען ער פֿלעגט זיך מיט אַ שאַרף גלאָז ראַזירן דעם לייכטן פּוך אויף די באַקן... גראָד אין די ייִנגלשע יאָרן זעט ער זיך יאָ: האָט דעמלט געהאַט אַ בלאָנדן געקרויזטן קאָפּ האָר, אָנשטאָט דעם הײַנטיקן פּליך, דעם אַרומגעזוימטן מיט אַ ביסל שיטערלע־כע שוואַרצע האָר, באַשאָטענע מיט אַ לייכטן צוקערשטויב... ניין, מיט ביטערן כינין־פּולווער... איז זי שוין הײַנט אַ ייִדענע, שרהקע, אַן אַלמנה קאָן זײַן, און איר פּנים געקנייטשט און פֿאַרוואָלקנט... מיט וואָלקנס וואָס רעגענען אָפּט מיט טרערן נאָך אירע קינדער, וואָס זענען אַוועק מיט דער באָבען אויפֿן עולם־האמת... איז אפֿשר גאָר גוט געשען וואָס ער איז פֿאַר־בליבן אַן אַלטער בחור און איז נישט קיין אַלמן און נישט קיין אָבל נאָך אייגענע קינדער... האַ? איז אפֿשר ווען ער קומט קיין ישׂראל און זיי באַ־געגענען זיך... האַ?... ווערן רבֿ ברוך בערס אַ פֿאַרשפּעטיקטער איידעם? אַ חזר־ושנה...*

שרהקעס פּנים און געשטאַלט מיניעט זיך פֿאַר זײַן אינערלעכן בליק — אָט אַ בלײַענדיקע און פֿרישע ווי אַ מאָל, און אָט אַ פֿאַרוועלקטע, ווי אַ בערגל פֿאַרוועלקטע האַרבסטבלעטער — און טוט אַ רוף אַרויס אין דמיון — אסתרן... יאָ, און אסתר? אויב אויך זי האָט זיך געראַטעוועט, צי דער־מאָנט זי זיך אַ מאָל אין אים און אין זייער ליבע?... ליבע־נישט־ליבע, אָבער נאָענטקייט איז דאָך צווישן זיי געווען... נישט נאָר זכרונות ווען מענטשן ווערן שאָטנס, די מענטשן אַליין — אַפֿילו אויב זיי זענען לעבן געבליבן — זענען שאָטנס. און מערקווירדיק! כאָטש שאָטנס, דאָך לעבן זיי אין דיר און — עפּעס ווי דײַן עלנט וואָלט זיך אַ ביסל אויסגעוועפּט און פֿאַרקערט אין בלאַסער בענקשאַפֿט...

און אָט טרעפֿט ער שוואַרץ אויף ווײַס אויף נאָך אַ נאָענט געשטאַלט, מיט וועלכער ער איז געקומען אין באַרירונג אפֿשר נישט מער ווי אַ האַלבע שעה אין זײַן לעבן: דעם זון פֿון זײַן ערשטן ראָש־ישיבֿה אין קרינקי, רבֿ אַבֿרהם דבֿ־בער כהנא שפּירא, קאָוונער רבֿ ז״ל... ער האָט שוין יאָ דער־

* אַ צוריקגעקומענער צום לערנען.

לעבט דעם געטאָ. אָבער זוכה געווען, אַז די ראַק־קראַנקהייט זאָל אים אויסלייזן פון דעם נאַצישן מיתה־משונה־טויט. האָט געשלאָסן די אויגן אויף זיין געלעגער, און די שטאָט האָט זיך נישט גערעכנט מיט דער סכנת־נפשותדיקער אימה וואָס איז איבער איר געהאַנגען און ס׳איז אים גע־מאַכט געוואָרן אַ גראַנדיעזע לוויה ווי ער האָט זיך עס פאַרדינט ביי גאָט און ביי לייט...

...יאָ, אין יאָר 1914, ווען ער, סאַפּיר, איז פאַר פסח געווען ביי אים אין שטוב און פאָרגעבראַכט פאַר אים אַ תירוץ אויפן „נודע ביהודה"ס אַ קשיה, האָט אים דער רב צום געזעגענען געזאָגט: „למען שם, נאָך פסח קומט צוריק צו פאָרן צו אונדז".

אָבער באַלד ווערט די געשטאַלט פון קאָוונער רב אָוועקגעשווינדלט דורך זכרונות וועגן רב ברוך בערלען: ער האָט דאָך אים ווי איבערגעחזרטביים געזעגענען זיך מיט אים: „למען השם, נאָך שבועות קומט צוריק צו אונדז תורה לערנען"; און ער האָט דאָך אין דרוסגעניק באַווייזט פאַר לעווינען זיין אַראָפּגיין פון דרך־הישר.. דעמלט, אין סלאָבאָדקע, ווען רב ברוך בערל האָט אים אויסגעבאָרגט זיין חיבור אין כתב־יד, האָט ער נאָך נ״שט געהאַט קיין איין געדרוקט ספר, און אָט אין דער צייטשריפט ווערט געזאָגט וועגן זיין „סיי זיין תורה־שבעל־פה, סיי זיין תורה־שבכתב, וועלכע איז פאַרקערפּערט געוואָרן אין זיינע וויכטיקע ספרים"... ווער האָט זיך עס געקאָנט פאַרנעמען מיטן אַרויסגעבן זיינע ספרים? נישט אַנדערש, טאַקע זיין אשת־חיל, פייגל די ראָש־ישיבהטע... האָט זי דאָך עס דעמלט אָנגע־פירט מיט מחלוקת קעגן דעם מנהל... המם, סע כאַפּט אָן אַ חשק צו כאַפּן אַ קוק אין זיינעם אַ ספר... צי וועט עס איצט נישט זיין אַ קוקן פון אַ האָן אין „בני־אָדם"?... און ווי קריגט מען עס דאָ, אַז אַלע בתי־מדרשים זענען פאַרברענט געוואָרן?... אפשר אין ישראל...

די זכרונות — ווי זיי וואָלטן געוועקט פון לעטאַרגישן שלאָף זיין געמיט און אפשר אויך זיין שעפערישקייט... עפּעס... עפּעס...

און טאַקע — איין מאָל, ווען ער לייענט ווי ערגעץ אין אַ ליטוויש שטעטל, יאָ — אין דעם באַרימטן שטעטל פונעם קעלעמער מגיד, בעת די ראָשי־ישיבות מיט זייערע תלמידים זענען געפירט געוואָרן אויף זייער לעצטן וועג, זענען זיי אַוועק פרייוויליק אין אַ טאַנץ מיט געזאַנג פון

„אַדון עולם" און אַנדערע תפילות, — ווערט ער אויפגעטרייסלט און פאַלט צו מיט דער פּען צום פּאַפּיר... ס׳קומט אַרויס ביי אים דאָס ערשטע ליד, זינט ער איז אַנטלאָפן פון וואַרשע אונטער די קוילן פון די דייטשע מאָרד־עראָפּלאַנען: „מיין קידוש־השם"...

ער איז שוין נישט עלנט. מע קאָן זיין עלנט צווישן לעבעדיקע און נישט־עלנט צווישן טויטע... טויטע וואָס האָבן זיך מיט זייער טויט איינגע־שאַפן דאָס אייביקע לעבן...

און אָט טוט אים איין מאָל אַ בליץ אויף אין געדאַנק: שוין צוליב רב ברוך בערלען דעם צדיק מיטן גרויסן ליבנדיקן האַרץ איז כדאַי אָנצושרייבן אַ בוך וועגן דעם לעבן אין די ליטווישע ישיבות... יאָ, ער וועט שרייבן בעיקר וועגן „כנסת בית יצחק". המם, אַוודאי וואָלט ער דאַרפן דאָס בוך הייליקן בדחילו־ורחימא זיין גרויסן רבין און די טויזנטער ישיבה־בחורים די אומגעקומענע אויף קידוש־השם. אָבער... ניין! דאָס וועט ער נישט טאָן: זיין רבי ווי אויך די קדושים־ישיבה־בחורים וואָלטן עס, ווען זיי לעבן, באַטראַכט פאַר אַ חילול־השם־והתורה... המם, זאָל ער אפשר טאַקע אין גאַנצן נישט שרייבן? דער רבי וואָלט בשום־אופן נישט גורס געווען קיין מצבה געשטעלט פון אַ שנה־ופירשניק... עפּעס אַנדערש פאַרלאַנגט פון אים דער צדיק: אַרויפגיין צוריק אויפן דרך־הישר... זאָל ער זיך טאַקע לאָזן קיין ארץ־ישראל? — —

גבעתיים, יוני, 1967.